This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש

4 1975

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

4 אַפּרעל

1975

אינהאלט

צום 70־טן געבוירנטאָג פון מיכאַיל שאָלאָכאָוו. **דער קינסטלער און די עפּאָכע** 3

אונדזערע מיטצײַטלער. יעכיעל שרײַבמאַן. **ווײַנטרויבן, שטאָל און היימישע מענטשן** 8

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אָנגעהויבן. ב. פּראָכאָראָוו. **דער סאָף פונעם פעלד־סעזאָן** (צו ל. שקאָלניקס פאַרצייכענונג „די מאַגיסטראַל פון פרײַנטשאַפט“) 26

אווראָם גאָנטאַר. פונעם בוך „נעגינע“ (לידער) . 29

פונעם ליטעראַטור־אויצער. מוישע אַלטמאַן. **די ווינער קאַרעטע** (דערציילונג) 35

יאָסל בוכבינדער. **פון מײַן ניט אויסגעשעפּטן ברונעם** (לידער) 47

יויסעף ראַבין. **העשל דער סטאָליער און זײַן איי־ניקל** (ראָמאַן) 50

באָריס מאָגילנער. **נײַע לידער** 99

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו. **עלטשיק** (דערציילונג). צייכענונגען פון ג. קראַווצאָוו 103

אַלעקסאַנדער ליזען. **די טויבע** (פאַרצייכענונג) . 124

זיכרוינעס. יאַשע טשערניס. **די ערשטע באַגעגעניש** 133

אווראָם קאַצעוו. **די ערד איז רײַך** (לידער) . . . 139

וו. אי. קיילין. **אַף לעקציעס אין דער „סווערדלאָווקע“** 141

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק. קולטור־היסטאָרישע און ליטעראַרישע באַטראַכטונגען 145

קורצע רעצענזיעס. יאַשע טשערניס. **דאָס וואָגיקע וואָרט; לעוו פּרוכטמאַן. מיט אייגענעם גאַנג; יעשוע ליובאָמירסקי. וועגן צוויי לידער־זאַמלונגען מיט נאָטן; אַרן ווינקאָוועצקי. „די שוימרוינישע שפּראַך“; מוניע גלייזער. לייענענדיק עליאָהו רײַזמאַנס בוך „ווידערקלאַנגען“** . . 153

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ. **אַ זינגענדיקער דענקמאָל** 162

אונדזער רעפּליק. **מע דאַרף זיך ניט מאַכן קיין איליוזיעס** 165

פּובליציסטיק. לעאָנעל דאַדיאַני. **דרײַ לאָזונגען ראַסיסטישע, דער פּערטער — אַ מיליטאַריסטישער** . 171

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. סאָניע פּרײַ. **מוזיק, פאַרב, פּאָעזיע** 177

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 181

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 185

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 187

פאַרשיידנס 188

כראָניק 161, 170, 185

עליע פאַלקאָוויטש. שמועסן וועגן יידישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

דער קינסטלער און די עפּאָכע

מיכאַיל שאָלאָכאָווס שאַפן ציט צו די אויפמערקזאַמקײַט פון די לייענער, פון דער ליטעראַטור און פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט ניט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָר אויך ווײַט איבער זײַנע גרענעצן, אין דער גאָרער וועלט. די באַדײַטונג פון שאָלאָכאָוון אַלס קינסטלער, וועלכער האָט אָפּגעשפּיגלט די גרונט־פּעריאָדן פון אונדזער רעוואָלוציע, איז אָנערקענט פונעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק און האָט באַקומען אַן אויסדרוק אין די פּילצאָליקע אויסגאַבעס פון זײַנע ווערק, אין די אַלזײַטיקע פאָרשונגען פון זײַן שאַפן, אינעם אַקט פון צווייגענען אים די מעלוכישע און לעניניסטישע פּרעמיעס, דעם טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי. די אַלוועלטלעכע אָנערקענונג זײַנע איז אויסגעדריקט אין די איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק אָף צענדליקער אויסלענדישע שפּראַכן, אין דעם, וואָס אים איז צוגעייגנט געוואָרן די נאָבל־פּרעמיע פון ליטעראַטור.

אין שאָלאָכאָווס ווערק איז אָפּגעשפּיגלט די נײַסטע עפּאָכע פון דער געשיכטע אין אירע גרונט־עטאַפּן: די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און דער בירגערקריג, די בויונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע.

שאָלאָכאָווס ווערק וועגן גוירל פונעם פאָלק און וועגן גוירל פונעם סאָוועטישן מענטשן שפּיגלען אָפּ די אַלוועלטלעכע באַדײַטונג פון אונדזער רעוואָלוציע, די וועלט־היסטאָרישע באַדײַטונג פון דעם וועג, וועלכן ס׳האָט דורכגעמאַכט אונדזער פאָלק פאַר די יאָרן פון דער ראַטנמאַכט. שאָלאָכאָוו איז אַ קינסטלער פון דער צײַט, וועלכע באַצייכנט מיט זיך דעם איבערגאַנג פון איין עפּאָכע צו אַ צווייטער, די גיגאַנטישע שלאַכטן פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהײַט, פון די פאָלקסמאַסן קעגן אַלע קויכעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט. שאָלאָכאָוו איז דער קינסטלער פונעם זיגנדיקן פאָלק, וואָס בויט אַ נײַע וועלט.

דער קאַמף פונעם פאָלק פאַר אַ נײַער וועלט איז אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס. אין אַזאַ צײַט, ווען עס ווערן געבראָכן אַלטע פאָרשטעלונגען, ווען צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען מענטשן דערוואַכן צו אַקטיווער שעפערישער טעטיקײַט, באַקומט די היסטאָרישע באַוועגונג אַ גיגאַנטישן כאַראַקטער, זי ווערט אָנגעזעטיקט מיט שאַרפע סאָציאַלע קאָליזיעס, מיט קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן. דער גוירל פון דער פּערזענלעכקײַט ווערט צונויפגעפלאָכטן מיטן גוירל פונעם פאָלק, און בלויז דער, וואָס האָט צונויפגעגאָסן זײַן לעבן מיטן מעכטיקן שטראָם פון דער פאָלקס־באַוועגונג, קאָן צוזאַמען מיטן פאָלק דערגרייכן דעם ציל, זיגן אין קאַמף, אויב אַפילע ער קומט אום אין דעם דאָזיקן קאַמף.

דאָס אַלץ באַווײַזט שאָלאָכאָוו אין זײַנע ווערק. ער באַווײַזט די עפּאָכע רעאַליסטיש, עמעסדיק און מיט אַזאַ פאַרנעם און קינסטלערישער אויסדריקלעכקײַט, ווי ווייניק ווער פון זײַנע מיטצײַטלער. די עמעסדיקײַט פונעם שילדערן דאָס לעבן פון פאָלק און צוזאַמען דערמיט — דעם גוירל פונעם איינצלנעם מענטשן איז זיכער די הויפּט־אייגנשאַפט, מע קאָן זאָגן, דער אוניווערסאַלער פּרינציפּ פון זײַן שאַפן. שאָלאָכאָווס עמעס איז אַ האַרבער, אַ שרעקלאָזער; ער איז ענלעך צום עמעס פון די גרויסע אַלוועלטלעכע קינסטלער, אַזעלכע, ווי ל. נ. טאָלסטאָי. דער הומאַניזם פונעם קינסטלער, די ליבע צום פאָלק, די קאָמוניסטישע פּאַרטייִשקײַט, דער סאָציאַליסטישער באַוווסטזײַן דיקטירן אים גענויע ריכטיקײַט אינעם באַשרײַבן דאָס לעבן פונעם לאַנד און פונעם פאָלק. שאָלאָכאָווס טאַלאַנט איז ניט קיין „אכזאָריעסדיקער טאַלאַנט", ווי ס׳האָט אַמאָל געזאָגט נ. ק. מיכײַלאָווסקי וועגן דאָסטאָיעווסקין, נאָר אַ טאַלאַנט פון עכטן פאָלקס־עמעס אין שילדערן דעם גוירל פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהײַט, דעם קאַמף פאַר אַ נײַ מענטשלעך לעבן.



דאָס שאַפן פון א גרויסן קינסטלער שטעלט מיט זיך פאָר א קאָמפּליצירטע דערשײַנונג, וועלכע אַנטפּלעקט זיך ניט מיט־אַמאָל, נאָר בעהאַדראַגעדיק. פאַר די מיט־צײַטלער איז דער קינסטלער פון דער עפּאָכע אַוואַדע נעענטער און פאַרשטענדלעכער, ווי פאַר די קומענדיקע דורות.

אין די געשאַפענע געשטאַלטן, אין די פאַרקערפּערטע קאָנפליקטן און קאָליזיעס לעבן די מיטצײַטלער פונעם קינסטלער ווי־דער איבער די געשעענישן און די לײַדנ־שאַפטן פון זייער עפּאָכע, דעם טריומף פון זייערע ניצחונות, דעם צער פון די אַוויי־דעס און מאַפּאַלעס, זיי באַזיניקן דעם דורכ־געמאַכטן וועג און די פאַרשטייענדיקע באַ־וועגונג פאָרויס.

מיכאל שאָלאָכאָוו איז דער מײַסטער פונעם עפּישן זשאַנער. ער האָט אין זײַנע ווערק אַפּן סאַמע ברייטסטן אויפן אַלזײַטיק אָפּגעשפּיגלט אונדזער עפּאָכע אין אירע גרונט־מאָמענטן. ער איז דער מײַסטער פונעם טראַגישן און דראַמאַטישן נוסח. אין זײַנע ווערק איז באַוויזן דער בלוטיקער אומראַכמאָנעסדיקער צוזאַמענשטויס צווישן דעם אַלטן און נײַעם, דער אומקום פון שיכטן און קלאַסן, דער דויערנדיקער סאָ־ציאַלער און נאַציאָנאַלער קאַמף, וואָס איז פאַרבונדן מיט פאַרניכטונג, מיט רוינירונג, מיט אופבראָך און מיט אַנטפּלעקונג פון העלדישקײַט און דערהויבענעם מענטשלעכן גײַסט־אויפשוווּנג.

דער גרויסער קינסטלער באַווײַזט, באַנאַנד מיט שוידערלעכע דראַמאַטישע און טראַ־גישע געשעענישן, דעם פּאָזיטיוון אָפּטימיסטישן גײַסט פון די פֿאָלקסמאַסן, זייער פרייִלעכן הומאַניסטישן וועלט־באַנעם און זייער זיכערקײַט אין ניצחון פונעם גערעכטיקן איבער דעם בייזן. שאָלאָכאָוו איז אויך דער מײַסטער פונעם קאָמישן.

אין זײַנע ווערק איז אַף א גלענצנדיקן אויפן פאַרקערפּערט די איינהײַט פונעם עפּישן, דראַמאַטישן און קאָמישן אַלס פאַרקערפּערונג פון דער דיאַלעקטישער איינהײַט אינעם רעאַלן לעבן.

ווי יעדער גרויסער קינסטלער, האָט שאָלאָכאָוו געשאַפן א רײַכע גאַלעריי פון טיפּן און געשטאַלטן. אין זײַנע ווערק שטייען אויף, ווי לעבעדיקע, פֿאָלקסמענטשן, אַקטיווע קעמפער, געשטאַלטן פון פרויען און קינדער. שאָלאָכאָוו האָט אין זײַנע ווערק געשאַפן אויך א בוילעטן טיפּ פון א מענטשן, וועלכער קאָן ניט געפינען דעם ריכטיקן וועג צום פֿאָלק און וואַקלט זיך צווישן די גרונט־קויכעס פון דער עפּאָכע — צווישן רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע. גריי־גאָרי מעלעכאָוו, דער פּראָסטער קאַזאַק פון דאָן, איז געוואָרן א טיפּ פון דער וועלט־ליטע־ראַטור, א פאַרקערפּערונג פון טראַגישע ליידן און ווידערשפּרעכיקער מענטשלעכער פּסי־כאָלאָגיע אין א פאַראַנטוואָרטלעכער צײַט פון גראַנדיעזע היסטאָרישע געשעענישן.

די פּראָסטע דאָנער קאַזאַטשקע אַקסיניע איז געוואָרן א טיפּ פון דער וועלט־ליטעראַטור, א פאַרקערפּערונג פון פרויען־פּסיכאָלאָגיע, פרויען־ליבע, פון ביטערער, האַרבער אויסקו־מעניש אין דער עפּאָכע, ווען עס ברעכן זיך די אַלטע יעסודעס פונעם לעבן.

מיכאל שאָלאָכאָוו האָט געשאַפן א רײַכע גאַלעריי געשטאַלטן פון פֿאָלקס־פירער, קאָמוניסטן, וועלכע קעמפן, גיבן אָפּ זייער לעבן און ווײַזן דעם פֿאָלק, מיט וועלכע וועגן צו גיין אין קאַמף פאַר א נײַ לעבן. שטאָקמאַן, אַנע פּאָגודקאָ, בונטשוק, קאָשעוואָי, דאַווידאָוו, נאַגולנאָוו, ראַזמיאָטנאָוו, באָגאַטיריאָוו, לאָפּאַכין און נאָך פיל אַנדערע — זיי זײַנען אַליין פֿאָלקס־מענטשן, און איינצײַטיק דערמיט זײַנען זיי די פאָרגעשריטענע, די פירער פון די מאַסן.

אין זײַנע ווערק האָט מיכאַיל שאָלאָכאָוו אַרויסגעפֿירט אַ גאַלעריי פֿאָלקס־טיפּן, װעלכע גייען נאָך זייערע פֿירער, זוכן און געפֿינען אַ וועג צום נײַעם, צום פֿאָרגעשריטענעם אינעם לעבן. פּראָכאָר זיקאָוו, שטשוקאַר, דעמיד מאָלטשון, טשיקאמאַסאָוו, מײַדאַניקאָוו און פֿיל אַנדערע — זיי אַלע ווערן געמאָלט ווי די וויכטיקסטע קראַפֿט פֿון דער געשיכטע, די שעפֿער פֿונעם נײַעם לעבן.

מיכאַיל שאָלאָכאָוו איז אַ גרויסער מײַסטער פֿון פּסיכאָלאָגיע און שטייגער־שילדערונג. דעם לאָקאַלן מאַטעריאַל, וועלכער איז באַגרענעצט מיט די שמאָלע ראַמען פֿון דעם פּאַטריאַרכאַלן שטייגער אין דער סוויווע פֿונעם דאָנער קאַזאַקנטום, האָט ער דערהויבן צו אַלמענטשלעכער, אַלזײַטיקער, אוניווערסאַלער פּסיכאָלאָגישער און שטייגערישער שילדערונג.

ווי אַ גרויסער שפּראַך־מײַסטער, האָט שאָלאָכאָוו אַרײַנגעפֿירט אין דער רוסישער ליטעראַטור אַ נײַע סטיכיע פֿון פֿאָלקס־לשון, וואָס איז ביז אים קימאַט ניט געווען באַוווסט. די שפּראַך־סטיכיע פֿונעם דאָנער קאַזאַקנטום האָט ער דערהויבן צום ניוואָ פֿון קינסטלערישער ליטעראַרישער שפּראַך.

אין שאָלאָכאָווס ווערק אַנטפּלעקן זיך בולעט צוויי שטראָמען פֿון בילדערישער שפּראַך: די דערציילערישע און די דראַמאַטישע. די דערציילערישע שפּראַך געהערט דעם אוטאָר. אַף אָט דער שפּראַך שאַפֿט ער עפּישע בילדער פֿונעם פֿאָלקס־לעבן, באַשרײַבט היסטאָרישע געשעענישן, גויראָלעס פֿון מענטשן, מאָלט בילדער פֿון דער נאַטור, וויקלט פֿאַנאַנדער די באַוועגונג פֿונעם סוזשעט, דריקט אויס זײַן באַציִונג צו דעם געשילדערטן דורך לירישע אָפּוויַיכונגען, פֿילאָסאָפֿישע און פּובליציסטישע באַטראַכטונגען. די דראַמאַטישע שפּראַך געהערט צו די פּערסאָנאַזשן, צו די פֿאָלקס־טיפּן און צו די פֿאָלקסמאַסן אינגאַנצן גענומען. שאָלאָכאָווס דראַמאַטישע שפּראַך באַשטייט פֿון מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן און רעפּליקעס, וועלכע שאַפֿן דאָס פֿילקוילעסדיקע געשטאַלט פֿונעם פֿאָלק.

נוצנדיק די מאָנאָלאָגישע, דיאַלאָגישע פֿאָרם און די פֿאָרם פֿון מאַסן־רעפּליקעס, דערלייזט שאָלאָכאָוו אַ צוויי־אייניקע אויפֿגאַבע: אַנטפּלעקט די פּסיכאָלאָגיע פֿון די פֿאָלקסמאַסן, זייער אינערלעכע וועלט און גיט איבער די שפּראַך פֿון די פֿאָלקסמאַסן, זייער אַרט ריידן, די פֿראַזעאָלאָגישע אויסדרוקן, די רייד־אינטאָנאַציעס, פֿאָלקלאָרישע און עטנאָגראַפֿישע מאָטיוון, באַווײַזט די רײַכקײַט און די מעגלעכקײַטן פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך. שאָלאָכאָוו קאָן איבערגעבן די דינסטע ניואַנסן פֿון דעם לשון פֿונעם פֿאָלק. באַם לייענען אַ מאָנאָלאָג אָדער אַ

מיכאַיל שאָלאָכאָוו באַם שרײַבטיש

די־אַלאָג אין שאָלאָכאָװס װערק שאַפט זיך אַן אילוזיע פון פולער אָפּװעזנהײַט פונעם אױטאָר, גלײַך װי ער װאָלט, װי אַ פרעמדער, געשטאַנען בײַ דער זײַט. אַמאָל דאַכט זיך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ניט מיט קײן ליטעראַריש־קינסטלערישער שפּראַך פון אַ שרײַבער, נאָר מיט אַן אומבאַגרענעצטער, אומאָרגאַניזירטער, מיט גאָרנישט ניט געצױמטער סטיכיע פון גערעדטן פאָלקס־לאָשן.

אָבער דאָס איז בלױז אַן אילוזיע. בײַ מער אױפמערקזאַמען באַטראַכטן װערט אַלץ מערער קלאָר די שטענדיקע אומדערמידלעכע, שטרענגע צילגעװוּנדטקײַט פון אָט דער געדאַכטער סטיכײ־שקײַט פון דעם רײד־שטראָם, די טיפע קאָנסעקװענטע פונקציאָנעלקײַט פון יעדן מאָנאָלאָג אײנגאַנצן גענומען און פון יעדן עלעמענט זײַנעם באַזונדער. מיר פילן די אומזעבאַרע אָנװעזנהײַט פונעם אױטאָר, די באַהאַלטענע, טװ־עסדיקע, אַקשאָנעסדיקע און װאַכזאַם־אײפערדיקע אַרבעט פונעם קינסטלער איבער דעם אָפּקלײַב און איבער דער אָרגאַניזאַציע פונעם רײד־מאַטעריאַל. און גראָד די אילוזיע פון ניט אַרײַנמישן זיך שאַפט די װאָרהאַפטיקײַט, די רעאַליסטישע עמעסדיקײַט פון שאָלאָכאָװס שפּראַך, איר נאַטירלעכע אָרגאַנישקײַט, װאָס כאַראַקטעריזירט אַן עמעס פולקום קינסטלעריש װערק.

מיט דער לײזונג פון דער צװײ־אײניקער אױפגאַבע אין שאָלאָכאָװס דראַמאַטישער שפּראַך איז פאַרבונדן אױך דאָס קאָמישע אין זײַן שאַפן. שאָלאָכאָװס הומאָר איז אין גרונט אַ שפּראַכלעכער, און טאַקע דער שפּראַך־הומאָר שאַפט די אילוזיע פונעם אױטאָרס אָפּװעזנהײַט. דאָס קאָמישע אַלס שפּראַך־דערשײַנונג אַנטפּלעקט אין שאָלאָכאָװס װערק ניט בלױז דאָס אינדיװידועלע, נאָר דעריקער דאָס קאָלעקטיװע, דאָס פאָלקסטימלעכע. שאָלאָכאָװ איז אַ גרױסער מײַסטער פון אינדיװידואַליזירן מענטשלעכע כאַראַקטערן און באַזונדערס פון אינדיװידואַליזירן די רײד פון פּערסאָנאַזשן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, די געשטאַלטן פון שאָלאָכאָװס װערק װערן אַנטפּלעקט אין זײערע האַנדלונג, אין זײערע גענג, אין זײערע טאַטן, אָבער אין אַ גרױסער מאָס אױך אין זײערע רײד. ס'איז ניט שװער צו באַװײַזן אױף פילצאָליקע בײַשפּילן גלענצנדיקע מוסטערן פון אינדיװידואַליזירטע רײד פון די פּערסאָנאַזשן. בײַ אַן אַלגעמײנעם טיפּיש־קאַזאַקישן רײד־שטײגער פון די געשטאַלטן אין שאָלאָכאָװס װערק קאָן מען אָבער גרינג אױסטײלן אַקסיניעס לײַדנשאַפטלעך־אױפגערעגטע שפּראַך, דאַריע מעלעכאָװס ציניש־אױסגעלאַסענע רײד, נאַגולנאָװס נערװעײז־פּאַטעטיש לאָשן, דעם פאַרפּלאָנטערטן, אײַליקן, לאָגיש ניט־קאָנסעקװענטן רײד־סטיל פונעם זײדע שטשוקאַר און, אװאַדע, די קאַרגע, אָפּגעריסענע, קורצע רעפּליקעס פון דעמיד מאָלטשון.

אָבער פאַר שאָלאָכאָװס דראַמאַטישער שפּראַך איז װיכטיק ניט בלױז דאָס. עס איז װעזנטלעך, װאָס די אינדיװידועלע, פּערזענלעכע, באַזונדערע שטים פון יעדן פּערסאָנאַזש לאָזט זיך הערן און קלינגט אין אײנהײַטלעכן פאָלקס־קאָל. און דער אינסטרומענט, װאָס שאַפט אָט דעם פאָליפאָנישן פאָלקס־געקלאַנג, איז דער פאָלקס־הומאָר, דער פאָלקס־געלעכטער.

דאָס קאָמישע איז אין שאָלאָכאָװס שאַפן אַן אױסדרוק פונעם פאָלקסטימלעכן און אָפּטימיסטישן.

װען מע רעדט װעגן קאָמישן בײַ שאָלאָכאָװן, האָט מען געװײנלעך אין זינען דאָס געשטאַלט פון דעם זײדן שטשוקאַר, אױך דאָס געשטאַלט פון פּראָכאָר זיקאָװן. שאָלאָכאָװס הומאָר װערט אָבער דערמיט ניט אױסגעשעפּט. דאָס געשטאַלט פון שטשוקאַרן פאַרנעמט טאַקע אַ װיכטיק אָרט אינעם ראָמאַן „אױפגעאַקערטע רױערד", ער איז אָבער ניט דאָס אײנציקע קאָמישע געשטאַלט אינעם שרײַבערס שאַפן. קאָמישע כאַראַקטערן און סיטואַציעס, װי אױך שפּראַך־קאָמיזם, פאַרנעמען אַ ברײט אָרט אין אַלע שאָלאָכאָװס װערק, אָנגעהױבן פון די „דאָנער דערצײלונגען", פאַרגעזעצט מיט די ראָמאַנען „שטילער דאָן" און „אױפגעאַקערטע רױערד" און געענדיקט מיט „זײ האָבן זיך געשלאָגן פאַרן הײמלאַנד".

דאָס קאָמישע בײַ שאָלאָכאָװן איז שטענדיק פאַרבונדן מיט פּאָזיטיװע דערשײַנונגען אין דער געזעלשאַפט, מיט פּאָזיטיװע שטריכן אין כאַראַקטער פונעם מענטשן און אין דעם לעבן פונעם פאָלק. דער קאָמישער פּערסאָנאַזש בײַ שאָלאָכאָװן איז קײנמאָל ניט נישטיק, זײַנע גענג זײַנען ניט שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט, האָגאַם אינעם קאָמישן פּערסאָנאַזש זײַנען פאַרקערפּערט באַשטימטע װידערשפּרוכן פון דער סאָציאַלער װירקלעכקײַט. מיט דער אַנטװיקלונג פון דער מעכטיקער באַגאַבונג פונעם קינסטלער הײבט אָן דאָס קאָמישע צו פאַרנעמען אַלץ אַ באַדײַטנדיקער אָרט אין זײַן שאַפן, דער הומאָר באַקומט אַן אַלץ מער און מער װיכטיקע פונקציע.

די דרײַסיקער יאָרן זײַנען געווען יאָרן פון שאָלאָכאָווס קאָלאָסאלן שעפערישן אופשטײַג. ער שאַפט דעם פערטן בוך פון דער עפּאָפּײ „שטילער דאָן“, און איינצײַטיק שרײַבט ער „אופגעאַקערטע רויערד“.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט שאָלאָכאָוו, ווי באַוווּסט, נאָך ניט געשאַפן קיין קאָמישע געשטאַלטן. אין „שטילן דאָן“ ווערן אַרויסגעפירט געשטאַלטן פון באַלאַגורן, אַזעלכע, ווי אודיי ברעך, כריסטאָניא, יעגאָר זשאַרקאָוו, טשיקאַמאַסאָוו און באַזונדערס די עכט קאָמישע געשטאַלטן פון פּראָכאָר זיקאָוון און, אין אַ באַשטימטער מאָס, אויך פון פּאַנטעליי פּראָקאָפיעוויטש מעלעכאָוון, וועלכע ווערן אין פערטן באַנד פון דער עפּאָפּײ אַרויסגעפירט אפן פאָדערגרונט, באַנאַנד מיט די טראַגישע געשטאַלטן פון גריגאָרי מעלעכאָוו, אַקסיניע און אַנדערע. אָבער די קאָמישע געשטאַלטן פון „שטילן דאָן“ האָבן ניט געקענט ווערן קיין צענטראַלע, ווײַל די קאָמפּאָזיציאָנעלע סטרוקטור איז שוין געווען פאָרויס באַשטימט אין די פריערדיקע ביכער. די קאָמישע געשטאַלטן האָבן, איבער דער שוין באַשטימטער באַוועגונג פונעם סוזשעט און איבער דער אַנטוויקלונג פון די צענטראַלע געשטאַלטן, געמוזט בלײַבן צווייטראַנגיקע, האַגאַם ס׳איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז דער אווטאָר פאַרברייטערט די פונקציאָנעלע, אידייִש־קינסטלערישע באַדײַטונג פון די הומאָריסטישע געשטאַלטן און פון דעם קאָמישן ביכלאַל אינעם ראָמאַן.

ווי יעדער גרויסער קינסטלער, איז שאָלאָכאָוו פאַרבונדן מיט די קלאַסישע טראַדיציעס פון דער אַלוועלטלעכער און — באַזונדערס — פון דער רוסישער ליטעראַטור. לויט דער קראַפט פון עפּישער, דראַמאַטישער און טראַגישער שילדערונג, לויטן אויפן פון שאַפן טיפּישע געשטאַלטן רופט ער זיך איבער מיט אַזאַ ריז, ווי ל. נ. טאָלסטאָי. לויט זײַן הומאָר איז ער פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון גאָגאָלן און אין באַשטימטע מאָמענטן — פון טשעכאָוון. לויט דער מײַסטערשאַפט פון מאָלן נאַטור־בילדער איז שאָלאָכאָוו נאָענט צו טורגעניעוון. לויטן פאַרנעם און לויטן מאַסשטאַב פון פאַרקערפּערן די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע גייט שאָלאָכאָוו מיטן וועג פון מאַקסים גאָרקי, דעם גרונטלייגער פון דער ליטעראַטור פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

זײַענדיק פאַרבונדן מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע, איז שאָלאָכאָוו אויך אַ גרויסער נאָוואַטאָר פון קינסטלערישער שאַפונג, און ער האָט אַליין שוין געשאַפן אַ נײַע טראַדיציע אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אַזעלכע שרײַבער, ווי א. קאַלינין, נ. ווירטאַ, וו. זאַקרוטקין, פּ. פּראָסקורין און אַנדערע, אַנערקענען שאָלאָכאָווס ווירקונג אויף זייער שאַפן און גייען מיט זײַנע וועגן פון פאָלקסטימלעכקײַט און רעאַליסטישער שילדערונג פון דער עפּאָכע. שאָלאָכאָווס ווירקונג איז אויך ברייט פאַרשפּרייט אין דער פּראָזע פון די פעלקער פון אונדזער לאַנד, אַרײַנגערעכנט די ייִדישע פּראָזע.

לויט דער קראַפט פון קינסטלערישער מײַסטערשאַפט שטייט שאָלאָכאָוו אין דער ריי פון די באַדײַטנדיקסטע שעפער פון אונדזער עפּאָכע. זײַנע ווערק האָבן אַרויסגערופן וויכטיקע שעפערישע דערשײַנונגען אין פיל געביטן פון דער קונסט — אין טעאַטער, מוזיק, קינאָ, מאָלערײַ.

אין מײַרעוו־אייראָפּע און אַמעריקע, אין כינע און אין יאַפּאַניע, אין ייִסראָעל און אין סיריע, אין פינלאַנד, נאָרוועגיע און שוועדן — אין גאָר דער וועלט דערגייט שאָלאָכאָווס וואָרט און וועקט צו רעוואָלוציאָנערן טאַט און קאַמף. אין דעם באַשטייט אויך די קראַפט און די באַדײַטונג פון דער שאַפונג פונעם גרויסן קינסטלער פון דער עפּאָכע.

אונדזערע מיטצײַטלער

יעכיעל שרײַבמאן

ווײַנטרויבן, שטאָל און היימישע מענטשן

1

ווײַנטרויבן, שטאָל און היימישע מענטשן — אזוי טראכט איך א נאָמען געבן די דאָזיקע פארצייכענונגען. מירן זען ווײַטער, אין גאנג פונעם שרײַבן, צי אזא נאָמען וועט זיך פאסטן, צי ס'וועט זיך ניט טאָן א דריי אויס, ווי עס טרעפט זיך געוויינלעך, גאָר עפּעס אנדערש, און עס וועט זיך ניט מאָנען קיין אנדער נאָמען.

כ'האָב דאָ ניט לאנג געמאכט צוויי נעסיִעס. איין נעסיִע א נאָענטע — באלד לעבן קעשענעוו, אין ראיאָן־צענטער קאָטאָווסק און אין א דאָרף אין קאָטאָווסקער ראיאָן, ווו קאָלווירט־פאַרזיצער איז שוין אריבער פופצן יאָר שאפסע רויף, א גענוג באקאנטער נאָמען בא אונדז אין מאָלדאוויע. קאָטאָווסק האָט אמאָל געהייסן האנטשעשט, איז געווען א טיפּיש קליין בעסאראבער שטעטל. דאָרט איז קאָטאָווסקי געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן. עס לעבן נאָך א פּאָר אלטע לײַט, וואָס זאָגן, אז זיי געדענקען נאָך קאָטאָווסקין, ווען ער פלעגט ארומלויפן אין גאס און שפּילן זיך מיט קינדער. זיי אליין זײַנען אויך, זאָגן זיי, געווען צווישן יענע קינדער. די שטוב, ווו קאָטאָווסקי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן, שטייט נאָך און איז איצט, פאַרשטייט זיך, א קאָטאָווסקי־מוזיי. קאָטאָווסק איז הײַנט א גרויסער ראיאָן־צענטער, ווערט פון טאָג צו טאָג, קאָן מען זאָגן, א שטאָט. טראָגט שוין אָפיציעל דעם נאָמען שטאָט. און מיט די פּאָר ראשיקע צענטראלע גאסן, מיט די הויכגאָרנדיקע מאָדערנע בלאָקהײַזער, מיט די נײַ־אויסגעבויטע מיקראָ־ראיאָנען, מיט די דענקמעלער, אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען, מאגאזינען און קאפע־הײַזער, מיט דער אספאלטירטקײַט און לעבעדיקײַט אף די גאסן כאפּט זי שוין טאקע בעפיירעש דעם אָנבליק פון א שטאָט.

אין קאָטאָווסק וווינען הײַנט א הונדערט ייִדישע מישפּאָכעס. כ'בין געווען אין דער היים בא עטלעכע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד". ס'האָט דאָ געלעבט א פּוילישער ייִד, שיינבוים, פלעגט ער אלע יאָר אין זינען האָבן אומצוגיין און דערמאָנען דעם בעסאראבער אוילעם, מע זאָל אויסשרײַבן דעם ייִדישן זשורנאל. פארצווייִאָרן איז שיינבוים געשטאָרבן. כ'בין געווען אין דער היים בא זײַן אלמאָנע. א דאָקטערשע, מיט א גראָוון קאָפּ האָר, זייער א סימפּאטישע פרוי. אין וואַרשע האָבן די שיינבוימס געוווינט אף טלאָמאצקע, 13. אונטן איז געווען דער ייִדישער ליטעראטן־פאריין, און זיי האָבן געוווינט אפן אייבערשטן שטאָק. א גאנצן אָפּדערנאכט האָבן מיר מיט דער פרוי שיינבוים געקלונגען דורכן טעלעפאָן צו מענטשן, וועמען דער מאן אירער פלעגט אבאָנירן אף „סאָוועטיש היימלאנד". דערנאָך איז אוועק א קאַפּיטל זיכרוינעס וועגן טלאָמאצקע, 13. ס'איז געווען גאָר ניט קיין שלעכטער אָפּדערנאכט.

און ווען די פרוי שיינבוים האָט מיר שפּעטער מיטאמאָל א זאָג געטאָן, ס'זאָל מיך גאָרניט כידעשן, אויב זי וועט מיר דערציילן, אז קאָטאָווסק, די צווייטע היים אירע, איז איר געוואָרן אזוי ליב און אײַנגעבאקן אין הארצן, ווי אמאָל איר ערשטע היים, וואַרשע, האָט זי דאָס געזאָגט מיט אזא טמימעסדיקער אָפנהאַרציקײַט אין טאָן, אז ס'האָט מיך בעפיירעש גאָרנישט ניט געכידעשט — און אין די ווערטער „ערשטע היים" און „צווייטע היים" איז ניט געווען קיין שום הויכע פראזע ניט. פארקערט, כ'האָב אפילע שטילערהייט, אין זיך, איבערגעלעבט אין יענער רעגע א שטיקעלע געפיל פון בושע, וואָס מיר, דעם היי־געבוירענעם, דעם בעסאראבער, איז קאָטאָווסק מיטאמאָל געוואָרן כאָשעווער און באדײַטנדיקער אדאנק דער דאָזיקער פרוי, דער ניט היי־געבוירענער.

קיין קאָטאָווסק בין איך געפאָרן באקענען זיך מיט אבא גאָכבערגן, דעם גענעראל־דירעקטאָר פון גאנצע עלף פארייניקטע ווײַנטרויבן־סאָוכאָזן אין קאָטאָווסקער ראיאָן. גאָכבערג איז זייער א פארנומענער מענטש. אין יענעם גאנצפרי האָבן מיר געקאָנט זיצן און שמועסן ניט

מער ווי א פּאָר מינוט. אין אָט די פּאָר מינוט האָבן מיר אָפּגעשטעלט א טאָג אין א וואָך ארום, וועלכער וועט אײַנגאנצן זײַן מײַנער, ווי גאָכבערג האָט זיך אויסגעדריקט, וואָס פאראַ פארנומענקײַטן עס זאָלן אין יענעם טאָג ניט אונטערקומען. ער האָט מיר דערווײַל מיטגעגעבן איבערצולייענען א בראָשור זײַנע „פון עקספּערימענטן — צו פּראקטיק", וואָס איז דאָ ניט לאנג דערשינען. און, אפּאָנעם, קעדיי איך זאָל אין די איינע פּאָר מינוט עפּעס וואָס פונדעסטוועגן געוווירע ווערן, האָט ער ארײַנגעלייגט אין דער בראָשור א וויזיט־קארטל זײַנס: „גאָכבערג אבע יאקאָוולעוויטש, גענעראל־דירעקטאָר פון קאָטאָווסקער סאָווכאָז־פּאריינינונג, פּארדינסטפולער ווײַנציכטלער, דעפּוטאט פון אויבער־סאָוועט פון דער מאָלדאווישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק". נאָר דאָס איז שוין, דאכט זיך, געווען איבעריק. דאָס אלץ ווייסט מען בא אונדז סײַוויסײַ, אָנעם וויזיט־קארטל. אבע גאָכבערג איז גאָר א באקאנטער נאָמען בא אונדז אין מאָלדאוויע.

די צווייטע נעסיִע מײַנע איז שוין געווען א ביסל א ווײַטלעכע — אזש א פינף הונדערט קילאָמעטער נאָך מאָסקווע, אין דער אלטער רוסישער מעטאלורגיע־שטאָט ליפּעצק, וואָס ליגט צעשפּרייט אף ביידע ברעגן פונעם רוסישן טײַך וואָראָניעזש.

כ'ווייס ניט, עפּשער איז גאָר גלײַכער ניט צו זאָגן „אין דער אלטער שטאָט ליפּעצק", נאָר „אין דער נײַער שטאָט ליפּעצק". מאכמעס א מענטשן, וועלכער פּאָרט צום ערשטן מאָל ארײַן קיין ליפּעצק, ווארפן זיך גלײַך אין די אויגן שפּאָגל־נײַע הײַזער, גאנצע קווארטאלן נײַע, נײַע גאסן, אף שריט און טריט נײַע בויונגען. און ליפּעצק איז געוואָרן א שטאָט מיט א נאָמען אף דער וועלט גראָד אדאנק דעם נײַעם מעטאלורגישן זאוואָד (אזוי טאקע הייסט ער, דער זאוואָד: נײַ־ליפּעצקער מעטאלורגישער זאוואָד) — איינער פון די גרעסטע שטאָל־זאוואָדן אין סאָוועטנפארבאנד און איינער פון די מאָדערנסטע און נײַסטע שטאָל־זאוואָדן ניט נאָר אין סאָוועטנפארבאנד.

כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, אז אזא שטאָט, וואָס איז, קאָן מען זאָגן, הוילע מעטאלורגיע, קער מיסטאמע זײַן שווארץ פון געדיכטע רויכן, פול מיט סאזשע־געדיכטעניש. עפּעס אזוי האָב איך זיך פאָרגעשטעלט. און בין, מעכילע, שיין געבליבן צום נאר.

די שטאָט איז א ווײַסע, א ליכטיקע, א ביימערדיק־גרינע, א דורכזיכטיק־לופטיקע, זעט גיכער אויס ווי א מין קוראָרט־שטאָט אָדער, לעכאָלהאפּאָכעס, ווי א שטאָט, וואָס איז נאָר־וואָס אָפּגעוואשן געוואָרן פון א פרישן זומערדיקן רעגן און אפן הימל קײַלעכיקן זיך נאָך קעגן דער זון קאָלירן פונעם רעגנבויגן. בלויז אזא־אָ איבערגעטריבענער פארגלײַך מאָנט זיך קעגן דעם, וואָס כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, און קעגן דעם, וואָס כ'האָב אינדערעמעסן דערזען.

און אין דעם אליין, וואָס אזוי קוקט הײַנט אויס א שטאָט מיט אזעלכע צוויי גרויסע מעטאלורגישע זאוואָדן, שוין אין דעם אליין האָב איך אויך געזען נײַקײַט.

ליפּעצק איז אָבער פונדעסטוועגן אן אלטע שטאָט. א היסטאָריש־אלטע שטאָט. דער צווייטער ליפּעצקער מעטאלורגישער זאוואָד, וואָס טראָגט א ביסל אן אלטמאָדיש פּאָעטיש־ראָמאנטישן נאָמען „סוואָבאָדני סאָקאָל" („פרײַער פאלק"), ציט זיך נאָך פון גאָר־גאָר אמאָל, פון פּיאָטער דעם ערשטנס צײַטן. טאקע ער אליין, פּיאָטער דער ערשטער, האָט מיט די אייגענע הענט, ווי עס רעדט זיך, אף אָט דעם זעלבן אָרט, וווּ עס שטייט אצינד דער זאוואָד „סוואָבאָדני סאָקאָל", אוועקגעשטעלט די ערשטע שטאָל־קוזניעס אין רוסלאנד.

פּיאָטער דער ערשטער, וועלכער האָט, ווי ס'איז יעדן שילער באוווּסט, דורכגעהאקט אין רוסלאנד א פענצטער קיין אייראָפּע, דאָס געטאָן מיט אלע מענטשלעכע און אפילע ניט מענטשלעכע אויפאנים, געקעמפט, ווי לענין האָט וועגן פּיאָטערן געזאָגט, קעגן בארבארישקײַט מיט בארבארישע מיטלען, האָט דעמלט ארום ליפּעצק אזוי צעגראָבן די ערד, מיט אזא אקשאָנעסדיקײַט געזוכט אין אירע טיפענישן מעטאלן, אז ער האָט אזש איניינעם מיט די אײַזן־אויצרעס אויך אופגעדעקט דאָ ווונדערלעכע רעפוע־קוואלן. אי דער ליפּעצקער שטאָל־זאוואָד „סוואָבאָדני סאָקאָל", אי די בארימטע סאנאטאָריע אין ליפּעצק „ליפּעצקער מינעראל־וואסער", די ערשטע און איינציקע סאנאטאָריע אין אמאָליקן רוסלאנד, ציִען זיך פון פּיאָטער דעם ערשטנס צײַטן.

פארגלײַכן ליפּעצק מיט א קוראָרט־שטאָט איז שוין, הייסט עס, גאָר ניט קיין איבערגעטריבענער פארגלײַך. ניט אומזיסט, אפּאָנעם, איז אפן ליפּעצקער שטאָט־הערב אָנגעצייכנט א ליפּע־בוים. דער רייעך פון ליפּע־צוויט און די פארבן פון צעשמאָלצענעם שטאָל פאָרן זיך אמאָל, ווי טשיקאווע דאָס זאָל ניט אויסזען, זייער גוט צונויף און לעבן צווישן זיך, אפּאָנעם, א גאנץ שיין לעבן.

אין ליפּעצק וווינען א סאך ייִדן. כ'האָב זיך באקענט מיט ייִדן — זעלטענע מעטאלורגיע־ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן אין זייער לעבן געלאָזט אין גאנג צענדליקער דאָמנעס, מארטען־אויוונס, פירן אָן מיט פּראָקאט־צעכן, זאוואָד־אָפּטיילן, לאבאָראטאָריעס, האָבן דער דאָזיקער זאך, וואָס הייסט שמעלצן שטאָל, אָפּגעגעבן זייער גאנץ לײַב־און־לעבן.

און כ׳האָב זיך באקענט מיט ייִדן שטאָלגייסער, וועלכע שטייען אָפּ זיבן שאָ אין טאָג לעבן עלעקטרישע שמעלץ־אויוונס, אָנגעגליטע ביז טויזנט פיר הונדערט גראד היץ. און מיט ייִדן — קראַנענפירער, „אָטזשיגאלשטשיקעס“, אגרעגאט־אָפּעראַטאָרס — עס זײַנען הײַנט דאָ אזעלכע נײַע מעלאָכעס בא ייִדן.

כ׳בין אויך דאָ געווען בא א פּאָר לייענער אונדזערע. אָט, לעמאָשל, בא קאמענשטיינען. סאמויִל דאווידאָוויטש קאמענשטיין. כ׳האָב אים געטראָפן זיצן מיט דער אלטיטשקער זײַנער באם טעלעוויזאָר. מע האָט אין שטוב געמאכט ליכטיק, און אין א פּאָר רעגעס ארום האָב איך געהאט דאָס געפיל, אז כ׳בין ארײַנגעקומען צו זייער היימישע מענטשן. מאכמעס אי קאָמענשטיין, אי די אלטיטשקע זײַנע האָבן מיר באלד געוויזן, אז ס׳איז צו זיי ארײַנגעקומען א גוטער באקענטער זייערער. גאָרניט קיין שלעכט געפיל, כלעבן.

סאמויִל דאווידאָוויטש איז געווען אָנגעטאָן אין א פּיזשאמע, אפן קאָפּ, האָב איך געזען, האָט ער שוין זייער וויייניק און זייער ווײַסע האָר. נאָר אזוי איז ער, זעט מען, א פעסטער, א געפּאקטער. די אלטיטשקע זײַנע איז געזעסן בא דער זײַט און געקוקט אף מיר מיט א ווויל מילד פּאָנעם — אזא קליינינקע, אן אײַנגעשרומפּענע, אז די סטעליע אין צימער האָט אזש אויסגעזען א סאך העכער און ווײַטער. דורך

א באַצירק פון די ווײַנגערטנער אין דער קאָטאָווסקער סאָווירט־פּארייניקונג. אויבן — אבע גאָכבערג.



דער אָפּענער טיר האָבן זיך אָנגעזען אין קאָ־
רידאָר צוויי טירן פון נאָך צוויי צימערן. די
קינדער זײַנען זיך צעפּלויגן. לענינגראַד, נאָוואָ־
סיבירסק, דובנע הינטער מאָסקווע. צוויי אַלטע
לײַט דרייען זיך אום איינע אַליין אין דרײַ צי־
מערן. פרוי קאַמענשטיין איז אַוועק אין קיך
ברענגען עפּעס צום טיש. סאַמויִל דאַווידאָ־
וויטש האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן זשורנאַל,
וועגן דעם שרײַבער און יענעם שרײַבער, האָט
זיך צערעדט וועגן וועלט־איניאָנים. און ווען
כ'האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז סאַמויִל דאַ־
ווידאָוויטש איז שוין קיין אײַנהאָרע אַ בען־שי־
ווים און אַרבעט נאָך אַלס „סטאַרשע" אינזשע־
ניער אין „סוואָבאָדני סאָקאָל", און ווען כ'האָב
געזען, ווי ער האָט זיך, אַ דערוואַרעמטער, גע־
טאָן אַ דריי דורך אין צימער, און געהערט,
וואָס דער דאָזיקער זיבעציקיאָריקער ייִד טוט
דאָרט אין זאַוואָד אין איין כּוידעש אָפּ, — בין
איך געזעסן און געטרונקען די גלאָז טיי, טויעם
געווען דאָס שטיקל געבעקס, מיט וועלכן די
פרוי קאַמענשטיין האָט מיך מעכאַבעד געווען,
און געטראַכט, אַז ס'איז גאָרניט אַזוי מעסוקן:
אונדזערע לייענער, אונדזערע אַלטע לייענער,
זײַנען נאָך גאָרניט אַזוי אַלט — זאָלן זיי אונדז
ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר לעבן און גע־
זונט זײַן.
צוויי נעסיִעס.
צוויי פאַרשיידענע נעסיִעס, קאָן מען זאָגן.
וואָס פאַר אַ סמיכעס־האַפּאַרשע איז טאַקע
פאַראַן צווישן בעסאַראַבער שטעטל האַנ־
טשעשט־קאַטאָווסק און דער אַלט־נײַער רוסישער
שטאָט ליפּעצק? צווישן ערד־ייִדן, וועלכע
פלאַנצן ווײַנגערטנער, האָבן צו טאָן מיט אויִ־
פעס־פערמעס, טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס, ברויט־
פעלדער, — און שטאָל־ייִדן, וועלכע לאָזן אין
גאַנג דאָמנעס, שטייען לעבן שמעלץ־אויוונס,
האָבן צו טאָן מיט מעטאַלורגיע, שווער־אינדו־
סטריע?
כ'האָב טאַקע געהאַט בעדייע אָנצושרײַבן
וועגן די צוויי נעסיִעס צוויי גאָר באַזונדערע
זאַכן. נאָר ס'האָט זיך גראַדע אַזוי געמאַכט, אַז
ביידע נעסיִעס זײַנען פאָרגעקומען איינע באַלד
נאָך דער אַנדערער. די אײַנדרוקן האָבן זיך
אויסגעמישט, פון זיך אַליין פאַרייניקט זיך,
אָנגעהויבן הויזן אין מײַנע העפטן אונטער איין
דאַך. דאָס אויג האָט שוין געזען ניט אַזוינס,
וואָס פאַרטיפעַרט די פאַרשיידנקײַטן אין די
צוויי נעסיִעס, נאָר פאַרקערט: אַזוינס, וואָס
ווישט די פאַרשיידנקײַטן אָפּ, ווײַזט אין די
דאָזיקע צוויי פאַרשיידענע ערטער פאַרשיידע־
נע פּערסאָנאַזשן און פאַרשיידענע טועכצן גע־
מיינזאַמס, איינהײַטלעכס. לעבן ווײַנטרויבן און
שטאָל האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די צוויי ווער־
טער: „היימישע מענטשן".

2

דעם נאָמען „אָן איינִיקל", ווי אַ מין בעקאָ־
וועדיקן טיטל, האָבן אַמאָל געטראָגן נאָר איי־
ניקלעך פון ראַבײִַם, גוטע־ייִדן. ער האָט באַ־
טײַט אַ רינג אין דער „גאָלדענער קייט" און
האָט געגעבן כאַזאָקע־רעכט אויף יערושעדיקער
ייִכעסדיקייט, אָפּשײַ און כשיוועס.
איך וויל דאָ דערציילן וועגן צוויי אַנדערע
„איינִיקלעך", איינִיקלעך פון אַמאָליקע בעסאַ־
ראַבער דאָרפס־ייִדן, גראָבע „רענדאַרעס", ווי
מע פלעגט זיי אין בעסאַראַביע רופן. אין די
שטעטלעך פלעגט מען רענדאַרעס באַשטעקן
מיט פעדערן, מאַכן פון זיי כוכע־ווּעטלולע.
וועגן זייער שטומפּיקײַט אויף דער איווּרע און
זייער מיִעס פאַרבײַטן שטענדיק די יאָצרעס,
זייער איבערקערן לאָשנקוידעשדיקע ווערטער
מיטן פעלץ אַרויף, האָבן זיך אָנגעזאַמלט אָן אַ
שיר גוזמעדיקע אַנעקדאָטן. כ'וויל הײַנט צוויי
איינִיקלעך פון אַזעלכע דאָרפס־ייִדן באַטיטלען
מיטן ייִכעסדיקן טיטל „איינִיקלעך". דער גאַנג
וועט דאָ זײַן אַ קאַפּוירער: ניט די איינִיקלעך
אַדאַנק די זיידעס, נאָר די זיידעס אַדאַנק די
איינִיקלעך באַקומען רעכט אויף ייִכעסדיקײַט,
אָפּשײַ און כשיוועס.
און עפּשער איז דאָס גאָר אַ גאַנג אַ גלײַכער?
עפּשער ציט זיך גאָר די איינִיקלעכס ייִכעס
פון יענעם דאָרפס־ייִנגעלע, וואָס האָט יאָמים־
נויראָיִם אין מאָקעם־קאָדעש אַרײַנגעשטעלט
צוויי פינגער אין מויל, אַרויסגעלאָזט פונעם
מויל אַ פײַף, אויפגעפּראַלט מיטן דאָזיקן טפי־
לע־פײַף די טויערן פונעם הימל, אַראָפּגעצויגן
דערנאָך פון די פיס די יאָמטעוודיקע שטיוועַ־
לעך, אַרויפגעוואָרפן זיי אויפן אַקסל, און אַזוי־אָ,
ווידער אַ באָרוועסער, אַוועקגעשפּאַנט צוריק
צו זיך אין דאָרף אַרײַן.
דאָס דאָזיקע ייִנגעלע, דאָס דאָרפס־צאַדיקל,
איז בעלי־שום־סאָפעק איינער פון אַבע גאָכ־
בערגס און שאַפּסע רויפּס זיידעס...
שאַפּסע רויפּס טאַטע האָט געהייסן אַווראָם.
ער איז געווען אַ דאָרפס־ייִד בען דאָרפס־ייִד,
האָט אַלע יאָרן געלעבט אין דאָרף דראַיִטאָרע,
אויפן ברעג פונעם טײַך פּרוט. כ'האָב זיך ערשט
דאָ בײַ רויפן דערוווּסט, אַז דאָס דאָרף דראַיִ־
טאָרע האָט זיך געפונען אַ פאָר קילאָמעטער
לעבן דאָרף שעפּטעבאַן, וווּ ס'האָט דעמלט גע־
וווינט מײַן פאָטערס ברודער, דער פעטער מיי־
ער. אין אַלע דערפער אַרום־און־אַרום האָט מײַן
פעטער מייער געהייסן דער שעפּטעבאַנער שוי־
כעט. כ'בין ערשט איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן,
געוווירע געוואָרן בײַ רויפּס אַלטער מאַמען, מיט
וואָס פאַר אַ טויט מײַן פעטער מייער מיטן ווײַב
און מיט די קינדער זײַנען אומגעקומען אויפן

וועג קיין טראַנסניסטריע, וווּהין די פאַשיסטישע
ראַצכים האָבן אַלע ייִדן פון די ארומיקע דער־
פער איינייִנעם געטריבן אין די לאַגערס אַרײַן.
שאַפּסע איז דעמלט געווען אַן עלף־צוועלפיאָ־
ריק ייִנגעלע.

שאַפּסע רויף איז ניט גאָר קיין גרויסער
דאַברען. בעסאַראַבער דאָרפס־ייִדן זײַנען טאָ־
מיד געווען מערער טוער, ווי ריידער. וועגן
דעם פאָטער זײַנעם אווראָמען זאָגט ער גע־
ציילטע עטלעכע ווערטער:

— אוי, האָט מײַן טאַטע ליב געהאַט ערד!

און אין דער געציילטקייט פון די קאַרגע
פּאָר ווערטער, און אין דער פאַמעלעכדיקייט,
מיט וועלכער ער ציילט די ווערטער אויס, פילט
מען, אַז ער וויל מיט זיי אויך עפּעס זאָגן
וועגן טאַטנס זון. פון דער גאַנצער ערד־ליבשאַפט
דעם טאַטנס איז געבליבן ירושע איין שטיקל
פאַרמעגן — די דאָזיקע ערד־ליבשאַפט. און דאָס
פאַרמעגן איז אַרײַנגעפאַלן צום געזעצלעכן יורי־
רעש אין די הענט. עס קלינגט שוין דעריבער
גאַנץ נאַטירלעך, ווען שאַפּסע רויף טוט דער־
נאָך א ביסל פּאַטעטיש א זאָג:

— דער ערד, וואָס מײַן טאַטע האָט ליב
געהאַט, דין איך... און וועל דינען!..

עס רעדט זיך אַזוי גרינג — „דין איך". שאַפּ־
סע אַבראַמאָוויטש איז שוין פאָרזיצער פונעם
קאָלווירט „מאָלדאָווע" אין קאַטאָווסקער ראַיאָן
אַריבער פופצן יאָר. און אַז מע טוט א שמועס
מיט די קאָלווירטניקעס זײַנע, הערט מען, אַז
זיי וועלן דעם פאָרזיצער זייערן לאָזן אוועקגיין
פונעם קאָלווירט נאָר דעמלט, ווען ער וועט
דאַרפן אַרויס אָף פּענסיע, — ווען זיי וועלן שוין,
הייסט עס, קיין ברירה ניט האָבן. אין קאָל־
ווירט „מאָלדאָווע" קומט מען צו פאָרן פון אַנ־
דערע קאָלווירטן און פון אַנדערע ראַיאָנען
לערנען זיך בא רויפן, ווי־אַזוי צו טריקענען
טוטין לויטן נײַעם מעטאָד, וואָס רויף האָט בא
זיך אײַנגעפירט. לויט דעם דאָזיקן מעטאָד,
וועלכער טראָגט א ביסל א שווערלעכן וויסנ־
שאַפטלעך־טעכנישן נאָמען: „באַל־קיורינג",
דאַרף מען די גרינע טוטין־בלעטער ניט „סי־
ליען" אָף נאָדלען; ניט צעהענגען די אויסגע־
סיליעטע „שוואַרעס" אָף „בעטלעך", ניט אַרויס־
טראָגן אַלע פאַרטאָג די „בעטלעך" אין דרויסן
און אַלע פאַרנאַכט צוריק אַרײַנטראָגן אין די
„שורעס" אונטער די דעכלעך; ניט וואַרטן, ביז
די זון וועט זיך דערבאַרעמען און פאַוואָלינקע
די בלעטער מאַכן געל, אויסטריקענען; ניט
אַרויסקוקן אָף אַסיענדיקע טעג, די פאַרדאַרטע
בלעטער זאָלן צוריק פײַכט ווערן, קעדײַ מע
זאָל זיי דערנאָך קענען, בלאַט צו בלאַט, אויס־
סאָרטירן, פאַפּישעווען, אויספּאַקעווען אין פּירע־
קעכדיק־פאַרקרעמפּעוועטע פּעקלעך — א מײַסע
ביז סאָף ווינטער, אַרום ערעוו פייסעך־צײַט.
לויטן מעטאָד „באַל־קיורינג" ווערט דער רויער
טוטין אַרײַנגעלייגט אין אַזעלכע קאַסעטן. די
קאַסעטן שטעלן זיך צונויף איינס אָפן אַנדערן
אין קאָנטיינערס. די קאָנטיינערס פאָרן אויטאָמאַ־
טיש אַרײַן אין הערמעטיש־פאַרמאַכטע קאַמערס.
טעמפּעראַ־גענעראַטאָרן דערלאַנגען אין די קאַ־
מערס היץ. מיט לאַבאָראַטאָריע־מיטלען דער־
וויסט מען זיך, וויפל פּראָצענט געלער טוטין
און וויפל פּראָצענט שוואַרצער טוטין האָבן זיך
באַקומען אין די קאָנטיינערס. און אין עטלעכע
טעג אַרום קאָנען די פולע קאָנטיינערס אָפּ־
געשיקט ווערן גלײַך אין די טאַבאַק־פאַבריקן.
ס'האָבן זיך באַפרײַט צענדליקער פאַרגרינטע
און פאַרביטערטע הענט, וועלכע קאָנען איצטער
טאָן עפּעס בילכערס ווי סיליען און פאַפּישע־
ווען טוטין. שאַפּסע רויף האָט אָט דעם נײַעם
מעטאָד דער ערשטער אײַנגעפירט אין מאָלדאַ־
וויע. און איצטער קומט מען צו פאָרן אין קאָל־
ווירט „מאָלדאָווע" אפילע פון קרים לערנען
זיך אַזוי־אָ טריקענען טוטין.

כ'בין געווען אין דער אויפעס־פאַבריק, וואָס
שאַפּסע רויף האָט אוועקגעשטעלט בא זיך אין
קאָלווירט. צוויי הונדערט טויזנט אויפעס. יעדן
טאָג זעכציק טויזנט אייער. די דאָזיקע אויפעס־
אָדער אייער־פאַבריק, מיט אירע עטלעכע רייען
אַלציינע ווײַס־אָפּגעקאַלכטע באַראַקן, מיט איר
פּינקטלעכער מאָדערנסטער אויטאָמאַטיק, האָבן
בא מיר אַרויסגערופן אויסטערלישע מאַכשאַ־
וועס. איך וועל וועגן זיי דערציילן שפּעטער,
אין א באַזונדער קאַפּיטל.

שאַפּסע רויף איז איצט אַלט פיר און פערציק
יאָר. כ'האָב באַמערקט, ווי פון צײַט צו צײַט
ציטערן אים שוין א ביסל אונטער די הענט —
א זייכער פון טראַנסניסטריער געטאָ. און איך
שטעל זיך פאָר, אַז ווען שאַפּסע אַבראַמאָוויטש
איז איבער דער מאָס אויסגעמוטשעט און פאַר־
האָרעוועט — און ווי קאָן מען, אָנפירנדיק אַזוי
געטרײַ מיט אַזא גרויסער באַלעבאַטישקייט, ניט
זײַן אויסגעמוטשעט און פאַרהאָרעוועט — און
די הענט ציטערן אים אונטער א קאַפּעלע מער
ווי געוויינלעך, טראַכט ער דעמלט וועגן יענע
שרעקלעכע געטאָ־יאָרן זײַנע, וועגן טאַטן, וואָס
האָט ליב געהאַט ערד. און טאַקע ווײַל מ'האָט
דעם טאַטן פון דער ערד, וואָס ער האָט ליב
געהאַט, פאַרטריבן און אָף דער דאָזיקער ערד
אײַנגאַנצן געוואָלט פאַרטיליקן, דינט איצט דער
זון דער דאָזיקער באַנײַטער ערד מיט איבער־
מאָסיקער געטרײַקייט און פאַרהאָרעוועטקייט.

און וועט איר אַזוי דינען.

ביזן סאָף פון זײַנע טעג.

דאָס צווייטע „אייניקל" אין קאַטאָווסק, אַבע
גאָכבערג, דער גענעראַל־דירעקטאָר פון עלף
פאַרייניקטע סאָווירטן, דער פאַרדינסטפולער
ווײַנציכטלער, דעפּוטאַט פון אויבער־סאָוועט

פון דער מאָלדאווישער רעפּובליק, איז א הויכער און ברייטפּלייציקער, א שיינער און שטאַלטנער, קיינער וועט אים ניט געבן זײַנע אריבער פופציק יאָר. ער גייט אָנגעטאָן אין אן עלעגאַנטן זומערדיקן קאָסטיום, טראָגט א ווײַס העמד מיט א שניפּס, זעט טאַקע אויס, מיט זײַן שטעל און מיט די מאַנירן זײַנע, ווי אן עמעסער גענעראַל־דירעקטאָר. נאָר אז מע באַקענט זיך מיט אים א ביסל נעענטער און מע קוקט זיך א ביסל מערער אײַן אין אים, זעט מען די פּאַשעטקײַט און נאַטירלעכקײַט, די ערדישקײַט און אָנכאַכמעסדיקײַט פון זײַנע זיידעס די דאָרפסיידן און ערד־יידן.

אבע גאָכבערג איז א געבוירענער אין דאָרף לאַפּושנע, וואָס געפינט זיך טאַקע דאָ, אין קאָטאָווסקער ראַיאָן. ס'איז געווען אן אַלט גרויס דאָרף מיט עפּעס אן אַלטן היסטאָרישן ייִכעס. פריִער, בא רומעניע, פלעגט דאָרט זײַן דער קרײַז־צענטער, און קעשענעוו האָט זיך גערעכנט א שטאָט אין לאַפּושנער קרײַז. אפּאָנעם, ניט אזוי אופצוהייבן די ווערט פון לאַפּושנע, ווי אראָפּצונידערן די ווערט פונעם דעמלט טאָמיד ווידערשפּעניקנדיקן קעשענעוו. ייִדן פלעגן אין יענע צײַטן רופן דאָס דאָרף ניט „לאַפּושנע", נאָר „לאַפּישנע".

גאָכבערגס טאַטע האָט געהייסן יאַנקל, די מאַמע — סאָסל, און דעם זיידן זײַנעם, דעם טאַטנס טאַטן, האָט מען אין שטעטל, אין האַנטשעשט, גערופן מוישע לאַפּושנער, און אין דאָרף, אין לאַפּושנע, — פּאַשעט מאָשקאַ.

מיטן זיידן מוישען, דערציילט אבע יאַקאָוולעוויטש, האָט דאָס גאַנצע דאָרף, ווי גרויס ס'איז געווען, אַלע יאָרן געפירט א געוועט: ווער וועט אופשטיין קאַיאָר פריִער פון אים. און דעם געוועט האָט טאָמיד געוווּנען ער, דער זיידע. קיינער, אפילע די האָנען אין דאָרף, האָבן אזוי ניט דערשפּירט די רעגע, ווען עס גייט דעם ערשטן פינטל מיטן אויג דער קעויר־האַבויקער, ווי עס האָט עס דערשפּירט דאָס דאָזיקע ייִדל מאָשקאַ, וואָס האָט זומער און ווינטער געטראָגן א שוואַרצע מאָלדאווישע קוטשמע אפן קאָפּ, א גראָב לײַוונטן העמד אפן לײַב, געאַקערט און געזייט, גערייעט מיט דער נאָז די ערד, ווי אן עמעסער פויער, און איז, דאַכט זיך, גאָר געווען מערער לאַמעדוואָווניק ווי פויער.

מיר זײַנען ארומגעפאָרן מיט גאָכבערגן אין זײַן „וואָלגע" פון נײַן גאַנצפרי ביז פינף באַטאָג איבערן ווײַנטרויבן־מאַסיוו פון די עלף פאַרייניקטע סאָווכאָזן, וועלכער איז הײַנט, ווי אבע יאַקאָוולעוויטש האָט מיר געזאָגט, דער גרעסטער ווײַנטרויבן־מאַסיוו פון אזא מאַסשטאַב ניט נאָר אין מאָלדאוויע און ניט נאָר אין גאַנצן לאַנד, נאָר איבער דער גאָרער וועלט.

אָנבײַסן־צײַט האָבן מיר פאַרקערעוועט אין דאָרף לאַפּושנע. מיר האָבן עפּעס איבערגעכאַפּט אין א לאַפּושנער קאַפע־הויז. גאָכבערג האָט מיטגענומען מיט זיך א פלעשל ווײַן, פון די ווײַנען, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין די צען ווײַן־זאַוואָדן פון זײַן סאָווכאָזן־פאַרייניקונג. ער האָט, אפּאָנעם, געהאַט אין זינען, איך זאָל ניט נאָר אָנקוקן דעם ווײַנטרויבן־מאַסיוו, נאָר אויך פאַרזוכן דעם יאַיִן־האַמשומערדיקן טאַם, וואָס מע קריגט ארויס פון דעם דאָזיקן ווײַנטרויבן־מאַסיוו.

גאָכבערג האָט מיר געוויזן אין לאַפּושנע די שטוב, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, דאָס ליקל און דאָס בערגל־אַרוף, דורך וועלכן ער פלעגט לויפן א באָרוועסער אין דאָרפישן כיידער ארײַן. דערנאָך האָט ער מיר געוויזן די שטיבער, ווו עס האָבן געוווינט זייערע מאָלדאווישע שכיינים. דאָ האָט געלעבט יאָן דאַנוצע, דאָרט — געאָרגע מאָקאַנו, גריגאָרע מאַקאַר. מיט מאַקאַרס זינדל האָט אבע געלערנט אין שקאָלע־פּרימאַרע אין איין קלאַס. ווען אבעס פאָטער, יאַנקל לאַפּושנער, האָט זיך נאָך דער מילכאָמע אומגעקערט מיט דער מישפּאָכע פון דער עוואַקואַציע, האָט זיי גריגאָרע מאַקאַר ארײַנגעבראַכט אין שטוב די צוויי קעסטלעך פייסעכדיק געפעס. דאָס געפעס איז נאָך געווען צוגעדעקט מיט די צוויי פייסעכדיקע טישטעכער, אף קיין האָר ניט גערירט. פּונקט אזוי, ווי זיי האָבן עס איבערגעלאָזט, באַם עוואַקויִרן זיך, אפן בוידעם.

— נאַ דיר, זשעפּונע יאַנקו, אײַער פייסעכדיק געפעס. מעבל וועט איר נאָך האָבן שענערס, ווי איר האָט געהאַט. די שטוב וועט אויך זײַן א שטוב. נאָר דאָס דאָזיקע געפעס איז ניט קיין פּוסט געפעס. כ'האָב עס אײַך אָפּגעהיט, ווי די אויגן מײַנע אין קאָפּ. נוצט עס ווידער געזונטערהייט, שכיינים, און זײַט ווידער וואָס איר זײַנט!

אנומלטן, אפן וועג פון קעשענעוו קיין קאָטאָווסק, בין איך געפאָרן אין אווטאָבוס פון אונדזער היגער טעלעוויזיע. כוץ מיר און מאַרינען, זײַנען אין אווטאָבוס געזעסן די טעלעוויזיע־דיקטאָרן העלענע סטרימבאַנו און דער מאָלדאווישער מאָלער גלעב סאַיִנטשוק. ערגעץ נאָענט צו קאָטאָווסק, לעבן אן אָזערע און א פּיִאָנער־לאַגער אין א וועלדל, האָט מען שוין עטלעכע טעג געדרייט א קורצן טעלעוויזיע־פילם. גלעב סאַיִנטשוק, וואָס איז א גוטער פרײַנט מײַנער און האָט געוווּסט, אז איך קלײַב זיך נעענטער באַקענען מיט אבע גאָכבערגן, האָט מיר געזאָגט, אז גאָכבערגן נעמט מען אויך אראָפּ אין דעם פילם און ער וועט דאָרטן הײַנט זײַן. און כ'בין אהין מיטן פרײַנט מײַנעם מיטגעפאָרן.

די גאַנצע צײַט, קימאַט באַלד נאָך קעשענעוו ביז קאָטאָווסק, איז דער אווטאָבוס געלאָפן צווישן סאַמע ווײַנגערטנער. שורעס־שורעס

ווײַנשטאָקן, יעדער ווײַנשטאָק אָנגעשפּאַרט אין א העל־בעטאָנען סלופּיקל, האָבן זיך גערינגלט פאַר די אויגן, געטאָלט זיך און געבערגלט זיך ביז העט־ווײַט צום האָריזאָנט, וויפל דאָס אויג קאָן נאָר כאַפּן. כ׳בין שוין לאַנג אַף דעם וועג ניט געפאָרן. כ׳געדענק דאָ אַף שריט און טריט גרויִשטיינערדיקע בארג־ארופּן, ליימיק־צערייעטע בארג־אראָפּן, צווישן די בערג און די טאָלן — צוגווינטן, ווייעניש, בלאָזעניש. „ווינטן, — ווי בערגעלסאָן זאָגט ערגעץ, — אַף צו דרייען אָן א שיר פליגלען פון ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע ווינטמילן״. און מיטאַמאָל — אזא גרינקײַט, אזא ראַכוועסדיקײַט, אזא אשרעס! סאַינטשוק האָט מיך געטאָרעט מיט אַן עלנבויגן, מיר א זאָג געטאָן, אז די אלע ווײַנגערטנער האָט דאָ פאַרפלאַנצט גאָכבערג, דאָס אלץ איז זײַן ארבעט, זײַן אופּטו. כאָטש די דיקטאָרן העלענע סטרימבאנו איז איצטער ניט ארויסגעטראָטן פאַר קיין שום טעלעוויזיע־קוקערס, איז זי די גאנצע צײַט געזעסן אין אויטאָבוס א כיינעוודיק־צעשײַנטע, ווי מיר זעען זי אלע, טאָג־באַ־טאָג, אין טעלעוויזאָר, און אלעמאָל היספּײַלעסדיק געוויזן אונדז דאָ די צוויי רייען נוסנביימער, וואָס זײַנען די גאנצע צײַט געלאָפן איינינעם מיט אונדז אין ביידע זײַטן וועג, דאָ די ספּעציעל פאַרזעצטע פעלד־קוויטן־פּאַסן צווישן די ווײַנשטאָקן און די נוסנביימער, דאָ א זעלטן אויסגעשניצט דעכל איבער א וואַסער־קוואַל אַפּן וועג, דאָ א דרײַגאָרנדיק הויז, דאָס „ווײַנציכטלער־הויז״, וואָס שטייט א הויכס און א ליכטיקס צווישן די ווײַנגארטנער און בלישטשעט פונדערווײַטנס מיט די פענצטער קעגן דער זון, ווי עס פלעגט אמאָל שטיין און בלישטשען קעגן דער זון א פריצישער מאַיאָנטעק אינמיטן פעלד. און יעדעס מאָל, באַ יעדן ווײַזן אונדז עפּעס, האָט די דיקטאָרן אלץ איבערגעכאַזערט איין און דאָס זעלבע וואָרט: „אזא שיינקײַט! אזא שיינקײַט!״.

— אײַך איז גרינגער, — האָב איך א זאָג געטאָן, — איר, ווען איר דערציילט עפּעס, ווײַזט איר עס באַלד. גיי לייג אזעלכס ארויס אַף פּאַפּיר, שרײַב עס אויף אזוי, ווי עס איז, — וועט מען לייענען און זאָגן, אז ס׳איז לאַקירט, פאַרפּוצט. צוליבן עמעס דאַרף מען אמאָל זאַכן פאַרגרעסערן, און צוליבן עמעס דאַרף מען אמאָל, אַפּאָנעם, זאַכן פאַרקלענערן...

כ׳האָב דאָס איצט אין זינען, כאָשעוועוו לייענער. אלצדינג, גלייב מיר, איז אין מײַנע נאָטיצן ניט איבערגעטריבן. פאַרקערט: אייניקע ערטער — פאַרמינערט, געצוימט...

3

דער קאָלווירט־פאַרזיצער שאַפּסע רויף האָט מיך לאַנג ניט געלאָזט ווארטן אַף זיך, כאָטש אין דער צײַט, ווען איך בין געזעסן אין דער קאָלווירטישער קאָנטאָר און אַף אים געוואַרט, איז ער געווען אין קאָטאָווסק אַף א באַראַטונג, און דער פאַרטרעטער זײַנער האָט ניט געוווּסט ווו אים אָפּצוזוכן: שאַפּסע אבראַמאָוויטש, האָט ער געזאָגט, איז הײַנט אין ראַיאָן אַף צוויי באַראַטונגען — גיי ווייס, ווו פינקטלעך ער געפינט זיך איצטער.

נאָר סאַפּקאַלסאַף האָט ער זיך צו אים דערקלונגען און דאָס טעלעפאָן־טרײַבל איבערגעגעבן מיר. רויף האָט צו מיר געשריגן דורכן טעלעפאָן אַף א הייזעריקלעך קאָל, כ׳זאָל אים „ענטשולדיקן״, וואָס ס׳האָט זיך אזוי געמאַכט, עס ענדיקט זיך נאָר די „סאָוועשטשאַניע״, קומט ער באַלד צו פאָרן.

— גייט ניט אוועק אין ערגעץ ניט! — האָט ער געשריגן. — איר הערט? אין א מין שאָ ארום בין איך דאָ!

געקומען איז ער אין דרײַ פערטל שאָ ארום. אין פאַרזיצערישן קאַבינעט האָט זיך ארײַנגעיאָוועט א ביסל א דיקלעכער מענטש, אָנגעטאָן אין א וואָכעדיק ברייטלעך רעקל, און זיך אוועקגעזעצט ניט אויבן באַם שרײַבטיש אין דער פאָרזיצער־שטול, נאָר לעבן מיר, אַף איינעם פון די פּאָר צענדליק בענקלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען אין קאַבינעט אין צוויי לאַנגע שורעס — איין שורע לענגויס איין וואַנט און די צווייטע שורע אנטקעגן, לענגויס א צווייטער וואַנט. ער האָט מיך געטאָן א נעם ארום, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן: מיר האָבן זיך אמאָל באַגעגנט אין קעשענעווער „פרײַנטשאַפט־הויז״ אַף אַן אופּנעם פאַר אויסלענדישע געסט. ער האָט מיר פאַרגעלייגט טאַקע שוין גיין מיט מיר און ווײַזן די קאָלווירטטישע באַלעבאַטישקײַט. דערווײַל איז אין קאַבינעט ארײַנגעקומען א ייִנגעלע מיט א לאַנג נעזל, א ייִנגעלע פון א יאָר דרײַצן־פערצן, א פּאָר רעגעס געשטאַנען א ביסל שעמעוודיק לעבן טיר און געשוויגן, דערנאָך פּאַוואָלינקע צוגערוקט זיך צו אונדז און אָנגעהויבן פאַרזעצן א שמועס, וואָס ער האָט נאָך, אַפּאָנעם, געפירט מיטן פאַרזיצער אין דרויסן, איידער דער פאַרזיצער איז ארײַן אין קאַבינעט. דער שמועס איז געפירט געוואָרן אַף א ריינעם בעסאַראַבער ייִדיש:

— נו, טאַטע, גיסט מיר די שליסאַלעך?

שאַפּסע האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, ניט געענטפערט. נאָר דאָס ייִנגעלע האָט, אַפּאָנעם, גוט געוווּסט, אז דאָס איז נאָך קיין שום סימען ניט: אויספירן וועט סײַוויסײַ ער, ניט דער טאַטע. ער האָט אַף א נאָגנדיק־צעצויגן קעלעכל זיך געטאָן זײַנס:

— טאַטע, ווּס ארטעך? גימיר שוין אמול די שליסאַלעך!

— וואָס זײַנען דאָס פאַרא מײַנע שליסעלעך? — בין איך שוין אויך געווען א באַלן וויסן.

— פון דער מאשין, — האָט רויף געענטפערט. — פאָרן פאָרט ער שוין גראדע גוט, דער טאכשיט. ס׳הייסט, צו גוט. ער צעטרײַבט אלע גענדז אין דאָרף. איר ווייסט דאָך, ווי מע זאָגט אף ייִדיש: שרעק ניט די גענדז. פון קליינערהייט אָן ווילן זיי שרעקן די גענדז, פאָרן אף מאשינען. זאָג מיר בעסער, רעב פימעטשקע מײַנער, די מאמע מאכט אין דער היים דאָס, וואָס כ׳האָב איר דורכן טעלעפאָן געהייסן מאכן?

— מאכט.

— און דו אליין האָסט שוין עפּעס הײַנט געאכלט?

— געאכלט.

— ווויל. קומט דיר טאקע א פּרעמיע. נא, ט׳האָסטו די שליסעלעך. נאָר פאָר מיט קאָפּ. איך אין דײַנע יאָרן בין אין קיין קארעטעס ניט געפאָרן...

ער האָט אָפּגעשפּיליעט דעם זייגער פון דער האנט און אים איניינעם מיט די שליסעלעך דערלאנגט דעם זינדל:

— כ׳גיב דיר פופצן מינוט. וועסט דערנאָך צוקומען מיט דער מאשין צו דער פּעטיצע־פאבריקע און דאָרטן ווארטן אף אונדז. הערסט? — און צו מיר: — וואָס־וואָס, א וואָרטסמאן גראדע איז ער, רעב כאַים. קומט, וועלן מיר גיין.

כ׳בין אין יענעם טאָג געבליבן נעכטיקן בא רויפן. זעלדע, רויפס ווײַב, און ריווקע, די אלטע מאמע זײַנע, זײַנען א גאנצן באטאָג געשטאנען אין קיך, ארומגעגארטלט מיט האנטעכער, און מיט פארפלאמטע באקן געפּראוועט לעקאָווער דעם גאסט בייגעלעך. צווייערליי בייגעלעך: מילכיקע שוועס־בייגעלעך, געפילטע מיט קעז, און פארעווע בייגעלעך, געפילטע מיט קארטאָפליעס, וואָס אז מע עסט זיי הייסערהייט, צעגייען זיי זיך אין מויל און זײַנען נאָך געשמאקער און באטאמטער פון די מילכיקע בייגעלעך. בייגעלעך פלעגן אמאָל בא בעסאראבער דאָרפס־ייִדן זײַן דער שענסטער קיבעד פאר געסט און זײַנען, זעט מען, ביז הײַנט געבליבן דער שענסטער טראדיציאָנעלער קיבעד. כ׳האָב זיך דאָס אנומלטן דערוווּסט בא אלטער גאָלדנשטיינען, דעם באקאנטן אונטערערדישן רעוואָליוציאָנערן טוער אין בעסאראביע. אלטער גאָלדנשטיין שטאמט אויך פון א דאָרף. א דאָרף אין די בעסאראבער קאָדרעס, ווו דאָרפס־ייִדן זײַנען געווען גרויסע בעריעס אף טריקענען פלוימען. אז אלטער דערציילט אמאָל, ווי אין דער צײַט פונעם טריקענען די פלוימען פלעגן זיך אומעטום אין דאָרף אָנזען צווישן די ביימער די רויכן און די פײַערן פון די אויוונס, גלײַך ס׳וואָלטן איבערן גאנצן דאָרף געטליִעט שײַטערס, פילט מען אפן גומען אי דעם הארב־ביטערן טאם פון רויך, אי דעם זיס־ווײַניקלעכן טאם פון געטריקנטע פלוימען. אלטער האָט מיך אנומלטן פארבעטן צו זיך אף גאסט, און אלטערס ווײַב, מאליע, האָט דערלאנגט צום טיש בייגעלעך. מיר האָבן זיך געקוויקט מיט די געשמאקע בייגעלעך, און אלטער האָט דערציילט, אז ווען די מישפּאָכע זיירע האָט דערנאָך געוווינט אין בוהוש און אלע קינדער האָבן געארבעט אין דער בוהושער וועב־פאבריק, און עס פלעגט אמאָל אהין אראָפּקומען אין דער „קולטור־ליגע” אף אן אָוונט עליִעזער שטיינבארג צי איציק מאנגער אָדער מוישע אלטמאן, פלעגן די גאָלדנשטיינס פארבעטן זיי אף וועטשערע און אלטערס מאמע פלעגט פארזייערטוועגן פּראווען בייגעלעך. „האָב איך א זאָג געטאָן מאליען, — האָט אלטער דערציילט, — מיר זאָלן הײַנט, צוליבן הײַנטיקן גאסט, אף וועטשערע אויך האלטן די דאָזיקע בייגעלעך־טראדיציע”. מאליעס בייגעלעך האָבן אין יענעם אָוונט, צוליב די אלע זאכן איניינעם, טאקע געהאט אלע טאמען פון דער וועלט.

די רויפס בייגעלעך זײַנען איצטער אויך געווען מאָלע־טאם. ביז די בייגעלעך איז אפן טיש געשטאנען א שטיקל אָנגעקנאָבלט פאסטראמע, געפרעגלטע פעפערס, אָנגעהאקטע בלאָווע פּאָמידאָרן און, פארשטייט זיך, א קריגל ווײַן „רארע ניאגרע”, וואָס אף ייִדיש קאָן עס באטײַטן „זעלטענער שווארצער ווײַן”.

עס זײַנען אוועק באם טיש דערמאָנונגען וועגן די דערפער דראָיטאָרע און שעפּטעבאן. דערנאָך וועגן דערנער־וועג קיין טראנסניסטריע, וועגן די שרעקלעכע אָפּקומענישן אין טראנסניסטריער געטאָ. דעמלט טאקע האָב איך זיך דערוווּסט בא רויפס מאמע, ווו און ווען, אן ערעך, זײַנען מײַן פעטער מייער מיט דער מישפּאָכע אומגעקומען.

שפּעטער, קעדיי, אפּאָנעם, אָפּצוטרײַבן די פארוואָלקנטקײַט, וואָס דער דאָזיקער שמועס האָט אָנגעטאָן אף אונדזערע פּענעמער, און די שטילשווײַגעניש, וואָס האָט זיך געגעבן א לייג אוועק ארום טיש, האָט רויפס ווײַב, זעלדע, אָדער זינאַידע דאווידאָוונע, ווי מע רופט זי אין דער קאָלווירטישער צענקלאסן־שול, ווו זי איז לערערן פון מאטעמאטיק, מיטאמאָל א פרעג געטאָן מיך, צי איך קען עפּעס ייִדישע לידלעך. זי האָט ניט געווארט אף קיין ענטפער, ניט געוווארט, מע זאָל זי בעטן, און באלד אָנגעהויבן ווײַזן, אז זי קען יאָ. נאָר ס׳האָט שוין ניט געהאָלפן קיין שום נעגינע. צווישן די עטלעכע לידלעך, וואָס זינאַידע דאווידאָוונע האָט אויסגעזונגען, האָט בעמיילע ארויסגעקוקט דאָס געטאָ־לידל, וואָס דער אוילעם פלעגט אין טראנסניסטריע ניט זינגען, ווי זינאַידע האָט געזאָגט, נאָר אויסקרעכצן, אויסשרײַען. זי אליין האָט עס איצטער אויך מערער אויסגעקרעכצט און אויסגעקוויטשעט, איידער געזונגען.

כ'האָב די ערשטע פּאָר שורעס פאַרשריבן. שוין אפילו אין אָנדענק פון מײַן טאַטנס ברודער, מײַן פעטער מייערן:

צעזייט און צעשפּרייט,
אומעטום, ווו מע זעט,
פאַרטריבענע פון יענער זײַט טײַך.
פאַרכוישעכט, פאַרברענט,
מיט די פעקלעך אין די הענט,
זעט מען יונג און אַלט באַגלײַך.

כ'האָב דעמלט אויך פאַרשריבן א בעסאַראַבער ייִדיש וואָרט, וואָס כ'האָב שוין לאַנג ניט געהערט און אינגאַנצן שוין געהאַט פאַרגעסן: „ביטשיק״ — א גראָבער שטעקן מיט „ביבטשיקעס״.

— זיי האָבן אים געהאַרגעט און געשלאָגן, דעם שעפּטעבאַנער שוּיכעט, מיט א ביטשיק, — האָט רופס אַלטע מאַמע דערציילט, — אַזוי לאַנג, ביז ער האָט נעבעך די קאָשערע נעשאָמע זײַנע אַרויסגעלאָזט...

אַרום עלף — האַלב צוועלף האָט מיך זינאַידע דאַווידאָווגע געפרעגט, צי כ'האָב ליב א הויכן צוקאָפּנס צי א נידעריקן צוקאָפּנס, און איז אַוועק אין א זײַטיק צימער מאַכן מיר דאָס געלעגער. די אַלטע ריווקע און דאָס אייניקל אירס, רעב פּימעטשקע, האָבן זיך שוין געהאַט געלייגט שלאָפן. כ'בין געבליבן אַליין באַם טיש מיט שאַפּסע אַבראַמאָוויטשן און האָב איצטער אָנגעהויבן פאַרשרײַבן, ווי מע זאָגט, פריילעכערע זאַכן:

„געענדיקט אַן אינסטיטוט. ניט קיין לאַנדווירטשאַפטלעכן — דאַפקע א פּעדאַגאָגישן (פּאָר א פּאַרזיצער פון א קאָלווירט איז אַמאָל פּעדאַגאָגיק גאָר ניט קיין נייטיקע זאַך). די ערשטע צוויי יאָר געאַרבעט אין דאָרף אײַנײנעם מיט דער פרוי, אין שול, אונטעריכט פיזיק״.

ווען ער איז געוואָרן קאָלווירט־פּאַרזיצער, האָט דער קאָלווירט קימאַט ניט געגעבן קיין שום רעוואָכים. איצט גיט ער רעווועך ביז דרײַ מיליאָן רובל א יאָר, באַם סאָף נײַנטן פינפיאָר וועט ער באַטרעפן פיר מיליאָן.

דער גרעסטער טייל יונגע ספּעציאַליסטן אין קאָלווירט — דער הויפּט־אַגראָנאָם, דער ווײַנגאָרטן־אַגראָנאָם, דער הויפּט־וועטערינאַר־דאָקטער, דער אינזשעניער־מעכאַניקער, טאַבאַקציכטלער, בריגאַדירן — זײַנען געוועזענע שילער זײַנע.

די אויפעס־פאַבריק איז איינע צווישן די געציילטע אַזעלכע מוסטער־פאַבריקן אין דער גאַנצער רעפּובליק. דער דירעקטאָר אין דער פאַבריק און די זאָאָטעכניקערן — וואַסיליע און לעאָנאָרע בונעסקו — זײַנען אויך געווען זײַנע שילער. אַז עס מאַכן זיך אַמאָל שוועריקייטן, נעמט ער צונויף די דאָזיקע יונגע ספּעציאַליסטן, און אינײנעם שלעפּט מען דעם קאָלווירט פון די שוועריקײַטן אַרויס.

זײַן אויטאָריטעט, די באַציִונג צו אים, די דערפאָלגן דערקלערט ער זייער פּאַשעט: די פּאָר יאָר לערערײַ זײַנע דאָ. ער זאָגט:

— א לערער געדענקט מען דאָס גאַנצע לעבן: אָדער מ'האָט אים פײַנט ביזן טויט, אָדער מ'האָט אים ביזן טויט ליב.

איך גיב צו:

— ס'הענגט אָפּ, וואָס פאַר א מענטש דער לערער איז, און וואָס פאַר א מענטש מ'איז אַליין.

מיר האָבן גערעדט צווישן זיך האַלב־שעפּטשענדיק: דער גאַנצער אוילעם אין שטוב איז שוין געשלאָפן. כ'האָב אָנגעהויבן אַרויסלייגן פאַר רופן די אויסטערלישע מאַכשאָוועס מײַנע, וואָס זײַנען מיך היינט באַפאַלן, ווען מיר זײַנען געווען אין דער אויפעס־פאַבריק. די אַלצײַנע ווײַס־אָפּגעקאַלכטע באַראַקלעך, די איבערגעטריבענע ריינקייט, די זאַמדיקע סטעזשקעס צווישן די באַראַקן, די ווירעדיק־גלײַכע שורעס ביימלעך, די גאַנצע אויטאָמאַטיק און פּינקטלעכקייט — עפּעס האָט עס מיר דערמאָנט ווער ווייסט אין וואָס. אין דרויסן, לעבן אײַזערנעם טויער, האָב איך געזען שטיין א העל־אָפּגעפאַרבטן אָנפענצטערדיקן אויטאָבוס, און אויף די וועגטעלעך פונעם אויטאָבוס זײַנען געווען אָנגעמאָלט געלינקע, נאַקעט־פּיצינקע הינדעלעך. די זאָאָטעכניקערן האָט מיר דערציילט, אַז די הינדעלעך, וואָס די פאַבריק באַקומט, זײַנען אַלט איין טאָג. און אַזוי־אָ, פון באַראַק צו באַראַק, וואַקסן זיי אויס גרויסע הינער, הייבן זיך אָן לייגן, גיבן אייער. מע האָדעוועט זיי מיט קאָמביקאָרם, זיי טרינקען אַזאַ וויטאַמין־וואַסערל, וואָס הייסט כלאָרעלע. א גאַנצן עלעקטריש־אָנגעוואָרעמטן זאַל, ווו עס שטייען אין שמאָלע שטײַגן צוועלף טויזנט שטיקלעך אויפעס, עסן און טרינקען שטייענדיק און לייגן זיך שטייענדיק, באַדינט איין מיידל אין א ווײַסן כאַלאַט. זי טוט א קוועטש א קנאָפּקע — און פון אַלע זײַטן הייבן זיך אָן אַרויסרוקן אין קאָריטקעלעך צענדליקער, הונדערטער אייער. די פאַבריק וועט מיט דער צײַט אויסאַרבעטן 25 מיליאָן אייער א יאָר. אַלץ איז וווּנדערלעך. צי איז אָבער די דאָזיקע הויך־טעכנישע ציוויליזירטקייט ניט אויווער אַף הומאַנישקייט? צי זינדיקן מיר ניט קעגן דער הון? פאַרוואָס האָבן מיר בא איר אַוועקגענומען די האָן־פרייד, די הויף־פרייד, די פרייד פון אויספּאַרפּלען אין מיסט א קערנדל, א ווערעמל, פון אויספּירן און אומפירן הינדעלעך, אַפילו די פרייד פון אויסקוקעדאַקען מיט צעשפּרייטע פליגל א שרעק־געשריי, ווען

1—2187

איבערן קאָפ קרײַזלט אום א שפארבער? כ׳ווייס, האָב איך געזאָגט, אז די דאָזיקע פילאָסאָפיע איז א פילאָסאָפיע פון א וועגעטאריאנישן באטלען. אי דאָס — פון אזעלכן, וואָס זאָגט זיך ניט אָפ פון א געשמאַק שטיקל געבראָטענער פולקע און אפילו ניט פון קיין פײַן־פארפראוועטן גאָגל־מאָגל. כ׳ווייס גוט, אז אָט די מאכשאָוועס זײַנען אויסטערלישע, פונדעסטוועגן קאָרטען זיי מיך עפעס. און איך לייג זיי ארויס. גלאַט אזוי. מעגלעך, אָפצופּאַטערן זיך פון זיי.

שאפסע רויף האָט מיך א רעגע אזוי אָנגעקוקט, גלײַך ווי כ׳וואָלט מיטאמאָל ארײַנגעפאלן אין שטוב דורכן קוימען. דערנאָך האָט ער האלב־שעפּטשענדיק, פארדושעט, א לאָך געטאָן און מיר, אן ערעך, אזוי געזאָגט:

— א שיין מין הומאנישקײַט, כלעבן! הומאנישקײַט הייסט, דאכט זיך, אף יִדיש מענטשלעכקײַט, האַ? פונעם מענטשן — צוליבן מענטשן. די האָן־פּרייד און די הויף־פּרייד, וועגן וועלכער איר רעדט, האָבן דען ניט געפירט די הון אין טאָפּ ארײַן? נאָר א ביסעלע פאוואָליער, אויסגעהאָדעוועטער, מיט א שיין שטיקעלע ליגן — מיט דער בראָכע באם שעכטן. עס קומט מיר אויס, ווי יענע, וואָס באווייגען דעם איִסט, די קוקעסטערקע, ווי מע רופט אים בא אונדז, וואָס שטייט איצטער מער ניט אף איין פוס לעבן דער נעסט זײַנער אפן שטרויענעם דעכל, און באזינגען ניט דעם ווערטאָליאָט, וואָס דרייט זיך הײַנט היימיש אום איבערן דאָרף און בארעגנט די פעלדער. ווארעמען זיך לעבן עלעקטרישן קאמין און בענקען נאָכן טרוקענעם ביסל באליגע, מיט וועלכן מע פלעגט אמאָל הייצן דעם פריפעטשיק. איר ווייסט דאָך אוודע, אז אין בוקארעשט זײַנען זיך ניט לאנג צונויפגעפאָרן א סאך לענדער. וואָסי? אף דער וועלט ווערן וואָס א טאָג צופיל מענטשן. ווי וועט מען פון זיי אויסהאלטן, מיט וואָס וועט מען זיי האָדעווען? מיט אזעלכע פאבריקן, גוטע־ברידער! וואָס א טאָג מערער אזוינע פאבריקן! איר זײַנט עס ניט בעקויעך צו טאָן? לאָזט אונדז — מיר וועלן עס טאָן. וואָס איז, פרעג איך אײַך, הומאנישער — אויספאָרפלען א ווערעמל אין מיסט, צי געבן א קינד אן איבעריק געלכל?..

כ׳בין דערנאָך געלעגן אפן געלעגער און געטראכט, אז מיר בענקען אמאָל נאָך אלטקײַט, וואָס ציט אף צוריק. מיר זײַנען אזוי אײַנגעוואקסן אין דער דאָזיקער אלטקײַט, אז מיר רופן זי אָן שיינקײַט. און מיר רופן אונדזער בענקשאפט אָן שיינקײַט.

אזוי־אָ טראכטנדיק און ניט דערטראכטנדיק זיך, בין איך אנשלאָפן געוואָרן.

4

מיט אבע גאָכבערגן זײַנען מיר אומגעפאָרן אין זײַן „וואָלגע" איבערן ווײַנטרויבן־מאסיוו. גאָכבערג האָט מיר די גאנצע צײַט דערציילט און געוויזן. ס׳איז געווען וואָס צו זען, און ס׳איז געווען וואָס צו הערן.

כ׳בין ניט קיין גרויסער באָקי אין הילכעס פלאנצן ווײַנגערטנער און אין ווײַנציכטלערײַ. כ׳זאָג ניט, אז כ׳בין קיין מייוון ניט אף א גוט גלעזל בעסאראבער ווײַן. נאָר די אלע דראָכים, וואָס דאָס ביסל ווײַן מאכט דורך ביז אין דער קויסע אפן טיש, האָב איך זיך, בין איך זיך מוידע, פאָרגעשטעלט א סאך פראָסטער און א סאך וויניקער באדײַטנדיק. און דעם וועג — פון די אמאָליקע ווײַנגערטנדלעך ארום די דערפער, וואָס איך געדענק פון מײַנע קינדער־יאָרן, ביז צו אזא מאסיוו, קימאט צען טויזנט העקטאר ווײַנגאָרטן־פלאנטאציעס, האָב איך זיך אינגאנצן קנאָפּ פאָרגעשטעלט.

לעכאָלהאפּאָכעס, פאָרגעשטעלט זיך ניט אין אזא מאסשטאב, ניט מיט אזא פארנעם און ניט מיט אזויפיל וויסנשאפטלעכער באגרינדעטקײַט, און אין דער זעלבער צײַט אזויפיל היסלײַוועסדיקײַט, אפילו פּאָעזיע, וואָלט איך געזאָגט, ווי כ׳בין איצטער, פאָרנדיק מיט גאָכבערגן, געוווירע געוואָרן.

עמעס, באם אָנהייב האָט גאָכבערג גערעדט מיט א ביסל א שווערלעכער איוורע. לעמאָשל, „אינטענסיפיקאציע", „אגראָ־אינדוסטריִאליזאציע", „קאָמביניִרטע פאָרמירונגען" און אנדערע אזעלכע ווערטער, וואָס דאָס געוועזענע דאָרפס־ייִנגל האָט גאנץ נאטירלעך באנוצט, האָב איך אים אלעמאָל געדארפט א בעט טאָן, ער זאָל מיר צעקײַען ווו און ווען וואָס. און אזעלכע רייד, אשטייגער, ווי „אעראציע", „מוסקאט־אטאנעל", „סילוואנער", האָט ער מיר אינגאנצן געמוזט פארטײַטשן. דערנאָך אָבער איז ער געוואָרן פראָסטער, האָט אָנגעהויבן רעדן מיטן לאָשן פונעם אמאָליקן דאָרפס־ייִנגל. דאָס איז געשען דעמלט, ווען ער האָט דאָס ביסל שווערלעכע איוורע אונטערגעצויגן מיטן סאמע פּאָשעטסטן זאָג:

— מיר האָבן אָפגעטאָן א גרויס שטיקל ארבעט!

עס זײַנען אוועק פראָסטע געשיכטעס. אין קאָטאָווסקער ראיאָן טראָגן אזש דרײַ דערפער דעם נאָמען „גאלבענע" — געלע, דעריבער, אפּאָנעם, ווײַל די ערד איז דאָרט א זאמדיקגעלבלעכע. איין דאָרף הייסט אפילו „סאראטע גאלבענע" — אי געלע, אי געזאלצענע. באלד הינטער קאָטאָווסק, דאָרט, ווו עס הייבן זיך איצטער אָן די ווײַנגאָרטן־פלאנטאציעס, איז ביז גאָכבערגן געווען א פלאץ, וווהין מע פלעגט ארויספירן מיסט, אָפפאלעכץ, אומרייני־

קײַט. מע פלעגט דאָס פלאַץ רופן „אימפּוציייטע“ — דאָס פאַריפּעשטע. די מענטשן, וועלכע האָבן מיט די בולדאָזערס צעגראָבן און אויסגעגלײַכט דעם פלאַץ, האָבן געהויבן מיט די אקסל:

— אפילע ציגן קריכן אהער ניט!

ער האָט זיך געקריגט מיטן ראַיויספּירקאָם, זיי האַבן אים פאַרקלאָגט פאַר קעשענעוו: וואָס טוט ער? וווּהין וועט מען אהינטאָן דאָס מיסט פון דער שטאָט?

באַלד נאָך דער מילכאָמע האָט ער אָנגעהויבן פון א פּאָשעטן ארבעטער אין א ווײַנזאַוואָד. מיט דער צײַט איז ער געוואָרן בריגאַדיר, דערנאָך — טעכנאָלאָג, דערנאָך האָט מען אים געשיקט זיך לערנען קיין מאָסקווע. נאָך מאָסקווע איז ער עלף יאָר געווען אין ווײַנזאַוואָד דירעקטאָר. דערנאָך האָט מען אים געמאַכט דירעקטאָר פונעם קאָטאָווסקער זאַוואָדסאָווכאָז „וויקטאָריע“. אין איין־און־זיבעציקסטן יאָר אָרגאַניזירט זיך די פאַרייניקונג. איצט איז ער אי דירעקטאָר פון „וויקטאָריע“, אי גענעראַל־דירעקטאָר פון דער פאַרייניקונג.

— מע דאַרף נאָר האָבן געזונט! — טוט ער ווידעראַמאָל זייער פּראָסט א זאָג.

אין דרײַגאָרנדיקן „ווײַנציכטלער־הויז“, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן קימאַט אין דער מיט מאַסיוו, איז אויבן, העכער פונעם דריטן גאָרן, פאַראַן אן אָפענע קײַלעכדיקע טעראַסע. מיר גייען מיט גאָכבערגן ארום די טעראַסע און האָבן פאַר די אויגן, ווי אף דער דלאָניע, איין גרינעם יאַם שורעס — שורעס ווײַנשטאָקן, וואָס רינגלען זיך אוועק אין אלע פיר זײַטן אָן א סאָף און אָן אן עק. אָ־דאָ־אָ, קעגן דער־אָ פאַנאָראַמע, איז דאָס סאַמע פּאַסיקסטע אָרט, טרוקענע ציפערן זאָלן שוין גאָרניט אויסזען טרוקן. און ער כעזשבנט, אבע יאַקאָוולעוויטש:

אין דער פאַרייניקונג ארבעטן צוועלף טויזנט מענטשן. פינף הונדערט ספּעציאַליסטן מיט העכער און מיטעלער בילדונג. די פאַרייניקונג פאַרמאָגט צען ווײַן־זאַוואָדן. איצט בויט זיך דער עלפטער — דער סאַמע גרעסטער און מאָדערנסטער, אף פערציק טויזנט טאָן. שוין איצט לאָדט די פאַרייניקונג אויס יעדן טאָג דרײַסיק וואַגאָן ווײַן. אין אלע גרויסע שטעט פונעם לאַנד. און אין אויסלאַנד — אין פּוילן, דײַטשלאַנד, אונגאַרן. אין קומענדיקן, צענטן פינפיאָר וועט דער מאַסיוו באַשטיין פון פופצן טויזנט העקטאַר ווײַנגערטנער. פינף הונדערט טראַקטאָרס און אכט הונדערט אווטאָמאַשינען וועלן דעם מאַסיוו באַארבעטן. צען העליקאָפּטערס וועלן אים באַגיסן, באַשפּריצן. הונדערט פופציק מיליאָן רובל האַכנאָסע. זיבעציק מיליאָן רעווע. פון ארבעטן מיט די הוילע הענט — ביז אבסאָליוטער מעכאַניזאַציע, אבסאָליוטער אינדוסטריִעלער באַארבעטונג. פון אלעפבייס ביז אינטעגראַלן — טוט ער ווידער א באַנוץ, גאָכבערג, א הויך־שווערלעך וואָרט.

פּראָסטע, און עפּשער גאָרניט אזעלכע פּראָסטע געשיכטעס.

אפן וועג צוריק, דורכפאָרנדיק ווידער קאָטאָווסק, האָט אבע יאַקאָוולעוויטש אָפּגעשטעלט די מאַשין, געזעגנט זיך מיט מיר און געהייסן דעם שאָפער צופירן מיך אהיים, קיין קעשענעוו. די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק. ערעוו זון־פאַרגאַנג האָבן די צווייי רייען נוסנביימער אין ביידע זײַטן וועג, די העלע בעטאָנענע סלופּיקלעך צווישן די שורעס ווײַנשטאָקן, די געשניצטע דעכלעך אף די ברינעמער און אלע זיבעצן זאַכן ארום אויסגעזען שענערע און, דאַכט זיך, איצטער היימישערע. בא א שאָפער קאָן מען אמאָל, ווי באַוווּסט, הערן אזוינס, וואָס דער באַלעבאָס אליין וועגן זיך וועט עס קיינמאָל קיינעם ניט זאָגן. די מאַשין איז געלאָפן, און דער שאָפער האָט דערציילט, אז אבע יאַקאָוולעוויטש שטייט טאָמיד אוף, ווען גאַנץ קאָטאָווסק שלאָפט נאָך. אפילע די האָנען אין די הויפן דערשפּירן ניט אזוי דעם ערשטן שפּראָץ אף טאָג, ווי ער דערשפּירט אים. ווען גאָכבערג פאָרט זיך אמאָל דורך אף די פעלדער מיט דער פרוי זײַנער, מיט קלאַרע סאַמוילאָוונען, און מיט זייער טעכטערל, מיט סאָניען, האָבן זיי צו אים טײַנעס, אז ער זיצט אין דער מאַשין און קוקט מערער צו דער ערד, ווי צו זיי. ווען ער קערט זיך אמאָל אום פון א קאָמאַנדירונג צי פון אן אורלויב, פאָרט ער דאָס ערשטע ארוף אפן פעלד, גיט דאָס ערשטע אָפּ שאָלעם די ווײַנגערטנער, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט. אבע יאַקאָוולעוויטש, — האָט דער שאָפער א זאָג געטאָן, — האָט אופגעשטעלט א וווּנדערלעכן אָנדענק, אן אָנדענק אף דאָר־דוירעס.

כ'האָב א טראַכט געטאָן וועגן גאָכבערגס „מע דאַרף נאָר האָבן געזונט“ און האָב עס אים געווונטשן פונעם טיפן הארצן.

5

פּאָלג מיך א גאַנג — פון קאָטאָווסק ביז ליפּעצק.

כ'בין אָנגעקומען קיין ליפּעצק פאַרטאָג — דורך די וואַגאָן־פענצטער האָט אין דרויסן נאָרוואָס אָנגעהויבן ליכטיק ווערן. אף די גאַסן, פונעם וואָקזאַל צום שטאָט־צענטער, האָט זיך שוין געראַשט, די שטאָט איז שוין געווען אוף. דער טאָג האָט זיך גראַדע אויסגעגעבן א וואַרעמער און זוניקער. כאָטש דאָס איז פאָרגעקומען סאָף סענטיאַבער, אין די ערשטע אָסיען־וואָכן. כ'האָב שוין דערציילט, וויאַזוי כ'האָב זיך די דאָזיקע מעטאַלורגישע שטאָט פאָרגעשטעלט,

און וויִאַזוי כ׳האָב זי דערזען. אויך א סאָפּסענטיאַבער־טאָג אין טיף רוסלאַנד האָב איך זיך פֿאָרגעשטעלט אַנדערש.

דיביימער, זע איך, זײַנען נאָך קימאַט אינגאַנצן גרין; עס פֿאַלן נאָך קיין געלע בלעטער ניט; די זון וואַרעמט באַלד פֿון גאַנצפֿרי אָן; מענטשן גייען נאָך אָנגעטאָן אין זומערדיקע קאָסטיומען, אַפילו אין הוילע העמדלעך מיט קורצע אַרבל; איך איינער זיץ אין טראַמוויי אָנגעפּעלצט אין אַ מאַנטל, זע אויס ווי אַ קליינשטעטלדיקער אין אַ גרויסער שטאָט, לעכאַלהאַפּאַכעס, ווי איינער, וואָס איז איצטער אַהער אָנגעפֿאָרן ערגעץ פֿון צאָפֿן און ניט פֿון דאָרעם.

די טעלעגראַמע אין דער ליפּעצקער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע — מע זאָל מיך באַגעגענען, אײַנאָרדענען אין אַ האָטעל און אַרויסהעלפֿן אין וואָס כ׳וועל זיך נייטיקן, — האָט אַ ביסעלע פֿאַרשפּעטיקט. די פּאָטשטאַליאָנקע האָט זי שוין איין מאָל גֶעבראַכט אַהער, נעכטן פֿאַרנאַכט, ווען די שרײַבער־אָרגאַניזאַציע איז שוין געהאַט געווען פֿאַרמאַכט. און ווען זי האָט זי איצט אַרײַנגעבראַכט צום צווייטן מאָל, בין איך שוין דאָ אַליין געזעסן לעבן סעקרעטאַר, דעם פּראָזאַיִקער וולאַדימיר אַנדרייעוויטש דאָבריאַקאָוו, און בײדע זײַנען מיר שוין לאַנג געווען היימיש צווישן זיך.

— כ׳האָב זי ניט געוואָלט אַרײַנוואַרפֿן אין פּאָטשט־קעסטל, — האָט זיך די פּאָטשטאַליאָנקע פֿאַרענטפֿערט, — כ׳ווייס? אַ וויכטיקע טעלעגראַמע, דאַרף מען זי אָפּגעבן אין דער האַנט אַרײַן. גאַנצפֿרי האָבן מיר באַלד געקלונגען, האָט נאָך קיינער ניט אויפֿגעהויבן דאָס טרײַבל...

נאָר סײַוויסײַ איז די טעלעגראַמע געווען אַן איבעריקע זאַך. אין אַ האָטעל האָב איך זיך אַליין ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט. און דאָבריאַקאָוו, זע איך, וואָלט מיר בעמיילע אין אַלצדינג געווען אַרויסגעהאָלפֿן אָן אַ טעלעגראַמע. ער האָט מיר שוין וועגן ליפּעצק דערציילט אַ סאַך זאַכן. כ׳האָב שוין געוווּסט, אַז עס זײַנען דאָ פֿאַראַן עלף שרײַבער, מיטגלידער פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד. ער האָט מיך וועגן יעדן באַזונדער עפּעס־וואָס אײַנקורצן באַוווּסט געמאַכט. מער ווי וועגן יעדן האָט ער גערעדט וועגן יוליע שיפּרינע, אַ פּראָזע־שרײַבערן, וועלכע האָט מיט אַכט יאָר צוריק אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכל אירס, אַ ביכל אויף ייִדישער טעמאַטיק, קאָן מען זאָגן, און איז אַדאַנק דעם ביכל אין צוויי יאָר אַרום געוואָרן אַ מיטגליד פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד. זי איז איצטער אַ פֿרוי בײַ די זיבעציק, אַ געוועזענער אינזשעניער, האָט אָנגעהויבן שרײַבן, ווען זי איז אַרויס אויף פּענסיע. אין איר ערשטן ביכל באַשרײַבט זי אירע יעקאַטערינאָסלאַווער קינדעריאָרן. זייער טאַלאַנטירט אָנגעשריבן. אויב איך וויל, זאָגט דאָבריאַקאָוו, וועט ער גיין מיט מיר מיך באַקענען מיט איר. אָט וועט ער באַלד אָנקלינגען אין שפּיטאָל, זי איז אַ כוידעש צײַט געלעגן קראַנק. ער איז די טעג געווען בײַ איר, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי שרײַבט זיך הײַנטמאָרגן אויס. אויב מ׳האָט זי שוין אויסגעשריבן, קאָנען מיר נאָך הײַנט צוגיין צו איר. זי האָט ביז אַהער געוווינט מיט אַ טאָכטער. איצט האָט זי באַקומען אַ באַזונדערע דירע. און פֿונעם שפּיטאָל שרײַבט זי זיך גלײַך אויס אין דער נײַער דירע אַרײַן. ס׳איז נאָך דאָרט ניטאָ קיין טעלעפֿאָן, אָט וועט ער באַלד אַ קלונג טאָן אין שפּיטאָל. ער האָט סײַוויסײַ געטראַכט צוגיין אַ קוק טאָן, וואָס זי טוט, וויִאַזוי זי האָט זיך אײַנגעאָרדנט. זי וועט זײַן זייער צופֿרידן מיט אונדז. ס׳וועט זײַן בײַ איר אַ צווייענדיקע פֿרייד.

דאָבריאַקאָוו האָט אָנגעקלונגען אין שפּיטאָל, געקלונגען צו שיפּרינעס טאָכטער. יאָ, די מאַמע איז שוין אין דער היים, בײַ זיך אין דער נײַער דירע, פֿילט זיך גוט, און מיר ווען אָפּדערנאַכט קאָנען גיין צו איר. דערנאָך האָט ער גערעדט דורכן טעלעפֿאָן מיטן זשורנאַליסט אַנאַטאָלי באָיוקאַנסקי — אַ מענטש, וועלכער איז, ווי דאָבריאַקאָוו האָט אים פֿאָרגעשטעלט, אויסגעקאָכט אין שטאָל־שמעלצערײַ, טאָגט און נעכטיקט אויפֿן נײַ־ליפּעצקער מעטאַלורגישן זאַוואָד, האָט וועגן זאַוואָד און בִּיכלאַל וועגן אַרבעטער־לעבן אָנגעשריבן עטלעכע ביכלעך. אַ ווילער באָכער, ער וועט מיך אין אַלץ מאַכן באַקי, מיר פֿאַרשפּאָרן אַ סאַך אומזיסטיקע גענג. מיר האָבן זיך דורכן טעלעפֿאָן מיט באָיוקאַנסקין באַקענט, אָפּגערעדט באַגעגענען זיך מאָרגן־איבערמאָרגן טאַקע דאָ, אין דער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע.

דערווײַל איז דאָבריאַקאָוו אַרויס מיט מיר דורכשפּאַצירן זיך אַ ביסל אין שטאָט. מיר האָבן זיך אויפֿגעהויבן אויף טרעפּ דורכן ליפּעצקער שטאָט־פּאַרק, און דאָבריאַקאָוו האָט מיר געוויזן די סאַנאַטאָריע „ליפּעצקער מינעראַל־וואַסער", די ערשטע און איינציקע סאַנאַטאָריע אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

אין דרויסן לעבן דער סאַנאַטאָריע האָב איך פֿון אַ קרענטל, ספּעציִעל, אָפּגענעם, אַן אַרויסגעצויגנס פּאַר דורכגייער, פֿאַרזוכט די הײלוואַסער, וואָס קוועלט שוין דאָ באַלד דרײַ הונדערט יאָר, און געהאַט אַ גוט געפֿיל: אינאיינעם מיט דאָבריאַקאָווס וואַרעמקײַט האָט מיר דער דאָזיקער טרונק וואַסער אויסגעזען דאָס ברויט־און־זאַלץ, וואָס אָ־די אַלט־נײַע רוסישע שטאָט האָט מיר בײַ מײַן ערשטן באַגעגענען זיך מיט איר אַנטקעגנגעטראָגן.

כ׳בין שפּעטער, פֿאַרנאַכט־צו, — דאָבריאַקאָוו איז אויף אַ פּאָר שאָ צוגעלאָפֿן אַהיים, — אומגע־

גאן אין די זאלן פונעם ליפּעצקער געגנט־מוזיי. דער מוזיי שטייט אין סאמע מיט שטאָט, קען מען זאָגן. ס׳איז דאָ א שיין ביסל יאָרן געשטאנען אן אלטער רוסישער קלויסטער. די זאלן אינעווייניק, צונויפגעשטעלטע פון דינע ווענטלעך, עס זאָל, זעט אויס, קיין סך פּלאץ ניט פארנעמען, פארמאָגן קיין סטעליעס ניט, איבערן קאָפּ זעט זיך אָן דער אמאָליקער הויכער קופּאָל, און ארום־און־ארום, אַף די שמאָלע פענצטער — פארצײַטיקע קאָלירטע קלויסטער־וויטראזשן. כ׳בין אין די עטלעכע זאלן דורכגעגאנגען ליפּעצקער אלטע און נײַע געשיכטע. ס׳האָט זיך מיר, מער ווי עפּעס אנדערש, פארקריצט אין זיקאָרן, אז ליפּעצק פארמאָגט אריבער פופציק העלדן פון סאָוועטנפארבאנד. כ׳האָב געזען א באזונדער ווינקל אויסגעטיילט דעם שרײַבער סאדאַינקאָ, אן אָנפירער פון פּארטיזאנישע אָטריאדן אין טשעכאָסלאָוואקיע. ער האָט דעמלט געטראָגן שווארצע בודיאָנישע וואָנצעס, און אָט די וואָנצעס זײַנען ניט איין דײַטש געקומען צו כאָלעם: די פאשיסטן האָבן מוירע געהאט איימעס־מאָוועס פארן איינעם נאָמען זײַנעם און פלעגן אים רופן „דער שווארצער גענעראל״. אין עטלעכע טעג ארום האָב איך זיך באקענט מיט סאדאַינקאָן טאקע דאָ, אין דער שרײַבער־אָרגאניזאציע. א פּאָשעט מענטשל, א מאָגערער און אפילע גאָר קיין הויכער ניט, איז געזעסן און געשפּילט מיט דאָבריאקאָוון אין שאָך, גערייכערט א ציגאַרעט און מיטן קליינעם פינגערל פון דער האנט אָפּגעטרייסלט אין אשבעכער דאָס אש פונעם ציגאַרעט. ער האָט נאָך די אמאָליקע בודיאָנישע וואָנצעס ניט אָפּגעשוירן, אפילע ניט פארקירצט. נאָר די וואָנצעס זײַנען איצט, — ווי עס פּאסט זיך, אַפּאָנעם, מערער פאר א שרײַבער, — ניט שווארץ, נאָר ווײַס.

אפדערנאכט איז דאָבריאקאָוו געקומען צו מיר אין האָטעל, און מיר זײַנען אוועק צו שיפּרינען. ס׳איז שוין געווען א ביסל שפּעטלעך, און מיר האָבן זיך שוין געשלאָגן מיט דער דייע — יאָ גיין צי ניט גיין. נאָר דאָבריאקאָוו האָט געזאָגט, אז יוליע שיפּרינע איז ניט דער מענטש, וואָס וועט קוקן: פרי — שפּעט. פארקערט: אין יעדער צײַט האָט מען אָן צערעמאָניעס גענומען און מ׳איז געקומען.

שיפּרינע איז געזעסן קעגן אונדז אפן בעט, די פיס אראָפּגעלאָזט צום דיל, פארשמאָלט אין ארופגעכאפּטן כאלאט, און טאקע אויסגעזען ווי א מענטש, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אויסגעשריבן פון א שפּיטאָל. כאָטש זי איז שוין ניט קיין יונגע פרוי און מע זעט שוין ניט אַף איר פּאָנעם גאָר קיין סך סימאָנים פון יונגקײַט, האָב איך, קוקנדיק אַף איר, געטראכט, אז זי קער נאָך אוואדע זײַן פול מיט יונגשאפט — מע קען ניט, ווייס איך, באשרײַבן קיין קינדער־יאָרן, קיין יוגנט־יאָרן און דערבײַ אליין ניט יונג ווערן. אין צווייטן ביכל אירן באשרײַבט זי דאָס לעבן פון יונגע פארקויפערנס אין אן אוניווערסאלן מאגאזין. דאָס דריטע ביכל איז וועגן אירע יעקאטערינאָסלאווער יוגנט־יאָרן. איצט האָט זי אָנגעשריבן דעם דריטן יעקאטערינאָסלאווער טייל — דניעפּראָפּעטראָווסק אין די דרײַסיקער יאָרן. אלע דרײַ טיילן גייען אינגיכן ארויס אינאיינעם אין וואָראָניעזשער צענטראלן ביכער־פארלאג.

א נאָמען, טראכט איך, ניט גאָר קיין באקאנטער אין דער ליטעראטור ניט גאָר קיין מאָריש־אוילעמדיקער, נאָר — אן אויסטערלישער, א באזונדערער.

אָפּגעארבעט א גאנץ לעבן אלס אינזשעניער, אויפגעצויגן קינדער, אָפּט איבערגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, דורכגעמאכט אזוינס, וואָס אין א גאנץ לעבן קען א מענטש דורכמאכן; און אַף דער עלטער, אין די יאָרן, וועלכע זײַנען איר געגעבן געוואָרן, קאָן מען זאָגן, אַף אָפּצורוען זיך, ערשט אָנגעהויבן פון אן אנדער טועכץ — א ביסעלע, דאכט זיך, א שווערערס, ווי דאָס טועכץ פון אן אינזשעניער. און עס טוט זיך. און טוט זיך ניט שלעכט. מיטן ברען און מיט דער אקשאָנעסדיקײַט פון אן אָנהייבער. נאָך א טרעפּל און נאָך א טרעפּל. בארג־ארויף, בארג־ארויף. איין לעבן איז מיר געשענקט געוואָרן — א צווייט לעבן וועל איך מיר אליין נעמען.

איך און דאָבריאקאָוו זײַנען געזעסן אין דער מיט צימער, אַף צוויי אוועקגעשטעלטע בענקלעך. קיין איבעריק מעבל איז נאָך אין צימער ניט געווען. טיר־און־פענצטער האָבן נאָך געשמעקט מיט פרישער פארב. אונדזערע רייד האָבן אין צימער נאָך אָפּגעהילכט מיט א ווידערקאָל. דער שמועס איז איבערגעגאנגען אַף ייִדישער ליטעראטור, און יוליע שיפּרינע האָט באמערקט, אז בערגעלסאָנען האָט זי, פארשטייט זיך, געלייענט אַף רוסיש, נאָר אין דער ביבליאָטעק אירער שטייט א באנד בערגעלסאָן אין ייִדיש.

זי האָט אָנגעהויבן זוכן צווישן די פּעקלעך ביכער, וואָס זײַנען נאָך דערווײַל געלעגן, פּעקל לעבן פּעקל, אפן דיל אין א ווינקל — ווײַזן, אז אין איר ביבליאָטעק געפינען זיך נאָך ייִדישע ביכער, כאָטש קיין ייִדיש קען זי ניט, ס׳הייסט, זי קען קוים־קוים, א פּאָר ווערטער.

עמעצער פון אונדז האָט דערמאָנט אין זײַנע רייד די ווערטער „סאָוועטישע ייִדן״, און דאָבריאקאָוו האָט א פרעג געטאָן, וועמען קאָן מען, אשטייגער, מערער רעכענען פאר א סאָוועטישן ייִדן: אזעלכן, וואָס שרײַבט אָדער רעדט

ייִדיש, צי אַזעלכן, וואָס שרײַבט און רעדט אַף רוסיש אָדער אַף אַנדערע שפּראַכן.

שיפּרינע האָט, אַן ערעך, געענטפֿערט אַזוי:

— שפּראַך איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין קלייניקייט. אַ שרײַבער, ביפּראַט, ווייסט עס זייער גוט. נאָר אַ סאָוועטישער ייִד האָט אין זיך אַזויפֿיל איקערדיקס, אַזויפֿיל איקער־שטריכן, טאַקע ווײַל ער איז אַ סאָוועטישער ייִד, אַז שפּראַך איז צווישן די אַלע שטריכן שוין גאָר ניט דאָס סאַמע איקערדיקסטע. דעם סאָוועטישן ייִדן האָט געבוירן די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ער האָט זי פֿאַרטיידיקט קעגן די ווײַסע שוואַרצמייעניקעס, וועלכע האָבן זײַנע מאַמעס און טאַטעס געקוילעט אין די פּאָגראָמען. ער האָט איבערגעלעבט טיפֿוס־יאָרן, הונגער־יאָרן, דערצויגן זיך אין קינדערהיימען, געלערנט זיך אין ראַבפֿאַקן, דערגאַנגען ביז צו רויטער פּראָפֿעסור, ביז סאַמע העכסטע אינסטיטוטן. ער איז געפֿאַלן אַפֿן שלאַכט־פֿעלד קעגן היטלערן און איינענעם מיטן גאַנצן סאָוועטישן היימלאַנד זײַנעם היטלערן בײַגעקומען. דער סאָוועטישער ייִד שמעלצט שטאָל, זיצט בײַ דער ניימאַשין, היילט קראַנקע, גיט אָפּ אַף דער וועלט פֿידל־קאָנצערטן. דער סאָוועטישער ייִד איז נײַע געשיכטע. און אין געשיכטע, וואָס באַשטייט, ווי באַוווּסט, פֿון מײַסים, באַטײַט שפּראַך, פֿאַרשטייט זיך, אויך עפּעס, נאָר, כּלעבן, ניט דאָס סאַמע איקערדיקסטע. דער סאָוועטישער ייִד, מיין איך, איז אי דאַוויד בערגעלסאָן, אי מיכאַיל סוועטלאָוו...

— און דער סאָוועטישער ייִד, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, — אַז ער גייט אַרויס אַף פּענסיע, לאָזט ער זיך ניט, הייבט ער ערשט אָן שרײַבן ביכלעך...

— נו. מײַנע ביכלעך ציילן זיך נאָך ניט אין כּעזשבן. גלייבט מיר, כ׳האָב די ערשטע זאַך מײַנע אָנגעשריבן גלאַט אַזוי, פֿאַר זיך. דאָס האָט דאַבריאַקאָוו געטײַנעט, אַז זי האָט פֿאַר אַן אַנדערן אויך אַ שטיקל ווערט. אויב עס פֿעלט עמעצער אין כּעזשבן, איז עס ער — וואַסילי אַנדרייעוויטש דאַבריאַקאָוו...

איבערמאָרגן, מאָנטיק, האָב איך זיך באַגעגנט מיטן זשורנאַליסט אַנאַטאָלי באַיוקאַנסקי. כ׳שפּרינג איבער צו באַיוקאַנסקין, ווײַל כ׳וויל פֿאַרענדיקן מיטן קאַפּיטל ליפּעצקער פּען־מענטשן, מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַקענט. צווייטנס — ווײַל בײַ באַיוקאַנסקין, בײַ וועמען כ׳בין אַ סאַך געווירע געוואָרן וועגן נײַ־ליפּעצקער מעטאַלורגישן זאַוואָד, האָב איך, פּונקט ווי בײַ שיפּרינען, אויך געהערט אַ פּאָר פּיקאַנטע זאַכן וועגן זײַנע קינדער־יאָרן.

דער פֿאָטער זײַנער, לעמאַשל, באָריס באַיוקאַנסקי, האָט אַלע יאָרן געקאָכט אַנבײַסנס אין אַ מאָסקווער רעסטאָראַן. ער איז אַזוי געוואָרן פֿאַר־ליבט אין דער דאָזיקער ווײַבערישער אַרבעט זײַנער, האָט אין איר אַרײַנגעלייגט אַזויפֿיל נעשאָמע, אַז דאָס גאַנצע לעבן זײַנס פֿלעגט ער נאָך דער אַרבעט זיצן און צונויפֿשטעלן אַ קאָך־בוך, וואָס האָט זיך שפּעטער אפֿילו אָפּגעדרוקט און האָט געהייסן „די מײַסטערשאַפֿט פֿון צוגרייטן מײַכאָלים".

אַנאַטאָליס זיידע, זינאָווי באַיוקאַנסקי, האָט געוווינט אין אָדעס. דאָס האָט ער, דער זיידע זינאָווי, צוגעטראַכט די באַוווּסטע קאָך־מאַשינקע קעראָגאַז. מע פֿלעגט זי אַזוי טאַקע רופֿן: „קעראָסינקאַ באַיוקאַנסקאָוואַ". דאָס אייניקל, דער זשורנאַליסט, פֿאַרהיט נאָך הײַנט באַ זיך, ווי אַ מין רעליקוויע, אַ פֿאַרגעלטן אויסשנײַט פֿון אַ צײַטונג, וווּ עס רעדט זיך וועגן זיידן דעם דערפֿינדער, און עס זאָגט זיך וועגן זײַן דערפֿינדונג, דער קעראָגאַז־מאַשינקע, אַז זי קאָכט אי גיך, אי אָן זשום, אי עקאָנאָמיש, אי באַטאַמט.

נאָר אין די אַכט ביכלעך, וואָס אַנאַטאָלי באַיוקאַנסקי האָט ביז הײַנט אַרויסגעגעבן, איז וועגן די אַלע זאַכן קיין איינע פּאָר שורעס ניט פֿאַראַן. שיפּרינע שרײַבט וועגן אירע קינדער־יאָרן, וועגן איר שטאָט, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, וועגן אירע כאַווערטעס, אירע שכיינעס, אירע באַלעבאָסטעס — וועגן זיך. באַיוקאַנסקי שרײַבט נאָר וועגן אַנדערע. נאָר וועגן אַזעלכע, זאָגט ער, וואָס האָבן באַזונדערס פֿאַרדינט, מע זאָל וועגן זיי שרײַבן. ווער איז גערעכטער? צי עפּשער גייט דאָ פּאַשעט אין כּילעק צווישן דיכטונג און בעלעטריסטיק, בעלעטריסטיק און פּובליציסטיק?

מיר איז אַוואַדע נעענטער שיפּרינעס גאַנג. נאָר ווער ווייסט? עפּשער איז גאָר דער צווייטער גאַנג ברייטער, אויב ניט נאָך העכערדיקער?

יעדער שרײַבער, ווייסט מען וויל, דאַרף האָבן זײַן באַזונדערן גאַנג. ער דאַרף אָבער, מיין איך, דערבײַ טראַכטן, אַז אַזאַ גאַנג איז ניט דער איינציקער.

און פֿאַר אַ צווייטן שרײַבער — ניט דער בעסטער.

6

דער נײַ־ליפּעצקער מעטאַלורגישער זאַוואָד איז צעשפּרייט אַף יענער זײַט טײַך וואָראָניעזש, פֿאַרנעמט קימאַט אַ העלפֿט שטאָט, און די שטאָט אײַנגאַנצן מיטן טײַך אין דער מיט ליגט, ווײַזט זיך אויס, אַף דער ערד, ווי אַ צעעפֿנט בוך.

אין דער אַלייע, וואָס פֿירט צום צענטראַלן אַדמיניסטראַציע־ביניען פֿונעם זאַוואָד, שטייען אויסגעשטעלט די הויכע, צווייטמעטערדיקע פּאָרטרעטן — זאַוואָד־טוער, באַלוינטע מיטן לעניך־

אָרדען. מע זעט צווישן זיי גריגאָרי באָריסאָוויטש ראבינאָוויטשן — אן אלט־באקאנטער נאָמען אפן זאוואָד, א מענטש אין די יאָרן, א ספעציִאליסט א דאָמענשטשיק, וועלכער האָט אין זײַן לעבן געלאָזט אין גאנג צענדליקער דאָמנעס און שטעלט דאָ איצטער אויף א נײַע דאָמנע, וואָס וועט זײַן איינע פון די גרעסטע דאָמנעס אין דער וועלט.

לײדער, האָב איך זיך מיט ראבינאָוויטשן ניט באגעגנט. ער פירט אָן מיטן זאוואָדישן פארפולקומונגס־אָפטייל, און איז גראָד אין די טעג, ווען כ׳בין געווען אין ליפעצק, אוועקגעפאָרן אין א ווײַטער קאָמאנדירונג.

איך וויל ניט אָנרופן פינקטלעך די צאָל קילאָמעטערס אָדער העקטארן, פון וויפל עס באשטייט די לענג און די ברייט פונעם זאוואָד. כ׳האָב די צאָל ניט פארשריבן און וויל זיך ניט פארלאָזן אפן זיקאָרן. וויל ניט פארמינערן און וויל ניט, עס זאָל אויסזען איבערגעטריבן.

כ׳ווייס נאָר, אז ווען דער סעקרעטאר פון דער זאוואָדישער פארטיי־ביוראָ האָט מיר א זאָג געטאָן, אז מירן באלד גיין באקענען זיך מיט א צעך, האָט ער ארויסגערופן א מאשין, און מיר זײַנען אהין ניט געגאנגען, נאָר געפאָרן. ארײַנגעפאָרן אין זאוואָד־טויער און היפש לענגלעך אומגעפאָרן אף גאנצע גאסן, מיט טראָטוארן אין ביידע זײַטן, גאס־אײַן, גאס־אויס, ביז מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט לעבן דער פירגאָרנדיקער צעך־אדמיניסטראציע, ניט קיין קלענערער ביניען, איידער דער צענטראלער אדמיניסטראציע־ביניען.

און צעכן, פארשטייט זיך, פארמאָגט דער זאוואָד ניט קיין איינעם און ניט קיין צוויי. און כוץ די צעכן, האָט ערשט דער זאוואָד א גאנצע אגלאָמעראט־פאבריק. און איין צעך, דער פראָקאט־צעך, לעמאָשל, האלט גאנצע צוואנציק העקטאר. און פון אזעלכע צעכן, אדמיניסטראציע־ביניאָנים, סקלאדן, לאבאָראַטאָריעס, צוזאמענוווינונגען, קלובן, מעדפונקטן, פאווילִיאָנען באשטייט די זאוואָד־טעריטאָריע.

דער סעקרעטאר פון דער פארטיי־ביוראָ וויקטאָר מיכײַלאָוויטש סאטקונסקי האָט מיר געזאָגט, אז אפן זאוואָד ארבעטן 27 נאציִאָנאליטעטן. כ׳האָב געזען, אז ער האָט געהאט האנאָע, וואָס ער האָט מיר געקענט א זאָג טאָן: „אונדזער זאוואָד איז אן אינטערנאציִאָנאלער". לעבן אוזבעקן, מאָרדווינער, פאָליאקן, גריכן, קאָרייער, קאזאכן, ציגײַנער און אפילע כאנטער, וואָס סאטקונסקי האָט צווישן אנדערע אויסגערעכנט, . האָב איך זיך דערפרייט מיט עטלעכע לאנדסלײַט מײַנע — מאָלדאוואנער.

וויקטאָר מיכײַלאָוויטש האָט אָנגעהויבן אָנרופן ייִדישע נעמען. עטלעכע נעמען האָב איך פארשריבן. און גיב זיי דאָ איבער אין דעם סיידער, ווי כ׳האָב זיי געהערט:

נאומאָוו סעמיאָן אבראמאָוויטש — דירעקטאָר פונעם זאוואָדישן קולטור־הויז; בעלינסקי סאמויִל באָריסאָוויטש — שטעלפארטרעטער פון זאוואָד־דירעקטאָר; מעלאמוד אדאָלף מיכײַלאָוויטש — שטאָלגיסער, פאָרזיצער פון צעך־קאָמיטעט; פראדקין אלעקסאנדער נאומאָוויטש — שעף פונעם פראָקאט־צעך; ברעסלער באָריס סעמיאָנאָוויטש — הויפט־דאָקטער אין דער זאוואָדישער מעד־פארייניקונג; לאזאָווסקי איליא יאָסיפאָוויטש — שעף פון דער טעכנישער אויסשולונג אפן זאוואָד; רײַניש לאזאר איסאקאָוויטש — צעך־מעכאניקער; קרוליוועצקי סעמיאָן אראָנאָוויטש — הויפט־ספעציִאליסט אף אָן־איבערײַס־שמעלצונג אין קאָנווערטאָרן־צעך; קארעטני זאלמען פינכאסעוויטש — שטעלפארטרעטער פונעם צעך־שעף אין צווייטן פראָקאט־צעך („דער גרעסטער פראָקאט־צעך אין לאנד"); זעמין סעמיאָן לאזארעוויטש — הויפט־אינזשעניער פון דער אגלאָפאבריק; בראוומאן אלעקסאנדער איסאקאָוויטש — עלעקטראָמאָנטיאָר, שעף פון דער עלעקטראָסטאנציע אפן זאוואָד; בערנבליום גענאדי באָריסאָוויטש — אינזשעניער, שעף פון דער זאוואָדישער טעפלאָטעכנישער לאבאָראטאָריע; בוכבינדער איזראעל אבראמאָוויטש — מײַסטער אָטזשיגאלשטשיק; צייטלין הענעך אבראמאָוויטש — אינזשעניער...

פאָשעט אויסגערעכנטע נעמען גיבן אמאָל א רעליעף־ריכטיק בילד פאר די אויגן. אמאָל ניט ערגער, ווי ווען דאָס בילד וואָלט אָנגעצייכנט געוואָרן מיט ניט ווייניק שיין־אויסגעקווייטלטע שורעס.

דער סעקרעטאר האָט מיך איבערגעלאָזט אין א צעך, וועלכער הייסט דער עלעקטראָשטאָלשמעלץ־צעך: די אויוונס, אין וועלכע עס ווערט דאָ פון טשוהון־פליטקעס און מעטאל־ברוך אויסגעשמאָלצן שטאָל, — דער סאמע פײַנסטער, טראנספאָרמאטאָרן־שטאָל, ווי מע רופט אים דאָ, — ארבעטן אף עלעקטרע. כ׳בין געבליבן בא אדאָלף מיכײַלאָוויטש מעלאמודן אין קאבינעט. מעלאמוד אליין איז א „פראָסטער" שטאָלגיסער, שטייט טאָג־בא־טאָג מיטן לאנגן שטאָלגיסער־לעפל לעבן זיך, באם אָנגעגליטן שמעלץ־אויוון — שטייט שוין אזוי בא אזעלכע אויוונס באלד דרײַסיק יאָר. כוץ דעם, איז ער דער פאָרזיצער פונעם פראָפאריינישן צעך־קאָמיטעט. ער זיצט דעריבער איצטער דאָ אין צעכקאָם־קאבינעט, כאָטש ארבעט איצט ניט זײַן וואכטע; באם שמעלץ־אויוון שטייט אן אנדערער שטאָלגיסער, וועמען מעלאמוד דארף אין עטלעכע שאָ ארום פארבײַטן.

מעלאמוד איז א נידעריק־געוואקסענער, א פולבלעכער, פאַרמאָגט שוין אפן קאָפּ א שיין ביסל גראָוולעכע האָר, רעדט פּאַמעלעך, מיט א באַיִשעווט שמייכעלע אַף די ליפּן, זעט אויס, וואָלט איך געזאָגט, אפן ערשטן אָנבליק, ווי א ייִד א זייגערמאכער, און ניט ווי קיין לאנגיאָריקער, „פּאָטאָמסטווענער" שטאָלגיסער.

אפן זאוואָד, האָב איך זיך דערוווּסט, האלט מען פון מעלאמודן א שטיק וועלט. אוילעם, אלט און יונג, רופט אים ניט אדאָלף מיכײַלאָוויטש און אפילע ניט מעלאמוד, נאָר פּאָשעט, ווי אלע יאָרן — אליק.

אינײנעם מיט מעלאמודן ארבעטן אין צעך אי דאָס ווײַב זײַנס, ליודמילע מעלאמוד, אי בײדע זין זײערע — זשעניע און איגאָר.

זשעניע מעלאמוד פירט אין צעך א קראַן, זיצט העט־אויבן, קימאט אונטער דער סטעליע, אין קראַן־שטיבל, און מיט דער דאָזיקער אווטאָמאטישער הײבמאשין, וואָס רוקט זיך איבער אלעמענס קעפּ אין דער גאנצער ברײט פונעם צעך, ברענגט ער צו צום עלעקטרישן שמעלץ־אויוון קאָלערלײ מאטעריאלן, וועלכע מע טוט ארײַן אין שמעלצן. דער ייִנגערער זון מעלאמודס, איגאָר, איז אי רעמאָנט־שלאָסער אין צעך, אי סעקרעטאר פון דער צעכישער קאָמיוג־אָרגאניזאציע, אי א סטודענט אפן דריטן קורס אין ליפּעצקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט.

ליודמילע סעמיאָנאָוונע, מעלאמודס ווײַב, איז אין צעך א פולטאָוושטשיצע. זי שטײט באם פולט פון די עלעקטרישע שמעלץ־אויוונס און דיריגירט, קאָן מען זאָגן, מיטן שטאָל־שמעלצן. כ'האָב זי געזען אין אָנגעגלעזטן פולט־שטיבל ארומגערינגלט מיט אָן א שיר גרויסע און קלענערע ציפערבלאטן און ווײַזער־לעך, שאלטערס און קנאָפּקעס. א האנט האָט זי געהאלטן אָנגעשפּארט אף א שאלטער. זי האָט ערגעץ פארטיפט און אָנגעשטרענגט ארויסגעקוקט דורכן פעדערשטן גלאָז־ווענטל, גלײַך ווי דאָס פולט־שטיבל וואָלט איצטער ניט געשטאנען אף קײן אָרט, נאָר וואָלט געטראָגן זיך אין דער ווײַט מיט א מעסוקענער גיכקײַט. זי האָט א קוועטש געטאָן א קנאָפּקע, און דורך א טירל פון א שמעלץ־אויוון האָבן פײערווערקיש־שײַן אָנגעהויבן וויכערן צענדליקער בעזעמער שטאָל־פונקען. זי האָט ניט געהאט קײן צײַט צו רעדן מיט מיר. ס'איז מיר פארבליבן פאר די אויגן דאָס ענערגיש־פארפלאמטע פּאָנעם מיט די צוויי כײן־גריבעלעך אין די באקן פון דער דאָזיקער גאָר ניט יונגער פרוי, וואָס שטײט שוין אזוי און שמעלצט שטאָל אינײנעם מיטן מאן אירן, ווי מעלאמוד האָט מיר געזאָגט, א פּאָר צענדליק יאָר.

די מישפּאָכע מעלאמוד רופט מען אפן זאוואָד „די אַרבעטער־דינאַסטיע". בעפּײרעש — א דינאַסטיע. איגאָר און זשעניע פארמאָגן, הײסט עס, א פּאָטער א שטאָלגיסער. און די מאמע זײערע, ליודמילע מעלאמוד, האָט אויך געהאט א פּאָטער א שטאָלגיסער. איגאָר האָט מיר אין צעכקאָם־קאבינעט מיט א באזונדערער איבערגענומענקײַט א זאָג געטאָן:

— Дед еще был сталеваром!...

און דער צווײטער זײדע, דעם טאטנס טאטע, איז אויך ניט געווען קײן מעלאמעד. אלע זײַנע יאָרן האָט ער אין שטעטל וואָזנעסענסק, ניט ווײַט פון אָדעס, געארבעט אין א מאסלע־בוינע, בא א בוימל־פּרעס. געפאלן אפן פראָנט. אליק איז דעמלט געווען עוואקויִרט אין טשעליאָבינסק, געלערנט אין א פּעזעאָ־שול. בא פופצן יאָר האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן אין א טשעליאבינסקער מעטאלורגישן זאוואָד, לערנען זיך שמעלצן שטאָל בא אָן אלטן מײַסטער א שטאָלגיסער, וועלכער האָט אים ניט נאָר איבערגעגעבן אלע פּאך־סוידעס, נאָר ארײַנגענומען אים צו זיך אין שטוב ווי אָן אײגענעם און אים שפּעטער געגעבן, אזוי צו זאָגן, פאר א ווײַב די טאָכטער זײַנע — ליודמילען.

ווען מ'האָט אפן נײַ־ליפּעצקער זאוואָד אָנגעהויבן לאָזן אין גאנג דעם נײַעם שמעלץ־צעך, האָט מען אהין ארויסגערופן די בעסטע שטאָלגיסער פון לאנד, און אליק מיט ליודמילען זײַנען מיט די נאָך גאָר פּיצלעך קינדער זײערע איבערגעפאָרן פון טשעליאבינסק קײן ליפּעצק.

מעלאמוד איז אומגעגאן מיט מיר איבערן צעך, געפירט מיך אף אײַזערנע גאנעקלעך און בריקלעך. ער האָט מיר געגעבן אָנטאָן אפן קאָפּ א קאסקע. קײנער טרעט ניט אריבער די שוועל פונעם צעך אָן אזא־אָ קאסקע אפן קאָפּ.

אפּאָנעם, ווײַל ער איז פאָרזיצער פונעם צעך־קאָמיטעט, האָט ער אָפט באנוצט אין די רײד די ווערטער „מיר" און „אונדזער":

— אונדזער זאוואָד וואקסט פון שאָ צו שאָ. מיר וועלן הײַנטיקס יאָר געבן הונדערט מיליאָן טאָן מעטאל. עס קומען צו אונדז יעדן טאָג אויסלענדישע דעלעגאציעס. אכציק פּראָצענט פונעם סאמע קוואליטאטיווסטן שטאָל אין לאנד ווערט אויסגעגאָסן בא אונדז אין צעך...

מיר זײַנען געשטאנען מיט אדאָלף מיכײַלאָוויטשן אף א באלקאָנדל און געקוקט, ווי אונטן הײבן זיך אווטאָמאטיש אָן ארויסרוקן פון אָן אגרעגאט פריש־רויטע, דערווײַל נאָך גליִענדיק־הײסע, דיקע שטאָל־בלאָקן. ערשט מיט א מין פערטל שאָ צוריק האָבן זײ געבולבעט און געקאָכט זיך אין שמעלץ־אויוון, אויסגעגאָסן זיך דערנאָך אין קעסלען, ווי צעלאָזטער, פײַערדיק־באלויכטענער האָניק. די שטאָל־בלאָקן הײבן נאָך אָן דאָ אין צעך דורכמאכן א וועג

פון פארדינערן זיך און אויסיידלען זיך, ווערן אין מאשינען צעשניטן אַף טאָוולען, אָנגעלאָדן אין פארמאכטע וואגאָנדלעך און אָפּגעשיקט אין פּראָקאט־צעך, ווו דאָס פארפּײַנערן זיך, לײַטערן זיך און אויסראפינירן זיך ווערט דערפירט צו דער העכסטער מאדרייגע.

כ'בין דערנאָך געשטאנען מיט מעלאמודן לעבן א שמעלץ־אויוון. דאָס „טירל" פונעם אויוון איז געווען אָפן. באלד וועט זיך אָנהייבן קאָכן א נײַע פּארטיע שטאָל. כ'האָב געזען, און טאקע א ביסעלע געפילט, די אריבער טויזנטגראדיקע פלאמפײַערדיקײַט אין אויוון. מעלאמוד האָט מיר געוויזן, ווי מע טוט א כאפּ ארויס מיטן שטאָלגיסער־לעפל א ביסל זודיק שטאָל, קעדיי די לאבאָראטאָריע זאָל פארזוכן, צי דאָס שטאָל איז שוין פארטיק און צי ס'האָט שוין דעם „טאם", וואָס מע דארף. ער האָט דורכן טירל ארײַנגעוואָרפן אין אויוון ארײַן א פּאָר לאָפּעטעס מאגנעזיט־שטויב — די אָנגעהיצטקײַט זאָל א קאפּעלע קלענער ווערן, כ'זאָל אזוי ניט בייגן דעם קאָפּ אַף צוריק און זאָל אזוי ניט זשמורען די אויגן.

כ'בין געשטאנען און געטראכט, אז איך שטיי דאָ אזוי איינע עטלעכע מינוט, און דער דאָזיקער פולבלעכער, נידעריק־געוואקסענער מענטש, וואָס רעדט פּאמעלעך, מיט א באייִשעווט שמייכעלע אַף די ליפּן, און זעט גיכער אויס ווי א זייגערמאכער, איידער ווי א שטאָלגיסער, שטייט דאָ אָפּ א גאנץ לעבן.

א צווייט מאָל האָב איך אריבער א האלבן טאָג פארבראכט אין פּראָקאט־צעך. ס'איז מיט מיר אומגעגאנגען דער אינזשעניער העניעך אבראמאָוויטש צייטלין.

צייטלין ארבעט אפן זאוואָד ניט מער ווי א צען יאָר. אליין איז ער א דניעפּראָפּעטראָווסקער, געענדיקט דאָרט דעם מעטאלורגישן אינסטיטוט. דאָ, אין נײַ־ליפּעצק, האָט ער אָנגעהויבן פון גאָר־גאָר אונטן, קאָן מען זאָגן. די ערשטע צײַט איז ער געווען א פּאָשעטער אָפּעראטאָר בא אן אגרעגאט, דערנאָך האָט ער געארבעט אלס אָטזשיגאלשטשיק. דערנאָך, פּאָוואָלינקע — אלס וואכטע־מײַסטער, הויפּט־מײַסטער בא נײַע טרעד־אויוונס. אין איין־און־זיבעציקסטן יאָר האָט ער אָנגעהויבן אָנפירן אין צעך מיט אן אָפּטייל. ער האָט אין דער צײַט געלאָזט אין גאנג צוויי נײַע טורעם־אויוונס, צוויי האָריזאָנטאל־אויוונס. די לעצטע פּאָר יאָר גיט ער זיך אָפּ מיט וויסנשאפטלעכער ארבעט. עקספּערימענטירט. זוכט. גריבלט זיך אין א נײַער טעכנאָלאָגיע פאר די האָריזאָנטאלע אויוונס. דער אָפּטייל זײַנער האָט שוין ביז הײַנט געמאכט אָן א שיר עקספּערימענטן. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, זאָגט צייטלין, אז קעדיי צו באקומען הויכקוואליטאטיוון שטאָל, מוזן ניט נאָר די שטאָל־לענטעס זײַן פון א פײַנער קוואליטעט, נאָר די טעכנאָלאָגיע, וויאזוי צו באארבעטן די לענטעס, דארף אויך זײַן א הויכע און באזונדערע.

פּונקט ווי אין די ערשטע קאפּיטלעך גאָכבערג וועגן ווײַנציכטלערײַ, האָט מיט מיר דאָ צייטלין וועגן שטאָל אויך גערעדט מיט א ביסל א שווערלעכן לאָשן: טרעד־אויוונס, האָריזאָנטאל־אויוונס, סטעקלי־סטאנען, סליאפּן, בליומסן, קאלטער פּראָקאט און הייסער פּראָקאט, אָפּטימאלע ווארײַאנטן, רולאָן־שטאָל. נאָר וועגן די אלע „טרוקענע" זאכן, קאָן מען זאָגן, האָט ער גערעדט מיט אזא לירישער פארליבטקײַט, מיט אזא פלאקער־פײַערל אין די אויגן, גלײַך ס'וואָלט מיר עמעצער פאָרגעלייענט סטראָפעס פון אן אייגענער פריש־אָנגעשריבענער זאך.

דער דאָזיקער פארגלײַך איז מיר געקומען אפן זינען, ווען צייטלין האָט מיר א זאָג געטאָן (קעדיי עס זאָל מיר, אפּאָנעם, ווערן נעענטער און פארשטענדלעכער), אז די אלע שטאָל־לענטעס, וועלכע גייען דורך דורך די אגרעגאטן, האָריזאָנטאל און ווערטיקאל, אין דער גאנצער לענג און הייך פונעם צעך, לײַטערן זיך דאָרט און שלײַפן זיך, רייניקן זיך אָפּ פונעם אומנוצלעכן און איבעריקן, אקוראט ווי א שרײַבער א קינסטלער לײַטערט און שלײַפט, רייניקט אָפּ פונעם ניט־נוצלעכן און איבעריקן די ווערק זײַנע, וועלכע דארפן גיין אין דרוק.

דער צעך איז אזא גרויסער און רײַכער, אז מ'האָט טאקע געדארפט האָבן אריבער א האלבן טאָג נאָר דורכצוגיין אים און יעדע זאך נאָר אָנצוקוקן.

וויפל דאָס אויג פארכאפּט, רוקן זיך איבער דער גאנצער לענג פונעם צעך ברייטע שטאָל־לענטעס. רוקן זיך באם אָנהייב אינווייניק, אין א לאנגן, הערמעטיש־פארמאכטן אגרעגאט, קומען פון דאָרט ארויס און הייבן זיך אָן רוקן ווערטיקאל, ביז צו דער סטעליע ארוף. דערנאָך — צוריק אראָפּ, ערגעץ טיף אונטערן דיל ארונטער. באווײַזן זיך באלד ווידער אין צעך און רוקן זיך אזוי ווײַטער און ווײַטער, אלץ דינער ווערנדיק און פײַנער ווערנדיק, ביז דער סאמער־סאמער שליימעסדיקײַט.

צייטלין האָט אופגעמאכט א מין לעדל אין דער מיט אגרעגאט, און כ'האָב דורך א קליין קײַלעכדיק פענצטערל געזען, ווי די שטאָל־לענטעס רוקן זיך אינווייניק רויט־אָנגעגליטע; ווײַטער, דורך א צווייט פענצטערל — אָפּגעקילטע, בלאָוולעכע. געזען, הייסט עס, ווי שטאָל גייט דורך, לײַטערנדיק זיך און פארהארטעווענדיק זיך, קאלטס און ווארעמס.

מיר זײַנען מיט צייטלינען געגאַנגען מיט די דאָזיקע גייענדיקע שטאָל־לענטעס ביזן סאַמע סאָף, ביזן אַנדערן עק צעך, ווו די לענטעס ליגן שוין צונויפגעקאַטשעטע אין רולאָנען, פאַרפּאַקעוועטע אין פאַרביקע פּאַקאָוועס, גרייטע אָפּגעשיקט ווערן אין צענדליקער זאַוואָדן איבערן גאַנצן לאַנד, ווו זיי וועלן דאָרטן ווערן איקערדיקע שטאָל־דעטאַלן אין קאָלערליי זאַכן — פון, זאָגן מיר, אַן עלעקטרישן גאָלמעסער ביז קאָסמאָס־שיפן און לונאָכאָדן.

כ'האָב אָפּגעגעסן אָנבײַסן מיט צייטלינען אויבן אין דער צעך־קיך, און מיר זײַנען דערנאָך ווידער אַראָפּגעקומען אין צעך. ס'איז נאָך געווען גענוג וואָס צו זען און גענוג וואָס צו הערן.

ווען צייטלין האָט מיך פאַרנאַכט־צו, באַם אוועקגיין, אונטערגעפירט, האָב איך געזען שטיין לעבן אַן אַגרעגאַט אַ היפּש רעדל מענטשן, מיט אַזעלכע קאַסקעס אויף די קעפּ, ווי איך האָב איצט געטראָגן. צייטלין האָט מיר געזאָגט, אַז עס זײַנען הײַנט דאָ באַ זיי געסט פון דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק. „נישקאָשע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — די דײַטשן מעגן זיך שוין באַ אונדז לערנען סייכל!..”

מיר האָבן זיך געזעגנט. כ'בין געגאַנגען אַפּן וועג צום זאַוואָד־טויער און געטראַכט וועגן אוילעם, מיט וועמען כ'בין דאָ אין די עטלעכע טעג היימיש געוואָרן. קיינער פירט ניט קיין שיפן אין ווײַטע רייזן, איבער יאַמען און אָקעאַנען. קיינער פליט ניט אין די הימלען אַרוּם. פאַרמאָגט הינטער זיך ניט קיין באַזונדערע העלדנטאַטן. העלדישקײַט, האָב איך געטראַכט, איז דאָ אַ געוויינלעכע. עפּשער אַפילע אַ וואָכעדיקע. נאָר אַ העלדישקײַט ניט קיין איינמאָליקע — אַ קעסיידערדיקע.

אַ העלדישקײַט אין אַלע טעג פון דער וואָך. און אין אַלע וואָכן פון אַ גאַנץ יאָר...

7

אַכרוין, אַכרוין — אונדזערע ליפּעצקער ייִדיש־לייענער. קיין סאַך לייענער האָבן מיר ניט אין ליפּעצק. נאָר לייענער האָבן מיר. און זיי זײַנען, אַפּאָנעם, לייענער ניט קיין שלעכטע.

וועגן אַלטן מעטאַלורגיע־אינזשעניער סאַמויל דאַווידאָוויטש קאַמענשטיין האָב איך שוין אין אַ פריִערדיקן קאַפּיטל דערציילט. צו קאַמענשטיינען אין שטוב האָט מיך אַרײַנגעפירט דער דאָקטער טוזמאַן. כאַים אַבראַמאָוויטש טוזמאַן איז אין ליפּעצק אַ באַוווּסטער דאָקטער־דערמאַטאָלאָג. אין דעם איינעם אָפּדערנאַכט, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט, האָט ער מיר אויסדערציילט צענדליקער געשיכטעס, וואָס זײַנען זיך פאַרלאָפן מיט אים מילכאָמע־צײַט, ווען ער האָט פאַרטיזאַנעוועט אין קאָוופּאַקס אָטריאַדן. ער האָט אַלץ געוואָלט וויסן, צי לוינט אָט די אַלע געשיכטעס אַרויסלייגן אויף פּאַפּיר, צי וועט „סאָוועטיש היימלאַנד” זײַן אַ באַלן אויף זיי. קימאַט וועגן אַלע זשורנאַל־מיטאַרבעטער האָט ער גערעדט מיט אַזאַ היימישקײַט, אַז כ'האָב אַ טראַכט געטאָן, ער איז מיסטאָמע, זײַענדיק אַמאָל אין מאָסקווע, אַרײַנגעגאַנגען אין רעדאַקציע און זיך מיטן אוילעם באַקענט. ווען כ'האָב אים געפרעגט, צי קען ער די שרײַבער פּערזענלעך, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ: אַוודע פּערזענלעך. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז „קענען פּערזענלעך” הייסט באַ טוזמאַנען לייענען „פּערזענלעך”. אַוודע, האָט ער געזאָגט, קען ער די שרײַבער פּערזענלעך — פונעם ערשטן נומער זשורנאַל אָן.

נאָר איך וויל איצט דערציילן וועגן אַ פּאָרפאָלק — די לעצטע צוויי מענטשן, מיט וועמען כ'האָב זיך באַם אוועקפאָרן געזעגנט.

אים רופט מען לעוו מיכײַלאָוויטש בליאַכער, ער איז אַן אַקטיאָר אין ליפּעצקער דראַמאַטישן טעאַטער. די לייענערן איז זי, דאָס ווײַב זײַנס — יעווגעניע יעווסייעוונע. כ'בין געווען באַ זיי אין דער היים. זיי האָבן מיר דערנאָך געקלונגען אין האָטעל, געבעטן, כ'זאָל צו זיי אַרײַנקומען נאָכאַמאָל. אַ פּאָר טעג פאַר מײַן אוועקפאָרן האָבן זיי מיך געפרעגט, ווען דער צוג מײַנער גייט פּינקטלעך אָפּ, זיי ווילן קומען צום וואָקזאַל מיך באַגלייטן.

און אָט זיץ איך שוין אין וואַגאָן. זיץ לעבן פענצטער, באַטראַכט דאָס לעצטע מאָל דעם ליפּעצקער וואָקזאַל, און גיב אַ קוק — דאָס פּאָרפאָלק מײַנס גייט. ער, לעוו מיכײַלאָוויטש, זע איך, טראָגט עפּעס אונטערן אָרעם אַן אָנגעשטאָפּטן קײַלעכדיקן פּאָרטפעל.

קיין סאַך צײַט אויף קיין איבעריקע רייד איז שוין ניט געווען, און יעווגעניע יעווסייעוונע איז באַלד צוגעגאַנגען צום איניען. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ הענטלפען אין דער האַנט, איינציקווײַז אָנגעהויבן אַרויסנעמען פונעם פּאָרטפעל אַלטע זשורנאַל־נומערן, ווו עס זײַנען געווען אָפּגעדרוקט מײַנע זאַכן, און כ'האָב די זשורנאַלן געדאַרפט אונטערשרײַבן, אויף יעדן זשורנאַל באַזונדער אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער.

דער צוג איז שוין געלאָפן, און איך האָב דורכן פענצטער אַלץ געזען שטיין פונדערווײַטנס דאָס פּאָרפאָלק מיטן פּאָרטפעל אין די הענט. זי — אַ דיקלעך־הויכע, כיינעוודיקע פרוי, ער — אַ שלאַנק־מאָגערלעכער, אַ רײַרעוודיקער.

און כ'בין געזעסן און געטראַכט, אַז איינעם מיט אַ סאַך אַנדערע זאַכן איז אויך דער דאָזיקער פּאָרטפעל זייערער גווירעם דערצו, כ'זאָל פון אָט דער ווײַטלעכער שטאָט ליפּעצק אוועקפאָרן מיט אַ בענקשאַפט אין האַרצן.

■ ■ ■

עס ווערט פּאָגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אָנגעהויבן

דער סאָף פונעם פעלד=סעזאָן

צו ל. שקאָלניקס פאַרצייכענונג „די מאַגיסטראַל פון פריַינטשאַפט“

(„סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 1, 1975)

אין דער צײַטונג „איזוועסטיִא“ נומ. 268 פאַרן פאָריקן יאָר איז פאַרעפנטלעכט א רעפּאָרטאַזש פון ב. פּראָכאָראָוו וועגן דעם מיזרעכדיקן באַצירק פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. אינעם רעפּאָרטאַזש באַגעגענען מיר זיך מיט אייניקע העלדן פון ל. שקאָלניקס פאַרצייכענונג „די מאַגיסטראַל פון פריַינטשאַפט“, וועלכע איז אָפּגעדרוקט אינעם נומ. 1 פון אונדזער זשורנאַל פאַרן 1975. מיר ברענגען דאָ ב. פּראָכאָראָווס רעפּאָרטאַזש אין דער ייִדישער איבערזעצונג.

פראָסט און זון — א גוטער וועטער! נאָך א וואָך אומופהערלעכן שניי־פאַלן, נאָגנדיקער וואַרטעניש אף א ווערטאָליאָט איז אזא וועטער באַזונדערס אָנגענעם. עמעס, דאָס אורגאַלער פרעסטל וואָלט געמעגט זײַן א ביסל באַרעמהאַרציקער, מע טאָר דאָך ניט אזוי — אײַנמיטנדערינען גלײַך בא דרײַסיק גראַדוס. נאָר אין דער סאַמע הייך פון דער בורייע, אף צאָפן פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט, מאַכט זיך ווינטער אפילע פופציק גראַדוס. דערפאַר אָבער אָט אזוי, ווי איצט, אשטייגער, — קיין מינדסט ווינטל. ס'איז שטיל־שא. בלויז לעבן דער קאָנטאָר טומלען געזונטע בערדיקע יאַטן, לאָדנדיק ריוקזאַקן און טשעמאָדאַנען. אויסשפּירער פון וו. נעפּאָמניאַשטשיכס פּאַרטיע, האָבן זיי די ערשטע פאַרענדיקט די אַרבעט אף זייער באַצירק. גליקלעכע מענטשן — זיי פאָרן אַהיים!

ס'איז איצט דער סאָף פונעם פעלד־סעזאָן.

מיר פליִען אף דער טראַסע פון באַם. קלויַמערשט ווי א דעלעגאַציע. מיט אונדז צוזאַמען — בריקן־בויער. זיי דאַרפן אויספאָרשן די ערטער פאַר קינפטיקע בריקן. אויך — בויער, וואָס זוכן פּלעצער פאַר אײַזנבאַן־סטאַנציעס, וועלכע זײַנען דערווײַל נאָך ניטאָ. עס פליט אויך דער שעף פון דער סעלעמדזשינער עקספּעדיציע פון „מאָסגיפּראָטראַנס“ ווסעוואָלאָד ווענִיאַמינאָוויטש סטעפּאַנאָק. ווי א באַלעבאָס, געוויינלעך.

ענדלעך, האָט אְ הודע געטאָן דער „טײַגעאַוטאָבוס“, ווי מע רופט דאָ דעם ווערטאָליאָט „מי־4“. מיר זעצן זיך פאַנאַנדער. אורגאַל, אזוי אויך א קליינער ייִשעוו, ווערט אַלץ קלענער און קלענער, ביז ער איז שוין אינגאַנצן פאַרשווונדן אינעם טײַגע־אָקעאַן. דאָס קורצע וואָרט באַם האָט מיט א שנעלקײַט פון ראַדיִאָ־כוואַליעס זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד און באַרײַכערט אונדזערע געאָגראַפישע באַגריפן מיט נעמען פון אזעלכע ייִשוּווים, וועגן וועלכע מע האָט פריִער אפילע ניט געהערט. אוסט־קוט, טשאַרא, בערקאַקיט, טינדא, נאַרא, אורגאַל... וואָס איז דאָס אזוינס? ווו איז דאָס? וואָס פאַר אַן ערטער?

פאַראַן אף צאָפן פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט זייער אַן אינטערעסאַנטער ראַיאָן — ווערכניעבורייער. לויטן שעטעך איז ער א דריטל פון גרויסבריטאַניע, און דאָס סאַמע אוראַלטסטע אָרט איז דאָ דער הונדערטיאָריקער סאָסיִסק. אין פאָריקן יאָרהונדערט האָט דער אָנגעזעענער רוסישער געלערנטער און רײַזנדער אַלעקסאַנדער פיאָדאָראָוויטש מידענדאָרף אַנטדעקט אפן לינקן אײַנגוס פון דער בורייע ריזיקע אָפּלאַגערונגען פון קאָקסירנדיקע קוילן. דעם פאָרשער האָט געקלעקט בלויז איין עקספּעדיציע אף צו מאַכן די אַנטדעקונג, נאָר ס'האָט אים ניט געקלעקט א גאַנץ לעבן, קעדיי איבערצײַגן די צאַרישע טשינאָווניקעס, אז מע דאַרף שטעלן אָט די אשירעס צו דינסט דעם פאָלק.

דעם נאָמען ווײַטמיזרעכדיקע קאָטשעגאַרקע האָט אורגאַל געקראָגן ערשט אין די יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט. דאָ געפינט זיך די גרעסטע אפן ווײַטן מיזרעך קאָמפּלעקס־מעכאַניזירטע קוילן־שאַכטע. און פון אויבן אף דער ערד האָט דער ראַיאָן נאָך איין אוצער — וואַלד. יעדער פינפטער קובאָמעטער פונעם

ווײַטמיזרעכדיקן געהילץ ווערט אַראָפגענומען פון אָט דער טעריטאָריע. ס'איז אויסגעוואַקסן דער יִשעוו טשעגדאָמין — דאָס קינד פון די ערשטע פינפיאָרן. די אײַזנבאַן־צווײַג איזוועסטקאָוואיאַ — אורגאַל, די סאַמע מיזרעכדיקע צווישן די מאַגיסטראַלן, האָט זיך אויך געבויט אין די יאָרן פון די ערשטע פינפיאָרן. אָט דאָ, שווימענדיק איבער די באַרג־טײַכן און קלעטערנדיק אַף די פעלדזן, האָט געפירט זײַן עקספעדיציע דער מאָסקווער קאָמסאָמאָליעץ וסעוואָלאָד סטעפאַנאָק. דער זעלבער — איצט גרײַז־גרויער, אין אַ ספּאָרטיוון רעקל פון באָלאָניע־שטאָף און אין אַ פראָסטינק היטעלע, וסעוואָלאָד וועניאַמינאָוויטש. ער קאָן זיך ניט אָפרײַסן פון דעם אילומינאַטאָר פונעם העליקאָפטער, קוקט אַף די זיגזאַגן פון פילצאָליקע טײַכלעך, אַף די שוואַרצע שטיינער פונעם טוראַנסקער באַרגרוקן, פונקט ווי ער וואָלט דאָס אַלץ געזען צום ערשטן מאָל.

נעכטן האָבן מיר מיט אים לאַנג געשמועסט.

— צוויי זאַכן קאָן איך בעשום־אויפן ניט דערפירן ביזן סאָף: אונטערעכענען, וויפל וועגן איך האָב אויסגעבויט, און געבן צו פאַרשטיין מײַן ווײַב און מײַנע פרײַנט, וואָס פאַר אַ שעד עס טראָגט מיך אַרום איבער דער טײַגע, איבער די עקספעדיציעס, שוין דאָס פערציקסטע יאָר, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— ווייסט איר וואָס, — האָב איך אים פאָרגעלייגט, ניט גלייבנדיק, אַז דאָס וועט זיך מיר אײַנגעבן (מ'האָט גערעדט, אַז באַקומען בײַ אים אַ ווערטאַליאָט איז אַ סאַך גרינגער, איידער אַן אינטערוויו, ביפראַט נאָך אַף ניט קיין פראָדוצירטעמע), — פרוווט עס דערקלערן מיר.

דער כיטרער סטעפאַנאָק שיקט שטענדיק אַוועק אונדזערן אַ ברודער־זשורנאַליסט אין דער פּאַרטיע, אַף דער טראַסע, אויסרעכענענדיק, אַז, ווען יענער וועט זיך אומקערן פון דאָרט מיט אַ פאַרשריבענעם בלאָקנאָט, וועט ער אים, וסעוואָלאָד וועניאַמינאָוויטשן, שוין לאָזן צורו. אַזוי וואָלט ער, מיסטאָמע, זיך באַגאַנגען אויך מיט מיר, נאָר אַ דאַנק דעם וועטער — פליִען האָט מען ניט געקאָנט — האָט ער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירע...

— די אַרבעט האָב איך ליב דאַפקע פאַר דעם, וואָס זי מאַטערט אויס די נערוון, פאַר דער קאַפּדרײיעניש אַרום די וואַריִאַנטן פון דער טראַסע. און אַפילע פאַר אָט די קלאָפּאָטן — וועגן אַ פעסל ברענשטאָף, וועגן אַ גלאָז קאָמפּאָט פאַר די כעוורע אין טײַגע... אַוואַדע, צום סאָף פונעם סעזאָן ווערסטו אויסגעמאַטערט. עס כאָלעמט זיך דיר מאָסקווע, די מישפּאָכע, דאָס באַקוועמע לעבן אין אינסטיטוט...

ווען מיקויִעך דעם צווייטן וועג צום אָקעאַן האָט מען אָנגעהויבן רעדן ווי וועגן אַ רעאַלער בויונג, האָט שוין קיין שום קויִעך ניט געקאָנט פאַרהאַלטן סטעפאַנאָקן אין דער הויפּטשטאָט.

— צי בין איך גליקלעך? איך ווייס ניט. ניטאָ קיין צײַט פאַר סענטימענטן: ס'איז סאָף פונעם סעזאָן, אָן אײַלעניש. מיר גיבן איבער די בויער אונדזערע אַרבעטס־צייכענונגען. אין אַ כוידעש אַרום וועט מען צוטרעטן צו דער אַרבעט.

באַ דער סעלעמדזשינער עקספעדיציע פונעם מיזרעכדיקן באַצירק פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל איז אָט דער פעלד־סעזאָן געווען זייער אָן אָנגעשטרענגטער. דער נײַ־אָרגאַניזירטער, נאָך ניט דערפאַרענער קאָלעקטיוו האָט גלײַך באַקומען אַן אויפגאַבע: אַרויסגעבן צום סאָף יאָר 400 קילאָמעטער מאַגיסטראַל־צייכענונגען פון די וועגן אַף מײַרעוו פון אורגאַל, דערונטער אַף צענדליקער קילאָמעטער אײַזנבאַן־וועגן, אַף הונדערטער קילאָמעטער—אויטאָטראַסע.

באַזונדערס שווערע באַצירקן זײַנען אויסגעפאַלן אָפן גויראַל פון וולאַדימיר ניעפּאָמניאַשטשיכס און אַנאַטאָלי סטרוקאָווס אויספאָרשונגס־פאַרטיעס. דער שטיינערנער טוראַנסקער באַרגרוקן שלענגלט זיך איבער אַ זומפּיקער נידעריש. אַ טראַסע דורכלייגן איז דאָ אומעגלעך. אין אָזיאָרנאָיע, אַשטייגער, איז אויסגעקומען צו קריכן אָפן פעלדז — אָפזוכן אָן אָרטיקן וואַריִאַנט. און וואָס באַטײַט עס? דאָס באַטײַט דורכגיין ביידע באַצירקן, גוט אָפוועגן אַלע „יאָ" און „ניין", צושטעלן ביידע וואַריִאַנטן פאַר אַ ספּעציִעלער קאָמיסיע. אַ צווייענדיקע אַרבעט.

קימאַט אַ יאָר צײַט איז אַוועק אַף איבערמעסטן די דאָרעמדיקע ריכטונג. די טראַסע האָט זיך אַראָפגעלאָזט אין דער נידער און זיך פאַרלענגערט אַף צענדליקער קילאָמעטער. דערפאַר אָבער האָט מען אויסגערעכנט, אַז אין סאַכאַקל, ווען מע וועט שוין פירן איבער איר שווער באַלאָדענע צוגן, וועט מען אײַנשפּאָרן פיל געלט און האָרעוואַניע.

דאָ, אַף דער דאָרעמדיקער ריכטונג, האָב איך געהערט, ווי טײַגע־טוישווים דערציילן וועגן יורי סטאַבניקאָוון. דער מענטש פאַרמאָגט אַ כאַראַקטער פון אַ ריטער — אײַז און פלאַם. אין שפּיץ פון אַ הײַפּעלע קאָמיוגיסטן האָט ער זיך אײַנגעביסן אין דער טײַגע מיט אַזאַ אַקשאָנעס, אַז די גאַנצע פּאַרטיע האָט קוים באַוויזן פאַרפעסטיקן נאָך אים דעם דורכגעמאַכטן וועג. אָט אַזוי זײַנען די קאָמיוגיסטן אין מעשעך פונעם סעזאָן געגאַנגען אין אַוואַנגאַרד, אַרופוואַלגערנדיק אַף זיך די גאַנצע שווערקײַט פון דער מאַגיסטראַל. און די דאָזיקע כעוורע זײַנען דאָך אין אָט די ערטער און ביכלאַל אין באַשטאַנד פון דער אויספאָרשונג־פּאַרטיע דאָס ערשטע יאָר.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ריטער איז אַ באַבערדלטער, שעמעוודיקער יאַט (ווי נאָר עפעס־וואָס ווערט ער רויט, ווי אַ בוריק).

— פאַרוואָס בין איך אַזוי שנעל געגאַנגען? אין דער טײַגע דאַרף מען טראָגן מיט זיך ניט דעם האָרב, נאָר דעם סייכל. מיר האָבן די אַרבעט געבויט אַזוי: איך שנײַד דורך דעם שטעג, די כעוורע האַקן די ביימער, און פאָ־

רויס איז שוין פאר אונדז גרייט א לאגער, און וועטשערע קאָכט זיך, און א שילדל איז אַף דער בערעזע צוגעקלאַפּט: „אַרײַנגייענדיק אַף דער בײַקאַל־אַמורער מאגיסטראל, ווישט אויס די פיס״. אַזױאַרום קאָן מען אַרבעטן א גאנצן טאָג. און גאנצפרי וואַרפן מיר ווידער אַרויס א „קולטור־שטייגערישן דעסאַנט״. דעם באַציִרק זײַנען מיר דורכגעגאַנגען גיך, דערנאָך אָנגעהויבן העלפן אַנדערע גרופּעס.

ס׳איז אויסגעקומען צו שלעפּן פון אים יעדעס וואָרט. יורי איז ניט פון די באַריידעוודיקע. דערפאַר אָבער באַנאַכט, אַזייגער דרײַ, האָט די געבײַדע פון דער עקספּעדיציע געציטערט פון זײַן פריילעכן באַס: מע האָט, ענדלעך, אים „געגעבן מאָסקווע״, און ער האָט צו עמעצן געשריגן אין טעלעפאָן־טרײַבל:

— קום באַגעגענען! איך פלי אַרויס! גוט, כ׳וועל זיך ניט גאָלן...

די אויפגעוועקטע האָבן אַף אים קיין פאַריבל ניט געהאַט: דער מענטש רעדט מיט דער היים.

דער וועזדעאַליאָט „מי־4״ פאַרקלײַבט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער אַף מײַרעוו, צו די ווײַטסטע פּאַרטיעס. שוין לאַנג איז הינטער אונדז געבליבן דער טוראַנסקער באַרג־רוקן, ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די בײַ־אַמורער נידערנישן. מיר זײַנען אַראָפּגעשטיגן אַף א שטיינערנעם אינדזל, קימאַט אינמיטן פונעם טײַכל סעלעמדזשאַ. דאָס טײַכל האָט אויסגעזען צו זײַן א געלאַסנס, און בלויז די אָנגעוואַלגערטע הונדערטיאָריקע ביימער, אַרויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, האָבן איידעס געזאָגט וועגן דעם עמעסן כאַראַקטער בא סעלעמדזשאַ... די בריקן־בויער זײַנען געגאַנגען לענגויס די ברעגן, געמאַכט מיט די הענט, גערעדט וועגן דער קינפטיקער בריק, וועלכע איז דערווײַל בלויז אָנגעצייכנט מיט צוויי פּלאָקנס אַף ביידע ברעגן.

דער העליקאָפּטער האָט זיך נאָכאַמאָל אויפגעהויבן, און מיר האָבן זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזט בא די געאָלאָגן, וועלכע זײַנען געבליבן ווינטערן אין דער טײַגע — זיי דאַרפן מאַכן די געהעריקע אויסמעסטונגען, אויספאָרשן די מיזרעכדיקע געפרוירנקײַט, דעם ווינטערדיקן כאַראַקטער פון דער טראַסע. סטעפּאַנאָק האָט פאַנאַנדערגעטיילט בריוו און צוגעזאָגט „אונטערוואַרפן״ אַף נײַ־יאָר עטלעכע פלעשער שאַמפּאַניער און אַנדער ווײַן.

מיר האָבן, געוויינלעך, גערעדט וועגן דער טראַסע, וועגן די סאַכאַקלען פון דעם ערשטן פעלד־סעזאָן. און אויך וועגן יענע פראַגן, וועלכע זײַנען קלוימערשט צווייטראַנגיקע, אָבער לייזן זיי דאַרף מען שוין הײַנט. אַשטייגער, וויאַזוי פּראָיעקטירן אַן אווטאָ־וועג. אַוואַדע איז אַזאַ וועג דערווײַל ניט נייטיק. נאָר אָט וועט מען אויפקלייגן די רעלסן, ס׳וועלן זיך באַווײַזן נײַע סטאַנציעס, מענטשן וועלן דאָ לעבן. ווי זשע קאָן מען זיך באַגיין אָן וועגן? הייסט עס, אַז מע דאַרף סײַ אין דער סמעטע זיך אַרײַנלייגן, סײַ א גוטן אָנדענק נאָך זיך איבערלאָזן.

מיר האָבן זיך געאַמפּערט, וועלכע נעמען עס דאַרפן טראָגן די סטאַנציעס. און הייסן הייסן זיי איצט אַזוי, אַז מע קאָן אין זיי די ציין צעברעכן: עטערקאָן, וואַספּאַרוכאַן... וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? אַליין די היגע טוישווים האָבן פאַרגעסן, די לינגוויסטן אויך. אָדער — „פּעדקין קליוטש״ („פּעדקעס שליסל״). אַזאַ סטאַנציע. ווער איז ער, אָט דער פּעדקע, מע זאָל אים אַזוי פאַרייביקן? עפּשער פריִער אויסבויען די ייִשוּווים, דערנאָך ענדערן דעם נאָמען? אָבער ווען מע וועט זיי אַרײַנשרײַבן אין דער מאַפּע, אין דאָקומענטן, וועט שוין זײַן א סאַך שווערער...

אַפן אַנדערן טאָג האָט די סטאַנציע אורגאַל באַגעגנט אַן עשעלאָן מיט קאָמיוגיסטן פון אוקראַיִנע. אורגאַל וועט אינגיכן זיך פאַרוואַנדלען אין א גרויסן אינדוסטריִעלן און טראַנספּאָרט־קנופּ, דאָ וועלן אויסוואַקסן א גאַנצע ריי נײַע אונטערנעמונגען.

דער פּעראָן איז צעקווייטלט מיט פאָנעס און טראַנספּאַראַנטן. עס שפּילט א בלאָז־אָרקעסטער. יאַטן און מיידלעך זײַנען אָנגעטאָן אין נײַע פעלצלעך. באַם מיקראָפאָן שטייט א שוואַרצכיינעוודיק מיידל. עס קלינגט איר קאָל:

— מיר זײַנען גליקלעך, וואָס מיר וועלן בויען די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל...

איך כאַפּ זיך באַם געדאַנק, אַז איך הער דאָ זייער אָפט דאָס וואָרט גליק.

כ׳האָב א זוך געטאָן מיטן בליק סטעפּאַנאָקן — געפונען. דער אַלטער אויסשפּירער איז געשטאַנען אַף דער טריבונע. זײַן פּאָנעם איז אין אָט דער רעגע געווען א יאָמטעוודיק־פריידיקס. „צי בין איך גליקלעך? פון דער זײַט זעט מען בעסער...״ — האָט זיך מיר דערמאָנט.

ב. פּראָכאָראָוו,
ספּעצקאָר פון „איזוועסטיִא״

אווראָם גאָנטאַר

פונעם בוך „נעגינע"

דער טויער פון יונגקייט

ווען ס'וואָלט געווען אזא מין קאנט,
ווו קיינער ווערט ניט עלטער,
ווו ס'לויכט דער הימל נאָכאנאנד
א יונגער, א צעהעלטער,

איך וואָלט געוויס — צי פרי, צי שפעט,
צו אָט דעם וואונדער טרעפן
און וואָלט דעם שוימער אײַנגערעדט:
— דעם טויער עפן!..

ניין, ניט פאר מיר,
איך האָב געבראכט
מײַן ליבע —
זי איז בלענדיק.

זי לאָז אריין, און דאן פארמאך
דעם טויער צ'ריק אף שטענדיק.

און אומרויק מײַן בליק געווענדט
אין ווײַט איך האָב מיט טרויער.
און פלוצעם האָט ער זיך צעבלענדט,
דער הייס־געגאַרטער טויער.

אָט איז ער, זעסט אים?
קום, נו, קום!
ס'וועט קיינער אונדז ניט שטערן.
אין הארץ בא מיר, פונקט ווי די זון,
וועסט קיינמאָל אלט ניט ווערן.

מאטראַסאָוו איז געקומען מיר צו כאָלעם

מיר האָט געכאָלעמט זיך מאטראַסאָוו
הײַנט באנאכט.
מיט כיינגריבלעך אף ביידע באקן.
ער איז געלאָפן צווישן קאָרן
און געלאכט,
און ס'האָט זײַן כאווער ניט געקאָנט אים פאקן.

איך בין געבליבן שטיין
באם ראנד פון פעלד

און מיטן בליק
אים שיר ניט אופגעגעסן:
— ווי קומט עס, ברודערקע,
אזוינס זאָל טאָן א העלד?!
און ער האָט ראשיק לעבן מיר זיך
אָפּגעשטעלט,

און הייס געזאָגט:
— אז כ'בין א ייִנגל נאָך,
האָסטו מיסטאם פארגעסן...

באם פלויט

באם גנילאָפּיאַט, ניט ווײַט פון דער לעוואדע,
ביז צו די אקסל ציט זיך דער בוריאן.
אָט דאָרט האָט איר געזען, אוואדע,
פון ליים א שטיבעלע — די גרייס א שפאן.

אין שקיִע האָט פארכלינעט זיך דער הימל,
מיט פארבן פון פארגאנג געשפילט.
אין שטוב פארשלאָגן האָט דער טאַם פון ברויט מיט קימל —
ס'האָט נאָך פון אויוון זיך ניט אויסגעקילט.

די מאמע שטייט באם פלויט, די דלאָניע בא די אויגן,
און שאָקלט צו פאמעלעך מיטן קאָפּ.
א מוטנע טרער האָט איר דעם בליק פארצויגן,
אָט פאלט זי פון דער וויִע באלד אראָפּ.

אף וועמען זאָל זי האָבן איצט פאריבל?..
מיט די בודיאָנאָווצעס איז ער אוועק אין שלאכט.
זיי האָבן דורכגערײַט פארבײַ איר שטיבל,
איז שטייט זי בא דעם פלויט אוןווארט.

פארנאכט, ווען ס׳קישעפּט אין דער הייך די שקיִע,
די מאמע גייט ארויס און קוקט אין ווײַט.
איר ווײַזט זיך אויס, ווען ניט די שוואכע ריִע,
וואָלט זי געזעען, ווי ער רײַט...

פונקט ווי א דעכעלע, די דלאָניע בא דעם שטערן,
עס שטייט די אלטיטשקע און ווארט באם פלויט.
די שקיִע צינדט זיך אָן אין אירע טרערן
און ווערט פארלאָשן דאָרטן בלוטיק־רויט.

די גריל

די זון־רויזן אין געלע קאפּערלעך
עס שפּילן מיטן ווינט אין כאפּערלעך.
אָט פליט אוועק דער ווינט פארשײַט
אין פשעניטשקעס א פריילעכער
און שורשעט אינעם דינעם זײַד
פון זייערע פאטשיילעכלעך.

און פלוצעם ווערט ער, דאכט זיך, מיד —
באהאלט זיך אין די ווײַמפּערלעך.
עס זינגט דאָרט עמעצער א ליד,
זי הערט זיך שוין באשײַמפּערלעך.

עס לאָזט זיך אויס,
דאָס זינגט די גריל,
וואָס זיצט דאָרטן באהאלטן.
דאָס קלייד פון קוסט
איז פול־און־פיל
מיט טונקל־גרינע פאלדן.

זי האָט ניט מוירע פארן ווינט —
ער וועט זי ניט דערטאפּן.
פונקט ווי א בלעטעלע, זי גרינט —
נעם, פּרווו זי אָקאָרשט כאפּן.

כויוועס

פאר מיר די זון,
פאר מיר די נאכט,
פאר מיר איז אלץ —
די שקיִע, וועלכע קומט דעם טאָג
פארשליסן,
אפילע אויך די ביטערקײַט פון זאלץ —
איך זאָל דעם טאם פון זיסקײַט וויסן.

דער רייץ פון בליק,
דאָס שוועבן פון דער טויב,
די בלוי אין הייך,
פון שאָטן די געוועבן —
זיי צערטלעַן און זיי זינגען מיר א לויב,
און איך,
איך דארף פאר אָט דעם כויוו
זיך גרייטן מאקריוו זײַן דאָס לעבן.

* * *

דאָס מאזל שפּילט מיר פונקט אזוי ווי אלעמען,
פון קיינעם כ׳בין ניט בעסער, אף געוויס.
ס׳האָט קיינער ניט געהערט, איך זאָל זיך זשאלעווען,
עס טרעפט, פונדעסטוועגן, אמאָל פארדריסט,
ווען ס׳רײַסט אראָפּ די פּרוכט אָט יענער,

וואָס האָט צוויי לאַנגע הענט און לאַנגע פיס,
און ניט דערפאַר, ווײַל ער איז בעסער, שענער
און קליגער פון אַן אַנדערן ער איז.

נאָר מיילע, זאָל ער! כ׳בין אים ניט מעקאַנע,
דערלאַנגען קען ער ניט צו דעם, וואָס איך פאַרמאָג,
איך האָב, אשטייגער, הײַנט פאַרשטאַנען,
אַז מיט אַ קינדער־שמייכל הייבט זיך אָן דער טאָג.
אַז אַלע בערג און טײַכן כ׳קאָן אַריבער,
אויב דאָס זאָל זײַן מײַן ליבערס אַ באַגער,
אַז איך, דער שוואַכינקער, קאָן זײַן אַ גיבער,
וואָס אופהייבן די ערד איז אים ניט שווער.

און אַלע קומען מיר צוהילף דאָך גערן —
די צווײַג עס בייגט זיך אָן צו מיר אַליין,
דעם וועג באַליכטן מיר די הויכע שטערן
און ווײַזן אָן וווּהין צו גיין.
דער פראָסט עס סקריפּעט, פריילעך מיר צו מאַכן,
פונוויטן לײַכטן פֿײַערלעך אין שויב,
און ס׳זינגט דער ווינט פאַר מיר אויף טויזנט שפּראַכן,
און איך, איך זינג דערפאַר דער וועלט אַ לויב.

ניין, ניין, איך בין אים ניט מעקאַנע,
אָט יענעם מיט די לאַנגע הענט און פיס.
ער האָט אַ לעבן, נעבעך, ניט פאַרשטאַנען,
וואָס גליק עס איז.

שטילקײַט

1

די שטילקײַט שטייט צוקאָפּנס פונעם שלאָף,
זי האָט זיך מיט דער איינזאַמקײַט געסוידעט.
זי קומט צום קאַטאָרזשניק אין טפיסע, ווי אַ שטראָף,
דעם אָטשערעט אין טײַך זי הוידעט.

די שטילקײַט שוועבט אַרום דער קינדער־וויג,
זי פאַלט אַראָפּ אײַנײַנעם מיט די שנייען.
זי נעסטעט זיך אין ווײַכקײַט פון דײַן בליק,
און טרויִ׳ריק־פריידיק ס׳איז זי צו פאַרדייען.

2

אָט דאָ איז ניט אַזוי ווי אויף דער ערד,
אָט דאָס איז שוין גאַניידן!
אין טיפקײַט פונעם וואַלד האָב איך דערהערט —
מע רופט אונדז ביידן.

דו פרעגסט בא מיר דערשראָקן און פאַרגאַפט —
צי דראָ׳ט ניט קיין סאַקאָנע!
דער פראָסט צעהאַנגען אויף די יעלן האָט זײַן האַפט —
אונדז ביידן אַ מאַטאָנע.

נו, קום, עס טרעפט דאָך זעלטן אזא גליק,
מע דארף דערוף א מין באזונדער זכיַע.
די שטילקייט האָט פארנעפּלט דיר דעם בליק,
א טרער פון צארטקייט פינקלט אף דיַין וויִע.

3

אין פוכקע פעלצן מיט די הויכע קעלנער,
פארשאָטענע מיט שניי אזש ביזן קאָפּ,
די יעלן שטייען, ווי געשולטע זעלנער,
און היטן שטרענג די שטילקייט אָפּ.

און איך, דער נאַר, האָב ערשט אצינד פארשטאַנען —
ניט אלע טרערן מאכן אלט און גרוי.
פון שטילער לויטערקייט אין האלדז איז מיר געשטאַנען
א קנופּ פון טרערן, גלאַט אזוי.

* * *

קיין פליגל האָב איך ניט —
איך דארף זיי ניט צום פליִען.
אָן פליגל, ווי דער אָדלער,
פלי איך גרינג.
קיין פידעלע פארמאָג איך ניט
אף סטרונעס אָנצוציִען —
אָן סטרונעס, אָן א פידעלע
איך זינג.

אין בלויער טיף,
אין וואָלקנדיקע הייכן
מיט צוגעמאכטע אויגן
כ'שוועב ארום,
אָט דאָרט,
ווו ס'קאָן קיין פויגל ניט דערגרייכן
און ווו די אייביקייט איז שטום.

נאָר אויב אין הארצן
פלאַצן וועט א סטרונע
און פאלש א קלונג טאָן
וועט מיַין ליד,
כ'וועל צו דער ערד
א פאַל טאָן מיטן פּאָנעם,
צו יענער ערד,
וואָס האָט פון פאלשקייט מיך פארהיט.

די שפּראַך פון דער וועלט

דאָס לאָשן פון שטילקייט — די שפּראַך פון דער וועלט
עס קענען די קוויטן, די גראָזן,
דער שטערן, וואָס דאָרט, אין די הייכן, עס העלט,
אפילע די ווינטן, וואָס בלאָזן.

דאָס הארץ, און דאָס אויג, און דאָס פיַיער פון בלוט,
אף שטיל-לאָשן קענען זיי ריידן.
זיי שוויַיגן אויך דעמלט, ווען ס'קומט די מינוט,
די הארבע מינוט פון צעשיידן.

דאָס שטיל-לאָשן לעבט אין דער ביטערער טרער,
וואָס שטיקט איינעם האלדז, ווי די קלאַמען.
דאָס לאָשן פון שוויַיגן עס רעדט, ווען ס'איז שווער,
ווען שלעכט ס'איז און גוט אונדז צוזאַמען.

דרײַ טראָפּנס

מיט קלינגענדיקע, לויכטנדיקע בײַטשן
דער רעגן שמײַסט די שויבן מיט קוראַזש.
די נאַסע שורעלעך זיך לאָזן טײַטשן —
אַט הערט זיך אײַן, ס'איז ניט קיין שפּאַס.

דער ערשטער טראָפּן אַף דער שויב האָט אָנגעשריבן:
„געבוירן בין איך פון אַ בליץ,
וואָס האָט אין שווערע כמארעס זיך פאַרקליבן,
צעריסן זיי און זיי צעשמיצט..."

דאָס צווייטע טראָפּנדל אַף מײַנע שויבן,
וואָס קאָסע לויפט פון אויבן בארג־אַראָפּ,
דערציילט האָט מיר, אויב מע זאָל קאָנען גלויבן,
אַז ס'האָט אַ דונער אים פאַרהילכט דעם קאָפּ.

דערפאַר איז עס פון הייך אַראָפּגעפאַלן,
נאָר איצטער טוט דעם שוין ניט באַנק.
און ניט דערפאַר, וואָס איז אַלציינס פאַרפאַלן —
אַ טראָפּן, לאָזט זיך אויס,

האָט וואָג און קלאַנג.

דער דריטער האָט פון נאכעס זיך געבלאָזן,
שיר־שיר וואָלט ער געפּלאַצט פון פרייד:
געקומען איז ער אָפּפרישן די גראָזן,
די זוימען, וואָס קאַיאָר האָב איך פאַרזייט.

* * *

אין יובלדיקן אומרו פונעם הארבסט,
ווען ס'ווערט דער וואַלד פון פאַרב־געמיש פאַרכלינעט,
איך וועל אים ניט דערמאָנען, אַז ער שטאַרבט,
ער קאָן נאָך מיינען — איך פאַרגין ניט.

און עפּשער איז ער טויזנט מאָל גערעכט,
ווײַל טיף אין הארצן בין איך אים מעקאַנע.
שוין בעסער בלײַענדיק צו פאַלן אין געפעכט,
ווי מאַכטלאָז־טרויעריק צו וויאַנען.

שלאָפלאָזיקײַט

כאַלוימעס מיט אָפענע אויגן —
אין טריבע, אין שלאָפלאָזע נעכט,
זיי זײַנען מיט נעפּל פאַרצויגן,
זיי וועבן אַ פלאָנטער־געפלעכט.

כ'וואָלט זיכער פון זינען זיך רירן,
ווען ס'קומט ניט דער דימיען צו דינסט,
וואָס נעמט אין די רוימען מיך פירן,
אַהין, ווו אַ טרייסט דו געפינסט:

אין דעם, וואָס איז לאַנג שוין פאַרגאַנגען,
אין דעם, וואָס איז מענטשלעך און פּראָסט.
אין דײַנע, אין מײַנע פאַרלאַנגען,
וואָס האָבן דאָס לעבן געקאָסט.

אזוי האָט דערציילט מיר דײַן בילד

פונקט ווי א וואָלפיכע די וויגע וואָיעט,
צי עפּשער וואָיען טאקע וועלף.
און איינציק שטערנדל אין הימל קאָיעט,
און ס'דוכט — עס בעט זיך עמעץ: העלף!

אין שטיבל ווארעם איז, ווי אין אן אויער,
דאָס בלעך פון אייוועלע איז הייס־צעגליט.
א וואָלפיכע אין טײַגע וואָיעט,
א שטערנדל אין הימל קאָיעט,
און פון דער פינצטערניש א ווײַסקייט שיט.

מיר דוכט זיך אויסעט, אז איך ווער פארשאָטן,
דער שלאָף די אויגן מיר פארמאכט.
עס גאנוועט זיך פון טיף א שאָטן
און ווערט פארלוירן אין דער נאכט.

נאָר כ'האָב קיין מוירע ניט פאר קיינעם,
ס'איז שרעקעוודיק, נאָר גוט אזוי!
ווײַל דאָרט אין שטיבעלע אין קליינעם
עס הייצט דאָס אייוועלע א יונגע פרוי.

* * *

געוויס וועל איך צוריק זיך קערן
צו דעם, וואָס כ'בין געוווינט פון לאנג,
מיט אומגעדולד כ'וועל דעמלט הערן
דײַן יעדער וואָרט, ווי א געזאנג.

נאָר איצט וועל איך אוועק פונדאנען
אהין, ווו ס'ציט זיך ווײַס דער שניי,
איך האָב אליין נאָך ניט פארשטאנען,
וווהין און צוליב וואָס איך גיי.

מיר דוכט זיך אלץ — כ'וועל דאָרט
געפינען,
וואָס די נעשאָמע זוכט און זוכט.
אזוינס, וואָס פלאָנטערט זיך אין זינען,
אזוינס, וואָס אלעמאָל זיך דוכט.

נאָר כ'וועל זיך אומקערן, ווי שטענדיק,
ווי א פארזינדיקטער פארשעמט.
און מײַנען —
שווין! מיט אלץ פארענדיקט,
ס'האָט אלץ אין מיר שווין אויסגעברענט...

און דו, וואָס קענסט די ווילדע זײַטן,
וואָס קאָיען אומרויִק אין מיר,
וועסט פאר א שארפן וואָרט זיך היטן,
וועסט פאָשעט עפענען די טיר

און מיט א ווייכן מילדן שמייכל
א זאָג טאָן:
— זע, דער שניי נאָך שיט...
עס וועט דיר קלעקן גוטער סייכל
א פרעג צו געבן:
— ביסט ניט מיד?

און איך וועל שווײַגן, א פארקלעמטער,
ווי כ'וואָלט געוועזן טויב און בלינד,
פונקט ווי א וואנדערער, א פרעמדער,
ווי א פארזינדיקט, נאריש קינד.

און ס'וועט קיין מוט בא מיר ניט קלעקן
דײַן קאָפּ מיט קושן צו באדעקן,
די שלייפן אויסקושן די סיווע,
די הייסע אויגן דײַנע ליבע.

* * *

מיט אלע קנייטשעלעך ארום די ליפּן
און מיטן אָפּגעשוואכטן גאנג
דו ביסט בא מיר ביז איצט פארבליבן
א קוועלעכל פון מײַן געזאנג.

אין שקיִע פון דײַן בליק דײַן שוואכן
דער טאָג שאַריִעט פונקט ווי פרי'ר.
איך בעט דיך, זאָלסט פון מיר ניט לאכן —
כ'וואָלט איצט זיך אויך פארליבט אין דיר.

מוישע אלטמאַן



אין גאַנג פון דער אַרבעט איבער דעם הײַנטיקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געווען אַ מאָמענט, ווען קימאַט אַלע מאַטעריאַלן זײַנען שוין געלעגן פאַרטיק פאַר דער דרוקערײַ, עס האָט בלויז געפעלט דער מאַנוסקריפּט פאַרן פאַרפּלאַנירטן אין אָט דעם נומער אָפּטייל „פונעם ליטעראַטור־אויצער"; אויך מוישע אַלטמאַן, וועמענס 85־טער געבורטסטאָג עס פאַלט אויס אויפן 5 מײַ ד. י., האָט נאָך ניט צוגעשיקט פון זײַן וווין־שטאָט טשערנאָוויץ דאָס צוגעזאָגטע נײַע ווערק.

איז מען געפאַלן אויף אַ האַמצאָע. העיויס ס'איז אַלעמען באַוווּסט, אַז מוישע אַלטמאַנס פיל ווערק זײַנען אַרײַן אין אונדזער באַשטענדיקן ליטעראַטור־פאָנד, איז מעגלעך צו פאַרייניקן די ביידע פעלנדיקע פּאָזיציעס פונעם אָרדנטלעכן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" און דערפרייען דעם לייענער מיט דער פּובליקאַציע פון אַ ווערק, וואָס אַלטמאַן האָט אין ביזסאָוועטישן פּעריאָד פון זײַן שאַפונג אַרײַנגעבראַכט אינעם אויצער פון דער יִדישער פּראָזע. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף דער דערציילונג „די ווינער קאַרעטע" (פאַרעפנטלעכט אין 1935), וועלכע איז, אָן שום ספק, איינס פון די מערקווירדיקע יִדישע פּראָזע־ווערק אינעם סטיל־נוסעך פונעם קריטישן רעאַליזם.

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק מוישע אַלטמאַנען מיט זײַן 85־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים פיל גליק און שעפערישע דערפאָלגן. ....

די ווינער קאַרעטע

די לייוויקלעך

א

דער אַנטיקוואַר, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן זײַן אַלטוואַרג, קער געוויס האָבן מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג. ער מוז זיך מינאַסטאַם נישט איין מאָל פרעגן: „צו וואָס טויגן אָט די אַלע אַלטע אַנטיקן, בעשאַס דאָס לעבן אַרום קאָכט און וואַרפט אַרויס פון זיך, ווי אַ ווולקאַן, אַלץ נײַע און נײַע עקזעמפּליאַרן?.."

ער מוז, דער אַנטיקוואַר, פאַרמאָגן אַ סאַך ליבע צו זײַנע שיימעס, און אָט די ליבשאַפט, זי קער אים ראַטעווען אין שווערע מאָמענטן. ווי שווער אָבער מוז זײַן יענעם, וואָס וויל זײַן ניט נאָר אַן אַנטיקוואַר, נאָר מאַכן לעבן דוירעס לאַנג פאַרשוווּנדענע? די דאָזיקע אַמביציע, זי איז אָן ספק אַ סימען פון קראַנקהאַפטיקײַט, פון אַן ערנסטן פּסיכישן פעלער.

און דאָך אַזוי, איך וועל דערציילן די געשיכטע פון באַסיע לייוויס.

און דערציילן איז שוין הײַנט דאָ פון איר, פון באַסיען, וויפל פונעם אַש פון אַ ציגאַר. אָבער אַז אַ יִדענע, ווי באַסיע לייוויס, האָט זיך געקענט פאַרמעסטן אויף אַ זאַך, וואָס נאָר די גאָר גרויסע האָבן געוואַגט? און עפשער וועלן מיר דערפון עפּעס אָפּלערנען.

געשטאַמט האָט באַסיע פון אַ מישפּאָכע, וואָס גערופן האָט מען זי: „די לייוויקלעך". פון ווען דער נאָמען האָט זיך געצויגן, איז שווער צו זאָגן. קיין יִכעס־בריוו זײַנען ניט געבליבן און די מעסוירע פון דער מישפּאָכע האָט זיך געהאַלטן אין לעפּיערעך נאָענטע דאַטעס: אַ קלויז, וואָס איינער פון דער מישפּאָכע זאָל האָבן אויפגעבויט. דערבײַ האָט מען דערציילט, אַז ער האָט די קלויז געבויט מאַמעש, ניט געקוקט ווי אַנדערע אַרבעטן, נײַערט אַליין געפירט וואַ־

סער, געבראַכט לײם און זאַמד, געקנאָטן און געשמירט די װענט. װײַטער האָט מען דער־צײלט פֿון אַן אַנדערן גליד פֿון די לײװיקלעך, אַז ער האָט אַמאָל באַגעגנט עליִאָהו האַנאָװי און אַז עליִאָהו האָט אים געזאָגט: נאָסן, װאָלסט געמעגט אַהײמפֿאָרן כאָטשנע מאַכן די „מעזינ־קע". האָט נאָסן — אַזױ, הײסט עס, האָט ער געהײסן — פֿאַרשטאַנען, אַז ער װעט אײנגיכן שטאַרבן, איז ער אַהײמגעפֿאָרן, כאָטשנע גע־מאַכט די מעזינקע, און צו די אַכט טאָג גע־שטאָרבן, כאָטש ער איז נאָך גאָרנישט געװען אַזאַ זאָקן, און אַ גאַנץ קרעפּטיקער.

און ענלעכע אַזעלכע געשיכטעס, װאָס מע קען זײ הערן אין אַ מענגע שטעטלעך, צװישן אַלטע מישפּאָכעס.

פֿאַרװאָס מע האָט זײ גערופֿן „די לײװיק־לעך", איז פֿון די געשיכטעס ניט צום דער־קלערן. אײנס איז אָבער זיכער: עס איז געװען אַ גרױסע און פֿאַרצװײַגטע מישפּאָכע, פֿון די עלטסטע אין דעם קאַנט. קײן גרױסע גװירים, קײן אַדירים, איז צװישן די לײװיקלעך — ביז מעכלען, װעגן װעלכן מיר דערצײלן שפּע־טער — ניט געװען... קײן גרױסע סאָכרים, טראַסקערס אױך ניט. אַזױ זיך — מיטעלע מענטשן. און װײַל ס'איז געװען אַ פֿאַרצװײַגטע מישפּאָכע, איז געװען צװישן זײ פֿאַרשידענע: אָרעמע, פֿאַרמעגלעכע און יאַרדים... פּונװאַנעט זשע האָט זיך צו זײ געצומען דער שטעל און די פֿעסטקײַט? די גרױסע טאַקיפֿעס און דאָס אַזעס קעגן קאָהאָל, אַקעגן גװירים און אַקעגן פּאַרנײסים?.. װײַל זײ האָבן געשטעלט אָף זיך, די לײװיקלעך. קײן דערעכערעץ ניט געהאַט ניט פֿאַרן ראָװ, ניט פֿאַרן באַל־טאַקסע, ניט פֿאַרן װוכערניק און אַפֿילע ניט פֿאַר נאַטשאַל־סטװע. און אײנער פֿון זײ האָט געהאַט אַמאָל אַ גרױסן פּראָצעס מיטן מאַלכעס און געמוזט אױיקער זײַן. ס'איז אַ סװאָרע, אַז יענער איז עס טאַקע געװען דער דאָזיקער לײװיק, דער ערשטער פֿון די לײװיקלעך.

נאָכפֿאָרשן די זאַך איז דאָך ניט מעגלעך. סע קען געמאָלט זײַן, אַז דער דאָזיקער לײװיק, װאָס האָט מױרעד געװען אין מאַלכעס, איז גאָר געװען אַ שפּעטערדיקער, נאָר סײַװי האָט עס צו אונדזער אײניען ניט קײן באַזונדער שײַ־כעס, און װען אַפֿילע יאָ, װעט שױן דער לײַ־נער אַלײן אױסגעפֿינען.

באַסיע, װאָס מע האָט זי גערופֿן באַסיע לײַ־װיס, איז געװען פֿונעם סאַמע שטאַם פֿון די לײװיקלעך, פֿון יענעם צװײַג, װעלכער האָט זיך גערעכנט נאָך דעם לײװיק, װאָס האָט געמוזט אַנטלױפֿן פֿאַרן ·מאַלכעס און געלאָזט נאָך זיך שפּורן אין אַלטע און באַרימטע ייִדישע שטעט, װי, אַשטײגער, סטאַניסלאַװ, בודאַפּעשט. אין איר, אין באַסיעס, מישפּאָכע, אין דעם אָפּ־שטאָם, פּונװאַנען זי האָט געצױגן דעם שױרעש, זײַנען איבערגעגאַן פֿון טאַטע צו זון ברײװ און קסובעס, װאָס יענער לײװיק זאָל האָבן געשריבן מיט זײַן האַנט און פֿון װעלכע מע האָט געזען, אַז דער לײװיק איז געװען אַ גרױסער קינסט־לער אין קסיבע. ס'איז אַ סװאָרע, אַז די קונסט זײַנע האָט אים גורעם געװען צו זײַן פֿאַר־טריבן פֿון זײַן הײם: ער זאָל האָבן, הײסט עס, נאָכגעמאַכט כסימעס און סטאַם פּאַפּירן פֿון גאָר גרױסע לײַט.

מע האָט אָבער נאָך זאַכן נאָכדערצײלט, נאָך דעם לײװיקן: אַז ער איז געװען אַ גרױסער מענאַגן, פֿאַרמאָגט אַ שטים, אַן עמעסע שאַא־גאָס־אַרי. און אַז ער האָט אַמאָל געגומען אײ־בערשטע טענער, האָט מען געהערט אָף צװײ װיאָרסט אַרום.

װײַזן װײַזט אױס, אַז ער איז געװען זײער אַן אומרויִקער מענטש, נישט געקענט אײַנזיצן אָף קײן אָרט, מיט קײן מענטשן ניט געהױזט, זיך ניט געהאַלטן לאַנג אין אײן שטאָט און זײַן גאַנץ לעבן געװען נאַװענאַד.

אָט דאָס איז בעקיצער, װאָס מיר װײסן װעגן די לײװיקלעך. אױך איז באַװוּסט געװען אין יענעם קאַנט צו אַלטע לײַט, אַז זײ זײַנען געװען איבערגעגעבענע כסידים. אָבער אין באַ־סיעס מישפּאָכע איז דאָס כסידעס אײַנגעשטאַ־נען באַ די נעקײװעס. די זכאָרים — סאָכרים, לאָמדים, טרודע מענטשן. און דאָס כסידעס יאָר־שענען די טעכטער.

אַזױ אױך — באַסיע.

ב

באַסיע אַן אַלמאָנע

עס פֿאַרשטײט זיך אַלײן, אַז װיבאַלד באַסיע האָט געיאָרשנט דאָס כסידעס, האָט זי אױך געטאָן די שידוכים מיט די קינדער. געװײנט־לעך, פֿלעגט זי קודעם פֿאָרן צום רעבן זיך האַלטן אַן אײצע, און אַז דער רעבע האָט גע־געבן זײַן האַסקאָמע, פֿלעגט זי אַהײמפֿאָרן, אָפּ־געבן דעם מאַן אירן, דעם טרודן סױכער און באַהאַלטענעם מיסנאַגיד, מאַזלטאָװ. באַ די טעכ־טער האָט זי איבערגעקליבן, געזען, אַז דער אײדעם זאָל זײַן פֿון כסידישן גראַד, ער זאָל זײַן אַ שײנער מאַנספּאַרשױן. און באַ די זין פֿלעגט זי אױעקקוקן, געזוכט דעריקערשט אַן אָנשפּאַרונג... דער מאַן, דער טרודער סױכער, האָט זיך אין די זאַכן ניט געמישט.

אזוי איז געווען, קאָלזמאַן ער האָט געלעבט, און אז ער האָט פּלוצעם געטאָן א שטאַרב אוועק, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט אויסגעגעבן איינעם צוויי זין און דרײַ טעכטער, האָט זי מעמיילע שוין ניט געהאַט וועמען צו פרעגן.

טייקעף נאָכן מאַנס טויט האָט זיך באַסיע ארומגעקוקט, אז זי איז געבליבן אן אלמאָנע, א מאַמע פון פיר היפּשע יעסוימים. איז זי אוועקגעפאָרן צום רעבן זיך האלטן אן אייצע. דאָרטן האָט זי זיך באַגעגנט מיט נאָך א כאָסיד, אן אראָפּציער[1] פּראָסטן אוישער, און א שידעך געטאָן.

אהיימגעקומען איז באַסיע א שטראַלנדיקע, א געטרייסטע, גלײַך דער מאַן איז איר לעבעדיק געוואָרן. זי איז ארופגעפאַלן דעם זון, דעם גוורעדיקן פּוסט־און־פּאַסניק, אפן האלדז:

— מאַזלטאָוו, זון, ביסט צו מאַזל א כאָסן געוואָרן.

דער אראָפּציער פּראָסטער אוישער האָט קיין לאַנגע שיִעס ניט געמאַכט, אויסגעשטאַנען די כאַסענע מיט אלע הויצאָעס און פאַרנומען מעכּלען צו זיך, אין זײַן ווײַטן אראָפּציער־שטעטל.

א יאָר צען האָט באַסיע, נאָך ווי־ס׳איז, זיך געמוטשעט, געווען א באַלעבאָסטע, כאַסענע געמאַכט די אַנדערע צוויי זין, נאָר ס׳איז געקומען צו דער מעזינקע, האָט זי שוין געמוזט פאַרקויפן די דירע, אײַנטיילן די קינדער יערושע און אויסגעבן דאָס שיינע מיידל פאַר א פאַרמעגלעכן אלמען אין א דאָרף ארײַן.

אָפּגעפּליעסקעט ווי־ס׳איז די כופּע און ארויסגעפּראַוועט די טאָכטער אין דאָרף ארײַן, האָט באַסיע צונויפגענומען איר האַלבאָשע מיטן בעטגעוואַנט, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן, זיך אָפּגעזעגנט מיט די קינדער, איבערגעלאָזט בעסאָד פאַר די איבעריקע א פּאָר יאַסיקעס און א באַהאַלטן קניפּל דער מיטלסטער טאָכטער, דער אָרעמסטער, און אליין אוועקגעפאָרן אראָפּצי, צום רײַכן זון, צו מעכּלען, מיטן געדאַנק דאָרטן צו פאַרבלײַבן.

דאָס אראָפּציער־שטעטל, ווו מעכּל האָט געוווינט, איז געווען ווײַט פון באַסיעס געבורט־שטאָט. קיין ברוקירטע שאָסייען פירן ניט אהין, א באַן איז יאָ דאָרטן ערגעץ געווען אין יענעם קאַנט, אָבער זייער ווײַט פונעם שטעטל, און אפילע ווען ס׳איז נאָענט, וואָלט זיך באַסיע ניט געווען אײַנגעשטעלט צו פאָרן מיט איר. איז זי אהיים, אין איר געבורט־שטאָט, געפאָרן זעלטן: איין מאָל אין יאָר אף קייווער־אָוועס און אזוי אמאָל, ווען א זון צי א טאָכטער האָבן כאַסענע געמאַכט. נאָר ווײַל די קינדער זײַנען געווען אָרעם, פלעגט זי זיך מער זען מיט זיי, ווען עמעצער פון זיי איז געקומען נאָך הילף צו מעכּלען, דעם רײַכן ברודער. און אז דער נויטבאַדערפטיקער איז געקומען אהיים, פלעגט ער צום אָנהייב אָנדערציילן זיך ניסים־ווענִיפלאָעס וועגן מעכּלס גרויס אשירעס און דערנאָך שוין גענומען דערציילן, וואָס פאַר אן אכזער דאָס איז, אז ס׳איז בא אים ארויסצורײַסן א קערבל, ווי בא א הונט פון די ציין. און די מאַמע... נאָר דערבײַ פלעגן די טעכטער וויינען און די זין האָבן געצופּט די בערד און געקוקט מיט א באַהאַלטענעם טאַרומעס צום ריבוינעשעלוילעם:

— די מאַמע לאָזט ער ניט ארײַן אין שטוב ארײַן. אין קיך מיט דער דינסט מוז זי זיצן.

כאָטש אזוי, יעדעס מאָל ווען באַסיע פלעגט קומען צו פאָרן אין איר געבורט־שטאָט, האָט מען געזען, אז זי זיצט ווי אף קוילן, און מ׳האָט בא איר קיינמאָל ניט געקענט פּויעלן, זי זאָל פאַרבלײַבן כאָטשבי נאָך אף א שאַבעס.

די טעכטער איז עס געווען א גרויס פאַרדראָס: סטײַטש, זיי זײַנען קיין בייז אויג אכט קינדער, זין און טעכטער, כוץ — זיי זאָלן געשענקט זײַן! — אייניקלעך, און דאָרטן האָט זי איין זון, אזא ראָשע, און מע כאַלעשט: „מאַמע, בלײַב כאָטש נאָך אף א שאַבעס״... און זי וויל אפילע ניט הערן.

און אז באַסיע האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו פאָרן ניט צו אירע קינדער, נאָר גאָר צו אן אלטער כאַווערטע אירער, א גליד־געשוועסטערקינד, וואָס האָט געוווינט באַם וועג, ווו מע קומט אָן פון דעם אראָפּציער־שטעטל, האָבן די טעכטער אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך, אז די אלטע קער אוואַדע מאַכן א קניפּל לעם דער רײַכער פּראָסטער שנור און די צעלאָזענע אייניקלעך. האָבן זיי גענומען צושטיין צו איר, אמאָל איינעם, אמאָל אייניציקווײַז:

— וואָס זשע, מיר זײַנען כאָלילע ניט קיין קינדער, מיר דאַרפן ניט מעקײַעם זײַן קיין קיבעד־איים?..

און די עלטסטע טאָכטער, די בעקאָוועדיקע און קלוגע, האָט אמאָל צוגעגעבן:

— אפּאָנעם, דו שעמסט זיך מיט אונדז, מאַמע, ווײַל מיר זײַנען אָרעם?..

באַסיע האָט זיך דאָך ניט געלאָזט איבערריידן און געטאָן דאָס אירע.

די שנורן אָבער, וועלכע האָבן שלעכט געלעבט מיט די שוועגערנס, די טעכטער, איבער דער יערושע און איבער עפּעס שטוב־זאַכן, וואָס מ׳האָט קלוימערשט שלעכט פאַרטיילט, האָבן געזוכט אויסצוגיסן זייער ביטער האַרץ אף דער שוויגער און געטריבן רעכילעס, אז

[1] „אראָפּצי״ רופט מען אין בעסאַראַביע און מאָלדאָווע דעם דאָרעם־טייל פון די פּראָווינצן. די „אראָפּציער״ ייִדן פלעגן באַטראַכט ווערן מיצאַד די צאָפּנדיקע פאַר אמעראַצים.

די אַלטע איז אַ „פרעסערן און אַ זויפערן״. אַ סימען, זי האָט אויפגעפרעסן דעם שווערס פאַרמעגן... אַזאַ פאַרמעגן!.. און צוליב דעם, הייסט עס, האַלט זי זיך באַם רײַכן זון... און איינמאָל האָט זיך מעיאַשעוו געווען די ייִנגסטע שנור, וועלכע האָט ניט גוט געלעבט מיטן מאַן און געדאַכט האָט זיך איר, אַז דעם מאַנס שוועסטער מאַכן איר אַ בייז לעבן, האָט זי אָפּגעטשיפּערט, ווען די שוויגער איז געקומען צו פאָרן אַף קייווער־אָוועס, איז אַרופגעגאַנגען צו דער אַלטער ווײַטער קרויווע, וווּהין די שוויגער האָט אָנגעהויבן פאָרפאָרן די לעצטע יאָרן, איז געקומען מיט אַן אויסרייד, אויסגענאַרט דער אַלטערס קלומעקל, און אין דער היים אַרײַנגערופן אַ פּאָר שכיינעס און, פאַר יענע אין די אויגן, געעפנט דאָס בינטל. האָט מען געפונען דאָרטן עטלעכע פּאַטשיילעס, גוט צונויפגעדרייטע און פאַרקניפּטע, און אין זיי אַ קראַנץ מיט פײַגן, אַ שקאַרמיץ מיט ראָזשינקעס און, עפּעס אַזוי זיך, ניט אײַנגעוויקלטע, עטלעכע צוזאַמענגעקלעפּטע צוקערקעלעך.

די ייִדענע איז געווען אַ שוואַכע און פון איר ביז צו דער ווײַטער קרויווע דער שוויגערס — אַ מעהאַלעך־ראַוו, און צו דערצו האָט זיך געמאַכט גאָר אַ הייסער טאָג, ווי סע טרעפט אום עלעל, איז זי געווען זייער מיד. און דאָך אַזוי איז זי באַלד אַוועק צו די שוועגערנס, די אַנדערע שנורן, און האָט זיי אָפּגעטראָגן דאָס נײַס. און אַלע איינעם האָבן גענומען פּיקן די מענער אַ גאַל:

— איר האָט אַ מאַמע אַ פרעסערן!

דאָס כאַשכעס, וואָס האָט זיך דעמלט געטאָן אין דער מישפּאָכע, איז ניט צום באַשרײַבן. די מיטלסטע טאָכטער, די אָרעמסטע, איז אַוועק צו דער עלטסטער, דער בעקאָוועדיקער, און האָט זיך דאָרט געהאַרגעט אין קאָפּ אַרײַן. די עלטסטע, אָן אַ שאַל אַפילע אַף די אַקסלען, איז אַרופגעלאָפן צו דער שוועגערן, איר געמאַכט אַ פינצטערע בעזהאָלאָוויע, איר מיטן מאַן, דעם שיינעם זון, מישטיינסגעזאָגט, און דערנאָך אַרויס אַף דער גאַס מיט אַ פאַרפּלאָמטן גוואַלד:

— אַזאַ כצופּע, האָבן אַ פּאָטעפּאַלנאָסט[1] צו זאָגן אַף מײַן מאַמע, אַז זי איז אַ פרעסערן!.. שיקסע!..

די שנורן האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ מויזנלאָך. נאָר וואָס האָט געהאָלפן? אָפּגעטאָן איז אָפּגעטאָן. די זין האָבן זיך געגריזשעט צווישן זיך, מיט די ווײַבער האָט מען זיך ניט געגעט. באַסיע האָט אויפגעהערט צו פאָרן אין איר אַלטער היים. אַפילע ניט אַף קייווער־אָוועס.

[1] דרייסטקייט, כוצפּע.

ג

אַ גוטער סימען

זי אָבער, באַסיע, איז אַף איר שנור ניט באַרויגעז געוואָרן. פאַרקערט, זי האָט געזען אין איר אַ גוטן שאָלִיעך און אין דעם, וואָס זי האָט געטאָן, — אַ גוטן סימען.

טכילעס, אַז ס׳איז געקומען עלעל, האָט זי נאָך געצויגן אַהיים, נאָר געפאָרן איז זי נישט. און דאָס ניט פאָרן האָט זי ניט אַזוי געאַרט, ווי דאָס טיפּשעס פון די קינדער. „אַזאַ טיפּעש, אַזאַ טיפּעש, — האָט זי געטראַכט; — אָנהענגען אינעם פרעס!״... ווײַל זי, באַסיע, האָט דאָך געווּסט דעם עמעס, אַז האַלטן האַלט זי זיך דאָ, באַם שלעכטן זון, טאַקע צוליב זיי, צוליב די קינדער. און דאָס צופאָרן די לעצטע יאָרן צו איר ווײַטער קרויווע, ניט צו איר בלוט און פלייש, איז דאָך אויך געווען נאָר צוליב זיי, צוליב די קינדער. וואָרן, עפּעס אַזוי־אַ, קיין אײַנהאָרע, צעוואַקסט זיך אַ מישפּאָכע מיט זין און טעכטער און שנורן און איידעמס און, קיין בייז אויג, אייניקלעך, און איינס איז כאָלילע ניט קראַנק, און — אַל תּפתּח פּה לשטן![1] — פון אַוועקקומען איז אָפּגערעדט. און אַז זי האָט געזען, ווי דאָס צעוואַקסט זיך און צעשפּרייט זיך פון דער זײַט פרוט און פון יענער זײַט פרוט און טראָגן טראָגט עס איר נאָמען: באַסיע לייוויס, פון באַסיע לייוויס הויזגעזינד, איינס אין איינס, דעמבעס אין וואַלד, ווי־אַזוי זאָל זי ניט מוירע האָבן פאַר אַ גוט־אויג?

זי האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו רעכענען די צאָל פון די אייניקלעך און זי וואָלט שוין עפּשער געווען באַשטאַנען, זיי זאָלן זיך מערער גרויסן אין מאַזל. האָט זי עס אָבער מוירע געהאַט צו ברענגען אַף די ליפּן, עס זאָל מיט איר כאָלילע ניט געשען ווי מיט יענער ייִדענע, וואָס זי האָט אַ זאָג געטאָן, אַז זי האָט שוין ניט קיין קיילים, האָט אויפגעהערט רינען דער בוימל...

האָט עס איר טכילעס געאַרט, דאָס ניט קענען פאָרן אַף קייווער־אָוועס. און דערנאָך האָט זי זיך פאַמעלעכן באַ זיך איבערגעלייגט און פאַרשטאַנען, אַז אַזוי דאַרף זײַן און אַזוי איז עפּשער גלײַכער. האָט זי געטראַכט באַ זיך: באַסיע לייוויס האָט געפלאַנצט אַ שיינעם גאָרטן, און דער וואָס אייביק לעבט האָט אים געבענטשט, און דער זכוס פונעם הייליקן צאַדיק איז איר בײַגעשטאַנען.

[1] אַל טיפטאַך פּע לעסאָטן — געמיינט: ס׳זאָל ניט אויסגערעדט זײַן.

און איינמאָל האָט זי זיך דערמאָנט יאַקבי, אַז טייקעף נאָכן מאַנס טויט, האָט זי אים שטאַרק דערקוטשעט, דעם רעבן, זי האָט געוואָלט, ער זאָל איר צוזאָגן, אַז זי וועט ניט האָבן קיין געבראָכן הארץ, און אַז דער רעבע האָט איר קימאַט ווי צוגעזאָגט, ס'הייסט ניט מאַמעש צוגעזאָגט, נאָר אַזוי ווי צוגעזאָגט:

— באַסיע, — האָט ער איר געזאָגט, — היט דיך פאַר אַ גוט־אויג.

היט זי, באַסיע, דעם גאָרטן. סאָנים מיט טויזנטער אויגן לויערן אַף אים און ווילן אים שלעכטס טאָן, אָבער אַזוי לאַנג דער שוימער איז דאָ, האָבן זיי ניט קיין צוטריט.

האָט זי נאָך געטראַכט, אַז דאָס בעסטע פאַר אַ שוימער איז: זיך אויסצובאַהאַלטן... און ווו קען זײַן פאַר איר אַ בעסער באַהעלטעניש, אַז ניט דאָ אין דעם פרעמדן שטעטל, ווו קיינער קען זי נישט און ווייסט זי נישט? האָט זי ווידער געטראַכט, אַז דער וואָס לעבט אייביק האָט אומיסטן אַזוי געפירט, די שנורן זאָלן ברענגען דערצו, אַז זי זאָל ניט קענען פאָרן אין איר היים, ווו איין האַלבע שטאָט קער זיך אָן מיט איר און די אַנדערע האַלבע שטאָט זאָגט זיך אָן מיט אירע קרווים, קעדיי זי זאָל זיך גרינגער אויסבאַהאַלטן באַ מעכלען אַפן אויוון, אין קיך... אײַ דאָס, וואָס מעכל איז זי מעוואַזע און באַגייט זיך מיט איר ווי מיט דער ערגסטער שלעפערן, איז אַ סימען, אַז דער גוטער מאַכער רעדט אים אָן, קעדיי ער זאָל זי צוריקברענגען אין איר היים! האָט זי אָנגענומען אַלצדינג פאַר ליב, אַבי אירע קינדער זאָל ניט שאַטן. וואָרן ווער איז מעכויעוו מער ווי זי? זי האָט געפלאַנצט, זי דאַרף היטן. וואָס טוט אַ שוימער, אַז סע שנייעט, אַז עס רעגנט?

אײַ, מעכלס אווירע? קיבעד־איים? איז זי אים אַלצדינג פון פריִער מויכל. און צוריקגערעדט, איז דאָך מעכלס קיך שענער, ווי אָן אַנדערנס שטוב, און אָנגעשפּיקעוועט מיט אַלדאָסגוטס!..

איז אָפּדערנאַכט, אַז זי כאַפּט זיך אָרוף אַפן אויוון און לייגט צו די פּלײַצעס צום קוימען, איז דאָך דאָרטן דער אַפּן־אויוון אינמיטן דער וואָך וואַרעמער, ווי באַ אָן אַנדערן אום שאַבעס. אַ קלייניקײַט, וואָס מע קאָכט און מע באַקט דאָרטן איבער אַ טאָג!.. זיצט זי און וואַרעמט זיך אויס איעדן אייווער, און כייוועס די דינסט, דאָס ערלעכע קינד, פאַריגלט די טיר, שטעלט אַוועק דאָס לעמפּל אַפן עק אויוון, זעצט זיך אַליין אויכעט אַוועק אַפן אויוון, מיט די פיס אַפן פּרימעסט אַראָפּ, און לייענט אין דער הייך אַ מײַסע־ביכל, און זי, באַסיע, הערט און האָט ווילד האַנאָע. שיינע מײַסעס... זי ווייסט ווי זיי הייסן... דער כיירעם... דער קויהען... זי געדענקט זיי אַלע אויסנווייניק. קאַרג קיבעד־איים איז דאָס? און אַמאָל טראַפט זיך, ס'איז שפּעט אין דער נאַכט, זי דרעמלט און זעט כאַלוימעס, פאַרשידענע כאַלוימעס, קומט צו לויפן די פרומע פראָסטע שנור, אין הוילן אונטעראָק, מיטן שאַל אַף די נאַקעטע אַקסלען, און טאָרעט זי:

— שוויגער, שוויגער, נעמט, באַהאַלט... טאָמער דאַרפט איר עפּעס...

און זי רוקט איר אַרײַן אַ קערבל. און דערנאָך שטייט זי לעם אויוון און בעט:

— זײַט אים מויכל, דעם מעשוגענעם, איר זאָלט כאַלילע קיין בייז הארץ ניט טראָגן...

זיצט שוין דערנאָך באַסיע אַ גאַנצע נאַכט און שעפּטשעט פון שלאָף מיט די אַלטע ליפּן:

— ריבוינעשעלוילעם, די שנור זאָל מיר זײַן געזונט, און דער זון זאָל מיר זײַן געזונט, און די אייניקלעך...

זי דערמאָנט זיך אַלעמאָל אין אַן אַנדער קינד, אין אַנדערע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, און זי כאַזערט איבער די טפילע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז זי פאַרפּלאָנטערט זיך אין די נעמען.

ד

פאַרגעסן

זײַנען אַוועקגעגאַנגען יאָרן, ווי זיי פלעגן אַמאָל גיין. שטיל, אָן אַ שאָרך, און באַסיע איז מיט דער צײַט אַזוי געווינט געוואָרן, אַז זי האָט אַפילע ניט גערן אָפּגענומען אַ גרוס פון דער היים. פלעגט אַמאָל דער שלעכטער זון זיך דערוויסן אָדער אויסקלערן פונעם קאָפּ און איר דערציילן, אַז די צי יענע פון אירע קרוויוועס, אַ שייני־שעבעשייני, צי אַ שלישי־שעבעשלישי, האָט זיך געפּעלט... האָט זי אים באַלד אויסגערעכנט, אַז זײַן מאַמע איז די ייִנגסטע פון די כאַווערטאָרנס געוועזן... און אַז יענער צי יענע, ווײַט אָפּגעשיידט זאָל זי זײַן, איז געווען מיט אַ קאַסע יאָרן עלטער פון איר.

אָפּדערנאַכט, פאָרן לייגן זיך, האָט זי געבעטן כייוועס די דינסט, דאָס ערלעכע קינד, זי זאָל מויכל זײַן גוט צוריגלען די טיר, און, אויב עמעצער וועט כאַלילע קלאַפּן באַנאַכט און פרעגן אַף איר, אַף באַסיע לייוויס, זאָל זי ענטפערן, אַז אַזוינע איז דאָ ניט פאַראַן... זי האָט אַליין פאַרשטעקט דעם קוימען, נאָר מיט די ליפּן געלייענט קרישמע און געטראַכט מיט

א שטילער טרייסט, אז דאָ אין דעם שטעטל איז זי א ווילד־פרעמדע, אז מעכלען רופט מען ניט אף איר נאָמען, נאָר אף זײַן שווערס נאָמען, און סע ווייסט קיינער ניט, צי זי געפינט זיך דאָ באַ מעכלען אין קיך.

אין דער צײַט האָט די עלטסטע טאָכטער אויסגעגעבן די קינדער, די ייִנגסטע שנור האָט אופגעהערט קינדלען, פּאַרנאָסע איז געוואָרן ווי קריִעס־יאַמסוף, נאָר צו מעכלען נאָך הילף איז מען ניט געפאָרן, מ׳האָט געוווּסט: ער גיט נישט. אין באַסיען האָט מען ווי פאַרגעסן... אמאָל נאָר, אין א כמאַרנעם גאַנצפרי, כאַפּט זיך אוף די מיטלסטע טאָכטער, די אָרעמסטע, וואָס פון זינט דער עלטערער איידעם און די איבערגעוואַקסענע מיידלעך זײַנען אוועק קיין אמעריקע, האָט זי אָנגעהויבן זען אַזוינע וווּנדערלעכע כאַלוימעס: עפּעס א שיף גרויס ווי די שטאָט, און זי איז געפלויגן איבער אַ ברייט, ברייט וואַסער... און איינמאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אז דעם אייגענעם כאָלעם האָט זי געהאַט מיידלוויַיז, האָט איר דער טאַטע אָלעווהאַשאָלעם פּויסער געווען צו גוטן. זי וועט וווינען איבער א וואַסער און וועט באַגליקן... טרעפט אמאָל, אין א כמאַרנעם גאַנצפרי, זי כאַפּט אף זיך דעם פאַרעלטערטן שאַל און לויפט מיט די הינטערגאַסן צו גיטלען, דער עלטערער. באַ יענער אין אַלקער וויינט זי זיך גוט אויס: זי האָט געהאַט א שלעכטן כאָלעם.

— ווער ווייסט, צי די מאַמע איז נאָך דאָ...

גיטל שיקט מיט אן אייניקל, צי — אויב קיין אייניקל איז נישטאָ באַ דער האַנט — מיט א שכיינעס א קינד, א פאַרבליבן שאַבעס־ליכטל אין קלויז אַרײַן, זי זוכט אויס אין דער אויסגעלײַדיקטער שפּײַז־שאַפע א טאָרבעלע מיט גרויפּן צי מיט פּאַסאָליעס, און גיט עס דער אָרעמער שוועסטער אונטערן שאַל אַרונטער, און בעט זי אָן:

— טײַערע שוועסטער, איך בעט דיך, לעמאַנהאַשעם, איך דאַרף ביטיק האָבן ס׳טאָרבעלע.

שפּעטער, באַם אָנבײַסן, דעם שטילן אָנבײַסן פון אן אַלט פּאָרפאָלק, שמועסט זיך גיטל איבער מיטן מאַן, מיט שויעלן, אַזוי זיך, מיט האַלבע ווערטער, מיט רעמאָזים. זי ווישט א טרער, און רעב שויעל, א פאַרקלערטער, שאַרט פון זיך פּאַמעלעך, מיטן רוקן פון דער דלאָניע, די ברעקלעך, און — אז ס׳איז דאָ א פרעמדער אוירעך באַם טיש — דערקלערט ער יענעם גלאַט אַזוי:

— די שוויגער... שוין, קיין אײַנהאָרע, א זקיינע.

און פּלוצעם פאַלט אַראָפּ א גרוס. רעב שויעל טרעפט אין קלויז, צווישן מינכע־אומײַרעוו, א פרעמדן יונגנמאַן. גיט ער אים אָפּ שאָלעם און דערוויסט זיך, ער איז פון מעכלס שטעטל.

— מעכל?

— אן אַדיר!

— מייע עלעף?[1]

דער יונגערמאַן שמייכלט.

— דעהײַנע?

— דעהײַנע?.. אריבער צוויי מאָל מייע עלעף!

— די מוטער? וועמענס מוטער?.. א־אַ!.. ער זעט זי אמאָל אין הויף...

יאָ, יענע וואָך געזען... א פאָלנער מענטש! אָפּדערנאַכט, פאַרן לייגן זיך, ערגעץ אין מיטן קרישמע, דערמאָנט זיך רעב שויעל אײנעם גרוס, טוט א מאַך מיט די הענט, איז מאַפּסיק, און ערשט שפּעטער, באַם אַראָפּציִען די וויַיכע כסידישע שטיוול:

— אָ־ווא, גיטל, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן. כ׳האָב הײַנט אָפּגענומען א גרוס פון דער מאַמען. קיין אײַנהאָרע פאָלקאָם.

גיטל ווישט זיך די הענט אינעם האַנטעך, וואָס הענגט אפן טירל פונעם אַלקער:

— איך בין ניט ווערט צו דערמאָנען זײַן נאָמען... לאָז ער איר דערלענגערן די יאָרן... א מאַמע...

און מע פאַרגעסט אף א צײַט.

ה

מעכל

און מעכל וואַקסט. און וואָס מער ער וואַקסט אין אַשירעס, ווערט די מישפּאָכע אין יענעם היימישן שטעטל אלץ מער דערנידערט. און וואָס מער יענע גייט עס שאָפלדיקער, גייט אלץ מעכל אין די הויכע מאַדרייגעס. מעכל וואַקסט פון טאָג צו טאָג. פון שאָ צו שאָ! מעכל אף דאָרעם, מעכל אף צאָפן, מעכל — פּאָסעסיעס אין בעסאַראַביע, מעכל — פּאָסעסיעס אין מאָלדאָווע, מעכל — וועלדער, מעכל — מילן. גרויסע בענק, אין ווײַטע שטעט, דערוויסן זיך פון מעכלען, שאַדכענען זיך צו אים:

— נעם געלט... געטרויע געלט...

און מעכל זיצט אין זײַן אַראָפּציער־סקאָסנעשטעטל, זיצט אפן שטעטל און לאַכט פון דער וועלט מיט אירע נעגידים און גווירים, וואָס

---

[1] הונדערט טויזנט.

לעבן פון לופט. בא אים זײַנען דאָ טאַבונען פון הונדערטער פּערד. אין די אָקולען[1] שטײ־ ען הונדערטער אָקסן, אין די אָרטאָפּעס[2] — טויזנטער שאָף, און אַלע פּריצים פון אַרום ליגן אין זײַן פּײַערקאַסע.

וואַקסן בא אים קינדער דעמבעס, ווילד ווי די כײַעס, ביז עס ווערט גרויס און ער מאַכט כאַסענע און שפּאַנט אײַן דעם זון צי דעם אײ־ דעם אין מיסכער, אין פּאַסעסיע, גיי האָרעווע און קוק צו מיר אין דער זשמעניע אַרײַן. לאַכט מעכל פון דער גאָרער וועלט און, ווו נאָר ער קען, מאַכט ער יענעם קאַליע און קיינער קען אים גאָרניט טאָן. א מיילעך.

וואָלט ער דאָך געדאַרפט זײַן צופרידן? וואָרן, מימאָנעפשעך: רײַך, געזונט, מיט גע־ זונטע קינדער, און דער ראָשע אין דיר איז אויך אָנגעזעטיקט מיט האַנאָע. וואָס זשע נאָך ווילסטו?

איז ער נישט צופרידן. עס באַקומט אים נישט. ער האָט א דאָרן אין אויג: די מאַמע. די אַלטע מאַמע...

עס באַקומט אים ניט זײַן גאַנץ אשירעס. ראַק ער טראַכט, וויאַזוי זי צו פּאַטערן. ער האָט געפּרוווט מיט גוטן און מיט בייזן זי אַרויספּראַווען צו יענע קינדער און געזען, אַז עס העלפט נישט, איז ער געקומען אין אַזאַ רעציכע, אַז ווען ניט די מוירע, וואָלט ער ווער ווייסט וואָס געווען געטאָן.

פרעגט זיך: וואָס? וואָס האָט זי אים קאַליע געמאַכט, מישטיינסגעזאָגט? מע זאָגט, סע מאַכט זיך, די שנור וויל ניט לײַדן. איז דאָס ווײַב מעכלס געווען א פּראָסטע קאָשערע ייִדישע טאָכטער, מוירע געהאַט פאַר אַן אוויירע און טאַקע געהאַט א גוט האַרץ. און כוץ דעם, האָט זי געהאַלטן פון מעכלס מישפּאָכע א וועלט, און זיך מיט איר מעיאַכעס געווען.

אָדער עס טרעפט, דער זון קומט אַרויס פון כאַזדאַרגער און שפּילט אויף, הייבט זיך אָן פירן פריציש, שעמט ער זיך מיט זײַניקע. עס איז אוואַדע זייער געמיין און נידעריק, אָבער עס מאַכט זיך. איז דאָך באַסיע געווען ניט פון קיין כאַזדאַרגע. און מעכל אַליין האָט זיך גע־ פירט ניט פריציש. פאַרקערט, וואָס רײַכער ער איז געוואָרן, אַלץ פּראָסטער האָט ער זיך גע־ פירט, פּײַנט געהאַט גווירים ווי כאַזער, זיך געכאַווערט נאָר מיט אָרעמעלײַט, אַבי זיי זאָלן זײַן כסידים פון זײַן רעבן. אַליין פלעגט ער זעלטן טראָגן א נײַעם מאַלבעש. און אַז עס פלעגן קומען צו פאָרן צו אים גרויסע סאָכרים אָדער באַנק־מענטשן פון די גרויסע שטעט, פלעגט ער שוין אומיסטן אָנטאָן דאָס ערגסטע מאַלבעש און צעריסענע שיך... צו וואָס? אַפּ־ צולאָכעס...

וואָס זשע, פרעגט זיך, האָט אין דעם מעכ־ לען אַזוינס געאַרבעט, ער זאָל זיך אַזוי אוּ־ מענטשלעך באַגיין מיט זײַן מאַמען? ער איז דאָך נאָך געווען דערצו א כאָסיד און א לאַמדן!

מוז מען זאָגן: דער סאָטן.

וועהאָרײַע:

איינמאָל שיקט מעכל רופן די אַלטע מאַמע אין עסצימער אַרײַן און בעט זי זיצן, און מאַכט צו איר מיט א פרום קאָל, מיט גוטן:

— מאַמע, כ'האָב געהאַט א בריוו פון אונד־ זער שויעלן. ער שרײַבט מיר, אַז זיי זײַנען אַליין, ער מיט גיטלען, און ווען איך זאָל זיי אונטערהאַלטן מיט צען קערבלעך א כוידעש אַלע כוידעש וואָלטן זיי געקענט לעבן בעמע־ נוכע.

ער קוקט אויף איר, וואַרט, וואָס זי וועט זאָגן. און זי שווײַגט.

מאַכט ער זיך, גלײַך ער האַלט מיט איר אַן אייצע:

— וואָס זאָגסטו, מאַמע?

צעוויינט זי זיך:

— ביסט, קיין אײַנהאָרע, אַזוי רײַך, פאַר־ וואָס זאָלסטו ניט שיקן?

ענטפערט ער, אַז ער רעכנט טאַקע אַזוי צו טאָן, ווײַל שויעל איז דאָך א טאַכשיט גאָדל און ער האָט אים ליב ווי זײַן לעבן. נאָר וואָס דען? ער וויל, אַז זי, די מאַמע, זאָל פאָרן זײַן בא שויעלן.

הערט זי אויס און גייט אין קיך אַרײַן און באַהאַלט זיך אויפן אויוון.

גייט מעכל און וואַרפט זי אַרויס פון קיך און פון הויף און הייסט דעם שייגעץ פון הויף, ער זאָל זי נישט אַרײַנלאָזן. ליגט זי א גאַנצן טאָג אין דרויסן, ביז סע קומט פאַרנאַכט און די פּראָסטע פרומע שנור שטעלט זיך אײַן און נעמט זי אַרײַן אין קיך און העלפט איר אַרופּ־ קריכן אויפן אויוון און גיט איר עסן.

דאָס עסן האָט זי בא איר צוגענומען. נאָר אַז זי איז געקומען באַנאַכט מיטן קערבל און איר געוואָלט אַרײַנשטופן אין דער האַנט אַרײַן, האָט באַסיע אוועקגענומען די הענט און זיך געמאַכט, ווי זי פאַרשטייט ניט. די שנור האָט געמיינט, אַז זי איז אויווער־באָטל, אָבער באַסיע האָט געטראַכט עפּעס אַנדערש. זי האָט שטענדיק געמיינט, אַז מעכלס מאַזל איז איר מאַנס מאַזל, מע האָט אים אוועקגעגעבן אײַנ־ גאַנצן, און די איבעריקע זײַנען דערפאַר אָרעם. איז עס א גאָט־זאַך. אָבער פון א צײַט האָט זיך איר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז מעכלס אשירעס איז פון גאָר אַן אַנדער אָרט. זי האָט מוירע עס אויף די ליפּן צו ברענגען. האָט זי פאַר־ שטאַנען, אַז אַלע אייצעס מעכלס זײַנען פון

[1] הויפן; [2] אַרומגעצוימטע פּלעצער.

דאַרטן, פונעם גוטן מאכער, טאָר זי ניט נע־מען.

איז זי געזעסן מיט די פּלייצעס צום קוימען, די אויגן פאַרמאַכט און אין זיך געזאָגט:

— וויפל מײַן קויעך וועט מיר פאַרטראָגן... איך וועל מיך ניט לאָזן.

ו

די ווינער קאַרעטע

איז... ווער ווייסט?.. קען זײַן, ווען מעכל איז ניט אזא ראַשע... און עפּשער האָט זיך עס אַזוי געפירט, קעדיי עס זאָל זיך גאָרנישט בײַטן אינעם סיידער פון דער וועלט.

און דאָך אַזוי, ווער ווייסט, צי די ייִדענע וואָלט ניט געווען אויסגעפירט, ווען ניט די ווינער קאַרעטע.

מעכל, דער זעלבער מעכל, וואָס האָט זיך אַפּצולאָכעס די אַנדערע גווירים געפירט פּראָסט און וואָס דאָס ווײַב זײַנס האָט אָפּגעקערט די אַלטע שטוב, ווען ער איז געווען אוועקגעפאָרן אַף א וואָך, און ערשט דעמלט האָט ער אופגעבויט דאָס נײַע הויז מיט די זאַלן מיטן גאַנצן אַרום און אַרום, — האָט ער זיך אַראָפּגעבראַכט פון ווין א קאַרעטע מיט פיר אונגאַרישע פערד געשפּאַנט אין זילבערנע שאָרעס, ווי די גאָר־גאָר גרויסע סראָרעס, און ווען מ'האָט אָנגעבראַכט די קאַרעטע און אײַנגעשפּאַנט די פערד, איז די גאַנצע שטאָט געלאָפן קוקן. דרייט זיך מעכל אַרום אין הויף און מאַכט כויזעק פון די אָרעמעלײַט, און יענע קוקן פאַרגאַפּט, ווי דער קוטשער מיטן קליינעם שייגעצל פּלאָגן זיך מיט די פערד, וואָס שטייען ניט אײַן אַף קיין אָרט און האַלטן אין איין גראָבן די ערד מיט די פעדערשטע קאָפּיטעס. אין דערווײַל איז כייווע די דינסט אויך אַרויסגעגאַן א קוק טאָן, און דער אַלטער מאַמען האָט זיך אויך פאַרגלוסט א קוק טאָן. איז ווי מעכל האָט זי דערזען, האָט ער גענומען שפּעטן און א זאָג געטאָן צו איר בוצים טאַמעוואַטע, נאָר אַזוי אַז אלע אין דרויסן זאָלן הערן:

— מאמע, וואָלסט געוועזן א באלן זיך דורכצופאָרן?

דער גאַנצער עולעם האָט אויסגעשאָסן אין א געלעכטער, און זי האָט געהאַט א גרויסן ביזאָיען. האָט זיך באַ איר אַרויסגעכאַפּט:

— נאָכן טויט!

וואָס איז א וואָרט? גאָרנישט. א שטרוי אַפן ווינט. אָבער א וואָרט, וואָס קומט פּלוצעם, אומגעפרעגט, פון זיך, א געדאַנק א ניט געבעטענער, וואָס שפּאַלט דעם מויעך ווי א בליץ, — ווער ווייסט דעם קויעך פון אזא וואָרט און אזא געדאַנק?

סע גייט זיך א מענטש, א יונגער, א געזונטער, אין א קראָם אַרײַן, זיך אָנעמען צײַג אַף א מאַלבעש, זיך, צי פון א נאָענטן מענטשן וועגן, א געזונטן, וואָס סע גייט אים צום לעבן. סע טראַכט זיך... פון וואָס קען זיך טראַכטן א יונגן מענטשן, א געזונטן, וואָס איז בעקויעך צו נעמען צײַג אַף א מאַלבעש, זיך, צי פאַר א נאָענטן מענטשן?.. און פּלוצעם טוט א שפּרונג אַרויס ווי א פײַערל אין מויעך... נאָר איך וויל ניט זאָגן וואָס. און דער סאָף איז, אז דאָס מאַלבעש טראָגט שוין ניט יענער, וואָס מ'האָט עס פאַר אים אָפּגעשניטן. יענער... נאָר איז דען פּאַפּיר בעיִעכוילעס איבערצונעמען א זיפץ, וואָס קומט פון טיפן באַהעלטענישן? וו'אַזוי האָבן צוטרוי צו פּאַפּיר, אז מ'האָט זיך אָפּגענאַרט אין לעבעדיקע פרײַנט?

וואָס האָט זי געזאָגט, באַסיע? זי האָט געזאָגט, צי ס'האָט זיך איר נאָר אויסגעדאַכט?

זי האָט זיך פאַרוקט אַפן איווון און זעלטן אַראָפּגעקראָכן, פרײַטיק נאָר, קעדיי צו אַרומוואַשן זיך לעקאָוועד שאַבעס. ליכט האָט זי געבענטשט אַפן איווון. זיך ניט געמאַכט וויסנדיק, צי קומט עמעצער אין קיך אַרײַן. איז אַרײַנגעקומען דער זון, האָט זי זיך פאַרדעקט און געמאַכט ווי זי שלאָפט. אַפילע דער שנור, דער פּראָסטער ערלעכער ייִדענע, ניט געענטפערט, ווען יענע האָט צו איר גערעדט.

ז

עס הייבט זיך אָן

איינמאָל אין אן אינדערפרי הערט באַסיע, ווי די שנור שושקעט זיך מיט כייווען. האָט זי צוגעבויגן אן אויער און געהערט:

— אן אומגליק... נעבעך... מײַן שוואָגער זעליק געבליבן אן אַלמען.

האָט זיך באַסיע פאַמעלעכן דערמאַנט, אַז זעליק איז דער ייִנגסטער זון אירער. הייסט עס, אַז די ייִנגסטע שנור...

האָט זי זיך אויך דערמאַנט אין אַלעמען, וואָס איז פאָרגעקומען, און אַז זי האָט איר נישט

מויכל געווען, און ס'האָט איר באַנק געטאָן. האָט זי זיך אָנגערופן:

— אין גאַניידן זאָל זי רוען, זי האָט זכוסים, וואָס קיין אַנדערע האָבן נישט.

האָט זיך די רײַכע שנור פאַרכידעשט:

— שוויגער, איר האָט געהערט?

נאָר באַסיע האָט שוין ווידער גערעדט, ווי פון כאָלעם:

— די זאַכן פון די פיס האָט זי זיך אויסגעטאָן און אוועקגעגעבן אַן אָרעמער ייִדענע... וויפל פאָר זאַכן האָט זי אינגאַנצן פאַרמאָגט? וויי דער מאַמען... און וויאַזוי זי האָט אָפּגעלעבט...

די פרומע פּראָסטע שנור איז אוועק און אָפּדערציילט מעכלען, וואָס זי האָט געהערט פון דער שוויגער, האָט ער זיך מעיאַשעוו געווען און אוועקגעגאַנגען אין קיך אַרײַן, זיך א ביסל אַרומגעדרייט און געקרעכצט, און כאָטש די אַלטע האָט זיך געמאַכט, ווי זי שלאָפט, א זאָג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו, מאַמע, אַף אונדזער זעליקס אומגליק?

האָט זי געעפנט די אויגן און אים באַטראַכט. און ער, אַז ער האָט געזען, אַז זי איז וואַך, האָט ער ווײַטער געזאָגט:

— כ'האָב געהאַט א בריוו... ס'א גרויס ראַכמאָנעס. נאָך געבליבן מיט קליינע קינדער. נישטאָ ווער ס'זאָל אָפּקאָכן א לעפל געקעכץ.

זאָגט זי:

— ווו זײַנען די גרעסערע?

מאַכט ער:

— ווו זאָלן זיי זײַן? אַף דער וועלט צעפאָרן. אין אַמעריקע. נישטאָ ווער סע זאָל אָפּקאָכן א לעפל געקעכץ.

זאָגט זי, אַז זי וועט פאָרן.

אין דערווײַל האָט מען בא מעכלען אין טײַך געכאַפּט פיש, און א ייִד, וואָס האַנדלט מיט פיש, פון יענעם שטעטל, האָט געבראַכט דעם גרוס. דער פישער האָט טאַקע געקויפט די פיש בא מעכלען. זעצט מעכל אויף די אַלטע מאַמע בא דעם ייִדן אַפן וואָגן מיט די פיש, און זי ברעכט אירע אַלטע ביינער אַזאַ מעהאַלעכראָוו. נאָר זאָגן זאָגט זי גאָרנישט, נעמט אָן אַלצדינג פאַר ליב. איז זי געקומען און געבראַכט מיט זיך עטלעכע צוקערקעלעך פאַר די יעסוימים, געמיינט דערמיט צו קויפן זייער האַרץ, נאָר די יעסוימים האָבן זיך פון איר אָפּגעווענדט. און ווידער, וואָס פאַר א באַלעבאָסטע, מישטיינסגעזאָגט, האָט זי געקענט זײַן? אַפילע אירע אייגענע קינדער איז זי שוין אויסגעקומען מערער א ווײַטע קרויווע, אַשטייגער אַן עלטער־מומע, ווי א מאַמע. האָט דער אַלמען נאָך פאַר שלוישים כאַסענע געהאַט, און זי איז צוריקגעפאָרן צו מעכלען.

ח

מע גייט זיך אַנטקעגן...

גיט זיך מעכל אַן אייצע:

זײַן ברודער, דער צווייטער נאָך אים, וואָס זיי זײַנען אינאיינעם פאַרבליבן נאָכן פאָטערס טויט און אינאיינעם געלערנט כאַוועריש אין קלויז, איז געקומען צו אים נאָך הילף.

דער מענטש איז געווען א לאַמדן און א וועלט־כאָכעם, נאָר דאָס מאַזל זײַנס איז, אַפּאָנעם, געווען קליין. ער איז דאָך קיינמאָל ניט געפאָרן צו מעכלען, אים ניט אָנגערירט מיט וויפל א ציגאַר טוטין איז ווערט. אַז ס'איז שוין אָבער געקומען ביז איבערן האַלדז און קיין יונגערמאַן איז מען שוין ניט...

האַקלאַל, מעכל נעמט אים אויף פאַר א גאָר גרויסן גאַסט און הערט אים אויס און באַקרעכצט אים און נעמט אים צו... ניט כאָלילע פאַר א בעקאָוועדיקן מענטשן אין זײַנע געשעפטן, נאָר פאַר א מעלאַמעד צו זײַנע צעלאָזענע מעזיניקעס.

דעם ברודער איז עס געווען א גרויסער ווייטעק, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט העלפן. און מעכל האָט זיך געמאַכט א שפּילעכל...

דער ברודער, האָבן מיר געזאָגט, איז געווען א לאַמדן, פאַרשטעקט מעכלען אין גאַרטל. און מעכלס באָנים — ווי סראָוו בא די גוירים — פאַרשטאָפּטע קעפּ. וואָס זשע טוט מעכל? שיקט אַלעמאָל רופן די באָנים מיטן ברודער און... פאַרהערט. און נעמט דעם מענטשן אַרויס דאָס כײַעס. האַלט אים אין איין שרײַען: „אַמהאָרעץ, גראָבער יונג". און כאָטש יענער זעט, אַז מעכל גרײַזט, מוז ער הערן און שווײַגן.

און נאָך עפּעס איז געווען: מעכלס ברודער איז געווען א פײַנער מענאַגן. אין די יונגע יאָרן האָט ער געהאַט גאָר די שיינע שטימע און מ'האָט אַף אים געזאָגט, אַז ס'האָט זיך אין אים אָנגערופן די נעגינע פון יענעם לייוויקן... האָט ער אָבער דערצו אויך קיין מאַזל ניט געהאַט. האַקיצער, ער האָט איצט, אַף די עלטערע יאָרן, אויך נאָך זייער שיין געדאַוונט און אַפילע א וואָכנדיקע שמענעסרע פלעגט ער אַמאָל זאָגן אַזוי האַרציק, אַז ס'איז זיך צעגאַן אין יעדער אייווער... און מעכל, ווי אַפּצולאָכעס, האָט געהאַט א קאָל פון אַן עגלאָ־אָרופאָ[1]. וואָס זשע טוט מעכל? איז פונקט דעמלט, ווען יענער דאַוונט פאַרן אָמעד און צעזאָגט זיך מיט מעסיקעס, לייגט אַרײַן אין די טפילעס זײַנע יעסור־

[1] געקוילעטער קאַלב.

רים און זײַנע דײַגעס, דעמלט טוט מעכל א געשריי:

— דו, אמהאָרעץ! האָסט פאַרגעסן דעם נדר־סעך...

און קיינער איז נישטאָ, ווער סע זאָל זיך אָנרופן א וואָרט, ווײַל מעכל איז דאָך דער גרויסער אוישער, דער טאַקיף.

ביז איינ׳מאָל האָט דעם אָרעמען מענטשן נעבעך צוגעטדאָטן צום הארצן, און ער איז אריינגעגאַן אין קיך אריַין און זיך צעוויינט פאַר דער אלטער מאַמען...

האָט זי פאַרגעסן, אז זי טאָר זיך נישט מישן, און געגאַנגען אויסמוסערן מעכלען, האָט זיי מעכל ביידע ארויסגעוואָרפן.

זי האָט זיך אפּדערנאַכט אריַינגעראַטשקעוועט צוריק אין קיך אריַין. און דער זון איז אוועקגעגאַן אין שטאָט אריַין און זיך געזען טאַלמידים און, צי ווײַל ער איז געווען א לאַמדן, צי ווײַל מעכל האָט געהאַט א סאַך סאָנים אין שטאָט און מ׳האָט אים געטאָן אפּצולאָכעס, צי איבער אַנדערע סיבעס, א ביידער האָט זיך אים געמאַכט א גוטס, מיט פײַנע טאַלמידים און גוט סכאַר־לימעד.

איז ער געקומען אין א פאַרנאַכט אין קיך אריַין, אין א צײַט, ווען מעכל איז ניט געווען אין דער היים, און דערציילט דער מוטער, אז ער האָט, קיין אײַנהאָרע, א גוטן מײַמעד, אז ער ברענגט זיך אהער דאָס ווײַב מיט די קינדער.

האָט זי אים געוואָלט באַשווערן, ער זאָל עס ניט טאָן, לעמאַנהאַשעם, ס׳איז סאַקאָנעס־נעפּאָשעס. ער זאָל בעסער פאָרן קיין אַמעריקע, ווי די שוועסטער... ער זאָל זיך הי בעשום־אויפן ניט באַזעצן... אַזוי האָט זי געוואָלט זאָגן און ניט געקענט.

דער זון האָט געמיינט, אז זי וויינט, ווײַל עס טוט איר וויי, וואָס ער איז געוואָרן א מעלאַמעד. זי האָט אָבער געוויינט פאַר עפּעס אַנדערש.

האָט זי זיך אָנגענומען מיט האַרץ און נאָך אַמאָל צו זיך געזאָגט: פון מעכלס שטוב טרעט זי ניט אָפּ.

און וואָס מעכל האָט ניט געטאָן, זי זאָל אוועקגיין צו יענעם זון, האָט ער נישט געפּועלט.

איז איינמאָל קומט אָן מעכלען א בריוו פון רעב שויעלן, דעם עלטסטן שוואָגער, אז ער איז געבליבן אף דער עלטער אָן פאַרנאָסע. מאַכמעס דער קאָרעוו זײַנער, דער נאָגיד, בא וועמען ער איז געווען קאַסיר, איז אליין אָפּגעקומען, און ער, רעב שויעל הייסט עס, איז געבליבן אף דער עלטער אָן פאַרנאָסע. און די קינדער גייט עס אויך ניט אַמבעסטן.

האָט זיך מעכל דערפרייט מיט דער יעדיִע און ער באַפעלט צו שויעלן, ער זאָל קומען צו פאָרן. און ווי שויעל איז געקומען צו פאָרן, נעמט ער אים אוף פּאַר גאָר א גרויסן גאַסט, לאָזט אים נישט אוועקפאָרן פון שאַבעס, הייסט אין קלויז אים געבן די שענסטע אליִע און איז זיך מיט אים מעהאַנע אפן שענסטן אויפן. ער האָט געמאַכט א קידעש, אז ס׳איז געווען ווי אף א כאַסענע און געהאַלטן אין איין באַרימען זיך:

— מײַן שויעל, דער עלטסטער שוואָגער, א טאַכשיט גאָדל.

רעב שויעל איז טאַקע געווען א ליבער מענטש. האָט ער גערעדט וועלט־זאַכן אָדער דערציילט, כסידיש, א מײַמער צי א מײַסע, האָט מען געעפנט מויל און אויערן — מ׳האָט פאַרגעסן, ווו מ׳איז אין דער וועלט, און מ׳האָט געגאַרט, ער זאָל גאָר ניט אופהערן דערציילן. און צו דערצו איז ער געווען א ווערטלזאָגער, ניט קיין מאַרעשכוירעניק. האָט מען טאַקע אָנגעקוואָלן פון אים.

שפּעטנאַכטס נעמט מעכל אריַין רעב שויעלן אין קאַבינעט און זאָגט צו אים אַזוי:

— פּאָר אהיים, שויעל, און פאַרקויף די דירע. טו דיר מיטן געלט וואָס דו ווילסט. מעגסט עס אײַנטיילן די קינדער. דינג פורן און קום צו פאָרן צו מיר. וועסט דיך באַזעצן בא מיר אף דער אדאיע[1] דרײַ ווערסט פון שטאָט. וועסט זיצן על התורה ועל העבודה[2] און אלע פרײַטיק וועט איר קומען אין שטאָט אריַין, דו מיט גיטלען, איר וועט האַלטן שאַבעס בא מיר.

און ער נעמט ארויס א הונדערטער און גיט רעב שויעלן:

— נאַ, דאָס איז צושטײַער אף הויצאָעס.

זעט רעב שויעל, אז ער האָט שטאַרק נויסע־כיין געווען בא מעכלען. פאָרט ער אהיים, פאַרקויפט די דירע, וואָס ער האָט אין איר געוווינט פון נאָך זײַן כאַסענע אָן, טיילט אײַן דאָס געלט צווישן די קינדער, און ער מיט גיטלען פאָרן אוועק אף דער עלטער צו מעכלען, וווינען בא אים אף דער אדאיע.

אין דערווײַל דערזעט מעכלס אָן עלטערער ברודער, אז שויעל האָט נויסע־כיין געווען בא מעכלען, נעמט ער און פאַרלויפט פאָרויס, קיין דירע צום פאַרקויפן האָט ער ניט געהאַט, דינגט ער אָן ארבא[3], וואַרפט אריַין די בעבעכעס מיט דער יִידענע און הײַדא! אראָפּצי, צו מעכלען!..

[1] מאיאָנטעק; [2] אל האטוירע וועאל האַאווידע — אפן לערנען און דאווענען; [3] לויטן קאָנטעקסט: א פערד־און וואָגן.

ט

סע פאַלן די רעדער

די אדאיע מעכלס איז געווען ניט צוויי־דריַי ווערסט פון דער שטאָט, ווי מעכל האָט געזאָגט צום אָנהייב, נאָר זיבן אָדער אכט. בא רעב שויעלן האָט עס דאָך ניט אויסגעמאכט. פאַרקערט:

ער האָט זיך געהאט זיַינע טעַימים צו זיַין א ביסל וויַיטער פון שטאָט, וויַיל ער האָט געוואָלט אף די עלטערע יאָרן זיך אָפּגעבן מער מיט נעשאָמע, ווי מיטן כוימער. און דאָס אָרט איז אים געפעלן. די אדאיע איז געלעגן צווישן בערג, לעם א גרויסער אָזערע, און מ׳האָט געקאָנט האָבן הארכאָוועס־האדאאס. און ער, רעב שויעל, האָט באדארפט האָבן הארכאָוועס־האדאאס צוליב זיַינע איניאָנים. פאַר סקוטשנע האָבן זיי ניט מוירע געהאט, ניט ער און ניט גיטל, וויַיל זיי האָבן געהאט זייערע ספּאָרים, עמעסדיקע גוטע פריַינט. זיי, צווישן זיך, איז דאָך אָפּגערעדט, אז זיי האָבן געלעבט גוט. אז בעסאכאקל איז ער איין־און־איינציק מאָל אף איר געוואָרן בארויגעז, בעשאס ס׳האָט זיך אים צעריסן דער אלטער טאלעס און זי האָט אים ניט געוואָלט פאַריכטן, ביז ער וועט איר ניט צוזאָגן העלפט אוילעמהאבע. דאָס איינציקע מאָל אף זיַין לעבן, וואָס ער איז געוואָרן א קאמצן: „ער האָט ניט”... האָט ער א שטיקל ציַיט געדאווונט אינדערוואָכן אין ניַיעם טאלעס, ביז זי — א יידענע! — איז איר געוואָרן א שאָד דער ניַיער טאלעס, איז זי געגאנגען און פאַריכט דעם אלטן און אים אליין אָנגעגרייט... רעב שויעל האָט געלאכט און געזאָגט, אז זי קען אים אָפּטיילן א שטיק אוילעמהאבע און סע וועט איר אלץ בליַיבן מער, ווי ער פאַרמאָגט!..

ווי די טויבן האָבן זיי געלעבט.

איז, הייסט עס, זיי ניט געגאַן אין דעם, וואָס ס׳איז וויַיט פון יישעוו. פאַרקערט... נאָר וואָס דען? מעכל איז דאָך מעכל, דער גוטער מעכל. איז פון קאסיר געוואָרן קליוטשניק... און וויבאלד קליוטשניק, ווי קען מען אוועקפאָרן פון שאבעס? און ווי איז מעגלעך צו זיצן על התורה ועל העבודה? אז צוויי שאָ צו טאָג מוז מען ארויסגעבן גערשטן פאַר די פערד. דערנאָך דעם אופּראזש. און עסן פון די ארבעטאָרערס וועגן. און אז סע קומט שאבעס...

איז רעב שויעלן אויסגעקומען זיך ווארפן כאסוועשאָלעם אין וואסער אריַין.

איז געלאָפן גיטל, מעכלס עלטסטע שוועסטער, צו מעכלען מיט א גוואלד:

— סטייַטש, האָסט אונדז פאַרפירט אהערצו אף דער עלטער, מיר זאָלן מעכאלעל־שאבעס זיַין!

האָט דערהערט די מוטער אין קיך, און זי האָט זיך אראָפּגעוואָרפן פונעם אויוון.

כייווע די דינסט, דאָס ערלעכע קינד, האָט זי דערכאפּט באם קאָפּ, און זי האָט זיך נאָר אויסגעלינקט א פוס. אָבער מעכל האָט זיך דערשראָקן. האָט ער אוועקגערופן די שוועסטער אף א סאָד און איר צוגעזאָגט, אז ער שיקט נאָך היַינט ארויס א קליוטשניק. דער מענטש וועט זיַין אונטער שויעלס האנט, און שויעל וועט נאָר זיַין קאסיר. נאָר וואָס דען? ער וויל, אז די מאמען זאָל זי, גיטל, פאַרנעמען צו זיך אף דער אדאיע.

גיטל האָט וועגן דעם א רעד געטאָן מיט דער מוטער, האָט די אלטע איר דערוף גאָרנישט געענטפערט, נאָר פאַרלאנגט, מע זאָל צו איר אריַינשיקן שויעלן. קיינער איז ניט געווען דערביַי, ווי זיי האָבן גערעדט, און וואָס זיי האָבן גערעדט, ווייסט מען נישט, נאָר ווען ער איז פון איר ארויסגעקומען און בעשאס ער האָט געהאָלפן זי אופזעצן אפן וואָגן, איז רעב שויעל געווען וויַיס ווי קריַיד און מ׳האָט ניט געקענט וויסן, ווער ס׳איז עלטער, ער צי די שוויגער.

י

די ווינער קאַרעטע

געווען איז עס — זונטיק. מאָנטיק איז גיטל געקומען צו פאָרן און אוועקגערופן מעכלען אין א זיַיט, און אים אָנגעזאָגט, אז מיט דער מאמען טוט זיך ניט גוט.

אין דערוויַיל האָט זיך די שטאָט אָנגעהויבן וויגן, אז די אלטע איז בא אלע לעצטן, און מ׳האָט אָנגעהויבן טרינקען אין אלע שענקען אף דעם כעזשבן, און מעכלען האָבן זיַינע מענטשן צוגעטראָגן, אז די שטאָט האָט געשטעלט שאָמרים, מע זאָל היטן, מע זאָל דעם מעס ניט צופירן צו עמעצן פון די אָרעמע זין. נאָר צו מעכלען... און אז וויַיניקער פון צוואַנציק טויזנט וועט מען בא אים ניט נעמען.

באראט זיך מעכל מיט זיך און זיַין שטענדיקער באל־יויעץ טוט עס אים, אפּאָנעם, א ווונק:

— די קארעטע...

האָט מעכל געהייסן שפּאַנען די ווינער פּאַר־
מאַכטע קאַרעטע, מיט די פיר אונגאַרישע פערד
מיט די זילבערנע שאָרעס, און ער איז אַרויס־
געפאָרן אַף דער אַדאיע זיך זען, הייסט עס,
מיט דער שטאַרבנדיקער מאַמען, און פאַרפאָרן
איז ער צום גוייִשן פּראַוויטיעל.

זונטיק אַף מאַנטיק האָט באַסיע געהאַט
כאַלוימעס, ווי שטענדיק. עס האָט זיך איר אַלץ
געבאָמבלט, אַז זי פאָרט כאַסענע מאַכן דעם
עלטסטן זון. ס'איז ווינטער, אַלע מעכוטאָנים
זיצן אַף די שליטנס, נאָר זי האָט מען אַפּן וועג
פאַרלוירן. זעט זי, ווי אָט־אָט די שליטנס פאָרן
אַוועק, און זי וויל שרייַען און קען ניט. דער־
נאָך האָט זיך איר געכאָלעמט, אַז זי איז באַ
זיך אין הויף אין איר אַמאָליקער היים. זי וויל
אַרייַנגיין אין שטוב אַרייַן. אין שטוב איז ליכ־
טיק, און זי טאַפּט און טאַפּט די ווענט און קען
ניט טרעפן צו דער טיר.

פאַרטאָג האָט זי זיך אופגעכאַפּט, האָט זי
גערופן באַם נאָמען אירן עפּעס אַן עלטער־פּע־
טער און אַ ברודער, וואָס זי האָט אים שוין אַ
יאָר זעכציק ניט געזען, און ווידער אַרייַנגע־
פאַלן אין שלאָף. ערשט מאַנטיק אַפּדערנאַכט
האָט זי זיך ראַזדעכעט און גערופן גיטלען:

— טאָכטער, גיב מיר, זייַ מויכל, אַ טרונק...

און דערנאָך געפרעגט, ווער ס'איז דאָ. האָט
מען איר געזאָגט, אַז ס'איז דאָ נאָסן, דער על־
טסטער זון, און יאַנקל, דער זון דער מעלאַ־
מעד, און שויעל, און וועלוול, דאָס עלטסטע
אייניקל, שויעלס און גיטלס עלטסטער זון, וואָס
איז גראָד געקומען זיך זען מיט די עלטערן.
האָט זי באַגערט, אַז אַלע זאָלן זיך צונויפקומען,
און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— די נאַכט איז די לעצטע.

און ווידער אַנדרעמלט געוואָרן.

און דערווייַל איז גיטל געווען זייער מיד,
האָט זי זיך צוגעשפּאַרט אַף אַ רעגע און איז
אַנשלאָפן געוואָרן.

אויך דער עלטסטער זון און דאָס אייניקל...
יאַנקל איז געזעסן איבער אַ סייפער און גע־
זאָגט, וואָס מע דאַרף זאָגן. נאָר איין רעב שויעל
האָט געוואַכט. האָט ער געזען, ווי זי עפנט אוף
די אויגן, קוקט אַף אים און דערקענט אים, און
טוט צו אים אַ מאַך, ווי אייַנער, וואָס געזעגנט
זיך, און — גאָרנישט. אויס באַסיע לייוויס.
האָט רעב שויעל אַ זאָג געטאָן:

— באָרעך דייַען עמעס.

און אַלע האָבן זיך אופגעכאַפּט.

אין דער אייגענער נאַכט איז באַסיע לייוויס
גוף, אַף מעכלס פאַרלאַנג, געפאָרן אין דער
פאַרמאַכטער ווינער קאַרעטע מיט די פיר אונ־
גאַרישע פערד, מיט די זילבערנע שאָרעס.
באַגלייט האָבן זי איר אָרעמער זון, דער מע־
לאַמעד, און דאָס עלטסטע אייניקל, גיטלס עלט־
סטער זון. ווו אַרומעט מ'איז געפאָרן, האָט נאָר
געוווּסט דער קוטשער. מ'איז געפאָרן מיט פעל־
דער און מיט סולעווקעס[1], און אַז ס'איז טאָג
געוואָרן און מ'איז אַרייַנגעפאָרן אין דעם ווייַטן
שטעטל, ווו באַסיע איז אַמאָל געקומען אַף דער
וועלט, איז מען אַרויסגעלאָפן סייַ יידן, סייַ
קריסטן, סייַ פּריצים, מ'האָט געהויבן די היט־
לען, ווייַל מ'האָט געמיינט: דער גובערנאַטאָר
פאָרט. נאָר אַז די קאַרעטע האָט זיך גאָר אָפּ־
געשטעלט לעם זעליק באַסיע לייוויס שטוב,
האָט מען זיך שוין עפּעס אָנגעשטויסן.

די גאַנצע שטאָט איז זיך צונויפגעקומען צו
דער לעווייַע. און כאָטש אַ טייל פון די קינדער
איז שוין געווען צעשפּרייט אַף דער וועלט,
האָט זי געהאַט גאָר אַ גרויסע לעווייַע.

און דערנאָך?

דערנאָך איז געוואָרן פון באַסיע לייוויס
הויזגעזינד אַ טאָכלעס, אַז ס'איז אַ שרעק צו
דערציילן. דאָס שענסטע און בעסטע איז פאַר־
שניטן געוואָרן מיט מיסעס מעשונעס, אַז סע
כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל. עס איז געבליבן אחד
בעיר ושנים במשפּחה[2]. און אויך די, צווישן
זיך, פונדערווייַטנס, ערגער ווי פרעמדע. און
דערנידערט זייַנען זיי געוואָרן, אַז אַלע נידע־
ריקע האָבן אַף זיי געטראָטן. אַפילע מעכל,
וואָס איז געווען דער גרויסער באַר־מאַזל, איז
פאַר דער צייַט איוווער־באָטל געוואָרן. און זייַן
עלטער, וואָס ער האָט געהאַט, און זייַן נאַכעס
פון קינדער — אַף אַלע סאָנים געזאָגט געוואָרן.

דערפון איז געדרונגען, אַז מע טאָר זיך ניט
אָנמעסטן מערער, ווי דער גאָרער וועלט, אַ
סימען — באַסיע לייוויס.

---

[1] לויטן קאָנטעקסט: זייַטיקע וועגן.

[2] עכאָד בעיר אושנאַיִם בעמישפּאָכע — אייַנער אין שטאָט און צוויי אין אַ מישפּאָכע. געמיינט: געבליבן ווייניק.

פון מײַן ניט אויסגעשעפּטן ברונעם

אַט שטייען זיי, די קאַפּנעס

אַט שטייען זיי, די קאַפּנעס מיט היי און קאַניושינע,
צעשטעלטע ווי די יורטעס אינעם אָפּגעקאָסעטן פעלד.
אַף די לאַנקעס די פּילטויִקע שפּאַנט שוין דער באַגינען,
די ליכט זײַנע די ווארעמע צעטיילט ער פאַר דער וועלט,
אומעטום, פאַר אַלעמען, ווו ס'האָט ליכטיקײַט געפעלט.

העלף איך אים צעטראָגן די גינען־שטראַלן ערשטע,
אַז קיינער זאָל ניט בלײַבן ערגעץ־ווו פאַרזען.
ווי בינען האַרעפּאַשנע זאַמלען זיסקײַט פונעם גערשטן,
אַזוי וועל איך די זונען־שײַן צונויפקלײַבן אַהער,
אַז קיינער זאָל אָן ליכטיקײַט ניט לעבן אַף דער ערד.

וואָס ווײַטער, ווערט מיר שווערער
מיט דער שיינקײַט זיך צעשיידן,
פאַרלאָזן אַט דעם וווּנדער, ביז ס'וועט צופאַלן די שקיִע,
כ'האָב פון קינדווײַז נאָך געקליבן אַף די לאַנקעס מײַנע פריידן
פאַר מײַן איינציקער געטרײַער, פאַר מײַן יוגנטלעכער ליבע,
וואָס פון לאַנג איז זי אַוועק שוין,
נאָר איר נעסט איז דאָך פאַרבליבן.

דערמאָנונגען אַזויפיל, דאָס האַרץ מײַנס זיי צערודערן,
זיי לאָזן מיך ניט רוען, מײַן יעדן גליד צעגלידערן.
אַט דוכט זיך מיר: פונוווײַטן יאָגט אַ רײַטעריִער,
און איך לאָז זיך אים אַנטקעגן מיט אַ בינטל קאַניושינע —
האָדעוועו דאָס פערד זײַנס, מיט די נאָזלעכער צעפּינעטע,
פון יאָגן זיך, פון טראָגן זיך אין פײַערדיקער שלאַכט.
זוך איך דעם בודיאָנאָוועץ און קאָן אים ניט געפינען,
ווי אַ שטערן, וואָס פאַרלירט זיך אין אַן אויסגעטרוימטער נאַכט.

זעונגען אַזויפיל מיך באַלאַגערן אַצינדער,
צו ווײַטקײַטן אומענדלעכע זיי פירן מיך אַוועק,
כ'וויל מײַן יוגנטלעכע דרייסטקײַט שענקען מײַנע קינדער,
אַז קיינער זאָל ניט לעבן מער אין ציטער און אין שרעק.
צופוסנס לעם אַ סקירדע פון פרישער קאָניושינע
ווי אַ מידער רײַטעריִער זעץ איך זיך אַוועק...

ווי אַ פרילינג־טײַך אַ ברייטער, ערגעץ וויגן זיך די טוווּעס,
מיט פרישקײַט זיי פאַרשווענקען דאָס פאַרמאַטערנדיקע פעלד.
בערעזקעלעך דערוואַקסענע מיט גראָווע ווײַסע וויִעס —
זיי האָבן לעם די וועגן וואַכזאַם זיך צעשטעלט.
שעפּ איך מײַנע קויכעס פונעם זומערדיקן כּיִעס,
און אײַנהיטן די שטילקײַט מיר ווילט זיך פאַר דער וועלט.

כאָטש ווייניק איז פארבליבן

כאָטש ווייניק איז פארבליבן
זאנגען פארטיקע אינעם אָפּגעקילטן פעלד,
הער איך, ווי זיי שעפּטשען מיט פארשמאכטע ליפּן,
שטרעקן אויס פונוויַיטן די שטרויזיק־דאַרע הענט,
בעטן זיך בא מענטשן: גייט פארנעמט אונדז פונעם פעלד.

וועל איך ניט דערלאָזן, זיי זאָלן דאָרטן ליגן,
פארשטויסן פון די סטויגן, אין איינזאַמקיַיט פארקלעמט.
גיי איך זיי צונויפנעמען, צונויפשארן אין קופּקעלעך,
אַז קיינער זאָל פון עלנטקיַיט ניט ליַידן און ניט ווייטעקן.

וועל איך זיי פארייניקן,
וועל איך זיי פארגראַבליעווען
צו די סקירדעס, וועלכע הויכן זיך
אינעם שמעקנדיקן פעלד.
אָט די ריַיפקייט די פארבליבענע,
מיט הענט צונויפגעקליבענע, —
טראָג זי אָף דער פּלייצע
דורך אַן אָפּגעקאָסיעט פעלד.
צו די סטויגן צו די ווייצענע
דערטראָגן כ'וועל זיי איינציקוויַיז,
די קערנער די פארבליבענע,
וואָס זיַינען בייטיק פאר דער וועלט.

שטער ניט דער ערד

שטער ניט דער ערד. זאָל זי זינגען וויפל זי וויל
און וויפל זי קען נאָר,
זאָלן פייגל פון וועלדער איר מיטהעלפן שטיל
מיט צאַרטע פּילשטימיקע טענער.
פארקלעמסטו מיט צוואַנג אינעם הארץ א געפיל,
קאַרטשעט ער איַין זיך, ווי טרוקענע שפּענער.
פארשפּאַרסטו אין הארצן א ליכטיקן ציל,
ווערט די בענקשאַפט
אַלץ שטאַרקער און גרעסער.
בלויז א קליינינקער פונק קומט צו גיין אין דער שטיל,
צינדט ער אָן מיַין באַגער און צעפלאַקערט אים העלער.
איז שטער ניט דער ערד, איר געזאַנג איַינדערפרי
וועט זי זינגען אין אָונט נאָך טויזנט מאָל שענער.

צו דעם מערדער

צו דעם מערדער, וואָס מע זוכט נאָך
און מע קאָן אים ניט געפינען,
איז אָנגעצילט מיַין בליק,
ווי אַן אָנגעשאַרפטע פיַיל,
צי באַהאַלט ער זיך אין דזשונגליעס, צי אָף ערדן ארגענטינער,
צי פארשטעלט גאָר אין דער טיַיגע, צי אין שיינע הימלקראַצערס
מיט א נאָמען מיט א פרעמדן טראָגט ער אום זיך פראַנק־און־פריַי, —
וועל איך סיַיוויסיַי אים נאָכגיין, זיַין באַהעלטעניש געפינען.
ווי א יעגער שפּירט געדולדיק נאָך דער כיַיע אינעם וואַלד,

אַט אַזוי וועל איך אַרומגיין
אין דער ליכטיק, אין דער פֿינצטער.
ער צעשאָסן האָט די יוגנט פֿון מײַן שוועסטערל דער ייִנגסטער.
דוכט מיר אויסעט, ווי פֿונווײַטן, ראָכל ווייַנט אַף אירע קינדער,
און עס בלאָנקעט אום איר צאָרן בא די טײַכן נאָך אַצינדער,
בעט איך זי ניט ווייַנען, בעט איך זי ניט קלאָגן,
כ'בין געוווינט צו לײַדן, וועל איך אַלץ דערטראָגן.
כ'וועל דעם אורטייל ברענגען צו דעם מערדערס שקיַע.
ס'האָט דאָס פֿאָלק פֿאַרגרייט אים שוין פֿון לאַנג אַ טליַע.

אַף אַ וועלכן פֿעלד

אַף אַ וועלכן פֿעלד זאָלסט ניט באַגעגנען
אַ בערגל ערד דאָרט אַ באַשיידנס,
וואָס איז פֿאַרבליבן אָפּגעזונדערט נאָכן קריג
און ניט פֿאַראַנען איז אַף דעם קיין מינדסטער אויפֿשריפֿט,
ווײַל קיינער האָט די נעמען ניט פֿאַרהיט,
איז מעג אין דרויסן מאַבלעווען,
איז מעג דער הימל רעגענען, —
דו שטעל אַליין אוועק זיך מיט דײַן האַרץ
און פּראָווע אָפּ אַ יאָרצײַט, כאָטש דו ווייסט ניט פֿון קיין נעמען,
שטעל אײַן פֿאַר זיי אַ דאַטע, קום יעדן יאָר אַהערצו,
וועסט הערן בא דעם בערגל, ווי עס קלאַפּן טויטע הערצער
פֿון ברידער אומבאַוווּסטע און פֿון אומגעבראַכטע שוועסטער.

קאַרג ניט דײַן מי

ווי אַ בויער, דו קאַרג ניט דײַן מי־האַרעוואַניע,
נעם די ציגל, פֿאַרשמיר מיט די טײַערסטע מינים צעמענט.
דײַן נאָענטסטן פֿרײַנט זאָלסט ניט לאָזן
זיך ערגעץ פֿאַרהײַען,
אויב בויען, איז בוי! לייג צו ווי ס'באַדאַרף זײַן די הענט!
ווען ווילדעווען ווען געוויטערס,
זאָלן ניט שפּאַלטן זיך ווענט,
און דו, זייער בויער,
ניט בלײַבן זאָלסט דעמלט פֿאַרשעמט.

יויסעף ראבין

העשל דער סטאָליער און זײַן אייניקל

ראָמאַן

א״ינס

מיט א ליגן קען מען וויַיט אוועקגיין, נאָר צוריק ניט קומען.

1

דער קורצער און קאלטער ווינטער־טאָג האָט צו פארנאכט־צו זיך א ביסל דערוואַרעמט און פון נעפלדיקן הימל האָט געגומען פאלן א שטיל, לײַכט שנייעלע. אונטערן שנייעלע, וואָס לייגט זיך לאנגזאם אויס אף דער ערד, האָט זיך אף די גראָדנער גאסן באוויזן א קלויסטער־מאניפעסטאציע. אין דער אָוונט־דעמערונג באוועגט זיך א געמיש פון פראוואָסלאוונע פּיאָלעט־פּליושענע שפּיציקע היטלען און שווארצע זײַדענע קאטויילישע יארמלקעס. פּראוואָסלאוונע לאנגע טוכענע קליידער מיט ברייטע ארבל און קאטויילישע סאמעטענע סוטאנעס ביז די פּיאַטעס. אייבערשטע גאלאָכים־מאלבושים מיט אויסגענייטע צלאָמים פון פאָרנט און פון הינטן. און צווישן דעם דאָזיקן גײַסטלעכן אָנטועכץ זעען זיך ווײַבערישע פאטשיילעס, קאָפּטיכלעך און פויערישע פעלצלעך. א געמיש פון שטיוול און פּאָסטעלעס, קאָלדרעס און פּרויען־היט. דאָס שנייעלע, וואָס שפּינט אויס א ווײַסן פאָרהאנג אינעם טונקעלן אָוונט, דעקט אײַן די מענטשן־באוועגונג, און ס׳איז שווער צו באנעמען: פונוואנען קומט מען און וווהין גייט מען?

פון די איינשטאָקיקע און צוויישטאָקיקע הײַזער קוקן די אײַנוווינער מיט נײַגער ארויס פון די פענצטער און וווּנדערן זיך. דאָס ערשטע מאָל זעען זיי, אז פּראוואָסלאוונע און קאטויילישע זאָלן גיין צוזאמען. און דערצו: קיין צלאָמים טראָגט מען ניט, קיין איקאָנעס זעט מען ניט, קיין געזאנג הערט זיך ניט.

און נאָר די, וואָס זײַנען ארויס אין גאס א קוק צו טאָן נעענטער, וואָס אזוינס קומט דאָ פאָר, דערזעען, אז דאָס שלעפּן זיך נאָר רעשטלעך פון נאפּאָלעאָנס צעקלאַפּטער ארמיי צוריק קיין פראנצויזן־לאנד. אליין נאפּאָלעאָן איז נאָך פריִער אנטלאָפן. קיין ווארשע איז ער געקומען אין א קארעטע, א פארוויקלטער אין קאָלדרעס און פאטשיילעס. דער אימפּעראטאָר פון פראנקרײַך, וואָס האָט קיינמאָל ניט אופגעהערט צו טראכטן וועגן זײַן גרויסקײַט, האָט דעמלט געזאָגט:

— פון גרויס ביז שפּאָט איז איין טראָט.

2

ווען דער בלאסער ווינטערדיקער אינדערפרי האָט גענומען ארײַנקוקן אין די דאָפּלטע פענצטער, זײַנען שוין די אײַנוווינער פון דער ייִדישער גאס (שול־הויף) און פון די ארומיקע געסלעך אין גראָדנע געווען וואך, ווינטערדיק אָנגעטאָן און גרייט אין וועג ארײַן. און טאקע

גאַר אײַנגיכן איז די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט — גרויס און קליין — אַרויס פון די הײַזער און מיט יאָמטעוודיקער כעדווע זיך פריילעך געלאָזט גיין צו סלאָבאָדקע. דער דעקאַבער־פראָסט אין דער שטאָט איז אין יענעם טאָג געווען יאָדערדיק־פעסט, די צווײַגן פון די ביימער פאַרשאָטן מיט שניי־פּוך, פון אונטער אַ לײַכטן קאָלירטן וואָלקן האָט ביסלעכווײַז גענומען אַרויסקוקן די ווינטערדיקע שפּעטע זון.

ס׳איז שטיל. דערפאַר איז טומלדיק און רוישיק צווישן די פאַרזאַמלטע, וואָס קוקן מיט אומגעדולד אַרויס צום וועג, וועלכער פירט אין שטאָט אַרײַן. אינמיטן פונעם אוילעם געפינט זיך דער ראָוו אין אַ גרויסן טכוירעגעם פוטער און אין אַ הויך שטרײַמל. אַרום ראָוו שטייען די גאַבאָים מיט אַ שיין אויסגעפוצטער כופּע אויף פיר שטאַנגען.

אויסגעפאַלן איז עס אין איינעם פון די כאַנעקע־טעג פונעם יאָר 1812.

ייִנגלעך און באָכערימלעך האָבן זיך געלאָזט לויפן איבערן וועג, זיך געוואָלט דערוויסן, צי פאַרט מען טאַקע, צי קומט מען? ביז פונווײַטן האָט זיך דערטראָגן דער רויש פון געשמידטע פערדן־טלאָען איבער דעם פאַרפרוירענעם סקריפּעדיקן שניי.

— מע פאָרט! מע פאָרט!

דעניס דאַווידאָוו מיט זײַנע פּאַרטיזאַנער איז אָנגעקומען קיין גראָדנע.

מיט גרויס נײַגער האָט מען דערזען, אַז דאַווידאָוו איז פאַרוואַקסן מיט אַ געדיכטער שוואַרצער קוטשעראַווער באָרד. אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קאַזאַקישן טשעקמען מיט אַ שאַשקע באַ דער זײַט, אין רויטע הויזן, אַ רויט היטל מיט אַ שוואַרצן אָקאָליש. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן אין זאָטל און פרײַנטלעך אויסגעצויגן זײַן האַנט צו די פאַרזאַמלטע. דעמלט איז אַרויסגעטראָטן פאַרויס דער עלטסטער פון דער קעהילע און האָט אין נאָמען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג באַגריסט דאָס רוסישע כאַיל, וואָס איז געקומען באַפרײַען די שטאָט. דאַווידאָוו האָט מיט צופרידנקײַט באַדאַנקט די ייִדן פאַר זייער טרײַהײַט צו רוסלאַנד. ער ווייסט, האָט ער געזאָגט, די ייִדן זײַנען אונדז פולשטענדיק איבערגעגעבן און ניט איין מאָל האָבן זיי אונדז צוגעשטעלט וויכטיקע ידיִעס וועגן סוינע.

— הוראַ! הוראַ! — האָט דער געשריי פון פיל הונדערטער מײַלער זיך צעטראָגן אין פראָסטיקן דרויסן. די יוגנט האָט מיט פריידיקע אויסרופן געוואָרפן די היטלען אינדערלופטן.

פיר גאַבאָים האָבן אופגעהויבן די כופּע אויף אַלע פיר שטאַנגען איבער דעניס דאַווידאָווס קאָפּ. דאַווידאָוו האָט אַ ריר געטאָן דאָס פערד פאַרן צײַמל, און אונטער דער כופּע פון די גראָדנער ייִדן איז ער דורך דעם סקידלער וועג אַרײַנגעפאָרן אין שטאָט אַרײַן.

3

דעניס דאַווידאָוו מיט זײַנע פּאַרטיזאַנער זײַנען געבליבן שטיין אויפן פּלאַצפּאַראַד באַם קלויסטער. ער איז אַראָפּ פונעם פערד און געהייסן קלאַפּן אין קליינעם פויק פון דער שטאָטישער פּאָליציי. ווען ס׳האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסער אוילעם — ייִדן און ניט־ייִדן, — האָט דעניס דאַווידאָוו געמאָלדן, אַז ווייסנדיק די איבערגעגעבנקײַט פון די ייִדן צו רוסלאַנד, באַשטימט ער דעם עלטסטן פון דער ייִדישער קעהילע אַלס שעף פון דער פּאָליציי. דער עלטסטער דאַרף זיך אויסקלײַבן צווישן די ייִדן געהילפן, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף דער פּאָליציי און אויף דער אָרדענונג אין שטאָט.

אַלס געהילפן זײַנען באַשטימט געוואָרן פּינכעס באַס און זעליק פעדער.

פּינכעס איז דאַווידאָוון געפעלן געוואָרן מיט זײַן אויסזען. אַ יונגער, אַ הויכער, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער זײַדענער באָרד, מיט ברענענדיקע אויגן. אָנגעטאָן אין אַ לײַכט פּעלצל, אין אַ פיזשיק־היטל מיט לאַנגע פוטער־אויערן, איבערגעבונדן פון אויבן. ער איז געפעלן געוואָרן דאַווידאָוון מיט זײַן ווירדע, מיט זײַן רויִקײַט און מיט דער קלוגשאַפט, וואָס פון אים קוקט אַרויס.

דעם צווייטן, זעליק פעדער, האָט דאַווידאָוו געקענט פון פריִער. זעליק איז אַ דאַר־ביינערדיקער, אַ באַוועגלעכער, ניט קיין הויכער, נאָר אַ פעסטער, מיט אַן אָנהייב פון אַ קליין טונקל־ברוין בערדעלע און מיט גרויסע קאַרע אויגן, וואָס זעען אַלץ אַרום זיך און פאַרשטייען אַלץ אויפן וווּנק. אָט דער פעדער האָט ניט איין מאָל איבערגעגעבן דאַווידאָוון וויכטיקע מיליטערישע ידיִעס. איצט האָט ער זיך מיט זעליקן דערפרייט. אויף אים קען ער זיך פאַרלאָזן.

זעליק פעדער, וואָס זײַנע גרויסע קאַרע אויגן זעען אַלץ און פאַרשטייען אַפֿן ווונק, האָט אַ לענגערע צײַט זיך אַליין ניט פאַרשטאַנען. ער איז געווען אומצופֿרידן און אומרויִק. אָבער וואָס וויל ער? וווּהין ציט אים? ער איז נאָך יונג.

ווען די דרוקערײַ פֿון באָרעך ראָם איז נאָך געווען אין גראָדנע, פֿלעגט זעליק ליב האָבן אַהין אַרײַנצוקומען, זיך צוקוקן צו דער אַרבעט, געוואָלט אַפֿילו ווערן אַ זעצער. שפּעטער האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט דעם, וואָס אים, אַ מיסנאַגיד בען מיסנאַגיד, האָט אויסגעזען, אַז אַרײַנגיין אין כסידישן קלויזל איז שוין עפּעס נײַס, אַנדערש, ווי אין בעסמעדרעש. (קיין אַנדערע בײַשפּילן האָט ער ניט געזען). און ווער רעדט נאָך אין אַ יאָמטעוו, באַזונדערס, סימכעסטוירע, ווען אַלע נעמען זיך פֿאַר די הענט, טאַנצן, שפּרינגען, מאַכן פֿריילעכע האָוויִעס. ער פֿלעגט אויך אַרײַן אין ראָד. ווען נאַפּאָלעאָן איז אָנגעפֿאַלן אָף רוסלאַנד, האָט זעליק טאַקע דאָ אין קלויזל זיך דערוווּסט וועגן דעם אופֿרוף פֿונעם אַלטן רעבן, רעב שניייער־זאַלמענען: העלפֿן מיט אַלע מיטלען דער רוסישער אַרמיי קעגן נאַפּאָלעאָנען. אָט דעמלט האָט זיך זעליק פעדער פעסטער דערפֿילט, פאַרשטאַנען, צו וואָס ער טויג.

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד” באַגריסן האַרציק דעם טאַלאַנטפֿולן שרײַבער יוסעף ראַבין אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג.
מיר ווינטשן י. ראַבינען פֿיל געזונט און נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

און דאָס וואָלט נאָך עפּשער געווען ניט גענוג, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן דער זאַך מיט לײַב און לעבן, האָט ער אָבער פֿון די זעלבע כסידים אויך געהערט וועגן דער נעוויִעס פֿונעם אַלטן רעבן, וואָס יענער האָט צונויפֿגעשטעלט אַפֿן סמאַך פֿון כומעש — פּיר און צוואַנציק ווערטער פֿון דעם סייפֿער באַמידבאַר: פּריִער וועט די פֿראַנצויזן גיין גוט, דערנאָך וועלן זיי פאַרשפּילן. נאַפּאָלעאָן וועט אומקומען. און דאַן וועט זיך די וועלט באַרויִקן און זיך פֿרייען.

זעליק האָט פאַרשטאַנען: גאָט הייסט! דער פֿראַנצויז וויל מיט גוטע ריידעלעך אַראָפּפֿירן די ייִדן פֿון ריכטיקן וועג, מאַכן זיי פֿאַר אויס ייִדן.

דעמלט האָט זיך זעליק דערמאָנט אָן זײַן פעטער העשל פֿון פאַרשטאָט, דעם גוטן סטאָליער און זעלטענעם האָלץ־שניצער.

4

דער פעטער העשל, וואָס וווינט אין פאַרשטאָט אָף יענער זײַט ניעמאַן, איז אין זײַן מישפּאָכע סײַ אָף דער זײַט און סײַ אָף יענער זײַט טײַך באַוווּסט מיט דעם, וואָס ער איז אַ צו גוטער, אַ צו צוגעלאָזטער, מע קען אים „לײַכט” אָפּנאַרן. באַזונדערס קען דעם דאָזיקן „כיסאָרן” ניט פאַרלײַדן אַ צווייטער פעטער מיטן נאָמען אָשערל בלאָנדער. דער נידעריקער און פּולער אָשערל, וואָס איז שטאַרק גײַציק נאָך אַ רובל, איז געבענטשט מיט אַ שיינער באָרד און מיט אַ גרויסער שעוועליורע. אַלעמאָל, ווען מע זאָל אים ניט טרעפֿן, איז ער פֿון זיך צופֿרידן, רעדט שאַבעסדיק־געלאַסן, דערבײַ נאָך אַפֿילו מיט אַ כניפּעלע צו זיך אַליין. אים אַרט ניט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל אונטערגיין. דער איקער אָף דער ערד איז ער, זײַן ווײַב, זײַנע קינדער. הערט ער פֿון עמעצן אַ שלעכטע נײַס, גיט ער אַ קרעכצעלע, אָבער ניט דערפֿאַר ווײַל אים טוט ווי פֿאַר יענעם, נאָר ווײַל, כאַסוועכאַלילע, אַזוינס זאָל ניט טרעפֿן מיט אים אַליין. מיט זײַן איידל שטילן קרעכצעלע באַרעדט ער העשל דעם סטאָליער:

— אַז גאָט ווי̇ל שטראָפֿן — שיקט ער צו אַ נאַר אין דער מישפּאָכע.

זעליק פעדער האָט אַ לענגערע צײַט ניט געוווּסט, צו וועמען פֿון די צוויי פעטערס ציט אים מער, ווער איז אים מער צום האַרצן. דער פעטער העשל האָט געהאַט די מײַלע, וואָס אָף כאַנעקע, לעמאַשל, פֿלעגט ער פֿאַר זעליקן, ווען ער איז געווען אַ קינד, מאַכן אַ דריידל, אָף

פורים — א גראגער, אָדער גאָר א שליטל מיט פּאָדרעזוס אַף שליטלען זיך פון הויכן פערשטאָטער בארג. דערבײַ פלעגט דער פעטער העשל געבן די מאַטאָנע אזוי, אז עס פלעגט זיך באקומען: מע טוט אים א טויווע, וואָס מע נעמט. און מע פארגעסט נאָך זאָגן „א דאנק".

פארן פעטער אָשערל האָט מען געהאט גרויס דערעכערעץ, דעם דאנק האָט מען אים געטראָגן פאָרויס, כאָטש ער האָט קיינמאָל גאָרניט געגעבן. דערפאר האָט ער ליב געהאט זאָגן מוסער. און אלע מאָל איינס און דאָס זעלבע: א רעבע האָט געלערנט מיט קינדער דעם אלעפּבייס. פרעגט א יינגעלע:

— רעבע, איר זאָגט, אז ציירע פּיִ — איז פּיי. איז אַף וואָס דארף מען דעם ציירע. סײַווי פּיי.

— זאָג מיר נאָר, באָכערל, — רופט זיך אָפּ דער רעבע, — ווו ביסטו געווען, ווען מיר האָבן געלערנט: ציירע היי — היי. פארוואָס האָסטו די פראגע ניט געשטעלט? געשפּילט אין קנעפּלעך, געטראכט וועגן זײַטיקע זאכן... מע מעג דען?

און דער פעטער אָשערל גלעט דערבײַ זײַן שיינע באָרד און רעדט מיט זײַן זיסן לאָשן, אַט־אָט וועט פון זײַנע ליפּן נעמען רינען האָניק: מע דארף זײַן פרום און לערנען מיט האסמאָדע, קינדערלעך.

5

העשל דער סטאָליער איז א הויכער, מיט לאנגע אויסגעהאָרעוועטע הענט און קנאָכיקע פינגער. א בערדל איז בא אים א קליינס, א באשיידנס, וואָס זוכט קיין קאָוועד ניט. דאָס פּאָנעם איז אין א סאך קליינע קנייטשן, נאָר מאכט אים אָבער ניט באזונדערס אלט. דאָס ערשטע, וואָס מע דערזעט אַף זײַן פּאָנעם, זײַנען די טונקל־בורשטין־אויגן, אָרנטלעכע און גוטע.

א סאך יאָרן שוין, ווי ער וווינט אין שכיינעס מיט דער פערשטאָטער גרויסער שול, וואָס געפינט זיך אפן סאמע העכסטן אָרט — אפן בארג. דער פעטער העשל האָט א שיינע נעשאָמע און האָט ליב שיינע זאכן. די דרײַגאָרנדיקע הילצערנע שול אין פערשטאָט, וואָס איז שוין אלט בא דרײַ הונדערט יאָר, איז באצירט און באציינט מיט שיינע פרעכטיקע געמעלן און שניצערײַען. אוואדע גלייבט דער פעטער העשל אין גאָט, ער גלייבט אין אים און לויבט אים. אָבער פארליבט איז ער אין די שניצערײַען און געמעלן פון גאָטס הילצערנער שול.

דרײַ מאָל אין טאָג קומט העשל דער סטאָליער אין שול ארײַן דאווענען. אינדערפרי, צו שאכרים, אײַלט ער זיך, עס שטייט אים פאָר א טאָג ארבעט מיטן הובל און האמער. און ווי נאָר ער טרעט אריבער די שוועל, נעמט ער שוין ארויסציִען די לינקע האנט פון ארבל און פארשפּיליעט דעם בעגעד אַף איין קנעפּל. ער טוט אָן דעם שעל־יאד און מאכט די בראָכע. ער טוט אָן דעם שעל־ראָש און מאכט די בראָכע. דערנאָך נעמט ער גיך און אַף אויסווייניק זאָגן „מא טויווו..." נאָר אז ער הייבט אוף דעם קאָפּ צום אָרנקוידעש, לויכטן אוף זײַנע בורשטין־אויגן, זיי ווערן גלאנציקע. די ליפּן זאָגן די טפילעס, וועלכע ער ווייסט גוט, די ליפּן דאווענען... און ער אליין, ווי א דאָרשטיקער און הונגעריקער, זאפּט אײַן אין זיך די שיינקײַט. זײַן הארץ דערפרייט זיך, ווען ער דערזעט דעם יונגן הירש, וואָס שטייט מיט די פּאָדערשטע אופגעהויבענע פלינקע פיס גרייט צום שפּרינגען. אָט דער הירש מיט די פארצווײַגטע הערנער איז פול מיט לעבן, מיט יונגע קויכעס, מיט קערפּערלעכער קראפט. באלד וועט ער זיך אָפּשטויסן מיט די פעסטע הינטערשטע פיס און וועט, ווי א ווינט, א שפּרונג טאָן צו זײַן באגערטער הירשעכע. און כאָטש קיין הירשעכע זעט מען ניט, פילט מען אָבער איר קויעך, וואָס ציט, רופט, פּאָדערט און מאָנט צו זיך דעם יונגן שטארקן הירש.

דער לייב, וואָס איז אויסגעשניצט אפן זעלבן קײַלעכדיקן זײַל, שטייט מיט א פארהויבענעם קאָפּ און מיט אן אָפענעם גרויזאמען פּיסק, וואָס ברילט און שרעקט אלעמען. און ס'איז ניט שווער צו פארשטיין, אז איצט טאָר מען אין זײַנע נעגל ניט ארײַנפאלן. ער איז הונגעריק. נאָר באלד נעמט העשלען דוכטן, אז ער האָט א טאָעס. ניין, דער לייב ברילט ניט, ער שרעקט ניט. אין דעם ליכטיקן אינדערפרי לויבט ער גאָט, דאנקט אים דערפאר, וואָס ער האָט אים באשאפן א לייב.

פון אויבן שטייט אן אָדלער מיט מעכטיק־צעשפּרייטע פליגל, וואָס וועלן באלד א פּאָך

טאָן, א רויש טאָן, צעשנײַדן די לופט... דאָס גוטע האַרץ בא העשל דעם סטאָליער ציטערט אוף. דער אַדלער קען זיך אַרײַנשנײַדן אין שײן־געמאָלטן סופיט און וועט זיך צעמיימעסן.

פייגל און כײַעס, וואָס ווערן דערמאָנט אין כומעש, זײַנען אויסגעשניצט אַרום אַרנקוידעש פון דער אַלטער פּערשטאָטער שול. דערבײַ זײַנען זיי אַרומגענומען, אַרומגעפלאָכטן מיט דינע שניצערײַען, לופטיקע, לײַכטע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשיידענע געוויקסן, גראָזן, פרוכטן. די אַלע פריילעכע, ליכטיקע, דינסטע שניצערײַ־געוועבן האָבן, געוויס, מיט א סאך יאָרן צוריק געמאַכט די גאָלדענע הענט פון מאַרק שאַגאַלס אור־אור־אור־עלטערזיידעס.

העשל פאַרלירט דעם כעזשבן פון צײַט. ווו האַלט ער אין דאַוונען? אים שטייט פאָר א טאָג אַרבעט. לויט דער צײַט דאַרף ער שוין האַלטן בא „אַליינו". ער טוט אויס די טפילן, לייגט זיי צונויף. אפן וועג צום אַרויסגאַנג טוט ער אָן דעם בעגעד און אײַלט אַהיים.

צו מינכע (עס טרעפט, אַז ער לאָזט דורך א מינכע און זאָגט צו מײַרעוו א הויכע קדושע), ווען ער גייט דאַוונען, שײַנט די זון איבער די פּיל שינדל־דעכער פון דער דרײַשטאָקיקער הילצערנער שול. איר אויסזען איז אַזוי לײַכט און לופטיק, אַז העשלען נעמט דוכטן — ער מיט נאָך עמעצן, זאַלבעצוויייט, וואָלטן קענען די שול אופהייבן און אַריבערטראָגן אף א צווייטער גאַס.

אינווייניק אין דער שול איז ליכטיק. דער פעטער קען דעמלט באַמערקן, ווו איז עפּעס אָפּגעריבן פון שניצערײַען, עפּעס אָפּגעבראָכן, געפּלאַצט. אין א פרײַער שאָ וועט ער קומען מיט זײַן געצײַג און וועט אַלץ אופשטעלן, ווי פריִער איז געווען. ער האָט אָבער אויך זײַנע אייגענע שניצערײַען אין דער מײַרעוו־זײַט פון דער שול. די מיזרעך־וואַנט איז געבונדן מיט טאַנאַך, די מײַרעוו־זײַט איז אָן אָרטיקע, א היימישע: ראַמאַשקעס, נאַסטורציעס, בלעטער פון קליאָן, בערעזע און דעמב.

העשל דער סטאָליער איז גליקלעך, זײַנע בורשטין־אויגן לײַכטן, ווען עמעצער פון די דאַוונער זאָגט אים:

— העשעלע, דײַנע בלומען שמעקן. אָך, א מעכײַע! די בלעטער לעבן, באַוועגן זיך פונעם ווינט, כאַטש נעם און רײַס אַראָפּ פאַר די קינדער.

אין אַזא טאָג, אַז ער קומט אַהיים א פריילעכער, ווייסט זײַן פרוי, אַז דאָס איז ניט פון וויַין, נאָר פון שיינקײַט, פון גליקזעליקײַט.

אין פּערשטאָט איז באַוווּסט: דער פעטער העשל פאַרדינט ברויט פון סטאָליערײַ, גאַניידן — פון שניצערײַ.

6

א וואַרעמער זומער־טאָג פון סאָף כוידעש יון. אין שטאָט זײַנען די פּראַנצויזן. זעליק פעדער גייט אין געסט צו זײַן פעטער העשל דעם סטאָליער. זעליק איז זיכער, אַז דער פעטער וועט זײַן באַקאַשע אויספילן, ער איז א גוטער און קען ניט אָפּזאָגן. אָבער וויאַזוי זאָל ער אים דער־קלערן, פאַרוואָס ער דאַרף א קעסטל מיט א רימען, אַזא, וואָס מע זאָל קענען טראָגן אפן האַלדז. א קעסטל מיט באַזונדערע קעמערלעך, ווו עס זאָלן קענען ליגן פאַרשיידענע קלייניקײַטן, ווי סטענגעס, קעמעלעך, נאָדלען, פאָדעם און נאָך אַזוינע זאַכן. ער וועט זאָגן דעם פעטער, אַז ער וויל גיין איבער דערפער און שטעטלעך האַנדלען. צוליב כאַיונע. דער פעטער וועט דאָך אים אָבער אָנקוקן ווי א מעשוגענעם: געפונען א צײַט... און וואָס קען עס געבן?

וואָס זאָל ער אים דעמלט ענטפערן? וואָלט דער פעטער געווען ניט אַזא וויכער, ניט אַזא גוטער, נאָר אַזא, וואָס קען זיך אײַנשטעלן און קעגנשטעלן, אײַנאַקשענען און באַשטיין אף זײַנס, וואָלט ער אים עפּשער געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די צײַט איז פונקט צוגעפּאַסט און ס'איז דאָ א פאַרוואָס. נאָר ער טאָר עס ניט. דער גוטהאַרציקער העשל וועט אים דאָך נעמען אָפּריידן, אײַנריידן, בעטן, דערוויזן...

דערווײַל האָט זיך זעליק אַראָפּגעלאָזט פונעם הויכן באַרג צום טײַך, זיך איבערגעשיפּלט און אַרויס אפן צווייטן ברעג ניעמאַן, אפן נידעריקן, ווו עס הייבט זיך אָן פּערשטאָט. דעם פעטער האָט ער קימאַט ניט דערקענט. א כוילע, קוים וואָס ער גייט.

— וואָס איז מיט אײַך?

די מומע הינדע האָט א ווונק געטאָן, ער זאָל ניט פרעגן און ניט פאַרפירן קיין געשפּרעכן. העשל האָט עס באַמערקט און איז פון דעם געווען שטאַרק אומצופרידן. ער וויל דאַפקע מיט עמעצן זיך דורכשמועסן.

— קראַנק, זעליק, קראַנק, — ענטפערט ער מיט א קרעכץ.

— וואָס טוט אײַך וויי?

— אומעטום טוט ווי, — זײַן שטים ציטערט, — איך וועל ניט אויסהאַלטן...
— פּעטער, שרעקט מיך ניט. זאָגט, וואָס איז מיט אײַך.
— ניט מיט מיר, מײַן טײַערער, מיט דער אַלטער שול. שלעכטס!
זעליק האָט אַף אים אַ קוק געטאָן מיט כּשאַד. ער רעדט עפּעס ניט צו דער זאַך.
— וואָס איז געשען, פּעטער?
— פּערדן!
מיטן פּעטער איז ניט גוט. אַ ראַכמאָנעס אַף אים. און וועגן בעטן אים מאַכן אַ קעסטל איז ניט שײַך אַפילע צו טראַכטן. נאָר דאָ האָט דער פּעטער מיט גרויס קאַס אויסגעשריִען:
— פּערד האָבן זיי אַרײַנגעשטעלט אין דער אַלטער שול! געמאַכט אַ פּערדן־שטאַל אין אַ מאָקעם־קאָדעש. זיי מאַכן כאָרעוו אַלע שיינקײַטן אין דער שול. ווען איך וואָלט געקענט...
— גענוג, העשל, גענוג! — בעט זיך דאָס ווײַב. — גאָט וועט זיי שטראָפן. באַרויִק זיך.
— עמעס, טאַטע, באַרויִק זיך. גאָט וועט זיי געוויס שטראָפן, — האָט זיך אויך גענומען בעטן די דרײַצניאָריקע טאָכטער ליבע־שעווע.
העשל האָט אַפילע ניט געהערט, וואָס זײַן געליבטע טאָכטער רעדט צו אים. ער האָט אָנגעכאַפּט זעליקן פאַר דער האַנט און זי גענומען טרייסלען.
— פּאַר אומבערעגנגען אַזוינע שניצערײַען און געמעלן קומט זיי אַלע אַרבע מיסעס בעסדין: סקילע, סרייפע, הערעג, ווערכנעק!
איצט האָט שוין זעליק אַלץ פאַרשטאַנען.
— פּעטער, באַרויִקט זיך. איר ווייסט, קומט גאָר אַרויס צום טײַך שפּאַצירן. איר וועט קומען צו־זיך.
אין אַ פּאָר שאָ אַרום, ווען זעליק מיטן פּעטער זײַנען צוריק געקומען פון שפּאַציר, האָבן הינדע און ליבע־שעווע זיך געוווּנדערט: דער טאַטע האָט זיך געענדערט צום גוטן, ווידער דער זעלבער, ווי פריִער. און זײַנע טונקל־בורשטין־אויגן זײַנען פול מיט גוטסקײַט און אָרנט־לעכקײַט.
אין דעם זעלבן טאָג נאָך האָט זיך העשל גענומען פאַר זײַן סטאָליערײַ, מײַסטרעווען אַ קעסטל מיט קעמערלעך.

7

און, אַפּאָנעם, דערפאַר ווײַל העשל דער סטאָליער האָט אין זעליקס קעסטל אַרײַנגעלייגט די מי און ליבע פון העשל דעם האָלץ־שניצער, האָט זעליקן אומעטום געגליקט. רויִק און זיכער גייט ער איבער די דערפער און שטעטלעך, איבער וועגן און טראַקטן, נעכטיקט אין קרעטשמעס און אין פּויערישע הײַזער. ער פאַרקויפט קלייניקײַטן. און דערבײַ ניט טײַער. מיט זײַנע גרויסע קאָרע אויגן, וואָס באַנעמען אַלץ און פאַרשטייען אַפן ווונק, זעט ער, כאַפּט אויף, פאַרגעדענקט, וואָס מע דאַרף. ער ווייסט ווער-מען איבערצוגעבן.
זעליק האָט ליב צו ריזיקירן. ער האָט פאַרגעניגן פון אַ דרייסטן אײַנפאַל. און אַז אַ גוטער אײַנפאַל גיט זיך אײַן, ער דערוויסט זיך עפּעס וויכטיקס, לאַכט זיך אין אים פון סימכע, ער איז צופרידן פון זיך אַליין.
העשל העלפט אים.
העשלס טאָכטער, ליבע־שעווע, העלפט אים.
און דערווײַל... דער זוניקער זומער, וואָס האָט געוואַרעמט די שטילע וואַסערן פון ניעמאַן, נעמט זיך אָפּקילן, ווערט אײַנגעשרומפּן, זײַנע מידע קורצע טעג נעמען גיכער אײַלן אין דער נאַכט אַרײַן אַף רו. דער האַרבסט איז געקומען.
אין יענער צײַט האָט זיך זעליק פּעדער באַגעגנט מיט דעניס דאַווידאָוו.
...אין פרילינג און סאַמע אָנהייב זומער האָט זיך ניט ווײַט פון הויכן פּערשטאָטער באַרג, ווו די אַלטע הילצערנע שול שטייט, געפונען נאַפּאָלעאָן מיט זײַן סוויטע. אַלע טאָג פלעגן זיי אַרופגיין אַפן הויכן באַרג און קוקן אין זייערע שפּאַקטיוון אַף יענער זײַט טײַך. בא העשלען אין שטוב געדענקט מען, און, באַזונדערס, געדענקט עס די דרײַצניאָריקע ליבע־שעווע, ווי נאַפּאָלעאָן, אַ קורצער, אַ פולער, פלעגט קוקן אין זײַן שפּאַקטיוו. ליבע־שעווע דערציילט זעליקן, אַז נאַפּאָלעאָן גופע האָט בעשאַסמײַסע געטראָגן זײַן הוט, זײַן „שיפּעלע״ אַפן קאָפּ. די גענעראַלן אָבער אַרום אים זײַנען געשטאַנען מיט די „שיפּלעך״ אונטער די אָרעמס, מיט הוילע קעפּ.

נאָכדעם, ווי די פראַנצויזישע אַרמיי איז אַריבער דעם ניעמאַן, איז אויך נאַפּאָלעאָן מיט זײַן סוויטע אַוועק מיט דער אַרמיי.

דאָ אָבער, באַ דער אַלטער גרענעץ, באַם ניעמאַן, אין שכיינעס מיט דער אַלטער שול, איז פֿאַרבליבן אַ גענעראַל מיט אָפֿיצערן און סאָלדאַטן. אַלע קורירערן און פֿעלדיעגערס, וואָס קומען פֿון פּאַריזש, מעלדן זיך צום אָרטיקן גענעראַל. ליבע־שעווע, וואָס וווינט אין שכיינעס, דערוויסט זיך אַמאָל אַזוינס, וואָס לוינט איבערצוגעבן זעליקן. און אָט האָט געטראָפֿן, אַז אין בלאָטיקן און רעגנדיקן האַרבסט־טאָג איז אָנגעקומען אַ קאַבינעט־קוריער פֿון פּאַריזש מיט אַ פּאַקעט צו נאַפּאָלעאָנען. באַ דער אַלטער גרענעץ שטעלט ער זיך אָפּ, מעלדעט זיך צום גענעראַל, וועלכער דאַרף אים געבן אָנווײַזונגען ווּהין צו פֿאָרן.

ליבע־שעווע גיט עס איבער זעליקן.

צו יענער צײַט איז זעליק געווען באַקאַנט מיט נאָך עטלעכע ייִדן, וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט דער זעלבער אַרבעט, ווי ער. דערהערנדיק ליבע־שעוועס ידיעה, איז זעליק מאַמעש אונטערגעשפּרונגען. אים איז אײַנגעפֿאַלן דעם קאַבינעט־קוריער, וואָס פֿאָרט צו נאַפּאָלעאָנען, איבערגעבן אין די הענט פֿון דער רוסישער אַרמיי.

איבער די האַרבסטיקע וועגן איז שוין געפֿאַלן דער ערשטער שניי, אַ פּוילער, אַ נאַסער, אַ שווערער. אויף דער ערד צעגייט ער גלײַך און ווערט ניט. אין וואַלד האָט דער פֿריִער שניי באַפּוצט די קרוינען פֿון די ביימער מיט ווינטער־ווײַסקײַט, אָבער אויך ניט אויף לאַנג. שניי־טראָפּנס האָבן גאָר אינגיכן גענומען פֿאַלן אין פֿײַכטן גראָז אַרײַן.

איבערן צעשווענקטן וועג גיסט שוין עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד אַ רעגן. ער קלאַפּט אין דער קאַרעטע מאָנאָטאָן און אָן אויפֿהער, ווי אַ גרויסער צולאָכעס, וואָס וויל דערגייען די יאָרן. עס כליופּען נאַסע בלאָטעס און עס שטייען פּולע קאַליוזשעס. די ערד איז קלעפּיק, די רעדער רירן זיך שווער און גליטשן זיך אויף די אָנגעפֿאַלענע געלע און גרינע בלעטער. די קאַרעטע פֿאָרט אַרײַן אין וואַלד. די פֿינצטערניש קומט אָן גיכער און געדיכטער. דעם קוריער ווערט שטאַרק אומהיימלעך, ער איז אין אַ פֿרעמדער לאַנד, אַ גוואַלדיק גרויס׳ און אַ ווײַטס. אין אַ פֿרעמדן וואַלד, ווו קאַלטע טראָפּנס פֿאַלן פֿון צווײַג אויף צווײַג, פֿון בלאַט אויף בלאַט און שטעכן, ווי נאָדלען אין לײַב.

דער קוטשער באַנעמט, אַז אין וואַלד איז איצט איין בוים ענלעך אָפֿן צווייטן, אַלע שטעגן האָבן איין אויסזען. און דער וועג לאָזט זיך ניט דערקענען.

און, מיסטאָמע, צוליב דעם טאַקע קוקט אַרויס דער קאַבינעט־קוריער דורך די פֿאַרעגנטע פֿענצטערלעך פֿון דער קאַרעטע. ער איז זיכער, אַז אין רוסלאַנד איז שטענדיק רעגנס, שטענדיק בלאָטעס, אָרום און אָרום איז וואַלד, אַ נאַסער וואַלד, אָן זון, אָן פֿייגל.

זומער איז ער דאָ ניט געווען, ווייסט ער ניט, אַז ניט גאָר ווײַט פֿונדאַנען איז פֿאַראַן אַ טײַער ערטל, ווו אין וואַרעמע טעג איז אַ מעכײַע צו רוען.

זומער. דער וואַלד איז דאָ געדיכט. פֿון איין זײַט — אַ פֿאַרוואַקסענער יעלניק מיט טיפֿן מאָך און מיט אָפּטע קאָטשקעס, פֿון דער צווייטער זײַט — אָן אַלטער בערעזניאַק. די בערעזעס זײַנען נידעריקע, פֿאַרוואַקסן מיט האַרטע פֿאַרשימלטע „שוואָמען", ווי פֿערדישע קאָפּיטעס. אויף דער ערד וואַלגערן זיך טרוכליאַווע ביימער מיט אָפּגעהוילטער צעלעכערטער קאָרע, פֿול מיט מילבן און צעפּרעסענעם האָלץ־שטויב. אינמיטן וואַלד אָבער, אין דער הייד, איז פֿרײַ. דאָ איז סאָסנע, די ביימער זײַנען גלײַכע און הויכע. באַטאָג איז דאָ פֿול מיט זון, מיט פֿייגל־געזאַנג און מיט אַ שטיל ווינטעלע, וואָס רוישט אין די צווײַגן. דאָ איז גוט און פֿריילעך. אין האַרבסט פֿאַלן שטערן אין וואַלד אַרײַן. אָבער איצט, אין שפּעטן האַרבסט מיט זײַן הוילקײַט און פּוילקײַט, מיט בלאָטע און רעגן, איז דאָ גאָרניט פֿריילעך און ניט גוט. אָרום אַ שײַטער זיצן דאָ איצט דרײַען. איינער פֿון זיי, דער סאַמע ייִנגסטער, איז זעליק פֿעדער.

דער צווייטער, וואָס זיצט באַם שײַטער אַנטקעגן זעליקן, מיט די הענט אין די אַרבל און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי ער זאָל דרעמלען, איז אַ הויכוווקסיקער און פֿעסטער, מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד, אָנגעטאָן איז ער אין אַ שעפּסן פּעלצל, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, אין שווערע שטיוול פֿון ציגן־פֿעל, און זעט אויס, ווי אַ פֿורמאַן אָדער אַ טרעגער. אינדערעמעסן איז ער אַ האַלבער סויכער און אַ האַלבער לערנער, האָט שיר ניט קיין סמיכע. ער איז זייער אַ פֿרומער. ער איז שטענדיק ערנסט. אַפֿילו אַ שפּאַס, אַ ווערטל, אַ כאָכמע, אַ וויץ, אויב ער זאָגט עס אַמאָל, זאָגט ער עס אַרויס אַזוי פֿרום־ערנסט, אַזוי מיסנאַגדיש־טרוקן, אַז דער שפּאַס פֿאַרלירט דעם כיין און דער וויץ די פֿריילעכקײַט. סײַ אין מיסכער, סײַ אין מישפּאָכע־לעבן איז ער גלײַכליניק, ווייסט ניט פֿון קיין וואָזשרויצעצו: ווײַס איז ווײַס און שוואַרץ איז שוואַרץ. אַ געמיש פֿון פֿאַרבן אַנערקענט ער ניט. ער איז ניט נאָכגיביק, אָבער וואָס מע

מוז — מוז מען, אָן טערוצים. און אָט טאַקע דערפֿאַר זיצט ער הײַנט באַם שײַטער צוזאַמען מיט זעליק פֿעדערן. זײַן נאָמען איז דאָוויד, פֿאַרשטייט זיך, אַז רעב דאָוויד. ער האָט זיך ניט געדאַרפֿט, ווי זעליק, דערוויסן וועגן נאַפּאָלעאָנען אין כסידישן קלײַזל, ער האָט אַליין געוווּסט. פֿון כסידים האָט ער גאָר געוויַכט, ניט ליב געהאַט, געהאַלטן פֿון ווילנער גאָען. און אויב זײַנע אַ כאָכמע פֿלעגט יאָ איינמאָל אין אַ שמיטע אַרויסרופֿן אַ שמייכל באַ מענטשן, איז עס געווען דאַן, ווען ער האָט די כאָכמע געזאָגט וועגן כסידים.

רעב דאָוויד האָט נאָך פֿריִער, נאָך פֿאַר דער מילכאָמע, געוווּסט וועגן דעם, אַז געפֿינענדיק זיך אין מיצראַיִם, האָט נאַפּאָלעאָן גערעדט וועגן אופֿשטעלן די ייִדישע מעלוכע. רעב דאָוויד און נאָך אַזוינע פֿון זײַן קרײַז און שטאַנד האָבן עס אופֿגענומען, אַז באָנאַפּאַרט וויל זײַן דער ייִדישער מאָשיִעך. זיי איז עס געווען דערווידער. און נאָך שפּעטער, ווען באָנאַפּאַרט האָט צונויפֿגערופֿן דעם ייִדישן סאַנהעדערן אין פּאַריזש, איז פֿאַר אַזוינע, ווי רעב דאָוויד, קלאָר געוואָרן דער עמעסער מיין, וואָס איז, אַגעוו, אָפֿן געזאָגט געוואָרן: דער סאַנהעדערן, דאָס הייסט נאַפּאָלעאָן, דאַרף געבן די געזעצן פֿון ייִדישן לעבן, און ניט דער טאַלמוד. דאָוויד האָט געהאָלפֿן זאַמלען באַ די גראָדנער ייִדן געלט פֿאַר דער רוסישער אַרמיי. מיט גרויס קאַוואָנע פֿלעגט ער זאָגן די טפֿילע פֿאַרן זיג איבער נאַפּאָלעאָנען. רעב דאָוויד פֿאַרטיידיקט ייִדישקײַט. אָבער אונטער רעב דאָווידס ייִדישקײַט זעט זיך אָפּט ניט קיין איינצלנער ייִד און ניט קיין ייִדיש פֿאָלק, נאָר ווידער — גאָט און זײַן טוירע. אַזאַ איז רעב דאָוויד.

דער דריטער באַם שײַטער איז אַ פֿורמאַן אין אַ פֿויערישער סערמענגע, איבערגעבונדן מיט אַ רויטן קושאַק, אין אַ וואַרעם טוכן היטל מיט אויערן. ער רייכערט אַ קליין ליולקעלע און שפּײַט געשמאַק מיטן שפּיץ צונג. צווישן אים מיט גאָט איז אַ גרעסערער מערכעק, ווי צווישן גאָט מיט זײַן שאָכן באַם שײַטער, רעב דאָוויד. קיינעם פֿאַלט גאָרניט אײַן צו רופֿן אים מיט אַ „רעב“, מע רופֿט אים פּאָשעט אַרקע. אין דאַווענען איז ער ניט שטאַרק געניט, און אַז ער איז אין וועג מיט פֿערד־און־וואָגן, פֿאַרבייגט ער אַ דאַווענען. ער צווייפֿלט גאָר ניט, אַז גאָט וועט אים מויכל זײַן. ער טוט עס דאָך ניט פֿון צולאָכעס, נאָר צוליב ברויט פֿאַר ווײַב און קינדער. און ניט ער אַליין האָרעוועט, נאָר אויך זײַן געטרײַער און יונגער אָגער „קראַסאַווטשיק“. אַרקע האָט האָלט שיינע שטאַלטנע פֿערד. דער פֿורמאַן און זײַן סוס פֿאַרשטייען זיך גוט, האָבן זיך ליב. האָט דער טײַוול, ווער ווייסט פֿונוואַנען, אָנגעטראָגן פֿראַנצויזן אַהער. ווער האָט זיי גערופֿן? און די דאָזיקע פֿראַנצויזן האָבן מיט גוואַלד צוגענומען זײַן געטרײַ גוט פֿערד.

אַלע דרײַ זיצן אין פֿײַכטקײַט אַרום שײַטער, וואָס ברענט און לעשט זיך, רייכערט און צינדט זיך אָן. די פֿײַכטקײַט קריכט אַרײַן אין דיביינער, די רעגן־טראָפּנס, וואָס פֿאַלן פֿון די צווײַגן, פֿאַרקריכן אין לײַב אַרײַן. די פֿיס נעמען קאַלט ווערן. קיינער פֿון זיי האָט אָבער קיין כאַראָטע ניט. וואָס מע מוז — מוז מען. אַלע דרײַ שווײַגן. ערגעץ נאָענט קענען זײַן פֿראַנצויזן. ריזיקע פֿאָדערט פֿאָרזיכטיקײַט. פֿון צײַט־צו־צײַט, באַם פֿאַרציִען זיך און באַם אויסשפּײַען, זאָגט אַרקע שטיל, פֿאַר זיך: קראַסאַווטשיק... ער קען זיך ניט באַרויִקן, ער טראַכט אַלץ איבער, וואָס מיט זײַן פֿערד קען פֿאָרקומען. זיי ווייסן דען, ווי זיך באַגיין מיט אַ פֿערד, ווי עס היטן און כאָוועון. זיי שמײַסן, קאַטעווען, יאָגן אַרויס די נעשאָמע... אַרקע ציטערט אַזש אויף. ער איז גרייט טייקעף אופֿשפּרינגען און כאַפּן עמעצן פֿאַרן קאַרק, געבן אַ גוטן טרייסל. אַזוי זיך באַגיין מיט אַ פֿערד, מיט אַ גוט געטרײַ פֿערד...

רעב דאָוויד פֿאַרלײַדט ניט אַרקעס רייכערן און דאָס שעפּטשען „קראַסאַווטשיק“. אָן אַנדערשמאָל וואָלט ער אים געזאָגט: גראָבער יונג, פּיפּקע ניט! הײַנט שווײַגט ער. זיי זײַנען הײַנט שוטפֿים! און ווײַל נאָכגעבן איז אים שווער, טראַכט ער וועגן אַרקעס ליולקע, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס איז ניט פֿאַראַן, ניטאָ און וועט ניט זײַן. אַפֿילע ניט דערמאָנען... לוי ייִזאָכער וועלוי ייִפּאָקעד[1].

אַלע דרײַ הערן זיך אײַן, צי פֿאָרט מען ניט? צי קומט מען ניט?

— הערט, דוכט זיך... — זאָגט זעליק און ווײַזט דערבײַ מיט דער האַנט צום וועג. זיי הערן זיך אָנגעשטרענגט אײַן.

— לוי דובים וועלוי יאַאַר[2], — ענטפֿערט דאָוויד. — אויסגעדוכט זיך.

— און דאָך... הערט... — כאַזערט איבער זעליק. ער איז אומגעדולדיק. ער וויל דערהערן אַזוינס, וואָס עס לאָזט זיך ניט הערן.

---

[1] זײַן נאָמען זאָל ניט דערמאָנט ווערן און ניט געדאַכט ווערן; [2] ניט קיין בער און ניט קיין וואַלד (געמיינט: ניט געשטויגן און ניט געפֿלויגן).

— ניין, יונגערמאַן, — ענטפֿערט ווידער רעב דאַוויד. — לוי האַיאַ וועלוי ניוואַ[1]. גאָר־ניט. כאַלוימעס.

אַרקע דער פֿורמאַן פֿאַרשטייט, אַז עס איז נאָך פֿרי, אין אַ שווערן וועג פֿאַרט זיך שווער. ער באַרויקט זעליקן:

— דער וועג איז כּליופּקע. סקליזקע. אַזאַ וועג מאַטערט אויס די געדערים און די גע־הירן. עס גרעפּצט זיך אַף דער פּאַראַיאַריקער טשאָלנט. לאַקסירן קען מען... דאַלי באָך.

— אַוואַדע. אַ וועג מיט שטרויכלונג. אײַך, זעליק, דוכט זיך נאָר אויס. אכיזעס איי־נאַים — פֿאַרבלענדעניש, — זאָגט ווידער רעב דאַוויד.

זיצן זיי, דרײַ מענטשן, וואָס הײַנט זײַנען זיי צוזאַמען, פֿאַרייניקט דורך איין פֿאַרלאַנג, און מאָרגן קענען זיי ווידער זײַן פֿרעמדע, אָפּגעזונדערט איינער פֿונעם אַנדערן, יעדער מיט זײַן וועג, מיט זײַנע האַסאָגעס. דער שײַטער ברענט און לעשט זיך, רייכערט און צינדט זיך ווידער אָן. דער רעגן גיסט. דער ווינט טרײַבט טראָפּנס אונטערן קאָלנער. די פֿיס נעמען פֿרירן, און עס דוכט אָפּט, אַז דער ווינט ברענגט עמעצנס רייד. צי ניט פֿראַנצויזן? דער ערשטער, וואָס כאַפּט אויף, אַז מע פֿאָרט טאַקע, איז, פֿאַרשטייט זיך, דער פֿורמאַן, דער באַלע־גאָלע אַרקע. אָף זײַן מעווינעס פֿאַרלאָזט מען זיך. אַלע שטעלן זיך אויף. רעב דאַוויד גיט אַ קוק צום פֿאַרכמאַרעטן הימל און זאָגט:

— ריבוינעשעלוילעם, גיב אַ שרעקלאָז האַרץ.

און אַלע דרײַ, אין טאָך אַרײַן, פֿרעמדע, פֿאַרשיידענע, וואָס וועלן זיך, קען זײַן, מער אין לעבן ניט באַגעגענען, ווערן ווי איין מענטש, מיט איין ווילן.

און אַז זיי שטעלן זיך אויף און גייען אַרויס פֿון זייער באַהעלטעניש, דערפֿילן זיי ערשט, ווי דער ווינט, וואָס טראָגט בלעטער, רעגן און צווײַגן, וואַרפֿט זיך אַף זיי און פֿאַטשט זיי אין פּאָנעם אַרײַן.

זיי שטעלן זיך צום ווינט מיט דער פּלייצע. אָבער איצט דערהערן זיי און באַלד דער־זעען זיי די קאַרעטע. קוים די פֿערד שלעפּן זיך, פֿון זיי רינען גרויסע טראָפּנס רעגן און עס גייט פּון זיי אַ פּאַרע. זיי באַוועגן שווער מיט די אײַנגעפּאַלענע זײַטן. זעליק פֿעדער, וואָס קען זאָגן אַף יידיש דריטהאַלבן פֿראַנצויזישע ווערטער, ווייסט שוין איצט גוט, וואָס ער האָט צו טאָן. מיט זײַנע דריטהאַלבן פֿאַריידישטע פֿראַנצויזישע אויסדרוקן פֿרעגט ער דעם קוטשער, וווהין די קאַרעטע דאַרף פֿאַרקערעווען. אויב צום טײַך, צום פּאַראָם, וועלן זיי העלפֿן אונטערשטופּן די קאַרעטע. דער וועג איז אַ שווערער, אַ שלעכטער, און די פֿערד זײַנען מיד. די פֿראַנצויזן זײַנען צופֿרידן.

אַ ברייטער וועג, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער, פֿירט צום טײַך. באַם טײַך וואַרטן מענטשן אָפּן פּאַראָם. דער פֿראַנצויזישער סערזשאַנט, וואָס באַלעבאַ־טעוועט דאָ, וויל גאָר אָף קיינעם ניט קוקן. ווי נאָר אָבער ער דערזעט די קאַרעטע און דערוויסט זיך, ווער עס פֿאָרט, גיט ער טייקעף אַ באַפֿעל, און דער פּאַראָם איז גרייט. זעליק, רעב דאַוויד און אַרקע העלפֿן אונטערשטופּן די קאַרעטע צום פּאַראָם. צוזאַמען מיטן קאַבי־נעט־קוריער קומען זיי אָן אָף דער צווייטער זײַט טײַך.

דער וועג, וואָס גייט באַרג־אַרויף, איז אויך צעשווענקט און פֿאַרבלאָטיקט. דער רעגן גיסט, און דער ווינט רײַסט די ערד אונטער די פֿיס. מע פֿאָרט ווידער אַרײַן אין וואַלד. אַר־קע דער פֿורמאַן גיט אַ נעם די פֿערד פֿאָרן צוים, זעליק גיט אַ שפּרונג צום קוטשער און נעמט איבער די לייצעס. די קאַרעטע פֿאַרקערעוועט אַף אַן אַנדער וועג גאָר אָן דער זײַט. און צוזאַמען מיטן קוריער און מיטן קוטשער קומט מען אָן צו די רוסישע פּאַרטיזאַנער, צו דעניס דאַווידאָוון אין די הענט אַרײַן.

...און אָט טאַקע דערפֿאַר קען זיך דעניס דאַווידאָוו אָף זעליקן איינגאַנצן פֿאַרלאָזן.

8

אין דער יאָמטעוודיקער און ווינטערדיק־ווײַסער שטאָט גראָדנע איז דער אויסגעשטערנ־טער אָוונט אָנגעקומען מיט אַ שטיל און טרוקן פֿראָסטל. אָף די באַלקאָנעס און אין די פֿענצ־טער האָבן געברענט איליומינאַציע־פֿײַערן, עס זײַנען געווען אַרויסגעשטעלט פֿאַרשיידענע בילדער, וואָס רימען די רוסישע אַרמיי. די קלויסטער־גלעקער האָבן נאָכאַנאַנד געקלונגען און זיך איבערגערופֿן פֿון אַלע זײַטן שטאָט.

---

[1] עס איז אַזוינס גאָר ניט געווען.

די הײַזער פון דער ייִדישער גאַס און פון די אַרומיקע געסלעך האָבן אַרויסגעלויכטן מיט פריילעכע כאַנעקע־ליכטלעך אין די פענצטער. די סימכע איז געווען אַ צווייענדיקע: דער אַמאָליקער זיג איבער די גריכן און דער איצטיקער איבער נאַפּאָלעאָנען. אין די ייִדישע הײַזער האָט מען באַזונדערס האָפערדיק געפײַערט דעם הײַנטיקן כאַנעקע־יאָמטעוו, עס איז צוגעקומען אַ נײַער געפיל, וואָס האָט לאַנג, לאַנג דאָ געפעלט,— זיכערקײַט. זיי זײַנען באַ זיך, מע וועט זיי מער פון זייערע היימען ניט טרײַבן, ניט באַליידיקן, ניט אָנרירן זייערע קינדער, ניט אָפּנעמען זייער כאַיונע. דעניס דאַווידאָוו האָט זיי הײַנט געלויבט. מיט דער פּאָליציי פירן אָן זעליק פעדער און פינכעס באַס.

באַ העשל דעם סטאָליער אַפן הויכן באַרג אין פאַרשטאָט, אין שכיינעס מיט דער אַלטער שול, ברענען די כאַנעקע־ליכטלעך אין אַ שיין־אויסגעשניצטער מענוירע, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט. הײַנט שטייט זי אויבנאָן. הינדע קען זיך אַף איר זאַט ניט אָנקוקן. די מענוירע זעט אויס, ווי אַ בוים מיט אַכט צווײַגן, צו פיר אין יעדער זײַט. די צווײַגן זײַנען באַוואַקסן מיט בלעטלעך. אַפן שפּיץ פון יעדער צווײַג שטייט אַ טויב מיט אַ לײַכטערל, ווו צו שטעלן דאָס ליכטל. צווישן די צווײַגן ציט זיך אַלץ העכער אַ הירש, וואָס קלײַבט זיך אָנצינדן די ליכטלעך. איבער די צווײַגן מיט די בלעטלעך און טויבן שטייט אַ קרוין. אונטן ליגן צוויי לייבן, ווי געטרײַע היטער.

אַליין העשל איז הײַנט אָנגעטאָן אין די שאַבעסדיקע קליידער. הינדע האָט צוגעגרייט אַ שיינעם טיש. ליבע־שעווע איז אויך אויסגעפּוצט. טאַטע־מאַמע זײַנען גוט אויפגעלייגט. אין זיי פילט זיך די זיכערקײַט און רויִקײַט, ווי אין אַ סאַך ייִדישע הײַזער. די טאָכטער זייערע, ליבע־שעווע, איז הײַנט דאַפקע ניט אַזוי רויִק. זי קוקט אַלץ אַרויס צו די פענצטער און צו דער טיר, ווי זי זאָל וואַרטן אַף עמעצן. פון איין זײַט זעט מען פאַרשנייטע דעכער און ליכטיקע פענצטער. פון דער צווייטער — דעם באַרג־אַראָפּ, וואָס פירט צום ניעמאַן.

דער טאַטע, העשל, באַמערקט עס ניט. ער איז פאַרנומען מיט זײַנע שניצערײַען, מאָלע־רײַען, שיינקײַטן... מיט אים טרעפט, אַז ער לעבט מער אין זיך, ווי אַרום זיך. איצט טראַכט ער וועגן די שניצערײַען אין דער אַלטער שול. אַ סאַך אַרבעט שטייט אים פאָר. זײַן ווײַב הינדע זאָגט וועגן אים: ער לעבט מיט פאַרמאַכטע אויגן. דערפאַר, עמעס, לעבט זי אַליין מיט אָפענע אויגן. זי פאַרשטייט זיך זייער גוט אַף איר מאַן. אַף זײַן אויפירונג און שטימונגען. זי שאַנעוועט אים, פילט אים מיט. הינדע שטויסט זיך אָן, פאַרוואָס איר טאָכטער, וואָס האָט זיך שוין פון דרײַצן יאָר אַ רוק געטאָן נעענטער צו פערצן, קוקט אַזוי אַרויס צו דער טיר, ווי זי זאָל אַף עמעצן וואַרטן. הינדע טראָגט אַ שייטל (אַגעוו, איז זי אַליין אַ שייטל־מאַכערקע), לאַנגע קליידער. לייענט דעם צענאָ־ווערענאָ און דעם קאָוו־האַיאָשער, ווייסט אַלע ייִדישע מינהאָגים, ווייסט די דינים, וואָס זײַנען נייטיק אין דער שטוב־ווירטשאַפט. איר פרוּמקײַט ווערט דורך דעם ניט געמינערט. זי שטעלט עס, עמעס, ניט אַרויס פאַר לײַטן, עס פּאַסט ניט און מע טאָר ניט. פאַר זיך ווייסט זי, אַז זי האָט געפירט מיט העשלען אַ ליבע נאָך פאַר דער כאַסענע. דאָס הייסט, ער, העשל, האָט וועגן דעם ניט געוווּסט. זי האָט אים ליב באַקומען. און ווו נאָר מע האָט אים געקענט זען, איז זי געקומען. זי אַליין האָט געבעטן אירע עלטערן ריידן דעם שידעך. זעענדיק איצט, ווי די טאָכטער געפינט זיך קיין אָרט ניט, דערמאָנט זי זיך: ווען זעליק קומט אַרײַן, ווערט ליבע־שעווע רויט, לאָזט אַראָפּ די אויגן. שפּעטער אַ ביסל לאָזט זי שוין פון אים די אויגן ניט אַראָפּ. פריִער האָט הינדע געטראַכט: אַ קינד. דערנאָך: אַ קליין מיידעלע. אָבער הײַנט... עס דערמאָנען זיך אירע אייגענע מיידלשע יאָרן. זי וויל, אַז די טאָכטער זאָל זיך באַרויִקן, זאָגט זי:

— איך מיין, העשל, אַז הײַנט וועט זעליק צו אונדז ניט קומען.

און איידער העשל באַוויזט נאָך צו ענטפערן, גיט ליבע־שעווע גלײַך אַ פרעג:

— פאַרוואָס?

— דו פאַרשטייסט דען ניט, מײַן קינד, פאַרוואָס? ער איז דאָך אין דער פּאָליציי. פאַרנומען שטאַרק.

— הײַנט איז דאָך יאָמטעוו, מאַמע.

— און איך מיין,— רופט זיך אָפּ העשל,— ער וועט קומען. כאָטש אַף איין רעגע... אָבער קומען.

הינדע דערזעט, ווי די טאָכטער לעבט אויף. אירע אויגן, דעם טאַטנס בורשטין־אויגן, לויכטן אויף, ווי פון אַ גליקלעכער בסורע. נאָך מער: די טאָכטער מאַכט אַ פּאָר טאַנצנדיקע טריט צום טאַטן, כאַפּט אים פאַר די הענט און זאָגט:

— ביסט אַזאַ גוטער. אַוואַדע וועט ער קומען,— און זי נעמט ווידער אַרויסקוקן דורך די פענצטער.

...די גרעסטע סימכע איז בא ארקע דעם פורמאַן.

מיט עטלעכע טעג צוריק איז א באַקאַנטער באַלעגאָלע צו אים געקומען און געזאָגט:

— ארע, דײַן סוסל איז א היגער. איך האָב אים געזען געשפּאַנט אין א לײַכט דראָזש־קעלע. די לייצעס האָט געהאַלטן אַן אויסגעצאַצקעט פּאַרעצל.

ארקע איז אופגעשפּרונגען.

— קראַסאַוויטשיק? ווען? ווו?

ער האָט גענומען זוכן, פרעגן, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, גאַנצע טעג ארומגעלאָפן. ביז ער האָט זיך דערוווּסט, ווו זײַן פערד געפינט זיך. און אין דעם טאָג, ווען דעניס דאַוויּ־דאָוו מיט זײַנע פאַרטיזאַנער איז ארײַן אין שטאָט, ווען זעליק און פינכעס זײַנען געוואָרן די אָנפירער פון דער פאָליציי, איז ארקע מיט זײַן בײַטש אין איין האַנט און מיטן צײַמל אין דער צווייטער ארײַן צום פּאַרעצל אין הויף און גלײַך אוועק צו דער סטאַדאָלע. דער אָגער איז דאָרט געשטאַנען און אָן אַפּעטיט געקײַט היי. דערבײַ האָט ער געפּאַרשקעט מיט די נאָזלעכער, אז פונעם היי איז געגאַנגען א שטויב.

— קראַסאַוויטשיק!

דאָס פערד האָט דערהערט די באַקאַנטע שטים, האָט עס זיך אזש א טרייסל געטאָן. דערנאָך פריילעך צעהירזשעט זיך און אומרויִק גענומען קלאַפּן מיט די פיס.

ארקע האָט אף אים אָנגעטאָן דאָס צײַמל און געזאָגט:

— קום, טײַערער...

צו די ווערטער איז קראַסאַוויטשיק לאַנג צוגעווינט און איז א פריילעכער געגאַנגען נאָך זײַן באַלעבאָס.

אין הויף איז אָנגעקומען דאָס פּאַרעצל מיט א געשריי: א גאַנעוו! ער האָט געוואָלט אָנכאַפּן דאָס צײַמל, נאָר ארקע האָט א פאָכע געטאָן מיט דער בײַטש און אים אָפּגעטריבן. ארקע איז אליין ארויס מיט לאַשן:

— זלאָדזשי, קראַדעק, שאכראַי, לאָבוס, קישעניק! געגאַנוועט מײַן פערד, און דו רעדסט נאָך. איך וועל דיר ווײַזן גאַנוועגען פערד. קום אין פּאָליציי! דאָ זעליקאַ, דאָ פינכעסאַ, אלי דאָ דאַווידאָוואַ! קום!

און כאַטש דער פּאַרעץ איז געווען מיט א פּאַריסענעם האָנאָר, כאַטש אין אַן אַנדער צײַט וואָלט מען דאָ ארקען צעגעריקט און ארויסגעוואָרפן, האָט אָבער הײַנט דער פּאַרעץ זיך דערשראָקן. ער ווייסט שוין, ווער און וואָס דעניס דאַווידאָוו איז. און דערצו: ער, דער יאַסנעוועלמאָזשנער פּאַן, זאָל זיך גיין לאָדן אין דער פּאָליציי בא זעליקן און פינכעסן...

צוריק אהיים איז ארקע מיטן פערד געגאַנגען, ווי א גענעראַל נאָך אַן אויסגעשפּילטער מילכאָמע.

און הײַנט איז בא אים אין שטוב א גרויסע סימכע. זײַן ווײַב באַקט לאַטקעס, און די קינדער כאַפּן זיי גלײַך פון דער סקאָוואָראָדקע. ארקע אליין אָבער רירט זיך צו זיי ניט צו. ער איז זאַט. אפילע קיין ביסל מאַשקע וויל ער ניט נעמען. ער טוט נאָר איינס: אלע ווײַלע כאַפּט ער א ברענענדיק כאַנעקע־ליכטל און לויפט אין שטאַל ארײַן זען, וואָס זײַן קראַסאַוויטשיק מאַכט. ער גלעט אים, האַלדזט אים, רעדט צו אים מאַמעש, ווי פון שיר־האַשירים ארויס.

און אז ארקע קומט ארײַן צוריק אין שטוב, פרעגט אים דאָס ווײַב:

— נו, מײַן מאַן, ווי פילט עס זיך?

— גאָט צו דאַנקען!

בא רעב דאַווידן אין שטוב איז די גרויסע שאַפע מיט ספאָרים הײַנט צוגעמאַכט. ווי אלע־מאָל, איז רעב דאָוויד אין א זײַדענער יאַרמלקע און אין א לאַנגן טאַלעסקאָטן אונטער דער קאַפּאָטע. לויט דער געוווינהײַט ווילט זיך אים עפענען די שאַפע, ארויסנעמען א סייפער און ארײַנקוקן. הײַנט אָבער איז דאָך יאָמטעוו, כאַנעקע, הײַנט דאַרף מען זיך פריילעך מאַכן. פריילעך זײַן גיט זיך רעב דאָווידן ניט לײַכט. פריילעך זײַן זעט אים אויס, ווי אומ־זיסט פאַטערן צײַט. אפילע א ביסל ווײַן נעמט ער נאָר דאַן, ווען דאָס איז א מיצווע, — קידעש אָדער די פיר קויסעס. הײַנט, עמעס, מעג מען. ניט נאָר מע מעג, נאָר מע דאַרף. אָבער גיי זײַ פריילעך, ווײַל מע מעג, ווײַל מע דאַרף, ווײַל מע מוז. ער סטאַרעט זיך, ער הייבט אָן פון דעם, וואָס ער טיילט די קינדער כאַנעקע־געלט. עס ווערט טאַקע אין שטוב לעבעדיקער. רעב דאָווידס ערנסט־געמאָרעדיק פּאָנעם גיט א שמייכל. אָט, דוכט זיך, וועט ער אליין בא זיך נעמען כאַנעקע־געלט און זיך זעצן שפּילן מיט די קינדער אין דריידלעך. „נעס גאָדל האָיאָ שאָם". א גרויסער נעס איז דאָרטן געווען, — טראַכט ער. ער נעמט אפילע

אַרײַן אין זײַן גרויסער דלאָניע די ברייטע באָרד און שמייכלט מיט אַן אויג. הײַנט איז כאַנעקע, מעג מען דאָך שפּילן, זיך מאַכן פריילעך. גיט ער אַ פרעג:

— אין וואָס וועט מען שפּילן, קינדער? קעדוימע לעמאַשל? אין דריידל, טשיקין און עפּשער גאָר אין ציגן — וואָלף.

די קינדער שווײַגן. זיי גלייבט זיך עפּעס ניט, אַז דער טאַטע זאָל זיך מאַכן „נאַריש" און פאַרברענגען מיט זיי.

— ווער דען שפּילן, טאַטע?

— וואָס זשע דען, איך רייד מיט אײַך גלאַט אין דער וועלט אַרײַן?

די קינדער קוקן זיך איבער מיט גלאַנציקע אויגן, ווינקען זיך איבער, און דאָס באַטײַט: מע דאַרף בא אים אויסשפּילן. אַלע צוזאַמען.

— איך פאַרשטיי דאָך... איר ווילט מאַכן קעגן מיר יאַד־אַכאַס. איז האָוואָ ניסכאַקמאָ, לאָמיר אײַך איבערקליגן. אין וואָס שפּילן מיר?

די קינדער גלייבן נאָך אַלץ ניט. עס איז טאַקע יאָמטעוו, נאָר דער טאַטע זאָל בא זיך פּועלן זיך זעצן שפּילן...

— ווייסטו וואָס, טאַטע? אין קאָרטן! הײַנט מעג מען דאָך.

די קינדער שפּילן.

רעב דאָוויד האַלט ניט אויס און נעמט אַרויס אַ סייפער.

אים איז אָבער ניט באַשערט לאַנג אין סייפער אַרײַנצוקוקן. דער שאָכן אָשערל בלאָנ־דער איז געקומען אין געסט.

— רעב דאָוויד, הײַנט איז דאָך יאָמטעוו.

דאָוויד האָט אָשערלען ניט ליב. ער אַליין, דאָוויד, איז אַ מענטש אַן אָפּענער, ער זאָגט, וואָס ער מיינט. אָשערל זאָגט אַ סאַך ווינציקער, וויפל ער וויל זאָגן, ער האַלט כעזשבן: וויפל און וואָס. און אַמאָל זאָגט ער גאָר פאַרקערט, וואָס מע דאַרף. דערצו קען דאָוויד ניט אַכטן קיין מענטשן, וואָס כיינדלט זיך און כאַנפעט זיך אַליין. און כאָטש אָשערל בלאָנדער פּילט עס, באַנעמט עס, ציט אים דאָפּקע צום שאָכן. רעב דאָוויד קומט אַרײַן צום ראָוו, צום ראָש האַקעהילע, ווייסט ער נײַס. אויך הײַנט איז אָשערל געקומען נאָך נײַס, געקומען מיט אַ פראַגע:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס פאַרא נוצן וועלן מיר האָבן, וואָס ייִדן זײַנען אין דער פּאָליציי? צי פּאַסט עס פאַר ייִדן?

— איר, רעב אָשערל, הייבט גלײַך אָן פון נוצן, ווי אַ בור־דעוויריײַסע, אָן אַמהאָרעץ, אָן אַ ניצוץ קדושע, אָן אַ הייליקן פונק. מיר שלאָגן זיך פאַר דעניס דאַווידאָוון.

— זיך שלאָגן, מילכאָמע האַלטן? ניט קיין ייִדישע זאַך.

— אַזוי גאָר... יעשועַ בין נון, דאָוויד האַמײלעך, די כאַשמוינאָיִם... ניט קיין ייִדישע זאַך מילכאָמע האַלטן?

— אין גאָלעס, רעב דאָוויד, דאַרפן ייִדן פּאַרנאָסע.

— אײַך פעלט ניט קיין כאַיונע, רעב אָשערל. און ווער קען אײַך גאָר פאַרשטיין... מיט איין זײַט זײַט איר קולע זאַקיי[1], מיט דער צווייטער — קולע כײַעוו[2]. גייט אַהיים און שטערט ניט דעם יאָמטעוו. הײַנט איז כאַנעקע.

9

זעליק און פּינכעס זײַנען גאַנצע טעג פאַרנומען. ניטאָ קיין צײַט צו עסן, ניטאָ קיין צײַט צו רוען. די ווינטערדיקע טעג מיט זייערע שנייען און פרעסט גייען פאַרבײַ, ווי אין כאָלעם. דער יאָמטעוו כאַנעקע איז דורכגעשוווּמען אינגאַנצן אומבאַמערקט. אומעטום הערט מען: דאָ זעליקאַ, דאָ פּינכעסאַ. ייִדן זאָגן עס אַרויס מיט גאַדלעס, מיט צופרידנקײַט, מיט דער זיכערקײַט, אַז זיי זײַנען איצט גלײַכע מיט גלײַכע, זײַנען מער ניט קיין מענטשן פון צווייטן אָדער דריטן סאָרט. פריִער איז פּאָליציי געווען פאַר זיי אַ שרעק. איצט איז עס עפּעס געוואָרן מער נעענטער, מער אייגן.

די איבעריקע אײַנוווינער, פּאַרקערט, זאָגן אַרויס „דאָ זעליקאַ, דאָ פּינכעסאַ" מיט ביטל, מיט פאַרדראָס, מיט פאַרביסנקײַט. גוט, הייסט עס, דערלעבט, אַז זעליק און פּינכעס זײַנען

[1] אינגאַנצן גערעכט; [2] אינגאַנצן שולדיק.

אונדזערע הערשער. אָבער שווײַגן מוזן זיי. אויך מוירע האָבן זיי. זיי ווײַזן אפילע אויסער־לעך ארויס דערעכערעץ. מיט זעליקן און פינכעסן שטייט צוזאמען דעניס דאווידאָוו.

זעליק און פינכעס —ביידע אינגאנצן פארשיידענע מענטשן — געוווינען זיך מיט יעדן טאָג צו אלץ מערער צום געפיל פון דיסציפלין און אָרדענונג, צום געדאנק, אז זיי זײַנען פאַרשטייער פון דער מאכט און זײַנען פאר אלץ פאראנטוואָרטלעך. פריִער, לעמאָשל, האָט זיי ניט געארט, צי וואלגערט זיך ערגעץ א שטיין אָף דער גאס, צי דער שניי האָט פארשאָטן דעם וועג. דאָס זעלבע, ווען א שיקער טומלט, א גאנעוו געכאפּט... און איצט: יעדע קליינ־קײַט, וואָס קען שטערן די אָרדענונג און רו פון דער שטאָט, רופט ארויס זייער זאָרג. פאר דער באפעלקערונג פון דער שטאָט איז בא זיי געווען איין מאָס — יוישער!

ביידע האָבן זיך אליין אנדערש דערפילט און זיך אנדערש געשאצט. זיי זײַנען באלע־באטים און דארפן פאר אלץ זאָרגן.

דעניס דאווידאָוו מיט זײַנע פארטיזאנער איז אוועק פאָרויס, אָף יענער זײַט גרענעץ. באלעבאָס אין דער שטאָט איז געוואָרן דער גענעראל גראף מילאָראדאָוויטש. און אלץ האָט זיך א דריי געטאָן צוריק ווי פריִער.

„דאָ זעליקא, דאָ פינכעסא” האָט שוין פאר דער יידישער באפעלקערונג פון דער שטאָט געקלונגען, ווי פארלאָרענע, פארגאנגענע גוטע טעג. פאר אנדערע — ווי טעג פון שאנדע און פארביסנקײַט, פאר וועלכע מע וועט ניט שווײַגן. דער טאָג וועט קומען...

10

זעליק, מיט זײַנע קארע אויגן, וואָס זעען אלץ און פארשטייען, האָט זיך געוווּנדערט: פארוואָס? ער האָט זיך געפילט פאר א שוטעף אין דער מילכאָמע קעגן נאפּאָלעאָנען. ניט איין מאָל האָט אים דעניס דאווידאָוו געלויבט, געזאָגט: ביסט אן עמעסער רוסישער פאטרי־אָט. וואָס האָט זיך באקומען?

ער פרעגט בא פינכעסן, צי האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אזא סאָף? און פינכעס ענטפערט, אז יאָ, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

ווי שטענדיק, באטראכט אים זעליק מיט פארגעניגן — א הויכן, א יונגן, מיט דער שווארצער זײַדענער באָרד און ברענענדיקע אויגן. פון אים קוקט ארויס ווירדיקײַט און קלוגשאפט. און ער פרעגט פינכעסן נאָכאמאָל:

— זיך פאָרגעשטעלט? אָף אן עמעס?

זעליק וווּנדערט זיך איצט, ווען אלץ איז שוין געענדיקט. פינכעס, לאָזט זיך אויס, האָט זיך געוווּנדערט באם סאמע אָנהייב, ווען דעניס דאווידאָוו האָט די פּאָליציי איבערגעגעבן אין יידישע הענט. ער האָט דעמלט גערעכט: אָף לאנג? געוווּסט האָט ער, אז די שכיינים וועט עס פארדריסן. פינכעס האָט אָבער גוט פארשטאנען, אז אזא מענטש, ווי דעניס דאוויר־דאָוו, איז אן אויסנאָם: א הייסער, א שטרענגער, נאָר א יוישערדיקער. אים איז טײַער דער עמעס. אָבער וואָס וועט זײַן, אז אן אנדער נאטשאלניק וועט קומען? יענער וועט גאָר שטוינען: יידן (זשידעס) פירן אָן מיט דער פּאָליציי!

מיט זײַן ארבעט אין דער פּאָליציי האָט פינכעס געוואָלט דערווײַזן, אז יידן האָבן רעכט, ווי אלע אנדערע פעלקער. זיי קענען אויך זײַן מעלוכע־מענטשן און אָנפירן מיט דער פּאָ־ליציי. דאווידאָוו איז פון אים געווען צופרידן, און אז דאווידאָוו איז אוועק — איז די צו־פרידנקײַט אויך אוועק.

ביכלאָל צווייפלט פינכעס, ווען דער הערשער ווערט פלוצעם א גוטער. ער פרעגט זיך דעמלט: צוליב וואָס און צוליב וועמען? אזוי איז געווען מיט נאפּאָלעאָנען. פינכעסן איז געווען צום הארצן, ווען נאפּאָלעאָן האָט געלויבט דאָס יידישע פאָלק, גערעדט מיט גרויס אכטונג, צוגעזאָגט אופשטעלן די מעלוכע אין ערעץ־ייִסראָעל. (איצט פארשטייט פינכעס: יענער האָט צוגעזאָגט א צוקערל, קעדיי די יידן זאָלן אים העלפן און זאָלן זײַן אָף זײַן זײַט). נאָר אָט קערט זיך נאפּאָלעאָן אום פון אויסטערליץ קיין פאריזש. אין וועג שטעלט ער זיך אָפּ אין סטראסבורג, ווו מע באקלאָגט זיך אָף יידן. ער ווערט טייקעף אופגעקאָכט און קלײַבט זיך באגרענעצן זייער בירגער־רעכט.

פינכעס האָט נאָך ניט געהערט, אז א מיילעך, א קייסער, א קיניג, א פרינץ אָדער א גראף זאָל טאָן עמעצן א טויווע צוליב יענעם און ניט צוליב זיך.

און נאָך ווייסט ער: געקומען קיין גראָדנע, האָט דעניס דאַווידאָוו געזאָגט: „וויסנדיק די איבערגעגעבנקײַט פון די ייִדן צו די רוסן, קלײַב איך אויס דעם ראָש־האַקעהילע אלס שעף פון דער העכסטער פּאָליציי און לייג ארויף אף אים די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאר יעדן מין אומאָרדענונג, וואָס עס קאָן פאָרקומען אין שטאָט, און אויך פאר אלע געהיימע באַראַ־טונגען, וועגן וועלכע דער שעף פון דער שטאָט דאַרף וויסן.

...דער ראָש־האַקעהילע דאַרף געדענקען און זיך גרויסן מיט דער מאַכט, מיט וועלכער איך גיב אים און די ייִדן, און וויסן, אז זײַנע און זייער איבערגעגעבנקײַט וועט באַוווּסט ווערן דער העכערער נאַטשאַלסטווע”.

וואָס קען זײַן נאָך א העכערע נאַטשאַלסטווע, ווי דער קייסער אליין? פאר דער איבער־געגעבנקײַט, וואָס די ייִדן האָבן ארויסגעוויזן אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, האָט אלעקסאנדער דער ערשטער דעם 29 יון 1814 אויסגעדריקט די יידישע קעהילעס «свое милостивое расположение».

פינכעס האָט געזאָגט זעליקן: אלע גוטע ווערטער וועגן ייִדן גייען אויף צום הימל, ווי א שיין וואָלקנדל, וואָס צעגייט זיך. קיין סימען בלײַבט ניט. אלע שלעכטע ווערטער לאָזן זיך, ווי א כמאַרע, אראָפּ צו דער ערד און פאַרגעדענקען זיך.

זעליק איז אין אַזוינע זאַכן ניט געניט, ער פאַרלאָזט זיך אף פינכעסן. ער האָט פאר אים דערעכערעץ, ער ווייסט: באָכערווײַז האָט מען וועגן פינכעסן געזאָגט, אז ער איז אן עווען־טאָוו. כאַסענע האָט ער געהאַט מיט א ייִכעס־שידעך, א טאָכטער פון פאַרמעגלעכע און אָנגעזעענע עלטערן. די קאַלע איז געווען א שיינהײַט. זיי האָבן צווישן זיך געלעבט, ווי די טויבן. איז געשען אן אומגליק: באַם ערשטלינג איז דאָס ווײַב אין קימפּעט געשטאָרבן. פינכעס איז פאַרבליבן אן אלמען, וויל ניט כאַסענע האָבן. פאַראַן דעם ווײַבס א ייִנגערע שוועס־טער, אויך א שיינהײַט. וויל ער ניט הערן. דער ראָוו האָט אים גערופן און געזאָגט מוסער:

— פינכעס, אף דיר, מײַן קינד, זאָגט מען, אז דו האָסט א טוויִעס אין ביסט טויפעס, כאַפּסט גוט אויף, דאַרפסטו פאַרשטיין, אז אלץ, וואָס איז כוץ לעדערעך האַטעווע טויג ניט. אן אלמען? מע טאָר ניט... מע טאָר ניט זײַן קיין יויצע מין האַקלאַל. די וועלט פירט זיך ניט אזוי... א ייִד דאַרף אָפּהיטן טאַהאַראַס האַמישפּאָכע. אונדזערע הייליקע כאַזאַל, די טאַנאָיִם, זאָגן...

— רעבע, ס'איז דאָך ניט האַלאָכע לעמוישע מיסינײַי[1].

— איז וואָס?

— כ'האָב א ניידער געטאָן.

— וועל איך מאַטער־ניידער זײַן. ניט באַטראַכט זיך, ניט באַזיניקט, ביוולי דאַאַס...[2]

— איך קען ניט, רעבע, און... איך וויל ניט.

— ווילסט זײַן א יאָכיד־בעמינוי? אן אויסנאַם בא אם ייִסראָעל... האַיויצע מין האַקלאַל? זינדיקסט! דאָס פירט אין שלעכטע וועגן. ביסט נאָך יונג.

נאָך א סאַך, א סאַך האָט דער ראָוו אין אים אַרײַנגערעדט, נאָר פינכעס איז אלץ באַ־שטאַנען אף זײַנס.

נאָכדעם, ווי עס איז געוואָרן אויס זעליק און אויס פינכעס, איז איינמאָל אין א שאַבעס אָשערל בלאָנדער אַרײַן צו זײַן שאָכן.

— א גוט־שאַבעס, רעב דאָוויד.

— א גוט־שאַבעס.

לויט אָשערלס שײַנענדיק פּאָנעם און אָפּלאַכערישע אויגן האָט רעב דאָוויד באַלד פאַר־שטאַנען, אז ער קומט זיך באַרימען, אָפּגעבן זיך אליין קאָוועד, אַרויסווײַזן זײַן צופרידנ־קײַט מיט זיך אליין. רעב דאָווידן איז עס ניט צום האַרצן.

— נו, ווער איז געווען גערעכט? — פרעגט אָשערל מיט א געלעכטער.

— וועגן וואָס רעדט איר?...

— ייִדן אין פּאָליציי! א כילעלהאַשעם. מיט וואָס האָט זיך עס געענדיקט? איך האָב דאָך געזאָגט.

— איר האָט געזאָגט, אז ייִדן דאַרפן פּאַרנאָסע.

— איך זאָג עס איצט אויך.

— ניין, איצט זײַט איר געקומען, ווי א בוריון, ווי א כוליגאַן, זיך רייצן, געקומען דער־ווײַזן, אז אײַער מאַכשאָווע און די מאַכשאָוועס פון אונדזערע סאָנים זײַנען יאַדאַכאַס.

---

[1] געמיינט: ניט קיין הייליקער געזעץ; [2] ניט ווילנדיק, אומגערן.

— מע האָט פריִער געקענט פּאַרויסזען, אַז מע וועט אַרויסטרײַבן. און מיט בושה.

— אויב אַזוי, האָט גאָט באַרוך־הו ניט געדאַרפט אַרײַנפירן די ייִדן אין קנאַאַן. נעוווּ־כאַדנעצער האָט נאָכדעם כאַרעוו געמאַכט און אַרויסגעטריבן. איר, אַשערל, געהערט צו יענע באַשעפענישן, וואָס אַליין דעם טיש גרייטן זיי ניט...

— ווער גרייט? זעליק פעדער!

— באַלגײַווע! זעליק געהערט צו די, וואָס גייען אַף פּיקועך־נעפעש. אַזאַ גרייט דעם טיש. דו כאַפּסט די ברעקלעך פון אונטערן טיש. און ביכלאַל. דײַ וועהויסער. גײַ אַהיים. שטער ניט דעם אוינעג־שאַבעס.

— און איר מיינט, אַז אַלץ איז געענדיקט? מע וועט זיך אָפּרעכענען. אוי, וועט מען זיך אָפּרעכענען!

א שלעכטע צונג זאָגט אָפּט נעוויִעס.

11

ס׳איז נאָך די כאַגאַעס — נאָך ניטל, נאָך נײַ־יאָר, ווען די גלעקער אין די טיפלעס האָבן אָן אופהער געהודזשעט איבער דער שטאָט.

אין גראַדנע איז רויִק, שטיל. ווי אַלע פאַרטאָג, קרייט באַ הינדען אין שטאַל דער האָן. דער גרויסער און שיינער האָן מיט די פּילקאַלירנדיקע פליגל לאָזט מיט גאַדלעס הערן איבער גאַנץ פּערשטאָט, אַז ער ברענגט דעם העלן טאָג אַף דער וועלט. העשל און הינדע טשוכען זיך אויס און שלאָפן שוין מער ניט. יאַשקע דער שרײַער (אַזוי רופן זיי דעם האָן) וועקט און רופט. די טאָכטער שלאָפט נאָך. הינדע זאָגט שטיל צו איר מאַן:

— אַן אוולע פון זעליקן, וואָס ער קומט ניט אַרײַן.

— ער איז געוויס פאַרנומען. פאַרוואָס איז עס אַן אוולע?

— הערסטו, מײַן מאַן, דו לעבסט דאָך טאַקע מיט פאַרמאַכטע אויגן. דו זעסט ניט. ליבע־שעווע...

— וואָס ליבע־שעווע?

— זי קוקט אַף אים די אויגן אויס.

— גאָר אַזוי!

ער זעצט זיך אויף, גייט אַראָפּ פון בעט, גייט צו ליבע־שעוועס געלעגער, קוקט אָן זײַן טאָכטער. דערנאָך גייט ער צוריק, זעצט זיך ווידער אָפּן בעט און זאָגט:

— האָסט מיר די אויגן געעפנט. פאַרוואָס קומט ער טאַקע ניט?

העשל זאָגט מער גאָרניט, הערט ניט, וואָס דאָס ווײַב רעדט. ער גייט אַרײַן אין זײַנע אייגענע געדאַנקען. הײַנט זײַנען זיי ניט וועגן סטאָליערײַ, ניט וועגן שניצערײַ, ניט וועגן די שיינקײַטן אין דער אַלטער שול. ער טראַכט וועגן דער טאָכטער און וועגן זיך: פאַרוואָס קוקט ער טאַקע מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרוואָס זעט ער ניט, וואָס אַרום טוט זיך? שאַבעס, אימײַרצע־האַשעם, גייט ער אין שטאָט אַרײַן פרעגן זעליקן, פאַרוואָס ער קומט ניט?

— האָסט זיך אַזוי פאַרטראַכט, העשל, אַז דו פאַרגעסט וועגן דאַוונען, וועגן אַרבעט.

ווי אַלעמאָל, אַרײַנקומענדיק אין דער שול, ציט ער גלײַך אַרויס די לינקע האַנט פון אַרבל און פאַרשפּיליעט דעם בעגעד אַף איין קנעפּל. ער טוט אָן דעם שעל־יאַד, טוט אָן דעם שעל־ראָש, נעמט אַף אויסווייניק זאָגן „מאַ טויווו"... הײַנט זעט ער ניט דעם הירש, זעט ניט דעם לייב. די ליפּן דאַוונען, און ער טראַכט וועגן דער טאָכטער, וואָס איז שוין אַ קאַלע־מיידל גאָר. ער נעמט פאַרשטיין, אַז מיטאַמאָל צווײ טויבן אין איין האַנט קען מען ניט האַלטן. גיט מען זיך אײַנגאַנצן אָפּ מיט די שיינקײַטן פון דער שול, פאַרגעסט מען אין דער טאָכטער. שאַבעס גייט ער אין שטאָט אַרײַן זוכן זעליקן.

העשל פאַרלירט דעם כעזשבן פון דער צײַט. צי האַלט ער ניט באַ „אַלײנו"? ער טוט אויס די טפילן.

אין שטוב באַגעגנט אים די טאָכטער, וואָס גרייט אים אָנבײַסן. אין זײַנע אויגן האָט זיך הײַנט ליבע־שעווע געענדערט. נעכטן איז זי געווען אַ קינד. הײַנט... זי קוקט אויס די אויגן ניט אָפּן טאַטן, ניט אַף דער מאַמען. עפּעס זעט עס אים אויס ווילד. און מיט עפּעס ווערט זי פון אים אָפּגעפרעמדעט.

און אַז העשל גייט אַוועק און ליבע־שעווע בלײַבט אַליין, קוקט זי ווידער אַרויס דורכן פענצטער. דער באַרג איז אין שניי. דער ניעמאַן איז פאַרפראָרן. צו וועמען קוקט זי אַרויס און אַף וועמען וואַרט זי?

ליבע-שעוועס פּאַנעם, וואָס איז קינדעריש-יונג, איז עפּשער ניט אזוי שיין, ווי פול מיט כיין. אירע כיין-גריבעלעך שמייכלען און לאכן. די אויסדריקלעך-גוטע בורשטין-אויגן קוקן ארויס מיט פײַערלעך פון אונטער לאנגע ווי:עס. ביכלאל איז זי א שוואַרצקע, נאָר דאָס פּאַנעם אירס רעדט, באוועגט זיך, זאָגט אויס אלע געדאנקען, גיט אויס אירע איבערלעבונגען. אז קיינער איז אין שטוב ניטאָ, זי איז אליין, שפּילט זי מיט זיך אליין. דאָס זעלבע איז אויך איצט. זי קוקט ארויס אין פענצטער, עפנט ברייט די אויגן, זי דערזעט עמעצן. זי ווייסט, ווער עס איז. זי שמייכלט צו אים פונדערווײַטן. אָט איז ער שוין אריבער דאָס אײַז איבערן ניעמאַן. אָט הייבט ער זיך איבערן פארשנייטן בארג. ער קומט אָן צום פענצטער, קוקט אַרײַן. זי לאָזט אראָפּ די אויגן. זי שעמט זיך.

— ליבע-שעווע, א גוט-מאָרגן.

— א גוט-מאָרגן, זעליק. פאַרוואָס קומסטו ניט אַרײַן אין שטוב?

— דו ווילסט, איך זאָל אַרײַנקומען?

זי הייבט אוף די אויגן, קוקט אים אָן. זי וויל זײַן ערנסט, שטרענג, נאָר דאָס גיט זיך איר ניט אײַן, זי צעלאַכט זיך און וויל דורך דער שויב אים אָנעמען פאַר דער האַנט.

— איך וואַרט דאָך אַלע טאָג אַף דיר. דו קומסט ניט.

זי שײַנט ארויס מיט כיין, מיט גוטסקײַט, מיט מיידלשער שעמעוודיקײַט און קלוג-האַרציקײַט. וואָס וועט ער ענטפערן?

עס עפנט זיך די טיר, די מאַמע קומט אַרײַן. די מאַמע פאַרשטייט זיך אַף איר טאָכטער, זי זעט אַף איר אַלץ און באַנעמט, וואָס מיט איר קומט פאָר. ליבע-שעווע איז שײַנענדיק-איבעראַשט, פאַרויטלט. זי האָט איצט אין פענצטער געוויס געשפּילט אין ליבע. א קינד — און שוין א מיידל. א קליינס — און א דערוואַקסענע.

„איך בין אויך געווען אזא". און די מאַמע דערמאָנט זיך, אז דאָס איז געווען די שענסטע צײַט אין איר לעבן. איר איז דעמלט געווען גוט, זי איז געווען גליקלעך. איצט איז די טאָכטער גליקלעך. זאָל זי, זאָל זי. בא לײַטן זאָל מען נאָר דעם ניט וויסן. מע וועט אויסלאַכן און גאַט, פאַרנעמט זי זיך מיט נארישקײַטן, זינדיקט אין די געדאַנקען. זאָלן עס שכיינים ניט וויסן, דינען זאָל עס צו בייזע צינגער ניט דערגיין. עס וועט נאָך זײַן גענוג צײַט צו פרום זײַן, צו טראָגן א שייטל, אַרײַנצוקוקן אין קאַוו-האַיאָשער. דערווײַל... ניט אומזיסט האָט גאָט געגעבן דעם מענטשן אַלע כושים.

העשל וואַרט אַף שאַבעס, ער ציילט די טעג. אָט איז שוין פרײַטיק. אין שטוב בא הינדען איז אַלץ צוגעגרייט, די מעשענע לײַכטער שטייען אויסגעשײַערטע, די ליכט אַרײַנגעשטעלט אין די לײַכטער. עס דערנעענטערט זיך דער פרײַטיק-צונאַכטס, דער ערעוו-שאַבעס. אין שטוב ווערט ליכטיקער און פריילעכער.

אַפן מאַרק איז דער שטאָט-מאַגיד אין זײַנע שאַבעס-קליידער און יאָמטעוודיקן שטרײַמל אָנגעקומען מיטן אויסרוף: שאַבעס, שאַבעס! צײַט ליכט בענטשן! און טייקעף נעמען זיך פאַרמאַכן די קראָמען. דער מאַרק ווערט פּוסט, און דער שאַבעס לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער שטאָט. פאַרן מאַגיד האָט מען מוירע. ער האָט א שאַרף צינגל, רעדט שיין און דערבײַ מיט האַרץ. אין זײַנע דראָשעס מאָלט ער אויס שרעקלעכע בילדער פון גענעם. יעדע זינד, יעדע אוויירע שאַרט באַ אים א באַזונדער שטראָף. די ווייטעקן, פּײַן און יעסורים פון די זינדיקע, פון די רעשאָים גיט ער איבער אזוי בילדעריש, אזוי געטרײַ, אז דער עולעם שרעקט זיך, האָט כאַראָטע אַף די זינד און זאָגט צו זײַן גוט און פרום.

דער שטאָט-מאַגיד שאַנעוועט קיינעם ניט. פאַרמאַכט ניט עמעצער פרײַטיק-צונאַכטס די קראָם צו דער צײַט, וועט ער וועגן דעם ריידן אין א דראָשע, אָנרופן די נעמען, אויסמאָלן די שטראָף אַף יענער-וועלט. ציטערט מען פאַר אים.

ער האָט אויך א טעווע אָפּצושטעלן א יידן אינמיטן דער גאַס און באַטראַכטן זײַן אַרבעקאַנפעס, צי זײַנען קאָשער די ציצעס. און מע פאָלגט אים. געווען, עמעס, א פאַל מיט אַרקע דעם פּורמאַן, וועגן וועלכן דער מאַגיד פאַרשווײַגט. אַרקע האָט געפירט פאָיען זײַן אָגער, איז אים אַנטקעגן אָנגעקומען דער מאַגיד און געוואָלט איבערקוקן זײַנע ציצעס. זאָגט אים אַרקע:

— רעבע, איך קום איצט פון א שווערער יאַזדע. באַ מיר זײַנען די ציצעס קאָשערע. און מײַן פערד טראָגט קיין אַרבעקאַנפעס ניט. — ער גיט א פּיפּקע מיטן ליולקעלע און גייט ווײַטער. דער מאַגיד איז געוואָרן איבעראַשט, אָבער פאַרשוויגן.

פרײַטיק-צונאַכטס נאָכן דאַווענען, ווען העשל האָט זיך אומגעקערט פון דער שול אַהיים

מיטן פריילעכן „גוט־שאבעס!”, האָט ער דערפילט, אז ער איז שוין נאָענט צו זײַן ציל. מאָרגן, גלײַך נאָכן טשאָלנט, גייט ער אין שטאָט אַרײַן.

ער איז גוט אופגעלייגט, מאכט פריילעך באַם טיש, וואָס מיט אים טרעפט עס ניט אזוי אָפט. ער טראַכט וועגן דער טאָכטער. דערבײַ באַמערקט ער אַפילע ניט, אז טראַכטנדיק וועגן ליבע־שעווען, דערזעט ער לעבן איר זעליקן. צי איז עס ניט צו פרי?

12

אַף מאָרגן, גלײַך נאָך מיטיק, האָט זיך העשל געלאָזט גיין איבערן אײַז אין שטאָט אַרײַן. די פּאַרשנייטע גאַסן שטייען רויק־שטילע. עס נעמט בלאָזן א וואַרעם דאָרעם־ווינטעלע, וואָס זאָגט אָן וועגן אַ דאַליגע. אלע קראָמען און געשעטלן זײַנען צוגעמאַכט. מע זעט ניט קיין פערד און קיין שליטן. אַף די שמאָלע הילצערנע טראָטואַרן באַוועגן זיך גאָר ווינציק שפּאַצירער מיטן שאבעס־געלאַסענעם טראָט.

אין דער שטאָט גראָדנע, וועלכע מע האָט אַף יידיש גערופן האָראָדנע, זײַנען פון די קימאַט אכט טויזנט אײַנוווינער געווען מער ווי דרײַ פערטל יידן. שאבעס איז די שטאָט געווען א שאבעסדיקע, אָן דעם אינדערוואָכעדיקן טומל. פונקט אזוי איז זי פריִער געווען א מאַצעקאָשערע, א פריילעכע און רוישנדיקע. און יאָמקיפּער — א פאַרכטיקע, א פאַסטנדיקע און אַן אומעט־שטילע.

די קלויסטערס אין צענטער שטאָט מיט זייער גלאָקן־געקלאַנג און די צווי פּרויען־מאָנאַסטירן אין די שטאָט־ראַנדן מיט דעם מאָנאַשקע־געזאַנג קענען ניט קלענער מאכן דעם שאבעס אין דער שטאָט.

אַרטיקע ווייסן עס.

נאָר אָט גייען אַרום צווי יונגע אַפּיצערלעך, נײַ־געקומענע, און וווּנדערן זיך, פאַרוואָס זײַנען הײַנט די געשעפטן פאַרמאַכט. הײַנט איז דען זונטיק? העשל קומט זיי אַנטקעגן און דערקלערט: הײַנט איז שאבעס בא יידן.

העשל קומט אַרײַן אין א געסל ניט ווײַט פון שול־הויף, גייט אַרײַן אין א הילצערנער שטוב מיט קליינע פענצטער, מיט א שינדל־דאַך, מיט א גרויסן פּירהויז און מיט א סאַך שכיינים. שוין גלײַך, ווי מע טרעט איבער די שוועל אין פּירהויז אַרײַן, דערהערט מען פון אלע זײַטן פיל קינדער־שטימען.

העשל איז דאָ לאַנג ניט געווען. ער עפנט א נידעריקע און שמאָלע טיר, בייגט זיך אײַן, קעדיי זײַן הויכער וווּקס זאָל אים ניט שטערן, קומט אַרײַן מיט א האָפערדיקן „גוט־שאבעס!” אין דער דירע דערפרייט מען זיך.

— א גוט־יאָר, א גוט־יאָר!

— דער פעטער העשל!

דער עמעס איז אָבער, אז העשל איז א ביסל א ווײַטערער קאָרעוו פון א פעטער, ער איז מיט טויבען, זעליקס מאַמען, שוועסטערקינדער.

אין שטוב דאָ איז ניט איבעריקס ליכטיק, אָבער וואַרעם. דער ווײַסער הילצערנער באַלקן איז שוין, ווײַזט אויס, לאַנג ניט אָפּגעפרישט. הײַנט איז דאָ שאבעסדיק געמיטלעך. דער טיש איז געדעקט מיט א בלאַנקן טישטעך. די ביילעוו־פאַרקאָפּעטע בענטש־לײַכטער שטייען אַפן אלטן קאָמאָד, וואָס איז פאַרדעקט מיט א סערוועטל. אַף דער וואַנט הענגט א מיזרעך, אויסגעשניטן פון פאַפּיר. און אַרום אים א לייב און א הירש, אויך פון פאַפּיר אויסגעשניטן.

זעליקס טאַטע, יוינע דער „מענטש” (ער איז א מענטש בא א רײַכן פאָדריאַטשיק), גיט אַפּ העשלען שאָלעם און פרעגט אים די זעלבע פראַגע, ווי בא אלע זייערע באַגעגענישן:

— וואָס הערט זיך אין פּערשטאָט? די אלטע שול שטייט נאָך?

א גאַנצע וואָך איז יוינע פאַרנומען מיט די געשעפטן פון זײַן באַלעבאָס, פון אינדערפרי ביז באַנאַכט געהערן אלע יוינעס געדאַנקען צום פאָדריאַטשיק. דערפאַר באַקומט ער אלע דאָנערשטיק סכירעס, וועלכע קלעקן אים קוים צו דערצײַען ביזן קומענדיקן דאָנערשטיק. שאבעס אָבער איז זײַן טאָג. דער בעסטער און באַליבטער טייל פון שאבעס איז פאַר יוינען פּרײַטיק־צונאַכטס, ווען דער שאבעס הייבט זיך אָן. ער גייט אַרויס פון דעם אינדערוואָכן. ער פאַרגעסט אלע זאָרגן, ער איז אָנגעטאָן אין שאבעסדיקע קליידער. אין שטוב איז ליכטיק, ציכטיק. פון שול קומט ער א פריילעכער און א נײַ־געבוירענער. ניין, ער איז איצט ניט מער יוינע דער „מענטש”, נאָר יוינע דער שאבעסדיקער באַלעבאָס, וואָס קיינער זאָגט אים קיין דייע ניט און ער דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען. פאַרויס איז נאָך פאַראַן א גאַנצער שאבעס!

אף מאַרגן, שאַבעס אינדערפרי, ליגט ער מיט א שאָ שפּעטער אין בעט. ס'איז זײַן שאָ, ער מעג הײַנט טראַכטן וועגן זיך. מיטן באַלעבאָס זײַנעם האָט ער געלערנט צוזאַמען אין איין כיידער. איז יענער א גוויר, לעבט, ווי א מאַנאַרך. און ער, יוינע, באַקומט בא אים סכירעס קוים אָף דורכצולעבן זיך. ער כאַפּט זיך אָבער, אַז דאָס זײַנען ניט קיין שאַבעסדיקע גענדאַנקען, און פאַרטרײַבט זיי. און ביכלאַל... ער קען דען זאָגן גאָט א דייע? ער וויל האַנאַע האָבן פון אויסליגן אין דער וואַרעם זײַנע ביינער. נאָר שאַבעס נאָכן טשאָלנט, כאָטש עס שמעקט געשמאַק מיטן זיסן מערן־צימעס און פעטן קוגעלע, כאַפּט זיך בא יוינען ארויס א שטילער זיפץ. מיט יעדער שאָ ווײַטער ווערט ער אַלץ ווינציקער שאַבעסדיקער באַלעבאָס און אַלץ מערער דער אינדערוואָכעדיקער „מענטש".

צו שאַלעשודעס שווײַגט ער, רעדט ניט, און עס קומט שוין אָפּטער פון זיך אַליין ארויס א זיפץ און א קרעכץ. און דערנאָך, אין טונקעלן פאַרנאַכט, ווען די ערעוו־זונטיקדיקע גלעקער־קלאַנגען און די מאַנאַשקעס־געזאַנגען נעמען ארויסבאַגלייטן דעם שאַבעס אין וועג ארײַן, זײַנען יוינעס אַלע געדאַנקען ווידער וועגן באַלעבאָס און זײַנע געשעפטן. ער איז ווידער א „מענטש".

העשל איז צו אים געקומען נאָכן טשאָלנט, ווען בא יוינען כאַפּט זיך ניט ווילנדיק ארויס דער ערשטער זיפץ. ס'איז נאָך אָבער שאַבעס.

— וואָס הערט זיך בא אײַך אין פּערשטאָט?

— אַלץ שטייט אָף אָן אָרט. פאַרוואָס זע איך ניט זעליקן?

— זעליק איז געקומען צום סייכל.

— זייער צופרידן. לעמאַשל?

— דער שוטעף זײַנער פון דער פּאָליציי, פּינכעס באַס, לערנט אים רוסיש, דײַטש, כעזשבן. ער לערנט אים אָף דער לאַנדקאַרטע.

— איז יענער א גרויסער קענער?

— זעליק האַלט פון אים אוילאָם־אומלויע. איר דאַרפט פאַרשטיין, העשל, אַז מע וויל הײַנטיקע צײַטן האָבן א קיִעם, דאַרף מען קענען סײַ שרײַבן, סײַ כעזשבענען און גוט ריידן. ס'איז איצטער צוגעקומען א גרויסער האַנדל מיט דײַטשלאַנד. איך אַליין פּיל זייער גוט, ווי עס פעלט מיר אָט די קענטעניש.

— לערנט ער דען שאַבעס אויך?

— ניין! גאָט זאָל אויסהיטן. עס פעלט נאָך, אַז דאָס זאָל דערגיין צום מאַגיד. מע וועט די גאַס ניט קענען דורכגיין.

דערווײַל שטעלט טויבע קיבעד אָפן טיש.

— געניסט, העשל, געניסט.

דאָס קליינוואַרג וואַרט שוין אָף דעם. זיי וויסן גוט דעם פעטער העשל. ער אַליין עסט ניט, ער נעמט פון טיש און גיט די קינדער. ווען מאַכט זיך אַזאַ גליק?

זעליק קומט אַלץ ניט. די צײַט רוקט זיך. אָט איז שוין שאַלעשודעס און די שטוב נעמט ווערן אָנגעפילט מיט טונקלקײַט. יוינע זיפצט שוין אָפן. העשל גייט אַהיים.

די ערעוו־זונטיקדיקע קלויסטער־גלעקער קלינגען און באַגלייטן ארויס דעם שאַבעס פון דער שטאָט. באַם פּוילישן קאָסטיאָל זיצן אָרעמעלײַט און קאַליקעס, זיי זינגען און בעטן נעדאָוועס.

די נאַכט פאַלט שוין צו, ווען העשל קומט נעענטער אָן צו זײַן היים. אין די פענצטער פון פּערשטאָט באַווײַזן זיך פאַרזאָרגטע אומרויִקע פּײַערלעך. בא אים אין שטוב איז ליכטיק, ווי עס וואָלט איצט ניט זײַן שאַבעס־צונאַכט, נאָר ערעוו־שאַבעס. עפענענדיק די טיר, דער־הערט ער א פריילעך געלעכטער. ליבע־שעווע לאַכט, הינדע לאַכט, און מיט זיי צוזאַמען לאַכט אויך זעליק.

— א גוטע וואָך!

13

זעליקס שאָכן, פּיניע דער אָגאָראָדניק, א געזונטער און פאַרגרעבטער, מיט רויטע פאַרהאָ־רעוועטע הענט, מיט שווערע שטיוול, ארומגעקלעפּט מיט פרישער פּײַכטער ערד, איז אין א זוניקן באַטאָג א מידער אָנגעקומען פון די בײַשטאָטישע סעדער און גערטענער צו זיך אַהיים. ארײַנקומענדיק אין דער הילצערנער שטוב מיטן גרויסן פּירהויז, ווו ער וווינט אין שכיינעס מיט זעליקס עלטערן, האָט ער אַלעמען אָנגעזאָגט די פריידיקע בסורע:

— פרילינג. וויאָסנע.

— וואָס איז דער ווונדער... אינגיכן איז פּייסעך, — ענטפערט טויבע.

אין דעם דאָזיקן פרילינג־טאָג, ערעוו פּייסעך, ווען די זון האָט שוין געגומען וואַרעמען און טריקענען, ווען די פייַכטע צעטראָטענע ערד איז געוואָרן שטייפער און פון די בערג שטראָמען די שניי־וואַסערן אין ניעמאַן אַרייַן, איז א פּויליש מיידעלע פון א יאָר נייַן און עפּשער צען, מיטן נאָמען יאַדזשע, אַרויס פון שטוב און זיך פאַרטראַכט: מיט וואָס שמעקט עס אַזוי? דער רויך פון דער שכיינישער שטוב וויל אָבער ניט אויסזאָגן דעם סאָד: מיט וואָס שמעקט עס אַזוי געשמאַק? אינגיכן כאַפּט זיך יאַדזשע — קוכן מיט קעז. זי האָט עס שטאַרק ליב. און באַלד דערזעט זי זייער דייַטלעך, ווי בא דער מומע רוזשע אַפן טיש ליגט א גרויסער, צוגעברוינטער, שמעקנדיקער קוכן מיט קעז. צו דער מומען איז ניט ווייַט. זי וווינט אין נאָענטן דאָרף. בא איר זייַנען שטענדיק פאַראַן געשמאַקע זאַכן צום נאַשן. עפּ־שער זאָל זי צולויפן צו דער מומען? אויב זי וועט גיין גיך, וועט מען זיך אפילע אין שטוב ניט אַרומקוקן, ווי זי קומט טייקעף צוריק. און טראַכטנדיק, גיין צי ניט גיין, גייט זי דער־ווייַל. זי וויל אַרייַנכאַפּן א שטיקל וועג, עס זאָל ווערן קירצער, אויב זי וועט טאַקע גיין צו דער מומע רוזשע. און קעדיי דער וועג זאָל אָף אַן עמעס זייַן קירצער, נעמט זי גיין מיט די גערטענער, וואָס הייבן זיך אָן באַם ראַנד שטאָט, ווו יאַדזשעס מאַמע וווינט. זי אייַלט גיך, כאָטש די ערד איז גליטשיק און קלעפּיק. די יונגע פּיסלעך גייען פלינק. דער ריח פון קעז־קוכן פירט פאָרויס. מיט די אויגן זעט זי זייַן פרישקייַט און צוגעברוינטקייַט, די נעזלעכער פילן זייַן אָנגענעם־זיסלעכן רייעך און אָף דער צונג ליגט שוין דער טאַם פון געשמאַקן ביסן.

אינגיכן הייבט זי אָן מיד צו ווערן. איצט פאַרשטייט שוין יאַדזשע, אַז דער וועג דורך די גערטענער איז א שווערער. דער פוס גייט אַרייַן, ווי אין לייים, עס ווערט שווער אים אַרויסצושלעפּן. פאַרפאַלן, זי וועט דאָך איצט קיין אַנדער וועג ניט אויסקלייַבן. זי גייט לאַנגזאַמער, נאָר זי גייט. און דער וועג ווערט קירצער. ס'איז שוין גאָרניט אַזוי ווייַט. אָבער די קויכעס ווערן אויך ווינציקער, זי ווערט אָפּגעשוואַכט. זי שטעלט זיך אָפּטער אָפּ רוען, איבערכאַפּן דעם אָטעם.

און דערווייַל נעמט די זון זיך זעצן. אָט איז זי געוואָרן איבערן צייַלעם פון דעם דאָרף־קלויסטער, וועלכן זי זעט פונדערווייַטן. און אָט איז זי שוין ניט מער, ווי איבערן אַלטן בוים בא דער מומע רוזשע אַפן הויף. ס'איז שוין ניט ווייַט, גאָרניט ווייַט. עס ווערט טונ־קעלער. פון אייַלעניש איז זי עטלעכע מאָל געפאַלן. עס ווערט נאָך טונקעלער. עס כאַפּט זי אַרום א שרעק. און מיט די לעצטע קויכעס לויפט זי, לויפט... ביז זי פאַלט אַרייַן צו דער מומע רוזשע א טויט־מידע, מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם, אַן אויסגעשמירטע, א פאַרשמוצטע פון קאָפּ ביז די פיס, און אין איין שיכל. ווו איז דאָס צווייטע? זי האָט אפילע ניט גע־פילט, ווו און ווען זי האָט פאַרלאָרן.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס איז געשען? זעסט דאָך אויס, ווי א טייַוול, יאַק שאַטאַן!

און אַז יאַדזשע קומט נאָכדעם א ביסל צו־זיך, וויינט זי זיך פאַנאַנדער. עס לאָזט זיך אויס, אַז זי איז געקומען אין געסט.

— און אין שטוב ווייסט מען?

זי שעמט זיך צו זאָגן, אַז ניין. שאָקלט זי מיטן קאָפּ אָף יאָ.

די מומע וואַשט אויס יאַדזשען, הענגט אוף אירע קליידער טריקענען, לייגט דאָס מיידל אין בעט אַרייַן און גיט איר קעז־קוכן מיט טיי.

אָף מאָרגן אינדערפרי האָט יאַדזשע געגומען ניסן און הוסטן. זי איז צוגעקילט. די מומע לאָזט זי פון בעט ניט אַרויס און פּאָיעט זי מיט טיי און מאַלענעס.

די טויבן פון יאַדזשעס עלטערן ברודער שטייען אַפן טויבנשלאַק, וואָס געפינט זיך אַפן דאַך לעבן בוידעם־פענצטער. אייניקע פון זיי טרעטן איבער פון איין רויטער לאַפּקע אָף דער צווייטער, אַנדערע פוצן זיך מיט די שנאָבעלעך אונטער די פליגל. די טויבן — ווייַסע, ווייַס־שוואַרצע, גרויע מיט בלויע שפּרענקעלעך — וואַרעמען זיך אָף דער זון. אומגעריכט האָט זיך איין טויב א הייב געטאָן, א פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און איז אוועק אין דער לופט אַרייַן. און גלייַך נאָך איר האָבן זיך אַלע אַנדערע אופגעהויבן און, פּאָכענדיק גיך, גיך מיט די פליגל, זיך אוועקגעלאָזט אַלץ העכער און העכער.

יאַדזשעס ברודער, אַנטעק, א באַרוועסער, אָן א היטל, איז א צעטראָגענער אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. פאַרוואָס זייַנען עס די טויבן אָן זייַן וויסן אוועקגעפלויגן? ניט אַנדערש, ווי

יאַדזשע האָט ווידער אין זיי געוואָרפֿן שטיקער ערד אָדער אַפילע אַ שטיינדל. זי האָט זיי אָנגעשראָקן. אַ קאַעסדיקער האָט אַנטעק געשריען:

— וויפל מאָל, יאַדזשע, האָב איך דיר געזאָגט...

די טויבן זײַנען געפֿלויגן. יאַדזשע האָט ניט געענטפֿערט.

צוקוקנדיק זיך, ווי שיין זײַנע טויבן האַלטן זיך אויף די צעשפּרייטע פֿליגל אין דער לופֿט, ווי די צוויי טורמאַנעס קוליען זיך איבער און פֿליִען ווײַטער, האָט אַנטעק גאָר פֿאַרגעסן אָן זײַן שוועסטער.

שפּעטער אָבער האָט די מאַמע, מאַרישע, בא אים געפֿרעגט:

— ווו איז זי?

— איך ווייס ניט.

— האָסט זי דאָך געוואָרפֿן?

— זי באַהאַלט זיך אויס בא עמעצן. צעטריבן די טויבן... האָט זי מוירע.

די זון האָט גענומען פֿאַרגיין. די מאַמע איז אַליין אַרויס זי זוכן. געוויס זיך פֿאַרשפּילט מיט די שכיינישע קינדער. אַפילע עסן ניט געקומען.

— יאַדזשאַ, יאַדזשאַ! יאַדוויגאַ!

ווידער ענטפֿערט קיינער ניט. די מאַמע גייט צו די שכיינים, צו יאַדזשעס כאַווערטעס, זי איז אין ערגעץ ניט פֿאַראַן. קיינער האָט זי ניט געזען. ווו קען זי זײַן?

די מאַמע זידלט אַנטעקן:

— האָסט זי אָנגעשראָקן, וויל זי ניט קומען. ווער ווייסט, ווו זי איז. אַ קינד.

זי ווערט אומרויִק. דער טאָג פֿאַרגייט. און די מאַמען כאַפּט שוין אַרום אַ שרעק. שכיינים העלפֿן זי זוכן, גיבן אייצעס. זיי טרייסטן מאַרישען, אָבער אַפילע די טרייסטער נעמט דורך אָן אומרו. ווו קען זי זײַן?

און דאָ קומט אָן מאַרישעס אַ שכיינע, אַפילע אַ קרויווע, וואָס איז נאָענט מיט איר באַפֿרײַנדעט, און פֿרעגט:

— מאַרישע, זאָג מיר, ס'איז ניט דײַן יאַדזשעס שיכל?

— יאַדזשעס! פֿונוואַנען?

— אויף די גערטענער געפֿונען.

— אויף די גערטענער?! ווי קומט אַהין יאַדזשע! מאַטקאַ באָזקאַ טשענסטאָכאָווסקאַ... ווי קומט אַהין יאַדזשע?

— אויף די גערטענער? — גיט אַ פֿרעג אַ צווייטע שכיינע. — עפּעס איז דאָ ניט גלאַט... איך האָב אַליין געזען, ווי דער אָגאָראָדניק זייערער, דער ייִד, ווי רופֿן זיי אים, דאָ דיאַבלאַ, פּיניע, פּיניע... ער איז געגאַנגען פֿון די גערטענער, איך האָב אַליין געזען. און בא זיי... איז דאָך איינגיכן פּאַסכאַ. עפּשער האָט ער זי פֿאַרשלעפּט?

דער דאָזיקער קלאַנג איז זיך זייער גיך צעגאַנגען איבער אַלע הײַזער, און פֿון אַלע זײַטן איז מען געקומען צו לויפֿן. און דעמלט האָט נאָך איינער געזאָגט, אַז ער קען זיך שווערן... ער האָט אַליין געזען, ווי דער אָגאָראָדניק, דער ייִד, איז געגאַנגען פֿון די גערטענער, זיך געײַלט אַ צופֿרידענער, ווי ער וואָלט די גרעסטע מעציע געקויפֿט. יאַק באָגאַ קאָכאַם!

— קומט גלײַך אין דער פּאָליציי! עפּשער לעבט זי נאָך.

און אַלע מיטאַמאָל זײַנען מיט טומל און געשריי אַוועק אין פּאָליציי. דאָרט האָט מען זיי געזאָגט: מע דאַרף נאָך וואַרטן ביז מאָרגן. עפּשער וועט זי דאָך קומען.

אויף מאָרגן, פֿון אינדערפֿרי אָן, איז אַרום מאַרישעס הויז געווען פֿול מיט מענטשן. עס האָט אויסגעזען, ווי אין אַ זונטיק־טאָג אַרום אַ קלויסטער. אַלע האָבן גערעדט: עפּשער טאָקע וועט זי קומען? עלטערע און ייִנגערע האָבן אַרויסגעקוקט אין אַלע זײַטן, צי באַ־ווײַזט זיך ניט אַ קינד. באָאַכערים האָבן געזוכט אין די שטאַלן, אויפֿן בוידעם. עפּשער איז זי ערגעץ אײַנגעשלאָפֿן און הערט ניט, ווי מע זוכט זי. מיידלעך זײַנען געלאָפֿן קוקן אין די ברונעמס. אָבער אומעטום איז קיין סימען ניט געווען פֿון אַ לעבעדיקן מענטשן.

געווען אַזוינע, וואָס יאַדזשע האָט זיי גאָרניט געאַרט. זיי האָבן געוואָרט אויף פּאָליציי. זיי איז טשיקאַווע צו זען, וואָס דאָ וועט פֿאָרקומען. און געווען אויך אַזוינע, וואָס פֿאַר זיי וואָלט שוין געווען אַ פֿאַרדראָס, ווען יאַדזשע באַווײַזט זיך. דאָס קינד האָט שוין פֿאַר זיי ניט עקזיסטירט. מיט אַ פֿרעמד קינד מער אָדער ווייניקער — ווען גייט עס אָן. פֿאַראַן אַזויפֿיל אײדעס, אַז דער אָגאָראָדניק האָט זי פֿאַרפֿירט, פֿאַרנאַרט. זי האָט זיך געוועהרט און דערבײַ פֿאַרלאָרן אַ שיכל. פֿאַרוואָס שווײַגט די פּאָליציי?

עס גייט אַ שאָ נאָך אַ שאָ. מאַרישע גייט אַרום אַ צעבראָכענע, אַלע ווײַלע זאָגט זי אַרויס מיט אַ שלוקערץ: האָספּאָדי יעסוסע! זי האָט שוין קיין טרערן ניט אויף צו וויינען.

אנטעקן דוכט זיך, אז ער איז שולדיק. ער האָט זי אָנגעשראָקן, איז זי געלאָפן זיך אויסבאַהאַלטן און איז אַרײַנגעפאַלן דעם יידן אין די הענט. ער זעט אויס בלאַס און גרין, קען קיין וואָרט ניט אויסריידן.

פּאָליציי איז געקומען. איידעס זײַנען פאַראַן אָן אַ שיר. וועגן דעם אַגאַראַדניק פּיניע איז שוין קיין צווייפל ניטאָ. אַזויפיל באַווײַזן. אָבער צי דען נאָר ער אַליין? דאָס קען דאָך אויך ניט זײַן. ווער האָט אים געהאָלפן?

און דאָ דערמאָנט מען זיך: „דאָ זעליקא, דאָ פּינכעסאַ". דער פּאַרדראָס קומט אַרויף פון אויבן. דער אַלטער כעזשבן שווימט אַרויס. און זעליק מיט פּינכעסן ווערן אַרעסטירט צוזאַמען מיט פּיניע דעם אַגאַראַדניק.

14

אין דער הילצערנער שטוב מיטן שינדל־דאַך, מיט די קליינע פענצטער און גרויסן פּירהויז, וווּ זעליק און פּיניע וווינען אין שכיינעס, האָט פּאָליציי געגומען זוכן און נישטערן סימאָנים פונעם פאַרברעכן. זיי האָבן קיינעם ניט דורכגעלאָזט.

דער שנײַדער, איצע־מייער, אַ טאַטע פון אַ סאַך קינדער און אַ מאַן פון אַ ווײַב אויף דער צײַט, האָט אויף אַלע פראַגן פון דער פּאָליציי געענטפערט:

— זוכט!

דערבײַ האָט ער גוט אַכטונג געגעבן, ווי און ווו זיי זוכן, ער האָט זיי געקוקט אויף די הענט, אויף די פינגער. ניט ווײַל ער האָט מוירע געהאַט, אַז זיי וועלן בײַ אים עפּעס צונעמען (אויסער דעם שלימאַזל, וואָס קענען זיי בײַ אים נעמען?), נאָר זיי זאָלן עפּעס אַליין ניט אונטערוואַרפן, ניט אונטערלייגן אַ פאַרבלוטיקט טיכעלע, אַ קינדער־שיכל און נאָך אַזוינע אומגליקן. זיי וועלן אַליין אונטערלייגן און אַליין געפינען.

— זוכט, זוכט, — האָט ער אַלע ווײַלע צוגעגעבן. און געקוקט אויף זיי, ווי אויף גאַנאָווים. מער האָט ער גאָרניט געזאָגט, און אַלץ איז דורך שטיל.

גאָר אַנדערש איז עס פאָרגעקומען בײַ צאַליע דעם האַלץ־העקער. צאַליען קען די גאַנצע שטאָט. און ער קען אויך אַלעמען. אייניקע האַלטן אים גאָר פאַר אַ לאַמעדוואָוניק. אָנגעטאָן איז צאַליע אין ברייטע לײַנענע הויזן, אין אַן אַלטער פאַרלאַטעטער מאַרינאַרקע און אין שטאַרק אָפּגעטראָגענע שטיוול. אַלע אינדערפרי מינוט אין מינוט קומט ער אַרויס אויפן מאַרק מיט זײַן זעג און האַק. באַלעבאַטים דינגען אים אויף צעזעגן און צעהאַקן אַ וואָגן האָלץ. קיין גרויסע כאַיונע האָט ער ניט, נאָר ער באַנוגנט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט. זײַן עסן איז אַמאָל ברויט מיט קאַרטאָפל און אָפט נאָר קאַרטאָפל. צי האָט ער אַמאָל געהאַט אַ מישפּאָכע, ווייסט מען ניט. איצט לעבט ער איינער אַליין. ער באַקלאָגט זיך קיינמאָל ניט. דערפאַר איז ער זייער צופרידן פון איינער אַ מיצווע, וואָס האַלט אים אונטער זײַן לעבן. פרײַטיק אַרבעט ער ניט. פרײַטיק אינדערפרי גייט ער אין מערכעץ, און דערנאָך פאַרנעמט ער זיך מיט קלײַבן נעדאָוועס פאַר אָרעמעלײַט, פאַר אַזוינע, וואָס אַליין שעמען זיי זיך אויסצושטרעקן די האַנט. און יעדער, וויפל ער קען, דערלאַנגט אים. אַלע ווייסן, אַז ער גיט אָפּ ביז איין גראָשן. ער וווינט אין אַ קליין צימערל, אָן מעבל, נאָר מיט אַ באַנק אויף שלאָפן און מיט אַ טאַבורעט אָנשטאָט אַ טיש. אויפן פענצטער ליגן אַ סידער און אַ טילים. אין ווינקל שטייט די זעג און די האַק.ביידע אָנגעשאַרפטע, בלאַנקען אַזש.

צאַליע איז אַ שווײַגער. מע ווייסט ניט, וואָס ער טראַכט, ווי ער פילט זיך. צו קינדער איז ער אַ גוטער, מיט זיי רעדט ער, שפּאַסט. און אַמאָל האָט ער אַפילע פאַר זיי אַ בילִיקע צורקערקע.

ווען פּאָליציי איז אַרײַן אין זײַן קליין צימערל, האָבן זיי ניט געהאַט ווו זיך אַ קער צו טאָן. אַלץ, וואָס דאָ איז פאַראַן, ליגט אויבנאויף. ניטאָ אַפילע ווו צו זוכן. אָבער עפּעס מוזן זיי דאָך טאָן. צאַליע, ווייסן זיי, איז אַ שטילער, אַ שווײַגער, אַ האָלץ־העקער.

— מיר ווייסן, אַז דו אַליין ביסט אַן אָרנטלעכער, אָבער דו ווייסט דאָך געוויס, ווער האָט דאָס מיידל פאַרנאַרט, ווו איר קערפּער געפינט זיך. זאָג אונדז דעם עמעס, דו ווייסט דאָך...

צאַליע דער, שטילער, דער שווײַגער, וואָס מע האַלט אים גאָר פאַר אַ לאַמעדוואָוניק און וואָס קיינער ווייסט ניט, וואָס בײַ אים אויפן האַרצן טוט זיך, וואָס אים טוט וויי און פאַרוואָס ער לעבט איינזאַם, האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן מיט זײַנע גרויסע גרינלעכע אויגן און מיט בייז־קײַט אין דער שטים געזאָגט:

— אַלץ, וואָס איך ווייס, ווייסט איר אויך. איר האָט דאָס מיידל פֿאַרנאַרט און זי אומגע־בראַכט. באַשולדיקן ווילט איר אַרנטלעכע מענטשן.

די פּאָליציי־לײַט זײַנען געבליבן שטיין איבעראַשט און אַפּהענטיק. אַזוי ריידן מיט פּאָלי־ציי? און ווער? אַזוינעם דאַרף מען גוט אָנלערנען. ער וועט דעמלט אַנדערש ריידן. זיי האָבן אים אַוועקגעפֿירט מיט זיך.

15

די שטאָט האָט זיך געוויגט. אַלע ווײַלע הערט מען אַנדערע נײַס. אַרקע דעם פֿורמאַן האָט מען אויך אַרעסטירט (דאָס אויסגעפּוצטע פּאַרעצל האָט ניט פֿאַרגעסן, ווי אַרקע האָט בא אים אַפּגענומען דאָס פֿערד צוריק). ביכלאַל איז קיינער ניט זיכער מיט זיך. באַזונדערס האָט זיך עס געגנומען פּילן דעמלט, ווען עס איז צוגעקומען אַ נײַער איידעס: אַנטאָן מעקלעס. מעקלעס, ווייסן אַלע, איז אַן אויסוואָרף, און דערצו נאָך אַן אויסגעשפּילטער אויסוואָרף. ער קען אַרופּ־ברענגען מענטשן אָפּן פֿײַער.

זייער שווער לעבן איבער דעם אומגליק צוויי מיידלעך: ליבע־שעווע און מאַלקע (די ייִנ־גערע שוועסטער פֿון פּינכעסעס געוועזענער פּרוי). אָט די ביידע מיידלעך האָבן זיך באַקאַנט, שטייענדיק מיט עסנוואַרג בא דער טורמע. ביידע מיידלעך זײַנען פֿאַרליבט. איינע פֿון זיי, ליבע־שעווע, איז פֿאַרליבט אין איר כאָסן, אין זעליקן. די צווייטע, מאַלקע, אַ כיינעוודיק־שיין מיידל, איז פֿאַרליבט אין פּינכעסן, וועלכער וויל אַפּילע ניט הערן וועגן שידוכים. ביידע מייד־לעך איז איצט צוגעקומען אַזוינס, וואָס גייט אויך אַרויס פֿון ליבע. נאָר גייט זי איבער — די זאָרג פֿאַר זייערע געליבטע, וואָס זיצן אומשולדיק. זיי פֿרעגן זיך: פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס ביל־בולים, פֿונוואַנען אַזויפֿיל סינע? צוליב וואָס וויל מען אַזוינע אומשולדיקע און אָרנטלעכע מענטשן, ווי זעליק און פּינכעס, אַרויסשטעלן פֿאַר גאַזלאָנים? אומזיסט און אומנישט לײַדן! מאַלקע וויל אַן ענטפֿער, וואָס זאָל זי באַרויִקן. פֿון דער קינדהײַט אָן ווילט זיך איר, אַז אַלץ זאָל זיך ענדיקן צום גוטן, עס זאָל ניט שווער מאַכן דעם געמיט.

ליבע־שעווע טראַכט, אַז די וועלט איז שלעכט באַשאַפֿן. ווי קומט עס צו גאָט, צום רי־בוינעשעלוילעם, אַז ער זאָל אַזוינס דערלאָזן? שלעכטע לײַט טראַכטן אויס בילבולים, און מענטשן גלייבן. און כאָטש זי גלייבט אין גאָט, איז אים איבערגעגעבן, ווערט דאָך עפּעס גע־מינערט אין ליבע־שעוועס הייליקן גלויבן.

זי גייט צוריק אהיים אַן אופּגערעגטע און בייזע. מיט אירע אייגענע הענט וואָלט זי די שולדיקע אינעם בילבל געפּאַטשט אָן ראַכמאָנעס.

דער טאַטע מיט דער מאַמען טרייסטן זי. די מאַמע וויל, אַז מאָרגן זאָל ליבע־שעווע ניט טראָגן קיין עסן צו דער טורמע. זי אַליין אָדער דער טאַטע וועלן עס טאָן.

— פֿאַרוואָס?

— טאָכטערקע, ביסט דאָך נאָך אַ קינד, אַ מיידל. עס פּאַסט ניט...

— וואָס רעדסטו, מאַמע?! וואָס הייסט, עס פּאַסט ניט? זעליק איז מײַן כאָסן. פֿאַר מיר פּאַסט עס. מײַן כאָסן! אַלע טאָג וועל איך גיין צו דער טורמע, אַלע טאָג!

באַנאַכט שלאָפֿט קימאַט ניט ליבע־שעווע. ס'איז איר אַפּילע שווער צו זאָגן, איר כאָ־לעמט זיך, צי זי שטעלט זיך עס פֿאָר. אָט דערזעט זי איר כאָסן פֿון יענער צײַט, ווען ער איז געוועזן אין פּאָליציי, ווען פֿון אַלע זײַטן האָט מען געהערט „דאָ זעליקאַ, דאָ פּינכעסאַ". ליבע־שעווע שמייכלט פֿון פֿרייד, אַזאַ גוטע צײַט איז דעמלט געוועזן. זי פֿלעגט אָף אים וואַרטן, אַרויסקוקן דורכן פֿענצטער. און זי האָט נאָך דעמלט גאָרניט געוווּסט, וואָס ער טראַכט וועגן איר, האָט זי אים פֿאַר זיך גערופֿן „מײַן כאָסן".

און אָט איז ער אין איינעם אַ שאַבעס געקומען (דער טאַטע איז פֿונקט דעמלט אין שטאָט אַוועק). אָך, איז זיי ביידן געוועזן פֿריילעך! געלאַכט און געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. און... זײַנען אינדערעמעסן געוואָרן כאָסן־קאַלע.

דעמלט איז די גאַנצע וועלט געוועזן אין זעליקן. און איצט איז די וועלט געוואָרן אַ פּוּר־סטע. אָן זעליקן איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט. זי וויל וויסן, וואָס מיט אים טוט זיך איצט? ווי באַגייט מען זיך מיט אים אין טורמע? מע פּײַניקט אים, מע מאַטערט אים. אָבער סײַ־ווי... זי ווייסט דאָך, אַז ער איז ניט שולדיק. זי צווייפֿלט ניט, אַז ער וועט באַשטיין אָף זײַן גערעכטי־קײַט, זיך ניט אונטערגעבן. און וואָס מיט אים זאָל ניט געשען, וועט זי פֿון אים ניט אָפּטרעטן. אַלע טאָג וועט זי גיין צו דער טורמע, אַלע טאָג בעטן פֿאַר אים גאָט, שטענדיק אים זען פֿאַר

די אויגן. און אויך איצט שמייכלט זי צו אים מיט אירע כיין־גריבעלעך. און די בורשטין־אויגן קוקן ארויס צו אים מיט פֿײַערלעך: „טײַערער, טײַערער, כאָסן מײַנער...״

דער טאַטע שלאָפֿט אויך ניט. ער קען ניט פֿארשטיין, נאָר ער קען אויך ניט מויכל זײַן: פֿארוואָס זײַנען מענטשן אזוי בלוטדאָרשטיק? אויסטראכטן א בילבל? העשלס אָרנטלעכקײַט קען עס ניט אריבערטראָגן. אים קאָסט עס געזונט, אזש וויינען ווילט זיך אים. אינדערפֿרי, ווי נאָר ער האָט אופֿגעהויבן דעם קאָפֿ, האָט ער דערזען, אז ליבע־שעווע איז שוין אוף. זי גרייט עסן פֿאר זעליקן.

— אזוי פֿרי, טאָכטערקע?

זי ענטפֿערט ניט. זי וווּנדערט זיך נאָר, פֿארוואָס דער טאַטע קען עס ניט פֿארשטיין. וואָס הייסט צו פֿרי? זי קען דען שלאָפֿן, זי קען דען רוען? איר זעליק איז דאָרטן. דער טאַטע פֿאר־שטייט עס דאפֿקע און זאָגט אויך מער גאָרניט. ער גייט דאווענען. ארײַנקומענדיק אין דער היל־צערנער שול, דערפֿילט ער גלײַך די פֿרומקײַט פֿון די מיספּאלעלים. צו אים דערגייט גלײַך זייער געבעט און אפֿילע געוויין. עס דערמאָנט אָן יאָמקיפּער, ווען מען זאָגט: מי באָייש אומי באמאיִם... און ער אליין, העשל, כאָטש ער ווייסט דאָס דאווענען אף אויסווייניק, קוקט ער שטרענג ארײַן אין סידער, אים זאָל קיין זאך ניט אָפּווענדן פֿון דאווענען, זײַן אָנגעווייטעקט הארץ זאָל אינגאנצן ארײַנגיין אין דער טפֿילע.

נאָכן דאווענען ווערט אים א ביסל לײַכטער, ער באקומט האָפֿענונג. און ער אײַלט אהיים טרייסטן זײַן טאָכטער. ווען ער קומט אָבער ארײַן אין שטוב, איז שוין ליבע־שעווע ניט פֿאראן.

רעב דאָוויד ווארט אויך אף פּאָליצײ. מיט וואָס איז ער בעסער אָדער ערגער? אָבער פֿון דעם, וואָס צו אים קען קומען פּאָליצײ און אים ארעסטירן, נעמט ער זיך ניט צום הארצן, ווײַזט ניט ארויס קיין שרעק. ער האָט גענוג בײַשפּילן פֿאר זיך, וויאזוי א ייִד דארף רויִק גיין אף קידעשהאשעם. גענוג צו דערמאָנען די אסאָרא הארוגיי מאלכוס, רעב אקיווען און אנדערע. און אויב אים, רעב דאָווידן, איז עס אויך באשערט, וועט ער נאָר לויבן דעם בוירע־אוילעם פֿאר אזא כעסעד צו אים.

אף קידעשהאָשעם איז ער גרייט. ער מוז זיך אָבער אויך אויסטײַנען מיטן קאָוועהאיאָכל. ער האָט צו אים א גערעכטע טײַנע. א גערעכטע טײַנע איז דאָך דאָוואָר מוטאָר, דאָס איז דער־לויבט.

רעב דאָוויד געהערט צו די אופּריכטיק־פֿרומע לײַט, וואָס גלייבן בעעמונע שליימע. און ווען גאָט אליין זאָל צו אים קומען און זאָגן, אז קיין גאָט איז ניטאָ, וועט ער סײַווי ניט גלייבן.

צי מעג ער האָבן א טײַנע צום באשעפֿער פֿון דער וועלט? רעב דאָוויד ווייסט, אז פֿאר א טײַנע, וואָס קומט פֿון גוטן הארצן, בעלייוו ווענעפֿעש, שטראָפֿט ניט גאָט. פֿארקערט, ער שטעלט אים ארויס אלס בײַשפּיל פֿאר די מאלאָכים אין הימל, וואָס ווייסן נאָר פֿון זינגען און קניִען.

אינמיטן די געדאנקען קומט ארײַן אָשערל בלאָנדער, וואָס אליין רירט ער זיך צו קיין זאך ניט צו און איז אין קיין זאך ניט שולדיק. דערפֿאר האָט ער ליב באשולדיקן אנדערע. ער טוט עס הײַנט מיט א זיס־אָפּגעשוואכטן לאָשן, ווי ער וואָלט א לעבן געפֿאסט און האָט קיין קויעך ניט צו העכערן די שטים.

— א גוטן טאָג אײַך. איך וויל אײַך פֿרעגן, רעב דאָוויד.

— אוואדע „פֿרעגן״! פֿרעגן א שײַלע איז לײַכטער, ווי פּאסקענען. ווילסט קיינמאָל ניט זײַן קיין צאד, נאָר שטענדיק א שאמעס־ליכטל.

אָשערל ענטפֿערט ניט אף רעב דאָווידס ווערטער. א שטיק עמעס ליגט אין זיי, אָבער ער האלט זיך בא זײַנס: בעסער פֿרעגן, מאָנען און שטיין אָן דער זײַט. אז מען איז אליין אָפּגע־היט — היט אויך גאָט.

— איך וויל אײַך פֿרעגן...

— וואָס קענסטו, אָשערל, פֿרעגן: ווו מע קען פֿארדינען לײַכט א רובל, וויאזוי מע קען פֿירן א לײַכט לעבן און ווי מע קען לײַכט באקומען אוילעמהאבע?

— ס׳איז אָן אוולע?

— א שטאָט מיט ייִדן שטייט אין געפֿאר, און דו?

— איך האָב געוואָרנט. איצט קען איך מיט גאָרניט העלפֿן. איך האָב א ווײַב מיט קינדער.

— איז גיי צו דײַן אישטע, זאָל זי פּאסקענען שײַלעס.

אָשערל האָט טאקע גאָרניט געפרעגט. און ער איז געווען צופרידן: אז מע שטייט אין דער זײַט, איז געזינטער!

שווערער פון אלעמען איז אין דער טפיסע זעליקן. ער איז געווינט צו זען אלץ, פאַר־שטיין אלץ. דאָ זעט ער גאָרניט און פארשטייט גאָרניט.

נאָך מער: דאָ ערשט נעמט אים קלאָר ווערן, אז ביז דער טפיסע האָט ער אויך גאָרניט געזען און גאָרניט פארשטאנען. ער האלט זיך אין איין פארגעבן פראגעס און געפינט קיין ענטפער ניט. ער פרעגט זיך אלץ: פארוואָס?

אין דער קינדהײַט האָבן די „פארוואָסן" געהאט אן ענטפער.

— פארוואָס פארדינט דער טאטע ווינציק? — ווײַל קיין מאזל איז ניטאָ. גאָט זאָל וועלן, ווערט דער טאטע א נאָגיד.

שפּעטער:

— פארוואָס האָט מען פײַנט ייִדן? — ווײַל זיי זײַנען אין גאָלעס.

דאָס איז געווען פּאראלגעמיינערט און פארשטענדלעך. אָבער איצט?

בלוט־בילבל. אין דער קינדהײַט האָט זעליק וועגן אזוינס געהערט, אָבער פאָרגעקומען איז עס ערגעץ ווײַט. איצט... פיניע דער אַגאָראַדניק, ארקע דער פורמאן, פינכעס, ער־אליין. מע קען אלץ ניט פארגעסן „דאָ זעליקא, דאָ פינכעסא". געבליבן אָן שוץ, אָן פארטיידיקונג, העפקער!

כאָטש אליין דאָס זיצן אין דער טפיסע איז אים שווער, ער איז געווינט צו באוועגונג, צו זען און וויסן, וואָס ארום טוט זיך, דאָך ארט זעליקן ווינציקער די ענגע פינצטערע קאמערע, די מײַז, וואָס שקראבען, דאָס הארטע געלעגער און די זידלערײַ פון די וועכטער, אים לאָזן ניט צורו די „פארוואָסן".

פינכעס קען זײַן מיט זיך אליין. קיין פּוסטע פראגן פארמאָגט ער ניט, ער האָט אָף אלץ אָן ענטפער. און ער, זעליק, געפינט נאָך קיין ענטפער ניט. און דערצו: פאַר זעליקן איז אָן ענטפער נייטיק ניט נאָר קעדיי אים צו וויסן, נאָר קעדיי נעמען טאָן, זיך ארײַנמישן, אפילע זיך שלאָגן.

דאָ טאקע, זיצנדיק אין דער טפיסע, דערמאָנט זיך זעליק, וואָס אנומלטן האָט אים פינכעס געזאָגט:

— אלע גוטע ווערטער וועגן ייִדן גייען ארויף צום הימל, ווי א שיין וואָלקנדל, וואָס צעגייט זיך. קיין סימען בלײַבט ניט. אלע שלעכטע ווערטער לאָזן זיך, ווי א כמארע, אראָפּ צו דער ערד און פארגעדענקען זיך. אָף צוזאָגן און פײַנט האָבן דארף מען קיין געוויסן ניט.

אָף זעליקן פאלט אויך אויס די שווערײַקײַט פון דער אויספאָרשונג. דער פארטרעטער פונעם פּאָליציי־שעף, וועלכער גרייט צו אלע מאטעריאלן און פראָטאָקאָלן צום איניען „דער מאָרד פונעם מיידל יאדזע צוליב ריטואלע צוועקן", האָט זיך זײַן כעזשבן.

וועגן דעם, אז פיניע דער אָגאָראָדניק איז שולדיק, איז שוין מער ווי דערוויזן. אזויפיל איידעס. אָבער וואָס שטעלט מיט זיך פאַר פיניע? אָן אומוויסנדער גראָבער יונג. ווער און וואָס איז ער? גאָר אנדערש וועט זײַן, אז אין מאָרד האָבן אָנטיילגענומען די פאָרשטייער פון דער קעהילע. צו פינכעסן איז באם פארטרעטער פון שעף א צווייענדיקער געפיל, וואָס ער קען נאָך אינגאנצן ניט באשטימען: צי דאָס איז אָפּשײַ, צי עפשער גאָר א ביסל מוירע (ער געדענקט נאָך דעניס דאווידאָוון. דאווידאָוו לעבט דאָך נאָך). ער איז ניט זיכער מיט זיך, ווען ער דארף פינכעסן אויספרעגן און באקומען אָן ענטפער.

פינכעס ענטפערט רויק און קאלט. דערבײַ באקומט זיך גאָר, ווי פינכעס טוט א געפעלי־קײַט מיט זײַן ענטפערן „יאָ" אָדער „ניין".

דערפאַר פילט זיך דער אויספאָרשער מער פרײַער מיט זעליקן. אָט דער זעליק לאָזט זיך ריידן. וועט ער זיך פארריידן, וועט מען בא אים עפעס קענען ארויסבאקומען. דעריקער איז דאָך אָנכאפּן דעם עק פון פאָדעם, וועט זיך עס שוין וויקלען און וויקלען. אזא קען מען א סטראשע טאָן, אָנשרעקן.

עס לאָזט זיך אויס, אז אָפטער פאַר אנדערע האָבן א טאָעס אין מענטשן דאפקע די אויספרעגער, די אויספאָרשער. לויט זייער פּראָפעסיע דארפן זיי זײַן פארשטענדלעכע, קלוי־גע, וואָס זאָלן באנעמען א מענטשן, ארײַנדרינגען אין זײַן פסיכאָלאָגיע, אין זײַן כאראקטער,

דערקענען אים. אַט מיט דעם שליסל דאַרפֿן זיי עפֿענען א מענטשנס האַרץ, ער זאָל זאָגן דעם עמעס, זיך מודה זײַן.

טרעפֿט אָבער, אַז דאַפֿקע זייער קלוגשאַפֿט, זייער פֿאַרשטענדלעכקײַט — פֿאַרפֿירט זיי. זיי קליגן זיך איבער. זיי דערזעען אָפֿט דאָס, וואָס זיי ווילן, און ניט דאָס, וואָס איז ווירקלעכקײַט. זיי מאַכן אויספֿירן, אַרויסגייענדיק נאָר פֿון זיך אַליין, פֿון זייער פֿאַרלאַנג. הײַנטיקס מאָל האָט אַזוינס פּאַסירט מיט זעליקן. פֿאַרוואָס איז דעם אויספֿאָרשער אײַנגעפֿאַלן, אַז זעליק לאָזט זיך מער ריידן און וועט זיך דערפֿאַר אַרויסכאַפּן? אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר, אַז זעליק קען אָדער שווײַגן אָדער אַליין פֿאַרגעבן פֿראַגן דעם אויספֿאָרשער. און דערצו האָט נאָך זעליק א מאָדנע טעווע — ער לאַכט. דאָס טרעפֿט דאַן, ווען ער גיט עפּעס א פֿרעג דעם אויספֿאָרשער און יענער בלײַבט אָן אן ענטפֿער.

— אומזיסט לאַכסטו, דאַרפֿסט וויינען.

— וויינען?

— פֿאַר אַזא פֿאַרברעכן ווייסטו וואָס עס קומט?

— פֿאַרברעכן?

— וואָס זשע דען? נעם א בײַשפּיל פֿון פּינכעסן. ער איז א מענטש מיט א וואָרט. ער לייקנט ניט. געענטפֿערט „יאָ" און זיך אונטערגעשריבן.

— ווער?

— פּינכעס באַס.

בא זעליקן האָבן די קאַרע אויגן א שפּיל געטאָן. ער האָט אופֿגעהויבן די האַנט מיט דער דלאָניע אַרוף און געזאָגט:

— אַט אַף דער האַנט קען וואַקסן גראָז? אַט אַזוי האָט פּינכעס געזאָגט „יאָ". — פֿון זײַן אײַנפֿאַל האָט זיך זעליק צעלאַכט.

אַט דאָס לאַכן פֿאַרדריסט זייער דעם אויספֿאָרשער. ער מאַטערט זעליקן, לאָזט אים ניט אָפּ. סטראַשעט אים.

אין קאַמער קומט זעליק א גוואַלדיק מידער. ער פֿאַרשטייט, אַז דער אויספֿאָרשער וויל אים כאַפּן פֿאַר א וואָרט, פֿאַר אן אויסדרוק, וואָס ער וועט טײַטשן, ווי ער וויל. ווען זעליק איז ווידער אַליין, קומען ווידער אוף די „פֿאַרוואָסן".

— פֿאַרוואָס איז די וועלט אַזוי באַשאַפֿן, אײַנער איז א וואָלף און דער צווייטער — א שאָף?

פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט איז דער שטאָט־מאַגיד, ווי אַלעמאָל, געקומען אַפֿן מאַרק אָנזאָגן:

— שאַבעס, שאַבעס! צײַט ליכט־בענטשן! פֿאַר מעכאַלעל־שאַבעס זײַן שטראָפֿט גאָט, שיקט אָן בילבולים און פֿוראָניעסן. שאַבעס! שאַבעס!

17

פֿרײַטיק, די נאַכט אַף שאַבעס. ווי אין די פֿאַריקע נעכט, שלאָפֿט אויך הײַנט שלעכט מארישע. איר האָט זיך געפּלאָנטערט א כאַלעם, וואָס קומט אוף און פֿאַרשווינדט. דערנאָך האָט זי געעפֿנט די אויגן און דערזען אין פֿענצטער א ליכטיקן הימל און א העלע לעוואָנע. מער שלאָפֿן האָט זי ניט געקענט. זי איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן.

דער אומגליקלעך־צעבראָכענער מאַמען גלייבט זיך אַלץ ניט, אַז איר יאַדזשע איז אומגעקומען. שווער איז איר אויך גלייבן, אַז דער אָגאַראָדניק פּיניע האָט זי אומגעבראַכט. זי קען פּיניען שוין פֿון לאַנג. ניט נאָר וואָס זי קען אים, ער איז איר אַפּילע געפֿעלן. א געזונטער, א קרעפּטיקער, א שטיק רויערד, מיט א פֿאַרברענטן פּאָנעם סײַ פֿון זון, סײַ פֿון ווינט. דערצו א גוטער, א צוגעלאָזטער, האָט ליב א שמייכל טאָן, און וועט קיינמאָל ניט פֿאַרבײַגיין אָן א באַגריסונג. מיט זײַן געזונטקײַט, ברייטפּלייציקײַט און אַפּילע מיט די שטיוול, וואָס זײַנען שטענדיק אַרומגעקלעפּט מיט ערד, דערמאָנט ער מאַרישען איר יונג פֿאַרשטאָרבענעם מאַן. עס טרעפֿט, ווען ער גייט פֿאַרבײַ איר הויז און בעט א טרונק וואַסער, לאַדט זי אים אײַן אין די צימערן, דערבײַ מיט דער גאַנצער פּוילישער איידלקײַט: פּראָשע, פּאַן פּיניע. און ווען ער גייט אַוועק, קוקט זי אים נאָך און באַטראַכט זיך אַליין, ווי זי זעט אויס.

מאַרישע איז א מיטלאַריקע פֿרוי, זי איז נאָך קיין פֿערציק ניט אַלט. זי איז א פּולבלעכע, א געזעצטע, מיט בלאָנדע אָפּגעברענטע האָר פֿון דער זון. זי דאַרף א מאַן אין שטוב

און א באַלעבאָס אין דער ווירטשאַפט. דער אָגאָראָדניק פּיניע, כאָטש ער שמייכלט צו איר, באַגריסט אַלע מאָל, טרינקט אויס א קענדל וואַסער, האַלט ער זיך שטאַרק פונדערווייטן. זי פאַרשטייט ניט, ווי דאָס אויסצוטייטשן: צי ער שעמט זיך, צי זי געפעלט אים ניט. אָבער איינצייטיק טראַכט זי אָפט, אז דאָס איז גאָר צום גוטן. ער זאָל זיך האַלטן נאָענט לעבן איר, זי זאָל דערפילן זיין לייב און אָטעם, וואָלט זי עפשער ניט אויסגעהאַלטן, באַגאַנגען א נאַרישקייט.

ניין, פּיניע וועט אירע קינדער קיין שלעכטס ניט טאָן. פאָליצייַ אָבער לאָזט זי ניט צורו. זיי פאָדערן, אז מארישע זאָל זאָגן און אונטערשרייבן פאַר איידעס, אז שולדיק איז פּיניע דער אָגאָראָדניק.

ניין, אזוינס קען זי ניט זאָגן. זי גלייבט ניט אין דעם.

שכיינים וווּנדערן זיך:

— ווער זשע דען? אוואַדע ער!

אנדערע, ווידער, פאַרשטייען אינגאַנצן ניט מארישען.

— וואָס איז מיט דיר? דיין קינד האָבן זיי פאַרפייניקט. צי דער ייִד, צי אן אנדערער... אַלצייינס! וואָס קווענקלסטו זיך?

— דאָס האַרץ לאָזט ניט.

— און זיי האָבן געהאַט האַרץ אומצוברענגען דיין קינד...

דערוויַיל קומט אָן א קלאַוטע, פאַרלייגט די הענט אין די באָקעס און גיט זיך א זאָג:

— וואָס שאַנעווסטו אָט דעם ייִדן, דעם פּיניען? מע ווייסט, עמעס, אז ער פלעגט צו דיר אַריינקומען טרינקען וואַסער... אַמאָל פלעגט ער זיך צופיל פאַרהאַלטן. אָן אַלמאָנע, אָן א מאַן, מעגסטו. אָבער צוליב אים אומברענגען א קינד? צי האָסטו אים, אָקאָרשט, ניט געהאָלפן?

די שטילקייט, וואָס אַרום איז געוואָרן, האָט לאַנג געדויערט.

און אָט איצט, דערמאָנענדיק זיך וועגן דעם, באַוויַיזן זיך ווידער טרערן. איר קאָסט עס געזונט. קיין ווערטער האָט זי ניט, וויינען ווילט זיך.

ביז פאַרטאָג האָט זי זיך געמאַטערט און איינשלאָפן סײַווי ניט געקענט.

אַף מאָרגן, שאַבעס, איז צו איר געקומען א גאַסט — אַנטאָן מעקלעס.

אַנטאָן טראָגט לאַנגע שוואַרצע האָר און קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך. געקומען איז ער אָנגעטאָן שוין זומערדיק — אין א געלן אָנצוג, אין א געלן הוט. עס האָט זיך באַקומען א געמיש פון שוואַרץ און געל. אהער אין דער שטאָט איז אַנטאָן געקומען פון א דערבייַיק שטעטל און עפשער גאָר פון א וויַיטער שטאָט. באַוווּסט איז אָבער, אז געקומען איז ער שוין א געטויפטער. און ווי א מענטש, וואָס האָט זיך גוואַלדיק ליב באַרימען, האָט ער אַלעמען דערקלערט, אז געטויפט האָט אים אליין דער אַרציבישאָף, און אז ער שטאַמט פון דוירעס ראַבאָנים, פון רייַכע עלטערן. אין שטאָט ווייסט מען שוין, אז ער האָט ליב קאָוועד און האַלט זיך פאַר א גרויסן ווייסער און פאַר א שטאַרק קלוגן. דער עמעס איז טאַקע, אז דער קאָפּ אַרבעט בא אים גוט, ער קען גיך עפעס צוטראַכטן, געפינען אָן אייַנפאַל. און אזויווי זאָגן א ליגן קאָסט אים גאָרניט און קיין געוויסן פאַרמאָגט ער ניט, קען ער מיט זייַנע גוטע אייַנפאַלן א סאַך דערגרייכן. פאָליצייַ האָט מוירע פאַר אים. ער שרייַבט אָנקלאָגעס צום גובערנאַטאָר, צום מיניסטער, אַפילע צום קייסער.

אָנקומענדיק צו מארישען אהיים, איז שוין פאַר אים אַלץ קלאָר געווען. צו אים איז דערגאַנגען די רייד פון דער קלאַוטע: „צי האָסטו אים, אָקאָרשט, ניט געהאָלפן?" אזא גליק־לעכער איַינפאַל! — טראַכט א צופרידענער אַנטאָן מעקלעס. — געני:אַל!

ווי ער פירט זיך אַלעמאָל, האָט ער גלייַך געגעבן מארישען צו וויסן, אז געטויפט האָט אים אליין דער אַרציבישאָף, אז ער שטאַמט פון דוירעס ראַבאָנים און פון רייַכע עלטערן. און דאָך איז ער אוועק פון ליגן צום עמעס, געוואָרן א קריסט. אזוי אז פּאַני מארישע מעג זיך אַף אים פאַרלאָזן און מעג אים גלייבן. אָבער בא זייַן בעסטער באַציִונג צו איר, פאַרשטייט ער ניט איין זאַך: וויִאזוי האָט זי געקענט פירן א פרייַנטשאַפט מיט אָט דעם שמוציקן ייִדן, וויִאזוי האָט ער עס געקענט אַף איר ווירקן, אז זי זאָל אים העלפן אומברענגען איר אייגן קינד...

מארישע איז געבליבן מעוווּלוול.

— וועגן וואָס רעדט איר? איר זייַט באַם זינען?

— מייַן אייצע — זיך מוידע זייַן.

מארישע איז געוואָרן רויט און טויט. ער האָט אָבער ניט געלאָזט קיין וואָרט אַרויסריידן, זיך אופגעשטעלט און איבערגעכאַזערט:

— מײַן אײַצע — זיך מוידע זײַן.

און איז שנעל אַרויס. אין דרויסן האָבן אַף אים געוואַרט די שכיינים. זיי האָט עמעס געוווּנדערט, וואָס ער גייט אַזוי גיך צוריק.

— זי האָט זיך מוידע געווען. גלײַך זיך מוידע געווען! ייִדן האָבן זי קאַליע געמאַכט, אָפּגענאַרט, פאַרפירט. און זי האָט זיי געהאָלפן.

און נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָט מען מארישען גערופן אין פּאָליציי.

18

אין דער שטאָט גראָדנע, וואָס אַף ייִדיש רופט מען זי האָראָדנע, האָבן פרײַלעכער, ווי אַלע מאָל, געקלונגען די ערעוו־זונטיק־גלעקער, געקלונגען און זיך איבערגעקלונגען, אָנגעפּילט די לופט מיט יאָמטעוו און מיט אומרו. די פרײַלינגדיקע זון האָט מיט העלע פּאַסן באַשײַנט דעם פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער און דעם קאַטוילישן קאָסטיאָל. אַף די אויסגעטריקנטע טראָטואַרן קלײַבן זיך צונויף א סאַך מענטשן. און איידער מע גייט נאָך אַרײַן צו גאָטעסדינסט, הערט מען פון אַלע זײַטן איינס און דאָס זעלבע:

— קריסטלעך בלוט...

— אַליין זיך מוידע געווען...

— און מע שווײַגט...

— ביזוואַנען?

דער שאַבעס־פאַרנאַכט קומט אָן אין דער שטאָט מיט גרויס אומרו און אַפילע מיט שרעק. צוזאַמען מיטן אָוונט־אומעט, וואָס לייגט זיך אויס אַף די ווײַסע פאַרהענגלעך אין די פענצטער, אַף די סערוועטן פון די טישן און אַף די קימאַט שוין וואָכעדיקע בענטשלײַכטער, קומט אויך אַרײַן אין די ייִדישע הײַזער דער קלאַנג, אַז מאָרגן, זונטיק, קלײַבט מען זיך שלאָגן ייִדן. און באַלד קומט אָן א צווייטער קלאַנג: עס גרייט זיך א סאַמאָאָבאָראָנע, מע וועט זיך שטעלן קעגן. שפּעטער קומען די מאַנצבלען פון דאַוונען אַהיים, דערציילן זיי, ווי אין גרויסן בעסמעדרעש האָט רעב דאָוויד א קלאַפּ געטאָן אין שולכן און געזאָגט:

— גאָט וויל ניט קיין פּאַלק פון שעפּסן! גאָט הייסט זיך שטעלן קעגן אַמאָלעקן! מענטשן לײַדן אין טפיסע און פאַרשעמען ניט אונדזער פּאָלק. דאַרפן מיר גיין אין סאַמאָאָבאָראָנע. ייִדן, ס'איז א גרויסע מיצווע!

און די גלעקער אין דער שטאָט האָבן ערעוו־זונטיקדיק געקלונגען, זיך איבערגערופן, אָנגעפּילט די שטאָט מיט יאָמטעוו און אומרו.

מארישע איז פון דער פּאָליציי געקומען ערשט אַף מאָרגן, זונטיק, אינדערפרי. געקומען האַלב־לעבעדיק, שטאַרק דערשראָקן, קימאַט צעדולט. זי האָט הילפלאָז און פאַרלאָרן געקוקט אַף די פיר ווענט, אַף די הייליקע בילדער אין ווינקל, אַף דער זון, וואָס קוקט אַרײַן אין פענצטער, און גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר קומט פאָר. נאָר אָט האָבן זיך דערהערט טריט אין פירהויז, און איידער מארישע האָט נאָך באַוויזן צו באַנעמען, אַז מענטשן קומען אָן, האָבן זיך אין דער טיר באַוויזן די מומע רוזשע מיט יאַדזען. נאָך דער באַגריסונג „דאַברי דזיען", האָט די מומע רוזשע אומצופרידן געזאָגט:

— גאָרניט צו פאַרשטיין... האָסט געשיקט צו מיר אין געסט א קינד דאַפקע דורך די בלאָטיקע און גליטשיקע גערטענער. און אַז דאָס קינד איז געלעגן קראַנק, האָסטו אַפילע ניט געפונען קיין צײַט צו קומען און פרעגן, וואָס עס מאַכט. גאָרניט קיין מאַמע... מער זאָל יאַדזע אַליין צו מיר ניט קומען. וואָס איז מיט דיר, מארישע? וואָס איז?

מארישע איז ווי א פלאַסט געפאַלן אין אָנמאַכט.

19

אין יענעם יאָר איז אין דער שטאָט האָראָדנע געווען זייער א פרײַלעכער פּייסעך. אַלע אַרעסטירטע זײַנען געזעסן באַם סיידער און צוזאַמען מיט דער באַפרײַונג פון מיצראַים האָבן זיי אויך דערציילט וועגן דער באַפרײַונג פון דער טפיסע.

לאגבוימער האָט מען געפּראַוועט צווײ כאַסענעס. איינע אַ פריילעכע און אַ טומלדיקע — זעליק מיט ליבע־שעווען. די צווייטע אַ שטילע — פּינכעס מיט מאַלקען.

מאַרישע איז געקומען צו־זיך. שכײנים דערציילן, אַז פֿיניע קומט צו איר אָפּט אַרײַן און פאַרהאַלט זיך לאַנג. אין אַ דראַשע האָט דער מאַגיד וועגן דעם געמוסערט מיט שטראָף־רייד. און רעב דאָוויד, דערציילט מען, האָט וועגן דעם געזאָגט: אַן אַווײרע איז עס. נאָר אין דעם פאַל וועט האַשעם־ײַסבאָרעך מויכל זײַן.

צוויי

מיט מײַן ברודער זײַנען מיר צעקריגט. שיק אונדז, טאַטע־פּאַטער, צו אַ ביסל צאָרעס, וועלן מיר זיך איבערבעטן.

1

אַלע עטלעכע יאָר געבירט ליבע־שעווע אַ קינד. אַלע טאָג שטייט זי באַם פענצטער און וואַרט אַף איר זעליקן. זי לאָזט אים פון זיך ניט אָפּ.

מאַלקע האָט קיין קינדער ניט. וווּנדערט עס אַלעמען: פּינכעס איז אַ געזונטער, אַ פּע־סטער, מאַלקע — אַ יונגע און שיינע. פאַרוואָס? די לעצטע צײַט האָט די יונגע און שיינע מאַלקע זיך גענומען שעמען פאַר לײַטן, אויסמײַדן מענטשן, באַווײַזט זיך אין ערגעץ ניט.

פּינכעס און זעליק כאַווערן זיך. צווישן מאַלקען און ליבע־שעווען איז אַ גרויסע פּרײַנט־שאַפט. זינט אָבער ליבע־שעווע איז אַף דער צײַט, גייט ניט מאַלקע צו איר. זי קען ניט פאַרלײַדן, וואָס אַף אַלעמענס פּנעמער ליגט אַ ראַכמאָנעס צו איר, זי פילט דערבײַ מיט אַלע אייוורים, ווי אַף די ליפּן פון אירע באַקאַנטע ליגט שוין דאָס וואָרט: אַקאָרע. מאַלקע האָט פאַר דעם גוואַלדיק מוירע, זי ציטערט אויף, איר בלוט אַנטרינט, ווען זי דערפילט אין עמעצנס אויגן דעם דאָזיקן געדאַנק. הײַנט טראַכט מען נאָר, מאָרגן וועט מען עס זאָגן. זי קען דאָך ניט אויפהענגען קיין שלאָס אַף יעדנעמס מויל. ווען קיינער זעט ניט, וויינט זי זיך גוט אויס, בײַסט זיך די ליפּן פון פאַרדראָס און אַגמעסנפּעש. אַפילע איר שיינקײַט נעמט זי פאַרלירן. „קיינער ווייסט ניט, ווי שלעכט מיר איז. איך וועל אומקומען". ביז זי האָט ניט אויסגעהאַלטן און איז געקומען צום טאַטן מיט אַ געוויין:

— פּאַטער, כאַסענע מיט מיר האָט ער געהאַט, נאָר קיין מאַן איז ער מיר ניט... ער קומט ניט צו מיר...

דער טאַטע האָט אים פאַרקלאָגט פאַרן ראָוו.

דער ראָוו, שוין אַן אַלטער, אַ גראָוער, מיט אַ פאַרמעט־פּאָנעם און מיט אָפּגעשוואַכטע הענט, וואָס ציטערן, האָט שטיל, אָבער אומצופרידן געפרעגט פּינכעסן:

— די אַסרעס האַדיבערס געדענקסטו?

— וואָדע, רעבע.

— און דעם זעקסטן געבאָט געדענקסטו אויך?

— איך געדענק, רעבע.

— וואָס איז דאָרט געשריבן?

— לוי טירצעך!

— לוי טירצעך — זאָלסט ניט מאָרדן. און דו נעמסט אַ יונגע בלום, אַ בלוט־יונגע נע־שאָמע, און מאָרדעוועסט, זי גייט אויס אונטער דײַנע הענט, מאָרדעוועסט זי און אירע קומענ־דיקע קינדער, וואָס גאָט האָט זי באַשערט...— זײַן שטים איז געוואָרן שטילער, אָבער אין די אַלטע, קימאַט אויסגעלאָשענע אויגן האָט אַ פינקל געטאָן מיט בייזקײַט:— הוירעג־נעפעשׂ!

פון מידקײַט האָט דער ראָוו אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זײַן באָרד איז געפאַלן אַף דעם סייפער, וואָס איז געלעגן לעבן אים אָפן טיש. ער האָט געשוויגן און זיך ניט באַוועגט. פּינ־כעס האָט זיך פאַשעט דערשראָקן, צי איז מיטן ראָוו עפּעס ניט געשען.

— רעבע, וואָס איז מיט אײַך?

דער ראָוו האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ און שטיל, געלאַסן אַרויסגעפּליסטערט:

— מיט מיר? וואָס מיט מיר? מה אָנו מה כּאיעינו... ווער און וואָס זײַנען מיר. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן קען מען מיך שוין רופן צום בעסדן־שעל־מײַלע. איך האָב שוין אַ צוואָוועס געלאָזט. אָבער דו? וואָס איז מיט דיר? דו ביסט דאָך אַ בען־טוירע. דײַן טאַטן, זיכרוינע־ליוורַאכע, האָב איך געקענט, געווען אַ שיינער ייִד, אַ באַלדאַקע. דײַן זיידן, זכוסוי יאָגוין אָליינו, האָב איך אויך געקענט, געווען אַ גרויסער יוירע־שאָמאַיִם, אַ צאַדיק. און דו? אין וועמען ביסטו געראָטן? האָסט קיין ייִדיש האַרץ ניט.—און ווידער האָט דער ראָוו אַ ביסל געשוויגן, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. דערנאָך: — אין מײַן קעהילע אַ הוירעג־נעפעש... צוליב דיר קען איך דאָך אוילעמהאַבע פאַרלירן. ווײ איז מיר, ווײ. — און דער ראָוו האָט שטיל אײַן זיך געוויינט.

דערנאָך האָט ער שוין רויִק, ווי קיין זאַך וואָלט אים ניט אַרן מער, געזאָגט:

— נו? רייד...

— רעבע, איך בין ניט פון האָלץ און ניט פון שטיין. איך האָב אַ ייִדיש האַרץ און אַ ייִדישע נעשאָמע, אָבער, ווי איך גיב נאָר אַ קוק אָף מײַן איצטיקער פרוי, ווי אַ מאַן אָף אַ ווײַב, אַזוי קומט אוף און באַווײַזט זיך מײַן ערשטע פרוי. זי מוסערט, האָט טײַנעס, וויל מיך פאַרשילטן. „אַזוי ביסטו מיר טרײַ? מיט מײַן שוועסטער אין איין בעט זיך לייגן... האָסט מיר געשוואָרן... איך וועל זיך לייגן צווישן אײַך". רעבע, איך גיב איר נאָך. איך קען קעגן איר ניט גיין... מיר האָבן זיך ליב געהאַט. איך ווער אויס מענטש. וואָס זאָל איך טאָן, רעבע?

— ווי האָט מען גערופן דײַן ערשטע פרוי, אָלעהאַשאָלעם?

— עסטערל.

— ניט איך האָב אײַך מעסאַדער־קדושן געווען?

— איר, רעבע.

—געדענק איך. אַ שטילע, אַ גוטע, אַ טויבּ. אָף יענער־וועלט איז זי דאָך געוויס ערגער ניט געוואָרן. אָף דער עמעסער וועלט ווערט מען ניט קיין ראָשע. עלע וואָס דען... דו רעדסט זיך אײַן, שטעלסט זיך פאָר אַזוינס, וואָס איז גאָרניט פאַראַן. אַן אײַנריידעניש איז ערגער פון אַ קרענק. ווייסט ניט וועלן — ווייסטו זי ניט זען. זאָלסט זי פאַרגעסן. בעלי־טערעץ! וואָס די ערד נעמט צו... זײַ ניט קליגער פון אַ גאַנצער וועלט. דערצאָרן ניט אונדזער פאָטער אין הימל. לוי טירצאָך!

דער ראָוו איז שוין געווען גוט מיד, די ליפּן האָבן אים געגומען ציטערן. און די שטים זײַנע, ווי זי וואָלט געגאַנגען ערגעץ פון דער ווײַט, האָט געזאָגט:

— און ביזכוס דעם וועט פון דײַנע לענדן אַ זון אַרויסקומען. זאָלסט אים געבן מײַן נאָמען, קיין קינדער האָב איך ניט.

פון דעם ראָוו איז פּינכעס אַרויס ניט קיין באַרויִקטער. זיצנדיק באַם ראָוו, האָט ער זיך געפילט אונטערדריקט פון יענעמס גערעכטיקײַט, פון זײַן אייגענער שולדיקײַט, פונעם „לוי טירצעך". אָבער אַרויסגייענדיק פון אים, איז פּינכעסן אָנגעקומען דער געדאַנק, אַז דער ראָוו האָט אים ניט אײַנגאַנצן פאַרשטאַנען. יענער האָט באַנומען נאָר זײַן שולדיקײַט, אָבער לאַכלוטן ניט זײַן גערעכטיקײַט. דער ראָוו, האָט ער געטראַכט, איז אַלט, האָט ער ניט געקענט טיפער באַנעמען, אַז דער „לוי טירצעך" איז געווענדט ניט נאָר צו מאַלקען, נאָר אויך צו אים אַליין, צו פּינכעסן. וויפל קויעך און געזונט, וויפל בלוט האָט אים געקאָסט, וויפל נעכט האָט ער ניט געקענט אײַנשלאָפן און וויפל טאַנייסים האָט ער געפאַסט, קעדיי ער, פּינכעס, אַ געזונטער, אַ בלוט־לעבעדיקער, אַ גלוסטנדיקער, וואָס האָט שוין געהאַט אַ פרוי, זאָל קענען באַשטיין און זיך ניט אונטערגעבן צו דער טײַווע, צום פאַרלאַנג פון וועלן אויספילן זײַן היסכײַוועס פון אַ מאַן צו אַ ווײַב. וואָלט זי כאָטש ניט געווען אַזוי ענלעך צו דער שוועסטער און אַזוי שיין, ווי די שוועסטער.

עסטערל איז געוואָרן זײַן קאַלע, ווײַל זײַן מאַמען איז זי געפעלן. ער האָט זי אַפילע ניט געזען. זי איז געוואָרן זײַן ווײַב אונטער דער כופּע, ווען זי איז געווען פאַרשלייערט און ער האָט זי אויך ניט געזען. אָף מאָרגן נאָך דער כאַסענע האָט ער ערשט דערזען, ווי שיין זײַן פרוי איז. ער איז געווען איבעראַשט. ער איז אָף זײַן לעבן נאָענט לעבן אַ פרעמדער פרוי ניט געשטאַנען, ניט געקוקט אָף מיידלעך. און דאָ... אַזאַ שיינע, אַזאַ גוטע און צוגעלאָזטע — און אײַנגאַנצן זײַנע, זײַנע! ווי קען ער עס פאַרגעסן? ווי קען ער? און, ווי געזאָגט, וואָלט כאָטש מאַלקע ניט געווען אַזוי ענלעך אָף עסטערן און אַזוי שיין, ווי יענע. דערצו נאָך:

ערגעץ טיף אין אים ליגט א שרעק פאר איר גרויסער ליבע, וואָס וועט זײַן העכער פון אים. מע וועט אים ניט ארויסזען.

ער האָט כאַסענע געהאַט, ווײַל מאַלקע האָט אים געטראָגן עסן אין טורמע, ער האָט זי ניט געטאָרט פאַרשעמען. באַ דער טורמע איז זי געווען זײַן קאַלע. ווי האָט ער נאָך דער באַפרײַונג ניט געקענט מיט איר כאַסענע האָבן? און נאָך האָט זיך אים דעמלט געטראַכט און געדאַכט, אז אין דער שווערער צײַט פון א בילבל איז שווער צו זײַן אליין, אין אַן אײַס־צאַרע דאַרף מען זײַן מיט עמעצן, מיט א פרײַנט. ריידן איז ווינציקער פון פילן. און ווער קען אזוי פילן און מיטפילן, ווי א נאָענטער ליבער מענטש? — אזוי האָט זיך אים געטראַכט.

אין אכט טעג ארום איז דער ראָוו ניפטער געוואָרן.

צוויי זאַכן האָט אָף זײַן לעצווײַע ארויסגערופן אין דער שטאָט פאַרוווּנדערונג. אין זײַן צאַוואָע האָט דער ראָוו געבעטן, אז אין קײַוווער זאָל מען אים אראָפּלאָזן אין א טאַלעס מיט אַלע פיר ציצעס, וואָס דאָס איז קעגן דעם מינהעג. לויטן מינהעג רײַסט מען איין ציצע ארויס, וואָס דאָס באַטײַט, אז דער ניפטער איז שוין פרײַ פון אַלע ערדישע היסכײַוועסן, ער גייט אריבער אין אַן אנדער וועלט. זײַן פאַרלאַנג האָט מען אויסגעפילט, נאָר ווען מע האָט אים אראָפּגעלאָזט אין קײַווער, האָט זיך צופעליק איין ציצע ארויסגעריסן. אָשערל בלאָנ־דער, וואָס מישט זיך דאָרט, ווו עס קאָסט אים גאָרניט, האָט געזאָגט:

— מיסטאמע דערפאַר, וואָס ער האָט קיין קינדער ניט געלאָזט, קיין קאַדעש, קיין נאָמען נאָך זיך.

ווען דער קײַווער איז געווען פאַרשאָטן, האָט זיך אומגעריכט צום קײַווער ארויסגערוקט צאַליע דער האַלץ־העקער און גענומען זאָגן קאַדעש.

פאַרוואָס ער? צאַליע? דאָס האָט שוין קײַנער ניט פאַרשטאַנען. אפילע אָשערל האָט גע־מוזט שווײַגן.

אין א קורצן יאָר ארום האָט מאַלקע געבוירן א ייִנגל. און א נאָמען האָט מען אים געגעבן נאָכן ראָוו — אוויגדער.

2

ווי נאָר מאַלקע האָט פאַרשטאַנען, אז זי איז אָף דער צײַט, דעריקער, ווען מע האָט עס שוין פון דער זײַט געקענט באַמערקן, האָט זי זיך דערפילט גליקלעך־געהויבן, מיט פיל כשי־וועס צו זיך אליין און מיט גרויס ליבע צו דער ווארעמקײַט, וואָס וואַקסט אין איר. זי האָט שיין געשוואַנגערט, לײַכט געטראָגן איר קערפּער. מיטן שטענדיקן שמייכל פון אירע אויס־דריקלעך־גוטע שווארצע אויגן האָט זי באַגעגנט אַלע אירע באַקאַנטע און איז געווען מער ווי איבערגליקלעך, ווען יענע האָבן זי געפרעגט, ווי פילט זי זיך אין אזא לאַגע... און וואָס וויל זי: א ייִנגל צי א מיידל.

פינכעס האָט זיך פאַר איר מיט אַלץ פאַרענטפערט. מאַטאַנעס געשענקט. מאַלקע האָט ווידער גענומען אָפט ארײַנקומען צו ליבע־שעווען אין שטוב, ווו עס שמעקט מיט מוטער־שאָפט און ווינדעלעך. זי פילט זיך דאָרט היימיש און האָט ליב זיך צו סוידען מיט ליבע־שעווען וועגן באַלעבאַטישקײַט, וועגן קינדער און וועגן זייערע מענער.

דער בריס איז אויסגעפאַלן אין א וואָכן צוויי נאָך פורים.

מאַלקעס פאָטער, א בעקאָוועדיקער באַלעבאָס אין דער שטאָט, האָט נאָך דער יעדי׳ע, אז דער קימפּעט איז דורך קעשורע, די טאָכטער האָט מיט מאַזל געהאַט א ייִנגל, געלאָזט וויסן, אז ער וועט פּראַווען א גרויסאַרטיקן בריס. די לעצטע וואָכן איז ער געווען גוואַלדיק צע־טראָגן, נאָר האָט זײַן טיפן אומרו קײנעם ניט פאַרטרויט. ער האָט עס אָף דער צונג ניט געוואָלט ארופּברענגען. אָבער אין מויעד האָט עס אים געלויערט און געבוירערט: כאַסוועכאַ־לילע, גוואַלד, טאַטע־פּאָטער, דערבאַרעם זיך, עס זאָל זיך ניט איבערכאַזערן דער זעלבער אומגליק, וואָס מיט דער עלטערער... ער האָט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק געפאַסט, געלאָזט פּעלד מעסטן, געבעטן אָפן קײַווער פונעם אַלטן ראָוו און אויך אָפן קײַווער פון דער עלטע־רער טאָכטער, זי זאָל גוט בעטן פאַר דער שוועסטער.

איצט האָט ער אופגעלעבט.

פון די אלטע, קימאַט אוראַלטע געדיכטע וועלדער ארום דער שטאָט האָט געגומען ציִען מיטן דינעם ערעוו־פּרילינג־אָטעם. די סכאָך־ביימער טרייסלען אראָפּ פון זיך די לעצטע רעשטן פון דעם אָפּגעשוואַכטן ווינטער־שניי, און די ערד־זאַפטן נעמען שוין אָנקוועלן בא די בערעזע־וואָרצלען. פון אונטער די צעגאַנגענע שנייען האָט אַף דער זון געגומען שמעקן מיט טערפּקן ערד־רייעך. די שטאָט נעמט פּילן דעם אָנקומענדיקן פּרילינג — פּייסעך. אין די מאַצע־פּאָדריאַדן ארבעטן קײַלעכדיקע מעסלעסן די וועלגערקעס און רעדלערקעס, מעל־שיטער און וואַסער־גיסער, בא די ברענענדיקע געקאַשערטע בעקער־אויוונס שטייען מיט לאָפּעטעס די פאַרשוויצטע מאַצע־זעצער.

אין דער שטוב בא מאַלקעס עלטערן האָט מען פאַנאַנדערגענומען די הילצערנע ווענטלעך און ס'איז געוואָרן געראַמער.

דער צימער, ווו די קימפּעטאָרן ליגט, איז באַהאַנגען מיט לאַנגע ווײַסע שיר־האַמײַלעסן. ריווקע־ראָכל, די בעריע אַף נעמען קינדער בא געווינערנס, איז הײַנט יאָמטעוודיק אָנגעטאָן, אין א נײַעם שלייער איבערן פאַריק, אין א לאַנג און ברייט בלויען קלייד מיט ווײַסע ארבעסלעך. עס איז נאָך ניט אינגאַנצן באַוווּסט, ווער איז בא דער קימפּעטאָרן אין צימער דער איקער: די יונגע מאַמע מאַלקע, צי די געניטע באָבע ריווקע־ראָכל? וואָרעם וואָס קען א מאַמע? קרעכצן, אויקען, שרײַען... אָבער נעמען דאָס קינד... נעמען, — טראַכט ריווקע־ראָכל, — איז מער, ווי געבוירן. הײַנט איז זי דאָ די הויפּט־מעכוטענעסטע. און דעריבער קומט זי אָפּט ארײַן אָנצוקוקן דעם גרויסן דעמבענעם טיש מיטן ווײַסן סערוועט, וואָס שטייט אינמיטן דער שטוב און איז געדעקט מיט קאָלטווו — סײַ טרינקען, סײַ עסן. ניט דאָס ערשטע מאָל איז זי אַף נעגידישע בריסן און ווייסט, ווי זיי אָפּצושאַצן. אַלע מאָל, ווען זי איז אַף א בריס פון א ייִנגל, וואָס זי האָט עס געגומען בא דער געווינערן, פילט זי, אז די סימכע איז אירע, די שטוב אירע און די באַלעבאַטים אירע. זי וויל, אז אַלץ זאָל אויסזען אַמבעסטן, אַלץ זאָל זײַן מיט דער פולער האַנט. יאָמטעוו זאָל זײַן, פון אַלע ווינקעלעך זאָל ארויסלײַכטן. און מענטשן זאָלן זיך פרייען סײַ מיט דער מיצווע פון מילע און סײַ פונעם פולן אָנגעשטעלטן טיש מיט פליישן און פישן, פוסנאָהע און געהאַקטן לעבער, מיט פּעטע בולבע־קוגלס און זיסע לאָקשן־טייגעכצן, מיט טאָרטן, לעקעך, אויבסן, ניס און צוקערלעך, מיט ווײַן, בראַנפן און מעד. זי ווייסט, אז אַף א בריס איז עסן און זיך ווילטאָן — א מיצווע. און ריווקע־ראָכל, וואָס האָט שוין א לעבן אָפּגעלעבט סײַ אין לײַדן, סײַ אין פריידן, וואָס איז פרום צו גאָט און פאַרשטייט זיך אַף מענטשן, ווייסט אויך, אז אַף יענעמס מאָלצײַט האָט מען שטענדיק א גוטן אַפּעטיט. זי האָט גרויס האַנאָע, ווען די געסט עסן און טרינקען, זײַנען זיך מעסאַמייעך. די סימכע איז דאָך צוליב איר, צוליב איר קענען נעמען קינדער, צוליב אירע געניטע און געשיקטע הענט, וואָס ברענגען לעבן אַף דער וועלט. זי האָט אויך ליב צו באַגעגענען געסט, וואָס קומען אַף אַזאַ סימכע. און הײַנט, ווי נאָר זי דערהערט, אז די טיר עפנט זיך, אײַלט זי צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים באַגעגענען די געסט. די באַלעבאַטים זאָגן זיך זייערס, באַגריסן מיט א פּאָסעק, גיבן אָפּ „שאָלעם". זי ווערט דאָך ניט גיין אָפּגעבן דעם ראָוו אָדער דעם מאַגיד „שאָלעם". זי ווייסט, וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט ניט. אָבער אַף איר אויפן און אַף איר שטייגער, מיט צעשפּרייטע הענט, ווי זי מאַכט א ברייטן וועג און א וואַרע, זאָגט זי דעם ארײַנגעקומענעם, ווי עס פּאַסט פאַר אים.

— רעבע, — האָט זי באַגעגנט דעם ראָוו, — זאָלן סימכעס זײַן בא ייִדן!

— גאָט זאָל געבן, גאָט זאָל געבן.

עס איז געקומען רעב זיסל, וואָס פירט ווייץ קיין פרײַסן. ריווקע־ראָכל ווייסט, אז בא אים האָט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט א טאָכטער, זאָגט זי אים:

— אימירצעהאַשעם, בא אײַך אינגיכן אַזאַ יאָמטעוו.

— האַלעווײַ, האַלעווײַ!

דערנאָך איז געקומען דער הויכער און פולער פּאָדריאַטשיק רעב ניסן מיט זײַן באָכערל. ריווקע־לייע האָט א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט און אַפן גאַנצן קאָל אויסגעשריִען: „מײַנער, מײַנער..." זי האָט דאָס באָכערל ארומגעכאַפּט קושן.

אַזוי האָט זי אַף איר אויפן באַגעגנט די איבעריקע אָנגעלייגטע געסט.

ריווקע־ראָכל האָט אירע א מיצווע, מיט וועלכער זי קלײַבט זיך קומען אַף יענער־וועלט. זי ווייסט פאָרויס, אז דער בעסדן־שעל־מײַלע וועט איר צופּאַסקענען אוילעמהאַבע — אין גאַניידן. ריווקע־ראָכל, וואָס איז פרום צו גאָט און פאַרשטייט זיך אַף מענטשן, ווייסט דאָך גוט, אז ווילנדיק צי ניט ווילנדיק מוז מען אַף א רײַכן בריס אײַנלאַדן אויך עמעצן פון געמיינעם גראַד: א קאָרעוו, א באַקאַנטן. אַזוינע געסט באַגעגענען די באַלעבאַטים קילאַכאַר־

יאַד, אַזוי זיך, ניט קאַלט און ניט וואַרעם: „ביסט געקומען — מיילע. וואָלסט ניט געקומען, וואָלט מען נאָך דיר ניט געבענקט״.

אַזוינע געסט זיצן באַם טיש ניט זיכער, שעמען זיך עסן, פילן זיך ווי פרעמדע. ריווקע־ראָכל מונטערט זיי מיט אַ גוט וואָרט, זעט, זיי זאָלן עסן און טרינקען, זאָלן זיך גוט פילן. דאָס איז איר מיצווע.

אויך הײַנט זײַנען געקומען געסט פון געמיינעם גראַד: העשל דער סטאָליער מיט זײַן פרוי, זעליק מיט ליבע־שעווען און זעליקס טאַטע — יוינע דער „מענטש״.

מאַלקעס טאַטע איז ניט קיין שלעכטער, אָבער ווי אַלע באַלעבאַטים... ריווקע־ראָכל טראַכט: אַלע קוימענס שמעקן מיטן זעלבן רויך. און זי נעמט אויף די געסט מיט גרויס קאָוועד און פרייד.

אין שטוב האָט מען אָנגעצונדן אַ סאַך ליכט. באַם פענצטער האָט מען געשטעלט צוויי פּאַטערשטולן. איין שטול פאַר עלייאָהו־האַנאָווי, דעם צווייטן — פאַרן באַל־האַסאַנדעקע. צי האָט עלייאָהו־האַנאָווי פאַרנומען זײַן שטול, האָט מען ניט געזען, דעם צווייטן שטול האָט פאַרנומען דער ראָוו. די קוואַטערס האָבן אָפּ אַ קישעלע גענומען דאָס קינד באַ דער געווינערן און איבערגעגעבן דעם ראָוו אָפן שויס. דאָס קינד האָט מען געמאַלעט, געזאָגט די געהעריקע בראָכעס און אים אַ נאָמען געגעבן אוויגדער. נאָכן „מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו״ האָט זיך אָנגעהויבן די סודע.

מיט גרויס האַסמאָדע האָבן אַלע אויסגעפּילט די מיצווע פון עסן און זיך ווילטאָן אָפּ אַ בריס. די פריילעכע סודע האָט זיך לאַנג פאַרצויגן. אָבער אַ גרויסער טאָג גייט אויך אוועק. צום סאָף האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז באַם טיש זיצט צאַליע דער האַלץ־העקער. ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזעלע מעד, געמאַכט אַ בראָכע און געוווּנטשן דעם נײַ־געבוירענעם אוויגדער לאַנגע יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק.

ווי קומט אַהער צאַליע דער האַלץ־העקער? ווער האָט אים גערופן? ווען איז ער געקומען? אַלעמען האָט עס געוווּנדערט. פרעגן האָט מען זיך געשעמט. עפּשער איז ער טאַקע אַ לאַמעד־וואָווניק? און ביכלאַל פאַרשעמען אַ מענטשן בעפּאַרהעסיע!

דער מאַגיד האָט אים דאָך געפרעגט:

— ווי קומט איר אַהער, רעב צאַליע?

— איך בין געקומען זיך געזעגענען.

3

אין דער מישפּאָכע פון פינכעס באַס איז דער וואַרעמער זומער גיך און פריילעך דורכגעגאַנגען. דער האַרבסט האָט זיך פריִער באַוויזן אַ פאַרוואָלקנטער און אַ רעגנדיקער, דערנאָך אָבער איז ער געוואָרן אַ זוניקער, אַ טרוקענער און שטילער. פון אַלע אַרומיקע דערפער פירט מען אין שטאָט אַרײַן פולע פורן מיט גרינס, אויבס, אויפּעס און שאָף — צו די יידישע יאָמטויווים. די אַרומיקע פויערים ווייסן שוין, וואָס צו וועלכן יאָמטעוו דאַרף מען ברענגען: אָף ראָשעשאָנע — פּרוכטן און האָניק, אָף יאָמקיפּער — הינער און העגער, אָף סוקעס — סכאַך. ס׳איז איצט סאָף כוידעש עלעל. אין די אינדערפריִען בלאָזט מען שויפער. און באָטעמדראָשים זײַנען סײַ צום ערשטן מיניען און סײַ צום צווייטן פול מיט דאַוונער.

באַ פינכעסן אין שטוב באַגעגנט מען מיט פרייד דעם ערעוו־יאָמטעוו. אוויגדערל וואַקסט אַ שיין און געזונט קינד. מאַלקע שפּילט זיך מיט אים, ווי מיט אַ לעבעדיקער ליאַלקע. נאָכן בריס האָט זיך די כאַווערשאַפט צווישן פינכעסן און זעליקן אָפּגעקילט. די אָפּגעפרעמדטקײַט האָט זיך נאָך פריִער אָנגעהויבן צווישן מאַלקען און ליבע־שעווען.

מאַלקע איז צופרידן פון זיך, פון איר מאַן, פון איר קינד. ס׳איז איר גוט, און מער דאַרף זי גאָרניט. ווי אין די מיידלשע יאָרן באַ איר טאַטן אין שטוב, וויל זי רויִקײַט, לײַכטן געמיט, אָן זאָרג. זי קען זיך פרייען מיט זיך אַליין, מיט איר שיינקײַט, וואָס האָט זיך צעבליט און וואָס עס געפעלט אַזוי איר מאַן. מער דאַרף זי גאָרניט. ליבע־שעווע? אַמאָל דערמאָנט זי זיך אָן איר. וויל זי קומען — זאָל זי קומען. זי אָבער צו ליבע־שעווען וועט מער ניט גיין. געווען פריִער אַ שווערע צײַט פאַרביידן, געשטאַנען באַ דער טפיסע... איצט איז יענע צײַט אוועק. און פאַר זיך טראַכט זי נאָך: ניט מער, ווי אַ סטאָליערס אַ טאָכטער. און וואָס איר איז מער

נאָך דערוווידער: ליבע־שעווע איז אַן איידעס פון דעם, ווי פּינכעס האָט זי, מאַלקען, פאַר קיין ווײַב ניט געוואָלט, דערנאָך צו איר ניט געוואָלט קומען... זי דאַרף ניט אַזוינע איידעס.

ליבע־שעווע האָט עס גלײַך דערפילט. נאָך אַפן בריס האָט זי דערזען, אַז סײַ זי מיט זע־ליקן, סײַ די מאַמע מיטן טאַטן זײַנען גאָר איבעריקע, ווי ניט קיין געבעטענע. ליבע־שעווע האָט פײַנט אַזוינע פּרײַנטשאַפטן. און דעריקער: ליבע־שעווע שטויסט זיך אָן, וואָס מאַלקע טראַכט וועגן איר, — אַ סטאָליערס אַ טאָכטער. אומגעריכט פאַר זיך אַליין זאָגט זי צו דער מאַמען:

— מאַמע, זיי זײַנען דאָך ניט ווערט דעם טאַטנס מינדסטן נאָגל...

— ווער? וועגן וועמען רעדסטו?

— וועגן וועמען... — זי שווײַגט. דערנאָך דערציילט זי.

— דאָס האָט מען, קינד מײַנס, פריִער זיך געקענט פאַרשטעלן. נעם זיך ניט צום האַרצן, וועסט די וועלט ניט איבערמאַכן.

זעליקן האָט ליבע־שעווע וועגן דעם ניט געוואָלט דערציילן. ער וועט פון דעם האָבן אַגמעסנעפּעש.

זעליק האָט זיך אָבער אַליין וועגן דעם אָנגעשטויסן. ער האָט געפילט, אַז אויך צווישן אים און פּינכעסן איז אַ שוואַרצע קאַץ דורכגעלאָפן. פון אָנהייב איז עס אים געווען שווער צו באַגרײַפן. פּינכעס איז אַ מענטש פון פאַרשטאַנד און וויסן. ער קען אים שוין ניט דאָס ערשטע יאָר. צי דען זאָל ער אויך טראַכטן, ווי זײַן ווײַב מאַלקע: ליבע־שעווע איז אַ טאָכ־טער פון אַ סטאָליער. ער, זעליק, איז אַ זון פון אַ „מענטשן" און אַליין אַ „מענטש", עמעס, מער הײַנטצײַטיק, מיט אַ ביסל מער וויסן. אָף פּינכעסן איז עס אים שווער צו גלייבן. פאַרביידן (זעליקן און פּינכעסן) איז געווען אַזוי קלאָר, אַז אַ מענטש איז מען ניט צוליב אַ טאַטן און אַ זיידן, נאָר צוליב זיך אַליין. פאַר ביידן איז אויך קלאָר געווען, אַז אַ באַלמעלאָכע, וואָס לעבט פון יעגיִע־קאַפּאַיִם, איז גאָר ניט קיין קלענערער ייִכעס פון אַ הענדלער, פאַרקערט.

וואָס האָט זיך געענדערט? — מאַלקע! זי זוכט ייִכעס. אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן פּאַדריאַטשיק און אַ ווײַב פון אַ פּאַדריאַטשיק (פּינכעס העלפט דעם שווער).

זעליק פון זײַן זײַט שעמט זיך אויך וועגן דעם צו פאַרטרויען ליבע־שעווען. אָבער אַ מאַן און אַ ווײַב איז דאָך איין לײַב. ביידע האָבן זיך מוידע געווען, וואָס בא זיי אַפן האַרצן טוט זיך.

דערנאָך האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ליבע־שעווע האַלט עס גאָר פאַר אַ מײַלע. פריִער פלעגט זעליק אין אַ שאַבעס־טאָג גיין אין געסט צו פּינכעסן. איצט זיצט ער אין דר'היים, איז איר פריילעכער. און העשל דעם סטאָליער איז פריילעכער. און זײַן ווייב הינדען איז פריי־לעכער.

עמעס, אונטער דער פריילעכקײַט ליגט פאַרדראָס. און אָט דער פאַרדראָס פאַרייניקט זיי אַלעמען אין זייער פריילעכקײַט: מע זאָל בא זיך ניט אַראָפּפאַלן, ניט האַלטן זיך פאַר אַ נידעריקן גראַד מענטשן, דערעכערעץ האָבן פאַר זיך אַליין. גאָט צו דאַנקען, זיי לעבן באַ־שיידן, אָבער זיי דאַרפן צו קיינעם ניט אָנקומען, ניט בייגן זיך, ניט אויסבײַטן די נעשאָמע פאַר אַ גראַשן. צוזאַמען איז זיי פריילעכער. זיי וואָלטן גאָר איצט ניט געקענט אויסקומען איינער אָן דעם אַנדערן. און דאָך... אונטער דער פריילעכקײַט און האָפעדיקײַט, וואָס איז אַ מיטל פאַר זייער טרייסט, לייגט זיך אָפּט אויס אַ ביסל ביטערקײַט. אַזאַ גוטע, ווי מאַלקע איז געווען... און זיך אויסגעלאָזט פאַר אַ נישט. אַזאַ געטרײַער, ווי פּינכעס איז געווען... און זיך אויסגעלאָזט פאַר אַ גאַרנישט. זיי שטייט ניט אָן העשל דער סטאָליער!

העשל דער סטאָליער קומט, ווי פריִער, דרײַ מאָל אַ טאָג אין דער אַלטער הילצערנער שול דאַווענען. און כאָטש ער ווייסט דאָס דאַווענען אָף אויסווייניק, קוקט ער הײַנט אַרײַן אין סידער. אַז ער קוקט אין סידער, זעט אים קיינער ניט, דער סידער זעט אים. ביז איצט איז אים קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זײַן מיט אַזויפיל געהויבענע באַלעבאַטים אין איין מעסיבע, ווי בא פּינכעסן אַפן בריס. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַמיט, ניט געזוכט מיט זיי זיך צו באַ־געגענען. אָבער אַז דאָס איז אויסגעקומען, אַז מע האָט אים אײַנגעלאַדן... דעם עמעס גע־רעדט, טראַכט ער ניט וועגן זיך, אַפילע ניט וועגן הינדען. די קינדער אָבער, ליבע־שעווע און זעליק... זייער יונגקײַט האָט נאָך האָנאָר, וויל נאָך גלייבן... וויל נאָך האָפן...

ער דאַוונט, ער קוקט אין סידער, נאָר וואָס אין סידער שטייט, זעט ער ניט. ער וויל זיך אויסריידן, אויסטײַנען. אין סידער אָבער זײַנען אַזוינע רייד און אַזוינע טײַנעס ניט פאַראַן. און אַז ער גיט, לויט זײַן אַלטער געוווינהײַט, אַ קוק צום אָרנקוידעש, דערזעט ער גאָר: דער יונגער שיינער הירש וויל אַנטלויפן. ער אַנטלויפט פונעם לייב, וואָס זוכט מיט זײַן אָפּנעמען

פיסק א קאָרבן. דער הירש וויל זיך דורכרײַסן דורך די שניצערײַען, וואָס האָבן אים ארומגענומען, ווי א שפּינוועבס. הײַנט קוקט העשל אנדערש — זעט ער אנדערש. ער ווערט ניט אנציקט פון דער שיינקײַט. וואָס טויג אים די שיינקײַט, אז דער לייב וויל אופּעסן דעם הירש? אינמיטן דאווענען גיט ער א זאָג צו גאָט:

— מאלקע איז ניט געגרעכט. פארשעמען ליבע־שעווען, א מאמען פון קליינע קינדער... און וואָס אָנבאלאנגט מיך, טאטע אין הימל, בין איך דאָך דײַן סטאָליער און דײַן האָלץ־שניצער, איז עס מיר דען ווינציק?

4

אין א הארבסטיק־רעגנדיקן כעשוון־טאָג, אויסגעפאלן איז עס שאבעס, איז פּינכעס באס געקומען צו זעליקן און ליבע־שעווען אין געסט.

— כ'האָב זיך פארבענקט, זעליק. איך האָב זיך פארבענקט, ליבע־שעווע. און דער וועטער איז א שלעכטער. אזא וועטער איז מיסטאמע שטענדיק אין געגעם.

אלע האָבן זיך דערפרייט. און אין איין רעגע זײַנען פארגעסן געוואָרן אלע טײַנעס און פארדראָסן. איינס האָט מען באמערקט, אז פּינכעסן מיט דער שווארצער זײַדענער באָרד און ברענענדיקע אויגן פעלט הײַנט רוזקײַט. און נאָך: אין אים פילט זיך א היפּשע מידקײַט. קיינער האָט גאָרניט געפרעגט, און קיינער האָט גאָרניט געזאָגט. הינדע האָט געשטעלט קיבעד, און אלע האָבן זיך אויסגעזעצט ארום טיש.

פּינכעס האָט גאָר פארגעסן, אז ער איז דאָ לאנג ניט געווען, אז מיט זעליקן האָט ער זיך לאנג ניט געזען און מיט אים ניט געשמועסט. ער פילט זיך דאָ היימיש. און אלע פילן זיך גוט מיט פּינכעסן. אויך פילט מען זיך נאָך גוט דערפאר, וואָס דער ווינט מיטן רעגן פּאטשן אין פענצטער, וואָס פון די דעכער פאלט די רעגן־וואסער מיט רויש אף דער ערד, וואָס צוליבן פארוואָלקנטן הימל קוקט ארײַן אין שטוב א שוואכע שײַן, צוליב דעם אלץ — איז אין דער געמיטלעכער שטוב אָנגענעם צו זיצן מיט גוטע פרײַנט און נעמען צו קאפּעלעך זיסע קארשן־מאשקע, וואָס צעגייט און צעווארעמט די גלידער. און דעמלט נעמט מען דערציילן איינער דעם אנדערן וועגן די קינדער, זייער קלוגשאפט און גערעטנקײַט.

דערנאָך דערציילט פּינכעס פארשיידענע טשיקאווע נײַס. מיט וועמען זאָל פּינכעס וועגן דעם ריידן בא זיך אין שטוב? מיט זײַן שוועער? מיט זײַן פרוי? ניט זיי דארפן עס, ניט זיי פארשטייען עס. און בא זעליקן אין שטוב איז פאראן ווער עס זאָל הערן און פארשטיין.

באם טיש איז איצט צו באמערקן, אז צו פּינכעסן איז צוגעקומען רוזקײַט און די מידקײַט נעמט ווערן ווינציקער. אָבער אויך פּינכעס, פון זײַן זײַט, באטראכט די ארומיקע: זעליקן מיט די גרויסע קארע אויגן, וואָס זעען אלץ און פארשטייען זיך אפן ווונק, ליבע־שעוועס בורשטין־אויגן און אירע כיין־גריבעלעך, וואָס שמייכלען און לאכן; העשל דעם סטאָליערס לאנגע אויסגעהאָרעוועטע הענט מיט די קנאָכיקע פינגער; הינדען, וואָס האָט צו אלעמען טײַנעס, אז מע עסט ניט און מע טרינקט ניט.

קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. און פּינכעס בעט ליבע־שעווען זינגען זײַן געליבט לידל וועגן די פראנצויזן, ווען זיי זײַנען געלאָפן פון רוסלאנד. און ליבע־שעווע זינגט:

פראנצויזעלע ליבער,
פראנצויזעלע גיבער,
שרײַ הײַנט,
שרײַ מאָרגן,
האָסט שוין מער ניט
וואָס צו זאָרגן...

א לענגערע צײַט איז פּינכעס ווידער ניט געקומען צו זעליק פעדערן. דערפאר האָט ער געהאט אין זינען אײַנצולאדן זעליקן מיט ליבע־שעווען אפן ערשטן געבורטסטאָג פון זײַן זון אוויגדערל. ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אז מאלקע זאָל דערווידערן. ער באמערקט, עמעס, אז מאלקע האָט פארגעניגן פון אים דערווידערן, ווי זי וואָלט מיט דעם א ביסל געקילט איר אמאָליקן פארדראָס אף אים. ער גיט נאָך, ער איז אין איר פארליבט, זי האָט די אויבערהאנט. מיט איר ליבע און טרײַשאפט האלט זי אים אין אירע שיינע פרויען־הענט. ער בענקט

נאָך איר. זי אַליין רופט אים. זי וויל אים נאָך שטאַרקער בינדן מיט איר ליבע־קראַפט. און כאָטש ער פילט, אַז ציִטנווײַז ווערט ער פון איר ליבע מיד — גייט ער אַלץ נאָך.

דאָס מאָל אָבער וויל ער באַשטיין אויף זײַנס. ער אַליין וווּנדערט זיך אויף זיך: וואָס איז מיט אים געוואָרן? ער וויל זיך ניט קריגן, ער וויל ווי זײַן ווײַב מאַלקע: רויִקײַט, אָן זאָרגן.

— מאַלקעלע, זיי וועלן קומען. איך וועל זיי אײַנלאַדן.

— זיי זײַנען דיר טײַערער פון מיר?

— וואָס רעדסטו, מאַלקע? און וואָס האָסטו צו זיי?

— גאָרניט. ניט מײַן גלײַכן. איך ווייס, מיך זשאַלעווּעסטו ניט. בא דיר איז נאָך ביז איצט אַלציינס: מאַלקע צי עסטער... פלאָנטערסט אַפילע אונדזערע נעמען. אָבער פאַרגעס ניט... — זי לייגט אַרויף אַ האַנט אויף איר בויך. מיט דעם דערמאָנט זי, אַז כאָטש עס איז נאָך גאָרניט קאָנטיק, איז זי אויף דער צײַט.

פינכעס קען שוין גאָרניט זאָגן.

מאַלקע, עמעס, ווייסט, אַז פינכעסן וועט עס פאַרדריסן. ער וועט אַרומגיין אַ ברויגעזער. זי ווייסט אָבער נאָך עפּעס. פאַרן שלאָף וועט זי זיך אויספּוצן און האַלב אויסגעטאָן זיך עטלעכע מאָל אַרומדרייען אַרום אים, וועט ער קומען און וועט זײַן שטיל, און גוט, און נאָכגיביק.

אויפן געבורטסטאָג האָט זיך פינכעס געפילט ניט גוט. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען.

אויבנאָן זיצט מאַלקע מיטן יינגל, ביידע שיינע, אויסגעפּוצטע. לעבן זיי זיצט ריווקע־ראָכל, וואָס האַלט זיך, אַז זי איז די צווייטע מאַמע, אוויגדערל איז דאָך אירס. אַרום רײַכן טיש זיצן געסט. אויסער קינדער זײַנען צווישן די עלטערע פאַראַן דער מאַגיד, רעב דאָוויד, אָשערל בלאָנדער און פאַרשיידענע באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס.

פינכעס איז ניט צופרידן, וואָס ער גייט אַלץ נאָך מאַלקען. וויפל איז דער שיר? הײַנט, דאַפקע אויפן געבורטסטאָג, וועט ער באַשטיין אויף זײַנס. זי האָט געזאָגט „ניין”, ניט איר גלײַכן. און ער האָט זיי אײַנגעלאַדן. ער האָט אַנדערש ניט געקענט, זײַנע נאָענטסטע פרײַנט. מיט זעליקן איז ער פאַרבונדן נאָך פון דער פּאָליציי, ווען אַלע האָבן געוווּסט: „דאָ זעליקא, דאָ פינכעסאַ”. ווי וועט זיי מאַלקע באַגעגענען? עפנט זיך די טיר, גייט ער באַלד אַנטקעגן, ער וויל זיי אויפנעמען, ווי שיינע געסט. אין דער טיר שטייט גאָר אַ פרעמדער. דער פרעמדער גייט איבער אַ מאַטאָנע פאַר אוויגדערלען.

— פון וועמען?

— פון צאַליע דעם האַלץ־העקער. — און גייט אַוועק.

אין שטוב דערפילט מען זיך פון דער דאָזיקער אומדערוואַרטקײַט ווי געפּלעפט. וואָס טוט זיך עס? צאַליע? דער האַלץ־העקער? אין שטאָט זעט מען אים שוין גאָרניט, שיקט ער מאַטאָנעס? אומדערלאָזבאַר! ווער איז ער? און ווער דאַרף אים? ניט נאָר מאַלקע איז ניט צופרידן, ניט נאָר אירע עלטערן, נאָר אויך די געסט איז עס ניט געפעלן.

— אַ פּעטעפּאַלנאָסט פון אַ האַלץ־העקער! — שרײַט אויס דער מאַגיד. — אַליין פאַרמאָגט ער גאָרניט, אָן אָרעמאַן, איך בין בא אים געוועזן. אַ טילים און אַ סידער — מער גאָרניט. האָט ער די האָזע...

— רעבע, — רופט זיך אויף רעב דאָוויד, — אַ טילים און אַ סידער? איז עס דען ווינציק? גענוג אויף צו זײַן אַ גוטער ייִד!

— איר, רעב דאָוויד, — ענטפערט אומצופרידן דער מאַגיד, — זוכט פאַר אַלעמען זכוסן, אַלע זײַנען גוטע און פרומע.

— איך זאָג עס ניט, רעב מאַגיד, אָט זײַט איר ניט קיין גוטער!

אָשערל בלאָנדער וויל זיך אַרײַנמישן, זאָגן אַ גוט וואָרט פאַרן מאַגיד, נאָר ער דערמאָנט זיך באַלד, אַז רעב דאָוויד קען סײַ אים, סײַ דעם מאַגיד אַרײַנזאָגן אַזוינס, וואָס וועט זיי קיין קאָווער ניט פאַרשאַפן, בלײַבט ער זיצן שטיל און מישט זיך ניט.

אין דער רעגע, ווען אין דער לופט הענגען נאָך די ווערטער „אָרעמאַן, האָזע, טילים”, קומען אַרײַן זעליק מיט ליבע־שעווען. פינכעס גייט זיי אַנטקעגן און נעמט זיי אויף מיט גרויס קאָוועד.

— מאַלקע, נעם אויף געסט!

מאַלקע מיטן קינד זײַנען שוין באַם טיש ניט פאַראַן.

5

זיבן־אַכט יאָר זײַנען אוועק. בא מאַלקען און ליבע־שעוועץ זײַנען פאַר דער צײַט געוועזן בריסן און לעקעך־און־בראַנפֿנס, נאָר איינער באַם אַנדערן אַף די שׂימחות איז מען ניט געווען.

זייער געוועזענע פרײַנטשאַפט פלעגט אַמאָל פאַר זיי אופֿקומען, ווי אַן אַלטע פאַרגעסענע מײַסע, וואָס מע געדענקט זי שוין באַלד ניט.

...און זייער נײַע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען ווידער באַם טויער פון דער טפיסע.

פון אינדערפרי אָן איז דער טאָג הײַנט אַ ליכטיקער און שטילער. מיט יאָמטעוודיקײַט איז אָנגעפילט די לופט אין דער גאַנצער שטאָט. פון די פענצטער קוקן אַרויס זויבער־ווײַסע רויִקע פאָרהענגלעך. בא די טירן שטייען יאָמטעוודיק־אויסגעפוצטע מאַמעס און וואַרטן אַף די מענער פון דאַווענען. מיט קעשענעס ניס קומען די ערשטע צו לויפן פון דאַווענען די ייִנג־לעך. נאָך זיי קומען די טאַטעס מיטן פריילעכן „גוט־יאָמטעוו!״.

און ניט נאָר אין די ייִדישע גאַסן און געסלעך פילט זיך אַ פײַערלעכקײַט, נאָר אויך אין דער גאַנצער שטאָט. פֿייסעכדיק־מילד שײַנט הײַנט די זון אַפן ברייטן און שווערן פּראַוואָ־סלאַוונעם קלויסטער מיט די פיל קופּאָלן און ערדיש־גאָלדענע צלאָמים. דער שיינער טאָג לייגט זיך אויס מיט זוניקער העלקײַט אַפן הויכשפּיציקן און לײַכטן קאַטוילישן קאָסטיאָל מיט די צלאָמים אין הימל אַרײַן. און כאָטש אין דער שטאָט איז די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן אַזוי, אַז ייִדן זײַנען איצט מיט אַ קלייניקײַט מער פון אַ העלפט, זײַנען די הויפּט־גאַסן סײַווי שטילע, אָן דעם אינדערוואָכיקן רויש. און אַפילע די קריסטלעכע ברויט־קראָמען זעען גאָר אויס פייסעכדיק־קאָשער.

באַזונדערס שטיל איז הײַנט אַפן האַלץ־מאַרק, וואָס געפינט זיך אין ייִדישן ראַיאָן. דער נאָמען „האַלץ־מאַרק״ איז ניט אינגאַנצן קיין ריכטיקער. עמעס, ווינטער ברענגען אַהער די פויערים פון די אַרומיקע דערפער שליטנס מיט האָלץ. אַמאָל בערעזע, אַמאָל געמישט מיט סאָסנע און אָלכע. זומער ברענגט מען דאָס זעלבע האָלץ אַף די שמאָלע פויערישע פורלעך. אָבער אויסער האָלץ אַף צו פאַרקויפן, ברענגט מען אויך הינער און הענער, גענדז און קאַ־טשקעס, זעק בולבע, קאַשעקעס קרויט, קרענץ ציבעלעס.

דאָ, אַפן האָלץ־מאַרק, געפינען זיך די קאָשערע פלייש־קראָמען און די פיש־בײַדלעך. אַף פאַרשיידענע געשטעלן פאַרקויפן ייִדישע הענדלערקעס עפּל און בארן, קאַרשן און ווײַנ־פּערלעך, ניס און צוקערלעך.

איצט איז אַפן מאַרק יאָמטעוודיק שטיל. פון דער זײַט שטייען אָנגעשאָטן גרויסע קופּעס זשוויר, אַרום זיי — סטויגן ציגל פאַר אַ נײַעם הויז. דער פײַכט־געלער זשוויר און די טרוקן־רויטע ציגל שײַנען הײַנט אַפּ אַף דער זון מיט אַ באַזונדער כיין פאַר די קינדער, וואָס בויען דאָ גאַנצע שטעט.

אַף איינעם אַ געשטעל אונטער אַ דאַך שפּילן קריסטלעכע באָכערימלעך אין אָנקלאַפּן אייער, וואָס רופט זיך „ביטקי״ — אַ שפּיל ערעוו דעם קריסטלעכן פייסעך (סײַ פאַרן קאַטוי־לישן, סײַ פאַרן פּראַוואָסלאַוונעם). זי באַשטייט אין דעם, וואָס צוויי יונגעלײַט האַלטן צו איין איי אין דער האַנט און מיט דער שפּיציקער זײַט קלאַפּן זיי איין איי אין דעם צווייטן. דאָס איי, וואָס קלאַפּט זיך אָן, גייט איבער צו דעם, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט. הײַנט זײַנען די שפּי־לער זונטיקדיק אויסגעפוצט און אויסגערוט. דער אוילעם, וואָס שטייט אַרום און זאָגט מע־ווינעס, קוקט זיך צו, ווי דער באַוווּסטער אייער־שפּילער אַזאַדקעוויטש פּרובירט אויס זײַן קליין אייעלע מיט די ציין, גיט אַ לעק מיטן צונג, דערנאָך נעמט ער אַרום דאָס אייעלע מיט דער דלאָניע, אַז נאָר דער סאַמע שפּיץ איז פרײַ, זידלט זיך גוט אויס אין דער מאַמע אַרײַן און זוכט, ווו ס'איז בעסער אָנצוקלאַפּן. ער געווינט. אַלע זײַנען צופרידן, מע לאַכט.

אַפן ליידיקן ריין־אויסגעקערטן מאַרק באַוויײַזט זיך די רוסישע פרוי, וועלכע מע רופט דאָ „דער סייכל״. זי איז אַ שטילע, שטענדיק אַ פאַרטראַכטע און רעדט צו זיך אַליין, ווי זי וויל זיך אויסריידן דאָס האַרץ:

— אַזאַ נאַרישקײַט... איך האָב געביטן מײַן גוטן סייכל אַף אַ שלעכטן. אַף אַ נאַרישן געביטן, אַף גאָר אַ נאַרישעוואַטן... אַ דוראַשלעוועץ... צוליב וואָס? פאַרוואָס האָב איך געביטן?

די הענדלערקעס האָבן צו איר מיטגעפיל. הײַנט אָבער איז קיינער פון זיי דאָ ניט פאַ־ראַן. די אייער־שפּילער הערן זי ניט און קערן זיך פון איר אָפּ.

אין דער רויִקײַט און שטילקײַט פון מאַרק רײַסן זיך אַרײַן צוויי שטימען, וואָס קלינגען אָפּ מיט געשריי און געלעכטער. ביידע זײַנען אין דער שטאָט באַקאַנט: אַנטאָן מעקלעס און

זײַן שאמעס דאַווידל טאַוושע. אַנטאַן האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן ניט געענדערט, געוואָרן נאָר א ביסעלע פעטער. ווי פריִער, טראָגט ער לאַנגע האָר און קלײנע שוואַרצע וואָנצעלעך. אָנגעטאָן איז ער אין זײַן געליבטן געלן אָנצוג. אַזוי אַז ער זעט אויס, ווי א געמיש פון שוואַרץ און געל. זײַן שאמעס, דאַווידל טאַוושע, איז הויך און דאַר, ווי אַן אויסגעטריקנטער הערינג מיט פאַרזשאַווערטן רויג. שטענדיק אָנגעטאָן אין אָפּגעטראָגענע קלײדער, די אַרבל אויסגעריבן און די הויזן באַ די קליאַש־ראַנדן אויסגעדריבלט. אַלץ, וואָס ער טוט אָן אויף זיך, הענגט אויף אים, ווי אויף א סטראַשידלע אין גאָרטן. שטענדיק אָבער האָט ער געלט צו פונדעוועס מיט ווײַן און פאַרבײַסנס אַנטאַן מעקלעסן, פירן אים צו פרויען. שוין א לענגערע צײַט, ווי דאַווידל טאַוושע וויל זיך שמאַדן, און אַנטאַן לאָזט אים ניט.

אַנטאַן מעקלעס, ווי באַוווּסט, איז ניט נאָר א באַרימער און א ליגנער, ניט נאָר אָן א געוויסן, נאָר איז אויך אַזאַ, וואָס פאַרמאָגט א גוטן קאָפּ, קען גיך עפּעס צוטראַכטן און לײַכט געפינען אַן אײַנפאַל און אַן אויסוועג. ער איז, אָן צווייפל, א דורכגעטריבענער אויס־וואָרף. ער ווייסט זײַנע פּייִקײַטן און וויל, מע זאָל וועגן דעם וויסן אין פעטערבורג. ער באַ־נעמט אָבער זייער גוט, אַז צו אים, ווי צו א מעשומעד, האָט מען ניט אַלעמאָל קײן צוטרוי. פּאָליציי און מעלוכע־מענטשן פאַרשטייען אָפּט, אַז א מעשומעד וועט שטענדיק זאָגן קעגן ייִדן און וועט זיי אין אַלץ באַשולדיקן. אַזאַ איז די נאַטור פון א מעשומעד. האַלט דעריבער אַנטאַן מעקלעס באַ זיך א ייִדישן איידעס, וועלכער באַשטעטיקט אַלץ, וואָס ער זאָגט און שרײַבט.

פאַרוואָס איז דאַווידל אַזוי אָנגעשטויסן אויף ייִדן?

6

ער האָט ניט קײן טאַטן. און זינט ער געדענקט זיך, האָבן אים ייִדישע קינדער גערופן: מאַמזער, בײַסטרוק! פאַרוואָס ער האָט ניט קײן טאַטן, האָט ער ניט פאַרשטאַנען. עס האָט זיך באַקומען גאָר מאָדנע: א טאַטע, וואָס ניט ער איז געשטאָרבן און ניט ער לעבט. און פאַרוואָס רופט מען אים דאַווידל טאַוושע?

א מאַמען האָט ער. זי איז א קאָרטן־וואָרפערקע, א טרעפערקע. זיי וווינען עק שטאָט, באַרג־אַראָפּ, באַ א שמאָל און פלאַך טײַכל. אַרום זײַנען סעדער און גערטענער. און צווישן זיי שטייען געצײלטע עטלעכע הילצערנע הײַזער מיט שטרויענע דעכער. אין זייער קלײנער דירע זײַנען פאַראַן צוויי צימערלעך. און קלײנערהייט האָט דאַווידל געזען, אַז אין יעדן פון די צימערן איז די מאַמע גאָר אַן אַנדערע.

אָט זעט ער זי אין טונקעלן צימער, ווו די מאַמע לייגט אויס אין קאָרטן. זי זעט אויס אַלט, אָנגעטאָן אין אַן אַלט טונקל טיכל אויפן קאָפּ און מיט א פּאַטשײלע אַריבערן טיכל. דאָס פּאָנעם איז באַ איר בלייך און בלאַס, ווי אָנגעשמירט מיט קרײַד. א שוואַרצער פאָר־האַנג אויפן פענצטער לאָזט קײן שײַן ניט אַרײַן. עס ברענט אײן ליכטל. און די מאַמע, די טרעפערקע, רעדט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער, פאַרעלטערטער שטים.

דערפאַר, אַז א קונד קומט אַרײַן אין ליכטיקן צימער, איז די מאַמע נאָך א יונגע, אין א קלייד אָן אַרבל, מיט צוגעקעמטע האָר. זי שיקט דעמלט דאַווידלען שפּאַצירן, זיך שפּילן מיט די קינדער אַהינצו אַרויף, מיט צוויי גאַסן ווײַטער. דאָרט באַגעגנט מען אים מיט „מאַמ־זער" און „בײַסטרוק", מע וויל מיט אים ניט שפּילן, מע טרײַבט אים. עמעצנס א מאַמע האָט אויף אים ראַכמאָנעס, רופט זי אים אַרײַן צו זיך אַהיים און איז אים מעכאַבעד מיט עסן און טרינקען — א לוסטע ברויט מיט פלוימען־שמירעכץ און א גלאָז טיי. דערבײַ הערט דאַווידל דעם געשפּרעך צווישן מאַן און ווײַב:

— א ראַכמאָנעס, נעבעך, א יאָסעם, אָן א טאַטן...

— און דו ביסט זיכער, אַז די מאַמע איז זײַנע?

דער ביסן שטעלט זיך אים אין האַלדז. ניט קײן טאַטע און ניט קײן מאַמע. ווער איז ער? ווּעמענס איז ער? פאַרוואָס רופט מען אים מאַמזער? און עס לייגט זיך אויף אים פאַרדראָס, אומצוטרוי, פאַרביטערטקײַט. און עס קומט אויף א פאַרלאַנג צו ברעכן טעלער און זעצן שויבן.

און אַמאָל הערט ער, ווי מע זאָגט: זי טוט דאָך עס צוליבן ייִנגל. זי דאַרף אים האָדעווען, אויסהאַלטן...

אין דר׳היים באַגעגנט אים די מאמע א פריילעכע, גיט אים געשמאַקע זאַכן, וואַשט אים אַרום, לייגט אים שלאָפן. ער קען אָבער ניט אײַנשלאָפן. ער וויל וויסן: ס׳איז זײַן מאַמע, צי ניט זײַנע?

שפּעטער נעמט ער פאַרשטיין, פאַרוואָס אין ליכטיקן צימער איז די מאמע ייִנגער און שיין צוגעפּוצט. פאַרוואָס מע שיקט אים שפּאַצירן. און ער וויל פון פולן האַרצן, אַז דאָס זאָל זײַן ניט זײַן מאַמע, ניט זײַנע, א פרעמדע. און צום פאַרדראָס און אומצוטרוי קומט צו האַס, דער פאַרלאַנג אַרויסצושפּרינגען פון זיך אַליין, אַנטלויפן, מיט עמעצן זיך שלאָגן, צעבלו־טיקן, צעמיימעסן!

וווּהין גייט מען?

ווען דאָווידן איז געוואָרן זעכצן־זיבעצן יאָר, האָט אים די מאַמע פאַרטרויט א סאָד: זאָל ער וויסן דעם עמעס. זי איז ניט זײַן מאַמע. זי איז אפילע ניט קיין ייִדישקע. זי האָט זיך נאָר אויסגעלערנט א ביסל ייִדיש.

צו יענער צײַט איז די „מאַמע״ קאַנטיק עלטער געוואָרן. אין פינצטערן צימער אַף אויס־וואַרפן אין קאָרטן זײַנען נאָך געווען קונדן. אין ליכטיקן צימער אָבער זײַנען זיי געוואָרן אַלץ ווינציקער און ווינציקער, ביז קיינער איז מער ניט געקומען. זי האָט עס זייער שאַרף איבערגעלעבט. די וועלט האָט פאַרלאָרן איר כיין. אַלס פרוי גייט זי אַרויס פון קאָן, זי גע־פעלט מער ניט. אָבער זי דאַרף עס נאָך. זי איז נאָך א פרוי. זאָל זײַן אפילע אַזאַ, וואָס עלטערט זיך, אָבער נאָך ניט קיין אַלטע. און וועט קיינער צו איר ניט קומען, ניט ליבן, וועט עס פאַרגיכערן איר אַלטקײַט — ווערן א מיִעסע, א פעטע און גראָווע. זי וויל זיך ניט אונ־טערגעבן. איצט, ווען די אַלטקײַט קומט אָן, ווילט זיך איר א סאַך מער ווי אין דער יוגנט זײַן שיין און רייצנד, געפעלן ווערן מאַנצבלען, באַקומען קאָמפּלימענטן און שיינע מאַטאָ־נעס. זי דאַרף דאָך אויסהאַלטן דאָווידלען. ווער וועט אים האָדעווען?

אין א צײַט אַרום דערהערט ער אַזוינס, וואָס רופט אַרויס בא אים א צווייפל: עפּשער איז זי טאַקע זײַן מאַמע?

א צערייצטער, א צעקאָכטער, רײַסט ער זיך אַרײַן אין שטוב און שלאָגט זי אָן ראַכ־מאָנעס. ער צערײַסט אַף איר די קליידער, ער איז גרייט זי דערשטיקן, פאַרניכטן. דאָ וועט ער מער ניט בלײַבן. ער מוז אַנטלויפן פון אַלץ, וואָס ביז איצט איז מיט אים געווען. ער וועט אָוועקגיין פון דער שטאָט. דאָס איז נאָך ווינציק: ער וויל אָוועקגיין פון ייִדן, זיך שמאַדן. קיין זאַך זאָל אים ניט דערמאָנען פון זײַן קינדהײַט און יוגנט. ער גייט אָפּגעלאָזט און אָפּגעריסן. אים קימערט עס ניט. געלט אָבער בא דער „מאַמען״ פאָדערט ער אַלע טאָג, געלט אַף פונדעווען מעקלעסן מיט ווײַן און פאַרבײַסנס. דערבײַ האָט ער צו מעקלעסן א טײַנע:

— פאַרוואָס לאָזסטו מיך זיך ניט שמאַדן? איך וועל ווערן א מענטש מיט מענטשן גלײַך.

— גלײַך זיך ניט צו מיר. דו ביסט בא ייִדן דאָווידל טאָווּשע און בא די קריסטן וועסטו אויך זײַן טאָווּשע, נאָר מיט אַן אַנדער נאָמען. גלײַך זיך ניט צו מיר. פאַר מיר זײַנען אָפן אַלע וועגן. איך וועל נאָך זײַן א גרויסער נאַטשאַלניק. אָט וועלן מיר דאָ איינע א זאַך פאַרענדיקן, פאָר איך קיין פּעטערבורג, ווי א פאָרעץ. דו דאַרפסט מיר נאָר העלפן!

דאָווידל איז אַף ייִדן עפּשער גאָרניט אַזוי שטאַרק אין קאַס. זיי טשעפּען אים ניט, וואָלט ער זיי אויך ניט געטשעפּעט. ער וויל זיך שמאַדן, ווײַל ער וויל ווערן אַן אַנדערער, ווי געווען. ער פאָלגט אָבער אין אַלץ אַנטאָן מעקלעסן, וועלכער האָט אים פּעסט אַרײַנגענו־מען אין זײַנע הענט.

הײַנט זײַנען זיי ביידע געקומען אַפן האָלץ־מאַרק זוכן זייער פרײַנטל אַזאַדקעוויטשן, מיט וועלכן זיי דאַרפן „איינע א זאַך פאַרענדיקן״.

7

שוין פיל יאָרהונדערטער לעבן צוזאַמען אין דער שטאָט גראָדנע, וואָס אַף ייִדיש רופט מען זי האָראָדנע, ייִדן, ווײַסרוסן און פּוילישע. אַמאָל איז מען צווישן זיך ווינציקער פרײַנט־לעך, אַמאָל מערער — מע לעבט. זאָגן, אַז עס איז א גרויסע ליבע צווישן די פעלקער, — קען מען ניט. גוט, אַז עס צעפּלאַקערט זיך ניט קיין סינע. ס׳איז אָבער גענוג, אַז איינער זאָל אָנהייבן, זאָל אונטערזאָגן, דערמאָנען, אונטערהעצן, אונטערצינדן, ווי די סינע־סרייפע נעמט ברענען.

די, וואָס קענען אזאדקעוויטשן נעענטער, זאָגן, אז ער איז גאָרניט אזא שלעכטער מענטש. ער האָט ליב טויבן, ער וועט ניט דערלאָזן באליידיקן א הונט, נעמט ער א ביסל מאשקע, האָט ער ליב צו טאנצן. און דעריבער איז טאקע פאר קיינעם ניט פארשטענדלעך, פארוואָס אין אים ברענט אזוי די רעציכע. וועגן וואָס מע זאָל ניט ריידן, ברײַעט ער אלע מאָל אויס, אז די זשידעס זײַנען שולדיק. זײַנע כאוויירים־שוסטער לאכן אפילע פון אים: אויב בא אים גייט אראָפּ פון דער מאָס א שוך, זײַנען שולדיק איצקע און מאָשקע, זיי האָבן אים געגעבן אן אײַנהאָרע. ער איז אינגאנצן זיכער, אז ייִדן האָבן געקרייציקט יעזוסן, באנוצן בלוט אַף פייסעך, נארן אָפּ די פויערים, שווינדלען אָפּ די ארבעטער, פארסאמען ברונעמס, מאכן סרייפעס... וואָס ווײַטער, רעדט ער זיך אין דעם אלץ מער אײַן. דערבײַ האָט ער אזוינע גוטע לערער: די מעלוכע, די קירכע, די פּאָליצײַ, וואָס רייצן אים און מאָנען.

זײַן ווײַב דערווידערט אים.

זײַן ווײַב אנקע, נאָך א יונגע און שיינע, א פריילעכע און א גוטע באלעבאָסטע, האָט אין דער יוגנט געדינט אין א ייִדישער שטוב. זי איז דאָרט געווען, ווי אן אייגענע. גערעדט א ביסל ייִדיש, געוווּסט אלע יאָמטויווים, פּורים ליב געהאַט האָמענטאשן, פייסעך — מעד. זי פלעגט אפילע אכטונג געבן, אז די קינדער זאָלן זיך וואשן די הענט פארן עסן און מאכן א בראָכע. מיט אזאדקעוויטשן לעבט זי גוט, ער האָט זי ליב. ווי עס קומט אָבער צו דער „ייִדישער פראגע”, גייען זיי זיך פאנאנדער, אמפערן זיך, קריגן זיך. נאָר עס העלפט ניט. אנקע קומט ארײַן צו אירע פרי׳ערדיקע באלעבאטים עסן א האָמענטאש און פארזוכן מעד. און ער — טראכט טאָג און נאכט, ווי זיי אומצוברענגען. גוט נאָך, וואָס ער ווייסט ניט, אז צו אנקען איז לויט דער געווינהײַט איבערגעגאנגען דער ייִדישער דין צו זאלצן פלייש.

ווען יאדזע איז מיט יאָרן צוריק „פארפאלן געוואָרן”, איז אזאדקעוויטש געווען פון די ערשטע שרײַער, פון די העצער, וואָס איז געלאָפן אין דער פּאָליצײַ, געזוכט איידעס, אליין געווען אן איידעס און צוזאמען מיט וואָיצעך דעם קאָלבאסניק און אנטאָן מעקלעס געשריבן פּאפּירן אין פעטערבורג.

ווען וואָיצעך רעדט שלעכטס אַף ייִדן, פילט מען, אז בא אים איז א פול מויל האנאָע, ווי ער וואָלט געגעסן א געשמאק מײַכל. און עסן האָט ער ליב. ער איז א הויכער, מיט ברייטע פלייצעס, מיט א גרויסן בויך. מע דערקענט אים פון הינטן לויט זײַן פעטן אָנגעפרעסענעם קארק. אפן נײַעם מארק האָט ער א קראָם פון פארשיידענע כאזער־פליישן: גערייכערטע, געבראָטענע, געקאָכטע. אַף די פּאָליצעס ליגן גרויסע שטיקער שפּעק, אונטער צודעקן — פארשיידענע טרוקענע און ווייכע וורשטן, געפּעקלטע צינגער. פון זײַן קראָם טראָגט זיך א פעטער רייעך פון זאטקײַט, וואָס קיצלט די נאָזלעכער און רופט ארויס אפּעטיט צום עסן און טרינקען. וואָיצעך האָט האנאָע פון דרײַ זאכן: האנדלען, עסן, זידלען ייִדן. דערבײַ הערט מען זײַנע רייד איבערן גאנצן מארק.

— שאנאָוונע פּאנאָוויע, הערט אויס, וואָס עס זאָגט אײַך פּאן וואָיצעך. פּאן וואָיצעך זעט אלע שווינדלער און מאָשעניקעס אַף דורך און דורך. — ארום קלײַבן זיך צונויף מענטשן און הערן, ווי געשמאק און מיט גרויס האנאָע ער זידלט און רייצט...

הײַנטיקס מאָל איז צו אזאדקעוויטשן, וואָיצעכן און מעקלעסן צוגעקומען א פערטער — דאָווידל טאָווּשע.

8

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אלע טאָג האָט מען אין אָוונט געציילט ספירע: האיויום יוים עכאָד לעוימער, האיוים שניי יאָמים באוימער אאוו., האָט מען עפּעס גאָרניט באמערקט, ווי דער זומערדיקער יאָמטעוו שוווּעס איז אָנגעקומען. און ווי אלעמאָל — א זוניקער און פרייליכער. געקומען אָן די יאָמים־נויראָ׳ים־שרעקן, ווען א פיש אין וואסער ציטערט. אָן די פייסעך־קלאָפּאָטן וועגן מאצע און קאָשער. שוווּעס קומט אָן מיט א לײַכטן און גרינגן גע־מיט. און דערצו מיט געשמאקע פּאָטראָוועס.

בא פינכעסן אין שטוב גרייט מען זיך צום יאָמטעוו. מאלקע האָט זיך ארײַנגעצויגן אין דער באלעבאטישקײַט, זי ווייסט שוין ווו־אויס און ווו־אײַן. פאר די לעצטע עטלעכע יאָר איז זי געוואָרן ברייטער און פולער, פון איר לײַב דעמפט זיך אויס פרויִשע ווארעמקײַט און ווײַבערשע האנאָע. מיט צופרידנקײַט און מיט כשיוועס קוקט זי אַף אירע שיינע קינדער, זי האָט זיי ליב, זי קעכלט זיי. זי האָט ליב איר מאן פינכעס, ביידע האָבן זיי איצט וועגן

אלץ איין מיינונג. מאַלקע פירט אָן מיטן צוגרייטן געשמאַקע פּוטער־געבעקס, טייגעכצן און בראָדער לאָקשן, קעז־קנישעס, קרעפּלעך, כרעמזלעך, בלינצעס. אין שטוב האָט מען שוין געבראַכט גרינס אָף אויספּוצן. זי איז צופרידן, וואָס עס זײַנען פאַראַן אזוינע יאָמטויווים, ווען מע דאַרף גרייטן א סאַך פּאַטראַוועס און דערצו מיט דער ברייטער האַנט. קאַרגשאַפט, קאַפּצאָנעס פאַרלײדט זי ניט.

און ווי אלע מאָל, ווען בא איר איז א גוטע שטימונג, נעמט זי איבערלייגן די זילבערנע כפייצים אין שאַפע.

אויך בא זעליקן גרייט מען זיך צום יאָמטעוו. דאָ איז די גאַנצע באַלעבאָסטע ליבע־שע־ווע. ווי פריִער, איז זי פלינק אין אירע באַוועגונגען, טוט אלץ שנעל, אונטער אירע הענט קאָכט און זידט. זי האָט נאָך א מיידלשן אויסזען, אָן איבעריק לײַב אָף זיך. איר בעריעש־קײַט באַשטייט ניט אזוי אין דער ברייטער האַנט, נאָר אין שפּאָרזאַמקײַט, אזוי אויסטיילן און אײַנטיילן, אז פון ניט קיין סאַך זאָל ווערן א סאַך, עס זאָל זײַן ניט טײַער און געשמאַק. און זי טוט עס אזוי, אז זעליקן זאָל קיינמאָל ניט קומען אָפן געדאַנק, אז ער פאַרדינט ניט גענוג, אז ווען ער פאַרדינט מערער, וואָלט זי געווען א גרעסערע און בעסערע באַלעבאָסטע. דער איקער — אלע זאָלן זײַן געזונט. פון איר שמייכל און גוטע בורשטין־אויגן איז אין שטוב געמיטלעך און אלע פילן זיך גוט. זי טרעפט אלעמאָל צו, וואָס יעדערן צו זאָגן. און איר האַרציק וואָרט איז פאַר אלעמען א טרייסט, ניט נאָר פאַר די שטוביקע, נאָר אויך פאַר שכיינים, פאַר באַקאַנטע.

פון ליבע־שעווען טרעט ניט אָפּ איר ייִנגל בערעלע, וואָס בעט אלץ:

— מאַמע, וואָס זאָל איך דיר העלפן?

— גיי בעסער שפּאַצירן.

ער וויל זײַן אין שטוב און זען, ווי די מאַמע ווישט און ראַמט און קאָכט. ער פּאָלגט אָבער. ער גייט שפּאַצירן. אָף דער גאַס איז ניטאָ מיט וועמען צו שפּילן, גייט ער צום זיידן. ער האָט ליב צו זען, ווי דער זיידע הובלט און סטרוזשקעס פאַלן, ווי ער קלאַפּט מיטן האַמער אַרײַן א טשוואָק, ווי ער זעגט א ברעט און פּאָלאָווינעס זייען זיך אָפן דיל. פון די ברעטער און פון די סטרוזשקעס שמעקט מיט וואַלד, מיט סמאָלע, מיט פרישקײַט.

צווישן זיידן און זײַן אייניקל איז א שטילע ליבע. ביידע מיינען, אז קיינער זעט עס ניט. אלע זעען עס, אלע פאַרשטייען עס, און אלע האַלטן, אז א שיינע ליבע דאַרף מען מיט ווערטער ניט אָנרירן. אָן ווערטער איז עס נאָך שענער און האַרציקער. בערעלע איז צו־פרידן, ווען דער זיידע נעמט אים מיט אין דער גרויסער הילצערנער שול, נעמט אים מיט זיך, ווען ער גייט מיט זײַן דאַלאָטע און סטאַמעסקע פאַריכטן די שניצערײַען אין מיזרעך אָדער אויסשניצן א נײַס אין מיזרעך. בערעלע נעמט ניט אראָפּ די אויגן פונעם זיידנס הענט. זײַנע אייגענע זײַנען אומרויִק און ציִען זיך צום זיידנס געצײַג, כאַטש האַלטן זיי מיט די פינגער. דער זיידע איז אָף דעם א מייוון.

— נו פּרוביר... קענסט?

פון האַלטן די דאַלאָטע און א פּיר טאָן מיט איר איבערן האָלץ ווערט בערעלע אָנגע־פילט מיט פרייד און ציטער, ווי די שכינע וואָלט אים באַשײַנט.

און אז דער זיידע לויבט אים, פילט זיך דאָס אייניקל פּונקט אזוי, ווי דער זיידע, ווען מע זאָגט אים: „העשעלע, דײַנע בלומען שמעקן. אַך, א מעכײַע!" — דאָס אייניקל איז גרייט צו טאַנצן. און די אייגעלעך דערבײַ ברענען, די בעקלעך ווערן ראָז און די הענט קענען איצט אלץ אופּטאָן — אויסשניצן דעם שענסטן מיזרעך.

פון גרויס ליבשאַפט שווײַגט דער זיידע, זײַן האַרץ איז אָנגעפילט מיט גאַניידן.

בא מאַרישען אין שטוב ווייסט מען ניט, פאַרשטייט זיך, פון שוועס. אָבער עפּעס האָט מאַרישע געהערט, אז בא ייִדן דאַרף זײַן א יאָמטעוו, און זי וויל פאַרשאַפן פאַרגעניגן פיניע דעם אָגאָראָדניק, וואָס קומט צו איר אָפט און פאַרבלײַבט לענגער.

דער עלטערער זון מאַרישעס האָט כאַסענע געהאַט. יאַדזע האָט אויך כאַסענע געהאַט. פיניע איז בא מאַרישען אין שטוב אָן אייגענער. זי טראַכט זיך אויס א גאַנג, זי דאַרף אין שטאָט אַרײַן. מאַרישע קומט אָפן האָלץ־מאַרק און פרעגט בא א באַקאַנטער ייִדישער הענ־דלערקע:

— זאָג נאָר, טײַערע, וואָס פאַר א יאָמטעוו דאַרף בא אײַך זײַן?

די הענדלערקע דערקלערט און דערציילט אלץ גענוי.

מארישע קומט אהיים, פוצט אויס די שטוב מיט גרינס און נעמט גרייטן מילכיקע מיַיכאַלים פאר פיניען. און נאָך ווערט זי אים צוגרייטן בולבע־לאטקעס, ער האָט עס זייער ליב. זיווארט אף אים.

סאמע ערעוו שוועס, עטלעכע שאָ פארן יאָמטעוו, האָבן זיך אָנגעהויבן די ארעסטן. די ערשטע האָט מען, ווי מיט יאָרן צוריק, גענומען פיניע דעם אָגאָראָדניק, זעליקן און פינכעסן. אף מאָרגן האָט מען אויך אריַינגעזעצט ארקע דעם פורמאַן. צאליע דעם האָלץ־העקער האָבן זיי געזוכט און ניט געפונען. און נאָך יאָמטעוו, נאָך שוועס, האָט מען גענומען נייַע מענטשן: רעב דאָווידן און אנקעס געוועזענע באלעבאטים — מאן און וויַיב.

9

קיינער האָט זיך אף דעם גאָרניט געריכט. אין איין נאכט איז פון שוועס געוואָרן טישעבאָו. קיינער האָט גאָרניט געקענט פארשטיין. דער זעלבער בילבל, וואָס מיט יאָרן צוריק. פארוואָס נאָכאמאָל? און ווידער איז שוין שווער דורכצוגיין א גאס.

דערצו וווּנדערט אלעמען: יאדזע לעבט דאָך! זי איז שוין אפילע א מאמע.

נאָר ווער קען זיך עס אָנשטויסן, אז אנטאָן מעקלעס האָט צוגעגרייט א גוטן איַינפאל, ער האָט רעכט באוואָרנט. ער קען אלץ פארענטפערן.

דעם צווייטן טאָג שוועס האָבן זיך ליבע־שעווע מיט מאלקען באגעגנט באם טפיסע־טויער מיט עסנווארג פאר זייערע מענער (שוועסדיקע מיַיכאָלים). זיי האָבן זיך דערזען און ארָאפּגעלאָזט די אויגן.ביידע האָבן געשוויגן און אויסגעמיטן אפילע א זיפץ צו טאָן. אף צוריקוועגס האָבן זיי ערשט באנומען, ווי שווער זיי איז זיך צו באגעגענען, ווי דאָס שוויַיגעניש שטיקט. און באביידן איז פאראן דער פארלאנג צו פארליַיכטערן די באגעגעניש. ניט שטיין כאָטש אויג־אף־אויג, מיט עמעצן כאָטש ריידן און זיך אָפּוועגדן פון די געדאנקען, וואָס קומען אוף, ווען זיי שטייען צוזאמען. אף מאָרגן איז ליבע־שעווע געקומען צום טויער מיט בערעלען. מאלקע איז געקומען מיט אירס א מיידעלע. איצט איז זיי ליַיכטער געווען, זיי האָבן אף וועמען צו קוקן, מיט וועמען צו ריידן.

די קינדער האָבן איינס דאָס אנדערע אויסגעמיטן. און אויב בערעלע האָט צופעליק א קוק געטאָן אף מאלקעס מיידעלע, איז עס געווען אזוי ערנסט, אזוי פרעמד, אז דאָס מיידעלע האָט שטיַיפער אָנגעכאפּט דער מאמעס האנט. בערעלע פארשטייט שוין א סאך זאכן. א קינד, וואָס ווייסט שוין, וויאזוי גאָט האָט אין זעקס טעג די וועלט באשאפן, ער האָט געלערנט, אז מוישע האָט ארויסגעפירט די ייִדן פון מיצראַיִם און זיי האָבן פערציק יאָר געבלאָנדזשעט אין דער מידבער.

אויסער דעם, וואָס ער ווייסט פון כומעש, ווייסט ער שוין אויך פון לעבן: זיַין טאטע, וואָס איז אזא גוטער און אזא אָרנטלעכער, זיצט אין טורמע צוליב א בילבל, אן אויסטראכטעניש. בערעלע האָט וועגן וואָס צו זאָרגן, וועגן וואָס צו טראכטן. ער בעט בא גאָט פארן טאטן.

מאלקעס מיידעלע איז שטארק ענלעך אף דער מאמען, א שווארצכיינעוודיקע, מיט העלע בעקלעך. ווי איר מאמע, האָט זי ליב פריילעכקיַיט. זי קען ניט באנעמען בערעלעס שטרענגקיַיט. א ייִנגל, וואָס זאָל גאָרניט ריידן, ניט פרעגן, נאָר שוויַיגט באַרויגעז.

מאלקעס מיידעלע, וואָס האָט ניט ליב קיין איינזאמקיַיט און אָפּגעפרעמדטקיַיט, קען ניט אויסהאלטן די שוויַיגעניש און פרעגט:

— ווי רופט מען דיך? מיך רופט מען סאָרעלע.

און דאָס איז גענוג, אז ביידע מאמעס זאָלן זיך אָנקוקן מיט פולע אויגן טרערן, זיך ווארפן איינע צו דער אנדערער, זיך ארומכאפּן און אזוי שטיין און שוויַיגן, שוויַיגן. א שוויַיגן, וואָס רעדט ניט, נאָר שריַיט!

עס גייט אוועק א וואָך, עס גייען צוויי אוועק. דער כוידעש סיוון איז דורכגעגאנגען. די ארעסטירטע טיַינען: איר באשולדיקט אונדז, אז מיר האָבן אומגעבראכט דאָס מיידל יאדזע, זי לעבט דאָך!

דערוויַיל איז שוין אָנגעקומען דער כוידעש טאמעז. פּאָליציי פאָרשט, רופט איידעס, ארעסטירט פארדעכטיקע.

און וועלכע איידעס? אנטאָן מעקלעס, וואָס איז געווען א ייִד, און דאָווידל טאָוושע, וואָס איז נאָך איצט א ייִד. זיי ווייסן דאָך אַלץ. זיי, אז זיי זאָגן — מעג מען דאָך גלייבן. זיי זאָגן דעם עמעס!

נאָר אָט אינמיטן דער פולער זיכערקייט, ווען אַלץ איז דערוויזן, ווען די שולדיקע זײַנען באוווסט, בלײַבט די פּאָליציי אָפּהענטיק... עס קומט גאָר דעמלט אָן א דערמאָנונג פון גובערנאטאָרס קאנצעליאַריע וועגן דער אָנווײַזונג, וואָס דער גובערנאטאָר האָט באקומען פון פעטערבורג נאָך אין יאָר 1817: עס ווערט פארבאָטן צו באשולדיקן ייִדן אין מאָרדן קריסטלעכע קינדער אָן שום באווײַזן דערצו, נאָר אפּן סמאָך פון אָבערגלויבן... נאָר אויב ערגעץ־ווו וועט יאָ פאַלן א כשאד, דאַרף מען עס אויספאָרשן אָף א געזעצלעכן אויפן, באַגלײַך, ווי עס פירט זיך מיט מענטשן פון אנדערע רעליגיעס.

באווײַזן? געזעצלעך? און דאָ דערמאָנט מען זיך, אז אויב באווײַזן, אויב געזעצלעך — לעבט דאָך יאַדזע. זי איז שוין א מאַמע.

אפילע אזאדקעוויטש, וואָס אָף אַלץ האָט ער איידעס, און וואַיצעך, וואָס אָף אַלץ שווערט ער זיך, אז עס איז עמעס, בלײַבן מיט א פארמאכטן מויל, אָן ווערטער. זיי זײַנען געווען זיכער, אז אָף ייִדן וועט מען אַלץ גלייבן אָן באווײַזן, אָף זיי מעג מען דאָך, ביפראט אַלע ווייסן עס, ביפראט איידעס זײַנען פאראן. לאָזט זיך גאָר אויס, אז יאַדזע, אָט דאָס מיידל, וועלכע ייִדן האָבן געקוילעט, לעבט גאָר. און מע הייבט זיך נאָך אָן צו דערמאָנען, ווי זי איז פון דער מומען געקומען א לעבעדיקע. און נאָך: טאַקע צוליב דעם איז דעמלט אָנגעקומען די אָנווײַזונג פון פעטערבורג, אז מע זאָל אומזיסט ניט ארעסטירן און אומזיסט ניט באשולדיקן צוליב אָבערגלויבן...

אזאדקעוויטש און וואַיצעך טראכטן אפילע, אז אָט דער געוועזענער ייִד, אנטאָן מעקלעס, האָט זיי ביײַזווויליק אָנגערייצט און ארײַנגעפירט אין א בלאָטע.

נאָר אז אליין אנטאָן קומט אין דער פּאָליציי — ווערט אַלץ קלאָר. אזאדקעוויטש און וואַיצעך טראכטן שוין דאַן: פּאַרט א ייִדישער קאָפּ, דער טײַוול זאָל אים נעמען.

מעקלעס קומט ארײַן אין דער פּאָליציי ניט ווי א מענטש, וואָס קומט עפּעס בעטן אָדער פרעגן, ער קומט, ווי א דייעזאָגער. און אזויווי ער שרײַבט אָנקלאָגעס אפילע צום קייסער, האָט מען פאר אים דערעכערעץ.

די לעצטע צײַט האָט ער די לאַנגע האָר א ביסל אונטערגעשאָרן, די קליינע וואָנצעלעך, פארקערט, זײַנען מער אויסגעוואקסן. און דערצו האָט ער זיך פארלאָזט באקענבאַרדן, ער זאָל מיט עפּעס האָבן אָן אויסזען פון אן אדלמאַן. קעדיי ארויסווײַזן אין דער פּאָליציי זײַן זעלבשטענדיקייט, גיט ער מיט צוויי פינגער פון דער לינקער האנט א גלעט די רעכטע וואָנץ, דערנאָך גיט ער מיט דער זעלבער האנט א שאר איבערן געלן אָנצוג, און ערשט דעמלט זאָגט ער ארויס מיט רוגזע:

— ווער זאָגט, אז יאַדזע לעבט?

אַלע ווייסן עס.

— די, וואָס ווייסן עס, ווייסן גאָרניט. די עמעסע יאַדזע איז אומגעבראַכט, איר בלוט אויסגעצאַפּט און איר קערפּער איז ערגעץ פארוואָרפן אָדער באגראָבן.

די עמעסע יאַדזע? דאָס וווּנדערט אַלעמען.

— די עמעסע! און די יאַדזע, וועגן וועלכער איר רעדט, איז אן אונטערגעשטעלטע. ניט מאַרישעס א טאָכטער איז זי, נאָר איר שוועסטערס א טאָכטער.

אָן אונטערגעשטעלטע? אַלע ווייסן יאַדזען, אַלע קענען זי. זי האָט א מאַמע, א ברודער, א מומע, א מאַן.

— קעדיי ארויסהעלפן איר געליבטן פּיניע דעם אַגאַראַדניק, ווען זי האָט געהאָלפן אומברענגען איר אייגן קינד, האָט מאַרישע געבראַכט פון דאָרף איר שוועסטערס מיידל, וואָס הייסט אויך יאַדזע, און אויסגעגעבן פאר אירס. דאָס האָט באטײַט, אז יאַדזע לעבט און אומזיסט האָט מען דעם אַגאַראַדניק ארעסטירט. און אז מע האָט אים באפרײַט, האָט מען שוין אַלע אנדערע אויך באפרײַט.

אזאדקעוויטשן און וואַיצעכן געפעלט עס אָף אזויפיל, אז זיי קענען גאָרניט זאָגן, זיי שווײַגן, זיי שאָקלען נאָר מיט די קעפּ.

די פּאָליציי פארשטייט, אז מע דאַרף די אונטערגעשטעלטע יאַדזע, איר מאַמע, איר ברודער, איר מומע און איר מאַן א גוטן טרייסל טאָן, וועלן זיי דערציילן דעם עמעס.

און קעדיי נאָך מערער צו דערווײַזן, ווי ריכטיק זײַנע רייד זײַנען, זאָגט ווײַטער אנטאָן מעקלעס:

— און דערצו, גאָספּאַדאַ, זאָלט איר וויסן זײַן, אַז עס איז פֿאַראַן בײַ ייִדן אַזאַ סייפֿער, וואָס רופֿט זיך „שולכאָן אָרוך". דאָס באַטײַט: „אַ גרייטער טיש". ייִדן האָבן אַלעמאָל ליב אַ גרייטן טיש, זיי זאָלן קומען אויפֿן אַלעם פֿאַרטיקן. אין אָט דעם בוך, ווו עס דערציילט זיך וועגן ייִדישע דינים, איז שוואַרץ אויף ווײַס געשריבן, אַז אויף פּייסעך דאַרפֿן ייִדן קריסטלעך בלוט. איך מיט דאַווידן וועלן עס איבערזעצן אויף רוסיש, וועט איר אַליין זען און פֿאַרשטיין! וואָט, גאָספּאַדאַ...

10

אינגיכן איז אָנגעקומען טישעבאָוו. און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי קלאָגן ייִדן אויפֿן כורבן, וואָס איז אַמאָל געווען, צי אויפֿן כורבן, וואָס קען אינגיכן קומען.

אין דער אַלטער הילצערנער פּערשטאָטער שול איז פֿול מיט מיספּאַלעלים. אַלע זײַנען אין טונקעלע וואָכעדיקע קליידער, אָן שיך. געקומען זײַנען אַלע אויסגעבלייכט־פֿאַרטראַכטע נאָך די נײַן מילכיקע טעג און נאָכן פֿאַרפֿאַסטן זיך צום טאָגעס מיט טרויער־מײַכאָלים, ווי באָם זעצן זיך שיווע — אַלץ קײַלעכדיקע: אייער, לינדזן, בייגל, וואָס דאָס באַטײַט, אַז אויף דער זינדיקער ערד איז העוועל־האַוואָלים, אַלץ איז קײַלעכדיק, עס קומט און גייט אַוועק, הײַנט איך, מאָרגן — דו, עס ווערט געבאָרן און אונטערגייִן...

ווער עס זיצט אין דער שול אויף איבערגעקערטע בענקלעך, ווער אויף דער ערד. עס ברענען געציילטע ליכט, וואָס וואַרפֿן אָן אַ טונקעלע שרעק. דער שיין־אויסגעשניצטער אָרנקוידעש איז אָן דעם אויסגעפּוצטן פּאָרויכעס. פֿון די סייפֿערטוירעס איז אַראָפּגענומען דאָס צירונג און אָנשטאָט זײַדענע אָדער סאַמעטענע מענטעלעך זײַנען זיי אָנגעטאָן אין פּראָסטע ציצענע. אין דער שווערער שטילקײַט הערט מען, ווי מע זאָגט „אייכאָ יאָשוואָ" מיט געוויין. און צוזאַמען מיט אַלעמען זיצט אויף אַ נידעריק בענקל לעבן דעם זיידן בערעלע מיט קינעס אין די הענט. אין דעם ייִנגלס געדאַנקען איז ניט פֿאַראַן קיין אונטערשייד פֿון אַמאָל און הײַנט. בײַ אים איז אַלץ געבונדן: וואָלט אַמאָל ניט געווען קיין כורבן, וואָלטן איצט ניט געווען קיין בילבולים. וואָרעמע טרערן קאַפּען אויף זײַנע באַקן, נאָר ער פֿילט עס ניט. זײַן קינדעריש האַרץ איז אָנגעקוואָלן מיט געוויין, מיט אַגמעסנעפּעש. ער באַקלאָגט דעם כורבן און באַדויערט דעם טאַטן, וואָס זיצט אין טורמע. ער האָט ראַכמאָנעס אויף דער מאַמען, וואָס לײַדט, לעבט איבער. ער בעט, אַז דער טאַטע זאָל קומען אַהיים, ער בעט, אַז מאָשיעך זאָל קומען. און ער גלייבט, אַז אַלץ, וואָס ער בעט, וועט מעקויעם ווערן. אַלץ ווענדט זיך דאָך אין גאָט.

אַהיים צוריק גייט ער מיטן זיידן. דער זיידע העשל, וואָס פֿירט אַלעמאָל זײַן אייניקל פֿאַר דער האַנט, גייט הײַנט באַזונדער, אָפּגעזונדערט, אינגאַנצן פֿאַר זיך. בערעלע באַמערקט, אַז דער זיידע איז זייער שטאַרק צעטראָגן. מיסטאָמע האָט דער זיידע געהערט ניט קיין גוטע נײַס. און דאָס איז עמעס. נאָכן דאַווענען האָט אים אַ באַקאַנטער דערציילט וועגן אַנטאָן מעקלעסעס נײַעם בילבל. העשל באַנעמט זייער גוט, ווי געפֿערלעך דאָס איז. די אייגענע וועט ער, פֿאַרשטייט זיך, גאָרניט דערציילן, ליבע־שעווע זאָל וועגן דעם גאָרניט וויסן.

דאָס ייִנגל וויל דעם זיידן גרינגער מאַכן, נעמט ער אים פֿאַר דער האַנט און פֿירט אים. העשל פֿילט עס אַפֿילע ניט.

אין שטוב דערקלערט דאָס אייניקל, אַז ער וועט פֿאַסטן.

— וואָס רעדסטו, מײַן קינד, דו דאַרפֿסט ניט פֿאַסטן.

און דער זיידע זאָגט, אַז ער טאָר גאָרניט פֿאַסטן. דאָס ייִנגל וויל אָבער באַשטיין אויף זײַנס.

— ווי פֿאַרשטייסטו ניט, מאַמע, אַז איך וועל פֿאַסטן — וועט דער טאַטע גיכער קומען אַהיים.

און בערעלע פֿאַסט. ער האַלט זיך ווי אַ גרויסער. דעם הונגער פֿילט ער, נאָר דאַפֿקע דאָס גיט אים צו קויעך ניט נאָכצוגעבן. מיט זײַן פֿאַסטן וועט ער אויסבעטן, אַז גאָט זאָל צונישט מאַכן דעם אומגליק, וואָס אַ ראָשע האָט אויף ייִדן אויסגעטראַכט. און זײַנע אָפּגעשוואַכטע ייִנגלשע פֿאַסטנדיקע הענט ווערן פֿול מיט פֿאַרדראָס און מיטן פֿאַרלאַנג דעם דאָזיקן לײַדאַק אויסצופּאַטשן.

אויף מאָרגן גייט דער זיידע צו קייווער־אָוועס. דאָס אייניקל גייט צוזאַמען מיט אים. דער בעסאָלמען איז פֿול מיט מענטשן. זיי שטייען בײַ די קוואָרים פֿון זייערע עלטערן און קרוי־

ווים. מע רעדט, מע בעט. מע שעפּטשעט. פון צײַט צו צײַט דערהערט זיך אַ געוויין. און בערעלע דערפילט, ווי דער אָפּגעשיידטער בעסאַלמען, וואָס איז אַלעמאָל אַזוי שרעקלעך, דערמאָנט אָן טויטע, און ייִנגלעך, ווען זיי גייען פאַרבײַ, שרײַען זיי פאַר שרעק „שמע ישׂראל״, — אָט דער זעלבער בעסאַלמען איז הײַנט גאָרניט אַזוי שרעקלעך, ער איז פול מיט געבעט צו מאַמעס און טאַטעס פון יענער־וועלט, זיי זאָלן העלפן, זאָלן זיך באַמיִען, זאָלן אויסבעטן בײַ גאָט גוטס אויף ייִדן.

ער פילט דעם הונגער, עס ציט בײַם האַרצן. ער וועט זיך ניט אונטערגעבן. אַלע פאַסטן.

11

אין טורמע טראַכט זיך. דאָס באַוועגלעך־אומרויִקע לעבן טרעט אָפּ, בלײַבט ערגעץ אין דער ווײַט. פון דער זײַט קען מען עס בעסער דערזען און בעסער באַזיניקן. זעליק און פּינ־כעס טראַכטן טאָקע, טראַכטן אַ סאַך. יעדער, פאַרשטייט זיך, באַזונדער. וועגן דעם נײַעם בילבול פון אַנטאָן מעקלעס וויסן זיי נאָך ניט.

פּינכעס נעמט דעם הײַנטיקן טאָג און לייגט אַרויף צו זיך אויף דער דלאָניע, באַטראַכט אים, דערזעט זײַנע סימנים און מאַכט אַ פאַרגלײַך מיטן אַמאָל. אַלץ איז שוין געווען, גע־ווען אַזוינס אין דער לאַנגער גאַלעסדיקער ייִדישער געשיכטע. עס וואָלט געווען אַ וווּנדער, טראַכט ער, ווען עס געשעט אַנדערש. ס'איז אַ מיצווע אויף אַזאַ פאָלק אָנצופאַלן, רײַסן פון דעם שטיקער, טרײַבן עס, יאָגן, פּײַניקן.

מיטן אויספיר: „אַזוי איז עס, אַזוי איז געווען, אַזוי וועט עס בלײַבן״ באַנוגנט זיך פּינ־כעס. ער האָט געפונען די סיבה און דעם ענטפער. ס'איז שלעכט, ביטער... קיין ברירה איז אָבער ניטאָ. אַזאַ גורל!

און זעליק, וואָס ווייסט איך, אַז ס'איז שלעכט און ביטער, — וויל מיט אַזאַ גורל ניט מאַסקים זײַן. זעליק האָט שוין לאַנג באַנומען: זיצט מען מיט פאַרלייגטע הענט — הערשט דער גורל. לויט זײַן געוווינהײַט קען זעליק ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ער דאַרף טאָן, זיך אַרײַנמישן און אופטאָן. פון זיך אַליין קומט דאָך גאָרניט.

ער, עמעס, איז געוואָרן עלטער, די צײַט אָבער, זעט ער, שטייט אויף אָן אָרט. פאַר עמעצן זײַנען נאָך געבליבן גילטיק די ענטפערס אויף די „פאַרוואָסן״ פון זײַן קינדהײַט. ער דערמאָנט זיך: פאַרוואָס פאַרדינט דער טאַטע ווינציק? — ווײַל קיין מזל איז ניטאָ. גאָט זאָל וועלן, וועט דער טאַטע זײַן אַ נאָגיד. נו, און ער אַליין, זעליק, פאַרוואָס פאַרדינט ער ווינציק? מיט וואָס זײַנען זײַנע קינדער ערגער פון מאַלקעס? מיט וואָס איז דער באַלעבאָס בעסער פון אים? גאָט וויל ניט. פאַרוואָס וויל ער ניט? אַזאַ גורל.

פאַרענטפערן אַלץ מיטן גורל קען ניט זעליק. וואָס זשע טוט מען אָבער, מיט וואָס און וויאַזוי ענדערט מען אַ גורל? קיין גאַלעס זאָל ניט זײַן. פּאַרנאָסע זאָל זײַן. זײַנע קינדער זאָלן ניט זײַן ערגער פון מאַלקעס. ער זוכט און געפינט ניט.

אין טורמע, ווו די איינזאַמקײַט פילט אָן דעם גאַנצן ענגן אַרום, טאָקע דאָ קומט אַמאָל אויף אַ געדאַנק, אַ געפיל, אַ געשעעניש, וואָס מע האָט לאַנג פאַרגעסן, פאַרלאָרן. און אומ־דערוואַרט גיט עס אין דער דאָזיקער איינזאַמקײַט אַ שפּרונג אַרויס פון דער פאַרגעסנקײַט, ווי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זעליק דערזעט פאַר די אויגן:

זײַן שווער, העשל דער סטאָליער, שטייט אין דער פאַרשטאַטער אַלטער שול מיט זײַן דאַלעטע און סטאַמעסקע אין דער האַנט. עטלעכע מענטשן באַטראַכטן זײַן אַרבעט.

— אַ שווערע מעלאָכע בײַ דיר, האַ, העשל? טאָמער באַקומט זיך ניט? וואָס טוסטו דעמלט?

— עס באַקומט זיך ניט דאָס ערשטע מאָל, מאַכט מען אַ צווייט, אַ דריט, אַ צענט מאָל.

— און אַז עס באַקומט זיך ווידער ניט? — פרעגט דער זעלבער. — בלײַבט מיסטאָמע: אַז מע קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער!

— אוי, ניין! — שרײַט אויס העשל. — באַקומט זיך ניט דאָס צענטע מאָל, מאַכט מען נאָך צען מאָל. אויב מע קען ניט אַריבער — מוז מען אַריבער! עס מוז זיך באַקומען!

„מע מוז אַריבער!״ קלינגט זעליקן אין די אויערן. זײַן שווער העשל איז גערעכט: עס מוז זיך באַקומען! אַ גורל קען מען ענדערן. וואָס אָבער טוט מען, קעדיי עס צו ענדערן?

פּינכעס און זעליק ווייסן: וועט מען זיי וועלן באשולדיקן — וועט מען פאר זיי געפינען סײַ פארברעכנס, סײַ איידעס, סײַ א שטראָף. בא פּינכעסן באטײַט עס גורל. זעליק קען זיך מיט דעם ניט באנוגענען. וואָס טוט מען אָבער צו ענדערן דעם גורל? וואָס?

ליבע־שעווע און מאלקע באגעגענען זיך אלע טאָג בא דער טורמע. אָבער אויסער דעם קומט מאלקע אָפט ארײַן צו ליבע־שעווען אהיים. ווי נאָר מאלקע דערהערט עפּעס נײַס, וואָס האָט א שײַכעס צום בילבל אָף זייערע מענער, אזוי לויפט זי דורך די הילצערנע בריק אין פערשטאָט צו ליבע־שעווען פרעגן, וואָס דאָס באטײַט. איר אליין איז שווער עפּעס ריכטיק אָפּצושאצן. זי וויל אלץ אופנעמען נאָר צום גוטן, איר אײַנגעבאָרענע געמיטלעכקײַט, וואָס קען ניט פארלײַדן קיין שלעכטס, פארלויפט אלע וועגן און דערלאָזט ניט אויסלייגן צום שלעכטן. זי וויל עס ניט, זי טרײַבט עס פון זיך. און דעריבער הייבט זי אלעמאָל אָן מיט די ווערטער:

— ליבע־שעווע, שרעק מיך ניט. וואָס דאַרף עס באטײַטן?

ליבע־שעווע וויל אויך, אז אלץ זאָל זיך אויסלאָזן צום גוטן. אָבער פארמאכן די אויגן און קוקן בלינד וויל זי ניט און קען ניט. זי קען קוקן דעם עמעס אין די אויגן, ווי שרעקלעך דאָס זאָל ניט זײַן. אָבער אזוי־ווי זי האָט די האָפענונג און גלויבן, אז זעליק מיט פּינכעסן וועלן קומען צוריק אהיים, איז עס א טרייסט סײַ פאר איר, סײַ פאר מאלקען, אָבער הײַנט, אז מאלקע איז געקומען מיט דער נײַס וועגן דעם נײַעם בילבל פון אנטאָן מעקלעס, איז ליבע־שעווע געבליבן שטיין א צעטומלטע און פארלוירענע.

— שלעכטס! — האָט זי אויסגעשריִען. — שלעכטס!

מאלקע איז שטארק איבערגעשראָקן. אויב ליבע־שעווע שרײַט „שלעכטס” און „ניט גוט”, איז עס געוויס גוט שלעכטס. די הענט לאָזן זיך בא איר אינגאנצן אראָפּ. אלץ, וואָס איז אויסער דער שטוב, אויסער די קינדער, — איז ניט פאר איר. זי אליין ווייסט גאָרניט, זי פארלאָזט זיך אָף ליבע־שעווען — איר אָנשפּאר.

— טײַערע מײַנע, וואָס טוט מען איצט?

— טאָן דאַרף מען. מע דאַרף גוט א טראכט טאָן.

און מאלקעווארט, ביז ליבע־שעווע וועט גוט א טראכט טאָן. זי טראכט איצט פאר צווייען.

12

די שטאָט איז פול מיט קלאנגען. סײַ אָף סלאָבאָדקע, סײַ אין פערשטאָט אָף יענער זײַט ניעמאַן, אין יורזיקע און אָף די קאָלאָזשעס אָף דער זײַט ניעמאַן — אומעטום דערציילט מען איינס און דאָס זעלבע: א קריסטלעכע מוטער האָט געהאָלפן אומברענגען איר אייגן קינד. צוליב וואָס? צוליב א ליבע. מיט וועמען א ליבע? מיט א ייִדן!

די ייִדישע באפעלקערונג ווייסט, אז די גאנצע מעַסע איז אויסגעטראכט.

און באלד ווידער א נײַער קלאנג: ניט נאָר די מאמע האָט געהאָלפן אומברענגען איר קינד, נאָר אויך איר שוועסטער און אויך איר זון. אומעטום, וווּ מענטשן קלײַבן זיך צונויף, צי אין דער היים, צי אָף דער גאס, צי אין גאָרטן, רעדט מען וועגן דעם. די שטאָט איז אופגערודערט, אזוינס האָט דאָ קיינמאָל ניט פּאסירט. די בלעטער אָף דיביימער האָבן נאָך ניט באוויזן געל ווערן, דער הארבסט איז ערשט אָט־אָט ארײַן אין דער שטאָט, ווי די נײַס האָט זיך צעוואקסן נאָך מער: עס לאָזט זיך אויס, אז די יונגע פרוי יאדוויגע איז ניט די זעלבע, וואָס דאָס מיידל יאדזע, וועלכע איז נעלעם געוואָרן און צוריק געקומען א לעבעדיקע און געזונטע. דאָס מיידל האָבן די ייִדן אומגעבראכט אָף פּייסעך. די יאדזע, וואָס איז געקומען צוריק, איז אן אונטערגעשטעלטע. זי איז ניט מארישעס טאָכטער, נאָר די טאָכטער פון איר שוועסטער רוזשע, וואָס ווינט אין נאָענטן דאָרף. די גאנצע מישפּאָכע ווייסט וועגן דעם, נאָר אלע שווײַגן, קעדיי צו ראטעווען א ייִדישן אָגאָראָדניק פון באקומען זײַן שטראָף.

מיט דער צײַט איז די אופרודערונג ביסלעכווײַז דורכגעגאנגען. און דעמלט האָט די זאך גענומען ארויסרופן צווייפל. א גאנצע מישפּאָכע זאָל אזוינס טאָן? פונוואנען ווייסט מען עס? ווער איז געווען דערבײַ?

איידעס זײַנען פאראן!

אײדעס? װער זײַנען די אײדעס?
אַנטאָן מעקלעס.
װאַלכער? אַט דער מעשומעדער? דער װיקרעסט? געפֿונען װעמען צו גלײַבן!
אין דער שטאָט טומלט זיך, און די פּאָליצײ טוט זיך אירס. זי װיל באַשולדיקן, זי זוכט אײדעס, זי פֿאַרשט. די ערשטע האָט מען געריפֿן יאַדזען. זי איז געקומען מיט אַ קלײן קינד אויף דער האַנט.
יאַדזע האָט געהערט די קלאַנגען װעגן אײנעם אַ מײדל, װאָס ייִדן האָבן אומגעבראַכט, און אָנשטאָט דער אומגעבראַכטער איז געקומען אַן אונטערגעשטעלטע מיטן זעלבן נאָמען. אַז דאָס קען האָבן אַ שײַכעס צו איר, איז יאַדזען גאָרניט אײַנגעפֿאַלן. און װעגן דעם, אַז דער געשמאַקער רײַעך פֿון קעז־קוכן האָט זי אַמאָל געפֿירט דורך די גליטשיקע גאַרטנער צו דער מומע רוזשע אין דאָרף אַרײַן, געדענקט זי עפּשער ניט מער, װי דורך אַ כאָלעם.
— װי איז דײַן נאָמען?
— יאַדװיגע. יאַדזע.
— שױן לאַנג, װי דײַן נאָמען איז יאַדזע?
יאַדזע האָט מיט פֿאַרװוּנדערונג אָנגעקוקט דעם אױספֿאָרשער און געענטפֿערט:
— איך פֿאַרשטײ אײַך ניט. איר שפּאַסט?
אויף שפּאַסן האָבן מיר קײן צײַט ניט. װי רופֿט מען דײַן מאַמען?
— מאַרישע.
— װער האָט עס דיר אײַנגערעדט? דײַן מאַמע איז רוזשע.
— איר פּלאָנטערט. מײַן מומע איז רוזשע.
— מיר װײסן אַלץ גענוי. מאַרישעס טאָכטער יאַדזע האָבן די ייִדן אומגעבראַכט.
— אומגעבראַכט? אָט זיץ איך דאָך פֿאַר אײַך אַ לעבעדיקע.
— אויב דו װעסט לײקענען, װעלן מיר דיך אַרעסטירן. זאָלסט עס געדענקען.
יאַדזע איז אַ פֿרוי פֿון אַ טשינאָװניק, דערװײַל נאָך אַ יונגן, נאָר זײער אַ פֿלײַסיקן, װאָס האָט גוטע אויסזיכטן אויף װײַטער. ער איז אַ מענטש מיט טאַקט צו אַנדערע און פֿאָדערט אַכטונג צו זיך. יאַדזע האָט געענדיקט אַ צװײקלאַסיקע שול. זי פֿאַרשטײט, װי צו שעצן איר מאַן, װאָס האָט גוטע אויסזיכטן באַ זײַן שעף. זי װײסט אויך, װי צו שעצן זיך אַלײן, אַ פֿרוי פֿון אַ טשינאָװניק. איר איז גלײַך פֿון אָנהײב ניט געפֿעלן געװען, װאָס מע זאָגט איר „דו".
— ניט סטראַשעט מיך און ניט דוצט מיך! איך בין אַ פֿרוי פֿון אַ טשינאָװניק.
— אַ טשינאָװניק, װאָס באַהאַלט אויס, אַז זײַן פֿרוי טראָגט אַ פֿרעמדן נאָמען.
יאַדזע איז פֿון דעם געװאָרן שטאַרק אויפֿגערעגט. אַזױנס זאָגן װעגן איר מאַן! זי האָט זיך צעשריִען, אַז דער מאַן װעט גײן צום גובערנאַטאָר זיך באַקלאָגן. אַזױנס װעלן זײ ניט פֿאַרשװײַגן...
דאָס קינד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, זיך דערשראָקן און אויפֿגעהױבן אַ גרױס געװײן. עס האָט זיך ניט געלאָזט אײַנשטילן. דערבײַ האָט די מאַמע דערפֿילט, אַז דאָס קינד איז נאַס. דאָס אַנדערע מאָל האָט מען זי געבעטן קומען אָנעם קינד.
די צװײטע, װעמען דער אויספֿאָרשער האָט אַרויסגערופֿן, איז געװען די מומע רוזשע.
— אײַער נאָמען?
— רוזשע.
— און אײַער טאָכטערס נאָמען?
— מײַן טאָכטער?
— יאָ, יאָ...
— איך האָב קײן טעכטער ניט. איך האָב נאָר זין. דער עמעס איז, אַז איך האָב זײער געװאָלט האָבן אַ טאָכטער, נאָר גאָט... פֿאַן בוג...
— און יאַדזע?
— מײַן שװעסטערס טאָכטער.
— אָט דאָס לידעלע זאָלט איר אונדז אויפֿהערן צו זינגען. זיך צוניפֿגערעדט, קעדײַ צו ראַטעװען דעם ייִדן פֿיניע, װאָס האָט אומגעבראַכט מאַרישעס יאַדזע.
— איך האָב קײנמאָל קײן טאָכטער ניט געהאַט, נאָר ייִנגלעך. אײן גאָט װײסט, אַז איך האָב געװאָלט אַ מײדל, נאָר מאַטקע באָזקאַ...
— מיר װעלן אָנעמען שטרענגע מיטלען, װעסטו רײדן.
— פֿרעגט אין דאָרף װעמען איר װילט. פֿרעגט באַם גאַלעך. קוקט אַרײַן אין די פּאַפּירן. באַ מיר זײַנען נאָר ייִנגלעך.

— און יאַדזשע?

— מײַן שוועסטערס טאָכטער. פֿרעגט באַ מײַן שוועסטער, באַ איר זון. פֿרעגט יאַדזשעס מאַן.

— אַלע האָבן זיך צונויפֿגערעדט. איר ווילט ראַטעווען מאַרישעס געליבטן, אָט דעם זשיד, דעם אַגראַרניק פֿיניע, וואָס האָט אומגעבראַכט יאַדזשען.

— בראַן באָזשע! יאַדזשע לעבט!

— דאָס לעבט דײַן יאַדזשע!

— איך האָב קיינמאָל קיין מיידלעך ניט געהאַט, נאָר ייִנגלעך. איין גאָט ווייסט, ווי איך האָב געוואָלט אַ מיידל.

— און יאַדזשע?

— ניט מײַן טאָכטער. מאַרישעס. פֿרעגט אַלעמען אין דאָרף, פֿרעגט דעם גאַלעך, קוקט אַרײַן אין די פּאַפּירן. איר קענט אַפֿילו פֿרעגן באַם ייִדישן געלערנטן...

— באַם ייִדישן געלערנטן?

— יאָ, יאָ... ער קומט אין דאָרף לערנען מיטן שענקערס ייִנגלעך. אַן אָרנטלעכער מענטש, אַ געטלעכער, דער שענקער איז אונדזערער אַ נאָענטער שאָכן.

...דער מעלאַמעד רעב כאַים קומט טאַקע צוויי מאָל אין דער וואָך צום שענקער אין דאָרף אַרײַן לערנען זײַנע ייִנגלעך דאַווענען. עס איז אויך באַוווּסט, אַז רעב כאַים קען אָנשרײַבן אַן אַדרעס אויף רוסיש און אַפֿילו אויף דײַטש. און ס'איז ניט באַוווּסט, אַז באַ איינעם אַ רײַכן איידעם נעמט ער אין דער שטיל אַ בוך אויף לייענען. אין געזונט איז רעב כאַים אַ שוואַכער, מיט די לונגען איז באַ אים ניט גוט. און דעריבער איז באַ אים שטאַרק דער פֿאַרלאַנג צו דערלעבן, ווען פֿון זײַן ייִנגל מענאַכעם זאָל אַרויס אַ טאַלק, אַ געבילדעטער.

— באַם ייִדישן געלערנטן? — האָט דער פֿאָרשער נאָכאַמאָל איבערגעפֿרעגט און זיך פֿאַרטראַכט. — אַ נאָענטער שאָכן? אַזוי...

אויף מאָרגן האָט מען דעם מעלאַמעד כאַים רובין אַרעסטירט.

פּאָליציי איז אַזוי זיכער געווען אין די רייד פֿון אַנטאָן מעקלעס, איר איז עס געווען אַזוי צום גוסט, איר איז עס אַזוי געפֿעלן געווען, אַז זי האָט גאָר שוין ניט געדאַרפֿט פֿעסטשטעלן, ניט קאָנטראָלירן. איידעס זײַנען פֿאַראַן. וואָס ווײַטער אָבער, האָט געגומען דוכטן, אַז ס'איז צו גלאַט. אויפֿן ערשטן בליק איז עס גוט אויסגעלייגט און צונויפֿגעפּירט, נאָר דאַפֿקע אָט די גלאַטקייט, וואָס געפֿעלט אין דער ערשטער מינוט, רופֿט שפּעטער אַרויס אַ כשאַד. און דאָ האָט נאָך געדאַרפֿט פֿאַסירן אַזוינס: אַנקע איז אַוועק פֿון אַזאַדקעוויטשן. זי האָט אים געוואָרפֿן און איז צוריק אַריבער אין הויז פֿון אירע געוועזענע באַלעבאַטים, וועלכע זיצן אין טורמע.

13

ביכלאַל האָבן אַזאַדקעוויטש מיט אַנקען אַ לענגערע צײַט געלעבט צווישן זיך גוט און שטיל. די איינציקע קריגערײַ צווישן זיי פֿלעגט פֿאָרקומען צוליב אירע געוועזענע באַלעבאַטים, די מישפּאָכע ראַקאָוויצקי. אַנקע איז יונג פֿאַרבליבן אַ קײַלעכדיקע יעסוימע. מיט שרעק אין האַרצן איז זי אַרײַנגעקומען דינען אין אַ ייִדישער מישפּאָכע. וואָס ווײַטער, איז זי געוואָרן אַלץ רויִקער, מער צוגעבונדן צו די באַלעבאַטים און זיך גענומען פֿילן, ווי אַן אייגענע. צו איר כאַסענע מיט אַזאַדקעוויטשן האָבן די ראַקאָוויצקיס איר געגעבן שיינע מאַטאָנעס. אַנקע איז צו זיי געווען אַזוי צוגעוווינט און צוגעבונדן, אַז נאָך דער כאַסענע פֿלעגט זי אָפֿט אַרײַנקומען צו זיי אין געסט. אַזאַדקעוויטש האָט עס ניט געקענט פֿאַרלײַדן.

אַנקע האָט געליבט אירע געוועזענע באַלעבאַטים, גוטע מענטשן, אָרנטלעכע. אַזאַדקעוויטשן האָט עס געקאָסט געזונט.

אַנקע האָט געליבט ייִדישע מײַכאָלים: האָמענטאַשן, פֿיש, מעד, מאַצע (זי איז גרייט געווען אַ גאַנץ יאָר כראָמטשען מאַצע). אַזאַדקעוויטש האָט זיך געזידלט.

— וואָס האָסטו, יאַקוב, צו ייִדן? וואָס טוען זיי דיר?

וואָלט אַנקע ניט געווען אַזוי יונג און שיין, אַזאַ פֿריילעכע און אַזאַ זינגערקע, וואָלט ער זי פֿאַר אַזוינע רייד געשלאָגן. ער פֿלעגט זי נאָר סטראַשען.

— ריר זיך נאָר, יאַקוב, צו מיר צו, גיי איך פֿון דיר אַוועק צו מײַנע באַלעבאַטים.

ער פֿלעגט פֿון אַזוינע ווערטער ווערן אויפֿגעקאָכט, אויפֿגערייצט און זיך צעשרײַען:

— איך וועל זיך מיט זיי אָפּרעכענען, מיט די פּאַרכאַטע... זיי האָבן דיר אַ קישעף אָפּגעטאָן.

און ער האָט זיך מיט זיי טאַקע אָפּגערעכנט, פאַרמאַסערט, אַז די מישפּאָכע ראַקאָוויצקי האָט געהאָלפן פיניע דעם אַגאַראָדניק פאַרנאַרן יאַדזשען.

אין שטוב בא די באַלעבאַטים זײַנען פאַרבליבן נאָר קינדער. אַנקע איז פאַר זיי אַ מאַמע. אַזאַדקעוויטש קומט מיט געשרייען זי רופן אהיים. זי גייט ניט.

לויט איר כאַראַקטער קען אַנקע ניט פאַרלײַדן קיין אוולעס. זי איז אַ גוטע, אַן אָפּריכטיקע. עס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן, ווען זי האָט געװוּסט פילן, אַז איר מאַן פירט זיך אויף ניט לײַטיש. דער קאַלבאַסניק וואַיצעך קומט אים אָנריידן אָף יידן. דערנאָך האָט זיך באַוויזן אַנטאָן מעקלעס. דער האָס צו אַ מעשומעד (זי פלעגט זאָגן — אַ מעשומעץ) איז בא איר פאַרבליבן פון די יאָרן, ווען זי האָט געלעבט אין דער יידישער מישפּאָכע. זי האָט וויפל מאָל גערעדט וועגן דעם מיט איר מאַן, גערעדט מיט גוטן, גערעדט אויך מיט בייזן. עס האָט ניט געהאָלפן. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז וויבאַלד דאָ איז פאַרמישט אַ „מעשומעץ״, קען קיין גוטס ניט אַרויס. און אַזוי האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזט: אַ בילבל אָף אירע באַלעבאַטים. זי קען עס יאַקובן ניט מויכל זײַן. דערבײַ האָט זי אַ טראַכט געטאָן: גוט, וואָס זי האָט נאָך קיין קינדער ניט.

אַזאַדקעוויטש קען עס אָבער ניט פאַרשווײַגן. ער איז געבליבן אָן אַ ווײַב, אָן אַ באַלעבאָסטע. און וואַיצעך דער קאַלבאַסניק מיטן פעטן אָנגעפרעסענעם קאַרק, פון וועמען עס שמעקן די זעלבע רייכעס, ווי פון זײַן קראָם — געררייכערט, געבראָטן און געקאָכט פלייש, טרוקענע וווּרשטן און געפּעקלטע צינגער, — טײַנעט צום שוסטער:

— ווי לאָזטו דײַן אַניען זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ יידישער שטוב? זי וועט דאָרט אײַנגאַנצן קאַליע ווערן.

און ביידע, יאַקוב אַזאַדקעוויטש מיט זײַן כאַוווער וואַיצעך קאַלבאַסניק, קומען מיט געשריי און טומל קלאַפּן אין די טירן און פענצטער פון ראַקאָוויצקיס דירע, פאָדערן, אַז אַנקע זאָל גיין צוריק צו איר מאַן. זיי שרײַען און קלאַפּן, אַזש די שויבן נעמען ציטערן. אין שטוב וויינען אין שרעק די קינדער. פאַרבײַגייער שטעלן זיך אָפּ. וואָס קומט דאָ פאָר?

— יידן האָבן בא אים (בא אַזאַדקעוויטשן) צוגענומען דאָס ווײַב. צוגענומען און ווילן ניט אָפּגעבן, — ענטפערט וואַיצעך.

— האָסט קיין האַרץ ניט און פאַרמאָגסט קיין שאַנדע ניט, — ענטפערט אַ פּוילישע שכיינע. — בא די ראַקאָוויצקיס אין שטוב זײַנען דאָך געבליבן נאָר קליינע קינדער. אָף וואָס דאַרפן זיי זײַן ווײַבער?

— קליינע זשידעס זײַנען אויך זשידעס, — ענטפערט ווידער וואַיצעך. — וואָס שווײַגסטו, יאַקוב? זעץ די שויבן!

איינער פון די פּוילישע שוסטערס, וואָס לאַכט אַלעמאָל פון אַזאַדקעוויטשן, ווען בא אים גייט אַראָפּ אַ שוך פון דער מאָס און ער באַשולדיקט אין דעם יידן, זאָגט מיט שפּאָט:

— דערצייל מיר, יאַקוב, וועמענס ווײַב ווילט איר ראַטעווען, דײַנע צי וואַיצעכס?

— מײַנע.

— איז וואָס עפּעס צווייען אָף איין ווײַב? ווער איז איר מאַן?

— טאַקע, טאַקע... ווער איז איר מאַן? — שרײַט מען פון אַלע זײַטן מיט געלעכטער, און מענטשן קלײַבן זיך אַלץ מער און מער.

דעם קאַלבאַסניק פאַרדריסט עס. ער גיט אַ כאַפּ יאַקובן פאַר דער האַנט:

— זעץ די שויבן, ברעך די טירן!

אין דער מינוט עפנט זיך די טיר, און אָף דער שוועל באַוויַזט זיך אַנקע, אַ בלאַסע, אַ בייזע, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט.

— ווער וויל ברעכן שויבן? — זי האָט אופגעהויבן דעם שטעקן אין דער לופט. — ווער?

— אָט אַ כוואַטסקע, אָט אַ יונאַטסקע! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— ווער וויל פאַרזוכן דעם שטעקן? — האָט אַנקע געפרעגט און געמאַכט אַ טראָט פאָרויס.

— גיב זיי איבערן קאָפּ! — האָט זיך אָפּגערופן די זעלבע פּוילישע שכיינע. — די ראַקאָוויצקיס האָבן זיי אומזיסט און אומגישט אַרײַנגעזעצט אין דער קאָזע, איצט ווילן זיי קליינע קינדער אומברענגען.

אַנקע האָט געמאַכט נאָך אַ טראָט פאָרויס און, אָנווײַזנדיק מיטן שטעקן אָף איר מאַן, געזאָגט:

— דורען טי, גלופיעץ... קומען פלעגט דער קאַלבאַסניק צו דיר, אָבער גלעטן פלעגט ער מיך וועלן...

נאָך די ווערטער איז געוואָרן א געלעכטער און א געשריי:

— הו, הו! ער האָט ליב קאַלבאַס און פרעמדע ווײַבער!

— און ייִדן האָט ער פײַנט, דער פאַן וואיצעך, ווײַל זיי קויפן בא אים קיין כאַזער ניט, — האָט דער פוילישער שוסטער צוגעגעבן, — אָבער קיין נאַר איז ער ניט, אזא שיין ווײַבל, ווי אנקע, געפעלט אים. האַ, יאַקוב, דײַן ווײַב געפעלט אים?

דאָ איז שוין אנקע צוגעגאַנגען נאָענט צו איר מאַן און געזאָגט:

— דו, יאַקוב, גיי אהיים. וועל איך וועלן — וועל איך צו דיר קומען. גיי אוועק מיט גוטן.

יאַקוב האָט שטיל געפאָלגט.

— און דו, שקורא שווינסקאַ, האָסט מיך געוואָלט גלעטן מיט דײַנע פעטע הענט, און איך וועל דיך גלעטן מיט א האַרטן שטעקן. — זי איז צו אים שנעל צוגעגאַנגען מיטן אופגעהויבענעם שטעקן אין דער האַנט. וואיצעך קאַלבאַסניק האָט געגומען אָפּטרעטן אף צוריק. קריגן א קלאַפּ פון א פרוי, פון א קאַביעטע, וועט דאָך אף אים פאַרבלײַבן א פלעק אפן גאַנצן לעבן. ער טרעט אלץ אף הינטער... און אנקע נאָך אים. און ארום פײַפט מען און מע שרײַט:

— מאָשעניק!

— זלאָדזשי!

— פיראַט!

— קליינע קינדער שרעקן. אָן א האַרץ, אָן געוויסן!

די ראַקאָוויצקיס האָבן עטלעכע מאָל געבעטן אַרויסרופן אלס איידעס אנקען, דעם שוסטער אזאַדקעוויטשעס פרוי. זי קען זיי, זי ווייסט זיי. פּאָליציי האָט צוגעזאָגט זי אַרויסרופן, נאָר לייגט עס אָפּ פון טאָג צו טאָג.

פאַרשיידענע נײַסן פאַרשפּרייטן זיך ביסלעכווײַז איבער דער שטאָט. די ארעסטירטע טײַנען איינס: זיי זײַנען ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן. יאַדזעס מישפּאָכע־לײַט לייקענען, אז זיי האָבן עפּעס א שולד אף זיך. פאַראַן אָבער איידעס, וואָס באַשטעטיקן, אז פיניע מיט דער הילף פון זעליקן און פינכעסן האָבן פאַרנאַרט יאַדזען און זי אומגעבראַכט. פאַראַן איידעס, וואָס שווערן, אז די יאַדזיע, וואָס לעבט, איז ניט מאַרישעס טאָכטער, נאָר רוזשעס. און ווידער זײַנען געקומען נײַע איידעס און דערציילן, אז אין דאָרף איז געוועזן א יעסוימע יאַדזע, וואָס איז נעלעם געוואָרן. צי איז עס ניט די זעלבע, וואָס גיט זיך אַרויס פאַר מאַרישעס טאָכטער? אלע טאָג אַנדערע נײַס. אנטאָן מעקלעס דרעמלט ניט.

(סאָף קומט)

נײַע לידער

אין נומ. 9 פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פארן פאַריקן יאָר האָבן מיר פאַרעפנטלעכט לידער פון פיר דיכטער, וועלכע האָבן איבער פאַרשיידענע פערזענלעכע סיבעס זיך ניט געדרוקט אין מעשעך פון פיל יאָרן און איצט האָט דער זשורנאַל, אַזוי צו זאָגן, זיי ווידער אופגערופן צו דער ליטעראַרישער שאַפונג.

געדעכט זײַנען יענע לייענער, וואָס האָבן אין זייערע בריוו אין רעדאַקציע אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז מיט דער ערשטער פובליקאַציע אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נאָך אַזאַ היפשן איבעררײַס, האָבן באָריס מאַגילנער, כאַים גורעוויטש, עליעביידער, ליפע העלער דערווייַל נאָך בלויז געמאָלדן וועגן זיך, און עס שטייט זיי פאָר אַן ערנסטער אויספּרווו, ווען זיי וועלן אָנהייבן רעגולער צו פאַרעפנטלעכן זייערע נײַע ווערק.

הײַנט טרעט אַרויס מיט נײַע לידער באָריס מאַגילנער.

פונעם ציקל „איך שמועס מיט מײַן זון וועגן דעם גרויסן קריג"

דורך אמבראַזורעס

ביז שפּאַלטן צוויי די אויגן איך פאַרזשמורע —
און כ'זע דעם קריג, ווי דורך אַן אמבראַזורע.

אַ נעפּל האָט די פראָנט־וועגן פאַרצויגן —
כ'דאַרף עפּענען באַם זון אויף זיי די אויגן.

און גלייבן וויל איך: פּונקט ווי מיר, זיי וועלן
אים עפּשער העלפן אויף די פיס זיך שטעלן.

די טאַטשקע אינעם האַרצן סקריפּעט

די טאַטשקע מיט די הויכע רעדער —
איך זע זי ווו איך שטיי און גיי —
מיט בעבעכעס מיט קאַלעהליי:
אַן איבערבעט, אַ קאָלדרע, אונטער זיי
אַן אַלטער קאָרב (אין אים די באָבע ווייסט אַ טאָלק),
פון דאָרטן שטעקן מעשענע צוויי לײַכטער.
מיט שטריקלעך פעסט געבונדן איז דאָס רײַכטום, —
און אײַנגעשפּאַנט אין אָט דער טאַטשקע, שלעפּט זיך אַ פאַרפאָלק.

צוויי מענטשן קווארע, בידעריטשקע, אַלטע,
פאַרשפּיצטע נעזער, אויגן, פול מיט ווי.
די האָר באַ ביידן ווײַסער נאָך פון שניי.
פון וועלכע שפּאַנען זיי יאָרידן?
ווי קומען זיי אהער לעם סאַמע פײַער?
ס'איז די סאַקאָנע גרויס דאָ אומגעהײַער.
אַ נעס, וווהין עס שפּאַרן אָן די ייִדן...

ס׳איז יול נײַן הונדערט צוויי און פערציק.
דעם סוינעס כאַיל — באַם ראַסטאָווער שליאַך
מיט טאַנקען־טשערעדעס א סאַך.
ער רײַסט זיך פון דער הויט די שטאָט פּאַרכאַפּן.
און מיר, א צענדליק קאָמאַנדירן,
האַרמאַטן אונדזערע מיר פירן
אַנטקעגן אים — מע דאַרף דעם פײַנט צעקלאַפּן.

געראָטן אין מײַן טאַטע־מאַמע
די אַלטע זײַנען, האָט זיך מיר געדאַכט.
פאַר זיי געגאַנגען כ׳בין אין שלאַכט —
דעם פײַנט פון אָט דער ערד פאַרטרײַבן,
מיט אַלע קויכעס שלאָגן אים און שטיקן,
זײַן פאַנצערהויט צעפליקן —
די אַלטע זאָלן לעבן בלײַבן.

עס האָבן אונדזערע סאָלדאַטן
געראַטעוועט דאָס גאַנצע פאָלק.
איך האָף: מיט אַלעמען — אויך דאָס פאַרפאָלק.
נאָר ס׳הערט ניט אויף די טאַטשקע אין מײַן האַרץ צו סקריפּען.
די רעדער אירע דרייען זיך און דרייען,
די אַלטע ביידע גייען דאָרט אינצווייען
און שעפּטשען עפּעס מיט די בלאַסע ליפּן.

אזוי אויך הײַנט

כ׳וועל ביז דעם סאַמע לעצטן טאָג געדענקען —
מיר טרעטן אָפּ. און אָט איז שוין דער דאָן. ס׳איז שפּעט.
עס פרעגט אַן אַלטיטשקע, וואָס העלפט דאָס העמד מיר שווענקען:
„פאַרוואָס דעם סוינע גיט איר אָפּ די שטעט?״

פאַרוואָס?
איך האָב די ליפּ פאַרביסן.
אין מאַרליע בלוטיקער פאַרוויקלט איז מײַן קאָפּ.
דער סוינע האָט מיט מינעס אונדז געשמיסן.
מיר טרעטן אָפּ.
מיר טרעטן ווידער אָפּ.

די ווונדן, דוכט זיך, וועלן אייביק וויי טאָן,
זיי וואַלגערן פאַראַקשנט פון די פיס
און בינדן צו דער ערד צו, ווי מיט קייטן.
כ׳פאַרפרעס די ציין.
א ריס אין האַרץ,
א ריס.

אַף זיך אַליין מע וואָלט געקאָנט זיך קלאָגן
און זידלען זיך אַליין אין טאַטנס טאַטן אַרײַן,
נאָר ס׳איז איין כויוו געווען — דעם סוינע שלאָגן,
באַצאָלן אים פאַר אונדזער וויי און פּײַן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אזוי אויך הײַנט, ווען ס׳גלוסט זיך מוסער זאָגן,
כ׳פאַרבײַס די צונג, ביזוואַנען ס׳איז ניט שפּעט:
מיט פלאַפּלערײַ דעם פײַנט מיר וואָלטן דעמלט ניט פאַריאָגן,
מיט ווערטער וואָלטן מיר ניט אויסגעלייזט די שטעט.

דער אײן־און־אײנציקער ענטפער

כ׳בין אויך, ווי דו אצינד, געוועזן אנטוישט,
וואָס ס׳איז דער סוינע צו די בערג דערקראָכן
און האָט דערהערט, ווי אונדזער טערעק רוישט.
דאָס איז געוועזן זײַן לעצטער שוין ניצאָכן,
מיר האָבן אים דעם רוקן דאָרט געבראָכן.

כ׳בין אויך, ווי דו אצינד, געוואָרן בייז,
און ניט אף עמעצן, צוערשט אף זיך אליין נאָר:
דער שלאַכט געשענקט כ׳האָב ווייניק בלוט און שווייס,
נאָר ס׳וועט פאַר מיר געוויס דאָך קיינער, קיינער
ניט ברעכן בא דעם פײַנט די ביינער.

כ׳האָב אויך, ווי דו אצינד, געגלויבט,
אז כ׳האָב ביז דאַן זיך גאָר ניט שלעכט געשלאָגן.
ניט איין מאָל האָט מען מיך געלויבט.
נאָר ס׳קומט א צײַט, און אלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן,
צו דעם מיזבייעך פון דעם זיג מיר טראָגן.

ווי דו, איך ווייס: אויב קומען וועט די ווײַל
פון דער געפאַר, וואָס שווארצע קויכעס וועבן
און וואָס זי זעט נאָך אויס גאַנץ ווײַט דערווײַל,
ווען אויסקלײַבן וועסט מוזן — פאָטערלאַנד צי לעבן,
אן ענטפער זיך אן איין־און־איינציקן וועסט געבן.

גיב נאָר א רוף

צעשיידן זיך מיט דיר? איך ציטער.
ניט בלויז מײַן ווייטעק דראָ׳ט מיר — אויך מײַן שרעק.
זאָל זײַן אזוי. איך פאָלג דיך. כ׳וועל אוועק...
נאָר ווער וועט דיך באַשיצן אין געוויטער?

נאָר ווער וועט אין א פראָסט א שטעכיק־האַרטן
דיך אָפּזוכן אין דעם פאַרשנייטן פעלד,
זאָלסט ניט פאַרפרוירן ווערן אין דער קעלט,
דו — איינציקע, פאַרבלאָנדזעטע, געגאַרטע?

נאָר ווער אף זיך וועט אופנעמען די סינע,
וואָס קעגן דיר איז דראָענדיק געצילט?
נאָר ווער וועט אָפּטרײַבן דעם הונט, וואָס בילט?
און ווער וועט אָן שום לוין דיר דינען?

פון שלאָף ניט פריִער, ווי מע דאַרף, דיך וועקן
און אָנפּאָיען א קראַנקע דיך מיט טיי?
און אין די האָר דײַנע ניט זען דעם שניי?
און דיך פון אלע אומגליקן פאַרדעקן?

נו, גוט. אף זיך אליין דו ווילסט זיך שוין פאַרלאָזן...
נאָר אויב, כאָלילע, ס׳וועט דיר ווערן שווער,
געדענק:
איך וואַרט, כ׳בין גרייט, איך הער —
גיב נאָר א רוף, —
און איך וועל גלײַך שוין דאָ־זײַן.

פונעם ציקל „ליבע־לידער״

ל ײ ד א ו ן פ ר ײ ד

די ערשטע ווונד אין הארץ
האָב איך פון דיר באקומען
מיט יאָרנלאַנג צוריק,
נאָך קינדערהייט...

נאָר איך פאַרגעס דיך ניט,
ווײַזט אויס, ווײַל כ׳האָב גענומען
בא דיר אין הארץ
אויך ערשטע ליבע־פרייד.

כ׳ ו ײ ס נ י ט

כ׳האָב דעמלט ניט געוווּסט,
ס׳איז איצט ניט קלאָר נאָך:
צי ביסט אוועק פון מיר,

צי ביסט אוועקגעפאָרן,
אוועקגעשווומען פּאַשעט זייער ווײַט...
און נאָכדעם האָט שוין אירס געטאָן די צײַט.

ז ײַ כ אָ ט ש א פ ר ײַ נ ט

כ׳טאָר דיך ניט האָבן ליב.
כ׳קאָן דיך ניט האָבן פײַנט.
כ׳בעט דיך, די האנט דײַנע גיב,
זײַ כאָטש א פרײַנט.

דארפסט ניט...

ביסט עפשער גערעכט.
אײַלסט זיך פארמאכן די טיר.

כאַפּ ניט:
קיין בעסערן קנעכט
גרייט ניט דער גוירל פאר דיר.

ב ע ס ע ר ז י ך ש ײ ד ן

ווילסט מיך ניט וויסן?
דארפסט מיך ניט זען?
דער בונד איז צעריסן?
וואָס איז געשען?

מער ניט געפעלן?
די בריקן פארברענט?

וואָס פארא שוועלן
אונדז האָבן פארפרעמדט?

בעסער זיך שיידן.
זיך בעסער צעגיין.
גרינגער פארביידן —
בלײַבן אליין.

כאַסקל טשאַבאַטשניקאָוו

עלטשיק

פּונקט ווי אַלע זומער, איז אויך האַיאָר דער קינדער־היים אַרויסגעפאָרן אַף דאַטשע. מיט דער עלעקטרי־טשקע כאַפּט עס, אומגעפער, אַ האַלבע שאָ פאַרעכץ, דערנאָך קומט אויס גיין צופוס גאַנץ ווײַט, ביז מע קומט אָן צו די זומער־געבײַדעס.

ס'איז טאַקע, ווי מע זאָגט, — פאָלג מיך אַ גאַנג.

אינדערינען ליגט אָבער אויך אַ מײַלע: קיינער פון די דערוואַקסענע רײַסט זיך ניט אין שטאָט אַרײַן. דעם פּערסאָ־נאַל טרעפט מען טאָמיד אַפן אָרט, מע דאַרף ניט זוכן קיינעם פון די דערציִערנס, ווי עס מאַכט זיך אָפט אין שטאָט. בא דער באַלעבאָסטע, סאָפע פּאַוולאָוונע, מעג דאָס האַרץ זײַן רויִק. נו, און פון קאָלערליי קאָמיסיעס איז מען אויך אָפגע־שיידט. בלײַבט דאָס איקערדיקע און טאָכיקע — כעוורע פלעצל זאָל קרעפטיקן דאָס געזונט און זײַן שטאַרקער פון הרעטשענער קאַשע.

ניט מיט קיין איבעריקן ביישעק, אַפילע אינעם פרײַען טאָג, זונטיק, לאָזט מען זיך אַף דער קינדערהיים־דאַטשע. זעלטן ווען כאַפּן זיך אַראָפּ אהער שעפן, און אַז עס קומען שוין יאָ אַ פּאָר קאָמסאָמאָלצעס, אַן עלטערער כאַווער פון די פּאַבקאָם־גדוילים, אײַלט מען זיך אַלץ — אָקאָרשט געקומען, קיין רעכטן גוטמאָרגן ניט אָפּגעגעבן, און מע וואַרפט שוין אַן אויג אַף צוריק.

דער קינדערהיים נייטיקט זיך ניט אין קיין באַזוכער אַף אָפּצוקומען. צוליב וואָס די טירכע? אָבער, צוריקגערעדט, קאָן מען אַף די געסט קיין פאַריבל ניט האָבן. באַרעכנט נאָר, שלעפּן זיך צופוס אַזאַ ווײַטן וועג, אַרויסשלאָגן זיך פון די קויכעס, וועד וויל עס נעמען אַף זיך אַזאַ פּעקל, שוין אָפּגערעדט פון פּאַטערן ווייסעך וויפל צײַט. אַוואַדע וואָלט גלײַכער געווען, אַז די שוך־פאַבריק זאָל אויסטיילן אַן אַווטאָמאַשין צוליב אַזעלכע צוועקן. האַלט איר שוין יאָ שעפּטום איבערן קינדערהיים, איז וויִאַזוי פאַרזעט מען אַזאַ נייטיקע זאַך ווי טראַנס־פּאָרט? איר וועט מיט דעם, טײַערע שעפן, קיין סאַך ניט פאַרלירן. צוליב וואָס, פרעגט זיך, זאָלן מענטשן זיך מאַטערן?

אָ, גאָר אַנדערש איז אין שטאָט. דאָרט איז מען אין קיין געסט ניט זשעדנע. די טיר מאַכט זיך קיינמאָל ניט צו — דער אַרײַן און יענער אַרויס. באַזונדערס איז ראַשיק ערעוו דעם אַרויסגאַנג־טאָג, שאַבעס. אין דעם טאָג זײַנען אַלע פאַרטאָן ביז איבער די אויערן. שאַבעס, ווייסט מען וויל, זײַנען אַלע דערצויגלינגען, פון גרויס ביז קליין, פאַרהאַוועט. עס קערט זיך די וועלט. מע האַלט אין איין רייניקן, ראַמען, שײַערן, און ערשט פאַרנאַכט הייבט זיך אָן אַ סעדרע פון צוואָגן און באָדן זיך, אַלע געדענקען גוט — ריינקײַט היט אָפּ דאָס געזונט.

סאָף טאָג פינקלט און שימערט אין יעדער ווינקעלע. פאַרנאַכט ברענט די שײַן מיט גאָר אַן אַנדער ליכט, דער סופּיט שטייט עפּעס העכער, אַנדערשער לויכטן די קרישטאָל־הענגלעך פון דער בליאַסקענדיקער ליוסטרע.

דער קינדערהיים פאַרמאָגט בעעמעס אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ. כוץ די פּילצאָליקע גרויסאַר־טיקע צימערן, איז דאָ אויך פאַראַן אַן אויסגעצירט זאַלכל מיט אַ קלייניטשקער בינע — ווי

אין א מיניאַטיור-טעאַטער. אינעם דאָזיקן געמיטלעכן צושויער-זאַלכל ווערן דורכגעפירט קאָלערליי יאַמטויווים.

אין שטאָט פילט מען אומפּאַרגלײַכלעך מער דעם ארויסגאַנג-טאָג, ווי אף דער דאַטשע. געסט הייבן אָן קומען אינעם שטאַטישן מויערל שוין פון אינדערפרי, עס קומען אהער נאָענטע און ווײַטע קרויווים, שול-כאַווירים, קינדער פון אנדערע קינדערהיימען, פּעדאַגאָגן, אַקטיווע קאָמסאָמאָלצעס און דעריקער פאַרשטייער פון דער אונטערנעמונג גופע, וועלכע האַלט איבערן קינדערהיים שעפטום. די געסט ווערן צו יעדער צײַט אופגענומען מיט גרויס קאָוועד.

צווישן די שעפן האָט זיך אויסגעטיילט איינער אַן אַרבעטער, א באַכער אין די יאָרן, אָבער צו א שעמעוודיקער. ער פלעגט אָפּטער פון אנדערע באַזוכן דעם קינדערהיים. זײַנע שטילע אַניוועס, דאָס האַלטן זיך אין א זײַט, ווי א שאָטן בא דער וואַנט, איז שוין געווען עפּשער איבעריק. זײַן ברוין אָפּגעצויגן פּאָנעם הילט זיך שטענדיק ווי אין שאָטן. א ביסל מאָדנע זעט אויס דעם באַכערס אראָפּכאַפּן זיך אומבאַמערקט צו די קינדער סײַ אין שטאָט און סײַ אהער, אף דער זומער-ווױנונג. גאָר אומדערוואַרט, ווי עפּעס דערעך-אַגעוו, שטעלט ער זיך אַרײַן, פּראַסטלעך געקליידט, מיט א שווער רענצעלע אינסטרומענטן. ער זוכט, נישטערט, קלעטערט ארום, גלײַך ווי מע וואָלט אים געשיקט אהער פון א רעמאָנט-קאָנטאָר. ער פרעגט גאָר בא קיינעם ניט, צי דאַרף מען עפּעס פאַריכטן, רעמאָנטירן. אָט פאַלט אים, לעמאָשל, אײַן איבערצוציִען די עלעקטרע-לייטונג אין שפּיל-צימער, נעמט ער און ציט איבער. פון צײַט-צו-צײַט רעגולירט ער אויס די ראַדיאָלע, דעם טעלעוויזאָר.

דער שווײַגער, ווי איר קוקט אים אָן, איז בעפּיירעש א בעריע. מעג דאָס שטיקל אַרבעט האָבן צו טאָן מיט שלאָסערײַ, סטאָליערײַ, אפילע מיט בוי-אַרבעט. זײַנע גענייטע הענט באַוועגן זיך שטענדיק גרינג און מיט פאַרשטאַנד. אָט האָט מען דאָ ניט לאַנג באַדאַרפט שטעלן אן אײַזערנעם באַק פאַרן דוש — ס'א גאַנץ שווער שטיקל אַרבעט; עמעס, די עלטערע קינדער האָבן צוגעהאָלפן אופהייבן דעם קעסל אין דער הייך אף די אַרײַנגעשלאָגענע סלופעס. די גאַנצע אָפּעראַציע איז אָפּגעטאָן געוואָרן שא-שטיל, אָן טומל. מיינען מיינט מען, אַז דער יונגערמאַן איז דאָ אף דער דאַטשע א צוגעדונגענער. ניט אַלע קינדער האָבן אפילע געווּסט, אַז דער טונקעלער ווּקסיקער באַכער איז אויך איינער פון די שעפן.

גערופן האָט מען דעם שווײַגנדיקן כעוורעמאַן עלטשיק. אייניקע האָבן שוין אליין איבערגעלייגט זײַן נאָמען אף אילושע. די דערציִערנס האָבן אים גערופן פאַרצויגן: אילושינקע...

גראָד מיט די דערוואַקסענע פאַרהאַלט זיך עלטשיק א ביסל שעמעוודיק. מייניסטנס שווײַגט ער. אים גייט ווייניק אָן זייער צוגעלאָזנקײַט.

— אילושינקע, טײַערינקער, ווילינקער, ליבינקער, — קײַנדלט זיך די בלאָנדע דערציִערין אירינע מיראָנאָוונע, — אַז איר וועט זיך אומקערן אין שטאָט, זײַט אַזויפיל גוט און כאַפּט זיך אַרײַן צו מיר אין שטוב. אָט האָט איר מײַן אַדרעס, אילושינקע. עפּעס איז געשען מיטן אײַז-קעלטער. איך ווייס, אילושינקע, ווי נאָר איר וועט זיך א פאָרקע טאָן מיט אײַערע קישעף-הענט, וועט דער אַפּאַראַט צוריק לעבעדיק ווערן.

עלטשיק מײַדט אויס די אַלע פאַלשע לויבענישן, זיי זײַנען אים לאַכלוטן פרעמד. די לאַקריץ-זיסע ריידעלעך קלעפּן זיך צו אים, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט — אין איין אויער אַרײַן, אינעם צווייטן אַרויס.

וואָס איז דאָ צו ריידן, עלטשיק וועט זיך סטאַרען אויספּילן די באַקאָשע פון דער דערציִערין. אוודע האָט ער א שטיקל אַנונג. דער אײַז-קעלטער אירער וועט געבראַכט ווערן אין אָרדענונג.

גאָר היימיש טוט אירינע מיראָנאָוונע א כאַפּ דעם באַכער אָרום און שענקט אים א געשמאַקן קוש.

— אילײַשינקע, דושינקע, אָט האָסטו דערוויל אן אוואַנס, — רופט זי פריילעך אויס אף א קאָל, — עמעסער מאַהאַריטש וועט זײַן דערנאָך.

טאַקע נאָר אף א ווײַלע האָט זיך עלטשיק עטוואָס פאַרלוירן. ס'א ביליקער קוש. ווער ניט ניספּאָעל... אירינע מיראָנאָוונע וועט א ליאַדן דורכגייער, וואָס טוט פאַר איר א געפעליקײַט, באַלוינען מיט אַזעלכע קושן...

אָך, יאָ, דערמאָנט ער זיך, די שפּײַז-קאַמער איז אין א קלאָגעדיקן צושטאַנד. עס פעלן דאָרט אויס פאָלקעס, שאַפקעלעך. מע טאָר אויך ניט לאָזן אף העפקער די אײַנראַמיקע פענצטער. זיי זײַנען אָן גראַטעס. אין דעם נאָענטסטן מיטוואָך איז עלטשיק געקומען אף דאַטשע מיט נאָך איינעם א יונג ראַב באַכערל, בא וועמען די פעטע קלײַען זײַנען נאָך ניט אײַנגאַנצן אראָפּ פון די ייִנגלשע פוכלע בעקלעך. דאָס ייִנגל, אויך פון דער זעלבער שוך-פאַבריק, האָט זיך אהער דערקליבן אף א לאַסטמאַשין, געבראַכט מיט זיך געטעסעטע ברעטער, גרייטע פאַ-

לירטע קאַרבן, קאַלערליי לײַסטלעך און פּלינטוסן, אײַזערנע גראַטעס פאַר די צוויי קוואַד־ראַטע פענצטערלעך — און גלײַך געשטעלט זיך מיט עלטשיקן צו דער אַרבעט. פאַר דער קורצער זומער־נאַכט איז די שפּײַז־קאַמער בײַ די כּעוורע געוואָרן פאַרטיק. זיי האָבן באַוואָרנט יעטווידער קלייניקײַט. די טיר באַליגט מיט ווײַסן צינק. ווען מע פאַרבט נאָך אָפּ דעם דיל, וואָלט די שפּײַז־קאַמער געוואָרן גאָר אַן אַנטיק. נישקאָשע, עלטשיק וועט דאָס אויך אָף לאַנג ניט אָפּלייגן.

...אַז אין דעם מוז שטעקן עפּעס אַ סאָד, איז קיין סאָפעק ניט געווען. נאָר ווער קאָן וויסן, וואָס דער כעווריעמאַן טראָגט אין זיך באַהאַלטן?

דערווײַל שטייט ניט די צײַט. טעג און וואָכן גייען אומבאַמערקט מיט זייער געקייטלטן גאַנג. זוניקע טעג קומען אָן פאַרסאַרפּעטע און גייען פּאַמעלעך אַוועק. שטורמישע געוויטער־רעגנס ברעכן אויס, מיט האַסטיקײַט טראָגן זיך דורך שטויביקע ווינטן — ווי קאָן דען גע־מאָלט זײַן אַנדערש? ס'איז דאָך סאַמע אינמיטן רעכטן זומער!

עלטשיקס אָפּטע באַזוכן די קינדער־דאַטשע איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ פּאַשעטע זאַך. אָן איבעריקע צערעמאָניעס קומט ער אַהער ווי אַ היימישער מענטש. די קינדער זײַנען מיט דער צײַט צו אים צוגעוווינט געוואָרן. דער פאַבריק־יונג טראָגט מיט זיך שטענדיק דאָס שווע־רע רענצעלע מיט קאַלערליי אינסטרומענטן — פון אַן איינפאַכער אָפּצווענגע ביז אַ האַנט־באָר־מאַשין. עלטשיק אַליין האָט זיך דאָ געפילט ווי אַן אופזעער איבער דער צעוואָרפענער באַלעבאַטישקײַט. אַרבעט, דאַנקען גאָט, קלעקט. די אַלטע הילצערנע געבײַדע שטעלט אים ווינציק וואָס צופרידן. פאַראַן אַ צווייטער קאָרפּוס, אַנטקעגניבער, אַ מער באַקוועמערער, וואָס וואָלט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן, אויב מע זאָל נאָר וועלן, אין אַ מין ווינטער־סאַנא־טאָריע פאַר שוואַכע קינדער. אָבער דאָרט, אין יענעם מויערל, וואָס קוקט אָף די איבעריקע הײַזער גרויסהאַלטעריש, איז פונדעסטוועגן נייטיק באַצײַטנס מאַכן דעם געהעריקן רעמאָנט. עלטשיקן דאַכט זיך, אַז אין אַזאַ סאָרט סאַנאַטאָריע נייטיקט זיך דאָס שוואַכינקע ייִנגל פּראַמיק...

עס טרעפט, ווען עלטשיק פאַרגייט אין נאָענטן וועלדל, אַהין, וווּ אַ הײַפל קינדער פירן אַ שפּיל אָדער פאַרווײַלן זיך אַליין אָן דער אויפזיכט פון עלטערע, דעמלט מאַכט ער אַן אָנ־שטעל, אַז ער האָט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אַהער, נאָר ווען ער פילט, אַז קיינער איז אים אין גאַרנישט כוישעד, פאַרטײַעט ער זיך אין שאָטן אונטער אַ בוים, ווײַטלעך פונעם האַר־מידער, וואַרפט פאַרזיכטיקע בליקן צום פריילעך־רוישיקן אוילעם. מיט ברייט צעעפנטע זשעדנע אויגן שלינגט ער דעם קינדערישן געפּילדער. די דאָזיקע מינוטן פון אונטערקוקן פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן.

קוקנדיק אָפּן מאָגערן, בלייכן יאַטל, וועלכן מע רופט פּראַמיק, זעט ער אַ באַליידיקט אָנגעכמורעט פּנעמל. דאָס ייִנגל ווערט אָפּגעשטויסן פון דער פריילעכער קאָמפּאַניע — איינער טוט אַ שטויס, דער צווייטער אַ שלעפּ פאַרן אָרעם, דעמלט צינדט זיך אין עלטשיקן אָן אַ פײַער. די לענגלעכע טונקעלע באַקן ווערן ווי מיט בלוט פאַרצויגן און אין די אויגן פינקלען בייזע אופגעלויכטענע פונקען. עס פאַרדריסט אים ביז ווייטעק, לעמײַ די פאַר־שמײַעט־צעטראָגענע אירינע מיראָנאָוונע לייגט ווינציק אַכט אָפּן ייִנגל... עס קימערט זי ניט, וואָס דער באַרויגעז געוואָרענער פּראַמיק האָט זיך מיט אַ שווער הארץ אָפּגעקערעוועט פון זײַנע כאַווײרים און איינער אַליין געלאָזט זיך אָן אומעטיקער מיטן שמאָלן אויסגעטראָטע־נעם שטעגל אָף דער דאַטשע. גוט, וואָס אַ צווייט יאַטל, זעט אויס אַ מער בראַווער, האָט שנעל אָנגעיאָגט דעם פאַרומערטן פּראַמיקן, געטרײַ אַרופגעלייגט דאָס הענטל אָף זײַן נאַקן און אים איבערגערעדט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דאָס בראַווע יאַטל האָט שוין גע־פירט צוריק פּראַמיקן.

פאַרוואָס באַמערקט ניט עלטשיק, ווען אַ צווייט קינד ווערט געקריוודעט? צי האַלט ער ניט דעם קליינעם פּראַמיקן צופיל אין אויג?.. דאָס שוואַכע ייִנגל איז אים שטאַרק אײַנגעבאַקן אין האַרצן. עלטשיק קאָן זיך אַליין ניט דערקלערן פאַרוואָס. אַגעוו האָט עלטשיק וועגן דעם קיינעם ניט געגעבן אָנצוהערן אַפילע מיט קיין וואָרט. נאָר פאַרוואָס איז עפּעס געפאַלן זײַן אויסוואַל גראָדע אָף פּראַמיקן? דאָס דאָזיקע ייִנגל איז ניט שענער און ניט קליגער פון די איבעריקע קינדער. מיט וואָס זשע האָט ער פאַרט אויסגענומען בײַ עלטשיקן?

ווען עלטשיק איז געקומען דאָס ערשטע מאָל אין קינדערהיים, האָט אים די טיר געעפנט פּראַמיק. אַ מאָדנער אומרו איז געלעגן אויסגעגאָסן אָף זײַן צאַרט פּנעמל. אַן אויסדרוק פון בענקעניש האָט זיך פאַרקליבן אין זײַנע טריבע קינדערשע אויגן.

— דיאַדענקע, וועמען ווילט איר זען? — האָט פּראַמיק געפרעגט, נאָך איידער דער גאַסט איז איבערגעטראָטן די שוועל.

זייער פאַרלוירן, ווי עס געדענקט זיך, איז עלטשיק געבליבן שטיין פאַרן נײַגעריקן ייִנגל.

— מע האָט מיך געשיקט פון דער שוך־פאַבריק... איך בין געקומען צו אײַך אין קינדער־היים צו אַלע קינדער און צו דיר אויך...

— אונדזער שעף, הייסט עס? — דערפרייט זיך פראַמיק.

— זאָל זײַן אַזוי, אײַער שעף, — גיט נאָך עלטשיק. — און אַצינד וויז מיר, טײַערער מײַנער, דעם פיזיש־כימישן קאַבינעט. דאַ, אינעם רענצל, האָב איך געבראַכט פאַר־אײַערטוועגן שטאַטיוון, קאָלערליי מעכאַניזמען און אויך א קליינינק ביז גאָר טשיקאַווע דינאַמאָ־מאַשינדל.

— טאַקע אַן עמעסדיקע דינאַמאָ־מאַשין?

עלטשיק האָט שמייכלענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי א גוטמוטיקער פעטער, וואָס איז געקומען צו זײַנעם א ליבן פלעמעניק מיט א נײַיאָר־מאַטאַנע.

— נאָך א מין עמעסדיקע, די דינאַמיקע פאַרמאָגט אין זיך מער קראַפט, ווי א לעבעדיק לאָשעקל.

דאָס ייִנגל האָט ער אָבער זייער גיך פאַרלוירן פון אויג. א סאך קינדער זײַנען געשטאַנען אַרום די פּריש־געהובלעוועטע טישלעך אין דער נײַער לאַבאָראַטאָריע, נאָר דאָס יאַטל האָט ער ניט געקאָנט געפינען צווישן זיי. אין זײַן זיקאָרן איז אין יענעם טאָג געבליבן בלויז א פּאָר טריבע אויסגעבענקטע אויגן, וועלכע האָבן שטום עפּעס געמאָנט.

דער אַלט־שוואַכער זיידע, יעשוע־בער, וואָס האָט אָפּגעלעבט א לאַנג שווער לעבן, א זאָקן איבער די שמונים, שטאַרקט זיך נאָך אַלץ און וויל דערלעבן נאַכעס אין עלטשיקן.

— וויפל מײַנסטו, — זאָגט ער, — קאָן איך נאָך ציִען? אמער נעם און האָב כאַסענע, פּאַטער אַן אייסעק. וואָס פאַר א פּאָנעם האָט עס, פּרעג איך, דאָס אַרומדרייען זיך פּוסט־און־פּאַס? וואָסי, קענסט, כאָלילע, קיין ווײַב ניט פּאַהאַדעווען?

גערעכטע טײַנעס.

אַף וויפל עלטשיק איז שוין בעמיילע א פאַרזעסענער באָכער, איז שוין איצט ניט שײַעך צו כאַפּן זיך. ווען אַלע באָכערים זאָלן אַזוי לאַנג קלערן און באַטראַכטן ווי עלטשיק, וואָלט מיסטאָמע קיינער אַף דער וועלט ניט כאַסענע געהאַט.

א סוואַרע, אַז זײַן אַנטוישונג האָט געהאַט אונטער זיך א גרונט.

אַוואַדע איז געווען א צײַט, ווי בא יעדן יונגן באָכער, ווען עלטשיק האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט א פלאַמיק האַרץ, א דערהויבענער, א גליקלעכער און א פאַרליבטער. געוויס האָט ער פאַרגעטערט דאָס וווּנדערלעכע מיידל זײַנס, א פאַרכאָלעמטער געזען זי אַרומשוועבן צווישן די וואָלקנס. ער האָט געשריבן פלאַמיקע בריוועלעך פון דער אַרמיי איין מאָל אין צוויי טעג, נאָר ווען ער האָט זיך אומגעקערט, איז זי שוין געווען א פאַרקנאַסטע... לאַנג האָט ער געטראָגן די ווונד אין האַרצן. צו אַנדערע מיידלעך איז אים דאָס האַרץ ניט געלעגן — דער באָכער האָט זיך קיינמאָל ניט געריכט, אַז מע קאָן אַזוי פּאַשעט און געמיין אוועקרויבן זײַן גליק.

פון דעמלט אָן האָט עלטשיק געגעבן א נײַדער... און בין אָהער אים ניט געבראָכן. עמעס, די לעצטע צײַט לאָזט אים דער זיידע, יעשוע־בער, ניט צורו:

— עלטשיק, געדענק, זאָלסט זיך ניט אַרומקוקן צו שפּעט.

דער קראַנקער זאָקן האָט זיך לעצטנס אַף אים אָנגעזעצט ניט אַף קאַטאָוועס:

— אַזעלכע זאַכן, עלטשיק, פאַרלאָזט מען ניט אין דער לאַנגער באַנק. איך וויל נאָך דערלעבן זען אַן אוריינִיקל, הערסט?

אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן ווײַזן מאָדנע ברוים, אָפּגעקראָכענע פרויען און מאַנצבלען. אַלע ווילן זיי רעדן מיטן איבערגעוואַקסענעם באָכער אויג־אַף־אויג, יעדערער באַזונדער קומט מיט זײַן בינטל סכוירע... פונוואַנען דער זיידע האָט זיי אויסגעגראָבן, ווייסט איין גאָט אין הימל.

איינמאָל פאַר אַלעמאָל, דער יונגאַטש לאָזט זיך ניט בייגן. ער וויל ניט הערן און ניט וויסן פון קיינע שום קאָלעס — ער האַלט ניט בא כאַסענע האָבן... אַז מע וויל שוין יאָ פאַרדינען א מיצווע, זאָל מען רעדן א שידעך דעם זיידן יעשוע־בער.

די צווייצימערדיקע דירע אינעם נײַעם הויז באַדינט א קרוווע, וועלכע מע רופט דוווירעלע מאַלקעס. דאָס איז א קלייבוווקסיק זשוואַווע ווײַבל, זייער א געראָטענע באַלעבאָסטע, וועלכע גיט מער אכטונג אָפּן אַלטן יעשוע־בער ווי אַף עלטשיקן, זי זעט, אַז דאָס אָפּגעזונדערטע כיידערל, ווו דער אַלטער געפינט זיך, זאָל זײַן ציכטיק ריין אויפגעראַמט, פּאַרט אַן עלטערער קראַנקער מענטש, דערצו א מעסוקענער כאָלוש, א שיוורע־קיילע. די מיצווע, זאָגט זי, דווירעלע מאַלקעס, איז בא איר א סאך אָנגעלייגטער, ווי דער לוין. זעלטענער קוקט זי אַרײַן צום באָכער אין צימער, וואָס האָט א באַזונדערן אַרײַנגאַנג. ס'איז ניט פאַר אירע קוי־

כעס מאכן דאָרט א שטיקל לאד. בא אָט דעם עלטשיקן איז א גאנצע מאסטערסקאיע מיט קאָלערליי מעכאַניזמען. דאָ פאַרהאַלט זי זיך ניט לאַנג — אויבנופיק ווישט זי ארום דעם שטויב, איין מאָל אין צוויי וואָכן ציט זי איבער דאָס בעטגעוואַנט און פּאַטער אָן אייסעק. אַף צו מאכן דאָרט אין צימער א טאָלק וואָלט ווינציק געווען א ווזוואָד סאָלדאַטן.

די געטרײַע מומע, דווירעלע מאַלקעס, האָט שוין ניט איין מאָל געוואָרנט:

— עלטשיק, ווילסט, עס זאָל זײַן בא דיר אין שטוב א שטיקל אָרדענונג, ווי בא מענטשן, איז וואַרף ריישיס־קאָל ארויס דעם זאַוואָד דײַנעם.

דאָס גראַדע וועט זי בא אים ניט פּויעלן. עלטשיק איז איר מוחל דאָס ראַמען. ער וויל גאָרניט, עס זאָל זײַן בא אים אין שטוב ווי בא אַנדערע מענטשן.

גיי מאַך עפּעס מיט אַן אַקשן. זי, די מומע זײַנע, דווירעלע מאַלקעס, נעמט זיך ניט אונטער אים אײַנצוברעכן.

אָט דאָ ניט לאַנג, ווען ס'איז געגאַנגען א רייד וועגן א שידעך פאַר עלטשיקן, האָט דווירעלע מאַלקעס אויסגעשאָסן א ווילד געלעכטער מיט עפּעס אַזאַ מאָדנע מין קוויטש:

— גוואַלד געשריִען, מענטשן! כ'וועל עס ניט אויסהאַלטן, אָט קלאַפּיר איך אַפן אָרט! עלטשיקן רעדן א שידעך? א־כא־כא־א! — האַלט זי זיך בא די זײַטן. — עס וועט אים אויסקומען לאַנג וואַרטן, יעשוע־בערן, ביז ער וועט דערלעבן אַן אוריינִיקל. מאַלע וואָס ער וויל. וועלעניש דאַרף מען אײַנגעבן עלטשיקן. זעט איר דאָך אַליין, אַז דער באָכער לאָזט זיך ניט נעמען אין קאָשעק ארײַן.

— אַף אַלץ קומט א צײַט. אײַך, מומעניו, אַף צולאָכעס וועט דער זיידע מײַנער נאָך דערלעבן זען אַן אוריינִיקל. דאָס זאָג איך אײַך, פאַרלאָזט זיך אַף מיר... מיינט ניט, אַז עלטשיק איז אַזאַ פאַרשלאָפענער.

— האַלעווײַ, ריבוינעשעלוילעם, — גיט זי נאָך, קוקנדיק אַפן יונג מיט א האַלב צוגעמאַכט אויג. בא זיך אין האַרצן קלײַבט זי זיך אַפילע אים ניט גלייבן קיין האַלב וואָרט. דער באָכער האָט נאָך ניט קיין ווײַב, און רעדט שוין וועגן א... — עפּשער, עלטשיק, וועט זי זײַן בא דיר א בעזדיטעכע?

זי זאָל אַפילע זײַן מיט אַכצן קעפּ, די מומע זײַנע, וועט זי זיך קיינמאָל ניט אָנשטויסן, וואָס באַם כעוורעמאַן פּלאָנטערט זיך אין מויעך, וועלכע פּלענער ער האָט.

— דערצו, מומעניו, — ענטפערט עלטשיק קאַלטבלוטיק, — איז ניט נייטיק קיין ווײַב. אין איינעם א שיינעם טאָג וועט איר דאָ טרעפן אין שטוב א מעזומען יִינגל...

— עלטשיק, — דערשרעקט זי זיך מאַמעש, — כ'האָב מוירע, אַז דו רעדסט פון וועג. איינס פון די צוויי — אָדער איך בין מעשוגע, אָדער דו ביסט דול. טפו, אַף מײַנע סאָנימס קעפּ!

— מומעניו, ערגערט זיך ניט אַזוי. עלטשיק וואַרפט זיך ניט מיט קיין ווערטער. אַף דער סימכע, מעגט איר מיר גלייבן, וועט איר זײַן בא מיר די ערשטע.

— יאָ, אַלץ איז טאַקע זייער גוט און פײַן, נאָר ווי־אַזוי, וויל איך וויסן, קאָן עס געמאָלט זײַן?

אַנטפּלעקן דעם סאָד פאַר דער מומע איז, אַפּאָנעם, די צײַט נאָך ניט געקומען. וועגן דעם וועט ער ווײַטער מיט איר ניט רעדן, זי זאָל אַפילע שטעלן א פוס אַפן הימל און א פוס אַף דער ערד.

— שלעפּט מיך ניט פאַר דער צונג, מומעניו. ציט ניט קיין ווערטער. א שאָד אײַער טירכע.

בא עלטשיקן, זעט זי, קומט ניט אָן גרינג ארויסציִען דאָס איקערדיקע און געדיכטע. עפּשער האָט ער טאַקע אײַנדערעמעסן ערגעץ א ווײַב מיט א קינד? א קאַשע אַף א מײַסע. מיסטאַמע איז עס עפּעס א נאָכווייעניש. און מע דאַרף דערווײַל די צאָרע האַלטן בעסאָד. עס מאַכט זיך טאַקע, אַז דער באָכער ווערט אַנטרונען פון אײַנדערפרי ביז שפּעט באַנאַכט. עס טרעפט, אַז ער קומט אַמאָל ניט נעכטיקן אויך. דער מומע דווירעלע מאַלקעס דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט ארײַנלייגן... אײַ דער אַלטער יעשוע־בער פּלעכט א קוילעטש: פאַרנומען, פאַרטאָן, פאַרקלאָפּאָטשעט. עלטשיק שטייט בא א סלאָזשנער אַרבעט. עלטשיק, דאַרף זי וויסן זײַן, איז אַף דער פאַבריקע קעמוי א גלאַוונער עלעקטריקער. נײַע מאַשינעס, נײַע צעכן, אַגרעגאַטן... אייסעך־וואָס, באָבעמײַסעס. ניטאָ אַזאַ אַרבעט בא אונדז, ווו מע זאָל טאָגן און נעכטיקן. עפּשער איז דאָ א קליינע פאַרענטפערונג, וואָס לייגט זיך דאָפּקע יאָ אַפן סייכל, — אויב אַזוי פאַרוואָס זשע קומט ניט דער באָכער אַהיים זיך ארומוואַשן, איבערטאָן? מיילע, עסן עסט ער דאָרט, אין דער גאָרקיך, אָבער גיין צו איר, צו דער קראַליע זײַנער, אינעם קאָמבינעזאָן! דאָרט, אין זײַן צימער, שטייט א שאַפע מיט מאַלבושים, וואָס וועט אים

קלעקן אפן גאנצן לעבן. אין איינעם א שיינעם טאָג וועט דאָס גאנצע גוטס זײַנס, מינאסטאם, איבערגעפעקלט ווערן צו דער קראליע זײַנער. אזוי פירט זיך שוין... אײַ, עלטשיק, עלטשיק, דאכט זיך, ביסט שלעכט ארײַנגעפאלן, פארקראָכן אין א גוטער בלאָטע. אָך און וויי, אז מע דאַרף שוין איסבאהאלטן א ווײַב פאר אייגענע און נאָענטע. דעם עמעס גערעדט, טוט איר ווי דאָס הארץ אָף אים. אויסגעוואקסן ניט אין קיין ראַסקאָש, געבליבן א יאָסעם פון קינד־ווײַז, ניט געוווּסט פון קיין גוטן טאָג, אויסגעשטאנען קאָל האמינים צאָרעס און פלאָגן. פאר־וואָס קומט אים נאָך א רעשטל אָפקומעניש?

פון צײַט צו צײַט טוט די מומע א פרעג:

— עלטשיק האָט זיך, מיסטאמע, ווידער אומגעקערט שפעט אין דער נאכט?

— האָסט דאפקע דאָס מאָל ניט געטראָפן. נעכטן איז ער גראָד געקומען פרי. מיר זײַנען נאָך ארויסגעגאַן זיצן א ביסל אין סעדל. שפעטער האָט ער זיך גענומען פאָרקען באַם טעלעוויזאָר. זעסט, דוווירעלע, וואָס פאר א ווארעם גרעט ער האָט מיר געקויפט? יאָ, יאָ, אין קאָמאָד, אינעם לינקן שופלאָד, ליגט געלט אָף דער הויצאָע. נעם, טאָכטער, וויפל מע דאַרף.

דוווירעלע מאלקעס ווייסט גאנץ גוט, אז עלטשיק ציילט ניט ארויס די קאָפּעקע. באַם כעוורעמאן איז אָן אָפענע האנט, ער האלט ניט פונעם קאָפּצאָנישן מינהעג — אײַנשפּאָרן. אָבער די מומע רעכנט עס ניט פאר קיין מײַלע. א לעבעדיקער מענטש, איז זי איבערצײַגט, דאַרף געדענקען, ווו ער געפינט זיך אין דער וועלט, און אין זינען האָבן, אז דער אייבער־שטער קאָן אזא קערעווע טאָן... נו, וואָס איז דערפון די פולע, אז ער האָט א גוטע מעלאָכע אין דער האנט? פארדינט זייער שיין. סע זאָל אים נאָר ניט פארשטערט ווערן. נאָר ס'א קליינע באוואָרניש. מאָרגן, כאָס־וועכאָלילע, בלײַבט ער אָן ארבעט, ווערט ער אויס מעיוכעס באַ זיך. מיט דעם וואָס זיצט אין הימל נעמט מען ניט אויס.

עלטשיק האָט ניט געטראַכט וועגן דער „ענגער שאָ”. די מומע זײַנע, דוווירעלע מאלקעס, פארשפאָרט אים לערנען סייכל — זי לעבט מיט איר פארגאנגענער וועלט, און דער עלעק־טריקער, עלטשיק, לעבט מיט זײַן נײַער וועלט.

דער פלעמעניק איז כאָלילע ניט כוישעד זײַן מומע, דוווירעלע מאלקעס, אז זי איז אים ניט געטרײַ, ביפראט נאָך דעם זיידן זײַנעם. אָן אייגענע טאָכטער פארלויפט ניט אזוי אלע וועגן, ווי דוווירעלע מאלקעס. טאָמער מאכט זיך, אז יעשוע־בער לייגט זיך אוועק צו בעט, ווערט די מומע אויסער־זיך. זי שטעלט די גאנצע קליניקע אָף די פיס. און גלײַך ווערט דער טעראַפּעווט מיטן הוילן שארבן אָן אָפּטער ארײַנגייער צום זיידן. מיטן נעוורָאָפּאטאָלאָג קומט אויס ווינציקער האָבן צו טאָן, אָבער ער מוז אויך אומבאדינגט קומען א טאָג איבער א טאָג. הײַנט ווי ברענגט מען ניט אראָפּ דעם קאָנסולטאנט, וואָס איז גאָר א גרויסער מומכע!

נאָך יעדער קרענק האָט די זשוואווע דוווירעלע מאלקעס געלייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אָף צו שטעלן דעם אלטן יעשוע־בער אָף די פיס. דאָקטוירים זײַנען זיך דאָק־טוירים, רעפועס, פילן אײַנשפּריצונגען — דאָס אלץ איז גוט, נאָר מע דאַרף ניט פארגעסן אינעם זינדיקן גוף.

די מומע, דוווירעלע מאלקעס, א ווײַב פון א געפּאלענעם סאָלדאט, א מאמע פון צוויי אומגעקומענע זין, האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט שאָלעם מאכן מיטן ריבוינעשעלוילעם. צו שטארק האָט ער זיך אָנגעזעצט אָף איר קאָפּ, אָף איר לײַב און לעבן און פארפינצטערט איר מאזל... עמעס, זי איז ניט די איינציקע, פון דעם אָבער ווערט איר ניט גרינגער... צו הארב האָט ער געשטראָפט דוווירעלע מאלקעס. וואָס קאָן זי שוין דאָ דערלייגן? די אויסגע־געבענע טאָכטער, זאָל זי זײַן געזונט און שטארק, האָט אליין, קיין אײַנהאָרע, א מישפּאָכע. וואָס דאַרף זי די אלטע מאמע?

דער פלעמעניק עלטשיק האָט גוט געוווּסט וועגן איר עלנט לעבן. ניט איין מאָל האָט ער דער מומע געגעבן אָנצוהערן, זי זאָל אריבערגיין צו זיי. עס וועט איר באַם זיידן זײַן ניט שלעכט. זי וועט זיך פילן א סאך בעסער, ווי באַ דער אייגענער טאָכטער.

— וואָס נאָך? — ווערט דוווירעלע מאלקעס אזש גרין און געל פון אופרעגונג. — ווערן אינגאנצן א דינסט? א שיינעם קאָוועד דערלעבט אָף דער עלטער.

א שאָד, די מומע האָט אים שלעכט פארשטאנען. דרײַ באַזונדערע עלנטע מענטשן, אז זיי לעבן צוזאמען, זײַנען זיי שוין ניט עלנט. מיט דער צײַט וועט נאָך צוקומען אין דער מיש־פּאָכע א ייִנגעלע פראַמיק... זי ווייסט נאָך ניט דערפון. דער זיידע ווייסט אויך פון גאָרניט. קיינער ווייסט ניט פונעם סאָד, וואָס ער טראָגט פארטײַעט אין הארצן. וואָס קאָן נאָך זײַן א גרעסערע פרייד, ווען אין שטוב געפינט זיך א ליב קינד, א טײַער ייִנגעלע?

— מומעניו! — כאַפּט עלטשיק פלוצעם הייס ארום די קליינע זשוואווע ייִדענע א באגײַ־סטערטער. — איר הערט דען ניט, ווי דאָס גליק קלאַפּט אין דער טיר?!

דווירעלע מאַלקעס ווערט אויך אין די דאָזיקע צעוואַרעמטע מינוטן אָנגעשטעקט מיט היסלײַוועס, עס דערוועקט זיך אין איר אַ פֿריידיקער צאַפּל, אין וועלכן זי קאָן זיך ניט אָפּגעבן קיין דין־וועכעזשבן.

— וואַרט נאָר, וואַרט, וואָס האָסטו דאָרט אָנגעטראַכט?

— אַך, מומעניו, וועלן מיר אַ לעב טאָן! — שימערט נאָך אַלץ דער שאַרפֿער גלאַנץ אין זײַנע צעשטראַלטע אויגן, — עס וועט זײַן באַ אונדז, ווי זאָגט דער זיידע, סאָסן־ווּעסימכע.

— האַלעווײַ, אין אַ גוטער און אין אַ מאַזלדיקער שאָ!

פֿאַרן אַרויסגאַנג־טאָג איז עלטשיק גלײַך פֿון דער אַרבעט געפֿאָרן צו די קינדער אויף דער דאַטשע. עס האָט זיך אים לײַכט אײַנגעגעבן צו נעמען די „וואָלגע״ באַם דירעקטאָר, וועלכער האָט אים קימאַט געשיקט אַהין מיט אַ שליכעס. דאָס אַליין האָט שוין עלטשיק באַטראַכט פֿאַר אַ גוטן סימען.

באַ דער גרויסער אָפּענער ווערענדע זײַנען די פֿאָרענטשעס אײַנגאַנצן אַרויס פֿון זייערע צעפּוילטע נעסטן. די דאָזיקע אַרבעט קאָן מען ניט אָפּלייגן אויף שפּעטער, אָבער ניט צוליב דעם איז ער איצט געקומען אַהער. דער ציל איז געווען אַן אַנדערער. ערעוו דעם אַרויסגאַנג־טאָג האָט עלטשיק בעדייע געהאַט אויסגעפּילן דאָס, וואָס ער האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרטראַכט, — כאָטש אויף איין זונטיק דערוווײַל אַראָפּברענגען פֿראַמיקן צו זיך אַהיים.

דאַרף זיך אָבער מאַכן, עלטשיק זאָל פּונקט אַרײַנפֿאַלן נאָך אַ פֿאַרשפּעטיקטן וואַרמעס און טרעפֿן די קינדער בײַס דער רו־שאָ. שורעסווײַז שטייען אויסגעשטעלט שטרוי־געפֿלאָכטענע בעטלעך אויף דער גראַמער הויכער ווערענדע. נישקאָשע, זאָרג ניט, באַרויִקט ער זיך אַליין, סײַווי וועט אויסקומען פֿריִער זיך דורכשמועסן מיט דער פֿאַרוואַלטערן, מיט סאָפֿע פּאַוולאָוונע, אַנדערש געזעגט, אים שטייט נאָך פֿאָר איבערשפּרינגען אַ גאַנץ שווערלעכן באַריער. עס מאַטערן הונדערטער ספּייקעס: וואָס וועט ער איר טאַקע זאָגן, סאָפֿע פּאַוולאָוונען? זי ווייסט דאָך פֿון גאָרניט. פֿאַרוואָס, וועט זי, געוויס, פֿרעגן, איז דער גוירל געפֿאַלן אויף דעם ייִנגל און ניט אויף קיין אַנדערן? נו, גיי דערקלער איר.

עטוואָס לענגער פֿאַרהאַלט זיך עלטשיק דאָרט, ווו זײַן ליבלינג ליגט מיטן קאָפּ צו דער פֿאָרענטש. עלטשיק האָט שנעל גענומען מעסטן מיט דער רולעטקע די ווערענדע, קעדיי עס זאָל אויף אים ניט פֿאַלן קיין כשאַד. דאָס מאָגערע ייִנגעלע ליגט אַ פֿאַרברויִנטער פֿון דער זון אָפֿן נידעריקן בעטל. די דאַרע הענטלעך צעוואָרפֿן, איין קני שאַרף־שפּיציק פֿאַרבויגן, און אָפֿן פּענעמל לויערט אַ פֿאַרבאָרגענער אומרו. עלטשיקן האָט אַ ציפּע געטאָן באַ דער נעשאָמע. די בעסטע, איבערגעגעבנסטע דערציִערן, ווי געטרײַ זי זאָל ניט זײַן, איז פֿאָרט ניט קיין אייגענע מאַמע... געבן עסן און טרינקען, לאָזן שלאָפֿן אויף אַ ריין געלעגער, זײַן באַזאָרגט מיטן נייטיקן — מיט לערנען, פֿאַרברענגען — איז פֿונדעסטוועגן נאָך ניט אַלץ. עס וועט סײַווי אויספֿעלן דאָס סאַמע וויכטיקסטע — די מוטערלעכע לאַסקע...

אָ, עלטשיק ווייסט דעם טאַם פֿון בלײַבן אַ יאָסעם!

אָט מיט דעם־אָ ייִנגל, וואָס מע רופֿט פֿראַמיק, האָט עלטשיק בעדייע פֿאַרברענגען אַ געוויסע צײַט אינצווייען, געזונדערט פֿונעם אַרום.

— דיאַדיע אילױשע! — כאַפּט זיך ראַפּטום אוף אַ יאַטל מיט אַ שטראַלנדיק ליב פּאָנעם, מיט אַ וואַרעמען שמייכל. ער ראָסטעט זיך אָפֿן געלעגער ווי נאָך אַ שיינעם זיסן כאָלעם. — איר זײַט שוין דאָ לאַנג? אַלע זײַנען וואַך, און מיר פּאָפּן נאָך.

— טססס... — שטעלט עלטשיק צו אַ פֿינגער צו די ליפּן, — זאָל זײַן שטיל. די קינדער שלאָפֿן, און דו דאַרפֿסט שלאָפֿן.

— דיאַדיע אילױשע, — קײַנדלט זיך דאָס אָפּגעדעקטע האַלב נאַקעטע יאַטל פֿאַר אים, — טוט אומיסטן אַ קוק, וואָס פֿאַראַ מוסקולן איך האָב. אַז איך וועל ווערן אַ גרויסער...

— טומל ניט, וועסט אופֿוועקן דײַנע כאַווײרים.

— סײַווי קאָן איך שוין מער ניט שלאָפֿן. אַנו, טרעפֿט, דיאַדיע אילױשע, וואָס וועט פֿון מיר ווערן, אַז איך וועל אויסוואַקסן?

— אַ שלעגער.

— ניין, דאַפֿקע ניט געטראָפֿן.

— אַ באָקסיאָר...

— ווידער ניט געטראָפֿן, קיין באָקסיאָר אויך ניט. איך וועל זײַן, איר ווייסט, וואָס איך וועל זײַן? אַ שטאַנגיסט! אָט דאָס איז ספּאָרט. צוליב דעם מוז מען פֿאַרמאָגן אַ גרויסע גווורע, וואָרעם מע דאַרף אופֿהייבן די שווערסטע געוויכטן. איאָ, דיאַדיע אילױשע?

— יאָ, יאָ, אַוואַדע, — גיט ער נאָך דעם יאַטל, אַבי עס זאָל וואָס גיכער נעמען אַ סאָף צו

זײַן פּלוידערײַ, — און איצט, סאַשענקע, טו מיר צוליב, ביסט דאָך אַ פאַרשטאַנדיק ייִנגל, די באַטאַגיקע רו־שאַ טאָר פון קײנעם ניט געשטערט װערן, עמעס?
אילױשע איז מיט גרינגע טריט אװעק אױף דער װעראַנדע.
אומגעריכט האָט עלטשיק זיך אָנגעשטױסן אױף סאָפּע פּאַװלאָװנע. זי איז מיט דער װע־שערן פּראַניע געשטאַנען אַפן העל באַזונטן פלאַץ און מיט איר זיך אױסגעטײַנעט. דערזעענ־דיק עלטשיקן, האָט איר בײזלעך פּאָנעם באַדעקט אַ מילד שמײכעלע. דער װאַרעמער ברײט אונטערגעטראָגענער „דאָברי דען" איז אים געפעלן געװאָרן. ער װיל קלערן, אַז די שטימונג איז בא איר אַ גוטע.
װי די טעװע זײַנע איז, שטײט ער שװײַגנדיק ערנסט פאַר דער פאַרװאַלטערן, סאָפּע פּאַװלאָװנע, און הערט, װי זי לױבט אים. ער האָט שױן װײסעך װיפל מאָל איבערגענומען פון אײן האַנט אין דער צװײטער די רולעטקע, פאַרשטופּט זי אין דער ברײטער ברוסט־קעשענע פונעם קאָמבינעזאָן און דערנאָך װידער אומגערן זי אַרױסגעצױגן. דאָס טונקעלע געזיכט זײַנס איז ערטערװײַז באַדעקט מיט קלײנינקע זון־שאָטנס. עלטשיק מעג אַלע טאָג זיך ראַזירן, דאָך זעט אױס זײַן פּאָנעם באַװאַקסן. מאַכמעס די שטײַפע האָר־װאָרצלען רײַסן זיך מיט אַן אומגעלומפּערטער קראַפט צו דער טונקעלער האַרטער הױט און פאַרציִען די באַקן מיט אַ מין דינן בלױ־שװאַרץ הײַטל.
ענדלעך האָט עלטשיק שװער אַרױסגעבראַכט, װי ער װאָלט זיך געװענדט צו דער פאַר־װאַלטערן אױף אַ פרעמד לאָשן:
— עפשער קאָן מען... דאָ איז פאַראַן בא אײַך אײנער אַ... כ'האָב געװאָלט... — האַלט ער אין אײן שטאַמלען, — טוט פאַר מיר די געפעליקײַט, סאָפּע פּאַװלאָװנע...
— אילױשע טײַערער, — פאַלט זי אים אַרײַן אין די אומדרײסטע רײד, שפּירנדיק זײַן פאַרלעגנהײַט, — אַלץ פאַר אײַך װעל איך טאָן, מיטן שענסטן און בעסטן קאָװעד. אױב מע דאַרף צוליײגן טירכע — ביטע. צײַט און מי װעל איך פאַר־אײַערטװעגן, אילױשינקע, קײנ־מאָל ניט קאַרגן. — דערבײַ טוט זי האַכנאָעדיק, קימאַט אַרטיסטיש, אַ נײג אַראָפּ איר שײן־פאַרקעמטן קאָפּ האָר, — איך בין שטענדיק, — זאָגט זי ערנסט און פײַערלעך, — אין יעדער צײַט, אײַך גרײט צו דינען.
צוליב אָט דעם שיר ניט טעאַטראַלן זשעסט האָט דער שעמעװדיקער עלטשיק זיך נאָך מער פאַרלױרן. צי טרײַבט סאָפּע פּאַװלאָװנע ניט איבער? אין דער דאָזיקער שפּיל פון צו גרױסער גוטהאַרציקײַט האָט ער ניט געװאָלט גלײבן. עפּעס װײעט, דוכט אים, מיט לײַכטן שפּאָט. מעגלעך, אַז ערגעץ־װוּ, הינטער די אױגן, כױזעקט מען פון זײַנע מאַנירן, פון זײַן טאַמעװאַטקײַט. ער װײסט אָבער װױל, אַז עס איז ניט אין איר נאַטור. װיסנדיק סאָפּע פּאַװ־לאָװנעס אופריכטיקײַט, קאָן ער ניט, עלטשיק, און װיל ניט זי כױשעד זײַן אין פאַלשקײַט.
— מײַן באַקאַשע, סאָפּע פּאַװלאָװנע, באַשטײט דערינען, — װערט עלטשיק דרײסטער, — איר זאָלט מיר דערלױבן מיטנעמען אין שטאָט אַרײַן דעם קלײנעם פּראַמיקן. איך װיל אים. פּאָשעט גערעדט, האָבן פאַר אַ גאַסט בא זיך אין שטוב.
— האַ? — עפנט זי מױל און אױער. — װעלכן פּראַמיקן? װוּהין? צוליב װאָס?
— אױב ס'איז מעגלעך, זאָג איך, מיט אײַער דערלױבעניש, — כאַזערט עלטשיק איבער, — װאָלט איך מיטן ייִנגל געװאָלט פאַרברענגען אַ זונטיק, אױב עס איז מעגלעך...
סאָפּע פּאַװלאָװנע האָט זיך אױף אַ װײַלע פאַרטראַכט.
— מע קען, — ענטפערט זי ניט גאָר גערן, — פאַרװאָס זאָל מען ניט קענען. — אױף אירע פּולע ראָזלעכע באַקן שװימען אַרױס רױטלעכע פלעקן, װאָס װײַזן איר אינערלעכן אומרו. — אײַך זאָגן דעם רײנעם עמעס, אילױשינקע טײַערער, װען איך זע אַרום זיך אַלע קינדער, איז מײַן האַרץ גאַנצער. פרעגט בעסער ניט, װיפל געזונט עס קאָסט מיך, װען עמעצער קומט אין קינדערהײם מיט אַ פּאַפּירל נעמען אַ קינד. פאַרװאָס װילן מענטשן ניט פאַר־שטײן, אַז קינדער זײַנען ניט קײן אױפּעס, װאָס מע האָדעװעט פאַרן מאַרק? װיפל מאָל האָט שױן געטראָפן, אַז די קינדער קערן זיך אום צוריק אין קאָלעקטיװ, צו זײער הײם! פאַר מיר, מײַן טײַערער אילױשע, איז עס פון די קלײנע כידושים, װאָרעם יעדערער באַזונדער לאָזט דאָ איבער טיפע װאָרצלען. ערגער, בעסער, פון קײן אַנדער הײם װײסט ניט אונדזער קינד. זאָל זײַן אַ ייִנגעלע צי אַ מײדעלע, אַ קלײנע נאַפּקעמינע, כ'מײן דאָס קלײנװאַרג איז פון פּיצלע־װײַז אױסגעװאַקסן אין קאָלעקטיװ, איבערגעגעבן מיט דער נעשאָמע, מיט לײַב און לעבן זײער פּריטולעק. אין אַ מער פרײַערע שאָ װעל איך אײַך װײַזן, אילױשינקע, בריװעלעך, װעלן זיך די האָר אײַך שטעלן קאַפּױר.
די דאָזיקע הײסע לעקציע האָט עלטשיקן דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ. מיסטאַמע שטױסט זי זיך אָן, סאָפּע פּאַװלאָװנע, װעגן זײַנע, דערװײַל נאָך געהײמע קאַװאָנעס, לאַנג

אויסגעוואַרעמטע געפילן צום ייִנגל, וועלכע זײַנען מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָדנע מין בענקעניש. אַנדערש, קלערט ער, וואָלט זי אין אים, אין עלטשיקן, ניט אַרײַנגעטײַנעט אַזויפיל. זעט אויס, אַז ניט גרינג וועט אים אָנקומען אַרויסנעמען דאָס ייִנגל פֿונדאַנען.

— יאָ, טײַערער אילױשע, — האַלט זי נאָך אַלץ ווי אײַנמיטן, נאָר שוין אַ ביסעלע ווייכער, מילדער, — ביטע, דערקלערט מיר, זײַט אַזויפיל גוט, גיט מיר אויך צו פֿאַרשטיין, וואָס עפּעס איז גראָד געפאַלן דער אויסוואַל אויף פּראַמיקן? איך וויל בעעמעס וויסן, ווו ליגט דער סייכל? — שפּאַרט פֿון איר דער נײַגער. — צי דען בין איך זיך אַזוי טויע אין דעם דאָזיקן ייִנגל? פּראַמיק טײלט זיך, נאָך מײַן מיינונג, מיט גאָרנישט ניט אויס, פֿאַרמאָגט ניט קיין באַזונדערע טשיקאַווע שטריכן, אינדיווידועלע אייגנשאַפֿטן, עפּעס אָריגינעלס. גאָרניט, אַ גאַנץ געוויינלעך באָכערל.

עלטשיק האָט פֿאַרביסן די ליפּ און געשוויגן.

— אָן אויסגעשפּילט ייִנגל, — זאָגט די באַלעבאָסטע, — קאָן מען אָנרופֿן אונדזער סאַשע מישוטין — פּײַיק, שאַרפֿזיניק, באַגאַבט, מיט איין וואָרט געראָטן אַרום און אַרום. אָדער נעמט, לעמאָשל, טאָליע דעם גרויסן. ווו האָט מען באַגעגנט נאָך אַזאַ זשוואַווע ייִנגל? יענער פֿאַרמאָגט אַ וועלט מיט כיין, זײַנע האַמצאָעס איבעראַשן. הײַנט ווו איז ליאָווע קאַראַסיק, פּאַווליק דער ליכטיקער? באַטאַמטע יאַטלעך, איינס אין איינס, לעבעדיקע כעוורע, פֿריילעכע פּענעמלעך, זיי באַקן זיך מאַמעש אײַן אין האַרצן. נו, און דער פֿײַן געבויטער קרעפּטיקער זשאָרע איז בא אײַך גאָרניט? איך בין איבערצײַגט, אַז דאָס יאַטל וועט אויסוואַקסן אַ העלד. אַ שאָד, וואָס איר ווייסט ווינציק וועגן אונדזער ליבלינג סטאַסיקן. אויף מײַן לעבן האָב איך נאָך ניט באַגעגנט אַזאַ ריין ווײַס מאַלעכל. איר האָט ווען־עס־איז געזען, ווי ער קלעפּט? דאָס איז אַ געבוירענער סקולפּטאָר. זײַנע ווונדערלעכע אַרבעטן גייען ניט אַראָפּ פֿון די אויסשטעלונגען. איר מעגט שוין דאַפֿקע הערן די אָפּרופֿן פֿון באַרימטע קינסטלער וועגן סטאַסיקס טאַלאַנט. איצט לאָמיר גיין ווײַטער, הערט נאָר מיט קאָפּ, אויב עס איז שוין יאָ געקומען צו רייד, וועלכע קינדער עס צייכענען זיך אויס אין קאָלעקטיוו. וואָס ווייסט איר, צום בײַשפּיל, וועגן אונדזער באָריע שאַפּאָוואַלאָוון? קוקט ניט אויף זײַן דריבנע קערפּערל. מײַן טײַערער אילױשע, איר האָט קיין אַנונג ניט, וויפֿל דערפֿינדערישקײַט עס ליגט אין דעם דאָזיקן מויעכל, אַ שלאַל מיט ביז גאָר שיינע און טיפֿע געדאַנקען, עס וואַקסט אַ זעלטענער מויעך, אַ געלערנטער צווישן געלערנטע. איצט נעמט דעם טמימעסדיקן אַליאָשע רוסאַנאָוון, דאָס יאַטל באַזוכט די מוזיק־שול, ווײַזט אַרויס היפּשע באַגאַבונג. איך לייג גרויסע האָפֿענונגען אויף אים.

מיט וואָס פֿאַר אַ דערהויבנקײַט און היסלײַוועס סאָפֿע פּאַוולאָווונע רעדט וועגן אירע דערצויגלינגען! איין טאַלאַנט שטײַגט אַריבער דעם צווייטן, ניט קיין פּאָשעטע קינדער, נאָר ווונדערקינדער. און עפּשער שטעלט זי אומיסטן אַרויס אַנדערע ייִנגלעך, מער אַנטוויקלטע, מער באַגאַבטע, קעדיי אָפּריידן אים פֿון זײַן אויסוואַל, אַנדערש וואָלט זי ניט גערעדט פֿאַר אים מיט אַזאַ גרינגשעצונג וועגן פּראַמיקן.

— און איר, אילױשינקע, — פּרוּווט זי אים אָפּריידן, — האָט זיך אָנגעכאַפּט אין פּראַמיקן. ווער איז פּראַמיק און וואָס שטעלט ער מיט זיך פֿאָר? אַ גאַנץ געוויינלעך ייִנגל. מיטלמעסיקײַט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, דערצו נאָך אַ ביסל אַ מאָרעשכוירעניק.

דאָס איז, אייגנטלעך, אַלץ, וואָס סאָפֿע פּאַוולאָווונע קאָן זאָגן וועגן ייִנגל. עלטשיק האָט ניט דערוואַרט הערן קיין שוואָכים, הערן אַ הויכע מיינונג וועגן פּראַמיקן. עס איז אים אַ ביסל באַקאַנט איר טעווע. טאָמער מאַכט זיך, אַז אַ זײַטיקער, אַ מענטש, וואָס שטייט אויסערן קאָלעקטיוו, אינטערעסירט זיך מיט דעם אָדער יענעם דערצויגלינג, ווערט די פֿאַרוואַלטערן מאַמעש אויסער־זיך. סאָפֿע פּאַוולאָווונע מיינט, ווײַזט אויס, אַז אָט כאַפּט מען בא איר אַוועק דאָס קינד.

עלטשיק געדענקט, ווען איינע אַן אָנשטענדיקע פֿרוי פֿלעגט אָפּשלאָגן די שוועל מיט פֿאַרשיידענע פּאַפּירלעך, בריוו, באַקאָשעס, מע זאָל איר דערלויבן נעמען אויף שטענדיק טאַקע אָט דעם באָריע שאַפּאָוואַלאָוון, ער זאָל זיך דערציִען בא איר. די איינזאַמע פֿרוי וועט דעם ייִנגל געטרײַ זײַן, ווי אַן אייגענע מוטער. דער קליינוווקסיקער באָריק, ווערדליק עלטשיק געדענקט, האָט זיך אויך מיט דער גאַנצער נעשאָמע געצויגן צו איר, שאָענוויי־זגעוואַרט אויף דער פֿרוי בא דער טיר. דעמלט איז סאָפֿע פּאַוולאָווונע געפֿאַלן אויף אַ האַמצאָע: אײַנריידן דעם ווײַבל, אַז דער אויסוואַל אירער איז ווײַט ניט קיין געראָטענער. דאָס ייִנגל איז נעבעך אַ קרענקלעכער, אַ צוגעשלאָגענער... זאָל זי זיך ניט ריכטן אויף עפּעס גוטס.

— כוץ צאָרעס, האַרץ־קלעמעניש און ביטערע יעסורים, וועט איר פֿון אים ניט האָבן. לעמײַ זאָלט איר נעמען אויף זיך אַן אומזיסטן קלומעק סיפֿקע צאָרעס? מע דאַרף זײַן געזונט

און מעשוגע צו קריכן מיט א געזונטן קאָפּ אין א קראַנק בעט. — מיט איין וואָרט, סאַפּע פּאַוולאָוונע האָט דאָס ייִנגל אָפּגעשרײַען. ניט אַזוי גרינג רײַסט מען בײַ איר ארויס א קינד.

זען זעט זי, ווי דער בּאַכער שטייט קעגן איר אַפּהעגעטיק, דעם אָטעם טיף אײַנגעהאַלטן אין זיך, און שווײַגט מיט א מאָדנער אַנגעסופּעטער שטילקײַט. געוויס קאָן מען אילײַשען, טראַכט זי, רעכענען פאַר אן אייגענעם מענטשן, וואָס האָט ניט ווייניק אופגעטאָן פאַרן קינ־דערהיים. זי קאָן זיך ניט מוחל זײַן, פאַרוואָס זי האָט ביז אהער ניט באַמערקט די סוידעס־דיקע פעדעם, וואָס ציִען זיך צווישן אילײַשען און פראַמיקן. גיי ריכט זיך, אַז דער דאָזיקער שטילער אילײַשע אינטערעסירט זיך מיט פראַמיקן!

— נו, נו, — ווישט זי מיטן קליינעם פינגערל זייער פאַרזיכטיק די מויל־ווינקלען, — ווילט איר, הייסט עס, אונטערטראָגן פראַמיקן א סורפּריז? — פרעגט זי קלוימערשט מיט א טאַמעוואַטע מינע, — זייער פײַן. עפּשער קאָנט איר מיר אויך אַנטפּלעקן דעם סאָד, וואָס אַזעלכס שטעקט אינעם דאָזיקן יאָטל? — פאַרשטט זי אים מיט א פאַרשפּיצטן בליק. — האָ? שעמט זיך פאַר מיר ניט, אילײַשע, מיר ריידן דאָך צווישן זיך אָפענע רייד. איך האָב עפּעס ניט געהערט, די דערציִערנס זאָלן אים ליבן.

— ריכטיק. איר זענט אינגאַנצן גערעכט, — מורמלט עלטשיק, — געוויינלעך, מיטלמע־סיק... דאָס זײַנען, פאַרשטייט זיך, קנאַפּע מײַלעס. איך וויל אָבער ניט האָבן צו טאָן, סאַפּע פּאַוולאָוונע, מיט קיין וווּנדערקינדער. וווּנדערקינדער שרעקן מיך. א פּראָסט אָרנטלעך קינד איז מיר א סאַך מער צום הארצן. איך בין אליין, ווייסט איר דאָך, א פּאַשעטער מענטש. די, וואָס גייען ארום מיט פליגל, האַלטן זיך ניט פעסט בײַ דער ערד... קינדער לערנט מען, מײַן איך, זיי זאָלן זײַן מענטשן, ניט קיין מאַלאָכים. פאַרוואָס דער אויסוואַל איז גראָד געפאַלן אַף פראַמיקן, דאָס קאָן איך אײַך געגוי ניט זאָגן.

די פאַרוואָלטערן סאַפּע פּאַוולאָוונע איז מאַמעש געוואָרן גערירט פון זײַן אָפּנהאַרציקײַט. אין אירע אויגן זײַנען די שוואַרצאַפּלען געוואָרן גרעסער, עטוואָס פײַכטלעך.

— אילײַשינקע, — זאָגט זי פלאַטערנדיק, — איר זענט א טײַערער מענטש.

— א גאַנץ געוויינלעכער. א דורכשניטלעכער. א מיטלמעסיקער. קיין צימעס קאָן מען פון אילײַשען ניט מאַכן.

זי האָט זיך גלײַך אַנגעשטויסן, אַז דער דאָזיקער ארבעטער־יונג איז מיט עפּעס געטראָפן געוואָרן פון אירע אומפאַרזיכטיקע רייד. יאָ, איבערגעכאַפּט די מאָס.

— כ׳האָב אײַך בלויז געוואָלט אופקלערן, אילײַשע טײַערער, — פאַרענטפערט זי זיך, — אַז דאָס ייִנגל, פראַמיק, האָט נאָך ניט ארויסגעוויזן זײַנע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן. כ׳מיין מיט דעם צו זאָגן, דאָס ספּעציפישע און אײַנגעבוירענע, וואָס דאָס קינד פאַרמאָגט.

— וואָס זשע, אין אײַערע אויגן, סאַפּע פּאַוולאָוונע, איז דאָס ייִנגל שוין א...

— גאָט איז מיט אײַך. וואָס פאַר א דערציִער ווועט נעמען אַף זיך אורטיילן אן עלפּיאַ־ריק קינד? די צײַט אָבער גייט, דאָס קינד וואַקסט, עס קומען פאַר, נאַטירלעך, געוויסע ענ־דערונגען, האָט אין זינען, אַז דאָס רויע מענטשעלע פאַרמירט זיך ערשט. ווער ווייסט און ווער קאָן עס וויסן, וועלכע קויכעס עס ליגן פאַרבאָרגן אין א קינדערישער נעשאָמע!

עלטשיק קלײַבט זיך ווינציק פאַנאַנדער אין די פּעדאַגאָגיש־דערציִערישע מיטלען. ער האָט אויסגעהערט סאַפּע פּאַוולאָוונעס רייד צוליב העפלעכקײַט, א ביסל יויצע געוועזן פאַר איר און שוין. אָבער דערמיט, שײַנט אים, איז נאָך ווײַט ניט אויסגעשעפּט דער איניען. ווי זשע האַלט ער פאָרט מיט דער געבילדעטער באַלעבאָסטע: זי גיט, צי זי גיט ניט איר האַסקאָמע?

— איר פאַרשטייט, מײַן טײַערער, ביכלאַל איז בײַ אונדז ניט אײַנגעפירט צוטיילן דעם אָדער יענעם קינד מער פאַרגעניגן... מאַכט אַזוי, ליבער אילײַשע, אַז איר פאָרט אין שטאָט ארײַן מיט א געוויסן צוועק, נו, עפּעס־וואָס וויכטיקס צו דערלײַדיקן, ניט גלאַט סטאַם פאַר־ברענגען. דאָרט אין שטאָט דאַרפט איר דערלייזן א דרינגענדיקן איניען לעטויוועס דעם קינ־דערהיים, און איר מוזט דערבײַ האָבן דעם ייִנגלס הילף. פאַר פראַמיקן דאַרף עס זײַן א סאָד פונעם אָנהייב ביזן סאָף, ער זאָל אײַך אין גאַרניט כוישעד זײַן... איר האָט מיך פאַרשטאַנען, אילײַשע? נאָך איין טנײַ: קיין שום מאַטאָנעס, ווי גאָט איז אײַך ליב, ווײַזט ניט ארויס צום ייִנגל קיין איבעריקע צוגעלאָזנקײַט, באַלעוועט אים ניט מיט קיין נאַשערײַען, גיט ניט נאָך זײַנע קאַפּריזן.

גוט. זאָל זײַן אַזוי. עלטשיק וועט אלע אירע וואָרענונגען נעמען אין אכט. אַבי ער האָט געפּויעלט דאָס סאַמע איקערדיקע. זײַן פאָרויס דורכגעטראַכטער פּלאַן, דוכט זיך, וועט ביסלעכווײַז רעאַליזירט. זי מעג זײַן רויִק, סאַפּע פּאַוולאָוונע, אלע אירע ארויסגעשטעלטע באַ־דינגען וועלן זײַן אָפּגעהיט.

— אלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, — זאָגט ער איר צו. — זײַט רויִק, סאָפּע פּאַוולאָוונע. מײַנט ניט, אַז איך בין שוין אַזאַ פאַרשלאָפענער מאַלעך.

— געדענקט, אילױשע, אין דער שטופעניש און אין דער שפּאַרעניש זאָלט איר דאָס קינד האַלטן פעסט פאַר דער האַנט. ס׳איז אַ ייִנגל, ער קאָן זיך גרינג פאַרלירן. פראַמיק וועט דאָך מיסטאָמע באַ אײַך איבערנעכטיקן. לייגט אים, בעט איך אײַך, אויף אַ באַזונדערן געלעגער.

— איר פאַרשפּאָרט עס מיר זאָגן.

אין מויעך רוישט באַ אים. דאָס האַרץ האַמערט אומגעלומפּערט סײַ פון שרעק און סײַ פון סימכע. די באַלעבאָסטע זאָל דערלויבן פראַמיקן איבערנעכטיקן אין שטאָט, טאַקע באַ אים אין דער היים? אויף דעם האָט ער זיך ניט געריכט. אַזעלעכס וואָלט עלטשיק אַפילו ניט גע־וואָגט בעטן באַ דער שטרענגער פּאַרוואַלטערן.

אַרום די צאַפּנס פון דער לאַנגער צינקעווער האַנטפאַס, צווישן ווימלדיקן קליינוואַרג, שטייט פראַמיק האַלב נאַקעט און פאַרשטעלט מיט די הענטלעך דאָס פּאָנעם און דאָס אַנט־בלויזטע לײַב פון די קאַלטע שטראָמען וואַסער, וואָס אַנדערע פאַרשײַטע ייִנגלעך לאָזן אויף אים. פראַמיק איז גאָרניט אַזאַ שטיל לעמעלע, ער זאָל פאַרשווײַגן, מע זאָל זיך איבער אים פּריי־לעך פאַרוויילן, ער קאָן אויך אָפּענטפערן מיטן זעלבן.

די פאַרוואַלטערן לאָזט ניט אַרויס פון אויג די טומלדיקע כעוורע. זי שטייט קלומערשט אין אַ זײַט און קוקט, ווי זיי וואַשן זיך, נאָר זי זעט, ווי זיי שפּריצן פון די צאַפּנס איינער אויפן אַנדערן, דערלאַנגען בוכענצעס הינטן־אַרום, דער טוט אַ קניפּ, יענער — אַ שנאָל, אַ דריט־טער שעמט זיך ניט און דערלאַנגט שוין אַ פּילבאַרן שטורך זײַן שאָכן. דעמלט ווערט זי אויפ־געבראַכט, גייט נעענטער צו און אויפגעטראָגענע צו דער האַנטפאַס, שרײַט בייזלעך אויף אַפּן ראַבן סעריאַזשקען, וועלכער האָט זיך געלאָזט הערן אינעם טומל מער, ווי אַנדערע קינדער.

— אײַך איז קיין ביזאָיען ניט? שעמען מעגט איר זיך! און דאָס הייסט וויל־דערצויגענע קינדער? פע, אַ כאַרפּע!

אומגעדולדיק וואַרט עלטשיק לעבן דער האַלב־אָפענער זומער־קיך, ביז די באַלעבאָסטע, סאָפּע פּאַוולאָוונע, וועט אַליין צופירן פראַמיקן אַהער, אַזוי האָט מען געהאַט פריִער אָפּגע־רעדט. דער טונקעלער באָכער שטייט מיט אַ זײַט אָנגעשפּאַרט אינעם הויכן שטאַם פון אַ גאָלד־ברוינער סאָסנע. ער פילט, ווי די אייוורים זײַנע זײַנען צעוואָרעמט, ווי נאָך אַ גוט ביסל מאַשקע. ענדלעך האָט ער זיי דערזען אינצווייען שפּאַנען. עפּעס צופּיל טײַנעט זי אַרײַן אינעם ייִנגל.

— אילױשע, — ווענדט זי זיך פונדערווײַטנס אויף אַ קאָל, — פראַמיק וועט מיט אײַך מיט־פאָרן אין שטאָט אַרײַן. איר האָט ניט קעגן?

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום זײַנען זיי שוין ביידע, עלטשיק און פראַמיק, געשטאַנען אין שאָטן לעבן דער סאָסנע.

— נישקאָשע, פראַמיק וועט זיך ספּראַווען ניט ערגער פון אַן אַנדער קינד, — זי נייגט זיך עטוואָס צו, גלײַך ווי זי וויל אים אײַנרוימען אַ סאָד. — טאָמער וועט דיר אויסקומען איבערנעכטיקן, שטעל זיך אויף באַם דיאַדיע אילױשע. זוך אין ערגעץ ניט קיין מומעס און קיין פעטערס. הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? אויב איר וועט זיך פאַרהאַלטן שפּעט אין שטאָט, — ווענדט זי זיך צו עלטשיקן, — און פראַמיק וועט דאַרפן באַ אײַך איבערנעכטיקן, מאַכט פאַר אים, בעט איך אײַך, אילױשע, אַ באַזונדער געלעגער.

— זאָג מיר נאָר, פראַמיקל, — זעצט זי זיך ווידעראַמאָל צו אים צו און קוקט אים גלײַך אין די אויגן, — עפּשער האָסטו ניט קיין כיישעק?

ווי שנעל עס בײַטן זיך די פאַרבן באַם קינד אין פּאָנעם! הענט און פיס נעמען באַ אים ציטערן. ער האָט שטאַרק מוירע, סאָפּע פּאַוולאָוונע זאָל קיין כאַראָטע ניט האָבן און אים צוריק אָפּשיקן אַהיים.

— דיאַדיע אילױשע, — וואַרפט ער זיך צו אים, וועלנדיק געפינען אַ שיצונג, — דיאַדיע אילױשע, איאָ, איך וועל זיך ספּראַווען?

— כ׳מיין, אַז יאָ, — האַלט ער אים אײַנגעקלאַמערט אין די אָרעמס און פילט, ווי דאָס הערצל קלאַפּט באַ דעם ייִנגל.

— וואָס דער דיאַדיע אילױשע וועט דיר הייסן, זאָלסטו אים פאָלגן, — פאַרזאָגט זי אים מוטערלעך־צאַרט, — מיט דײַן גוטער אויפירונג, פראַמיקל, וועסטו מיר פאַרשאַפן טײַנעג.

— כ׳וועל פאָלגן, סאָפּע פּאַוולאָוונע, אַלצדינג וועל איך פאָלגן.

— האָט קיין יעסורים ניט, סאָפּע פּאַוולאָוונע, ער וועט זיך אויפירן לײַטיש, — שטעלט זיך אײַן פאַרן דערשראָקענעם ייִנגל אילױשע.

— דאָס זאָגט איר, אילױשע, און וואָס זאָגט אונדז צו פראַמיק?

פּראַמיק שווײַגט. דאָס יאַטל, זעט מען, איז איבערגליקלעך. זײַנע אויגן לויכטן פֿאַר פֿרייד. א צוגעזאָגטענער, אָף ניט אָפּצורײַסן, האַלט דאָס ייִנגל זיך צוגעטוליעט צו עלטשיקן. ס׳איז אים זייער גוט, בעסער קאָן גאָר ניט געמאָלט זײַן. ביידע זײַנען זיי געשטאַנען פֿאַר סאָפּע פּאַוולאָוונע צעשטראַלטע.

— א האַרץ פֿילט א האַרץ. — מער איז דער באַלעבאָסטע, זעט אויס, ניט געבליבן וואָס צו זאָגן. אין א ווײַלע אַרום האָט זי בלויז צוגעגעבן מיט א שווערלעכן געמיט:

— מיילע... זאָל שוין זײַן אַזוי, גייט געזונטערהייט.

מיטן ווינציק באַטראָטענעם שטעג, דורך דער העל־באַזונטער לאָנקע, וואָס איז באַ־שפּרענקלט מיט ווײַס־געלע ראָמאַשקעס, קאָרנבלימעלעך, זײַנען זיי אינצווייען, עלטשיק און פּראַמיק, געגאַנגען ניט געײַלט צו דער עלעקטריטשקע. לאָזט זיך אויס, אַז דער וועג ציט זיך גאָרניט אַזוי לאַנג און נודנע. ביז אַהער האָט עלטשיק ניט באַמערקט, ווי דאָרט באַרג־אַראָפּ, אין דער נידער, ליגט ווי אָף א זילבערנעם בעקן אײַנגערעמלט אין גאַנץ הויכן אָטשערעט א ליכטיקער, אָפּשײַנענדיקער סטאַוואָק. ווען דער קליינער פּראַמיק, אַן אָנציקטער, מאַכט אים ניט אופֿמערקזאַם: „א שטיק הימל איז אַראָפּגעפֿאַלן אָף דער ערד״, וואָלט ער אַפֿילע אָף דעם וואַסער־שפּיגל קיין אַכט ניט געלייגט.

אינעם יונגן סאָסנאָווע וועלדל האָט די זומערדיקע היץ קיין שליטע ניט געהאַט. דאָ פֿאַר־ברענגען רו־צײַט איז בעעמעס א מעכײַע. אומעטום שטייט דאָס גראָז הויך־צעוואַקסן, פֿריש און שמעקנדיק, אײַנגעהילט אין א קיל־זײַדענער הויט. וויאַזוי זעצט מען זיך ניט צו אָפּרוען? פּראַמיק טראָגט זיך ווילד אַרום צווישן די געווירעטע וואַלד־קאָרידאָרלעך מיט א פֿריילעכן געטומל, יאָגט און שפּרינגט נאָך די שיינע קאָלירטע שמעטערלעך, די קינדער רופֿן זיי באַבע־לעך, אָבער קיין איינס גיט זיך אים ניט אײַן צו כאַפּן, פּראַמיקן.

עלטשיק ליגט צעשפּרייט אָף א שאָטנדיק בערגל, ציפּעט פֿון דער ערד פּאַרוועלקטע שטענגלעך, ראַיעט לעבן זיך א גריבל. איינצײַטיק גיט ער אַכטונג אָפּן צעהיצטן יאַטל, וואָס האַלט אין איין אַרומשפּרינגען.

פֿון צופֿיל לויפֿעניש און יאָגעניש שלאָגט זיך פּראַמיק אײַנגאַנצן אַרויס פֿון די קויכעס. אַן אויסגעשעפּטער, קוים וואָס ער אָטעמט, בלײַבט ער שטיין טויט מיד, דערנאָך טוט ער זיך ראַפּטום א וואַלגער אין גראָז, ווי א געהאַרגעטער.

— פּראַמיק! — רופֿט עלטשיק דאָס פֿאַרמאַטערטע ייִנגל. — קום אַהער, פּראַמיק! זעסט כאָטש, ווי דו ביסט פֿאַרשוויצט? זעץ זיך אוועק אָט דאָ דערנעבן. זע נאָר, ביסט דאָך פּיטש־נאָס. אנו, לאָז, וועל איך דיר אַרומווישן דאָס לײַב.

— דיאַדיע אילײַושע, באַ מיר אין קעשענקע ליגט א ריין טיכעלע. עס איז גאָלע גאָרניט. פֿאַר אַזעלכע קלייניקײַטן מאַכט אונדזער דערציִערן מאַרישע אַפֿילע קיין באַמערקונג ניט. זי איז א גוטע און א ווױלע, זייער א צוגעלאָזטע. באַ איר קאָן מען אַלצדינג פּויעלן. נאָר אײַן סאָפּע פּאַוולאָוונע האָט צו איר טאָמיד טײַנעס.

עס שטייט נאָך פֿאַר א גאַנץ פּײַנער מעהאַלעך. ביז די סקירדעס איז גאַנץ ווײַט, הײַנט פֿון דאָרט מיטן אָפּגעקאָסעטן פֿעלד, מיט דער סטערניע, הייבט זיך אָן די צווייטע העלפֿט גאַנג. פֿאַרן אײַנגעמידטן פּראַמיקן דורכמאַכן צופֿוס די דאָזיקע שטרעקע איז גאַנץ שווערלעך.

דאָס ייִנגל האָט פּלוצעם זיך געווענדט צו עלטשיקן:

— דיאַדיע אילײַושע, איך וויל אײַך עפּעס פֿרעגן.

— פֿרעג.

— איר האָט א מאַמע?

— ניין.

— א טאַטן?

— א טאַטן אויך ניט.

— וועמען זשע האָט איר?

— א זיידן.

— הם... א זיידן! וואָס איז אַזוינס א זיידע? א פֿרומער אַלטער, איאָ?

— ניט נאָר אַן אַלטער, פֿרומער, נאָר אויך אַן עלטער־טאַטע, מײַן מאַמעס טאַטע. באַם זיידן האָב איך זיך דערצויגן פֿון קליינערהייט. דער זיידע מײַנער איז זייער א טײַערער, א האַרציקער מענטש.

ניט אַלץ פּאָטויפּעט זיך באַ פּראַמיקן אין קאָפּ. נאָר ער וויל זיך גאָרניט גריבלען. וויכטיק איז איין זאַך, און דאָס שפּירט ער מיט אַלע זײַנע כושים: דער דיאַדיע אילײַושע איז זייער א גוטער, און וואָס דאַרף מען נאָך?

אַט וויל ער טאַקע אים אויספרווון:

— דיאַדיע איליושע, — פּעסטעט ער זיך, — איר וועט מיך פירן אין דער קינאָ־פּאַנאָראַמע?

— וואָס פרעגסטו, נאַריש קינד, וואָס דו ביסט? ווי דען? אוודאי, אויב ס'וועט ניט זײַן שפּעט. וואָרעם ביז מיר וועלן זיך דערקלײַבן אין שטאָט אַרײַן, האָב איך מוירע...

— פאַר עלף לייגן מיר זיך ניט שלאָפן, — דערקלערט פּראַמיק אומרויִק, — וויפל האַלט דער זייגער אַצינד? אַהאַ! — צעשפּרייט ער ברייט זײַנע הענטלעך. — אַ וועלט מיט צײַט.

— אַלצייִנס, פּראַמיק, אַפּדערנאַכט וועל איך דיך אין דער קינאָ־פּאַנאָראַמע ניט פירן. אָף די אָוונטיקע סעאַנסן לאָזט מען קיין קינדער ניט אַרײַן.

באַם ייִנגל פאַלט גלײַך די שטימונג. אָן אומעט זעצט זיך אָפּן אַנגעכמורעטן פּענעמל. פּראַמיק האָט אַזויפיל דערוואַרט פון זײַן נעסיִע מיטן דיאַדיע איליושע, און דאָ נאָ דיר גאָר אַזאַ זאַך!

— מע קאָן זיך אומקערן צוריק, — זאָגט עלטשיק זייער שטיל מיט אַ גלײַכגילטיקער מינע, — די ברייִרע, פּראַמיק, איז באַ דיר. עפּשער האָסטו כאַראָטע?

— ניין, ניין, — דערשרעקט זיך דאָס ייִנגל, — כ'האָב אָף קיין האָר ניט כאַראָטע, — ער שטרענגט זיך אָן, קעדיי אַליין זיך באַהערשן, — איך וויל ניט קיין קינאָ...

עלטשיק זעט זייער גוט און פאַרשטייט, אַז דאָס ייִנגל סטאַרעט זיך, קריכט מאַמעש פון דער הויט, קעדיי אים צופרידנשטעלן.

— אַ צווייט מאָל, פּראַמיק, וועט זײַן קינאָ אויך, און ניט נאָר די פּאַנאָראַמע. אַ וואָרט איז באַ מיר אַ וואָרט. סטערעאָ־קינאָ געפעלט דיר? האָסט קיינמאָל ניט געזען? דאָס איז טאַקע אַ שאַד. הייסט עס, פאַרשרײַבן מיר אָפּן צעטל — סטערעאָ־קינאָ. זאָג מיר, פּראַמיק, וואָס ביסטו נאָך אַ באַלן צו זען אין שטאָט? דער נאָענטסטער מאַטש איז איבעראַכטאָג שאַבעס. די בעסטע קאָמאַנדעס וועלן שפּילן, וועסט האָבן האַנאָע, — זשמורעט עלטשיק כיטרע צו אָן אויג. — מיט אַ בילעט ביסטו באַוואָרנט. אומבאַדינגט אָף דער טריבונע, אין סאַמע צענטער. אַך, יאָ! גוט, וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט וועגן קאַרוסעל. וואַרט אַ ווײַלינקע, ווו, זאָגסטו, געפינט זיך די קאַרוסעל? — שטרענגט עלטשיק אָן זײַן זיקאָרן. — ביסט טאַקע גערעכט, ריכטיק, אין פּיאָנערישן גאָרטן. דער ערשטער גאַנג, פאַרשרײַב עס אָפּן שטערן, וועט זײַן צו די פּיאָנערן.

— סאָפּע פּאַוולאָוונע טאָר דערפון ניט וויסן, — ווינקט פּראַמיק מיט אָן אויג, — זי וויל ניט לײַדן, לעמיצ אײנעם קומט אָן אַ גרעסערער כיילעק פאַרגעניגן און אַ צווייטן אַ קלענערער. אַלע קינדער, זאָגט זי, זײַנען באַ איר גלײַך. נישטאָ קיין אויסנאַם, נישטאָ קיין מעיוכאָסים.

— ריכטיק, פּראַמיק, — באַשטעטיקט עלטשיק מיט אַ געהעכערט קאָל, — גערעכט! הונדערט מאָל גערעכט. אַזוי דאַרף זײַן אין אַ קאָלעקטיוו. דאָס איז דער ערשטער געבאָט. באַ אייגענע טאַטע־מאַמע קאָן מען זיך פירן ווי מע וויל.

— און זײַן ווילד צעלאָזן, — באַמערקט פּראַמיק.

עלטשיק דערפילט, אַז ער האָט געטראָפן אַ שלעכטן טאָן.

— עס ווענדט זיך, באַ וועלכע עלטערן, — כאַפּט עלטשיק צוריק, — ניין, פּראַמיק, באַ טאַטע־מאַמע דאַרף מען זיך אויך פירן ווי עס דאַרף צו זײַן.

דער ענטפער האָט דאָס ייִנגל ניט צופרידנגעשטעלט. עס מוז דאָרט פאָרט זײַן אַנדערשער ווי אין קינדערהיים.

— ניט אַלע קינדער לעבן באַ טאַטע־מאַמע אַלצייִנס. געוויס וועלן זיך געפינען אַזעלכע קינדער באַ עלטערן, וואָס זײַנען דיר מעקאַנע.

— מעקאַנע? — צעעפנט דאָס ייִנגל ברייט די אויגן. ביסלעכווײַז האָט דאָס קליינע פּענעמל געגומען שמייכלען. איינס פון די צוויי: אָדער דער דיאַדיע איליושע שפּאַסט, טרײַבט קאַטאָוועס, אָדער ער מאַכט אים צום נאַר?

— אָפּגעמאַכט! — רופט אויס פּראַמיק. — לאָמיר מאַכן אַ בײַט, ניט אָף שטענדיק. דיאַדיע איליושע, געפינט אַזאַ, וואָס וויל גיין אָף מײַן אָרט.

עלטשיק טוט האַסטיק אַ הייב זיך פונעם גראַזיקן בערגל, כאַפּט דאָס יאַטל פאַר אַ האַנט, און זיי לאָזן זיך אָן אָן אָטעם לויפן איבערן וועלדל.

— הײַנטיקן טאָג... שוין... באַלד... — צעטומלט זיך עלטשיק. — וועסט וווינען אין אַ לײַטישער שטוב, עס וועט דיר טאָמיד זײַן גוט, קיין כאַראָטע, פּראַמיקל, וועסטו ניט האָבן.

דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע געגומען קאַטשען אינעם הויכן גראָז.

— אוי, גענוג, גענוג... און די שול איז ניט ווײַט, — האָט עלטשיק זײַנס אין זינען, — דו וועסט נאָר גרייטן די לימודים, שפּילן זיך און שפּאַצירן. אָף אַלץ וועט קלעקן צײַט, זאָלסט

נאָר זײַן אַ גערעטן קינד. פאַרשטייט זיך, ווערסט האָבן געוויסע פליכטן — אַשטייגער, אײַנקויפן קלייניקייטן אין קראָם, צוזען אַן עלטערן מענטשן, פאַרקערן די שטוב. אַמאָל וועט אויסקומען צוהעלפן אַף דער קיך, מאַלע וואָס פאַר אַן אַרבעט עס וועט זיך פאַר דיר געפינען.

— און אַז מיר וועט זיך, לעמאַשל, פאַרוועלן גיין צום דניעפּער?

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן, נאָר בעשום־אויפן ניט אַליין.

— און אַז מיר וועט זיך פאַרגלוסטן גיין אַפן סטאַדיאָן?

— פאַרוואָס ניט? גיי געזונטערהייט.

— ווער זשע וועט מיר געבן געלט אַף אַ בילעט?

— זאָרג ניט, קינד אײַנער, עס וועט זיך געפינען ווער.

זעט אויס, אַז דער דיאַדיע איליושע טרײַבט מיט אים ניט קיין קאַטאָוועס. ער מיינט עס טאַקע ערנסט. פּראַמיק קלערט אַ ווײַלע, באַטראַכט דאָס, וואָס ער האָט געהערט. ער קאָן אָבער בעשום־אויפן ניט באַשליסן וואָס צו ענטפערן — יאָ צי ניין. זוכט ער אויס אַ טערעץ.

— ס'איז געוואָנדט אין סאַפּע פּאַוולאָוונע. וויאַזוי זי וועט וועלן, אַזוי וועט זײַן.

— לאָמיר רעכענען, פּראַמיק, אַז סאַפּע פּאַוולאָוונע וועט דערלויבן, — קוקט עלטשיק מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק אַפן יינגל, — ווערסט דעמלט פאַרלאָזן דעם קינדערהיים? צי דיר וועט זײַן שווער זיך שיידן?

— כ'ווייס ניט, — פאַרשפּיצן זיך שאַרף פּראַמיקס אויפגעהויבענע אַקסל.

שפּרינגענדיק לאָזט זיך דער אומגעדולדיקער פּראַמיק פאַרויס צום שטויביקן שליאַך, פּאַזע די גרין־געלע פעלדער. פאַר די אויגן וויקלען זיך אומענדלעכע פעלדער. צווישן דער טוווּע שלענגלט זיך אַ שטעגל, וואָס פירט ערגעץ. מידע האָבן זיי זיך ענדלעך דערקליבן צום ליידיקן פּעראָן. עלטשיקס הוים, דוכט זיך, איז אַצינד געוואָרן אַ סאַך נעענטער.

די שנעל־יאָגנדיקע עלעקטריטשקע האָט אַף זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

טיף אַף פּאָדאָל, אין איינעם פון די גרויסע הויפן, וואָס זײַנען אַרומגערינגלט מיט פּאַלי־סאַדניקעס, בולוואַרלעך, אַלייען, געפינט זיך עלטשיקס נײַע דירע. היכע געבײַען, שטאָלצע און ליכטיקע, גאַרטלען אַרום דעם פּרעכטיקן גראַמען הויף־פּלאַץ. באַם סאַמע פראָנט שטייען אויסגעצויגן יונגע טאָפּאָלן, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן וואַכדינסט באַ די ריזיקע מויערן.

עלטשיק פרעגט באַם יינגל אַפן ווונק מיט אַ צופרידענער מינע, צי עס געפעלן אים די אומגעהײַערע מויערן?

נאָך אַ מין געפעלן. פּראַמיק שרײַט אויס:

— קאָלאָסאַל!

— אָט דאָ, פּראַמיקל, געפינט זיך מײַן וווינונג.

— סאַראַ וווּנדערלעכער הויף! — גאַפט מאַמעש דאָס יינגל.

ניט איינעם רונדן סקווערל פון די שוין לאַנג אָפּגעבליטע אַקאַציע־און בעז־ביימער, אויך ניט אין דער אַלייע פון די נידעריקע צעפּלאָכטענע איוועס האָט עלטשיק ניט געקאָנט אויפזוכן דעם יידן זײַנעם. אַ כידעש, וואָס דער אַלטער יעשוע־בער זיצט ניט אין דער־אָ צײַט אין דרויסן? באַ אַנדערע זקיינים, מיט וועלכע דעם יידן קומט אויס אָפּט פאַרברענגען אַף איין באַנק, האָט עלטשיק ניט געוואָלט זיך נאָכפרעגן.

דעם יידנס אַן אַלטער פרײַנט, שלוימע כאַנציס, שטעלט אָפּ עלטשיקן, זעענדיק, ווי דער כעוורעמאַן נישטערט מיט די אויגן איבער אַלע פרײַע און פאַרנומענע בענק.

— זוכסט אַוואַדע דעם יידן, עלטשיק?

— הםם...

— זײַ ניט צעטראָגן, דעם יידן דײַנעם האָט זיך פאַרוואָלט זעלצערוואַסער. זאָג איך אים: ווּהין, יעשוע־בער, גייט איר? שאַבעס און זונטיק איז דער פּאַוויליאָן פול מיט מענטשן. מע שטייט דאָרט אַ קאָפּ אַף אַ קאָפּ. ווער וואָס, רעד צו דער וואַנט.

אַ שטיין איז אַראָפּ פון האַרצן — אַבי מיטן יידן האָט כאָלילע גאָרניט פּאַסירט.

דער קליינער נײַגעריקער פּראַמיק ציט עלטשיקן פאַרן אַרבל.

— דאָס איז ער, דער זיידע דײַנער?

— פּכע־ע, — שמייכלט עלטשיק מיט אַ גרינג אָפּגעגאַנגען האַרץ, — ניין, פּראַמיקל, ניט ער. דאָס איז מײַן זיידנס אַן אַלטער גוטערפרײַנט. דער אַלטיטשקער מײַנער האָט זיך אָנגע־שטויסן, אַז מיר וועלן קומען דאָרשטיקע, לעכצנדיק נאָך אַ טראָפּן וואַסער. איז ער אַוועק אין פּאַוויליאָן... אַנו, לאָמיר שטעלן פיס!

עלטשיק האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. יעשוע־בער איז שוין אַ צײַט געזעסן אין דער היים האַלב אויסגעטאָן, און זיך מעכײַע געווען מיט אַ קאַלטן טרונק.

— ס׳האָט די ווערט, — זאָגט דער זיידע, — מע זאָל שטיין א פערטל שאָ, אבי אָנפילן מיט גאַז־וואַסער דעם סיפאָן. קעדייַ, אף מייַן וואָרט, — יעשוע־בער האָט מיט א צוגעשטעלטער האַנט צום שטערן, פונקט ווי די טאָג־שייַן זאָל אים שנייַדן די ריִע, געגומען זיך בעסער אייַנקוקן אינעם ייִנגל.

— און דער דאָזיקער ווייַסכעוורעניק ווער איז? — שטעלט ער אָן זייַנע רויטלעכע קאַליע אויגן אף פראַמיקן. — קום נאָר, באָכערל, אָקאָרשט אהער! זאָל דאָס זייַן טאַקע איצילעס קאַדעש? כ׳וואָלט עס ניט געזאָגט... אהא, — דערמאָנט ער זיך אין זשורבאַניוקס מיזיניק, אינעם פאַרשייַטן מאַמזערוק, וואָס האַקט באַ איטלעכן אויס די שויבן מיט זייַן ווילדער פוטבאָלשפּיל, — ווערסט אמאָל וואַרפן, טאַכשיט איינער, דייַנע שקאָציִשע שטיק?

— דיאַדיע איליושע! — טוט דאָס ייִנגל האַסטיק זיך א קערעווע צו עלטשיקן, — וואָס זאָגט ער, דער זיידע אייַערער? איך פאַרשטיי ניט.

— ער זאָגט... ער זאָגט, דער זיידע מייַנער... נו וואָס, פראַמיקל, קאָן זאָגן אן עלטערער מענטש? — זוכט ער אָן אויסרייד ווי צו פאַרגלעטן און פאַרענטפערן דעם זיידן, — ער זאָגט, אז ער קוקט שוין לאַנג אף דיר אַרויס. דייַן קומען האָט אים דערפרייט די נעשאָמע. ער איז העכסט צופרידן. ער זאָגט, דער זיידע, אז דו ביסט באַ אים זייער אן אָנגעלייגטער גאַסט.

— ווי׳אַזוי קאָן דער זיידע רעדן וועגן מיר, — קנייטשט פראַמיק מיט די אַקסל, — אז ער האָט מיך קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען?

— האָסט א טאָעס, פראַמיקל, דער זיידע געדענקט דיך פון פיצעלעווייַז אָן. יאָ, יאָ, אַלצדינג, וואָס ער דערציילט, איז עמעס. אוואַדע זייַנען מיר קרויווים. ווייַטע קרויווים, אָבער פאָרט קרויווים.

— קרויווים פון איין מישפּאָכע?

— מעגלעך, אפילע פון איין מישפּאָכע.

דאָס ייִנגל קוקט מיט פאַרוווּנדערונג אפן זאָקן, אף זייַנע רויטע קאַליע אויגן, וואָס זייַנען אָנגעפילט מיט צעבויטעטע וואַסערלעך, אפן פּאָנעם פונעם אַלטן ייִדן, וואָס איז טיף צעאַקערט, געקנייטשט און געגרונצלט, אף דער שיטערלעכער סיווער באָרד, וועלכע האָט שוין, דאַכט זיך, אופגעהערט צו וואַקסן. ערטערווייַז איז די באָרד אפילע א ביסל פאַרוועלקט. די צעעפנטע אָנגעדראָלענע ליפּן זייַנע האָבן אויך געהאַט עפּעס א מין מאָדנעם גרינלעכן קאָליר. זעלטן ווען איז פראַמיקן אויסגעקומען באַגעגענען אַזעלכע אַלטע לייַט.

עלטשיק האָט זיך געפּאָרעט אין קיך, איבערגעוואַשן דריבנע יונגע קאַרטאָפל, אָפּגעשיילט עטלעכע פרישע אוגערקעלעך, אָנגעבראָקט ציבעלקעס, רעטעכלעך, דערנאָך פאַרקאַשערט די אַרבל און גענומען מיט האַסמאָדע פרעגלען אף דער נייַער סקאָווערדע א פרעזשעניצע פון פינף־זעקס אייער. באַ דער דאָזיקער קיך־אַרבעט האָט ער זיך געייסעקט ווי א געניטער קעכער.

דער זיידע יעשוע־בער זיצט אין זייַן רייַן אופגעראַמט כיידערל באַ א ווינקל טיש און זופּט פאַמעלעך מיט האַנאָע פון א פּאָרצעלייַען טעפּעלע די אייַז־קאַלטע גאַז־וואַסער. דער אַלטער איז אויך מעכאַבעד געווען מיטן געטראַנק דעם גאַסט:

— טרינק א ביסל לעבעדיקער, — טרייַבט אים אונטער דער זיידע, — די בלעזעלעך ווערן אויסגעוועפּט. — יאָ, — פרעגט ער ווידער דאָס ייִנגל, — ווען מען זשע, וויל איך וויסן, ביסטו פאָרט?

איידער פראַמיק האָט באַוויזן ענטפערן דעם זיידן, שפּרינגט עלטשיק אַרייַן אן אופגעקאָכטער מיט עפּעס א קיילע אין דער האַנט.

— נו, וואָס איז דייַן דייַגע? — שטעלט זיך דער באָכער קעגן זיידן. — צי וואָס טויג עס דיר? איך וועל דיר, זיידע, אליין ענטפערן. ער איז מייַן גאַסט. א קינד פון קינדערהיים. א יאָסעם. שוין, איצט ביסטו צופרידן? קריך ניט, בעט איך דיך, יענעם מיט די פיס אין האַרצן.

— האָדי, עלטשיק, זייַ ניט באַרויגעז. כ׳האָב דייַן גאַסט מיט קיין וואָגן ניט פאַרטשעפּעט. א פרעמד יאַטל קומט צו גיין אין שטוב אַרייַן, וויל איך וויסן, ווער איז ער, ווען מען איז ער? וואָס זשע האָב איך דאָ כויטע־בייגל געווען?

אלע דרייַ האָבן זיך געזעצט צום געדעקטן טיש. דאָ האָט עלטשיק אַרויסגעוויזן זיך ניט נאָר פאַר א געניטן קולינאַר, נאָר אויך פאַר א גוטן סערווירער מיט א פייַנעם געשמאַק. ווי נאָר יעשוע־בער האָט דערפילט, אז די סודע נעמט אָן א יאָמטעוודיקן גאַנג, טוט ער זיך א הייב אוף פונעם טיש, שאַרט זיך פאַמעלעך צו צום מאָדערנעם, ערשט ניט לאַנג געקויפטן סערוואַנט און נעמט אַרויס זייַן ווישניק — זאָל עלטשיק זען, ווי ער פרייט זיך מיט זייַן גאַסט, — דאָס גראַפינטשיקל האָט לייַכט מיט א דינעם ציטערדיקן קלאַנג געלאָזט זיך הערן.

נאָך דער סודע, ווען עס האָט שוין געהאַלטן באַם אופראַמען דעם טיש, האָט זיך פּלוצעם ארײַנגעשטעלט דוווירעלע מאַלקעס.

— אָ! — רופט זי אויס אף א קאָל, — באַ אײַך, קינדער מײַנע, זע איך, איז אַן עמעסער יאָמטעוו, סאָסן־וועסימכע. לעקאָוועד וועמען, וויל איך וויסן, פּראַוועט מען אַזאַ פריילעך קערמעשל? — ווי נאָר זי האָט דערזען דאָס פרעמדע יײִנגל זיצן לעבן עלטשיקן, מאַכט זי א טראָט אף צוריק. — אַהאַ! איך שטויס מיך שוין אָן...

— מומעניו, איר געדענקט? — זשמורעט עלטשיק כיטרע אַן אויג. — כ׳האָב אײַך געזאָגט, פריִער אָדער שפּעטער... און אָט איז די צײַט געקומען. עמעס, נאָך ניט אינגאַנצן אף שטענדיק, — ציט ער שווערלעך די רייד, — ער מוז זיך נאָך אומקערן צו זיך אַהיים, נאָר מיט איין פוס, מומעניו, שטעקט שוין דאָס יאַטל דאָ.

דוווירעלע מאַלקעס פאַרשטייט נאָך ניט, וואָס עלטשיק מיינט. זי האָט זיך ניט געריכט טרעפן דאָ, באַם פעטער אין שטוב, עפּעס א פרעמד יײִנגל. די פּלוצעם אָנגעזאָגטע בסורע האָט איר א ביסל פאַרשמעליעט דעם קאָפּ. די מומע דוווירעלע מאַלקעס נעמט שוין איצט ניט אַראָפּ דאָס אויג פונעם יײִנגל. ער זיצט זיך אַזוי סטאַטעטשנע שטיל, אַפילע א ביסעלע שעמעוודיק.

— יאָ, — מאַכט זי נאָך אַלץ א פאַרטראָגענע אין אירע געדאַנקען, — ער איז טאַקע פּאָכאָזשע... ניט ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, אָבער אַן ענלעכקײַט איז פאַראַן. הייסט עס, אָט דאָס איז ער, דײַנער?.. — גייט זי פּאַמעלעך צו נעענטער צום בענקל, מעסט מיט נײַגעריקע בליקן דאָס יאַטל. — אף מײַן וואָרט, — זאָגט זי ווייכער, — עלטשיק מיט די ביינער. קליינערהייט, טײַערער פּלעמעניק מײַנער, ביסטו אויך געווען אַזאַ מאָגערער און אויך מיט אַזאַ קליין פאַרסמאַלעט פּענעמל. מע האָט דיך אונטערגעוואָרפן צום זיידן, דערנאָך, ניט הײַנט געדאַכט, איז געקומען די גרויסע מאַגייפע, די מילכאָמע. די עוואַקואַציע. מע איז ניט געווען זשעדנע אין קיין צאָרעס, אַלע האָבן געלעבט אין דאַכקעס און אין הונגער. אָסיען־צײַט איז דער טאַטע דײַנער געפאַלן באַ דער וואָלגע. די מאַמע האָט אויך לאַנג ניט געצויגן... יעשוע־בער! — האָט זי פּלוצעם איבערגעשלאָגן זיך אַליין. — אוי, האָט קיין פאַריבל ניט, פעטערלעבן, איר געדענקט דאָס אַריקל אין נאַמאַנגאַן? נו, דאָרט, ווו עלטשיקל איז געפאַלן מיטן הוילן בײַכל אף א צעבראָכענעם בוטל? דאָס פינפטע יאָר איז אים דעמלט געגאַנגען, איאָ, פעטער?

דער אַלטער שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— א שײַלע א ביסל, צי איך געדענק. עלטשיקל, מעג מען רעכענען, איז אף מײַנע הענט אויסגעוואַקסן. דאָס אַריקל האָט מיר געלאָזט ביז הײַנטיקן טאָג א לאָך אין האַרצן. איך פּיל נאָך אַדהײַנטם א טיפן ווייטעק אין אַלע מײַנע אייוורים. ווען ניט יענער דאָקטער, דער אוזבעק, ווי האָט מען אים גערופן? דערמאָן מיר, טאָכטער, האַ? יאָ, ריכטיק, טאַקע אַזוי, אַבדולראַכמאַן אַבדולײַעוו. א ווערטעלע אויסצורעדן, עלטשיקלס אָפּעראַציע! דער דאָזיקער קישעפמאַכער האָט דאָך אים פון טויט לעבעדיק געמאַכט. איך ווייס גאָרניט, צי אונדזער שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ דאָקטער.

יעשוע־בער האָט נאָך לאַנג דערציילט וועגן אוזבעקישן דאָקטער. געפלאָכטן א מײַסע אין א מײַסע.

דוווירעלע מאַלקעס כאַפּט אַפּגיך דאָס גרינגע געשטרײַפטע כאַלאַטל און נעמט זיך צו דער אַרבעט. הייבן הייבט זי אָן פון עלטשיקס צימער.

— אויב דו ווילסט, — מאַכט זי צו אים גאַנץ האַרבלעך, — עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן אַלע דײַנע מאַשינעריעס, טאָ גיי גיכער און באַוואָרן זיי. דאָס יײִנגל דאַרף שלאָפן, עלטשיק, ניט נאָר אף א ריין געלעגער, נאָר אויך אין א ליכטיקן ריינעם צימער מיט פרישער לופט. אַן עק, מאַך עס גיכער, ווער פּאָטער פון דײַן מאַסטערסקאַיע.

עלטשיק האָט אַוואַדע ניט געוואָלט לײַדן, האַלעמײַ מע מעשאַלייעכט אַרויס די אַלע ראָליקעס און וואַליקעס, פּרוזשינעס און רעדלעך, די פאַרשיידענע עלעקטרישע מאַכשירים. די מומע, זעט ער, וויל פון גאָרניט וויסן, עפּעס דוכט אים, אַז זי האָט אַפילע א שטיקל נעקאָמע אין אים... זי מאַכט א לאַד אף איר אויפן.

דוווירעלע מאַלקעס הערט אים איצט פאַר א פירער. א דײַגע, זאָל ער וואָרטשען, קלערט זי, דאָס קלאַפּערגעצײַג מוז איצט ווערן אַרויסגעשטעלט. ווען נאָך ווער זי האָבן אַזאַ גאָלדענע געלעגנהײַט? הער נאָר א מײַסע... — עגבערט אין איר מויעך, — הער נאָר א מײַסע, וואָס עס קאָן זיך פאַרלויפן? ניט צו פאַרשטיין און ניט צו באַנעמען. א רעכטע קאַשע האָט דער באָכער פאַרקאָכט... וואָס אף דער וועלט טוט זיך אָפּ! ניט איין מאָל, דערמאָנט זי זיך, האָט דער באָכער געגעבן אָנצוהערן: אַז זי, די מומע זײַנע, דוווירעלע מאַלקעס, וועט נאָך דערלעבן

זען א לעבעדיק ייִנגל אין שטוב... מאַמעש צו שטוינען. קיין ווײַב איז ניטאָ, נאָר א גרייט פריש געבאַקן יאַטל איז שוין, דאַנקען גאָט, פאַראַן! אין לעבן טרעפט אַזעלעכס אויך, האַלע־ ווײַ זאָל ניט טרעפן.

— די אַלע ראַדיאָ־קעסטלעך, — קאָמאַנדעוועט דווירעלע מאַלקעס, — טראָג אויך אַרויס פונדאַנען. וויפל דאַרף א מענטש טאַראַלײַקערס? שאַ, זע נאָר, און וואָס איז דאָס פאַר א פּעקל ציגאַפּיר?

— וואָס איז דאָס און וואָס איז יענץ, — ווערט עלטשיק בייז, — אַלצדינג איז מײַנס. אַלץ דאַרף איך האָבן. טשעפּעט בעסער ניט.

— נאַרישער לאָקש! — שווימען אָן אַף איר געזיכט ווייכע מילדע קנייטשעלעך פון א גוטער שטרענגער קרויוועו.

עלטשיקן גייט אָפּ דאָס האַרץ. טאַקע בעפּייִרעש גערעכט, צו וואָס שרײַען, בייזערן זיך? די מומע וויל דאָך, עס זאָל זײַן וואָס בעסער סײַ פאַר אים, סײַ פאַרן ייִנגל.

פאַרוואָס דאָס ייִנגל רופט עלטשיקן דיאַדיע אעליושע, איז דער מומע שטאַרק קאָשע. איינס פון די צוויי...

— בררעכט אײַך ניט דעם קאָפּ, מומעניו, — שטויסט ער זיך אָן, וועגן וואָס זי קנייטשט מיט די אַקסל, — אַלץ איז אין אָרדענונג. פראַמיקל! — רופט עלטשיק פונעם זיידנס כיידערל דאָס ייִנגל. — העלף צו דער מומע ווערע איבערשלעפּן די עטלעכע קלומעקלעך. איך וועל זיי באַשטאַטן אַף דעם אַנטרעסאָל. ניין, קיין לייטערל איז ניט נייטיק, דאָרט שטייט א טאַבו־ רעטל.

פראַמיק איז צופרידן, וואָס דער דיאַדיע אעליושע האָט פאַר אים צוגעזוכט א שטיקל אַרבעט. דער זיידע, יעשוע־בער, איז זיך שטיל געזעסן אין זײַן צימער און אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס פאַר א מעכוטן איז זײַן עלטשיק מיטן ייִנגל. צי וואָס, אַשטייגער, לייגט ער אַזוי אײַן די וועלט פאַרן שנעק? ווי קומט עס, וואָס דער אַקשן עלטשיק דערלאָזט, מע זאָל מאַכן באַ אים אין צימער אַן איבערקערעניש?

פאַרן ייִנגל פונעם קינדערהויז, פראַמיקן, זײַנען סײַ די מענטשן, סײַ די שטוב געווען א גרויסע נײַס, א ניט געוווינטע זאַך. דאָרט, הינטער דער שטאָט, אַף דער קליינער לאַנקע, באַם וואַלד־זוים, צינדט מען אָן אין דער־אָ שאָ דעם פּיאָנערישן שײַטער. מע זיצט אַפן גראָז, מע שטייט לעבן צעפלאַקערטן פײַער און מע לייגט אונטער טרוקענע צווײַגן, סאָסנע־שיש־ קעס. אַרום שײַטער פּילן זיך אַלע עפּעס דערהויבן. אונטערן אויסגעשטערנטן הימל זינגט מען לידער. מערקווירדיק, ווען ער איז דאָרט, אַף דער קינדער־דאַטשע, ציט אים שטענדיק ערגעץ, וווהין ווייסט ער אַליין ניט, אַבי ניט זײַן אין קינדערהיים. און דאַפקע באַם גוטן און ווילן דיאַדיע אעליושע האָט ער מיטאַמאָל דערפילט א נאָגנדיקע בענקעניש צו די קינ־ דער.

— דיאַדיע אעליושע! איר האָט פאַרשריבן, ווען עס גייען אָפּ צוריק די עלעקטרישע באַנען?

— וואָסי דען? — דערשפּירט עלטשיק אַן אומרו. — דו אײַלסט זיך? עפּשער געפעלט דיר ניט באַ מיר?

— פאַרקערט, אַלצדינג געפעלט מיר, — ענטפערט דאָס ייִנגל רויִק, — נאָר איר וויל שוין פאָרן צוריק אַף דער דאַטשע. עס ציט מיך שטאַרק אַהין.

ווי עפּעס אַן עלעקטרישער שטראָם לויפט דורך איבער עלטשיקס לײַב. גראָד אַף אַזא ענטפער האָט ער זיך ניט גערעכנט. פראַמיקס אָפּריכטיקע ווערטער האָבן אים טיף דער־ לאַנגט...

עלטשיקס פּלענער האָבן, דוכט זיך, געפּלאַצט.

שפּעטער האָט עלטשיק באַמערקט, אַז דעם ייִנגל איז לאַנגווײַליק. ער קוקט צעשטרייט אַפן טעלעוויזאָר.

— אויסשליסן? — פרעגט ער באַ אים מיט א געפאַלן קאָל. — עפּשער, פראַמיקל, האָסטו כיישעק אַרויסגיין מיטן זיידן אַף דער פרישער לופט?

— יאָ, יאָ, — כאַפּט זיך אָן דאָס באָכערל, — באַ אונדז אַף דער דאַטשע זיצט מען אויך ביז שפּעט אין דער נאַכט אין דרויסן. — דיאַדיע אעליושע! מיר וועלן נאָך הײַנט פאָרן צוריק אַהיים? כ'האָב קיין קאָפּעטשקע ניט מוירע גיין באַנאַכט דורכן וועלדל.

— און איך האָב דאַפקע יאָ מוירע, — קייקלען זיך באַ עלטשיקן נערוועז די פּיצינקע קנײַלעכלעך אַף די שאַרפע קינען, — מיר וועלן בלאָנדזשען אין דער נאַכט. הערסט, דער זיידע רופט שוין. גיי, גיי, ער וואַרט דאָרט אין קאָרידאָרל.

מיט וואָס, אַשטייגער, וויל ער וויסן, האָט ער דעם ייִנגל ניט צוגעטראָפן? אים האָט זיך

שטענדיק געמאָלט, ווי נאָר דער קליינער פראַמיק וועט אַריבערטרעטן די שוועל פון זײַן שטוב, נעענטער באַקענען זיך מיטן זיידן, מיט דער מומע דווירעלע מאַלקעס, וועט ער אין איינע צוויי טעג פאַרגעסן דעם וועג צום קינדערהיים. לאָזט זיך אויס, אַז די מעשׂה איז גאָר ניט אַזוי פּאַשעט. דאָס אומגעדולדיקע ייִנגל וואָלט שוין, די מינוט, אַ באַלן געוואָן, ווי שפּעט עס זאָל ניט זײַן, לויפן צו דער עלעקטריטשקע.

דעמלט, ווען דער זיידע יעשוע־בער האָט צו הילכיק פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, רופט זיך אָן דווירעלע מאַלקעס מיט אַ ביטער שמייכעלע:

— האָסט געהערט דעם קלאַפּ? דאָס זאָגט אויך וועגן עפּעס...

די מומע פּרוּווט פאַרפּירן מיטן פלעמעניק אָן אויספּירלעכן געשפּרעך, האַגאַם דער צערו־דערטער עלטשיק לאָזט זיך ניט אַרײַנשלעפּן אין קיין באַזונדערע פּראַטים וועגן זײַן גאַסט.

— איך האָב דאָך שוין אײַך איינמאָל געזאָגט, — טײַנעט עלטשיק אָן אופגערעגטער, — פון קינדערהיים... — און נאָכאַמאָל כאַזערט ער איבער, — פון קינדערהיים, פון קינדערהיים... יאָ, מומעניו, געוויס, דעם גרעסטן שׂכעס האָב איך צום ייִנגל.

— יאַלד מאַקאַרעוּוער! — פּאַלט זי אים אַרײַן אין די רייד. — וואָס זשע דאַרף מען דאָ ווערן אַזוי אופגעקאָכט? אַ שאָד די נערוון. מע קאָן דאָך דאָס אייגענע רעדן ווי אַ מענטש, רויק. איך בין דיר ניט קיין פרעמדע. כ'האָב ניט די טעווע, ווי אַנדערע, קריכן מיט די פּיס אין האַרצן. ווילן וויל איך זען אָף דיר, מײַן טײַערער פלעמעניק, נאָר גוטס. זאָל מיר אַנט־קעגנקומען דאָס, וואָס איך ווינטשעווע דיר. דאָס ייִנגל דײַנס איז מיר גראָד זייער ליב. כאַס־וועכאַלילע, וואָס הייסט, איך וועל דיך גיין אָפּרעדן? אַ ליב קינד, אַ ווויל קינד, נאָר מע דאַרף, זאָג איך, די זאַך גוט באַטראַכטן, איידער דו נעמסט אָף זיך דאָס דאָזיקע פּעקל.

— וואָס זשע, מומעניו, ווילט איר?

— גאָרניט וויל איך, גאָ־אָ־רניט... איך ווייס, ביסט אַ לײַטישער מענטש.

— נאַרישקײַטן! איך טו עס ניט צוליב לײַטישקײַט...

בעמיילע, אָן די אַלע וואָרעניש, איז עלטשיקן געוואָרן אָנגעזאָלצט אָפן האַרצן. דער באָכער פּילט, ווי אינווייניק לעכערט און עגבערט. עפּעס דוכט אים, אַז ער איז מיטאַמאָל אויסגעוועפּט געוואָרן. עס זײַנען באָטל געוואָרן אַלע וואַרעמע געפילן, וואָס ער האָט גע־טראָגן מיט ציטער אין האַרצן.

סײַ יעשוע־בער, סײַ דאָס ייִנגל זײַנען ניט געוווינט געוועזן זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. לייגן לייגט מען זיך שלאָפן פרי און שטייען שטייט מען אויך אוף פרי. דער באַלויכ־טענער הויף איז נאָך פול מיט שפּאַצירנדיקע, פריילעך־ווימלענדיקע מענטשן, אָבער פראַמיק איז שוין מיד. יעשוע־בער לאָזט ניט אַרויס פראַמיקס הענטל פון זײַן האַנט. ער האָט מוירע, דאָס ייִנגל זאָל ניט אַנטרונען ווערן. ער האָט אים געהאַלטן פאַר דער האַנט אַפילע דעמלט, ווען מע איז אײַנצווייען געזעסן ענג צוגעדריקט אָף דער באַנק. דער מילד־צוגעלאָזטער זיידע רופט פראַמיקן ניט אַנדערש, ווי „קינד מײַנס, קאַדעשל, טאַכשיטל". קיינמאָל איז פראַמיקן ניט אויסגעקומען צו זײַן אין אַ סוויווע פון אַלטע לײַט, דערפאַר, זעט אויס, שרעקט ער זיך אַ ביסל פאַרן זאָקן.

— באַ אײַך, זאַגסטו, זײַנען אַלע קינדער יעסוימים? — כידעשט זיך יעשוע־בער. — אַלע?

דאָס ייִנגל שווײַגט. ער ווייסט אים פּאַשעט ניט וואָס צו ענטפערן. די ווערטער „יאַסעם", „יעסוימים" ווערן זעלטן אַרויסגעבראַכט אין קינדערהיים. די דערצויגלינגען רופן זיך פּראָסט און געוויינלעך — קינדער פון קינדערהיים, און שוין.

וועגן דעם ווייסט דער זיידע יעשוע־בער גאַנץ גוט, אַז זײַן עלטשיק איז אַהין, אין יעסוימים־הויז, אָן אָפּטער אַרײַנגייער, אַ בען־באַיִס, קאָן מען רעכענען, ניט אומזיסט האַלט מען אים אָף דער שוך־פאַבריק פון די אַקטיווע שעפן.

— דער דיאַדיע אלילושע זאָגט, אַז מיר זײַנען קרוויים, ס'טאַקע אַן עמעס, זיידעניו? — פרעגט פראַמיק אַ ניט־זיכערער באַם אַלטן יעשוע־בערן.

— יאָ, קינד מײַנס, — שאָקלט צו דער אַלטער מיטן גרײַזן קאָפּ, — זעט אויס, אַז עס איז אַן עמעס. עלטשיק מײַנער וועט קיין ליגן ניט זאָגן.

— פאַרוואָס זשע, זיידעניו, קומט איר קיינמאָל ניט צוגאַסט אָף דער דאַטשע?

— ווייסט ניט פאַרוואָס? ווײַל איך בין צו אַלט און קראַנק, קוים וואָס איך שלעפּ די פּיס. ניין, טאַכשיטל מײַנער, ס'איז ניט פאַר מײַנע קויכעס. אַלטע לײַט, ווייסטו אַליין, טראָגן די אויגן אין קעשענע און די פּיס אין די הענט.

— די טיאָטיע ווערע איז אויך מײַנע אַ קרויווע?

— אוודע. אויב מיר רעכענען זיך פאַר קרוויים, איז זי דיר אויך ניט קיין פרעמדע.

— כ׳האָב גאָרניט געוווּסט ביז אַהער וועגן מײַנע אייגענע.

— איצט, קאַדעשל, ווייסטו שוין וויסן.

ישוע־בער האָט נאָך אַ סאַך פֿריִער, לויט פֿיל אָנדײַטונגען און רעמאָזים, אָנגעשטויסן זיך, אַז זײַן אייניק האָט בעדייע דעם יאָסעם פון „פּריוט" צוליאָנטשען. עפשער טוט דער יונג אַ גלײַכע זאַך? אונדזערע כאַכאָמים פלעגן זאָגן: ווען די זון זאָל ניט אופגיין, איז ניט צו שפּעט. דער זיידע ישוע־בער זעט אין דעם ניט קיין אוולע. אַ קינד אין שטוב איז פאַרט אַ גליק. אויב עלטשיק וועט האָבן נאָכעס פונעם ייִנגל, איז דער זיידע גרייט זיך אַליין ברענגען פאַר אַ קאָרבן. אָבער דעם אַלטן ישוע־בער איז פאַרט שווער פאַרשטיין דעם סייכל. צוליב וואָס, פרעגט זיך, טויג עס אים? אַמער נעם, לעקיש איינער, און האָב כאַסענע, ווי גאָט האָט געבאָטן, פאַרפיר אַן אייגענע מישפּאָכע און זאָל דיר דײַן באַשערטע שענקען אייגענע קינדער. געקעכט, הונדערט מאָל געקעכט, זאָל זײַן, ווי דו זאָגסט, אַז דאָס ייִנגל איז איין כאָכעם אין דער וועלט, מיט אַלע מײַלעס, וואָס זשע קומט דיר דערפון ארויס? ער איז דאָך פאַרט ניט פון דײַן לײַב און בלוט... נאָר גיי רעד, טײַנע צו אים. קאָך דעם אַקשן אין עסיק און אין האָניק, בלײַבט ער אַלץ אַן אַקשן...

— נו, זונעניו, מירן זיך פאַמעלעך קלײַבן אַהיים, האַ?

מע האַלט זיך נאָך אַלץ פעסט פאַר די הענט, ווער ווײַמען עס פירט צוריקוועגס, דער אַלטער זיידע דאָס ייִנגל, צי דאָס ייִנגל דעם זיידן, איז שווער צו וויסן.

בייס די מומע, דווירעלע מאַלקעס, האָט שוין געהאַלטן באַם געזעגענען זיך, צווישנשנ־דיק אַלעמען אַ גוטע נאַכט, איז זי מיטאַמאָל, אין דער לעצטער רעגע פאַרן אַוועקגיין, צוגע־פאַלן צום ייִנגל, אים אַרומגעכאַפּט און עטלעכע מאָל אַ קוש געטאָן. וואָרעמע טרערן זײַנען אָנגעלאָפן.

— זאָל זײַן מיט האַצלאָכע, — שטיקן זי אַזש די בראָכעס אין כריפּענדיקן האַלדז, — צו געזונט, צו לעבן, צו לאַנגע יאָר!

נאָכדעם איז עלטשיק געבליבן אין זײַן ציכטיק צוגעקליבענעם, קימאַט באַנײַטן צימער מיטן יאַטל פון קינדערהיים. דאָס סעזאָן־בעטל פאַר פּראַמיקן איז געשטאַנען לעבן אָפענעם פענצטער. אַ בלענדיקע זויבערקײַט האָט געשײַנט פונעם בעטגעוואַנט.

שוין דאָס וויפלטע מאָל פרעגט איבער עלטשיק באַם ייִנגל, צי עס ציט אים ניט דאָס הערצל?

— טו מיר צוליב, פּראַמיקל, נעם עפּעס אין מויל אַרײַן. כאָטשבי אַ גלאָז זויערמילך. ווילסט דאָך, זאָגסטו, זײַן געזונט, שטאַרק ווי אַ לייב.

ווי נאָר די שײַן איז אין צימער אויסגעלאָשן געוואָרן, נעמט דאָס ייִנגל אומרויִק דרייען זיך פון איין זײַט אויף דער צווייטער. ער קערעוועט זיך אַהער און אַהין, דערנאָך, אַ נערוועז צערודערטער זעצט ער זיך פלוצעם אויף. קיין שלאָף נעמט אים ניט. עלטשיק איז אויך וואַכדיק, דער דרויסנדיקער לאַמטערן מיט זײַן שאַרפער שײַן שפּאַרט אַהער אין צימער דורכן ברייט־צעעפנטן פענצטער. עלטשיקן פאַלט אײַן טאַקע טייקעף נעמען דאָס גרינגע בעטל און עס איבערשטעלן לעבן נידעריקן ביכער־שראַנק. ווי נאָר עלטשיק איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער, האָט דאָס ייִנגל ראַפּטום זיך אופגעשטעלט אין זײַן גאַנצער הייך און בעשום־אויפן ניט געלאָזט דעם דיאַדיע אילױשע אָפּרוקן דאָס בעטל פונעם ליכטיקן פענצטער.

— דער הויף־לאַמטערן וועט דיך ניט לאָזן אַנשלאָפן ווערן, — העכערט עלטשיק דאָס קאָל, — שפּאַר זיך ניט, פּראַמיק. איך וויל, עס זאָל זײַן פאַר דיר וואָס בעסער.

און פּראַמיקל, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ניין און ניין. ער וויל ניט, עס זאָל אים זײַן בעסער.

— די דרויסנדיקע עלעקטרע־שײַן שטערט מיר ניט. זאָל דאָס בעטל שטיין אַזוי, ווי עס שטייט. איך האָב ליב שלאָפן באַ אַן אָפענעם פענצטער. אַ גאַנצע נאַכט אָטעם איך מיט ריינער פרישער לופט. אונדזער דאָקטער, קאַרפּעניוק, זאָגט, אַז ריינע לופט איז פאַר מיר בילכער פון גוטע דערנערונג.

עס זײַנען דורכגעגאַן עטלעכע שטילע מינוט. פּראַמיק מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז שוין קלוימערשט אײַנגעשלאָפן. עלטשיק אָבער שטויסט זיך אָן, אַז פּראַמיקל מאַכט נאָר, אַז ער שלאָפט. אָבער עלטשיק איז אַ מיווון אויף אַ טשאַד. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט עלטשיק דערזען, אַז דאָס ייִנגל זיצט אויף דער פענצטער־ברעט און קוקט ארויס אין דרויסן. די מײַסע האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. וואָס איז עס פאַר אַ מעשונע טנועס אינמיטן דער נאַכט? פאַר ווײַמען פּראַוועט ער אַזעלכע ווילדע שטיק? באַ אים, באַ עלטשיקן, קריכט מען ניט אויף די גלײַכע ווענט. אָט באַלד וועט ער זיך צו אים אַ נעם טאָן ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

— אַנו, גוטערברודער, אַראָפּ פונעם פענצטער!

דאָס ייִנגל האָט אזש א ציטער געטאָן פונעם פּלוצעמדיקן געשריי. ער איז ניט געווען געוווינט, מע זאָל אויף אים שרײַען.

— דיאַדיע אילױשע... דיאַדיע אילױשע...

— דײַנע זאַבאַוועס וועלן דאָ ניט אַנגיין. גענוג! כליפּע ניט.

אין איינע צוויי מינוט האָט דער צעטורעטער עלטשיק א כאַפּ געטאָן דאָס בעטל, אײַנ־געמאָסטעט עס אויף יענעם אָרט, ווי ער האָט פריִער געקלערט.

— אַציינד גיי אויף דײַן געלעגער און ווער גלײַך אַנשלאָפן! — שטייט עלטשיק לעבן ייִנגל א בייז־אופגעקאָכטער. — דײַנע קאַפּריזן וועסטו באַווײַזן ערגעץ אַנדערש.

— פונעם פענצטער וועל איך ניט אַראָפּגיין! — שטעלט זיך יענער אַנטקעגן.

— וועסט שוין דאַפקע יאָ אַראָפּגיין! אַפּן פענצטער וועסטו בא מיר ניט זיצן. אויב דו פאַרשטייסט ניט, וואָס מע רעדט צו דיר, וועל איך דיר געבן צו פאַרשטיין אויף אַן אַנדער אופן. הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? און איצט, זײַ מוֹיכל, קריך טײַקעף אַראָפּ. ניט שפּע־טער. שפּעטער דאַרף איך ניט, נאָר שוין, די מינוט. דײַנע טרערן וועלן מיך ניט נעמען.

א באַרוּיגזער קריכט דאָס פאַרביטערטע ייִנגל אַראָפּ פון דער פענצטער־ברעט, ווײַזנדיק א צעקנייטשטע זויערע צורע. יעדער קרעכץ, וואָס ער ברענגט אַרויס, טוט מאַמעש א צופּ בא דער נעשאָמע. אָנשטאָט זיך לייגן אויף זײַן געלעגער נעמט ער אַרופשלעפּן אויף זיך די הייזלעך, דאָס העמדל.

— פירט מיך אָפּ צוריק אַהיים, דיא־אַדיע, — שלוכצט פּראַמיק אונטער, ווי ער וואָלט זיך אופגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט פון א שלעכטן כאָלעם, — איך וויל אַהיי־היים.

— האָב געדולדל, עס ברענט ניט, — צוימט עלטשיק זײַן קאַס, — זאָל נאָר אָנהייבן שאַ־ריִען, פיר איך דיך גלײַך אַוועק אַהין, פונוואַנען דו ביסט געקומען.

— איך קאָן אַליין אויך טרעפן דעם וועג.

— אַז דו קאָנסט אַליין, גיי אַליין. זײַ וויסן, פּראַמיק, באַנאַכט גייען ניט קיין טראַליי־בוסן. נאָר אויב דו אײַלסט זיך אַזוי, וועל איך דיר קיין קלעצער פאַר די פיס ניט לייגן.

גאַנצפרי, מיט דער ערשטער עלעקטריטשקע, זײַנען זיי אינצווייען, עלטשיק און פּראַ־מיק, שלעפעריקע אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. פאַרוואָס דאָס ייִנגל האָט אָפּגעשפּילט אַזא צו־לאָכעסדיקן קאָנצערט, ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל... ער, עלטשיק, קאָן עס בעשום־אויפן ניט באַגרײַפן.

און עפּשער, לייגט עלטשיק בא זיך איבער, האָט ער עס געטאָן אומגערן, קעגן זײַן ווילן? ער מוז זיך מוידע זײַן, אַז ער, דער דערוואַקסענער מענטש, עלטשיק, האָט מיטן ייִנגל געהאַנדלט ווײַט ניט פּעדאַגאָגיש.

פּראַמיקן קלעפּן זיך די אויגן. עפּעס מורמלט ער אומפאַרשטענדלעכע רייד, ענלעכע צו א באַקאָשע: מע זאָל אים מוֹיכל זײַן און מאַכן שאָלעם.

— דיאַדיע אילױשע, זאָגט מיר צו, אַז איר וועט קיינעם ניט דערציילן.

— איך ווייס ניט וואָס צו דערציילן.

עלטשיק האָט בלויז גוטמוטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: מאַסקים. רעכן, אַז איך האָב אין אַלץ פאַרגעסן, נאָר איך אַליין בין דאָך אויך קעגן דיר שולדיק.

אינעם צעוויגטן, העכער האַלב ליידיקן וואַגאָן הערט זיך צו רוישיק דאָס ריטמישע קלאַפּערײַ פון די רעדער. דורך די אָפענע פענצטער האָבן ווייך אַרײַנגעבליקט די ראָזלעך־גליטשיקע זון־שטראַלן. עלטשיק האָט אַלץ ניט אופגעהערט צו קלערן וועגן דעם ייִנגל. ער וועט אים געוויס פאַרבעטן נאָכאַמאָל, אָפּשלאָגן דער באַלעבאָסטעס שוועל, זי זאָל דערלויבן פּראַמיקן קומען צו אים סײַ אין א פרײַען טאָג, סײַ אויף א יאָמטעוו, וואָרעם עלטשיק איז דעם ייִנגל איבערגעגעבן, געטרײַ, ווי צו אַן אייגן קינד. אָבער פאַרבעטן וועט ער אים ווי מע פאַר־בעט צו זיך א שוועסטערקינדל, א פּלעמעניק.

...צו דער קינדער־דאַטשע איז עלטשיק געפאָרן אינעם זומערדיקן גאַנצפרי מיט א סאַך א גרינגערן געמיט ווי שטענדיק — אָן זאָרג, אָן דײַגעס און אויך אָן איבעריקע אָנשטרענגונגען.

קיינער האָט זיך אַזוי שטאַרק ניט דערפרייט מיט פּראַמיקן, ווי סאָפע פּאַוולאָוונע. זיי זײַנען אַקוראַט אָנגעקומען צום פרישטיק, און דאָס איז א גוטער סימען. דער קינדערשער טומל אַרום די לענגלעכע טישן לאָזט זיך הערן ווײַט אַרום. ווי נאָר סאָפע פּאַוולאָוונע האָט פונדערווײַטנס דערזען אילױשען מיט פּראַמיקן, האָט זי אַלצדינג פאַרעסירעט און אַוועק זיי באַגעגענען. דעם עמעס גערעדט, האָט זי זיך בעשום־אויפן ניט געריכט, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן זונטיק.

פּראַמיקלען האָט זי געקושט ווי אַן אייגן קינד, וואָס קערט זיך אום פון אַ געפערלעכן וועג. סאָפּע פּאַוולאָווונע, קאָן מען זאָגן, איז געווען איבערגליקלעך. זי האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָנטישען.

— אַצינד, — שטראַלט זי פון פרייד, — איז מײַן האַרץ גאַנץ... ביידע האָט איר געטאָן קלוג, וואָס איר זענט געקומען פונקט צום פרישטיק. אין אַזאַ הייסן זומער־טאָג, ווען אַרום און אַרום שטייט אַזאַ ספּעקע, עס סאַרפּעט און ברענט, איז ניטאָ וואָס אומשלײַען זיך איבער דער אָנגעגליטער שטאָט. דאָ בײַ אונדז אַף דער דאַטשע איז אַ גאַניידן, אַ כּ׳עס אין אַלע ביינער, אַ דערקוויקעניש פאַר דער נעשאָמע. פּראַמיקל ליבער, גיי וואַש זיך אײַן און זעץ זיך צום טיש אַף דײַן אָרט. איר פּילט כאָטש, אילױשע טײַערער, ווי די לופט איז דאָ פריש און דופטיק?

אַ לוסטיקער איז דאָס ייִנגל אַוועק אין דער נידער צום פײַכטלעכן גראָז, ווו עס שטייען רייענווײַז די צינקעווע צאַפּנס.

דעמלט האָט סאָפּע פּאַוולאָווונע עטוואָס צעשטרייט אַ פרעג געטאָן בײַ עלטשיקן, צי ער האָט טאַקע בעדייע צונעמען דאָס ייִנגל פון קינדערהיים. זי האָט אַ קוק געטאָן אַף אים און אַליין געענטפערט:

— איר זעט דאָך אַליין, ווי דאָס קינד איז מיט לײַב און לעבן, מיט דער גאַנצער נעשאָמע צוגעבונדן צום קינדער־קאָלעקטיוו. בײַ זיך, אין זײַן אייגענער סוויוועס, — זאָגט זי מיט האַרץ, — האָט איר געוויס באַמערקט, ווי דאָס ייִנגל איז גלײַך געוואָרן אַן אַנדערער. אַ נײַע הויט איז אַף אים אויסגעוואַקסן...

סאָפּע פּאַוולאָווונע פאַרשפּאָרט עלטשיקן אײַנריידן. ער האָט עס נאָך פרי׳ער פאַרשטאַנען, אַז פּראַמיקן וועט זײַן ניט גרינג אײַנוואָרצלען זיך אין זײַן מישפּאָכע. אָבער איצט האָט ער רעכט צעקײַעט, אַף וואָס פאַר אַ זינלאָזן וועג ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן, נאָכגעבנדיק זײַנע האַסאָגעס. בלויז איין־און־איינציק וואָרט, אַ פולדײַטיק וואָרט, האָט עלטשיק אַרויסגעבראַכט פאַר דער פאַרוואַלטערן:

— אַכרײַעס... — און מער דרייסטער צוגעגעבן, — ניט לײַכט איז צו איבערפלאַנצן דאָס וואַקסנדיקע פון איין באָדן אַף אַ צווייטן.

— אָמער, — רופט אויס די פאַרוואַלטערן באַגײַסטערט, — צו וואָס דאַרפט איר דאָס ייִנגל שלעפּן צו זיך? קומט בעסער אָפטער צו אונדז...



מענטשן — זייער צייט און זייער גורל

אלעקסאנדער ליזען

די טויבע

פארצייכענונג

אָט וועט ער סאָפּקאָלסאָף קומען, יענער מענטש, וואָס וועט אים וועלן אויסהערן, וועט ער... אים אנטדעקן אלע מאכשאָוועס, וואָס אין זײַן טויבן און געפּרעסטן קאָפּ.

ד. בערגעלסאָן — „דער טויבער".

אילִיא סאמוילאָוויטש דינקעוויטש. א פּאָדפּאָלקאָווניק אין דעמיסיע. ער איז אלט דרײַ און זעכציק יאָר. א צוויי צענדליק יאָר האָט ער אָפּגעדינט אין דער ארמיי און קימאט פינף און צוואנציק יאָר געווידמעט די טויבע.

געווידמעט! עפּשער קלינגט אָט דאָס וואָרט צו רעטאָריש? איבערהויפּט פאר א געוועזענעם מיליטערמאן. און פאר א מענטשן, וואָס פארנעמט אזא פּראָזאַישע שטעלע, ווי פּאָרזיצער פון דער געגנטלעכער (לוואָווער) אָפּטיילונג פון דער אוקראַינישער געזעלשאפט פון די טויבע („אוטאָג"). כ'מיין אָבער, אז גראָד דאָ פּאַסט עס, אָט דאָס וואָרט. מע מוז זיך ווידמען דער ארבעט מיט טויבע. אניט וועט זיך גאָרנישט ניט באקומען. און דער ציל וועט ניט דערגרייכט ווערן.

וואָס פאר א ציל? אָט אזא: ארומרינגלען די טויבע מיט א שפּרודלדיק לעבן, זיי זאָלן פארגעסן, אז זיי זײַנען טויבע. אלץ דארף בא זיי זײַן, „ווי בא לײַטן".

וואָס זשע מיינט איר, ס'איז טאקע אזוי גרינג געווען צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל? אוי, ניין.

איך בייג זיך אָן צו דינקעוויטשעס אויער און פארגיב אים בעקויל־ראָם א טריוויאַלע פראגע:

— איז וויאַזוי האָט איר דאָס דערגרייכט?

שלאָגט ער מיך איבער און זאָגט מיר מיט א שמייכל, אז איך מוז ניט אזוי הויך שרײַען, וואָרעם דאָס, וואָס ער דערהערט ניט, שטויסט ער זיך אָן לויט די באוועגונגען פון מײַנע ליפּן.

— וואָס איז שײַעך אונדזערע דערגרייכונגען, זײַנען זיי נאָך גאנץ באשיידן. פונדעסטוועגן זעען מיר אצינד אויס נישקאָשעדיק. געווען אָבער א צײַט...

זײַנע אויגן קוקן ערגעץ העט־ווײַט און גאָר־גאָר נאָענט. ווײַט — וואָרעם ס'איז א שטרעקע פון פינף און צוואנציק יאָר. נאָענט — מאכמעס די אויגן האָרעווען, נעבעך, פאר זיך און פאר די אויערן. זײַן געמיטלעך פּאָנעם זעט אויס א ביסל אָנגעשטרענגט, ווי געווײנלעך בא טויבע. נאָר אָט צעגיסט זיך איבער אים א מילדער שמייכל, ווערט עס גלײַך ווייך און גוטמוטיק.

...צוערשט האָט ער זיך עטוואָס פארלאָרן. באם אײַנאָרדענען זיך אויף דער דאָזיקער שטעלע שרײַבט ער א קוויטל דעם פארטרעטער פונעם פּאָרזיצער פון דער צענטראלער פארוואלטונג נאבאָטשענקאָ, וואָס איז אויך א טויבער, שרײַבט ער אים, הייסט עס, בעזע האָלאָשן: וויאַזוי וועל איך קענען אָנפירן מיט די טויבע, אויב איך ווייס וועגן זיי גאָרניט?

ענטפערט אים נאבאָטשענקאָ אויף דעם זעלבן פּאַפּירל מיט גרויסע שיפּע אויסיִעס, מײַסע־רע־

זאָליוציע: „וואָס הייסט איר ווייסט ניט? איר זײַנט דאָך אליין א טויבער!"

דינקעוויטש שיקט אָפּ אין דער צענטראלער פארוואלטונג קיין קיִעוו א מעלדונג: „קיין גורטער פּאָרזיצער וועט זיך פון מיר ניט באקומען, און קיין שלעכטער וויל איך ניט זײַן".

צי איז ער געווען דעמלט געךעכט? אפּאָנעם, ניין. א סימען האָט איר, אז אין זיבעצן יאָר ארום האָט ער באקומען א באגריסונג לעקאָוועד זײַן זעכציקיאָריקן יובילײ, פון דער זעלבער פארוואלטונג, און אין דער באגריסונג ווערט אונטערגעשטראָכן: „...און אין דעם, וואָס די לוזאָווער געגנטלעכע אָרגאניזאציע פארנעמט א פירנדיק אָרט אין אונדזער געזעלשאפט, איז אײַער היפשער פארדינסט"...

שאמאשעוויטש איסאק לאזארעוויטש. דער הויפּט־מעכאניקער פון „אופּעפּע־1" און דער סעקרעטאר פון דער פּארטיי־אָרגאניזאציע.

באראש לעאָניד מיכײַלאָוויטש. דער שטעלפארטרעטער פונעם דירעקטאָר פון „אופּעפּע־2".

קוידעמקאָל — וואָס איז אזוינס „אופּעפּע"? דער פשאט איז — א לערן־פּראָדוציר־אונטערנעמונג — «Учебно-производственное предприятие», ווו עס ארבעטן און לערנען זיך טויבע.

שאמאשעוויטש, שוין א בען־כאמישים, שטאמט פון מאָזיר, ווײַסרוסלאנד. באראש איז נאָך גאָר א יונגער שווארצכיינעוודיקער אוקראִינער. ניט לאנג צוריק איז ער געווען אן איבערזעצער. נאָר פאר זײַנע פייִקײַטן האָט מען אים ארויסגערוקט אָף דער שטעלע פונעם דירעקטאָר־פּארטרעטער. זײַנע עלטערן זײַנען טויב־שטומע. ניט נאָר באראש, נאָר אויך אנדערע טרײַע מיטארבעטער פון דער געזעלשאפט זײַנען קינדער פון טויבע. א געזעצמעסיקײַט? יאָ, געוויס. דער געפיל פון מיטלײַד און מיטגעפיל הייבט צוערשט זיך אָן לעגאבע די אייגענע עלטערן, דערנאָך פארשפרייט ער זיך איבער דער גאנצער טויבע־איידע. די איקערטראגעדיע פון בערגעלסאָנס טויבן איז באשטאנען אין דעם, וואָס קיינער האָט אים ניט געוואָלט אויסהערן. כ'רעד שוין ניט פונעם ביק און פונעם אוריאדניק. אפילע די טאנדעטניטשקע. און אפילע זײַן אייגענע טאָכטער עסטער...

ס'איז מיר געווען אָנגעלייגט, וואָס שאמאשעוויטש איז אי א מעכאניקער, אי א פּארטייסעקרעטאר. קענען מיר, הייסט עס, זיך דורכשמועסן מיט אים סײַ וועגן טעכניק, סײַ מײַקויעך עטיק.

אָנגעהויבן האָבן מיר פון טעכניק.

טאקע זייער א באשיידענער, נאָר ווען עס האנדלט זיך וועגן „אופּעפּע־1", ווערט ער בא זיך גרויס. ער באהויפּטעט, אז אין אייניקע הינזיכטן איז זייער אונטערנעמונג פּאָרגעשרייטענער, ווי אלע אנדערע אונטערנעמונגען פון דער אָרטיקער אינדוסטריע. אלץ איז דאָ שפּאָגל־נײַ. די געבײַדע פון די צעכן, די אויסשטאטונג, די בלישטשענדיקע ניי־מאשינעס.

אמאָל איז בא זיי אין אויבנאָן געשטאנען די ניי־מאשין פונעם 22־טן קלאס. וואָס איז געווען בעקויעך אָט די וועטעראן־מאשין אופּצוטאָן? בלויז צונויפשטעפּן צוויי ראנדן. נאָך דער דאָזיקער אָפּעראציע האָט מען נאָך געדארפט אויסשטעפּן א נאָט; פארבאהאלטן די זוים (ס'הייסט, פארבייגן) און ווידעראמאָל שטעפּן... עפּעס האָט ער מיר געמאכט א כעזשבן, שאמאשעוויטש, אז מע האָט געדארפט דרײַ מאָל שטעפּן. טויג עס ניט.

נעמען זיי און קויפן אײַן ניי־מאשינעס פון 797־טן קלאס (ווו זײַנען אהינגעקומען די נומערן פון 23 ביז 796 — ווייס איך ניט). עס ווײַזט זיך ארויס, אז די דאָזיקע מאשין איז א גרויסע בעריע: זי שטעפּט, שנײַדט אָפּ און בייט ארום די זוים אײנצײַטיק — דרײַ אוווידעס מיטאמאָל. וואקסט אויך די פּראָדוקטיווקײַט אויס אין דרײַ מאָל.

איז שוין, דאכט זיך, גוט?

ניין. שאמאשעוויטש איז נאָך ניט באפרידיקט. די 797־מאשין איז טאקע א ברען, זי האָט אָבער איין כיסאָרן: זי פארזיכערט ניט אלע מײַלעס, וואָס דער מעלוכע־סטאנדארט פּאָדערט. מוז מען, הייסט עס, עפּעס צוטראכטן. נעמט מען און מע מאָדערניזירט די מאשין. אליין. מיט די אייגענע הענט.

— און מיר האָבן דאָס אופגעטאָן די ערשטע אין אוקראִינע...

— ווער — „מיר"? — פרעג איך שאמאשעוויטשן, וואָס שטייט אנטקעגן מיר, א הויכער, א שטאלטנער, א יונגער, כ'וואָלט קיינמאָל ניט געזאָגט, אז אָף אים ווארט אין דער היים אן אייניקל.

— וואָס הייסט ווער?.. טאקע די טויבע אליין.

שאמאשעוויטש איז ניט קיין טויבער. הייסט עס, אז ער שליסט זיך אויס פונעם קלאל ראציִאָנאליזאטאָרס, וואָס האָבן מאָדערניזירט די מאשין. מוז איך אצינד ארויסציִען פון אים א וואָרט נאָך א וואָרט... עס לאָזט זיך אויס, אז ער האָט העכער דרײַ יאָר געארבעט אמאָל אָף אן עקספּערימענטאלן זאוואָד, וואָס האָט פּראָדוצירט מעכאניזאציע־ און אווטאָמאטיזאציעמיטלען. איז טאקע די דאָזיקע דערפארונג דאָ צוניץ געקומען.

— אדאנק דער מעכאניזאציע און ראציִאָנאליזאציע פונעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס, — זאָגט ער, — איז די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אויסגעוואקסן פאר איין יאָר אָף 13,3 פּראָצענט.

בין איך אים מוכל דעם פּראָצענט און בעט אים, מיר זאָלן גיין כאַפּן אַ קוק אָף די צעכן, ווײַל איין מאָל זען איז בעסער, ווי צען מאָל הערן...

אונטערוועגס הייבט ער זיך אָן „פאַרענטפערן", שאַמאַשעוויטש. ס'הייסט, איר זאָלט ניט מיינען, אַז דאָס אַלץ (זײַן האַנט טוט זיך אַ הייב און ווײַזט אָן אָף דער פּרעכטיקער פאַבריק־געבײַדע) איז נאָר אונדזערע פאַרדינסטן. ניין.

— נאָר אַדאַנק די פאַרשיידענע גרויסע מעלוכע־להאָטעס זײַנען מיר רײַך און מיר האָבן היפּשע פאָנדן. פאַראַן בא אונדז געלט אָף בויען, אָף אײַנקויפן נײַע מאַשינעס, אָף פאַרבעסערן די טעכנאָלאָגיע, אָף קלובן, טעאַטערס, וווינ־און אָפּרו־הײַזער, ביבליאָטעקן...

פאַר די לעצטע פיר יאָר האָט דער אַלגעמיינער פאַרנעם פון קאַפּיטאַל־אײַנלאַגן פונעם „אוטאָג" אויסגעמאַכט אַ כעזשבן פון 21 מיליאָן רובל. מע האָט אויסגעבויט צוועלף וווינהײַזער, פינף פּראָדוציר־געבײַדעס, פיר קלובן. אָף היילונג און מאַטעריעלער הילף די טויבע האָט מען אויסגעגעבן קנאַפּע צוויי מיליאָן רובל. דער „אוטאָג" ציילט אָן צוויי און פופציק טויזנט טויבע, און זיי פאַרמאָגן 52 קולטור־הײַזער, 122 קלובן, 144 רויטע ווינקלען, 64 קינאָ־אײַנשטעלונגען, 198 ביבליאָטעקן...

דערוויס איך זיך, אַז אָף דער גאָרער וועלט איז פאַראַן העכער דרײַסיק מיליאָן טויבע. זיי האָבן אפילע זייער צווישנפעלקערלעכע פעדעראַציע. זי איז געגרינדעט אין רוים, אין 1951. די געזעלשאַפטן פון די טויבע פון אונדזערע רעפּובליקן, דערונטער פון אוקראַיִנע, זײַנען מיטגלידער פון דער דאָזיקער פעדעראַציע. און ס'איז אַלגעמיין אַנערקענט, אַז די לאַגע פון די טויבע איז אַמבעסטן אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָרעם זי באַזירט זיך ניט אָף פילאַנטראָפּישע, נאָר אָף אַרבעט־ און פּראָדוציר־יעסודיעס, וואָס זײַנען פאַרלייגט מיט דער הילף פון אונדזער רעגירונג.

אַ גרויסער ניי־צעך. ברייטע ליכטיקע פענצטער. און רויִקע פענעמער פון די טויבע נייטערנס, וואָס זיצן בא שפּאָגל־נײַע בלישטשענדיקע מאַשינעס.

— מיט וואָס נאָך באַשעפטיקן זיך די טויבע? — פרעג איך שאַמאַשעוויטשן.

— זיי זײַנען גוטע שלאָסערס, סטאָליערס, שוסטערס...

ביכלאַל זײַנען פאַר די טויבע צוגענגלעך אַלע פאַכן, כוץ די, וואָס פאָדערן אַ געהער. אַשטייגער, זײַן אַ מוזיקער, אַ טעלעפאָניסט, אָדער, לעמאָשל, אַ פאַרקויפער, אַ קאַסיר — קאָנען זיי ניט.

פאַרקערט, פאַראַן אַזעלכע פּראָפעסיעס, וואָס פּאַסן בעסער פאַר טויבע, ווי פאַר הערעוודיקע, אַשטייגער, אַ קעסלער, אַ קלעפּקער, אַ צוועקלער. פאַרוואָס? מאַכמעס דעם, וואָס זיי הערן ניט די ליאַזגערײַ און בראַזגערײַ פונעם מעטאַל. טאַקע דערפאַר קאָן אַמאָל זײַן די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט בא די טויבע העכער, ווי בא די הערעוודיקע. אָט, אַשטייגער, בא די נייטערנס. זיי הערן ניט די קלאַפּערײַ פון די ניי־מאַשינעס, וואָס ווירקט נעגאַטיוו אָף דער פּראָדוקטיווקײַט.

טויבע אין אַרמיי נעמט מען, פאַרשטייט זיך, ניט. צווישן די פּאַרטיזאַנער אָבער זײַנען טויבע געווען. מע דערציילט, אַז זיי האָבן זיך געהאַלטן ביז גאָר געוואָגט און רויִק איינצײַטיק. געוואָגט — ווײַל זיי האָבן פאַרטיידיקט צוזאַמען מיט אַלע סאָוועטישע מענטשן זייער היימלאַנד פון די פאַשיסטישע ראָצכים. רויִק — וואָרעם זיי האָבן ניט געהערט די האַרמאַטן־שאָסן און די באָמבעס־אויסברוכן.

מיר גייען צווישן די שלאַנקע שורעס פון די מאַשינעס. ערשט אַצינד באַמערקן אונדז די נייטערנס, איבערהויפּט די יונגע, און הייבן אוף זייערע נײַגעריקע און שמייכלענדיקע אויגן. פון רעכטס דערזע איך: אַ ווײַס דאַרינק פּענעמל, גרויסע שײַנענדיקע אויגן. באַראַש באַמערקט מײַן בליק און זאָגט:

— טשאַניטאַ.

ער קען זיי אַלע בא די נעמען, לעאָניד. פּאָרט אַ געוועזענער איבערזעצער.

זאָג איך אים:

— עפּעס אַ מאָדנער נאָמען.

ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכל:

— איר עמעסער נאָמען איז ליובע. און טשאַניטאַ רופט מען זי איבער דעם, וואָס זי שפּילט די הויפּט־ראָל אין דער מוזיקאַלער קאָמעדיע „טשאַניטעס קוש".

ווער איך דערשטוינט:

— וואָס הייסט זי שפּילט?.. און נאָך אין אַ מוזיקאַלישער פאָרשטעלונג?.. זי איז דאָך אַ טויבע?

זאָגט מיר באַראַש:

— ווייסט איר וואָס... קומט זונטיק אין אונדזער קולטור־פּאַלאַץ, וועט איר שוין קענען זען מיט אײַערע אייגענע אויגן טשאַניטען אָף דער סצענע.

אומבאַדינגט. אומבאַדינגט וועל איך קומען. ס'איז דאָך טאַקע ניסים־וועניפלאָעס!

און דערווײַל בעט איך דאָס דריטע מאָל שאַמאַשעוויטשן, ער זאָל מיר עפּעס דערציילן וועגן זיך פּערזענלעך. דרייט ער זיך ווידער אַרויס און זאָגט מיר:

— כ'וועל אײַך בעסער ענטפערן אָף דער צווייטער פראַגע.

געדענק איך שוין אליין ניט, וואָס איז דאָס פאַר א פראַגע געווען — איך פאַרגיב אים אַזוי־פיל פראַגעס, אַז ער באַוויַזט ניט ענטפערן אַף זיי.

באַראַש זאָגט מיר אונטער און נעמט זיך טאַקע אליין ענטפערן. שאַמאַשעוויטש שאָקלט צו שוויַגנדיק מיטן קאָפּ, דער שמייכל טרייסלט זיך אָפּ, זיַן פּאָנעם ווערט ערנסט און אַפילע א ביסל אָנגעשטרענגט. ווייס איך ניט, צי פון דעם, וואָס באַראַש זאָגט, צי דערפון, וואָס ער לעבט נאָכאַמאָל איבער דאָס, וואָס ער וועט זיך נעמען מיר דערציילן וועגן זיַן לעבן, וואָרעם ער פילט, אַז אַזוי גרינג וועט ער פון מיר ניט פּאָטער ווערן.

לעאָניד האָט שיינע ברוינע אויגן, וואָס זעען אויס טונקלער ווי אינדערעמעסן, מאַכמעס דער ליַכטער בלאַסקייט פון זיַן לענגלעך פּאָנעם. ער איז נאָך יונג, וואָס יונג הייסט, סיַ לויט די יאָרן, סיַ לויט די שוואַרצע, ווי פּעך, האָר, נאָר ריידן רעדט ער סטאַטעטשנע, וואָגיק, ווי עס פּאַסט פאַר א שטעלפאַרטרעטער.

— איַער פראַגע איז בעערעך געווען אַזאַ: פאַרוואָס עפּעס הייסט איַער אונטערנעמונג „אופּעפּע” און ניט פּאָשעט „פאַבריק”, ווי געוויינלעך? איאָ?

— עמעס.

— איז דאָס וויַט ניט צופעליק. א פאַבריק איז אַזאַ אונטערנעמונג, ווו מע אַרבעט. און „אופּעפּע” איז אַזאַ אַנשטאַלט, ווו מע לערנט זיך און מע אַרבעט. און אויב איר ווילט — ווו מע לעבט. אָט דאָ לערנט מען אויס א טויבן א פאַך, דאָ אַרבעט ער, און טאַקע אָט דאָ אַמערסטן וווינט ער אין א צוזאַמענוווינונג אָדער אין א דירע, און אויך דאָ פאַרברענגט ער זיַן פריַע ציַט אינעם רויטן ווינקל אָדער אינעם קולטור־הויז. בעקיצער — אָט דאָ איז זיַן היים...

איסאַק שאַמאַשעוויטש, ווידער, האַלט אין איין שוויַגן. עס העלפט אים אָבער ניט. מוז ער זיך נעמען דערציילן. אַפּגיך. מיט איבערהיַ־פּערונגען. א געבוירענער איז ער פון מאָזיר, נאָר דער פּאָטער זיַנער איז פון ליטע. אין 1914 איז איסאַק אַלט געווען בעסאַכאַקל עלף יאָר, און ווען מע האָט געטריבן די בעזשענ־צעס, האָבן אים זיַנע עלטערן פאַרלוירן. האָט מען אים געבראַכט קיין וואָראָניעזש צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרוואָרלאָזטע קינדער. אין 1918 איז זיַן פּאָטער שוין א פריַוויליקער אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. פופצן יאָר אַלט, האָט איסאַק שוין פאַרזוכט דעם טאַם פון מיל־כאָמע, פון פּולווער, פון בלוט. אין אַרמיי האָט ער געדינט ביזן 1923. דערנאָך ווערט ער א טרעגער. ערשט אין 1938 פאָרט ער אַריבער צוזאַמען מיטן געזינד קיין קרים אין א ייִדישן

קאָלווירט „לעניַנס וועג”, אינעם דאָרף אָראַנ־דאַ. אין 1941 איז דער פּאָטער דאָס צווייטע מאָל אוועק אַפן פראָנט...

— ווען וועט איר שוין אָנהייבן דערציילן וועגן זיך?

— וועגן זיך?.. נו, מיילע. איך בין אריַנגע־טראָטן אין 1940 אין פערמער אוויִא־שול, און אין נאָיאַבער 1941 בין איך שוין אין דער אָפּע־רירנדיקער אַרמיי אין ערשטן אוויִא־פּאָלק אַלס א באָרט־מעכאַניקער...

נו, און אוויִאַציע, זאָגט ער, איז אַזאַ זאַך, וואָס אָדער אַהער, אָדער אַהין, ס'הייסט, אָדער מע קומט אום, אָדער מע בלײַבט לעבן. נו, איז ער גראָד געבליבן לעבן. איז וואָס האָט ער צו דערציילן?..

א גאַנצ ראַכמאָנעס, נעבעך, אַף אים. זיבן יאָר געדינט אין אוויִאַציע, און ער האָט ניט וואָס צו דערציילן! אָנשטאָט דעם הייבט ער אָן ריידן וועגן זיַן מוטער, וואָס איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיַן יונג ברודערל ליאָניע, און וועגן זיַן עלטערן ברודער יאָסיף, וואָס איז א מאַשיניסט פונעם ערשטן קלאַס אַף אַן עלעקט־טראָוואָז און האָט שוין „אָנגעפאָרן”, קיין איַנ־האָרע, א מיליאָן קילאָמעטער. ער, ווידער, איסאַק... זיַן לעבן פאַרמאָגט ניט עפּעס וואוזש־נעס... כוץ זיבן יאָר אַרמיי, צוואַנציק יאָר אַרבעט מיט די טויבע און צען יאָר דורכאַנאַנ־דיקער סעקרעטאַר אין דער פּאַרטיי־אָרגאַני־זאַציע...

קורגאַנסקאַיאַ מאַרגאַריטאַ ניקאָלײַעוונאַ, אַן איבערזעצערן.

סאַווטשענקאָ צילע לאַזאַרעוונע, איר מו־טער, א דערציִערן.

סאַווטשענקאָ ניקאָלײַ אַלעקסייעוויטש, איר פּאָטער, א ספּאָרט־טרענירער.

האָבן מיר, הייסט עס, א גאַנצע מישפּאָכע. די עלטערן זיַנען טויבע. זייער טאָכטער, מאַרגאַ־ריטע, איז א הערעוודיקע.

קינדער ווערן געבוירן טויבע בלויז ווען די עלטערן זיַנען טויב פון געבורט. אין אונדזער פאַל איז דער פּאָטער טויב געוואָרן פון סקאַר־לאַטינע, ווען ער איז אַלט געווען דריַ יאָר, די מוטער — פון מענינגיט, אין עלטער פון אַכצן יאָר.

ניט פון איין שפּראַך אַף א צווייטער איז מאַרגאַריטע אַן איבערזעצערן, נאָר פון קלאַנג־לאָזער פינגער־ אָדער ליפּן־באַוועגונג אַף ווער־טער־שפּראַך און, פאַרקערט, פון געוויינלעכע רייד אַף דער שפּראַך פון באַוועגונג. די טויבע לעבן אין אַן אייביקער דורכויסיקער שטילקיַט. די איבערזעצער „באַקלינגען” די שטילקיַט. די טויבע פאַרמאָגן זייער שפּראַך. א שפּראַך פון טנועס, פון מימיק. די טנועס שפּיגלען אָפּ ניט

אבסטראקטע ווערטער, נאָר קאָנקרעטע פאָרשטעלונגען וועגן געגנשטאנדן, כפייצים, דערשײַנונגען. פון דעם ערשטן, פרימיטיוון עטאפּ פון מימיק קאָנען די טויבע אריבערגיין צום צווייטן, וואָס באזירט זיך שוין אף „ווערטער" און אין יעסאָד זײַנעם ליגט א פינגער־אלעפבייס.

וואָס הייסט פינגער־אלעפבייס? יעדער אָס ווערט „אָנגעצייכנט" דורך א באשטימטער באוועגונג פון די פינגער. די צאָל פון די פינגער־צייכנס אנטשפרעכט דער צאָל פון די אויסיעס, און פארשיידענע קאָמבינאציעס פון די צייכנס בילדן אויס ווערטער. מיט דער הילף פון אזא שפראך קאָן מען שוין איבערגעבן אבסטראקטע באגריפן, און ביכלאל איז דאָס שוין אן עכטע שפראך — מיט גראמאטיק, סינטאקסיס אאוו. זי האָט אָבער א כיסאָרן — זי איז א פארפּאמעלעכטע. קעדיי זאָגן עפּעס, דארף מען מאכן מיט די פינגער אזויפיל צייכנס, וויפל אויסיעס עס פארמאָגט דאָס וואָרט, אין דער צײַט ווען פּאָשעטע מימיק דריקט אויס דאָס וואָרט אָדער אפילע עטלעכע ווערטער דורך איין פאָרשטעלונג — א טנועה.

דערנאָך — די ליפּן, ס'הייסט — ארטיקוליאציע. איר רעדט, און דער טויבער „לייענט" לויט די באוועגונגען פון אײַערע ליפּן. איבערהויפּט איז דער דאָזיקער אויפן גילטיק, ווען דער טויבער קען אײַך שוין א היפּש שטיקל צײַט און איז צוגעווינט צו אײַערע ליפּן־באוועגונגען. איר דארפט אָבער ניט זײַן גלײַכגילטיק. העלפט דעם טויבן. באוועגט מיט די ליפּן בוילעט, ריכטיק. ס'הייסט, באווײַזט אים א „דײַטלעכע ארטיקוליאציע".

ווײַטער — די אויגן. די אויגן בא די טויבע זײַנען ווי די אויערן בא די בלינדע. זיי העלפן אופכאפּן דאָס, וואָס די פינגער און ליפּן האָבן דורכגעלאָזט. איז — באהאלט ניט אויס אײַערע אויגן. לאָזט זיי ניט אראָפּ.

און נאָך: דער פּאָנעם־אויסדרוק ביכלאל. אז איר זאָגט „ביטער", דארף זיך דאָס פּאָנעם אײַערס פארקרימען. און אז איר זאָגט „זיס", דארף מען עס פילן.

מיט איין וואָרט, קאָמפּענסאטאָרס. ניטאָ קיין אויערן, קיין געהער, ניטאָ קיין קלאנגען־וועלט, — קומען צוהילף די הענט, די ליפּן, די אויגן, דאָס פּאָנעם... אָט אזוי שטרענגט אָן דער אָרגאניזם אלע זײַנע קויכעס, קעדיי צו קאָמפּענסירן דעם דעפעקט.

איז וואָס האָט דאָ צו טאָן אן איבערזעצער? וועל איך אײַך באלד דערציילן. שטעלט אײַך פאָר — א פארזאמלונג פון די טויבע אין זייער קולטור־פאלאץ. דינקעוויטש שטייט אף דער טריבונע און רעכנט זיך אָפּ פאר די סאכאקלען פון דער ארבעט אינעם ערשטן האלבן יאָר. צומאָל טוט ער אָן די ברילן און לייענט דורך פּאָרטיקע ציפערן פון א שריפטלעכן פאָרטראָג. אמערסטן אָבער קוקט ער אף דער טויבער אאודיטאָריע און רעדט צו איר פּאמעלעך, מיט ניט פארגרייטע פון פאָרויס ווערטער. די טויבע, ווידער, קוקן דאָסראָוו ניט אף אים, נאָר אף זײַן „שאָטן". אינעם אנטקעגנדיקן ווינקל פון דער סצענע שטייט מארגאריטע, שטייט שטיל, קלאנגלאָז, ווי דעם פּאָרטרעגערס שאָטן טאקע, און נאָר די הענט און די ליפּן באוועגן זיך בא איר, און די אויגן און דאָס געזיכט צומאָל אויך.

וואָרט בא וואָרט כאזערט זי איבער דאָס, וואָס איליא סאמוילאָוויטש זאָגט, אָן קלאנגען אָבער, נאָר מיט גיכע עלאסטישע באוועגונגען פון די הענט, פון די פינגער. איינצײַטיק רעדט זי שטיל ארויס די ווערטער מיט די ליפּן.

דינקעוויטש האָט פארלאָזט די טריבונע. זײַן „שאָטן" אָבער, מארגאריטע, איז פארבליבן אין איר ווינקל אף דער סצענע. וואָרעם ס'האָבן זיך, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן די דעבאטן. די טויבע אָראטאָרס האָבן געמאכט פארשיידענע טנועס מיט די הענט, און מארגאריטע האָט הויך און דײַטלעך זיי איבערגעזעצט אף קלאנגען, אף ווערטער. מארגאריטען איז איצט אויסגעקומען ווינציקער צו האָרעווען, וואָרעם די ארויסטרעטונגען פון די טויבע זײַנען געווען זייער קורץ. די פינגער, עמעס, זײַנען ביז גאָר רירעוודיק. מע מוז אָבער זײַן שפּאָרזאם. פינגער קאָנען ניט זײַן באריידעוודיק ווי א צונג.

צוריקגערעדט אָבער, איז מארגאריטעס איבערזעצונג איצטער געווען קאָמפּליצירטער, וואָרעם יעדער טויבער האָט זײַן „קסאוו", זײַן אויפן פון „ריידן". אָט, אשטייגער, די נייטערן ליטווין פון זאָלאָטשעוו, א יונגע, כיינעוודיקע, שיין געקליידטע, מיט א באשמייכלט פּאָנעם, זי האָט „גערעדט" רויִק מיט בייגיק־פארקײַלעכיקטע באוועגונגען פון די הענט. די טנועס פון סטאָליער בודיאק זײַנען געווען, פאַרקערט, שארפע און אָפּגעהאקטע. אלפייעווא, א באיאָרטע, בעקאָוועדיקע פרוי אין ברילן, וואָס איז געזעסן אין פּרעזידיום, איז ארויסגעטראָטן „קאָמבינירט": א ביסל האָט זי גערעדט מיט ווערטער און עטוואָס מיט טנועס. די ווערטער האָט זי ארויסגעבראכט ניט דײַטלעך, צומאָל צו הויך, צומאָל צו שטיל. עפּשער דערפאר האָט זי זיך געהאָלפן מיט ענערגישע באוועגונגען פון די הענט?

פאר זיבן יאָר ארבעט האָט מארגאריטע דורכגעמאכט אלע מינים איבערזעצונגען. זי איז געווען א פארבינדלערן, א פארמיטלערן צווישן דער טויבער און דער הערעוודיקער וועלט אין קאָלערליי איניאָנים.

ערשטנס, פּראָדוציר־איניאָנים. צווישן די טוי־

בע ארבעטער און א הערעוודיקן, לאָמיר זאָגן, אינזשעניער, עקאָנאָמיסט, בוכהאלטער.

צווייטנס, פארשיידנארטיקע שטייגערישע און פערזענלעכע אָנגעלעגנהײַטן. לעמאָשל, צווישן א קראנקן טויבן און א דאָקטער. אָדער צווישן א טויבן און אן אדוואָקאט. אָדער צווישן א טויבן און דער מיליציע...

מארגאריטע פילט אויס פאר די טויבע די פאָרמאליטעטן באם אוועקגיין אַף פענסיע. זי מאכט זיי אפילע כאסענע.

אָט, אשטייגער, אזא געשיכטע. אים רופט מען באָגדאן, זי — אירינע. באָגדאן האָט ליב אירינען, און אירינע... כ'ווייס... עפשער יאָ און עפשער ניין. און עפשער כיינדל־שטיק גאָר? עס טרעפט אזוינס? וויפל איר ווילט. און אין אזעלכע דעליקאטע פאלן קאָן גאָרנישט ניט העלפן...

האקיצער, דאָרט, ווו ליבע, אנטשטייט גלײַך אייפערזוכט. בא די טויבע איז עס עפשער נאָך גרעסער ווי בא די הערעוודיקע, מאכמעס זיי קענען עס ניט לינדערן דורך הישטאפכעס־האנעפעש. אינעם לעקסיקאָן פון די טויבע איז פאָרט ניט פאראן צוליב דעם גענוג טרייסטווערטער. און בעשאס איינער אזא מין אייפערזוכט־סצענע נעמט אונדזער באָגדאן־אָטעלאָ און טוט א שנײַד אירעס פאָנעם...

שפעטער, ווען מע האָט באָגדאנען געמישפעט, האָט ער דערקלערט, אז ער האָט, כאָלילע, ניט געוואָלט הארגענען דאָס מיידל. ער האָט נאָר געוואָלט מאכן זי א ביסל מיִעסער, קעדיי קיינער זאָל זיך ניט פארליבן אין איר, וועט זי מוזן כאסענע האָבן מיט אים. דערנאָך האָט ער זיך א טײַט געטאָן מיטן פינגער אין דער ברוסט, צוגעדריקט די רעכטע האנט צום הארץ, א וויג געטאָן זיך פון דער גרינג מיטן קערפער, צעשפרייט דעם גראָבן פינגער און דעם ווײַזפינגער פון דער רעכטער האנט, אראָפּגעלאָזט זי מיט דער לינקער זײַט אַף דעם ווײַז־פינגער פון דער לינקער האנט, דערנאָך א דריי געטאָן מיט דער רעכטער האנט אינדערלופטן, אראָפּגעלאָזט זי מיטן גראָבן פינגער אַף דעם ווײַזפינגער פון דער לינקער האנט, און מארגאריטע האָט איבערגעזעצט פארן ריכטער, פאר די פאָלקס־בײַזיצער און פארן גאנצן אוילעם, וואָס איז געזעסן אינעם זאל:

— איך האָב זי מעסוקן ליב. מיר וועלן אלציינס זײַן צוזאמען.

און אזוי איז טאקע געשען. ווען באָגדאן איז ארויס פון דער טפיסע, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין גלײַך אין זאגס, באָגדאן און אירינע, און צווישן זיי מארגאריטע. און ווען מע האָט זיי דאָרט פארגעבן די קענאָהוג־פראגע: „צי מיט אײַער גוטן ווילן און מיט ליבע?..“, האָט אירינע אויסגעצויגן דרײַ פינגער פון איר רעכטער האנט [דעם גראָבן, דעם ווײַז־ און מיטלפינגער (אַף טויבלאָשן איז דאָס דער אָס „ד“)], דערנאָך צוגעדריקט אלע פינף פינגער צו דער דלאָניע (דער אָס „א“), און מארגאריטע האָט איבערגעזעצט:

— דא.

ס'הייסט, יאָ.

און פון באָגדאנען איז שוין אָפּגערעדט. ער האָט אפילע ניט געוואָרט אַף דער פראגע און צוויי מאָל האסטיק דורכגעמאכט מיט די פינגער:

— יאָ. יאָ.

מיר מוזן זאָגן דעם פולן עמעס. דאָס, וואָס די טרויעריקע געשיכטע האָט געהאט א גוטן סאָף, איז ניט מארגאריטעס פארדינסט, נאָר איר מוטערס — ציליע לאזארעוונעס, דער דערציִערן פון די טויבע, אליין אויך א טויבע.

יאָ, ס'איז ביז גאָר וויכטיק, וואָס זי איז אליין א טויבע. וויכטיק פאר ביידע צדאָדים. פאר ציליע לאזארעוונען אליין — וואָס זי האָט געפונען איר אָרט אין לעבן. און נאָך מערער — פאר אירע טויבע דערצויגלינגען. א טויבער פארשטייט פאָרט בעסער א טויבן, איידער א הערעוודיקן.

פיל פליכטן האָט ציליע לאזארעוונע. אלץ, וואָס עס אנטהאלט אין זיך דער זייער ברייטער באגריף „פאָליטיש־דערציִערישע און קולטור־מאסעווע ארבעט“. און א סאך איז אָפּהענגיק אויך פון דעם, וויִאזוי, מיט וואָס פארא מעטאָדן פילט מען אויס די דאָזיקע אכרײַעספולע פליכטן. ציליע לאזארעוונע האָט א גרויסן סטאזש און א גוטע דערפארונג.

— נו, און דער פאָטער וואָס טוט? — פרעג איך מארגאריטען.

— דער פאָטער איז שוין אַף פענסיע.

— און ביז דער פענסיע?

— ער איז געווען א טרעניער פון דער פוטבאָל־קאָמאנדע פון די טויבע פון אוקראִינע.

ווער איך דערשטוינט: א טויבער טרעניער אין א פוטבאָל־קאָמאנדע פון טויבע!

ניקאָלײַ אלעקסייעוויטש דערזעט מײַן איבעראשונג און פרעגט מיך דורך דער טאָכטער:

— וואָס מיינט איר, נאָר פוטבאָל פארמאָגן מיר?

און ער דערלאנגט מיר א צײַטונג. איך זע זי דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. זי הייסט «Наше життя» („אונדזער לעבן“), אָרגאן פון דער צענטראלער פארוואלטונג פון „אויטאָג“, וואָס דערשײַנט יעדע וואָך. אַף דער פערטער זײַט — א היפשער רעפּאָרטאזש וועגן דער לוואָווער פרויען־באסקעטבאָל־קאָמאנדע פון טויבע, וועלכע האָט דעראָבערט דאָס ערשטע אָרט און איז געוואָרן טשעמפּיאָן פון דער געזעלשאפט. און טאקע פון דער זעלבער צײַ־

טונגס-זײַט קוקן אַף מיר פון א פּאַטאַ און שמייכלען די צופרידענע זיגערנס.

וועער זײַנען זיי?

אַט איז פאַינא אַנטאַנאַוונא, אַן אַרבעטערן פון „אופּעפּע-1". זי איז באַלוינט מיטן אָרדען „ערע-צייכן". שוין ניט איין מאָל האָט זי אָנ־טיילגענומען אין צווישנפעלקערלעכע פאַרמעס־טונגען פון טויבע ספּאָרטסמענער — אין מי־לאַן, העלסינקי, וואַשינגטאָן. זי איז א פילמאַ־ליקע טשעמפּיאָנקע פונעם ראַטנפאַרבאַנד (צווישן די טויבע). שוין אַלט פערציק יאָר, נעמט זי נאָך אָן אַקטיוון אָנטייל אין ספּאָרטיוון לעבן פון דער געזעלשאַפט.

און אַט שטייט מיטן זיגערישן בעכער אין האַנט סטעפּאַנאָווא, א ספּאָרט-מײַסטער פון באַסקעטבאָל.

און ניט נאָר פוטבאָל, און ניט נאָר באַסקעט־באָל. מיט אַלע מינים ספּאָרט פאַרנעמען זיך גאַנץ ערנסט די טויבע.

איר געדענקט דאָך בודיאַקו, דעם סטאָליער פון בראַדעווער „אופּעפּע", אַט דעם פעסטן פאַרברוינטן ברונעט מיטן ציכטיק-ווײַס קעל־נערל, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אַף דער פאַר־זאַמלונג מיט שאַרפע און אָפּגעהאַקטע האַנט־טנועס? איז ער א געוועזענער טשעמפּיאָן פון אוקראַינע לויטן דיסק-וואַרפן. לאַריסע טעס־ליוק, אַן אַרבעטערן פון „אופּעפּע-1", איז א מיטגליד פון דער זאַמל-קאָמאַנדע פון לײַכטער אַטלעטיק פון אוקראַינע. לוואָווער געגנט פאַר־מאָגט צווישן די טויבע צוויי ספּאָרט-מײַסטערס, איין און צוואַנציק קאַנדידאַטן און ערשטראַנ־ריאַדניקעס, צוויי הונדערט זעקס און פערציק ספּאָרטסמענער פונעם צווייטן און דריטן ראַנ־ריאַד.

דאָ ניט לאַנג האָט מען דורכגעפירט א ספּאַר־טאַקיאַדע פון די געגנט-קאָלעקטיוון אינעם דאָרף קראַסאָוו, ניט ווײַט פון לוואָוו. צוויי טעג האָבן געדויערט די פאַרמעסטונגען פון די טוי־בע ספּאָרטסמענער, און אַליין דער דרײַ-און־זעכציקיאָריקער דינקעוויטש האָט אויך גענומען אַן אָנטייל אין א קראָס פון באַיאָרטע לײַט...

אַט אַזוי דערציילט ער מיר, סאַוועשענקאָ ניקאָלײַ אַלעקסייעוויטש, און זײַן טאָכטער מאַר־גאַריטע זעצט מיר איבער, און איר מוטער צי־ליע לאַזאַרעוונע שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

מאַטולסקאַיאַ ריטאַ פעטראָוונאַ, דיקטאָר און מימיק-קאָנסולטאַנט.

קאָרקאָווידאָוו אַניק סערגייעוויטש, רעזשי־סער.

ליובע ראָסטאָצקאַיאַ, אָדער די כיינעוודיקע טשאַניטאַ.

מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט באַראַשן, אַז זונטיק באַגעגענען מיר זיך אין קולטור-הויז פון די טויבע.

באַם אַרײַנגאַנג אינעם קולטור-פּאַלאַץ האָט אונדזער אויפמערקזאַמקײַט צוגעצויגן א גרויסע פּילפאַרביקע אַפישע. איך האָב גענומען זי לייע־נען און געכידעשט זיך: „זעלבסטעטיקער פאָלקס-טעאַטער פון מימיק און זשעסט. יו. מי־ליוטין, יע. שאַטונאָווסקי — „טשאַניטעס קוש". מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין דרײַ אַקטן". עס זײַנען איבערגערעכנט די שעפער פונעם ספּעקּ־טאַקל און די אַרטיסטן: רעזשיסער און באַלעט־מייסטער — אַ. קאָרקאָווידאָוו, קינסטלער — וו. באָריסענקאָ און ב. זבירסקי, קאָנסולטאַנט פון מימיק און דיקטאָר — ר. מאַטולסקאַיאַ, קאָנצערטמייסטער — ל. יורקאָווסקאַיאַ, קינסט־לער פון שײַן — אי. וואַרצאַבאַ, געהילף-רעזשי־סער — ל. וויטעבסקאַיאַ. אַלץ „ווי בא לײַטן"!

דערנאָך גייט א לאַנג צעטל פון פיר און צוואַנציק אַרטיסטן, וואָס נעמען אָנטייל אינעם ספּעקטאַקל, און פון פערצן טענצער און טענ־צערנס (פאַר טויבע איז באַלעט דער אַמערסטן צוגענגלעכער קונסט-זשאַנער).

„טשאַניטעס קוש" וועט מען ווײַזן ערשט אָפּ־דערנאָכט. דערווײַל דרייט מען א פילם. א שטומען, פאַרשטייט זיך. דער זאַל איז געפּאַקט. אַלע קוקן פאַרגאַפט אַפן עקראַן. מע קוקט און מע לאַכט. וואָס? לעבן מיר זיצן צוויי אַלציינס אָנגעטאָנענע מיידלעך, מיט צוויי ענלעכע פּע־נעמער, ניט אַנדערש — א צווילינג. זיי לאַכן. כאַפּ איך אויך א קוק אַפן עקראַן און דערזע זיי ווידער, ביידע שוועסטערלעך, הייסט עס, אַפן עקראַן, ווי אין עפּעס א צויבער-שפּיגל. דאָרט אָבער לאַכן זיי ניט. זיי שפּאַנען צווישן א גאַנצער כאַליאַסטרע ייִנגלעך און מיידלעך, באַ־לאָדענע מיט נישקאָשעדיקע רענצלעך, שפּאַנען און קוקן פאַרקישעפט אַפן יאַם, וואָס האָט זיך אומענדלעך צעשפּרייט אַזש ביזן הימל-ראַנד.

באַראַש באַמערקט מײַן שטוינונג און פאַר־טײַטשט מיר: די דאָזיקע ייִנגלעך און מיידלעך זײַנען טאַקע היגע. זיי זײַנען געפאָרן אַף אַן עקסקורסיע קיין באַקו. די זעלבע אַקטיאָרן פון דער פאַרביקער אַפישע (זיי האָבן אונטערוועגס געשטעלט אין באַקו פאַר די דאָרטיקע טויבע „טשאַניטעס קוש" אויך). לויט דער עקסקורסיע האָט מען געשאַפן אַן אַמאַטאָרישן פילם, און אַצינד דרייט מען אים. די אָנטיילנעמער פון דער עקסקורסיע זיצן אין זאַל, קוקן אַפן העלן עק־ראַן, דערקענען זיך, קוועלן אָן.

— ווייסט איר וואָס, — זאָגט מיר באַראַש, ווען מיר זײַנען אַרויס אין פאָיע, — אַט גייט ריטאַ פעטראָוונאַ מאַטולסקאַיאַ. ס'איז אונדזער אינסטרוקטאָר פון אָרגאַניזאַציאָנעל-מאַסעוועער אַרבעט צווישן די טויבע. וועל איך אײַך באַקאָ־נען מיט איר, און זי וועט שוין בעסער פון מיר

דערקלערן וואָס און ווען. זי אַרבעט מיט די טויבע קימאַט דרײַ צענדליק יאָר.

דרײַ צענדליק יאָר! און זי זעט אויס נאָך יונג, ריטא פּעטראָוונא, כאָטש זי איז שוין, קיין אײַנהאָרע, אַ באָבע.

אירע עלטערן זײַנען אויך טויבע. דער פֿאָטער איז טויב געוואָרן פֿון אַ קאָנטוזיע, נאָך בעשאַסן בירגערקריג אויפֿן ווײַטן מיזרעך. דער מוטערס טויבקײַט איז פֿון אַ מעניגגיט.

איך פֿאַרגיב דער שמייכלענדיקער פֿרוי אַ געוויינלעכע אין אַזעלכע פֿאַלן פֿראַגע:

— און וואָס באַשטייט דער „סעקרעט" פֿון אײַער אַרבעט?

מאַטולסקאַיאַ פֿאַרטראַכט זיך, דערנאָך ענטפֿערט זי:

— דאָס גאַנצע לעבן לעב איך מיט זיי צוזאַמען...

מיט „זיי" — הייסט, מיט די טויבע. די ערשטע צוויי טויבע, מיט וועלכע ריטא האָט אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן, זײַנען אירע עלטערן. דערנאָך איז איר „מישפּאָכע" געוואַקסן, זיך צעצווײַגט און ציילט אָן בײַ הײַנטיקן טאָג צוויי טויזנט צוויי הונדערט בניי־באַיִס (אַזוי־פֿיל טויבע זײַנען פֿאַראַן אין לוואָווער געגנט).

מאַטולסקאַיאַ קלערט אויף, וואָס עס באַטײַטן אירע ווערטער, אַז זי לעבט דאָס גאַנצע לעבן צוזאַמען מיט די טויבע מענטשן:

— אָט, לעמאָשל, לייען איך אַ ביכל און טרעף אָן אויף עפּעס אַן אינטערעסאַנטן געדאַנק, אַ דערהויבענעם געפֿיל, אַ מײַסטערהאַפֿטער באַשרײַבונג צי אויף אַ באַגײַסטערטן פֿערז... פֿאַרקלער איך זיך באַלד, וויִאַזוי איבערצוזעצן דאָס, דערפֿירן עס צו די טויבע. אָדער איך זיץ אין קינאָ־טעאַטער און קוק אויפֿן עקראַן. קוק איך און טראַכט אײַנצײַטיק, וויִאַזוי וואָלט מען דאָס געקאָנט אויסנוצן פֿאַר מײַנע טויבע כאַווײרים. אין טעאַטער זײַנען מײַנע אויגן, מײַן האַרץ צוגעשמידט צו דער סצענע, און דאָך קלער איך פֿאַרײַנוועגס, וויִאַזוי איבערגעבן דאָס אַלץ די טויבע. וויִאַזוי, וויִאַזוי? וויִאַזוי קען מען טיפֿע מאַכשאָוועס און געפֿילן, וואָס זײַנען פֿאַרקערפּערט אין טויזנטער ווערטער, וויִאַזוי קען מען זיי איבערגעבן דורך געציילטע צייכנס מיט די הענט? אָט, אַשטייגער, פּרוּווט פֿאַרטײַטשן פֿאַר די טויבע פֿאָלגנדע האַמלעטס פֿערזן:

אַזוי מאַכט דער באַוווּסטזײַן פֿאַר פּאַכדאָנים
אונדז אַלעמען. און די געזונטע פֿאַרב
פֿון דרייסטקײַט אין באַשלוס ווערט אָפּגעצערט
צוליב דער בלייכקײַט, אָפּגלאַנץ פֿון געדאַנק...

מאַטולסקאַיאַ, איינע פֿון די בעסטע פֿאַרבינדלערנס צווישן דער טויבער און הערעוודיקער וועלט, האַלט, אַז אַלץ איז מעגלעך. זי טרוימט וועגן „קולטור פֿון זשעסט" פּונקט אַזוי, ווי וועגן קולטור פֿון וואָרט. און ניט נאָר זי טרוימט, נאָר זי טוט פֿיל וויכטיקס און מאַמאָשעסדיקס אין דעם געביט. באַזונדערס גרויס איז איר בײַטראָג אין דער טעאַטער־קונסט בײַ די טויבע. דער רעזשיסער קאָרקאָווידאָוו באַהויפּטעט, אַז אָן איר מאַמאָשעסדיקער הילף אַלס אַ קאָנסולטאַנט פֿון מימיק און אַלס דיקטאָר וואָלט דער טעאַטער ניט געקאָנט עקזיסטירן.

איך מוז איבעררײַסן מײַן שמועס מיט ריטע פּעטראָוונען. ס'הייבט זיך אָן די פֿאָרשטעלונג. אַ דיקטאָר אויף אַ פֿאָרשטעלונג, ווו אויף דער סצענע הערשט פֿולקומע שטילקײַט, קיין קלאַנג, בלויז מימיק, באַוועגונגען פֿון הענט און פֿון ליפּן, — אויף אַזאַ מין פֿאָרשטעלונג איז דער „דיקטאָר" ניט קיין פּאָשעטער איבערזעצער פֿון די שטום־אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, נאָר אַ פֿירנדיקער אַקטיאָר, וואָס דאַרף איבערגעבן דעם אונטערטעקסט אויך, די איבערלעבונגען פֿון די העלדן, זייער צאָרן, זייער אומעט, זייער פֿרייד, די נעשאָמע זייערע.

דער רעזשיסער פֿונעם טעאַטער אָניק סערגייעוויטש קאָרקאָווידאָוו זיצט פֿון פֿאָרנט, בײַ דער סאַמע סצענע, באַנאַנד מיט מאַטולסקען. די בינע איז העל באַלויכטן. מעלאָדישע מוזיק־קלאַנגען פֿון אַ ראָיאַל און אַ זיכערע, אָנגענעמע און באַכושטע שטים פֿון דער דיקטאָרשע. אויף דער סצענע באַוועגן זיך און שפּילן טויבע אַקטיאָרן...

ווער זײַנען זיי, די דאָזיקע אַקטיאָרן?

אַ מיידל, בלאַסלעך פּאָנעם, באַלאַגערט פֿון אַלע זײַטן מיט פֿאַנאַנדערגעלאָזטע האָר, — דאָס איז טשאַניטאַ. קוק איך אויף איר און דערמאָן זיך אין ליובען, אין דער באַשיידענער ליובע ראָסטאָצקען, ווי זי זיצט בײַ איר מאַשין אינעם ליכטיקן ניי־צעך און קוקט אויף מיר מיט פֿאַרכידעשטע שײַנענדיקע אויגן... זי איז אַן אַוואַנגאַרדיסטקע, אַ שלאָגלערן פֿון קאָמוניסטישער מי, אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיוגישער ביוראָ פֿון „אופּעפּע־1". שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין ספּאָרט, אין לײַכטער אַטלעטיק. אַ סאָליסטקע פֿונעם טאַנץ־אַנסאַמבל. אַ דיסציפּלינירטע, פֿײַיִקע, טוט אַלץ מיט ליבע, אומאָפּהענגיק פֿון דעם, צי ס'איז פֿאַרבונדן מיט דער פּראָדוקציע, צי מיט קונסט, צי מיט ספּאָרט, צי מיט געזעלשאַפֿטלעכע איניאָנים.

דער רעזשיסער איז צופֿרידן מיט ליובען. ער באַהויפּטעט, אַז מיט איר פּלאַסטישער, אויסדריקלעכער מימיק גיט זי איבערצײַגעוודיק איבער די נעשאָמע־איבערלעבונגען פֿון טשאַניטען. אירע אויגן זײַנען עקספּרעסיוו, אויסדרוקפֿול, איר פֿיגור איז שלאַנק. „טשאַניטאַ" איז איר דעביוט. און אַ געלונגענער. דעריקער, וואָס די טויבע צושויער גלייבן איר. איך איבערצײַג זיך אין דעם לויט זייער פּאָנעם־אויסדרוק. זיי

גלייבן איר, ווען זי ווערט זיך מיט דעם אויסגעלאסענעם טשעזארע; ווען זי איז פארטרויערט און דערשלאָגן, בעשאס די פּאָליציע כאפּט פּאבלאָן און ווארפט אים אַרײַן אין טפיסע. זי פרייט זיך, שײַנט מאמעש פון גליק, ווי נאָר זי טרעפט זיך ווידער מיט איר געליבטן...

ניט נאָר ליובע־טשאניטא, אלע אקטיאָרן זײַנען טויבע ארבעטער און אָנגעשטעלטע. פּאבלאָ — איוואן מאציעווסקי — איז א סטאָליער, טשעזארע — אנאטאָלי גוראקאָוו — א דאָקטער, וווּנדערוווּד — בורמיסטראָוו ניקאָלײַ פּאָמיטש, שוין ניט קיין יונגער מענטש, איז א שלאָסער, אנזשעלא — לאריסא אָלעניאק — א קאָנטראָליאָר פון דער פאבריקאטן־קוואליטעט, זי האָט געוווּנען א פּרעמיע אפן רעפּובליקאנישן פעסטיוואל פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט און איז באלוינט מיט א זילבערנער מעדאל; ראָמאן — מיכאַיל באלוטשאק — איז א סטאָליער...

נאָכן ספּעקטאקל האָב איך זיך דורכגעשמועסט מיטן רעזשיסער. אָניק סערגייעוויטש איז פון גרוזיע. ער איז אן אָנטיילנעמער פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, געווען אן ארטיסט פונעם ליד־ און טאנץ־אנסאמבל פון דער אכצנטער ארמיי. נאָך דער מילכאָמע האָט ער זיבעצן יאָר געארבעט אלס באלעטמייסטער אין לוואָווער טעאטער, און זײַן טעטיקײַט אינעם טעאטער פון די טויבע האָט ער אויך אָנגעהויבן אלס באלעטמייסטער.

דער קאָלעקטיוו, מיט וועלכן ער פירט אָן, עקזיסטירט שוין פינף און צוואנציק יאָר און ציילט אָן פינף און פערציק אקטיאָרן. ס'איז אים צוגעייגנט דער טיטל — „פאָלקס־טעאטער". כוץ אין לוואָוו איז דער טעאטער ארויסגעטראָטן אין באקו, זשיטאָמיר, און אלעמאָל מיט א גרויסן דערפאָלג.

— און וואָס באשטייט די ספּעציפיק פון אײַער טעאטער?

— די ספּעציפיק איז אין זײַן נאָמען — „טעאטער פון מימיק און זשעסט". מע נעמט א געוויינלעכע פּיעסע און מע זעצט איבער דעם טעקסט אף מימיק־לאָשן. ריטא פּעטראָוונא לערנט דאָס אײַן מיט די טויבע אקטיאָרן, און איך שטעל דאָס אף דער סצענע.

דינקעוויטש איליא סאמוילאָוויטש. מיר קערן זיך אום צו אים.

דאָס איז געשען אין אפּרעל 1942, אונטער רזשעוו, בעשאס א פארביטערטער שלאכט פארן דאָרף אלעקסאנדראָווקא. ס'איז פלוצעם אַנשטומט געוואָרן דער קעגנטאנק־הארמאט. וואָס האָט געטראָפן? דער קאָמאנדיר פונעם דיוויזיאָן דינקעוויטש דערקלײַבט זיך, קריכנדיק, צום הארמאט און דערזעט: אלע זיבן ארטילעריסטן, וואָס באדינען דעם הארמאט, ליגן דערהארגעט. דער הארמאט אָבער איז גאנץ. דינקעוויטש באמערקט, אז נאָך זײַנע שפּורן קריכט האסטיק א סאָלדאט, ער אײַלט זיך ארויסצוהעלפן דעם קאמאנדיר. זײַנען זיי שוין, הייסט עס, צוויי. און צוויי איז ניט איינער. זיי האָבן זיך געשטעלט צום הארמאט און אונטערגעקלאפּט דרײַ טאנקען. דערנאָך זײַנען אָנגעפלויגן פאשיסטישע רויבפייגל. דער סאָלדאט איז דערהארגעט, דינקעוויטש באקומט א שווערע קאָנטוזיע...

ווען מע האָט אים באלוינט מיטן אָרדען פון דער רויטער פאָן, האָט ער שוין ניט געהערט די ווארעמע ווערטער, מיט וועלכע זײַן קאָמאנדיר האָט אים באגריסט. ער איז געווען טויב. זעקס כאדאָשים האָט ער ניט געהערט, דרײַ כאדאָשים ניט געקאָנט ריידן. דעמלט טאקע האָט ער דערפילט, וואָס עס הייסט זײַן פארזונקען אין א קלאנגלאָזער פולשטענדיקער איינזאמקײַט. פלוצעם פאלן ארויס פונעם לעבן — פייגל־צוויטשערײַ, כוואליעס־געמורמל, מוזיק, און דעריקער — דאָס מעכײַעדיקע, ווארעמע מענטשישע וואָרט.

דינקעוויטש גיט זיך ניט אונטער. ער ראנגלט זיך מיט דער טויב־שטילקײַט. דאָקטוירים העלפן אים. און ווען ער דערהערט ווידעראמאָל, נאָך שוואכלעך, נאָך מעטושטעשדיק, די ערשטע קלאנגען, כאפּט ער זיך אָן באם הארצן, און ערשט איצט באווײַזט זיך אין זײַנע אויגן א טרער...

איצטער פארשטייט איר שוין, פארוואָס עס האָבן איליא סאמוילאָוויטש און זײַנע טרײַע מיטהעלפער געווידמעט זייער לעבן די טויבע?

די טויבע לעבן אין שטילקײַט. פאראן אָבער פארשיידענע שטילקײַטן. א קאלטע, א טויטע, און א ווארעמע, א לעבעדיקע. בערגעלסאָנס טויבער האָט געלעבט אין א טויטער שטילקײַט. די טויבע, וועגן וועלכע איך דערצייל דאָ, לעבן אין א ווארעמען מיקראָקלימאט, וועלכן ס'האָט פאר זיי געשאפן דאָס לאנד. די טויבע ווייסן דאָס. איך האָב עס דערפילט, ווען איינמאָל, נאָך א פײַערלעכן אָוונט, האָב איך מיט שטוינונג און אנציקונג געזען, ווי די טויבע „זינגען" שטייענדיק, מיט היסלײַוועסדיקע טנועס, דעם „אינטערנאציאָנאל".

טפרוינס

יאשע טשערניס

די ערשטע באַגעגעניש

אין אָנהייב סענטיאַבער 1932 זײַנען מיר, א גרופּע יונגע כעוורע פון אָדעס און קיִעוו, אָנ־געקומען קיין ביראָבידזשאַן. אין קיִעוו האָבן אונדז באַגלייט ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער. אפן וואָקזאַל איז געווען ראַשיק, מ׳האָט גערעדט א סאך, געזונגען קאָמיוגישע לידער, און ווען דער צוג האָט זיך גערירט, האָט לײַ־בערבערג (ער איז געווען העכער פון אלעמען) נאָכגעשריגן:

— גיט איבער א גרוס דעם אלטן און דעם יונגן קאַזאַקעוויטשן!

— ווער זשע זײַנען זיי, דער אלטער און דער יונגער קאַזאַקעוויטש? — האָבן מיר איינער באַם אנדערן געפרעגט.

און אָט זיצן מיר שוין אפן איבערוואַנדער־פּונקט אין ביראָבידזשאַן, א ביסעלע פאַרשײַ־קערט פון דעם, וואָס קימאַט העכער צען מעס־לעס האָבן מיר זיך געהוידעט אין וואַגאָן, ביז דער צוג האָט אונדז געבראַכט פון מאָסקווע צו דער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ, און אויך פון דעם, וואָס דער הימל איבער אונדז איז אזוי לויטער און בלוי, — אונדז ווײַזט זיך אויס, אז אין ערגעץ אף דער וועלט איז ניטאָ אזא לויטערקײַט און אזא לופט, מיט וועלכער מע קאָן זיך אזש פאַרכלינען.

ס׳איז דער ערשטער פרישטיק אף דער ביי־ראָבידזשאַנער ערד. אפן טיש ליגט פריש ברויט, פּוטער, האָניק, רויטער רויג. דער אפּעטיט איז באַ אונדז א גוטער, דער טשײַניק מיט טיי גייט איבער פון איין עק טיש צום צווייטן.

און אזוי ווי מיר פרישטיקן, שטעלן זיך ארײַן אין צימער עטלעכע יונגע כעוורע. זיי באַגריסן אונדז מיטן אָנקומען קיין ביראָבידזשאַן. איינער פון זיי גייט צו צו יעדן באַזונדער, דריקט די האַנט און שטעלט זיך פאָר:

— עמע, — און ער זעצט זיך צו צום טיש.

— באָכערל! — דערהערט זיך זײַן קאָל. — זשאַלעווע ניט קיין רויג, ס׳איז דיר ניט אין טשערניגאָוו אפן וואָקזאַל, דו ביסט אין ביראָ־בידזשאַן. דאָס ברויט איז פון בײַ־אַמורער ראַט־ווירט, די פּוטער פון ביראָפעלדער קאָלווירט, דער האָניק פון די בירער בינשטאָקן. נו, און רויג ברענגען מיר פון דער טיאָפּלאָיע אָזערע, אזוי אז שעם זיך ניט. קנאַק אף ביידע באַקן.

— קאַזאַקעוויטש קאָן ניט אָן וויצן, — האָט א זאָג געטאָן עמעצער פון די ארײַנגעקומענע.

— דאָס זײַנט איר, הייסט עס, דער יונגער קאַזאַקעוויטש? און ווער איז דער אלטער?

— דער אלטער קאַזאַקעוויטש, — האָט גע־ענטפערט עמע, — דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן”, וועל־כער וויל ניט דרוקן די לידער פון דעם יונגן קאַזאַקעוויטש. — דערבײַ האָט ער ארויסגענו־מען פון דער קעשענע א פרישע צײַטונג, ווו ס׳איז געווען אָפּגעדרוקט זײַנע א ליד, און האָט זי אונדז באַלד טאַקע איבערגעלייענט.

אָט באַ וועלכע אומשטענדן עס איז מיר אויס־געקומען זיך צו באַקאַנען מיט עמע קאַזאַקע־וויטשן שוין אין דעם ערשטן טאָג, אין די ערשטע שאָען פון מײַן קומען קיין ביראָבידזשאַן.

א הויכוווּקסיקער, א דאַרער, מיט א גרויסן קאָפּ העל־געקרײַזלטע, עטוואָס צעשויבערטע האָר. קורצזיכטיקע אויגן הינטער קײַלעכדיקע, דיקע ברילן־גלעזלעך אין דינע דראָטענע רע־מעלעך אף דער ביינערדיקער נאָז. א שמייכל באַשײַנט זײַן פּאָנעם אפילע דאַן, ווען ער איז

ערנסט. אָנגעטאָן אין א ברוינער וועלוועטוועער „טאָלסטאָווקע”. די גאַליפע־הויזן און די שטיוול מיט הויכע, ברייטע כאָליעוועס מאכן אים נאָך עפּשער דארער, ווי ער איז.

נאָכן פרישטיק לייגט אונדז עמע פאָר זיך באקאנען מיט דער שטאָט. מיר שפּאנען אף די הילצערנע טראָטוארן, הוידען זיך אף זיי, מאכן מיט די הענט, ווי קאנאטן־גייער אין צירק. ווען עמעצער טרעט אָן אף איין זײַט טראָטואר, שפּרינגט אונטער דער צווייטער אף דער אנדערער זײַט. אראָפּפאלן פון אזא טראָטואר איז געפערלעך, פון אונטן זײַנען קאָטשקעס און זומפּ. אזוי קומען מיר צו דער בירע. די סאָפּקע איז פון יענער זײַט טײַך, איבערשווימען די בירע דארף מען מיט א פּאראָם, וועלכער געפינט זיך איצט אפן קעגנאיבערדיקן ברעג.

— כעוורע, — זאָגט עמע, — איר געדענקט, ווי ס'איז אָנגעשריבן בא מענדעלען: „דיאדקאָ, פּאראָמו דאווײַ”? — איז אָט, לאָמיר אלע אײנייענעם שרײַען.

שרײַען מיר:

— דיאדקאָ, פּאראָמו דאווײַ!

ביז דער פּאראָם קומט צו אונדז, דערציילט עמע וועגן דער בירע: וואָס פאר א וווּנדערלעכער טײַך דאָס איז, פונוואנען ער פליסט, וווּהין ער פאלט ארײַן, און וואָס פארא פיש עס פירן זיך אין אים.

עמע דערציילט אזוי געני, מיט אזעלכע פּראָטים, פּונקט ווי ער וואָלט אלע זײַנע יאָרן אָפּגעלעבט בא דער בירע. זײַן שטים איז אָן ענערגישע, נאָר צײַטנווײַז פארהיקעט ער זיך לײַכט, און ס'דוכט, אז דאָס פּאסט אים אפילע.

דער פּאראָם איז צוגעקומען. אין עטלעכע מינוט ארום זײַנען מיר שוין אפן רעכטן ברעג, און מיר לאָזן זיך גיין צו דער סאָפּקע. עמע ווײַזט אונדז, ווי בעסער זיך ארופקלײַבן אף איר.

אפן שפּיץ פון דער סאָפּקע שטייט א גרויסער טריגאָנאָמעטרישער צייכן. אף די סלופּעס, וועלכע האלטן דעם צייכן, זײַנען אויסגעקריצט אופשריפטן. מיט א מעסער, מיט א טשוואָק, מיט א דאָלעטע. עמע געפינט זײַן אופשריפט: «Прибыл домой» („אָנגעקומען אהיים”) — און די דאטע.

פאָרנדיק פון מאָסקווע קיין טיכאָנקאיא, האָבן מיר געזען פארשיידענע שיינע פּייזאזשן — טאָלן און בערג, טײַכן און אָזערעס, פעלדער און וועלדער, גרויסע שטעט און קליינע דערפעלעך. אלץ איז געווען אינטערעסאנט, נאָר ס'איז דורכגעשווומען, ווי אין א כאָלעם. דאָ האָט דער פּייזאזש געהאט גאָר אן אנדער כיין.

צופוסנס פון דער סאָפּקע האָט זיך געשלענגלט א בלויע סטענגע מיט זון־בליקן — די בירע. זי איז געפלאָסן גיך, נאָר שטיל. איבער אונדזער קאָפּ — א העל־בלויער הימל מיט א הויכער זון, וואָס באשטראלט דעם גאנצן ארום. ווײַט אף צאָפן האָבן זיך געזען פארשנייטע שפּיצן פון סאָפּקעס, און אין דער נאָענט — די טײַגע. אף מיזרעך און אף מײַרעוו — טײַגע, טײַגע און טײַגע, אף וויפל דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט כאפּן, און גאָר נאָענט — די קליין־כינגאנער בערג.

— צווישן דער בירע און דער אײַזנבאן־ליניע וועט זײַן די שטאָט, — האָט געזאָגט עמע.

פארגאפטע, האָבן מיר געקוקט, ווי ער שטייט אפן שפּיץ פון דער סאָפּקע און שטרעקט אויס ביידע הענט צו דער נאָך ניט געקאָרטשעוועטער טײַגע.

ערשט דעמלט, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין יישעוו, האָט ער מיך א פרעג געטאָן:

— איז ווי רופט מען דיך, באָכערל? אז דו ביסט פון אָדעס, איז גוט. קום ארײַן צו אונדז, כ'וועל דיך באקאנען מיט דעם אלטן קאזאקעוויטש.

— אויב אזוי, אויב דו ביסט טאקע געקומען פון אָדעס, קומט דאָך דיר אוואדע א ברייטער שאָלעם־אלייכעם, — זאָגט צו מיר הענעך קאזאקעוויטש מיט א כאָרכלדיק־הייזעריק קאָל, און, אויסשטרעקנדיק זײַן ברייטע פליישיקע האנט, קוקט ער אף מיר מיט זײַנע קורצזיכטיקע בארילטע אויגן.

— זע, דו ביסט דאָך נאָך זייער יונג! — קלאפּט ער מיך איבער דער פּלייצע. — א מעכײַע, א מעכײַע. וויניק פאָרן צו אונדז יונגע כעוורע. מ'דארף א פּאָר טויזנט, וואָלטן זיי דאָ איבערגעקערט די וועלט.

— מע דארף זי ניט איבערקערן, מיר וועלן נאָך אראָפּפאלן מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארוף, — שמייכלט עמע.

— דו זעסט, ווי ער פארשטייט דעם טאטן? זאָג זשע מיר, באָכערל, וואָס מאכן דאָרט אונדזערע אין אָדעס?

דערזען, אז איך ווייס ניט, וועמען ער מיינט, גיט ער צו:

— וואָס מאכן די ייִדישע שרײַבער?

איך דערצייל וועגן כאָנע ווײַנערמאן, אײַזיק הובערמאנען, נאָטע לוריען, אירמע דרוקערן, בוזיע אָליעווסקין.

— און סיטאָ וואָס טוט?

— פּײַוול סיטאָ איז אריבערגעפאָרן קיין כארקאָוו, ער האָט פארלאָזט די שאכטע...

— וואָס רופט ער „שאכטע”?

— „די שאכטע” האָט בא אים געהייסן דער ארבפּאק, ווּו מיר האָבן זיך געלערנט.

— אָט א שקאָץ, אָט א שקאָץ, — לאכט הענעך קאזאקעוויטש, — אזא טאלאנטפולער באָכער און אזא שקאָץ. וואָס פארא שפּיצלעך פלעגט ער אָפּטאָן! אָט האָסטו דיר דעם צווייטן, — ווײַזט ער אָן אף עמען, — נאָר יענער איז טאלאנטפול, און דער איז א פּוסטעפּאסניק...

— כאווער קאזאקעוויטש, — איז עמע איבערגעגאן אף „איר”, — איך האָב דאָך אײַך צוגעזאָגט, אז מיט דער צײַט וועט איר דערפילן מײַן טאלאנט, ער וועט זיך אנטוויקלען פּאראלעל מיט דער שקאָצערײַ...

אין סאָף 1932 איז עמע געוואָרן שעף פון דער בויונג פונעם ביראָבידזשאַנער קולטור־הויז. ער פלעגט זאָגן: ס'איז דאָ אַלץ — א שעף, א שעטעך, ארומגערינגלט מיט א פּלויט, א שילדל, אַז דאָ בויט זיך א קולטור־הויז, נאָר קיין בויונג איז נאָך ניטאָ. צו יענער צײַט איז אַפילע שוין געווען גרייט א גרויסע סומע געלט פאַר דער בויונג. די אָזעט־קאָמיטעטן פונעם לאַנד האָבן געזאַמלט פאַר איר געלט, און אין ביראָבידזשאַנער באַנק האָט זיך „געעפנט" א ספּעציעלער כעזשבן. עמע האָט זייער איבער־געלעבט, וואָס די בויונג איז פאַרקאָנסערווירט געוואָרן איבער מאַנגל אין בוי־מאַטעריאַלן און אין אַרבעטס־הענט.

ביראָבידזשאַן האָט דעמלט ניט פאַרמאָגט קיין איין קלוב, אַף די אונטערנעמונגען זײַנען געווען בלויז רויטע ווינקלען. דער אײנציקער קינאָ־טעאַטער האָט זיך געפונען אין א געבײַדע אַפן ראָג פון אָקטיאַבער־ און וואַלדהיימער־גאַס, וואָס האָט אויסגעזען פון אויסן ווי א שטאַל און פון אינווייניק טאַקע אויך ווי א שטאַל.

און יוגנט איז אין שטאָט צוגעקומען פון טאָג צו טאָג אַלץ מער, אָן א קלוב אָדער קולטור־הויז איז געוואָרן שווער צו לעבן. עמע האָט ניט געקאָנט שאָלעם מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ס'איז פאַראַן געלט אַף צו בויען א קולטור־הויז, און מע קאָן עס ניט אויסנוצן.

אין אײנעם א טאָג איז פאָרגעקומען אַן אַל־שטאָטישע קאָמיוגישע פאַרזאַמלונג. מ'האָט גראָד באַהאַנדלט אַן איניען, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין שײַכעס צו קולטור־פראַגן. נאָר אַף דער ניט־הויכער טריבונע איז האַסטיק ארוף עמע, זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש מיט די עלנבויגנס און אײנקורצן דערציילט, ווי עס האַלט מיט דער בויונג פון „זײַן" אָביעקט. צום סאָף האָט ער א פרעג געטאָן באַם פאַרזאַמלטן עוילעם:

— כעווערע! איר ווילט האָבן א קולטור־הויז?

— יאָ־אָ־אָ! — האָט זיך געטראָגן פון אַלע עקן זאַל.

— איז הערט מיך אויס! מיר דאַרפן אַף קײנעם זיך ניט פאַרלאָזן. לאָמיר די בויונג נעמען צו זיך אין די הענט. איר זײַנט מאַסקים קומען מאָרגן אַף א שאַבעסניק נאָך דער אַרבעט?

— מאַסקים!

— צי קאָן יעדער קאָמיוגיסט ברענגען מיט זיך נאָך איין באָכער אָדער מיידל אַפן שאַבעסניק?

— יאָ־אָ־אָ־אָ!

— איז לאָמיר אָנעמען א באַשלוס...

די פאַרזאַמלונג איז נאָך ניט פאַרענדיקט, נאָר עמע איז שוין פאַרנומען מיטן מאָרגנדיקן טאָג. דעם שאַבעסניק דאַרף מען גוט אָרגאַניזירן. ער בעט סאָניע גלוזמאַן, דעם סעקרעטאַר פונעם ראַיקאָם פון קאָמיוג, גלײַך צונויפרופן א זיצונג פון דער ביוראָ, שאַפן א שטאַב פונעם שאַבעסניק, אויסטיילן פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר צונויפקלײַבן אינווענטאַר. און איידער מע פאַרמאַכט די פאַרזאַמלונג, נעמט עמע נאָכאַמאָל א וואָרט און מעלדעט, אַז יעדערער דאַרף ברענגען מיט זיך א לאָפּעטע, א האַק אָדער א לאָם. יונגוואַרג צעגייט זיך מיט א ראַש, מע רעדט וועגן דעם מאָרגנדיקן שאַבעסניק.

ווען עס קומט זיך צונויף דער שטאַב פון פינף מענטשן, ווערט קלאָר, אַז פאַר דער בויונג פונעם קולטור־הויז איז ניטאָ קיין שום פּלאַן, ניטאָ קיין סמעטע. דער ערשטער באַמערקט דאָס מישע זילבערשטיין, ער איז א טעכניקער לויטן פאַך.

— זאָג מיר, עמע, — פרעגט ער, — אַף וויפל ערטער ווילט איר בויען דאָס קולטור־הויז?

עמע טראַכט, און דערווײַל כאַפּט זיך בא עמעצן ארויס: „אַף צוויי הונדערט ערטער!".

עמע ווערט אָנגעצונדן און שרײַט אויס, פאַרהיקענדיק זיך א ביסעלע:

— וואָס איז צ־צוויי הונדערט, וואָס איז צוויי הונדערט? די שטאָט וואַקסט און וועט נאָך וואַקסן, דאָ־אָ־אָ־אָס דאַרף מען נעמען אין כעזשבן.

איצט רעדן שוין אַלע פינף מיטגלידער פון שטאַב מיטאַמאָל. מע רופט אָן פאַרשיידענע ציפערן, נאָר קיינער קאָן די ציפערן מיט גאָרנישט ניט באַגרינדן.

מישע זילבערשטיין נעמט ווידער א וואָרט און דערקלערט, אַז ווען מע וויל בויען אַפילע א שטאַל, דאַרף מען אויך וויסן, וויפל זי וועט זײַן אין דער לענג און וויפל אין דער ברייט, פון וואָס עס וועלן זײַן געבויט די ווענט, צי זיי וועלן אויסהאַלטן דעם דאַך, און אַזוי ווײַטער.

דאָס אַלץ רופט מען פּראָיעקט, וועלכן מיר האָבן דערווײַל ניט.

— גוט, — זאָגט עמע. — איצט פאַרמאַכן מיר די זיצונג, ביז מאָרגן איז נאָך פאַראַן צײַט אַף צונויפשטעלן א פּראָיעקט.

צו יענער צײַט איז עמע שוין געווען געניט אין א סאַך זאַכן, ער האָט שטענדיק לויט די אָפּטועך אויסגעזען עלטער פון זײַנע 19 יאָר. ס'איז שוין דערשינען אין ביראָבידזשאַן זײַן ערשטע זאַמלונג לידער „ביראָבידזשאַנבוי", ער האָט איבערגעזעצט אייניקע מאַיאַקאָווסקיס ווערק אַף ייִדיש.

ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, כ'האָב זיך געקליבן לייגן שלאָפן, קומט פּלוצעם ארײַן עמע. איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז בא אים איז פאַראַן עפּעס א נײַס.

— וואָס האָט געטראָפן?

אָנשטאָט אַן ענטפער פרעגט ער מיך:

— דײַן שאָכן איז אין דער היים?

איך האָב געוווינט אין איין דירע מיטן הויפּט־אינזשעניער פונעם טרעסט „ביראָבידזשאַנבוי" ראַפּאַלסקין, זייער א שטילן, שוין ניט קיין יונגן און ניט קיין שטאַרק געזונטן, באַשיידענעם מענטשן. זײַן פרוי, וועלכע האַלט זיך זייער יונג, ציטערט מאַמעש איבער אים, ער זאָל, כאָ־לילע, קיין איבעריקן טראָט ניט מאַכן.

— בעט אים אַרײַנגיין צו דיר אין צימער אַף א פּאָר מינוט, נאָר זע, די פרוי זאָל בלײַבן דאָרט...

עמע בעט ראַפּאַלסקין זיך זעצן און טוט גלײַך א זאָג:

— דער ראַיקאָם פון קאָמיוג האָט אונדז ביידן, — ער ווײַזט מיט דער האַנט אַף מיר און אַף זיך, — באַפולמעכטיקט אײַך איבערגעבן זײַן באַקאַשע, איר זאָלט צונויפשטעלן א פּראָיעקט פאַר א קולטור־הויז אַף 700 ערטער. דער פּראָנטאָן און די בינע — צווייסטאַקיקע, דער זאַל און צוויי זײַטיקע פאָיע — איינשטאַקיקע. דער פּלאַן פון די פונדאַמענטן דאַרף זײַן פאַרטיק ביז מאָרגן צען אינדערפרי, דאָס איבעריקע — ביז איבערמאָרגן צען אינדערפרי.

ראַפּאַלסקי ווערט געל, דערנאָך ווײַס, ווי די וואַנט:

— כאַווער קאַזאַקעוויטש, אַזוינס איז אומעגלעך, אומעגלעך. איר ווייסט, וואָס איר רעדט? נו, יאָ, איר פאַרשטייט דאָך גאָרניט אין פראַגן פון בויונג. איין מענטש קאָן דאָס ניט אופטאָן, ס'איז ניט מעגלעך...

— ס'איז אַלץ מעגלעך, אַלץ מעגלעך, כאַווער ראַפּאַלסקי, — ענטפערט רויק עמע. — איר דאַרפט וויסן, אַז די, וואָס האָבן אײַך געגעבן דעם אופטראַג, קלײַבן זיך גוט פאַנאַנדער אין פראַגן פון בויונג, אַז ניט, וואָלטן זיי ניט פאַרנומען אַזוינע פּאָסטנס, ווי, לעמאַשל, אונדזער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם פון קאָמיוג. צי דען וועט אײַך זײַן אָנגענעם צו קומען אין ראַיקאָם און זיך אָפּזאָגן פון דער פאַרגעבונג?

— ניין, — זאָגט ראַפּאַלסקי, — איר האָט מיך ניט אײַנגאַנצן פאַרשטאַנען...

עמע זעצט פאָר:

— כאַווער ראַפּאַלסקי, אַף מאָרגן נאָך דער אַרבעט איז שוין געמאָלדן א שאַבעסניק. צו אָט דער צײַט דאַרף איך האָבן דעם פּלאַן פונעם פונדאַמענט. אָפּן פּלאַן זאָל זײַן גענוי אָנגעצייכנט די לענג, די ברייט און די טיף פון די טראַנשייען. אַז דאָס וועט זײַן פאַרטיק, קאָנט איר גיין שלאָפן. דאָס איבעריקע וועט איר מאַכן גרייט אַף איבערמאָרגן. איבערמאָרגן וועל איך פאָרן קיין כאַבאַראָווסק, אין קאָנט־אויספּירקאָם, נאָך בוי־מאַטעריאַלן, דאַרף איך וויסן, וויפל ציגל, צעמענט, געהילץ, טשוועקעס און אַזוי ווײַטער וועט זיך פאָדערן. דאָס וועט איר מוזן אונטערעכענען.

אָפּן טיש ליגט שוין א צייכענונג־ברעט מיט א בויגן מילימעטער־פּאַפּיר. און אָט לייגן זיך אוועק די ערשטע ליניעס. עמע ציילט איבער די קעסטעלעך פון די רייען אין זאַל, ער איז צופרידן. דערנאָך דערקלערט ער:

— קעדיי די פאָיע זאָל זײַן א ביסעלע געראַמער, שטעלט צו פון ביידע זײַטן צו צוויי קעסטעלעך, וועט זײַן פונקט גוט.

ראַפּאַלסקי פרעגט:

— אַז מע נעמט זיך בויען א בינין, דאַרף מען וויסן, פון וועלכע מאַטעריאַלן ער וועט זײַן: אויב פון לײַכטע, דאַרף דער פונדאַמענט זײַן א לײַכטער. אויב פון שווערע — א שטאַרקערער.

עמע זאָגט:

— איצט איז ניטאָ קיין צײַט צו טראַכטן וועגן דעם. מיר האָבן נאָך ניט קיין פּראָיעקט, מיר ווייסן ניט, וועלכע מאַטעריאַלן עס וועלן זײַן פאַרלייגט אין פּראָיעקט. דעריבער וועלן מיר לייזן די פראַגע פונקט אַזוי, ווי ס'האָט זי געלייזט דער כעלמער ראָוו.

ראַפּאַלסקי ווייסט ניט די מײַסע מיטן כעלמער ראָוו, און עמע דערציילט:

— אין כעלעם איז געווען א סריפּע, און ס'איז, ניט הײַנט געדאַכט, אוועק מיטן פײַער די באָד און בעסוויכעם די מיקווע. האָבן יידן גענומען בויען א נײַע באָד. ווען ס'איז געקומען צו דער מיקווע, האָט מען זיך אָנגעהויבן שפּאַרן. איין צאַד האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף דעם דיל אין דער מיקווע דעקן מיט געהובלעוועטע ברעטער, קעדיי מ'זאָל זיך, כאַלילע, ניט פאַרשטעכן די פיס. דער צווייטער צאַד האָט געזאָגט, אַז די ברעטער טאָר מען ניט הובלעווען, ווײַל מ'קאָן, כאַלילע, זיך אויסגליטשן און דערטרונקען ווערן. איז מען אוועק צום ראָוו, און דער ראָוו האָט געפּסקנט אַזוי, אַז ביידע צדאָדים זאָלן זײַן באַפרידיקט: די ברעטער טאָקע הובלעווען, נאָר לייגן מיטן געהובלעוועטן אַראָפּ.

אָפּן געלעכטער האָט זיך געעפנט די טיר, און ראַפּאַלסקיס פרוי האָט מיט צאָרן זיך צעשריגן:

— מעשוגע, ניט אַנדערש! שוין האַלבע נאַכט, און זיי דערציילן זיך אַנעקדאָטן!

ראַפּאַלסקי איז אוועק זי באַרויִקן און זיך אומגעקערט צו אונדז.

— יאָ, איז וואָס זשע פאַר א שײַכעס האָט דער אַנעקדאָט צום פונדאַמענט?

— זייער א גלײַכע שײַכעס, — האָט געענטפערט עמע, — דעם כעזשבן פירן מיר פאַר א פונדאַמענט פון א ציגל־געבײַדע. טאָמער וועט מען בויען פון געהילץ, וועט דער פּראָיעקט איבערגעדרייט ווערן...

ס'איז שוין העכער האַלבע נאַכט. דער פּלאַן פונעם פונדאַמענט איז פאַרטיק. עמע כאַזערט ווידער איבער, וואָס עס פאָדערט זיך פון ראַפּאַלסקין אין מעשעך פונעם הײַנטיקן טאָג.

ראַפּאַלסקי גייט שלאָפן, און איך מיט עמען כאַפּן זיך אַרויס אין דרויסן. עמע זאָגט:

— נו, ווי געפעלט דיר דאָס שטיקל אַרבעט? נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט, איך האָב נאָך א פּלאַן. וועגן דעם — מאָרגן, נאָכן שאַבעסניק. דערווײַל א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט, — ענטפער איך. נאָר ס'צעפנט זיך דאָס פענצטער פון עמעס שטוב, און עס קוקט אַרויס העניעך קאַזאַקעוויטש:

— ס'איז שוין א גוטמאָרגן. ווו גייט איר עס אַרום, הולטײַעס, פּוסטעפּאַסניקעס, א גאַנצע נאַכט?

— אוי, כאַווער קאַזאַקעוויטש, ווען איר גיט אונדז כאָטש איין זײַטל פון אײַער צײַטונג, וואָלטן מיר אַלץ באַשריבן, — ענטפערט עמע.

— נו, גענוג. אלע טאָג גיב אים א זײַטל, פונקט ווי זײַטלעך וואָלטן געוואַקסן אין גאָרטן...

אָף מאָרגן איז עמע זייער פאַרנומען מיט דער צוגרייטונג צום שאַבעסניק. גלײַך ווי דער שאַ־בעסניק וועט זיך ענדיקן, דאַרפן מיר זיך זען. אַזוי זאָגט ער מיר אָן שטרענג און ערנסט, נאָר כאָוועריש. קיין שטרענגן געדענק איך אים ביכ־לאַל ניט, ער איז שטענדיק געווען גוטמוטיק.

צום סאָף פונעם ארבעטסטאָג זײַנען פרײַער פון אלע געקומען אָף דער בויונג די מיטגלי־דער פון שטאַב. עמע באַקאַנט זיי מיטן פּלאַן, טיילט אויס די באַצירקן. ער עפנט די טויערן פון דער בויונג, קלאַפּט צו א פּלאַקאַט, וואָס באַגריסט די אָנטיילנעמער פונעם שאַבעסניק, פעסטיקט צו יעדן מיטגליד פונעם שטאַב צו א קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע.

צוזאַמען מיט די קאָמיוגיסטן קומען יוגנט־לעכע, ניט־קאָמיוגיסטן, און עלטערע. די קאָ־מיוג־אָרגאַניזאַציע פונעם בירעבידזשאַנבוי האָט זיך געיאָוועט מיטן גאַנצן טעכנישן פּערסאָנאַל, אַפילע ראַפּאַלסקין האָבן זיי אויך פאַרכאַפּט מיט זיך. זילבערשטיין אָרגאַניזירט א באַזונדערע בריגאַדע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט צוגרייטן טראָג־ברעטלעך און קאַסטנס אָף צו פאַרמישן צעמענט.

אָט פלײַען שוין די ערשטע לאָפּעטעס ערד. עמע און ראַפּאַלסקי קאָנטראָלירן די ריכטיקײַט פון די טראַנשייען — לויט די פּלעקלעך, וואָס עמע האָט פאַרזיכלעך אַרײַנגעקלאַפּט אין דער ערד, און לויט די שנורן, וואָס זײַנען צו זיי צוגעבונדן.

עמע איז אַזוי פאַרטאָן, אַז ער זעט, דוכט זיך, קיינעם ניט, דער קאָפּ איז אים פאַר־שלאָגן. נאָר אינדערעמעסן לאָזט ער ניט דורך קיין מינדסטע זאַך, ער זעט אַלץ, און פונקט דאָרטן, ווו מע דאַרף, איז ער דאָ.

פאַר א דרײַ שאָ ארבעט זײַנען שוין די טראַנשייען פאַרן פונדאַמענט אויסגעגראָבן. מע קאָן דעם אוילעם צעלאָזן, נאָר עמע לייגט פאָר, אַז דער שטאַב זאָל אָף א פּאָר מינוט זיך צו־נויפנעמען. לאַנג שטיין לײדיק, זאָגט ער, קאָנען די טראַנשייען ניט. ניט שפּעטער, ווי מאָרגן, מוזן זיי זײַן אָנגעפילט מיט ברוכציגל. אָט די אייצע האָט געגעבן טאַקע ראַפּאַלסקי, ער איז איצט שוין אויך פאַרינטערעסירט אין דער בויונג. טאַקע דאָ אָפּן אָרט באַקומען אייניקע סעקרעטאַרן א פאַראָרדענונג אָפּצוטאָן מאָרגן די ארבעט, מיט טראַנספּאָרט וועט מען זיי באַ־זאָרגן.

עמע שטעלט זיך אוועק אָף א וואָגן, לייגט צונויף די הענט אין א רופאָר און שרײַט אויס:

— אלע צו מיר! וואַרפט די ארבעט! אלע צו מיר!

מע נעמט זיך צונויף אַרום דער „טריבונע”. דער אוילעם איז גוט געשטימט, מע ווערטלט זיך און מ׳וואַרט, וואָס עס וועט זאָגן עמע.

— מיר האָבן הײַנט אָנגעהויבן א וויכטיקע ארבעט, — זאָגט ער אָף א קאָל, — ס׳איז געווען שווער אָנצוהייבן, נאָר האָבן מיר אָנגע־הויבן, וועלן מיר פאַרענדיקן. א גרויסן דאַנק זאָגט אײַך דער ראַיקאָם און דער שטאַב. מיר וועלן זיך נאָך טרעפן דאָ. לאָמיר הײַנט געבן א שוווע, אַז דעם נײַאַריקן באַל וועלן מיר פײַערן אין קולטור־הויז. אָפּגערעדט?

— אָפּ־גע־רעדט! — צעהילכט זיך איבערן גאַנצן הויף. דער אוילעם צעגייט זיך פריילעך. מיר באַטראַכטן די אָפּגעטאָנענע ארבעט, פאַר־מאַכן דעם טויער. עמע ווישט אָפּ דאָס פאַר־שוויצטע פּאָנעם און זאָגט:

— נו, מיט הײַנטיקן טאָג קאָן מען זײַן צו־פרידן.

אין ראַיקאָם פון פּאַרטיי איז מען געווען צו־פרידן, וואָס די בויונג פונעם קולטור־הויז האָט זיך אָנגעהויבן מיט א שאַבעסניק. ס׳זײַנען פאָרגעקומען נאָך עטלעכע אַזוינע שאַבעסני־קעס, מ׳האָט שוין פאַרמויערט פולקום דעם פונ־דאַמענט, ווירטשאַפטלער האָבן אָנגעהויבן „אונ־טערוואַרפן” אייניקע מאַטעריאַלן: וועט געהילץ, וועט ציגל, וועט א פּאָר קעסטלעך גלאָז. אָף דער טעריטאָריע פון דער בויונג האָט עמע אויסגעבויט א צײַטווײַליקן סקלאַד. ער פלעגט גיין און באַרימען זיך, אַז ער איז שוין א באַלעבאָס פון צוויי שלעסער.

אוועקשטעלנדיק זיך פאַרן טאַטן, פלעגט ער זיך אויסציִען ווי א סטרונע, צולייגן די רעכטע האַנט צום דאַשעק און אָף א מיליטערישן אויפן ראַפּאָרטירן:

— כאַווער פּאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פונעם „בירעבידזשאַנער שטערן”! עס ראַפּאָר־טירט דער שעף פון דער בויונג פונעם בירע־בידזשאַנער קולטור־הויז. אָף דער בויונג איז אַלץ אין אָרדענונג, מיט איין שלאָס איז פאַר־שלאָסן די שטאַל פון דער בויונג, אין וועלכער ס׳איז גאָרנישט ניטאָ, מיטן צווייטן שלאָס איז פאַרשלאָסן דער טויער פונעם הויף, ווו עס שטייט די שטאַל. ביידע שליסל זײַנען אין ריכ־טיקע הענט — באַם שעף פון דער בויונג קאַ־זאַקעוויטש דעם יינגערן!

— פּוסטעפּאַסניקעס, הולטײַעס! ס׳זײַנען מיר שוין נימעס דײַנע ראַפּאָרטן. ווען וועל איך שוין דערלעבן אַרויסצוטרעטן מיט א דראָשע אין דײַן קולטור־הויז? — פלעגט שפּאַסן הענעך קאַזאַקעוויטש.

ראַפּאַלסקי, מיט דער הילף פון אַנדערע ספּעצ־יאַליסטן, האָט דערווײַל צוגעגרייט דעם פּראָ־יעקט פונעם קולטור־הויז, מ׳האָט אים באַ־האַנדלט אין די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס און באַשטעטיקט. ס׳האָט זיך אויסגעפּיקט א ספּעצ־ציפיקאַציע פון מאַטעריאַלן, וועלכע מע דאַרף פאַר דער בויונג. נאָר אָף וויפל די בויונג איז ניט אַרײַן אין פּלאַן פון יענעם יאָר, האָט מען, האַגאַם ס׳איז געווען גענוג געלט, ניט געקאָנט צוטרעטן צו דער ארבעט.

עמע האָט קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפינען. און אָט, איינמאָל קומט ער צו מיר אַרײַן אַף דער ארבעט און מאכט א טומל:

— וואָס דארף נאָר מיר ווײ טאָן דער קאָפּ פאָרן קולטור־הויז, און איר, דער אָפּטייל פון פאָלקס־בילדונג, דארפט זיך מיט דעם ניט פארנעמען?

איך פּרווו אים בארויִקן, נאָר ער מאכט בעקיוון דעם טומל נאָך גרעסער, ביז עס מישט זיך אַרײַן דער פארוואלטער פונעם ראיאָנישן בילדונגס־אָפּטייל. מע רעדט זיך צונויף, אַז מאָרגן פאָרן מיר — עמע און איך — קיין כאַבאראָווסק אין קאנטקאָם פון קאָמיוג, קעדיי אָנהייבן, ווי מע זאָגט, קלאַפּן אין אלע טירן.

פאָרן קיין כאבאראָווסק איז אין יענע יאָרן געווען א שווערע טירכע. די צוגן „מאָסקווע — כאבאראָווסק" און „מאָסקווע — וולאדיוואָסטאָק" האָבן זעלטן געהאט פרײַע ערטער. ס׳איז געווען נאָך א צוג, א היימישער — „מאקסימקע" האָט מען אים גערופן, — איז ער שטענדיק אויך געווען באלאגערט פון הונדערטער מענטשן, מאמעש ניט צוטרעטן צום וואגאָן.

האָט עמע אויסגעארבעט א פּלאַן, לויט וועלכן מיר דארפן זיך אופזעצן אַפן מאָסקווער צוג.

דער פּלאַן איז באשטאנען אָט אין וואָס.

ווען דער צוג וועט אָנקומען אַף דער סטאנציע טיכאָנקאיא, גייען מיר אַרײַן אין וואָקזאל און וואשן זיך אײַן. מיר טוען ניט אָן די אייבערשטע העמדלעך, אין איין האנט האלטן מיר דאָס קעסטעלע מיט זייף, אין דער צווייטער דאָס אייבערשטע העמדל, אַפן האלדז דעם האנטעך. ווען דער צוג הייבט אָן אָפּגיין, לויפן מיר ארויס פון וואָקזאל, פרווון אינמיטן גאנג פונעם צוג ארופשפּרינגען אַף די טרעפּלעך. דער קאָנדוקטאָר מיינט, אַז מיר זײַנען פּאסאזשירן, שטרעקט ער אונדז אויס די האנט און העלפט אַרײַן אין וואגאָן. מיר טוען אָן אונדזערע העמדלעך, גייען אוועק אין וואגאָן־רעסטאָראן, קויפן צו פּלעשלעך ביר און טרינקען אזוי ביז כאבאראָווסק. אין וואגאָן־רעסטאָראן וועט קיין איין קאָנטראָליאָר ניט קאָנטראָלירן די בילעטן...

דער פּלאַן האָט זיך אײַנגעגעבן. אין כאבאראָווסק זײַנען מיר געקומען צום סעקרעטאר פונעם קאנטקאָם פון קאָמיוג פּיאָטער ליסטאָווסקי. מיר האָבן אים דערציילט וועגן די שאַבעסניקעס, וואָס די יוגנט האָט דורכגעפירט אַף דער בויונג. ער האָט א פּאטש געטאָן ביידן אין די פּלייצעס און געזאָגט:

— איר זײַט דאָך גאָלדענע כעוורע, קומט צו קרוטאָוון, מיר וועלן באלד אלץ מאכן ווי ס׳דארף צו זײַן.

מיר זײַנען ארײַנגעגאנגען אין קאבינעט צו קרוטאָוון, דעם פאָרזיצער פון קאנט־אויספּירקאָם. באם טיש איז געזעסן א הויכער מענטש פון א יאָר פערציק מיט שווארצע, קורץ געשוירענע געדיכטע האָר אַפן קאָפּ און שווארצע וואָנצן אַפן העלדז, ווי באלויכטענעם פּאָנעם. ווען מיר זײַנען אַרײַן, האָט ער זיך אופגעהויבן, אָפּגעצויגן זײַן האלב־מיליטערישן פרענטש, געגעבן אונדז די האנט און שמייכלענדיק געפרעגט:

— וואָס האָט איר דאָרט פארטראכט, שיידים? איר ווייסט, ווי גרויס די בויונג איז בא אונדז אין קאנט? בוי־מאטעריאלן זײַנען געגליכן צו גאָלד!

עמע האָט אינקורצן, נאָר זייער דײַטלעך דערציילט, אין וואָס דאָ האנדלט זיך, און אין נאָמען פון דער יוגנט געבעטן באפרידיקן אונדזער באקאָשע.

קרוטאָוו האָט גענומען א בלויען בלײַער און אָנגעשריבן:

„אין קאנטפּלאַן. פאר דער יוגנט. אין דער ערשטער ריי. אויסער אלע לימיטן. מ. קרוטאָוו".

צופרידענע, באדאנקען מיר דעם פאָרזיצער פון קאנט־אויספּירקאָם. באם געזעגענען זיך זאָגט ער צו עמען:

— ענלעך, זייער ענלעך אַפן טאטן. דאָס עפּעלע האָט זיך ניט פארקײַקלט ווײַט פונעם ביימעלע. גיט איבער דעם כאווער קאזאקעוויטש א גרוס...

ס׳האָט אזוי געטראָפן, אַז דאָס הויז, אין וועלכן עמע קאזאקעוויטש האָט פארלייגט, ווי מע זאָגט, דעם ערשטן שטיין, איז אינגיכן איבערגעגעבן געוואָרן דעם ביראָבידזשאנער יידישן מעלוכע־טעאטער, און עמע קאזאקעוויטש איז געוואָרן דירעקטאָר פונעם טעאטער.

די ערד איז רײַך

אין סטעפּ

איך בין געווען אין סטעפּ...
פון פרי ביז שפּעט דאָ אַרבעט מען.
מענטשן — ווײַניקלעך, און אַרבעט — מער און מער.
— אַ סאַך טוט די מאַשין.
— נאָר פּויערים פּאַרקאַטשען אויך די אַרבל,
באַאַרבעטן די ערד איז איצטער אויכעט שווער!

אויב ס'איז דער הימל ריין — איז ברענט די זון מיט פײַער,
און אויב ער איז פּאַרוואָלקנט — שמײַסט אַ רעגן.
מיט זאַנטיקלעך פּאַרשטעלן זיך פון אים איז דאָך ניט שײַעך,
און אַף דער רויערד פּלאַסטערט מען דערווײַל נאָך ווייניק וועגן.

די שעפּסלעך דאַרפן גראָז, די אויפעס — קערנער פּיקן,
די מילך, ווי זאָגט זיך, איז באַ דער בעהיימע אַף דער צונג,
און וויל דער כאַזער עסן — קוויטשעט ער מעסוקן,
זײַן שנוק וועסט ניט פּאַרשליסן אַף קיין רונג.

אין שאַכטע־טיף, און באַם מאַרטען פון אויבן,
און דאָ, אין ברייטן סטעפּ, דער שוויס מוז רינען —
ווײַל כאָטש די ערד איז רײַך און ס'אַרבעטן מאַשינען,
דאָך פליען ניט אומזיסט אין מויל אַרײַן קיין טויבן.

פעלקער, גיט זיך די הענט

פעלקער, גיט זיך דאָס וואָרט,
פעלקער, גיט זיך די הענט...
ווייסט, אַז שאָלעם און קריג
זײַנען אין אײַך נאָר געווענדט.

די בויגנס, די שפּיזן צעבראָכט,
די רײַטוואַגנס פאַרברענט.

פעלקער, גיט זיך דאָס וואָרט,
פעלקער, גיט זיך די הענט.

גייט פאַרן שאָלעם אין קריג,
פּאַר אים — אַף קידעשהאַשעם!
פעלקער, גיט זיך דאָס וואָרט,
פעלקער, גיט זיך די הענט.

איך ווייס

איך זאָג, אַז איך האָב דיך ליב,
ניט קעדיי זאָלסט עס וויסן, —
איך זאָג, אַז איך האָב דיך ליב,
ווײַל אויב ניט, וואָלט עס מיך צעריסן.

איך ווייס, עס טרעפט, אַז מע האָט ליב
און דערנאָך פאַרגעסט מען.

מע ווייסט: מע וועט ווערן ווידער הונגעריק,
פונדעסטוועגן עסט מען.

מע ווייסט: מ'עט זיך דאַרפן אויפפּאָזן,
דאָך אײַנדערלופטן שוועבט מען.
מע ווייסט, מע וועט דאַרפן שטאַרבן,
פונדעסטוועגן לעבט מען.

עפּל־קוואס

לויפן אויטאָבוסן, פליִען וואַגאָנען.
ברייט איז דער טויער פון סטעפּ פון כערסאָנער.

א טעפּיך א גרינער, א טעפּיך א שווארצער.
איך פריי זיך, נאָר פּלוצעם א שטאָך טוט אין הארץ מיר.

אין סעדער עס שפּילן זיך קינדערלעך זאטע —
נאָר כ׳זע ניט דער שוועסטערס, דער עלטערס, יאטלעך.

דעם ברונעם, וואס ס׳האָט נאָך דער זיידע געגראָבן,
מיט קעפּלעך מיט זייערע האָט מען פארשלאָגן.

„פארזוכט די געזייַערטע עפּל פון פאס...״
נאָר שטיין בלייַבט אין האלדז מיר דער ווייַניקער קוואס.

דער טעפּיך א גרינער, דער טעפּיך א שווארצער —
זיי מונטערן, פרייען און שפּאלטן דאָס הארץ מיר.

ס׳איז נאָך ניט אלץ

גוט, וואָס דו ביסט, קינד מייַנס, ייִנגער,—
נאָר ס׳איז נאָך ניט אלץ.
דער זאק מיט צוקער איז ניט גרינגער
פון דעם זאק מיט זאלץ.

דער האָז און דער פוקס

אף א שטעגעלע קאיאָר
האָט באגעגנט זיך א פּאָר:

— שפּאנסט פונוואנען, שייַנער פּאַנעם?
— כ׳שפּאַן פון ווייַט, פון דער לעוואָנע.
— לייַגסט! — שפּרינגט אויף פון קאס דער האָז.
מאכט דאָס פּיקסל:
— נו, איז וואָס?

אף לענינס לעקציעס אין דער „סווערדלאָווקע"

אין סאָף מײַ 1919 איז א גרופּע קאָמוניסטן פון ווײַסרוסלאַנד, צווישן זיי אויך דער אווטאָר פון די דאָזיקע שורעס, קאָמאַנדירט געוואָרן קיין מאָסקווע זיך לערנען אין קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט אף סווערדלאָווס נאָמען. דאָס איז געווען די ערשטע פּארטיייִשע הויכשול.

אינעם פאַנאַנדערארבעטן די לערן־פּראָגראַם און אינעם אונטערקלײַבן די לעקטאָרס פאַרן אוניווערסיטעט האָט זיך פּערזענלעך באַטייליקט וולאַדימיר איליטש לענין. לעקטאָרן אין דער „סווערדלאָווקע" זײַנען געווען אַזעלכע אָנגעזעענע פּערזענלעכקײַטן, ווי קאַלינין, וואָראָווסקי, יאַראָסלאַווסקי, סטעפּאַנאָוו־סקוואָרצאָוו, באַטורין, פּאָקראָווסקי, סטעקלאָוו.

אײַנגעפּאַקעוועט אין א רענצעלע עטלעכע ביכלעך, א האַלב לעבל ברויט און די פּושקע קאָנסערוון מיט די פּאָר צענדליק טאַבלעטקעס סאַכארין, וואָס כ׳האָב באַקומען לויט אַן אָרדער פון דער שטאָטישער שפּײַז־פאַרוואַלטונג, האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט מײַן היימשטאָט מאָלעוו.

דער צוג איז געגאַנגען בלויז ביז דער קנופּסטאַנציע אָרשע. וואַרטנדיק דאָרט אף דעם מאָסקווער צוג, האָב איך אפן וואָקזאַל זיך באַגעגנט מיט עטלעכע מײַנע פרײַנט, מיט וועלכע כ׳האָב בײַס דעם אָקופּאַציע־רעזשים אין ווײַסרוסלאַנד אינאיינעם געאַרבעט אין אונטערערד. זיי האָבן אויך געקראָגן פּוטיאָווקעס אין דער „סווערדלאָווקע".

כאָטש דער צוג איז אָפּגעגאַנגען באַנאַכט, איז אונדז אַלעמען געלונגען זיך ארײַנזעצן אין איין טעפּלושקע און „פּאַרכאַפּן" ערטער אף די נאַרעס. דאָס איז פאַר אונדז געווען זייער וויכטיק, ווײַל מיר האָבן נאָך פון פריִער אָפּגערעדט די עטלעכע מעסלעס ביז מאָסקווע שטודירן צוזאַמען לענינס ווערק „מעלוכע און רעוואָליוציע" און די רעזאָליוציעס פונעם VIII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

מיר האָבן געלייענט לויט א ריי, דערנאָך ארומגערעדט דאָס איבערגעלייענטע און דאָס איקערדיקע פאַרנאָטירט אין א העפטל, אַזוי — דעם גאַנצן טאָג, מיט אַן איבעררײַס אף ארײַנברענגען בײַס אַן אָפּשטעל א טשײַניק אָקרעפּ.

אפן דריטן טאָג, פאַרנאַכט־צו, זײַנען מיר, ענדלעך, אָנגעקומען קיין מאָסקווע. אָט איז די קליין־דמיטראָווקע (איצט די טשעכאָוו־גאַס), נומ. 6. פאַר דער רעוואָליוציע איז דאָ געווען דער קופּעטשעסקי קלוב. אהער קומען זיך איצט צונויף פון פאַרשיידענע עקן לאַנד די קינפטיקע סטודענטן פונעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט. דערהויפּט זײַנען דאָס יונגע אַרבעטער און פּויערים — אַקטיווע אָנטיילנעמער פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. עס זײַנען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס זײַנען אין דער פּאַרטיי שוין פון לאַנג, פון פאַר דער רעוואָליוציע. אייניקע זײַנען געקומען גלײַך פונעם פראָנט און פון ערטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די ווײַסגוואַרדייער און אויסלענדישע אינטערווענטן. אין געראַמען פּאָיע, ווו עס גייט די רעגיסטראַציע פון די אָנגעקומענע, באַגעגענען זיך אַלטע קאַמפּס־כאַווערים, וואָס זײַנען אינאיינעם געווען אין דער צאַרישער פאַרשיקונג, זיך געשלאָגן אין איין רויטגוואַרדייִשן אָטריאַד.

אפן אַנדערן טאָג, אינדערפרי, זײַנען מיר אוועק אפן רויטן פּלאַץ מיט דער האָפענונג צו זען לענינען. מיר זײַנען שאָענלאַנג געשטאַנען לעבן די טויערן פונעם קרעמל, געוואַרט, לענין זאָל ארויספאָרן אף זײַן אווטאָמאָביל. מיר האָבן זיך אַזוי אָפּט און אַזוי לאַנג דאָרט ארומגעדרייט, ביז דער וואַכמאַן האָט איינמאָל זיך פאַראינטערעסירט, ווער מיר זײַנען, און געבעטן, מיר זאָלן באַווײַזן אונדזערע דאָקומענטן. ווען מיר האָבן אים דערציילט, צוליב וואָס מיר קומען אהער, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז לענינען קאָן מען זען אָדער אף די מיטינגען, אָדער אף די אַרבעטער־ און רויטאַרמייִשע קאָנפערענצן, וועלכע קומען פאָר יעדע וואָך אין פאַרשיידענע ראַיאָנען פון מאָסקווע.

און אָט דערוויסן מיר זיך דעם טאָג, ווען לענין דאַרף ארויסטרעטן אף א מיטינג אין דעם בלאַגושע־לעפאָרטאָווער ראַיאָן. פון קליין־דמיטראָווקע איז עס פּאָלג מיך א גאַנג. דער טאָג איז געווען א רעגנדיקער, די טראַמווײַען זײַנען געגאַנגען ניט רעגולער. האָבן מיר, א גרופּע סטודענטן, אוועקגעשפּאַנט אהין צופוס. ווי גרויס איז אָבער געווען אונדזער אַנטוישונג, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז לענין וועט דאָ הײַנט ניט זײַן. ער איז ארויסגעטראָטן אף א מיטינג גאָר אין אַן אַנדער ראַיאָן.

אינגיכן איז אונדזער אַלעמענס טרוים מעקוייעם געוואָרן. באַקאַנענדיק זיך מיט דער לערן־רעשימע אף יול כוידעש, האָבן מיר דערזען, אַז ס׳איז פאַרפּלאַנירט א לעקציע „וועגן מעלוכע", און לייענען די לעקציע וועט וו. אי. לענין.

גליקלעכע, האָבן מיר די גאַנצע וואָך ביז לענינס לעקציע געטראַכט וועגן דעם, וויִאַזוי בע־



צו איליטשן...

די פאָטאָגראַפיע איז געמאַכט געוואָרן דעם 21 יאַנוואַר אינעם צענטראַלן מוזיי פון וו. אי. לענין

פאָטאָ ס. קאַסירעוו

סער זיך צוגרייטן צו דער באַגעגעניש. קוידעמקאָל איז באַשטימט געוואָרן דורכצופירן א שאַבעסניק און ברענגען אין דער געהעריקער אָרדענונג די הויפּט־אאודיטאָריע, ווו לענין וועט ארויסטרעטן. די ארבעט האָט געקאָכט: אומעטום — אין וועסטיביול, אין פאָיע, אין די לערן־קאַבינעטן, אַף דער סצענע — האָבן מיר ציכטיק אופגעראַמט, אויסגעוואַשן די דילן. אונדזערע מיידלעך האָבן באַשטימט באַפּוצן די געביַידע מיט קווייטן, נאָר קויפן בלומען איז ניט געווען ווו, האָבן זיי אין א סעדל פון א פּאַרלאָזטן אָסאָבניאַק, ניט וויַט פונעם אוניווערסיטעט, אָפּגעשניטן קימאַט פון אלע קוסטעס דעם זשאַסמין און אין פאַרשיידענע געפעסן אים פאַנאַנדערגעשטעלט אין די צימערן. דעם שענסטן בוקעט אין א פּאָרצעלייַענער וואַזע, אַן אַנטליִענער בא דער אופראַמערן פון דער צוזאַמענוווינונג, האָבן די מיידלעך אַוועקגעשטעלט אַפן טישעלע, וואָס איז געשטאַנען אַף דער בינע.

עס האָבן זיך אָפּגעזוכט צווישן די סטודענטן טעסלערס און סטאָליערס, און זיי האָבן אפּגיך צונויפגעקלאַפּט לאַנגע בענק, וויַיל שטולן זיַינען געווען ווייניק, און אַף לענינס לעקציע האָבן געזאָלט אויך קומען די צוהערער פון די קורסן בא די פּאָלקסקאָמיסאַריאַטן פאַר בילדונג און וועג־פאַרקער. אַף רויטן ציַיג האָבן מיר אָנגעמאָלט: „ווילקומען, טיַיערער לערער, כאַווער לענין!“ און א לאָזונג: „זאָל לעבן די וועלט־רעוואָליוציע!“.

די רויטאַרמייער און פּאָליט־טוער האָבן אַף די גימנאַסטיאָרקעס צוגענייט וויַיסע קעלנערלעך. די מאַטראָסן האָבן ארופגעצויגן אַף זיך פרישע טעלניאַשקעס. אייניקע סטודענטן — קאַווקאַזער טוישווים — האָבן זיך פאַרפּוצט אין נאַציאָנאַלע קליידער.

ס'איז געקומען דער לאַנג געגאַרטער טאָג. די בלענדיקע יול־זון האָט פון אינדערפרי אָן מאַמעש פאַרפלייצט די ראַכוועסדיקע אאודיטאָריע, געוואָרפן אירע שטראַלן אַף די גרינבלעכע ווענט, אַף דעם פּורפּור־רויטן פאָרהאַנג פון דער בינע. אין אלע ווינקעלעך איז געווען יאָמטעוו.

צי וולאַדימיר איליטש האָט געפילט, צי עפּשער האָט ער זיך דערוווּסט, אז מע גרייט אים א פייַערלעכן קאַבאָלעס־פּאָנעם, נאָר ער האָט געבעטן דעם שאָפער אָפּשטעלן די מאַשין א ביסל וויַיטער פונעם אוניווערסיטעט, און איז אריַינגעגאַן ניט דורך דער הויפּט־פּאַראַדנע, נאָר דורך א זיַיטיקער טיר.

דער רעקטאָר פונעם אוניווערסיטעט וו. אי. נעווסקי האָט פאַרבעטן לענינען אין קאַבינעט פונעם לערן־טייל. וולאַדימיר איליטש האָט אויסגעפרעגט, וויִאַזוי עס גייט די לער און צי זיַינען די סטודענטן באַזאָרגט מיט עסן. דער עמעס איז געווען, אז מיר האָבן מאַמעש געהונגערט און זיַינען שלעכט געווען געקליידט, ס'האָט געפעלט ליטעראַטור און פּאַפּיר אַף צו קאָנספּעקטירן די לעקציעס. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, איז לענין געוואָרן שטאַרק באַטריבט.

— איר דאַרפט אומבאַדינגט זיך זען מיט קאַלינינען, — האָט געזאָגט וולאַדימיר איליטש, — און א שמועס טאָן מיקויעך קליידער און שוכוואַרג פאַר די „סווערדלאָווצעס“.

ווען נעווסקי האָט געענטפערט, אז עס פּאַסט ניט גיין צו קאַלינינען מיט דעם דאָזיקן איניען, ס'איז איצט אַלעמען שווער, איז לענין באַשטאַנען, אז דער רעקטאָר זאָל אומבאַדינגט זיך זען מיט מיכאַיִל איוואַנאָוויטשן און אים זאָגן, אז ער, לענין, בעט, מ'זאָל קומען צוהילף די „סווערדלאָווצעס“ מיט וואָס נאָר ס'איז מעגלעך.

נאָכן געשפּרעך אין דעם לערן־טייל איז וולאַדימיר איליטש, אין דער באַגלייטונג פונעם רעקטאָר און פון נאָך עטלעכע כאַווירים, אריַינגעקומען אין דער אאודיטאָריע. עמעצער האָט אַף א קאָל אויסגערופן „לענין!“, און טייקעף האָט דער זאַל זיך א וויג געטאָן פון באַגיַיסטערטע אויסרופן און אָוואַציעס. פון אלע זיַיטן האָט זיך געהערט: „לענין!“, „לענין!“, „זאָל לעבן דער פירער פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע!“.

דערהערט די באַגיַיסטערטע אויסרופן און דאָס געזאַנג פונעם „אינטערנאַציאָנאַל“, האָבן די, וואָס זיַינען געשטאַנען לעבן דער פּאַראַדנע, זיך א לאָז געטאָן אין זאַל. די אָוואַציעס זיַינען געוואָרן נאָך הילכיקער.

וולאַדימיר איליטש איז, שמייכלענדיק מילד, ארויף אַף דער סצענע, א וויַילע אופמערקזאַם באַטראַכט דעם אוילעם, צוגערוקט דעם שטול צום טישעלע, זיך צוגערירט מיט דער האַנט

צום גראַפין מיט וואַסער, א שמעק געטאָן דאָס צווייַגעלע זשאַסמין, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון דער וואַזע, צוריק עס אַרייַנגעשטעלט אַהין, פאַנאַנדערגעלייגט אויפן טישל עטלעכע פאַרשריבענע זייַטלעך פּאַפּיר, ווידער זיך דערנענטערט צו דער אוואַנסצענע, אַרויסגענומען פון דער זשילעט־קעשענע דעם זייגער, א קוק געטאָן און זיך געווענדט צו אונדז:

— איר, כאַווײרים, האָט אָנגעהויבן פון פּראַקטישער רעוואָליוציאָנערער טעטיקייַט, איצט דאַרפט איר זיך אויך באַקאַנען מיט דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע...

א נייַע כוואַליע פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אים ניט געלאָזט ריידן. ער האָט א פיר געטאָן מיט דער האַנט, ווי געוואָלט זאָגן: שוינט די צייַט, כאַווײרים...

ס'איז געוואָרן שטיל. ס'האָט זיך בלויז געהערט דאָס שורשען פונעם פּאַפּיר, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט אויף צו פאַרשרייַבן די לעקציע.

וולאַדימיר איליטש האָט פאַרגעזעצט. ער האָט גערעדט וועגן דער באַדייַטונג פון דער רעוואָליוציאָנערער טעאָריע. אויסערסט וויכטיק איז, מיר זאָלן זיך באַקאַנען מיט מאַרקס' און ענגעלסעס ווערק וועגן מעלוכע, באַזונדערס מיט פרידריך ענגעלסעס „וועגן דער אָפּשטאַמונג פון מישפּאָכע, פּריוואַט־אייגנטום און מעלוכע". דערבייַ האָט לענין אונדז געוואָרנט, מיר זאָלן זיך ניט שרעקן, אויב ניט אַלץ וועט זייַן מיטאַמאָל פאַרשטענדלעך. דאָס, וואָס דאָס ערשטע מאָל וועט זייַן ניט קלאָר, וועט ווערן פאַרשטענדלעך בייַם לייענען דאָס צווייטע מאָל.

וולאַדימיר איליטש האָט געוווּסט, אַז דער ניוואָ פון אונדזער אַלגעמיינער בילדונג איז אין דער איבערוועגנדיקער מערהייַט א גאַנץ נידעריקער, האָט ער זייַן לעקציע געבויט פּאָפּולער, קימאַט ניט באַנוצט זיך מיט די פאַרנאָטירונגען, וואָס זייַנען געלעגן פאַר אים אויפן טיש. גערעדט האָט ער מיט באַגייַסטערונג, מיט אײַנערלעכן פלאַטער, זשעסטיקולירנדיק אָפּט מיט די הענט, אַמאָל געלאָזן מילד און אַמאָל האַסטיק־שאַרף.

ווענדיק זיך איבערצייַגן, צי דער אינהאַלט פון זייַן לעקציע דערגייט צו אונדז, האָט וולאַדימיר איליטש אין א מינוט פּויזע אַרום נאָך דעם, ווי ער האָט אָנגעהויבן ריידן, זיך אָנגעפרעגט, צי אַלץ איז פאַרשטענדלעך. מיר האָבן, ווי איין מענטש, געענטפערט: „פאַרשטענדלעך!", „פאַרשטענדלעך!".

— בעעמעס טאַקע? — האָט שמייכלענדיק געפרעגט וולאַדימיר איליטש, צוזשמורענדיק דאָס אויג.

די לעקציע האָט געדויערט צוויי שאָ, נאָר מיר האָבן באַדויערט, וואָס זי האָט זיך אַזוי גיך פאַרענדיקט. און גרויס איז געווען אונדזער פרייד, ווען לענין האָט געזאָגט: „איך האָף נאָך ניט איין מאָל לייענען פאַר אייַך לעקציעס וועגן מעלוכע".

צונויפקלייַבנדיק פונעם טישעלע זייַנע פאַרנאָטירונגען, האָט לענין מיט א שאָקל פונעם קאָפּ אָפּגעדאַנקט דער סטענאָגראַפיסטקע און איז אַראָפּגעגאַנגען אין דער אַאודיטאָריע, וועלכע האָט געהודזשעט, ווי א בינשטאָק.

מיר האָבן אים אַרומגערינגלט און מאַמעש פאַרשאָטן מיט פראַגעס: וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן, וועגן דעם הונגער, וואָס שטיקט דאָס לאַנד, וועגן דער פּערספּעקטיוו פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע, וועגן דעם קאָמינטערן, וואָס איז אָקאָרשט געשאַפן געוואָרן, וועגן דעם גורל פון דער אונגאַרישער רעוואָליוציע, און נאָך און נאָך.

לענין האָט אייניקע פראַגעס בעקיוון איבערגעכאַזערט און פאַרפינקטלעכט. שפּעטער האָט ער גענומען אויספרעגן די סטודענטן וועגן זייער לעבן און איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס, טראָץ דער היפּשער אָנלאָדונג אינעם לערנען, פּילן מיר אַלע אויס וויכטיקע פאַרטייַשע פאַרגעבונגען, באַטייליקן זיך אין שאַבעסניקעס, פאַרפולקומען אונדזערע מיליטערישע קענטענישן. באַזונדערס האָט אים געפרייט, וואָס מיר געפינען צייַט אויף צו באַזוכן די טרעטיאַקאָוו־גאַלעריע, די רומיאַנצעוו־ביבליאָטעק, גייען אין טעאַטער און קינאָ.

עמעצער האָט דערלאַנגט לענינען א צעטעלע, אַז מיר טרוימען צו זייַן אין קרעמל און זיך באַקענען מיט זייַנע היסטאָרישע דענקמעלער. ער האָט צוגעזאָגט זיך צונויפריידן מיטן קאָמענדאַנט פונעם קרעמל, מ'זאָל אונדז אַהין צולאָזן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז לויט לענינס אָנווייַזונג האָט מען אונדז פאַרגרעסערט די נאָרמע פון ברויט ביז 400 גראַם א טאָג, מיר האָבן אָנגעהויבן באַקומען מער צוקער. די, וועלכע האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט, האָט מען באַזאָרגט מיט וועש, אייבערשטע קליידער און שיך. די, וואָס רייכערן, האָט מען דערפרייט מיט אַן איבעריק שאַכטל מאַכאָרקע. מיר האָבן באַקומען שרייַב־פּאַפּיר, בלייַערס.

און ווען ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז מיר וועלן קאָנען גרופּעסווייַז באַזוכן דעם קרעמל, זייַנען מיר געווען אויפן זיבעטן הימל. אויך וועגן אָט דער באַקאָשע אונדזערער האָט לענין ניט פאַרגעסן.

ס'זייַנען פאַריבער קימאַט צוויי כאַדאָשים זינט לענינס ערשטער לעקציע. צו יענער צייַט — צו דער צווייטער העלפט אויגוסט 1919 — איז די לאַגע אין יונגן סאָוועטנלאַנד געוואָרן ביז גאָר אַן אָנגעשטרענגטע. קימאַט אויף אַלע פראָנטן האָט די רויטע אַרמיי געפירט שווערע פאַרטיידיקונג־שלאַכטן. די דערפאָלגן פון די ווייַסגוואַרדייער אויף די פראָנטן האָבן באַגייַסטערט די אינערלעכע קאָנטררעוואָליוציע.

ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין אָט דער אויסערסט שווערער, געפערלעכער צייַט וועט וולאַדימיר איליטש, בא זייַן איבערגעלאָדנקייַט מיט אַן א שיר וויכטיקסטע מעלו־

כע־איניאָנים, צוגרייטן די צווייטע לעקציע פאר די צוהערער פונעם סווערדלאָוו־אוניווערסיטעט!

דעם 24 אווגוסט, געבנדיק וועגן דעם באַצײַטנס צו וויסן, איז ער ווידער געקומען אין אוניווערסיטעט און זיך פארענטפערט, אז פריִער האָט ער ניט געקאָנט אָפּרײַסן די פּאָר שאָ פון זײַן אָנגעשטרענגטן „צײַט־ביודזשעט“.

דאָס פּאָנעם איז בא אים געווען אָפּגעצויגן, אונטער די אויגן — שווארצע שאָטנס. ס'איז געווען באַשײַמפּערלעך, אז ער האָרעוועט איבער די קויכעס.

וויסנדיק פון זײַן פריִערדיקן באזוך, אז ער האָט ניט ליב קיין פּאראדנע אופנאמעס, האָבן מיר זיך געפּלײַסט צוימען אונדזערע געפילן, אָבער אונדזערע הערצער האָבן ניט געוואָלט פּאָלגן דעם פארשטאנד, און ווי נאָר ער האָט זיך באוויזן, האָט זיך דער איבערגעפולטער זאל צעשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן.

מיט ענערגישע זשעסטן האָט לענין געבעטן זיך בארויִקן.

ענדלעך האָט ער געקראָגן די מעגלעכקײַט אָנהייבן די לעקציע. איבערגעכאזערט אינקורצן די גרונט־מאָמענטן פון דער פּאָריקער לעקציע, האָט ער געגעבן א כאראקטעריסטיק פון דער בורזשואזער דעמאָקראטיע, אף בײַשפּילן פונעם לעבן באוויזן איר פאלשקײַט, צוויִעסדיקײַט און אז זי דינט פולשטענדיק די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאס.

פארענדיקט די לעקציע, האָט וולאדימיר איליטש אונדז דערציילט וועגן דער לאגע אף די פראָנטן און וועגן דער צווישנפעלקערלעכער לאגע. ער האָט ניט אויסבאהאלטן, אז די אומגעבונג, אין וועלכער ס'געפינט זיך דאָס לאנד, איז ביז גאָר א שווערע, נאָר ער איז פול געווען מיט גלויבן אין דעם ענדגילטיקן ניצאָכן, און אָט דער גלויבן האָט זיך איבערגעגעבן יעדן איינעם, ווער עס האָט אים געהערט.

דאָס דריטע מאָל איז לענין געקומען צו אונדז דעם 24 אָקטיאבער, אף דעם ארויסלאָז־אָוונט. די מערהײַט פון אונדז האָט זיך געקליבן אוועקגיין אפן דאָרעם־פראָנט, ווו עס זײַנען געגאנגען פארביטערטע שלאכטן.

מיר האָבן צום לעצטן מאָל זיך פארזאמלט אין דער זעלבער אאודיטאָריע, ווו וולאדימיר איליטש איז צוויי מאָל ארויסגעטראָטן מיט לעקציעס. אלץ איז געווען פּראָסט און וואָכעדיק. אף דעם ניט באדעקטן טיש איז געשטאנען א גראפין מיט וואסער און א בלישטשענדיק קופּערן גלעקעלע, מיט וועלכן מע באנוצט זיך געווײנלעך אף מאסן־פארזאמלונגען.

אין זאל איז געווען קאלט, די עלעקטרישע לעמפּעלעך אין די רײַכע קרישטאָלענע ליורטרעס האָבן קוים געלויכטן.

און פּלוצעם האָט זיך א טראָג געטאָן איבערן זאל: „לענין איז געקומען!“.

אינאיינעם מיט וולאדימיר איליטשן זײַנען געווען עטלעכע מיליטערלײַט, ווי ס'האָט זיך אינגיכן ארויסגעוויזן — באפולמעכטיקטע פון דער פּאָליט־פארוואלטונג פונעם מיליטער־ראט פון דער רעפּובליק, אין וועמענס רעשוס די ארויסלאָזניקעס זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן.

לענין האָט אראָפּגענומען די קעפּי און האָט, דורכגייענדיק לענגויס דעם גאנצן זאל, זיך אופגעהויבן אף דער סצענע. דער פארוואלטער פונעם לערן־טייל פון אוניווערסיטעט האָט דערציילט וועגן די רעזולטאטן פון דער לער. באַזונדערס האָט לענין זיך דערפרייט, ווען דער סווערדלאָוועץ מיטן אָרדען פון דער רויטער שלאכט־פּאָן אף דער ברוסט האָט אין נאָמען פון די, וואָס גייען אוועק אפן פראָנט, פארזיכערט, אז זיי וועלן ניט שוינען דאָס לעבן צו באשיצן דאָס יונגע סאָוועטנלאנד.

און אָט האָט דאָס וואָרט גענומען לענין. ער האָט הייס באגריסט די ארויסלאָזניקעס. ווענדנדיק זיך צו די קומענדיקע פּאָליט־טוער אפן דאָרעם־פראָנט, האָט ער געזאָגט:

— יעדערער פון אײַך דארף קאָנען צוגיין צו די סאמע אָפּגעשטאנענע רויטארמייער, קעדיי אף דער פארשטענדלעכער שפּראך, פון דער פּאָזיציע פון א האָרעפּאשנעם מענטשן, אופקלערן די לאגע און קומען צו הילף אין א שווערער מינוט. כאווײרים! איך באגריס די פון אײַך, ווער עס נעמט אף זיך איצט אָט די גוירלדיקע אופגאבע פון קאמף ביזן סאָף אין די פאָדערשטע רייען אפן פראָנט. איך געזעגן זיך מיט זיי מיט דער זיכערקײַט, אז זיי וועלן אונדז ברענגען דעם ענדגילטיקן ניצאָכן...

מיר האָבן זיך אופגעהויבן פון די ערטער און גענומען זינגען דעם „אינטערנאציִאָנאל“. וולאדימיר איליטש האָט געזונגען אינאיינעם מיט אונדז, און פון דער מידקײַט אף זײַן פּאָנעם איז קיין זייכער ניט פארבליבן.

נאָך דער פארזאמלונג, שוין שפּעט אפדערנאכט, צערודערטע און באגײַסטערטע פון לעניִנס רעדע, זײַנען מיר ארויס אין דער הארבסטיקער, קוים באלויכטענער גאס — זיך געזעגענען מיט מאָסקווע.

אָט אזוי איז מיט העכער א האלבן יאָרהונדערט צוריק, אין די טעג פון מײַן קאָמסאָמאָלישער יוגנט, מיר אויסגעפאלן דאָס גליק עטלעכע מאָל צו זען און צו הערן לענינען. זײַן ליכטיק געשטאלט איז פארבליבן אף שטענדיק אין מײַן הארצן. לעניִנס וואָרט האָט ווי א העלער שטערן באלויכטן מײַן לאנגן לעבנס־וועג.

וו. אי. קיילין,
פּערסאָנעלער פּענסיאָנער

ליטעראַטור־קריטיק || ביבליאָגראַפיע || פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

קולטור=היסטאָרישע און ליטעראַרישע באַטראַכטונגען

2. דער זשורנאַל „ראַסוויעט" און זײַן רעדאַקטאָר אָסיפּ ראַבינאָוויטש

די מאַפּאָלע פונעם צאַריזם אין דער סעוואַסטאָפּאָלער מילכאָמע האָט אופגעדעקט פאַר אַלעמען דעם טיפן קריזיס פון דער גאַנצער צאַרישער לײַבייגנטימערישער סיסטעם אין עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן געביטן. די מילכאָמע האָט אַנטפּלעקט די העלדישקײַט און דעם פּאַטריאָטישן גײַסט פון דער רוסישער אַרמיי און אײנצײַטיק דערמיט — די צעפוילטקײַט און פאַרקויפטקײַט פון דער מעלוכישער אַדמיניסטראַציע, פון דער קאָמאַנדשאַפט, די קאָרופּציע און דעם באַנקראָט פון דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון אונטערדריקונג. עס איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, אַז אַזוי ווײַטער קאָן ניט זײַן, עס דאַרף געענדערט ווערן דאָס גאַנצע לעבן. אַפילע דער קייסער אַלעקסאַנדער II האָט דערקלערט, אַז איצט וועט ער זיכערן פאַר די בירגער פון רוסלאַנד: „בילדונג, אַלציינע פאַר אַלעמען רעכט, לאָיאַלקײַט און מענטשן־ליבע". עס קומען די „זעכציקער יאָרן"[1] — די עפּאָכע פון „גרויסע רעפאָרמעס".

דער העכסטער סאָציאַלער און היסטאָרישער אופשטײַג פון אָט דער עפּאָכע איז געווען דאָס אָפּשאַפן דאָס לײַבייגנטום־רעכט. דאָס איז, עמעס, געמאַכט געוואָרן ניט אַף אַ רעוואָליוציאָנערן אויפן, ווי עס האָבן געפאָדערט די רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן, נאָר דורך אַ רעפאָרמע „פון אויבן", דורך אַ מאַניפעסט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דאָס איז געווען אַ „קוצע רעפאָרמע", וואָס האָט גאָר ווייניק געענדערט די לאַגע פונעם פויערטום: די „באַפרײַטע" אָרעמע פויערים זײַנען פאַקטיש געבליבן פאַרשקלאַפט, ווי פריִער בא די פּריצים, מיט דעם אונטערשייד, וואָס איצט זײַנען זיי געוואָרן אָפּהענגיק אויך פונעם גיך וואַקסנדיקן באַלעגוף.

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 1975.

[1] אין דער ווירקלעכקײַט איז אָנגענומען אונטערן טערמין „זעכציקער יאָרן" דער יאָרצענדליק פון 1855 ביז 1865.

לענין האָט געשריבן:

„די פויערים האָבן אין רוסלאַנד „באַפרײַט" אַליין די פּריצים, די פּריצישע רעגירונג פון דעם זעלבסטהערשערישן קייסער און זײַנע טשינאָווניקעס. און אָט די „באַפרײַער" האָבן אַזוי געפירט די זאַך, אַז די פויערים זײַנען אַרויס „אַף דער פרײַהײַט", אָפּגעריסענע ביז בעטלערײַ, זיי זײַנען אַרויס פון דער שקלאַפערײַ בא די פּריצים און אַרײַן אין דער קנעכטשאַפט צו די זעלבע פּריצים און צו זייערע אָנגעשטעלטע"[1].

די דאָזיקע רעפאָרמע האָט אָבער אַנטשפּרעכט דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם און האָט אַרויסגערופן באַוויליקונג ניט בלויז בא אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע ליבעראַלן, ווי קאַטקאָוו, נאָר אַפילע בא דעם רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַט הערצען.

אין דער רוסישער ליטעראַטור זײַנען אופגעקומען נײַע שטימונגען. אין צענטער פון דער רוסישער פּרעסע און ליטעראַטור שטייט דעמאָלט נעקראַסאָווס „סאָווּרעמעניק", וועלכער ווערט באַגײַסטערט פון דעם גרויסן רעוואָליוציאָנערן דעמאָקראַט טשערנישעווסקי. טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו מיט זייערע רעוואָליוציאָנערע אידייען האָבן געווירקט אַף דער גאַנצער ליטעראַטור, אַף די גרויסע מײַסטערס טורגעניעוו, גאָנטשאַראָוו, ל. נ. טאָלסטאָי, שטשעדרין, אָסטראָווסקי און אַנדערע.

עס האָט זיך געביטן די לאַגע אויך אין דער ייִדישער סוויווע און אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די צאַרישע רעגירונג איז געצוווּנגען געווען אָפּצושוואַכן דעם דרוק אַף דער ייִדישער באַפעלקערונג, פאַרשמעלערן די ראַמען פונעם אוקאַז וועגן טכום, לײַכטער מאַכן די פּראָצעדור פון פאַרווירקלעכן די רעקרוטשינע אין דער ייִדישער סוויווע, אָפּזאָגן זיך פון נעמען אַלס רעקרוטן קינדער פון 8—12 יאָר, פאַרגרינגערן די לאַגע אין די קאַזיאָנע שולן פאַר ייִדישע קינדער. די ייִדישע יוגנט און די פּאָרגע־

[1] В. И. Ленин. Полн. собр. соч., т. 20, М., 1961, стр. 140.

שריטענע ייִדישע אינטעליגענץ האָבן אופגע־
וואכט פון דעם לאנגדויערנדיקן שלאָף אין די
ענגע דאלעדאמעס פונעם ייִדישן טכום, פונעם
כיידער, פון די טאלמעטוירעס און יעשיוועס,
אין דער שטיקנדיקער אטמאָספער פון די האר־
בע ראבאָנישע פארבאָטן, פאנאטישע כסידישע
ווילדע הוליאנקעס און טענץ.

דעם וועג צו קולטור, צו לעבן אין א נײַער
סוויווע פון דער ארומיקער באפעלקערונג האָבן
די ייִדישע פּאָרגעשריטענע שרײַבער און די דע־
מאָקראטישע יוגנט געזען אין באהערשן די רו־
סישע קולטור, דעריקער אין באהערשן די רו־
סישע שפראך. ביז די 60־ער יאָרן האָבן בלויז
איינצלנע מענטשן געהאט א מעגלעכקײַט דאָס
צו דערגרייכן. אין יאָר 1841 האָבן אין די אל־
געמיינע מיטעלע און העכערע לערן־אנשטאלטן
פונעם מיניסטעריִום פאר פאָלקסבילדונג אין רוס־
לאנד זיך געלערנט סאכאקל 238 ייִדישע יוגנט־
לעכע. אין די 60־ער יאָרן האָט די שטרעבונג
פון דער ייִדישער באפעלקערונג צו באהערשן
די רוסישע שפראך און די רוסישע קולטור אָנ־
גענומען א מאסן־כאראקטער. עס איז שוין קיי־
מאט ניט געווען קיין שטאָט און קיין שטעטל,
וווהין עס זאָל ניט געווען ארײַנדרינגען די
רוסישע שפראך און די רוסישע קולטור אין א
גרעסערער אָדער אין א קלענערער מאָס. דאָס
האָט געבראכט דערצו, אז די איזאָליאציע פון
די ייִדן בענעגייע דער ארומיקער באפעלקע־
רונג האָט אָנגעווירן איר פריִערדיקע באשטיי־
מענדיקע קראפט.

איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס, וועלכע
האָבן פארגיכערט דעם פּראָצעס פון דער פאר־
שפּרייטונג פון רוסיש צווישן דער ייִדישער
באפעלקערונג, איז געווען דאָס, וואָס אין די
60־ער יאָרן איז די צענזור אָפּגעשוואכט גע־
וואָרן, און די רוסישע ליטעראטור האָט באקו־
מען א מעגלעכקײַט פרײַער ווי פריִער אויס־
דריקן איר באציִונג צו די וויכטיקסטע געזעל־
שאפטלעכע דערשײַנונגען, בעסויכעם אויך די
באציִונג צו ייִדן און צו דער ייִדישער ליטע־
ראטור. דאָס הייסט ניט, אז די יודאָפאָבן האָבן
געענדערט זייער נאטור, אז זיי האָבן מער ניט
געפירט קיין העצע קעגן ייִדן, ווי אויך קעגן
אנדערע פעלקער אין רוסלאנד. עס איז אָבער
איצט שווערער געוואָרן אָפן ארויסטרעטן מיט
אזעלכע אידייען, און טאקע דערפאר, ווײַל אזא
מין ארויסטרעטונג איז אין די 60־ער יאָרן
שארף פארורטיילט געוואָרן מיצאד דער רוסי־
שער פּראָגרעסיווער געזעלשאפטלעכקײַט, פּרע־
סע און ליטעראטור. קעדיי דאָס צו באשטעטיקן,
וועל איך ברענגען בלויז איין אינטערעסאנטן
בײַשפּיל, וואָס איז שוין איצט פארגעסן אין
דער געשיכטע פון דער ליטעראטור, אין דער
ייִדישער און רוסישער.

אין 1858 יאָר האָט דער פּאָפּעטשיטשעל פון
אָדעסער קרײַז־בילדונג ניקאָלײַ איוואנאָוויטש
פּיראָגאָוו באזוכט די אָדעסער טאלמעטוירע, און
וועגן זײַנע פּאָזיטיווע אײַנדרוקן פונעם דאָזיקן
באזוך האָט ער אָפּגעדרוקט אן ארטיקל אין
„אָדעסקי וועסטניק״[1].

נ. אי. פּיראָגאָוו איז געווען א העלד פון דער
סעוואסטאָפּאָלער מילכאָמע, ער איז פארבליבן
אין דער געשיכטע פון דער רוסישער קולטור
ווי א גרויסער רוסישער געלערנטער, כירורג־
אנאטאָם, ווי דער גרונטלייגער פון דער מילי־
טערישער פעלד־כירורגיע און כירורגישער אנא־
טאָמיע. ער איז נאָך דער מילכאָמע אלס ביל־
דונגס־טוער ארויסגעטראָטן קעגן באגרענעצן די
פארשפּרייטונג פון בילדונג לויטן נאציִאָנאלן
פּרינציפּ. אין זײַן ארטיקל האָט ער שטארק גע־
לויבט דעם ייִדישן אופקלערער גאָלדענבליום,
וועלכער האָט אין דער אָדעסער טאלמעטוירע
אוועקגעשטעלט די גאנצע סיסטעם פון דערציִען
די קינדער אף נײַע יעסוידעס פון אופקלערונג
און הומאניזם.

פּיראָגאָוו האָט מיט זײַן ארויסטרעטונג גע־
וואָלט אונטערשטרײַכן זײַן פרײַנטשאפט צו
דער דיסקרימינירטער ייִדישער באפעלקערונג
און דערמיט לאָזן צו וויסן אלע אָנהענגער פון
נאציִאָנאלער אונטערדריקונג, אז זייער וועג
איז אן אומגערעכטער, אנטיהומאניסטישער.

אינגיכן נאָך פּיראָגאָווס ארויסטרעטונג איז
אין אן אנדער זשורנאל, אין „איליוסטראציִא״,
אָפּגעדרוקט געוואָרן אן אָפן אנטיסעמיטיש אר־
טיקל, און דאָס האָט ארויסגערופן א שטורעם
פּראָטעסטן אין דער רוסישער ליטעראטור. די
אָנגעזעענסטע רוסישע צײַטשריפטן פון יענער
צײַט, דער „סאָווריעמעניק״, דער „רוסקי ווע־
סטניק״, „רוסקי אינוואליד״ און אנד. האָבן
שארף פארורטיילט די „איליוסטראציִא״. נעק־
ראסאָווס „סאָווריעמעניק״, לעמאָשל, האָט גע־
שריבן: „מיר גלייבן זיכער, אז בא א קלוגן
פארשטיין די רעכט פון יעדער מענטש קאָן
מען דערגרייכן אזא לאגע, אז די פּערזענלעכ־
קײַט פון א ייִדן וועט אומבאדינגט פארנעמען
אין דער געזעלשאפט אזא אָרט, וואָס איז בא־
שטימט פאר יעדן מענטשן, וועלכן די נאטור
האָט ארויסגערופן צום לעבן״.

הונדערט אכט און פערציק רוסישע שרײַבער,
צווישן זיי אזעלכע באדײַטנדיקע פּאָרגעשרי־
טענע שעפער, ווי טורגעניעוו, נעקראסאָוו,
טשערנישעווסקי, אקסאקאָוו, האָבן פארעפנט־
לעכט א קאָלעקטיוון פּראָטעסט אין „רוסקי ווע־
סטניק״. דעם פּראָטעסט האָבן אונטערגעשריבן
אויך די אָנגעזעענסטע אוקראַיִנישע שרײַבער
פון יענער עפּאָכע: מארקאָ וואָוטשאָק, ניקאָלײַ
קאָסטאָמאראָוו, פּאנטעליימאָן קוליש, דער גע־
ניִאלער קאָבזאר פונעם אוקראַיִנישן פאָלק טא־
ראס שעווטשענקאָ. די ארויסטרעטונג פון די
אוקראַיִנישע שרײַבער איז באזונדערס וויכטיק,
אף וויפל זיי האָבן גענוי געוווּסט די באדינגונגען,
אין וועלכע די ייִדן האָבן געלעבט אין טכום.

די ארויסטרעטונג פון דער רוסישער פּרעסע
און ליטעראטור קעגן אנטיסעמיטיזם האָט דער־

[1] Н. И. Пирогов. Одесская Талмуд-Тора. «Одесский вестник», № 26, 6 марта 1858 г.

מוטיקט די ייִדישע אופקלערער, באזונדערס די שרײַבער, וועלכע זײַנען געווען נאָענט צו דער רוסישער קולטור און ליטעראטור און האָבן געשאפן אף רוסיש. אין די זעכציקער יאָרן זײַנען ארויסגעטראָטן אין דער רוסישער ליטעראטור אָסיפּ ראבינאָוויטש (1817—1869), ג. אי. באָגראָוו (1825—1885), ל. אָ. לעוואנדע (1835—1888), וו. נ. ניקיטין (1839—1908), יאָאכים טארנאָפּאָל (1810—1900) און אנד. די דאָזיקע ייִדישע אופקלערער זײַנען געווען באגײַסטערט פון דער ארויסטרעטונג פון די רוסישע שרײַבער צו פארטיידיקן די ייִדן. ל. לעוואנדע האָט געשריבן: „די דערקלערונג פון דער רוסישער ליטעראטור איבער דער ייִדן־פראגע שטעלט מיט זיך פאָר א ליכטיקן בלאט אין דער געשיכטע פון די רוסישע ייִדן, וועלכע וועלן קיינמאָל ניט פארגעסן יענע ווארעמע, הויך־הומאנע ווערטער, וואָס די רוסישע ליטעראטור האָט ארויסגעבראכט פאר א בעסערער אײַנאָרדענונג פונעם ייִדישן לעבן אף מער ברייטערע יעסוידעס. מיט קליינע אויסנאמען האָבן קימאט אלע געזעלשאפטלעכע אויסגאבעס פארן לעצטן יאָרצענדליק גערעדט וועגן די ייִדן ווי וועגן מענטשן, וועלכע וועלן בא בעסערע באדינגונגען קאָנען זײַן און וועלן זײַן נוצלעכע בירגער פונעם לאנד".

די אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור אין אונדזער צײַט איז שווער זיך פאָרצושטעלן אָן זשורנאלן, אָן א פרעסע, ווו דער שרײַבער באקומט א מעגלעכקײַט פּובליקירן זײַן שאפונג. אין דער ייִדישער ליטעראטור פונעם פאָריקן יאָרהונדערט זײַנען באם לעבן פונעם אווטאָר זײַנע ווערק געווען באקאנט ווייניק אָדער אינגאנצן ניט באקאנט דעם לייענער, ווײַל עס איז ניט געווען ווו זיי צו דרוקן. אקסענפעלד, לעמאָשל, האָט באם לעבן ניט געזען פּובליקירט זײַנע בעסטע ווערק. דעם זעלבן גורל האָבן געהאט אויך א ריי מאנוסקריפּטן פון עטינגערן, לעווינזאָנען און אנדערע ייִדישע שרײַבער אין דער ערשטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט.

די ייִדישע שרײַבער, וועלכע האָבן געשאפן אין רוסיש, זײַנען געווען אין א בעסערער לאגע. אָסיפּ ראבינאָוויטשעס דערציילונג „שטראפנאָי", וואָס האָט אים באוווּסט געמאכט, איז פּובליקירט געווען אין אזא סאָלידן אָרגאן פון דער רוסישער ליטעראטור, ווי „רוסקי וועסטניק". ג. אי. באָגראָווס „זאפּיסקי יעווריייא" איז פארעפנטלעכט געוואָרן אין נעקראסאָווס „אָטעטשעסטוועניִע זאפּיסקי".

די פראגע איז אָבער באשטאנען ניט בלויז אין פּובליקירן די ליטערארישע ווערק. ס'האָט זיך געהאנדלט וועגן א סאך ברייטערע געזעלשאפטלעכע פּראָבלעמען. די ייִדישע אופקלערער האָבן געשטרעבט צו רעפאָרמירן דאָס גאנצע ייִדישע לעבן, דערנעענטערן עס צו דעם לעבן פון דער ארומיקער באפעלקערונג, באקענען די ייִדן מיטן שטייגער פון דער רוסישער, אוקראיִנישער באפעלקערונג און די ניט־ייִדישע באפעלקערונג — מיטן ייִדישן שטייגער. און דאָס איז מעגלעך געווען בלויז דורך דער רוסישער שפּראך און ליטעראטור, דורך אן אָרגאן, וואָס זאָל דערציילן וועגן ייִדישן לעבן אף רוסיש, וואָס זאָל מיטהעלפן פארשפּרייטן מיט גיכע טעמפּן די רוסישע שפּראך, די רוסישע ליטעראטור און די רוסישע קולטור צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג.

ווי עס גיט איבער אלעקסאנדער צעדערבוים, זאָל די איניציִאטיוו צו שאפן א ייִדישע צײַטשריפט אין רוסיש שטאמען פון אים. אין 1857, ווען צעדערבוים איז געווען אין ווארשע, זאָל מען אים געווען פאָרלייגן צו בלײַבן דאָרט אף שטענדיקער וווינונג און ארויסגעבן א ייִדישע צײַטונג. דער דירעקטאָר פון דער ראבאָנישער שול יאנקעוו טוגענהאָלד זאָל האָבן אים צוגעזאָגט זיך מישטאדל זײַן וועגן א דערלויבעניש צו ארויסגעבן אזא צײַטונג. אָבער ער, צעדערבוים, האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווײַל ער האָט געוווינט מיט דער פאמיליע אין אָדעס און האָט ניט געוואָלט אריבערפאָרן קיין ווארשע. ווען ער איז צוריק געקומען פון ווארשע, האָט ער אין א שמועס מיט אָסיפּ ראבינאָוויטשן אים ארומגעמאָלט דעם פּלאן פון ארויסגעבן א רוסישע צײַטונג פאר ייִדן. אף וויפל צעדערבוימס דערקלערונג אנטשפּרעכט דער ווירקלעכקײַט, איז שווער פעסטצושטעלן. ס'איז אָבער באוווּסט, אז נאָך דעם 23 דעקאבער 1856 האָט דער זעלבער אָסיפּ ראבינאָוויטש צוזאמען מיט יאָאכים טארנאָפּאָלן אָנגעשריבן א מעלדונג נ. אי. פּיראָגאָוון, וועלכער איז געווען דער בילדונגס־פּאָפּעטשיטעל פון אָדעסער קרײַז, וועגן ארויסגעבן אין אָדעס א זשורנאל פאר ייִדן אין רוסיש אונטערן נאָמען „ראסוויעט" («Рассвет»).

ייִסראָעל צינבערג שרײַבט וועגן דער גרינדונג פון „ראסוויעט": „דאָס מער צוגעפּאסטע אָרט אף ארויסגעבן אזא מין אָרגאן איז דעמלט געווען דער גרעסטער צענטער אין דאָרעם־רוסלאנד — אָדעס. איבער א ריי קולטורעלע און סאָציִאלע סיבעס האָט די אָדעסער קעהילע נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אָנעמען אייראָפּעיִשע פאָרמען, און די דאָרטיקע ייִדן האָבן געגעבן א גרעסערן קאָנטינגענט מענטשן, וועלכע זײַנען געווען באקענט מיט דער רוסישער שפּראך"[1].

קעגן דעם קאָן מען ניט דערווידערן. איך מיין אָבער, אז דערצו דארף צוגעגעבן ווערן דאָס, וואָס אין אָדעס האָט דעמלט געשפּילט א וויכטיקע ראָל פּיראָגאָוו, וועלכער האָט, לויט דער מיינונג פון די קומענדיקע רעדאקטאָרן, אוואדע געדארפט מיטהעלפן זיי שאפן דעם זשורנאל. האָבנדיק אף זייער זײַט אזא אווטאָריטעט, ווי פּיראָגאָוו, האָבן ראבינאָוויטש און

---

[1] С. Л. Цинберг. История еврейской печати в России в связи с общественными течениями. Петроград, 1915, стр. 38.

טאַרנאָפּאָל געקאָנט האָפן אַף אַ פּאָזיטיווער לייזונג פון דער פּראַגע.

אין דער מעלדונג שרײַבן זיי, אַז דער זשורנאַל וועט זיך שטעלן פאַר אַ ציל צו פאַרשפּרייטן צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג „נוצלעכע קענטענישן, ווירקלעכע רעליגיִעזקײַט און געזעצן פון צוזאַמענלעבן און זיטלעכקײַט". נאַטירלעך, די אַווטאָרן האָבן ניט געקאָנט זאָגן אַלץ, וואָס זיי ווילן. אין דער ערשטער ריי האָבן זיי געמוזט באַווײַזן זייער לאָיאַלקײַט צו דער צאַרישער מאַכט און אַפילו סערוויליסטיש זיך שווערן אין דורכויסיקער טרײַהײַט. זיי נעמען זיך אונטער אין ערשטן פּונקט פון זייער פּראָגראַם „צו פאַרעפנטלעכן אַלע אוקאַזן און פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג וועגן ייִדן, אויסטײַטשן, אויב עס וועט זײַן נייטיק, דעם טאַך און דעם ציל פון אַזעלכע אוקאַזן און פאַראָרדענונגען און באַשטיין אַף זייער פּינקטלעכער און אָבליגאַטאָרישער אויספילונג"...

ס'איז קלאָר, אַז די רעדאַקטאָרן פונעם קומענדיקן זשורנאַל האָבן געשטעלט פאַר זיך ווײַט ניט קיין רעוואָלוציאָנערע צילן און אויפגאַבן. דאָס איז געווען אַ פּראָגראַם פון בורזשואַזער אויפקלערונג, דערבײַ אַפילו ניט פון קיין ראַדיקאַלער בורזשואַזער אויפקלערונג, נאָר גיכער פון קאָנסערוואַטיוון בורזשואַזן ליבעראַליזם.

די מער פּראָגרעסיווע אידייע אין אָט דער פּראָגראַם איז געווען דאָס קאָנסעקווענטע שטרעבן צו פאַרשפּרייטן רוסיש צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג און אַזויאַרום פאַרענדיקן מיט דער ייִדישער נאַציאָנאַלער, שטייגערישער און קולטורעלער איזאָליאַציע, פאַרשטאַרקנדיק די פאַרבינדונג מיטן אַרום. די אַווטאָרן פון דער פּראָגראַם האָבן געהאַלטן, אַז רוסיש „איז מער אָדער ווייניקער באַוווּסט יעדן ייִדן אין רוסלאַנד; רוסיש איז שוין גענוג פאַרשפּרייט אַפילו צווישן די נידעריקע קלאַסן פונעם ייִדישן פאָלק". דערצו נאָך האָט יאָאַכים טאַרנאָפּאָל געהאָפט, אַז „אַפילו דער ניט געבילדעטער, אָבער וויסנגיריקער פּאַשעטער ייִד וועט אויך געפינען אין אַזאַ אָרגאַן פּראַקטישע אָנווײַזונגען אין געביט פון מעלאָכע און ערד־אַרבעט".

באַנאַנד דערמיט זײַנען די גרינדער פונעם זשורנאַל אַף רוסיש שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן ייִדיש, וועלכן זיי האָבן באַטראַכט ווי די הויפּט־שטערונג פאַר אויפקלערונג און בילדונג צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. „דער פאַרדאַרבענער זשאַרגאָן" — האָבן מיט פאַראַכטונג געשריבן די אויפקלערער וועגן דער שפּראַך, אַף וועלכער עס האָט גערעדט די מערהײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. אין דעם זין האָבן ראַבינאָוויטש, לעוואַנדע, טאַרנאָפּאָל זיך ניט אונטערשיידט פון דער מערהײַט אויפקלערער אַף העברעיִש, ייִדיש, דײַטש, אַזעלכע, ווי מענדעלסאָן, גרעץ, לעווינזאָן און אַנדערע.

דעם 27 מײַ 1860 איז דערשינען דער ערשטער נומער „ראַסוויעט". דאָס איז געווען אַ וואָכן־אויסגאַבע, וועמענס דעוויז איז גענומען פונעם כומעש (פון „בערייִשיס") — אַף העברעיִש איז אין דער לינקער זײַט געווען אָנגעשריבן „ויאמר אלהים יהי אור" (און גאָט האָט געזאָגט: זאָל זײַן ליכטיק!), אין דער רעכטער זייט אַף רוסיש דאָס זעלבע: («И сказал Бог: Да будет свет!») דערמיט האָט די רעדאַקציע געוואָלט אונטערשטרײַכן פאַר אַלעמען, אַז די הויפּט־אויפגאַבע איז פאַרשפּרייטן בילדונג און אויפקלערונג צווישן די ייִדישע לייענער, פאַרשפּרייטן די רוסישע שפּראַך און די רוסישע קולטור. דאָס איז געווען אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער זשורנאַל פון גאַנץ מעסיקע ליבעראַלע פּאָזיציעס. דער רעדאַקטאָר אָסיפּ ראַבינאָוויטש האָט געפירט די שטענדיקע רובריקע (לייטאַרטיקל) „אינערלעכע ידיעות. אָדעס" («Внутреннія Известія. Одесса»), וועלכע האָט זיך אָפּגערופן אַף אַקטועלע פּראָבלעמען פונעם ייִדישן לעבן אין יענער צײַט. געווען אויך אַזעלכע שטענדיקע רובריקעס: איבערזיכט פון די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין דעם מאַצעוו פון די רוסישע ייִדן פון 1855 ביז 1860; איבערזיכט פון די אויסלענדישע ייִדישע זשורנאַלן; דערציילונגען; בריוו פון לייענער, קאָרעספּאָנדענצן, כראָניק, מעלדונגען. אין אַ ריי נומערן האָבן זיך געדרוקט היסטאָרישע און פילאָסאָפישע ווערק איבער פאַרשיידענע פּראָגן פון ייִדישער געשיכטע, ייִדישער קולטור אין אַלטערטום און אין מיטלאַלטער, איבער פּראָגן פון רעליגיע אאַוו.

דער „ראַסוויעט" האָט אָנגעהויבן זײַן עקזיסטענץ, זײַענדיק דורכגעדרונגען מיט אָפּטימיסטישע שטימונגען, מיט האָפענונגען אַף אַ נײַ בעסער לעבן. דאָס איז צו זען פון ראַבינאָוויטשעס לייטאַרטיקלען און אויך פון אַנדערע מאַטעריאַלן, באַזונדערס פון די לידער און דערציילונגען. אין ערשטן נומער פונעם זשורנאַל איז געווען אָפּגעדרוקט אַזאַ ליד, אונטערגעשריבן מיט די איניציאַלן נ. ג.:

Пора забыть несчастий след,
И кончить с прошлым все расчеты:
Пропел петух, блеснул рассвет,
Пора проснуться от дремоты!
Пора нам тяжкий гнет веков
Стряхнуть с себя рукой могучей —
Спастись от нравственных оков,
Расстаться с умственною тучей!
И молим бога нам помочь —
Поведать всем народам света,
Что наша скорбь и наша ночь
Тянулись только до «Рассвета».

(ס'איז צײַט דעם שפּור פון אומגליקן פאַרגעסן
און אויפהערן די כעזשבוינעס מיט דער פאַרגאַנגענהײַט:
ס'האָט שוין דער האָן געקרייט, און ס'בלענדט שוין דער באַגינען,
ס'איז צײַט דערוואַכן פונעם דרעמל!

שוין צײַט, מיר זאָלן דעם שווערן יאָך פון
דוירעס
אראָפּווארפן פון זיך מיט א מעכטיקער האנט—
זיך ראטעווען פון גײַסטיקע קייטן,
צעשיידן זיך מיט דער כמארע איבערן געדאנק!
מיר בעטן גאָט, ער זאָל אונדז העלפן —
דערציילן אלע פעלקער פון דער וועלט,
אז אונדזער טרויער, אונדזער נאכט
געדויערט האָבן בלויז ביז דעם „ראסוויעט").

פון די פובליציסטישע און האלב־בעלעטריסטישע ווערק אין „ראסוויעט" דארף אָפּגעמערקט ווערן די פארצייכענונג פון ל. ל. (ל. לעוואנדע? — ה. ר.) „עטלעכע ווערטער וועגן די ייִדן פון מײַרעוו־קאנט אין רוסלאנד. א בריוו אין רעדאקציע". דער אווטאָר מאָלט א טרויעריק בילד פונעם ייִדישן לעבנשטייגער, פון דער אָרעמקײַט, אָפּגעשטאנענקײַט און נויט, וואָס האָט דעמלט געהערשט אין ייִדישן טכום.

פון בעלעטריסטיק זײַנען די באדײַטנדיקסטע ווערק אין „ראסוויעט" געווען אָסיף ראבינאָוויטשעס דערציילונג „דער יערושע־לײַכטער" («Наследственный подсвечник») פון דער סעריע „בילדער פון דער פארגאנגענהײַט". די דערציילונג האָט זיך געדרוקט אין די נומערן 1—8, און וועגן איר וועט גיין א רייד שפּעטער. די צווייטע דערציילונג — „דעפּאָ פון באקאליי־סכוירעס" «Депо бакалейных товаров» פון ל. לעוואנדע — איז פּובליקירט געווען אין די נומערן 12 — 45. ביידע פּראָזע־ווערק זײַנען וויכטיק ניט מיט זייער קינסטלערישער מײַסטערשאפט, נאָר דעריקער מיט דער פּובליציסטישער פארשארפטקײַט און מיטן אידייִשן אינהאלט, מיט דער אקטועלקײַט פון די פארקערפּערטע פּראָבלעמען.

דער זשורנאל „ראסוויעט" און זײַן רעדאקטאָר אָסיף ראבינאָוויטש האָבן געפירט א צווייענדיקע ליניע — אן אויסערלעכע און אן אינערלעכע. די אויסערלעכע ליניע האָט געהאט א שײַכעס צו דער עקזיסטירנדיקער צארישער אָרדענונג. דאָ האָט געהערשט פולשטענדיקע לאָיאלקײַט צו דער פּאָליטישער סיסטעם. וועגן דער מינדסטער אָפּאָזיציאָנעלקײַט האָט אפילע קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. די רעדאקציע איז געקראָכן פון דער הויט, קעדיי צו באווײַזן, אז זי דינט קאָשער דעם צאריזם. די אינערלעכע ליניע איז באשטאנען אין פארשפּרייטן אויפקלערונג צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג. דער „ראסוויעט" האָט אויך אין דער אינערלעכער ליניע ניט געשטרעבט צו קיין ראדיקאלע ענדערונגען אינעם ייִדישן לעבן. עס האָט זיך געהאנדלט מערסטנטייל וועגן רעפאָרמירן די רעליגיע, אָבער ווײַט ניט וועגן קאמף קעגן איר, רעפאָרמירן די ייִדישע מינהאָגים, דעם ייִדישן מיטלאלטערלעכן שטייגער, די מיטלאלטערלעכע קולטור, אָבער ניט וועגן שאפן א נײַ לעבן, א נײַעם סאָציאלן שטייגער, א נײַע פּראָגרעסיווע קולטור. פאר דעם „ראסוויעט" איז גילטיק געווען די באוווסטע מאסקילישע פּראָגראם פון יעהודע־לייב גאָרדאָן: זײַ א ייִד אין שטוב און א מענטש אין גאס. ווײַטער איז מען ניט געגאנגען...

ניט געקוקט אף אָט דער אידייִשער און פּאָליטישער מעסיקײַט פונעם „ראסוויעט", האָט די צארישע צענזור וואָס ווײַטער, אלץ מערער געדריקט אף דער רעדאקציע פאר די „ראדיקאלע מאטעריאלן", וואָס זי האָט געדרוקט אין זשורנאל. מע האָט אָפן געגעבן אָנצוהערן דעם רעדאקטאָר, אז לאנג וועט ער ניט קאָנען ארויסגעבן דעם „ראסוויעט". אויסער דעם, האָט זיך ניט בארעכטיקט ראבינאָוויטשעס אָפּטימיזם בענעגייע דער ברייטער פארשפּרייטונג פון רוסיש צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די צאָל אבאָנענטן איז א נישטיקע.

איינע פון די סיבעס, וועלכע האָבן געפירט צום אונטערגאנג פון „ראסוויעט", איז אויך געווען דער קאמף, וואָס עס האָט געפירט די ייִדישע רעאקציע קעגן דעם זשורנאל און קעגן דעם רעדאקטאָר אָסיף ראבינאָוויטש. די קלעריקאלן, די קאָהאָלשע רעדלפירער האָבן ניט געוואָלט פארלײַדן אפילע די גאנץ מעסיקע קריטיק פונעם „ראסוויעט", אפילע די פּראָפּאגאנדע פון רעפאָרמעס. די שטאָטישע און די שטעטלשע טאָנגעבער, די אזויגערופענע „ייִדישע געזעלשאפטלעכקײַט" האָט געפירט א הארטנעקיקן קאמף קעגן די מינדסטע פּרוּוון דורכצולאָזן „א שטראל פון שײַן אין קיניגרײַך פון פינצטערקײַט". מע האָט געטאָן אלץ, קעדיי צו באשמוצן דעם זשורנאל און באזונדערס דעם רעדאקטאָר. עס זײַנען אוועק רעכילעס, מעסירעס, אלערליי אומגעלומפּערטע קלאנגען וועגן דעם „אפּיקוירעס", דעם „גויִישן אויסוואָרף", וואָס וויל שמאדן ייִדן.

אין רעדאקציע גופע האָבן זיך גאָר גיך אנטפּלעקט אידייִשע ווידערשפּרוכן צווישן טארנאָפּאָלן און ראבינאָוויטשן. דער מער קאָנסערוואטיווער אין זײַנע אָנשויונגען טארנאָפּאָל איז ניט מאסקים געווען מיט די ארטיקלען קעגן ייִדישער רעליגיע. די באציִונגען האָבן וואָס ווײַטער אלץ מער זיך פארשארפט, ביז טארנאָפּאָל האָט אינספּירירט אן ארטיקל אין העברעיִשן „המגיד" (דעם 27 סענטיאבער 1860), אין וועלכן דער רעדאקטאָר פון אָט דער אויסגאבע זילבערמאן האָט געשריבן:

„גרויס איז דער צאָרן קעגן די ארויסגעבער פון „ראסוויעט", וואָס דערשײַנט אין אָדעס... דער „ראסוויעט" האָט פארכוישעכט דעם נאָמען פון ייִדן אין צאָפן־לאנד... איצט דערוויסן מיר זיך פון א באגלויבטן און אינפאָרמירטן מענטשן, אז אלע פײַנטלעכע צו די ייִדן ארטיקלען אין „ראסוויעט" זײַנען פּובליקירט קעגן דעם ווילן פונעם הער טארנאָפּאָל".

ראבינאָוויטש האָט אָפּגעענטפערט טארנאָפּאָלן אף א גאָר שארפן אויפן. טארנאָפּאָל איז שוין איצט ארויסגעטראָטן אין „המגיד" מיט אן אָפענער דערקלערונג וועגן זײַן אײַנרײַס מיט ראבינאָוויטשן און מיטן „ראסוויעט". די הויפּט־באשולדיקונג טארנאָפּאָלס באשטייט אין

דעם, וואָס ראבינאָוויטש פאלט אָן אף דעם ראוויניזם און אף דער ייִדישער רעליגיעזער טראדיציע.

אזוי ארום, האָט ראבינאָוויטש דערזען זיך אָן אָנגעגריפענעם סײַ לויט זײַן אויסערלעכער ליניע (די צארישע צענזור), סײַ לויט זײַן אינערלעכער ליניע (די ייִדישע רעאקציע). ער האָט דערזען, אז ער האָט ניט אף וועמען זיך צו שטיצן קעגן די אטאקעס. די צאָל ייִדישע מאסקילים איז געווען א נישטיקע, די מאסקילים זײַנען ניט געווען פארבונדן מיט די מאסן און האָבן ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן די אָנפאלן פון ביידע זײַטן.

דאָס אלץ האָט געצוווּנגען ראבינאָוויטשן צו פארמאכן דעם „ראסוויעט" אין א יאָר ארום, זינט ער האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען. אָבער דאָס פארמינערט ניט די קולטור־היסטאָרישע באדײַטונג פונעם ערשטן ייִדישן זשורנאל אף רוסיש. דאָס איז געווען אָן אָנהייב, וועלכער האָט באקומען א ווײַטערדיקע פאָרזעצונג אין פארלויף פון דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן יה. און אין אָנהייב 20־טן יה. דער „ראסוויעט" האָט איידעס געזאָגט וועגן די נײַע פראצעסן אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור אין רוסלאנד, וועגן דער פארשפּרייטונג פון רוסיש און באזונדערס פון דער רוסישער ליטעראטור בײַ ייִדן. אין דעם באשטייט די היסטאָרישע באדײַטונג פונעם „ראסוויעט" און דער פארדינסט פון זײַן רעדאקטאָר אָסיף ראבינאָוויטש, וועלכער פארנעמט אן אָרט אין דער גאלעריי פון די פאָרגעשריטענע טוער און שעפער פון דער ייִדישער קולטור אין רוסלאנד.

אָסיף ראבינאָוויטש איז אָבער געווען ניט בלויז א געזעלשאפטלעכער און קולטור־טוער, נאָר אויך איינער פון די ערשטע ייִדישע בעלעטריסטן אין רוסיש. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 14 יאנוואר 1817 אין שטעטל קאָבילאקי, פּאָלטאווער גובערניע, און האָט פון קינדווײַז אָן באקומען ניט קיין רעליגיעזע דערציִונג אין כיידער, ווי געוויינלעך אין יענער צײַט; זײַן פאָטער ארן ראבינאָוויטש איז געווען א פארמעגלעכער מענטש און האָט געגעבן דעם זון א וועלטלעכע דערציִונג, ער האָט גענומען פרייוואטע לערער, וועלכע האָבן געלערנט מיטן ייִנגל רוסיש, לאטײַן, פראנצויזיש, דײַטש, מאטעמאטיק, געשיכטע, געאָגראפיע, מאָלערײַ, מוזיק. באנאנד דערמיט האָט ייִדישע רעליגיעזע קולטור געלערנט מיטן יונגן אָסיף ראבינאָוויטשן א באוווּסטער אין יענער צײַט טאלמודיסט און גראמאטיקער מייער עמדען.

צו דרײַ און צוואנציק יאָר איז ראבינאָוויטש אָנגעקומען אין כארקאָווער אוניווערסיטעט אפן מעדיצינישן פאקולטעט. ער האָט אָבער איינגיכן געמוזט פארלאָזן די הויכשול, ווײַל דער פאָטער האָט פארלאָרן זײַן פארמעגן, און דער זון האָט איצט געדאַרפט אליין פארדינען צום לעבן. אין יאָר 1845 פאָרט ער אריבער קיין אָדעס, ווו ער פארנעמט זיך מיט יוריספּרודענץ; פון 1848 איז ער א נאָטאריוס. איינצײַטיק הייבט ער אָן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט מיט ארויסטרעטונגען אין דער רוסישער צײַטונג „אָדעסקי וועסטניק". אין אן ארטיקל „די נײַע ייִדישע שול אין אָדעס" טרעט ער ארויס קעגן קלעריקאליזם און רעליגיעזע פאָרורטיילן. ער שליסט זיך אָן אין ליטעראַרישן קרײַז פון די אָדעסער רוסישע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך גרופּירט ארום דעם זאמלבוך „ליטעראטורנײַע וועטשערא" („ליטעראַרישע אָוונטן"). דאָרט באפרײַנדעט ער זיך מיטן באוווּסטן רוסישן דיכטער נ. פּ. שטשערבינא. אין ערשטן באנד פונעם זאמלבוך פּובליקירט ראבינאָוויטש די דערציילונג „היסטאָריִא טאָרגאָוואָוואָ דאָמא פּערליטש אי קאָמפּ" („די געשיכטע פונעם האנדלס־הויז פּערליטש און קאָמפּ"); אין צווייטן באנד (1850) איז געווען פארעפנטלעכט זײַן „מאָריץ סעפארדי". ביידע ווערק זײַנען געווען אין טאָך פארצייכענונגען וועגן די אָדעסער ייִדישע געשעפטלײַט און בירזשעוויקעס.

דער אויפבלי פון ראבינאָוויטשעס שאפן און פון זײַן געזעלשאפטלעכער טעטיקייט איז פארבונדן מיט דער עפּאָכע פון די זעכציקער יאָרן. אין 1859 פּובליקירט ער אין זשורנאל „רוסקי וועסטניק" זײַן דערציילונג „שטראפנאָי", וואָס האָט אים געבראכט אנערקענונג אין דער ייִדישער און אין דער רוסישער ליטעראטור פון יענער עפּאָכע. די צענטראלע טעמע פון אָט דעם ווערק איז די רעקרוטשינע.

אין יאָר 1827 זײַנען אָנגענומען געוואָרן די קלאָלים וועגן דעם, אז ייִדן מוזן דינען אין דער צארישער ארמיי; עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די באוווּסטע רעקרוטן־סיסטעם. ס'דארף גלײַך געזאָגט ווערן, אז די דאָזיקע פראגע קאָן ריכטיק באטראכט ווערן, אויב עס ווערט אָנגעווענדט א קלאסן־פּרינציפּ און ניט בלויז א נאציִאָנאלער. די רעקרוטן־סיסטעם האָט זיך פארשפּרייט איבערן גאנצן לאנד. דעריבער איז אין דעם, וואָס זי איז אָנגעווענדט געוואָרן אויך בנוגע ייִדן, ניט געווען קיין באזונדער מין נאציִאָנאלע דיסקרימינאציע. פּונקט פארקערט. דאָס האָט געקאָנט באטראכט ווערן ווי אן אויסדרוק פון גלײַכבארעכטיקונג פאר דער ייִדישער באפעלקערונג, וועלכע האָט פון איצט אָן געקאָנט און געדארפט אויספילן דעם בירגערלעכן כויוו, ווי אלע אנדערע בירגער פונעם לאנד. די ייִדישע אויפקלערער האָבן טאקע באטראכט אָט די קלאָלים ניט ווי קיין גזיירע, נאָר ווי א טויווע פאר ייִדן.

אין דער זעלבער צײַט האָבן די אויפקלערער, די האסקאָלע־שרײַבער אויך געזען, אז די אכזאָריעסדיקע צארישע רעקרוטן־סיסטעם, וואָס האָט אָפּגעריסן אכטיאָריקע קינדער פון זייערע עלטערן אף פינף און צוואנציק יאָר, איז געווען א שוידערלעך מיטל פון אונטערדריקונג. אין דער ייִדישער סוויווע איז די רעקרוטן־סיסטעם געווען א געוועער, וואָס איז מיט דער גאנצער שארף געווענדט קעגן די אונטערדריקטע פאָלקסמאסן. די גווירים האָבן שטענדיק געהאט די מעגלעכקײַט אויסצוקויפן זייערע קינדער פון

דער רעקרוטשינע, ווײַל זיי אַליין, די גווירים טאַקע, זײַנען דאָך געווען די קאַהאָלשע רעדלפירער, וועלכע האָבן פאַרווירקלעכט די רעקרוטן־סיסטעם. די געפאַר פון אָפּגעגעבן ווערן אין די רעקרוטן איז אויך געווען א זיכער מיטל פון קאַמף קעגן יעדער מין סאָציִאַלן פּראָטעסט פון די ייִדישע האָרעפּאַשניקעס.

די רעקרוטשינע איז געוואָרן א צענטראַלע טעמע פון דער ליטעראַטור פאַר ייִדן אַף העברעיִש, ייִדיש און אויך אַף רוסיש, ווי מיר זעען דאָס אין דער שאַפונג פון אָסיפּ ראַבינאָוויטש.

„פון דער פינצטערער פאַרגאַנגענהייט שטייען אוף פאַר מיר שאָטנס, אָבער ניט קיין לאַנגפאַרגעסענע, ווי מע זאָגט געוויינלעך, נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן לאַנג געדרעמלט אין מײַן זיקאָרן", — אַזוי הייבט זיך אָן דאָס ווערק „שטראַפנאָי". פאַר דעם לייענערס אויגן ווערט אופגעשטעלט דאָס בילד פונעם ייִדישן לעבן אין די פינצטערע יאָרן פון דער רעקרוטשינע. דער העלד פונעם ווערק דערציילט דעם אווטאָר, אַז ער איז געווען א פאַרמעגלעכער מענטש און האָט געהערט צו די אָנפירער פון דער קעהילע, פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער צאָל רעקרוטן, וואָס האָט געדאַרפט צוגעשטעלט ווערן אַלע יאָר. אויב זיי האָבן ניט צוגעשטעלט די רעקרוטן, זײַנען זיי אַליין באַשטראָפט געוואָרן מיט געלט אָדער מיט אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע שטראָפן. זיי האָבן דעריבער געמוזט מיט אַלע מיטלען כאַפּן ייִדישע קינדער און זיי אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן.

„צי ווייסט איר, וואָס עס איז אַזוינס א קאָהאָלסמאַן?" — פרעגט דער העלד פון ראַבינאָוויטשעס ווערק. און ער ענטפערט אַליין: „דאָס איז אָדער א רעצייעך, אָדער א מאַרטירער, קיין מיט איז ניטאָ. דער קאָהאָלסמאַן דאַרף איבערטראָגן דאָס געוויין פונעם אָרעמאַן, בא וועמען מע נעמט צו, אַלס א שטײַער, די לעצטע קאָלדרע, מיט וועלכער ער דעקט זיך צו; איבערטראָגן די געשרייען פון דער אַלמאָנע, וואָס מע האָט בא איר פאַרנומען אין רעקרוטן דאָס לעצטע קינד; איבערטראָגן רעדיפעס פון די גווירים, אויב ער באַרירט זייערע קרויווים באַם אופמאָנען שטײַערן; ער וועט זײַן באַשטראָפט פון דער אַדמיניסטראַציע, אויב ער האָט ראַכמאָנעס אַפן אָרעמאַן און שטעלט אָפּ דאָס באַרויבן אים מיצאַד די באַלעבאַטים פון דער טאַקסע; אויב דער קאָהאָלסמאַן האָט א האַרץ, גייט ער אָפּ מיט בלוט; אויב אָנשטאָט א האַרץ האָט ער א שטיין, ווערט ער איינער פון די אונטערדריקער..."

דער העלד פון דער דערציילונג האָט געהאַט א האַרץ און ניט קיין שטיין, דערפאַר איז ער געוואָרן א שטראַפנאָי, זײַן לעבן איז צעבראָכן געוואָרן, זײַן פרוי איז געשטאָרבן, זײַן עלטערע טאָכטער איז אַראָפּ פון זינען, די ייִנגערע טאָכטער איז אוועק אַף דער גאַס...

אָסיפּ ראַבינאָוויטש איז אויך אין זײַנע בעלעטריסטישע ווערק אַן אופקלערער. ווי אין זײַן פובליציסטיק און אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט. ער ווײַזט, וויִאַזוי די פּאָרגעשריטענע יוגנט שטרעבט צו בילדונג, און באַנאַנד דערמיט באַקעמפט ער די פינצטערלינגען אין ייִדישן לעבן, די אַמעראַצישע גענג פון די כסידים און צאַדיקים, די טרעגער פון אומוויסן און אָפּגעשטאַנענקײַט, דעם צאַד פון רעאַקציע און אָבסקוראַנטיזם, וועלכער האָט אויסגעדריקט די אינטערעסן פון די גווירים, פון די אונטערדריקער פון די פאָלקסמאַסן.

דער אווטאָר דערציילט אויך וועגן די „פּאָימאַניקעס", וועלכע זײַנען געכאַפּט געוואָרן אָן צײַגענישן און אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר סאָלדאַטן. די ייִדישע קעהילעס אין יענער צײַט האָבן באַקומען רעכט צו כאַפּן אַלעמען, ווער עס האָט ניט קיין פּאַספּאָרטן, אַפילע מענטשן פון אַנדערע קעהילעס און גובערניעס, און זיי אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן, אויספילנדיק אַזוי־אַרום דעם רעקרוטן־פּלאַן. יעדערער האָט געקאָנט כאַפּן אַזאַ איינעם אָן א פּאַספּאָרט און אים אָפּגעבן אַלס א רעקרוט פאַר זיך אָדער פאַר עמעצן פון זײַן מישפּאָכע. און מע האָט געכאַפּט, וועמען נאָר מע האָט געקאָנט. אָבער אַפילע ווען איינער האָט געהאַט מיט זיך דעם פּאַספּאָרט, איז ער נאָך אויך ניט געווען גאַראַנטירט, ווײַל די כאַפּערס האָבן דעם פּאַספּאָרט געקאָנט פאַרניכטן און פאַררעכענען דעם אומגליקלעכן צווישן די רעקרוטן. מע האָט זיך געיאָגט נאָך מענטשן, ווי נאָך כײַעס, פאַרנאַרט קינדער און זיי אוועקגעפירט און פאַרקויפט פאַר סאָלדאַטן.

ראַבינאָוויטשעס „שטראַפנאָי" האָט געמאַכט א רוישעם אַפן ייִדישן און רוסישן לייענער פון יענער צײַט. די טרויעריקע און שוידערלעכע געשיכטע, וואָס איז דערציילט געוואָרן וואָרהאַפטיק און רעאַליסטיש, האָט אופגערודערט די געזעלשאַפט. דאָס געשטאַלט פונעם „שטראַפנאָי" איז אופגענומען געוואָרן ווי א פאַראַלגעמיינערונג, ווי א פאַרקערפּערונג פונעם אונטערדריקטן פאָלק, פון זײַן טרויעריקן גוירל. דער פּערטער נומער פון „רוסקי וועסטניק" פאַרן 1859, ווו עס איז געדרוקט געווען „שטראַפנאָי", איז זיך שנעל צעגאַנגען און איבערגעגעבן געוואָרן פון האַנט צו האַנט, פון שטוב צו שטוב; פאַר דעם דאָזיקן נומער האָט מען געצאָלט גרויס געלט, אַבי איבערלייענען דאָס ווערק. די ווירקונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער אוקאַז וועגן באַפרײַען די „שטראַפניִע" פון דינסט אין מיליטער און זיי אומקערן אַהיים, וואָס דאָס האָט באַטײַט פולשטענדיקע רעאַביליטאַציע, האָט מען עס צוגעשריבן ראַבינאָוויטשעס דערציילונג, וועלכע האָט אופמערקזאַם געמאַכט אַפן גוואַלדיקן אומרעכט. „פאַר די סאַמע ברייטסטע שיכטן פונעם ייִדישן פאָלק איז עס (דאָס ווערק „שטראַפנאָי". — ה. ר.) געווען דאָס זעלבע, ווי גריגאָראָוויטשעס דערציילונג „אַנטאָן גאָרעמיקאַ" פאַרן רוסישן לייענער", — שרײַבט דער רוסישער ליטעראַטור־

פאָרשער לוואָוו־ראָגאַטשעווסקי[1]. אין די ייִדישע הײַזער און אין די יעשיוועס און טאַלמעטוירעס האָט מען איבערגעזעצט „שטראַפנאָי“ אַף ייִדיש און געלייענט אין דער פרײַער צײַט.

לויט דער געזעלשאַפטלעכער באַדײַטונג קאָן ראַבינאָוויטשעס „שטראַפנאָי“ געשטעלט ווערן אין איין ריי ניט בלויז מיט גריגאָראָוויטשעס „אַנטאָן גאָרעמיקאַ“, נאָר אויך מיט אַזאַ ווערק, ווי „דעם פעטער טאָמס שטיבל“ פון ביטשער־סטאָו. דער איקער אין אָט די ווערק איז ניט אַזוי די פאָרמעלע מײַסטערשאַפט, ווי דער אידייִשער און סאָציִאַלער אינהאַלט. עס איז קימאַט זיכער, אַז דער אַווטאָר פון „שטראַפנאָי“ האָט געהאַט פאַר זיך אַלס מוסטער די ווערק פון גריגאָראָוויטשן און ביטשער־סטאָו. גריגאָראָוויטשעס „אַנטאָן גאָרעמיקאַ“ איז דערשינען אין 1847 און איז אין די 50־ער יאָרן געווען ביז גאָר פּאָפּולער. ראַבינאָוויטש האָט, נאַטירלעך, גוט געקענט דאָס ווערק. גריגאָראָוויטשעס ווירקונג אַף ראַבינאָוויטשעס שאַפן, באַזונדערס אַף „שטראַפנאָי“, איז אָנערקענט פון אַלעמען, און מע האָט אים, ראַבינאָוויטשן, ניט זעלטן אַפילע כאַראַקטעריזירט אַלס דעם „ייִדישן גריגאָראָוויטשן“. ביטשער־סטאָוס „דעם פעטער טאָמס שטיבל“, וואָס איז דערשינען אין רוסיש אין יאָר 1852, איז אויסגענוצט געוואָרן מיצאַד די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן אין קאַמף מיטן לײַבייגנטום, פּונקט ווי אין אַמעריקע איז דער ראָמאַן געווען אַ מיטל אין קאַמף קעגן שקלאַפערײַ. אין 1858 האָט דער זשורנאַל „סאָווורעמעניק“, בעראָש מיט נעקראַסאָוון און טשערנישעווסקין, צעשיקט די רוסישע איבערזעצונג פון ביטשער־סטאָוס ראָמאַן די לייענער פונעם זשורנאַל אַלס בײַלאַגע. אָסיפ ראַבינאָוויטש האָט מיט זײַן דערציילונג ווילנדיק־ניט־ווילנדיק פאַרגלײַכט די לאַגע פון די ייִדן אין רוסלאַנד מיט דער לאַגע פון די לײַבייגענע פּויערים, פּונקט ווי מיט דער לאַגע פון די נעגערס אין אַמעריקע.

אַ היפּשן אָפּקלאַנג האָט געהאַט אויך די צווייטע דערציילונג פון ראַבינאָוויטשן „דער יערושע־לײַכטער“, אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דאָס שווערע לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד ביז די 60־ער יאָרן. אין צענטער פון דער דערציילונג שטייט די מישפּאָכע מאַלקין. דער פאָטער אַרן מאַלקין איז אַ מאַטראָס פון אַ מיליטערישער שיף, וווּ עס דינט אַלס מאַטראָס אויך זײַן זון סענדער. זיי קומען ביידע אום אין דער סעוואַסטאָפּאָלער מילכאָמע, און זייערע מישפּאָכעס טרײַבט מען אַרויס פונעם אָרט, וווּ זיי האָבן געוווינט, ווײַל זיי האָבן דאָרט געמעגט לעבן בלויז דאַן, ווען זייערע מענער האָבן געדינט אין פלאָט.

די דערציילונג איז קינסטלעריש רײַפער, איידער „שטראַפנאָי“. די געשטאַלטן און זייער פּסיכאָלאָגיע זײַנען בוילעטער געמאָלט, די קאָמפּאָזיציאָנעלע סטרוקטור איז אַ שטײַפערע. די פיגור פונעם קוואַרטאַלני, וועלכער טרײַבט אַרויס פון זייער וווינונגס־אָרט די אַלמאָנעס נאָך דעם, ווי זייערע מענער זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַר סעוואַסטאָפּאָל, איז געגעבן סאַטיריש. דער קוואַרטאַלני האַווריל כוועדאָראָוויטש באַקומט די פאַראַלגעמיינערטע שטריכן פונעם צאַרישן פּאָליציי־אַפּאַראַט. און ניט אומזיסט באַמערקט סאַרקאַסטיש איינער פון די פּערסאָנאַזשן, אַז אין נאָמען האַווריל הערט זיך אים אַי האַוו, אַי רילאָ...

אָסיפ ראַבינאָוויטש איז עטלעכע מאָל געפאָרן קיין אויסלאַנד. אין פראַנקפורט־אַפן־מײַן האָט ער זיך באַפרײַנדעט מיטן היסטאָריקער יאָסט, וועלכער איז געווען באַוווּסט אויך אַלס גענייטער פילאָלאָג. יאָסט האָט גוט געקענט רוסיש, און ער האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע אַרבעטן אין ראַבינאָוויטשעס „ראַסוויעט“. ווען ס'איז דערשינען אין „רוסקי וועסטניק“ די דערציילונג „שטראַפנאָי“, האָט ער זי איבערגעזעצט אַף דײַטש און אָפּגעדרוקט אין „Jahrbuch für Geschichte der Juden und des Judentums“ („יאָרבוך פאַר געשיכטע פון ייִדן און ייִדנטום“, לײַפּציג, 1860). אין אַ בריוו צו ראַבינאָוויטשן האָט יאָסט געשריבן: „אײַך וועט אַוודע זײַן אָנגענעם צו וויסן, טײַערער פרײַנט, אַז די ערשטע אויסגאַבע פון אײַער דערציילונג אין אַ טיראַזש פון 4800 עקזעמפּליאַרן איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין משך פון צוויי וואָכן“.

נאָך דעם, ווי עס איז פאַרמאַכט געוואָרן דער „ראַסוויעט“, האָט ראַבינאָוויטש אין טאָך פאַרענדיקט זײַן ליטעראַרישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט. אין 1865 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ הומאָריסטישע נאָוועלע „די געשיכטע, וויאַזוי רעב כאַים־שאָלעם פייגיס איז געפאָרן פון קעשענעוו קיין אָדעס, און וואָס מיט אים האָט געטראָפן“. אינגיכן איז ער קראַנק געוואָרן און, אַרויספאָרנדיק קיין אויסלאַנד, געשטאָרבן אין מעראַן (טיראָל) דעם 16 אָקטיאַבער 1869 פון האַלדז־טובערקוליאָז.

אָסיפ ראַבינאָוויטש איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור אַלס פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער טוער, רעדאַקטאָר פונעם ערשטן ייִדישן זשורנאַל אַף רוסיש. מיט זײַן פּובליציסטיק און בעלעטריסטיק האָט ער געווירקט אין זײַן צײַט אַף די לייענער און איבערגעלאָזט אַ דײַטלעכן שפּור אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור אין רוסלאַנד.

[1] В. Львов-Рогачевский. Русско-еврейская литература. М., 1922.

קורצע רעצענזיעס

דאָס וואָגיקע וואָרט

„דאָס וואָרט" — אזוי האָט אָנגערופן איר לעצטע לידער־זאַמלונג די טאַלאַנטפולע דיכטערן שיפרע כאַלאָדענקאָ. וואָס פאר א נאָמען קאָן זײַן טרעפלעכער פאר לידער, וועלכע זײַנען אויסגעוועבט פון זילבערנע פעדעם פונעם וואָרט?

שיפרע כאַלאָדענקאָ איז אין די פריִע יוגנט־יאָרן געקומען אין דער ליטעראַטור, ערלעך איר אָפּגעדינט א האלבן יאָרהונדערט און איבערגעלאָזט א ווערטפולע ליטעראַרישע ירושה.

פראָסטע, געשליפענע ווערטער האָט זי געשענקט די מענטשן, וועלכע זי האָט אזוי וואַרעם און האַרציק ליב געהאַט.

אין דער קינדהײַט האָט זי געזען, „ווי מע שטאַרבט אין מיסט, אין קויט, בא העפקערדיקן פּלויט..." דאָס דאָזיקע בילד האָט אָפּגעבריט איר געמיט, און שוין דערנאָך האָט זי געשריבן וועגן דעם אָן קיין שום פּאַטעטיק, לאַקאָניש — זי „געדענקט נאָר דעם דערשרעק: בא א העפקערדיקן פּלויט ליגט א טויטער נאַקעט, הויל, מיט א בינטל שטרוי אין מויל. אַף דער טונקלער גרינער באַק איז א שטערן אויסגעהאַקט..."

שיפרע כאַלאָדענקאָ שרײַבט ניט דירעקט וועגן דעם בירגערקריג, נאָר די קינדערשע דערמאָנונגען זײַנען געווען שטאָף אַף אָנשרײַבן אזא זעלטענע ליד, ווי „כ'האָב געזען נאָך קליינערהייט", מיט וועלכער זי עפנט די זאַמלונג.

דאָס צווייטע, וואָס האָט זיך פאַרקריצט אין איר זיקאָרן פון יענע ווײַטע יאָרן, איז געווען א רוסיש וואָרט — „באָלשעוויק".

דאָס זאַפטיקע וואָרט פון דער רוסישער שפּראַך —
עס רעגט מיך אזויפיל, ס'דערמאָנט מיר א סאַך.
דער וואַרעמער ווינט האָט דאָס קאָרן געוויגט,
דערהערט האָב איך דעמלט דאָס וואָרט
„באָלשעוויק"...

פונדאַנען הייבט זיך אָן אויסקנאָספּן בא דער דיכטערן די אינטערנאַציאָנאַלע טעמע אין איר שאַפונג — די גרייטקײַט אין איין שפּאַן אריבער דעם יאַם־אָקעאַן, קעדיי צו ראַטעווען א נעגער־קינד, דאָס נעמען זיך צום הארצן דעם ווײ און די ליידן פון וויעטנאַם.

א באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין ש. כאַלאָדענקאָס שאַפן די צאָפן־טעמע. א ציקל לידער אין דער זאַמלונג „דאָס וואָרט" איז אָנגערופן „אין ווײַטן צאָפן".

די ייִדישע דיכטערן איז ניט גלײַך געקומען צו דער טעמע. אין די דרײַסיקער יאָרן נעמט זי אָן אָנטייל אין אן עקספּעדיציע צום פּאָליאַרן קרײַז, און פונדאַנען שטאַמען אירע אײַנדרוקן, אירע דיכטערישע צאָפן־מאָטיוון. ס'איז, פאַרשטענדלעך, ניט גרינג באַנעמען די קאָנטראַסטפולע בילדער פונעם ווײַטן צאָפן־לאַנד, ווען, לעמאָשל, לענינגראַד איז דאָרעם, ווען עס ציט זיך א דירעקטע ליניע פון „דעם וואַרעמען ווינט, וואָס האָט דעם קאָרן געוויגט", ביז „מיט מאָך, ווי פוטער, רײַך די ערד באַדעקט איז און שפּײַזט דעם הירש, דעם צאָפּנדיקן וואָגלער". אָבער די דיכטערן באַהערשט דעם באַריער. זי שילדערט די צאָפן־בעריאָזעס („די פאַרוואָרלאָזטע קינדער פון קאַלטן צאָפן") און פרעגט: ווער קאָן זאָגן, אז דאָס זײַנען קרויווים פון יענע שלאַנקע ביימער אין ציכטיקן בעריאָזע־וואַלד, „וואָס שײַנט מיט זײַנע שטאַמען אין אונדזעריקע ברייטן?".

די דיכטערן איז אײַנגעליבט אין צאָפן און גיט איבער דײַטלעך און איבערצײַגעוודיק אירע געפילן.

און ס'איז מיר הײַנט מײַן שטילע היים פאַרבײַטן
אַף יאַם אַף זודיקן ניט שווער!
און ס'זײַנען נאָענט מיר אזוי די ווײַטן,
און כ'הער: ארום דער זון
זיך קערט
די ערד.

די זאַמלונג „דאָס וואָרט" שליסט אײַן א היפּשע צאָל ליבע־לידער. זיי זײַנען אלע וואַרעמע, מענטשלעכע און אָפנהאַרציקע. די שטימונג, וואָס באַהערשט די דיכטערן, גיט זיך איבער דעם לייענער:

כ'בין עפּעס הײַנט גליקלעך אזוי,
און פרעגט מיך, פאַר ווען און פאַרוואָס:
דער הימל איז בלויער פון בלוי,
און גרינער פון גרין איז דאָס גראָז.

ש י פ ר ע כ אָ ל אָ ד ע נ ק אָ. דאָס וואָרט. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל". מאָסקווע, 1974.

אָט אזוי, מיט פּאָשעטע און פּראָסטע ווערטער, רעדט זי וועגן ליבע אָן פאלשע נאָטעס, אָן גריבלענישן אין דער נעשאָמע, כאָטש די ליבע־געפילן זײַנען בא איר דערהויבן ביז דער העכסטער מאדרייגע און זי זינגט וועגן זיי מיט א ציטער אין הארצן: „איך ווייס ניט, וואָס זאָל איך גאָר וועלן"; „עס איז פון דעם דאָך קיינער ניט געוואָרנט"; „ניט אומיסטן איז די זאך געשען" אדג. די דיכטערן פארמאָגט א גרויסן לעבנס־אָפּטימיזם, אָפּט דוכט זיך, אז אירע ליבע־לידער זעען זיך אין געשטאלט פון א פרוי, וואָס טראָגט א קרישטאָלענע קיילע איבער א גלאטן אײַז־פלאַץ.

א סאך לידער אין דער זאמלונג זײַנען געווידמעט דער מילכאָמע. שוין אין די ערשטע מילכאָמע־לידער זעט מען צעבויגענע רעלסן, צעלעכערטע דעכער פון באנען. די דיכטערן איז אין דעם מענטשלעכן שטראָם, וועלכער האָט פארלאָזט די אײַנגעזעסענע נעסטן. זי דערקלערט מיט געדולד דעם קינד, אז ס'איז שוין ניטאָ קיין דאך איבערן קאָפּ, ניטאָ שוין קיין ברויט, דער סוינע איז אף די וועגן. נאָר זי פארענדיקט די ליד „מײַן הויז איז געפאלן" אין אָפּטימיסטישע טענער, וועלכע גיבן צו קראפט די סאָוועטישע מענטשן:

א קנאל און א שפּליטער
אין רויכיקע הייכן זיך צינדן,
נאָר קלאָר מײַן געמיט איז,
איך וועל פון דער ערד ניט פארשווינדן.

מיט גרויס איבערצײַגונג גיט איבער די דיכטערן דעם ווייטעק פון פארלירן אונדזערע שטעט און דערפער, פון אומקום פון סאָוועטישע מענטשן. די לידער „די מאפּע" און „מײַן הויז איז געפאלן" זײַנען דאטירט מיטן 1941 יאָר.

אין דער שווערער צײַט פון מילכאָמע האָבן בא דער דיכטערן נאָך שטארקער געקלונגען די ליריש מאָטיוון, ווי דאָס איז צו זען פון דער ליד „אָן אגרעס". אין מונטערע טענער באזינגט זי די אָנגעשטרענגטע מי פון די סאָוועטישע מענטשן אין הינטערלאנד און מיטלאזיע. נאָר ווען ס'קומט דער זיג און נאָך אים די צײַט צו געזעגענען זיך מיט די מענטשן, וועלכע האָבן געעפנט זייערע הערצער פאר די עוואקויִרטע, ווערט שווער אפן הארצן. אָט די שטימונג איז אויסגעדריקט אין דער ליד „היימלאָזע פויגלען" און אין אנדערע כאַלאַדענקאָס לידער פון יענע יאָרן.

די דיכטערן איז מיט לײַב און לעבן צוגעבונדן צו דער ערד, ווו זי איז אויסגעוואקסן, ווו אלץ איז מילד און טײַער. שטארקע פּאטריִאָטישע געפילן זינגט זי אויס אין דער ליד „ערד", איינער פון די בעסטע אין דער זאמלונג.

די נאָכמילכאָמע־צײַט, די צײַט פון אופקום און אופבלי, שילדערט די דיכטערן מיט די סאמע העלע און ליכטיקע פארבן. זי געפינט אין ארסענאל פון פּאָעטישע אויסדרוקן דאָס פּולווערטיקע וואָרט (זע די לידער „ליכטיקע סקווערן", „מײַן ליבע וועלט", „פרילינג", „עס בליִען גרויסארטיקע מאָנען" אא.). אָבער דער אָפּהילך פון די מילכאָמע־יאָרן לאָזט זיך נאָך לאנג הערן. די דיכטערן וואָרנט, אז מ'טאָר ניט פארגעסן דאָס, וואָס ס'איז געשען, מע דארף זײַן וואך, ווײַל צו גרויס איז נאָך אין הארצן דער ווײ. „עס בליִען שוין פרידלעכע בלומען, די טײַבעלעך גלעטן די הייך, נאָר כ'הער נאָך די גוואלדן די שטורמע, איך שפּיר אים, דעם גיפטיקן רויך".

„קאָסמישע דײַגעס" — אזוי האָט אָנגערופן שיפרע כאַלאָדענקאָ איינע פון די ציקלען אין דער זאמלונג. דאָס זײַנען דײַגעס, וואָס לאָזן ניט צורו די דיכטערן. מיט פארשיידענע פּאָעטישע מיטלען, אף א פילארטיקן אויפן ווײַזט זי ארויס אירע איבערלעבונגען פאר דער צוקונפט פון די קומענדיקע דוירעס. אירע מוטערלעכע געפילן רופן זיך איבער מיט די בעסטע אידייען פון דער מענטשהײַט: מיטן דראנג צו שאָלעם, מיט דער האָפענונג פארניכטן דאָס סאמע שרעקלעכסטע געווער, וואָס האָט שוין באוויזן פארשאפן דער מענטשהײַט פיל אומגליקן און ליידן.

ווי א שארפער פּאָליטישער פּאמפלעט קלינגט די ליד „א מאלפּע און א דיפּלאָמאט". א מאלפּע און א דיפּלאָמאט האָבן זיך געטראָפן אף יענער־וועלט און האָבן באהאנדלט די לאגע אין דער וועלט נאָך דעם, ווי די מענטשן האָבן דערגרייכט די לעוואָנע. די מאלפּע טוט א פרעג: „און ווי האלט דאָס דאָרט מיט א געשלעג? יענע וועלט איז גוט באזאָרגט מיט שטיין, יעדער שטיין קאָן ברענגען דאָס געווין". נאָר דער דיפּלאָמאט ענטפערט: „קיינער האלט ניט איצט מילכאָמע מיט א שטיין. ס'איז דײַן קעפּל, נעבעך, זייער, זייער קליין. גאנצע שטעט פארברענט מען ביז א שפּענט, נאָר קיין שטיין מע נעמט ניט אין די הענט"...

און כאַלאָדענקאָ פארענדיקט די ליד אזוי:

אָט די מײַסע כ'האָב ניט אויסגעטראכט.
מיר געכאָלעמט האָט זי זיך באנאכט.
פאר דערפאר, וואָס טאָג און נאכט איך קלער
פון וויעטנאמער אויסגעברענטער ערד.
כ'הער אין שלאָף א קינדערשן געוויין...

אין דעם זעלבן נוסעך איז אָנגעשריבן די ליד „א פערד", אין וועלכער ס'איז באוויזן, אז די כײַע האָט אויסגעפילט איר בארוף צו אקערן, זייען, דינען די רײַטער אאוו. אָבער איצט זײַנען פאראן אנדערע פערדעלעך, מע רופט זיי „ראקעטן", „אזוינע פערדעלעך געפערלעך גלעטן"...

אָט אזוינע זײַנען זיי, די דײַגעס פון דער דיכטערן, וועלכע רופן זיך איבער מיט די דײַגעס פון דער פּאָרגעשריטענער געזעלשאפטלעכקײַט.

מײַסטעריש איז אָנגעשריבן די ליד „איך האָב דיך אף דער וועלט געבראכט". די דיכטערן באווײַזט, ווי גרויס ס'זײַנען די ליידן פון א מוטער, וועלכע לעבט איבער פאר דעם גוירל פון איר זון:

אָ, מיר זאָל זײַן פאר דיר, מײַן קינד,
האָסט א מילכאָמע דען פארדינט?
און פאר די זײַלן כ'נעם די וועלט,
ווער ס'האָט נאָר גאָט אין הארצן, העלפט!
— — — — — — — — — — — — — —
מײַן הארץ איז שטענדיק אף דער וואך,
איך האָב דיך אף דער וועלט געבראכט.

מיט דעם ציקל לידער „יעדער טאָג א דאטע" פארענדיקט זיך די זאמלונג „דאָס וואָרט". אין אָט דעם ציקל זײַנען אײַנגעשלאָסן די בעסטע לירישע, ליריש־

פילאָסאָפישע לידער, וועלכע עס האָט איבערגעלאָזט פאַר אונדז שיפרע כאַלאַדענקאָ. פון ליד צו ליד זעט מען איר שטאַרקע באַגאַבונג, ווי מײַסטעריש זי פאַרקערפּערט אַזעלכע געפילן, צו וועלכע מע קאָן זיך צורירן נאָר מיט ציטער אין האַרצן.

די פּראָבלעם פון לעבן און טויט פאַרנעמען א היפּש אָרט אין דעם דאָזיקן ציקל. מיר באַקאַנען זיך מיט דער דיכטערנס אַרט דענקען וועגן דעם, וואָס עס איז אומענדלעך אין דער נאַטור, אין לעבן. כאָ־לאַדענקאָ פאַרשטייט, אַז דער אַלגעמיינער לעבנס־פּראָצעס איז אומענדלעך, און ס׳איז ניט פאַראַן אַזאַ קויעך, וואָס זאָל אים קאָנען אָפּשטעלן. מיט אָט דעם גרונט־מאָטיוו איז פאַרבונדן איר וועלט־באַנעם, די פילאָסאָפיע פון לעבן און טויט.

סײַ אין פרייד און סײַ אין טרויער
הײַזער האַלט מען אין אײַין בויען,
קינדער האַלט מען אין איין האָבן,
און, פאַרשטייט זיך, גריבער גראָבן...

אין דער זאַמלונג „דאָס וואָרט״ טרעפן מיר אייגנ־אַרטיקע נאַטור־בילדער, וועלכע דינען אַלס מיטל צו אונטערשטרײַכן געדאַנקען, געפילן. א פּאָר בײַ־שפּילן:

עס בליִען גרויסאַרטיקע מאָנען,
עס רוישט שוין דער יונגינקער וואַלד.

ווי גרינג קומט עס אָן אין דערמאָנונג,
אָט דאָס, וואָס פאַרגעסט זיך מיט גוואַלד.

אין דער ליד „פרילינג״:

א נײַס!
א נײַס!
דער סאָד איז ווײַס
און עטוואָס ראָז!
ס׳האָט יעדער קנאָספּ
זיך שוין צעלאָזט:
ס׳איז יעדער קווייט
צעעפנט ברייט.
פאַר פרייד
זי איז שוין שטאַרבן גרייט.

אין שיפרע כאַלאַדענקאָס גאַנצער שאַפונג איז צו זען די ווירקונג פון איר עלטערן ברודער, דעם גרויסן ייִדישן סאָוועטישן פּאָעט דאָוויד האָפשטיין, וועלכן זי דערמאָנט אין אירע לידער מיט ליבע און אָפּשײַ.

שיפרע כאַלאַדענקאָ איז שוין ניטאָ צווישן די לע־בעדיקע. איר דיכטעריש וואָרט וועט בעלי־סאָפעק אַרײַן אינעם אויצער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור ווי א באַדײַטנדיקער בײַטראָג.

יאשע טשערניס

מיט אייגענעם גאַנג

די פּאָעטישע איבערזעצונג האָט דערגרייכט אין׳ דער סאָוועטישער ליטעראַטור א באַדײַטנדיקע הייך. ניט בלויז דעם געדאַנק, נאָר אויך זײַנע פאַרשיידענע ניואַנסן, אינטאָנאַציעס, די פּלאַסטיק פון דער פאָרם, וואָס איז אויסגעדריקט אין אָריגינאַל אָף אַן אַנדער שפּראַך, דעם נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, זײַן בילדערישע סיסטעם — דאָס אַלץ קענען אָדער דאַרפן קענען איבערגעבן די דיכטער־איבער־זעצער, קעדיי דער אָריגינאַל זאָל אין דער איבער־זעצונג קלינגען אין דער פולער מאָס.

ריווע באַליאַסנעס בוך לידער, וואָס איז דערשינען אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ אין דער איבערזעצונג פון ר. זאַסלאַווסקי, גיט א גוטע גע־לעגנהײַט צו רעדן סײַ וועגן דער דיכטערנס שאַפונג, סײַ וועגן די דערגרייכונגען פון דער איבערזעצונג אין רוסיש פון נאַציאָנאַלער דיכטונג, דערונטער פון ייִדישער.

שוין אַליין דער נאָמען פון באַליאַסנעס בוך — „א פערטל יאָרהונדערט״ — זאָגט איידעס, אַז די דיכטערן האָט דורכגעמאַכט א היפּשן וועג אין דער ליטעראַטור און איז אַצינד געקומען צום לייענער מיט א זאַמלונג, וועלכע פירט אונטער א מין סאַ־כאַקל פון אָט דעם וועג.

באַליאַסנע האָט איר אייגענעם גאַנג, אָדער, ווי זי דריקט זיך אַליין אויס, איר „אייגענעם אָטעם״:

נאָר ס׳איז מײַן גאַנג מײַן אייגענער, איר הערט?
אויב כ׳פּאַל — איז אופשטיין אויכעט מיר באַשערט!

דער איבערזעצער האָט עס איבערגעגעבן אַזוי:

Но у меня зато своя походка.
Тем и горжусь. Вы поняли? — своя!

און טאַקע גראָד דאָס איבערגעבן די אייגנאַרטי־קײַט פונעם דיכטער — איז די שווערסטע אויפגאַבע באַם איבערזעצן. אין געגעבענעם פאַל איז די אינ־טאָנאַציע פונעם אָריגינאַל אַן אײַדעלע, אַן אופריכ־טיקע, ס׳איז קוים צו באַמערקן דעם לירישן שמייכל, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין באַליאַסנעס דיכטונג.

דער איבערזעצער האָט זיך באַמיט איבערצוגעבן די דאָזיקע אייגנשאַפט. אָפט הערט מען אפילע אינעם רוסישן פערז דעם אָריגינאַל. דערבײַ גייט ניט דער איבערזעצער מיטן צווייפלהאַפטן וועג אַרײַנצושטופּן מיט גוואַלד דעם אויבערפלעכלעכן „קאָלאָריט״ — ווי באַוווּסט, זײַנען אַזעלכע פּרוּוון געמאַכט געוואָרן ניט זעלטן, און אַלעמאָל האָבן די איבערזעצער געליטן א דורכפאַל.

Рива Балясная. Четверть века. «Советский писатель», Москва, 1973.

קודעמקאָל דאַרף מען איבערגעבן די דיכטערישע שפראך, די בילדערישע אייגנארטיקײַט פונעם אָרי־גינאל — און דעמלט וועט דער קאָלאָריט שוין בע־מיילע קומען. צו דעם האָט טאַקע געשטרעבט ר. זאסלאווסקי, אויסמײַדנדיק דערבײַ די געפאר ארײַנ־צופאלן אין „בוקוואליזם", דערפאר האָט ער זיך דער־נענטערט צו דער דיכטערנס מאניר. און מיך, ווי א לייענער, וואָס איז באקאנט מיטן אָריגינאל פון באליאסנעס לידער, איבערצײַגט דער צונויפגוס פון דער דיכטערנס און דעם איבערזעצערס אינטאָנא־ציעס. אָט, לעמאָשל:

ווי נאָר כ'נעם אויף פאר פײַער קאלטן אײַז,
מיט פײַער טוט די דלאָניע גלײַך א בײַס...

И только я приму за пламя лед —
Он как огонь ладони обожжет.

ס'איז איינזאם נאָר א וואסער־שטראָם, א שטיין —
א מענטש איז צווישן מענטשן ניט אליין.

Одинок только камень и горный поток —
Человек в человечестве не одинок.

מײַן שווײַגן איז שוין אויך אין ווערטער ענלעך,
אין שווײַגן איז קיין זינד ניטאָ, פארשטענדלעך...

Мое молчанье на слова похоже,
В моем молчанье нет еще греха...

דער איבערזעצער שטרעבט פארהיטן דעם אווי־טאָרס סטיל און סטראָפיק. א גאנצע ריי לידער האָט ער איבערגעזעצט אזוי פינקטלעך, אז איר האָט א געפיל, פונקט ווי איר וואָלט געלייענט דעם אָריגי־נאל. אזעלכע זײַנען די לידער „קרעפטיקע ביימער וואקסן פאמעלעך", „קליגער ווערן מיר צו שפעט", „קלאָג זיך ניט — די וואָר איז פרעכטיק" און אנ־דערע.

עמעס, אין אייניקע איבערגעזעצטע לידער פילט זיך פאָרט, אז ר. זאסלאווסקי האָט איבערגעכאפט די מאָס, צוגעבנדיק ניט ווייניק „פון זיך". אין דער ליד „איך לעב, דאכט זיך, א גאנצן יאָרהונדערט" טרעפן מיר אזעלכע שורעס:

«Я превращаюсь во вселенский слух», «Опять стою на сквозняке времен», «Мой дух высок и слух мой изощрен...»

ווער עס וויסט ריווע באליאסנעס ליד, וועט גלײַך דערזען, אז אָט די „הויכע רייד" זײַנען ניט אירע.

און אָט איז א בײַשפיל, ווען דער איבערזעצער ברענגט א קאָרבן דעם דיכטערישן אָריגינאל מיט זײַן געדאנק און פאקטור בלויז צוליב א גראם. בא בא־ליאסנען:

די נאטור האָט אזויפיל גרינס:
גרינע וועלדער און גרינע לאָנקעס,
גרינע יאמען אף רעכטס און אף לינקס,
גרינע ווינטן אין פרילינג בלאָנקען.
די נאטור האָט אזויפיל שווארצס:
שווארצן טרויער און שווארצע רויערד.
די נאטור האָט אזויפיל הארץ,
ווען געפאר איבער מענטשן לויערט.
די נאטור האָט אזויפיל רויטס:
רויטע זון און רויטע בלעטער...

דער איבערזעצער אָבער לאָזט זיך אראָפ צו א פאשעטן שאבלאָן:

Но сердце живет без опаски,
Горит вдохновенья огнем...

דאָס איז בא דער דיכטערן ניטאָ. באליאסנעס שו־רעס זײַנען פול מיט אן אומרויִקן פלאטער, מיטן געפיל פון דער פארשיידנארטיקײַט, וואָס איז פאר־באָרגן אין די פארבן פון דער נאטור.

דאָס זעלבע איז געשען אויך אין דער איבערזעצונג פון דער ליד „כ'האָב שוין לאנג ניט געשריבן". בא באליאסנען:

כ'האָב שוין לאנג ניט געשריבן —
גאנצע דרײַ וואָכן.
כ'האָב שוין לאנג ניט געשריבן,
קיין פען ניט געבראָכן.
און ס'איז גאָר ניט צעקײַען,
וויפל ס'קאָסט מיר דאָס שווײַגן,
ווען די שורעס שרײַען,
ווי צעבראָכענע צווײַגן...

באם איבערזעצער אָבער האָט זיך באקומען:

Я давно не писала —
Три недели подряд.
Я давно не писала —
Пусть мне люди простят.
Не прошу я поблажки,
Не блажу от обид...

ווי ס'איז צו זען, איז די ערשטע סטראָפע איבער־געגעבן געוואָרן אין רוסיש קימאט פינקטלעך, נאָר מיט דער צווייטער סטראָפע איז דער איבערזעצער זיך באגאנגען, איידל גערעדט, גאנץ פרײַ. פאר־שטייט זיך, אין געוויסע פאלן קאָן מען איין דיכטערישן גאנג פארבײַטן מיט אן אנדערן, נאָר אָן א שאָדן פאר דער שטימונג פון דער ליד.

די געבראכטע בײַשפילן באווײַזן, אז דער איבער־זעצער איז אָפטמאָל געגאנגען לויטן פרינציפ פון ניט קעגנשטעלן זיך דעם ווידערשטאנד פונעם מא־טעריאל, און דאָס איז באזונדערס פארדריסלעך, ווען דער אָריגינאל גיט דעם איבערזעצער גענוג שטאָף פאר אדעקוואט אויסדריקן דעם דיכטערישן פאר־טראכט. עמעס, מע קאָן צום איבערזעצער ניט האָבן קיין איבעריקע טײַנעס דעמלט, ווען די ליד איז א שוואכע, א צעפלאָסענע. דעריבער האָבן זיך טאקע באקומען אזוי פארנעפלט די לידער „כ'פיר מיט די שטערן דעם דערשיטערטסטן געשפרעך", „ווי מאָד־נע איז דער מענטש פארטראכט", „כ'בין צוגעוווינט זיך זען אין מײַנע שפיגלען". גיכער פאר אלץ וואָלט דער אווטאָר ביכלאל ניט באדארפט די דאָזיקע לי־דער אײַנשליסן אין דער זאמלונג.

צו די סאמע געלונגענע ווערק אינעם ביכל געהערט אָן סאָפעק די פאָעמע „איסאק לעוויטאן". דאָס איז, מעגלעך, דער ערשטער פרווו דיכטעריש צו בא־טראכטן די פערזענלעכקײַט און דעם גוירל פונעם אָנגעזעענעם רוסישן פייזאזשיסט. די פאָעמע איז, ווי אונדז שײַנט, א היפשע שעפערישע דערגרייכונג פון דער דיכטערן. מיר דערפילן די טיף־לירישע, דערהויבענע נעשאָמע פונעם גרויסן קינסטלער, זײַן

אומגעהייערע ליבע צו רוסלאַנד, וואָס איז אַזוי גענ‍יאַל פאַרקערפּערט אין זײַנע בילדער.

די פאַקטן פון לעוויטאַנס ביאָגראַפיע זײַנען געגעבן געוואָרן אין דער פּאָעמע שפּאָרעוודיק און וואָגיק. דאָס געשטאַלט פונעם קינסטלער, ווי אויך די געשטאַלטן פון די פרײַנט, וועלכע רינגלען אים אַרום, זײַנען אָנגעצייכנט פּינקטלעך און אויסדריקלעך.

דער איבערזעצער האָט וואָרהאַפטיק איבערגעגעבן לעוויטאַנס געמיט:

...Устало дрогнет сердце Левитана,
Он в лес уйдет осенний и туманный,
И будет день и ночь бродить с ружьем
И безнадежно думать о своем..

דער רוסישער לייענער האָט באַקומען אַ מעגלעכקײַט נעענטער זיך באַקענען מיט דער שאַפונג פון איינער פון אונדזערע באַגאַבטע דיכטערנס.

לעוו פּרוכטמאַן

וועגן צוויי לידער־זאַמלונגען מיט נאָטן

זינאָווי שולמאַן האָט צענדליקער יאָרן געזונגען ייִדישע לידער. מאַסן צוהערער פלעגן גערן באַזוכן זײַנע קאָנצערטן. ווען אַזאַ באַגאַבטער קונסט־טוער גיט אַרויס אַ לידער־זאַמלונג, דערצו נאָך מיט אייגענע טעקסטן און מעלאָדיעס, איז עס אַוודאי אַ טײַערע מאַטאָנע פאַר די ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליד.

גלײַך פון אָנהייב מוז איך באַמערקן, אַז ס׳איז אַ שאָד, וואָס אין אָט דער זאַמלונג פעלן די ייִדישע טעקסטן פון די לידער. עפּשער איז דער פאַרלאַג שולדיק? אַוודאי ניט. מאַכמעס אין דעם זעלבן פאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר“ איז אין דעם זעלבן יאָר 1974 אָפּגעדרוקט באַסיע רובינס זאַמלונג „ייִדישע לידער“, אין וועלכער מיר געפינען די ייִדישע טעקסטן באַנאַנד מיט זייערע רוסישע איבערזעצונגען.

שולמאַנס זאַמלונג איז לויט איר טעמאַטיק פאַרשיידנאַרטיק. דאָ האָט איר לידער, וואָס דערמוטיקן, אַזעלכע, ווי ווערגעליסעס „די נײַע ליד“ מיט קאָמפּאָנייעצעס מוזיק, ז. בערדיטשעווערס „שפּיל, פּאַסטעכל“ אויפן מאָטיוו פון אַ פאָלקס־מעלאָדיע, און נאָך.

אינטערעסאַנט זײַנען אויך די בענקעניש־לידער: מ. געבירטיגס „קינדער־יאָרן“ (זײַנע ווערטער און זײַן מוזיק), די ליד „אַהיים“ מיט ז. שולמאַנס טעקסט צו אַ פאָלקס־מעלאָדיע, די פאָלקסליד „דאָס טײַבעלע“ מיט ז. שולמאַנס מעלאָדיע.

אַ פּרינציפּיעלע דערשײַנונג אין אָט דער זאַמלונג איז ווערגעליסעס „נײַע ייִדישע ליד“, וועלכע רופט אָפּצוזאָגן זיך פון די מאָטיוון פון ווייטעק און שווערמוט. די „נײַע ייִדישע ליד“ עפנט נײַע מעגלעכקײַטן פאַר דער אַזויגערופענער „פּערזענלעכער טעמע“, פירנדיק זי אויף געזעלשאַפטלעך נוצלעכע וועגן, פאַרברײטערנדיק זי מיטן אינטערנאַציאָנאַלן מאָטיוו.

קימאַט די זעלבע אינטאָנאַציע, וואָס אין דער „נײַער ייִדישער ליד“, לאָזט זיך הערן אין ז. בערדיטשעווערס „שפּיל, פּאַסטעכל“. דאָס ווערט קלאָר פון די געציילטע שורעס, וועלכע מיר ווילן דאָ ציטירן:

שפּיל זשע, שפּיל, דעם פּאַסטעכס פײַפל,
מענטשנס הערצער ווערסט דערקוויקן,
שענק זיי פליגל פון פרײַע פייגל.
און פון איין יאַם ביזן צווייטן
זאָל אַ מענטש פון פּײַן ניט וויסן.

נאָר אויב אין דער „נײַער ייִדישער ליד“ איז קאָמפּאָנייעצעס מוזיק אין איינקלאַנג מיט ווערגעליסעס טעקסט, איז וועגן אַזאַ צוזאַמענהאַנג פון בערדיטשעווערס טעקסט מיט דער פאָלקס־מעלאָדיע ניט שײַעך צו ריידן, פּשוט דערפאַר, וואָס די צוגעפּאַסטע מעלאָדיע איז גוירעם אַ מינאָרע שטימונג.

אין שולמאַנס זאַמלונג געפינען מיר, באַנאַנד מיט לידער, וועלכע אָטעמען מיט מוטיקײַט, אויך אַזעלכע, וואָס רירן אונדז מיט אַ געפיל פון בענקשאַפט. צווישן זיי טיילט זיך אויס די ליד „אַהיים“ (שולמאַנס טעקסט, געזונגען אויף אַ מאָטיוו פון אַ פאָלקסליד). דער אווטאָר גיסט אויס פאַר אונדז זײַן ביטער האַרץ, ווײַל נאָך דער מילכאָמע האָט ער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך געאײַלט אַהיים, צו דער מאַמע, נאָר דערזען האָט ער זײַן היים אָן אַ דאַך, מיט אַ נאַקעטן קוימען, און דעריקער — קיין מאַמע איז ניטאָ... ז. שולמאַן פאַלט ניט אַרײַן אין ייִעש. פאַרכלינעט זיך ניט מיט טרויער. אָבער טרערן גיסן זיך, אַ שווערער קרעכץ רײַסט זיך פונעם האַרצן. און דאָס שפּירט זיך אין דער מוזיק. יאָ, די טענער פון דער מוזיק זײַנען וויינענדיקע — זיי דערציילן וועגן גרויסן בראָך.

גאָר אַן אַנדער אינטאָנאַציע דערהערן מיר אין מ. געבירטיגס „קינדער־יאָרן“. דאָ איז שוין אויס שוואַרצע פאַרבן. פאַר געבירטיגס קויעך־האַדימיען שווימען דורך די קינדער־יאָרן. אָרעמע עלטערן. אָבער פאָרט — קינדערשע זאָרגלאָזיקײַט, קינדערשע פריידן. פאָרט בעסער ווי דאַן, ווען דער קאָפּ איז גראָוו און דאָס האַרץ איז מיד. און פּונקט ווי די ווערטער פון דער ליד, אַזוי פול מיט בענקעניש איז די מוזיק.

„ייִדישע לידער פון זינאָווי שולמאַנס רעפּערטואַר“. „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר“, מאָסקווע, 1974.

באַסיע רובין. ייִדישע לידער. „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר“. מאָסקווע, 1974.

אין דער זאַמלונג געפינען מיר דרײַ לידער, וווּ עס האַנדלט זיך וועגן יוגנטלעכער ליבע. צום באַדויערן אָבער, זײַנען זיי ניט גאָר קיין אויסדריקלעכע. אָט לאָמיר נעמען די ליד „זאָלסט מיר זיך ניט כאָלעמען — מע דאַרף ניט". די מוזיק, וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר ד. ניסניעוויטש האָט דאָ פאַרפאַסט, איז דערהויבענער פון ז. שולמאַנס טעקסט... דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט דער ליד „סימכע און זײַן ווײַב" (ווערטער פון י. קאָטליאַר, מוזיקאַלע באַאַרבעטונג פון ז. קאָמפּאַנייעץ).

ניט געקוקט אָף אָט די שוואַכקײַטן, איז אָבער זייער נאָווי שולמאַנס זאַמלונג, אין אַלגעמיין, א ווערטפולער בײַטראָג צום רעפּערטואַר פון דער ייִדישער עסטראַדע.

באַסיע רובין איז לויט איר פּראָפעסיע ניט קיין מוזיקאַנט. מוזיק — דאָס איז איר צווייטער באַרוף. אַלע אירע יאָרן איז זי אַן ענטוזיאַסטקע פון ייִדישן פאָלקלאָר.

רובין האָט פאַרפאַסט העכער צוויי הונדערט מעלאָדיעס. די מערהײַט איז צוגעפּאַסט צו אירע אייגענע טעקסטן. מע דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז רובינס מוזיקאַלישע מאַטעריאַלן — דאָס איז עכטע זעלבסטעטיקײַט, מאַכמעס קיין מוזיקאַלישע בילדונג האָט זי ניט פאַרמאָגט. וואָס איז שײַעך אירע טעקסטן, איז זי אויך אַן אווטאָדידאַקט. און ס'איז ניט לײַכט צו פעסטשטעלן, וואָס עס ווערט בײַ איר פריִער געבוירן: די מעלאָדיע צי דער טעקסט.

ווי אין אַנדערע לידער־זאַמלונגען, זײַנען אין באַסיע רובינס זאַמלונג פאַראַן געציילטע לידער, וואָס רופן קיין ספּייקעס ניט אַרויס. אַזעלכע זײַנען איר „שאָלעם־ליד", די וויגליד. באַנאַנד ־ מיט זיי געפינען מיר פּאָזיציעס, וואָס קאָנען אַרויסרופן כלורקעדייעס.

פון די אַכט לידער אין דער זאַמלונג האָבן צוויי געקראָגן פון באַסיע רובין בלויז זייער מוזיקאַלישע באַגלייטונג, מאַכמעס דער אווטאָר פון די טעקסטן איז דער דיכטער מ. ליפּשיץ. איין טעקסט איז געדרוקט אונטערן קעפּל — „די טירן עפן ברייט".

דער דיכטער האָט גענומען א פּאָפּולערן פאָלקספּרוך: „דו ביסט אַרײַן — פאַרמאַך נאָך זיך די טירן, דו ביסט אַוועק — פאַרלעש נאָך זיך די ליכט" און האָט אונדז אָנשטאָט אים דערלאַנגט דעם היפּוך: „דו ביסט אַרײַן — די טירן עפן ברייטער, דו ביסט אַוועק — צינד אָן נאָך זיך א פלאַם". אַזוי־אַרום, ווערט א פּאָשעטער שטייגערישער אימפּעראַטיוו פאַרוואַנדלט אין א פילאָסאָפישן אַפאָריזם, דעריקער אין זײַן צווייטן טייל: „דו גייסט אַוועק — צינד אָן נאָך זיך א פלאַם". ווען יעדערער פון אונדז וואָלט זוכע זײַן אָנצינדן נאָך זיך כאָטש א פיצעלע פלעמל, וואָס זאָל לאַנג ניט אויסגעלאָשן ווערן, וואָלט ער שוין געווען גליקלעך. די מוזיק קלינגט מאַיעסטעטיש, פײַערלעך, און דאָס איז א געווינס פאַר דער גאַנצער זאַמלונג.

אין א צווייטער ליד, וווּ דער אווטאָר פונעם טעקסט איז מ. ליפּשיץ און וואָס איז אָפּגעדרוקט אונטערן קעפּל „פאַרוואָס?", גיסט אויס פאַר אונדז איר שווער האַרץ א פּאָשעט מיידל: אירע כאַווערטעס זײַנען ניט קליגער און ניט שענער פון איר, און דעריקער — „צי מײַנע פּראָסטע פינגער עס מיִען זיך ניט ערלעך?", און דאָך — פאַרוואָס פאַרמאָגן אַנדערע גליק („א קינד מיט בלויע אויגן זאָל אָנרופן מיך „מאַמע") און זי... זי קומט אַהיים און — ניט קיין מאַן און ניט קיין קינד...

ס'איז דער אייביקער „פאַרוואָס", די אייביקע טײַנע צום גוירל. און ווי פאַרזאָרגט עס זײַנען די ווערטער פונעם טעקסט, אַזוי שפּירט זיך אַן אינטאָנאַציע פון טרויער אין דער מוזיק, צײַטנווײַז אַפילע א ווייגעשריי. מעגלעך, אַז דאָס ווערק איז עמאָציאָנעל איבערגעזעטיקט.

א בעקאָוועדיקן פּלאַץ פאַרנעמען אין אָט דער זאַמלונג דרײַ קינדער־לידער. קענטיק, אַז ב. רובין פילט זיך היימיש אין דער קינדער־וועלט.

אין דער ליד „איך וויל פליִען אין קאָסמאָס" שטרעבט ב. רובין צו באַקאַנען אונדז מיט קינדערשע טרוימען. דאָס מיידעלע, וואָס פיגורירט אין דער ליד, באַרימט זיך, אַז בײַ איר איז דאָס שענסטע קליידעלע. ס'איז א מאַטאָנע, וואָס די קאָסמאָנאַווטקע האָט איר געבראַכט פון דער לעוואָנע. פאַראַן אין אָט דער ליד אויך שורעס, וווּ דער אווטאָר האָט שוין פאַרלאָזט די פאַנטאַסטיק און פירט אונדז צום רעאַלן, צום מאַמאָשעסדיקן. אָט זײַנען זיי:

איך וויל גיכער וואַקסן,
זיך לאָזן צו די שטערן —
ס'וועט פון קאָסמאָס גיין מײַן שטים
און די ערד וועט הערן.

די מוזיק איז דאָ דינאַמיש. אײַך דוכט זיך, אַז זי גיט איבער דעם אומגעדולד פונעם קינד, וואָס וויל שוין וואָס גיכער אויסוואַקסן און זיך לאָזן פליִען...

מ. רובין אינטערעסירט זיך ניט נאָר מיט קינדערשע טרוימען — זי שפּירט נאָך דעם וווּקס פון קינדערשן באַוווּסטזײַן, דעם פּראָצעס, וויאַזוי עס קומט פאָר זייער אַנטוויקלונג. אין דער ליד „אַלעפבייס" טײַנעט זי אײַן מיט די פיצלעך קינדער, זיי זאָלן מיט כיישעק זיך לערנען. נאָך מײַן מיינונג האָט זי אין איר ייִדישן טעקסט ניט געפונען די פּאַסיקע ווערטער, וואָס זאָלן ווי געהעריק רעגן דאָס קליינוואַרג.

אינטערעסאַנטער איז די רוסישע איבערזעצונג, וועלכע ס'האָט געמאַכט דער דיכטער מ. וולאַדימאָוו. לויט זייער אינהאַלט זײַנען די צוויי טעקסטן גאַנץ ווײַט איינער פונעם צווייטן. וואָס איז שײַעך דער מוזיק פון דער ליד, איז זי א פּאָשעטע — אין גײַסט פונעם ייִדישן פאָלקלאָר. פאַראַן אין אָט דער מעלאָדיע אייגנס.

אין שײַכעס צו א צווייטער ליד פון באַסיע רובין — „א ווינטער־שפּיל" — שאַדט ניט א שמועס טאָן וועגן דער אַכרײַעס פון אַן איבערזעצער. דער איבערזעצער איז ניט מעכוייעוו בוכשטעבלעך (וואָרט אין וואָרט) איבערגעבן דעם סיפּער־האַמײַסע פון א ליד, ער מוז ניט שקלאַפעריש איבערכאַזערן דעם אָריגינאַל. אָבער בענעגייע אייניקע ב. רובינס לידער דערלויבט זיך דער איבערזעצער צײַטנווײַז צופיל פרײַהײַט, איגנאָרירנדיק דעם אָריגינאַל. אין דער ליד „א ווינטער־שפּיל" ווערט דערציילט, ווי קינדער קלעפּן אויס פון שניי א באָבע. בײַ וולאַדימאָוון ווערט די באָבע פאַרוואַנדלט אין א מאַנצבל. דער־

בײַ פאַרזיכערט דער איבערזעצער, אַז דער גוילעם „היט אונדזער שטוב", ווען באַ ב. רובין איז די פאַנטאַזיע פון די קינדער געריכטעט אויף אָפּהיטן „די גרענעצן פון אונדזער לאַנד".

צום שלוס ווילט זיך זאָגן, אַז סײַ ז. שולמאַנס, סײַ ב. רובינס יִדישע לידער־זאַמלונגען האָבן געווונען א סאך דערפון, וואָס עס האָבן די לידער האַרמאָניזירט אַזעלכע דערפאַרענע מײַסטערס, ווי די קאָמפּאָזיטאָרן ל. פּולווער, ז. קאָמפּאַנייעץ, ז. שולמאַן און וו. סיבירסקי.

יעשוע ליובאָמירסקי

„די שומרונישע שפּראַך"

דער בוך איז א רעזולטאַט פון 15 יאָר אַרבעט פונעם מעכאַבער. אויף אָט דער טעמע האָט לייב ווילסקער פאַרטיידיקט א דיסערטאַציע אין 1970 און באַקומען דעם טיטל קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן.

ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין דער אַנאָטאַציע פון דער רעדאַקציע, איז דער בוך דער ערשטער פרווו (אויף דער רוסישער שפּראַך) צו שאַפן א לינגוויסטישע כאַראַקטעריסטיק פון דער שומרונישער שפּראַך—פון איר פאָנעטיק, מאָרפאָלאָגיע, סינטאַקסיס און לעקסיק, און אַז אין דער אַרבעט זײַנען אויסגענוצט אומבאַוווּסטע און אפּסנײַ אַנטדעקטע קסאַוויאַדן און דענקמעלער פון שומרונישע שריפטן. דער בוך איז זייער נוצלעך פאַר שפּראַכקענער, היסטאָריקער, פּעדאַגאָגן און סטודענטן פון מיזרעך־פאַקולטעטן.

די שומרונישע שפּראַך (ווײַטער — „ש. ש.") איז א דיאַלעקט פון מיטל־אַראַמעיִש, וואָס געהער צו די סעמיטישע שפּראַכן. אין מעשעך פון פיל יאָרהונדערטן איז די „ש. ש." געווען פאַרשפּרייט אַלס גערעדטע און געשריבענע שפּראַך אין דעם צענטראַלן טייל פון פּאַלעסטינע. איצט איז דאָס אַן אָפּגעשטאָרבענע שפּראַך, וואָס איז פאַרבליבן נאָר אין רעליגיִעזע שריפטן.

אין אַרײַנפיר פונעם בוך ווערט געגעבן א קורצער איבערזיכט איבער דער געשיכטע פון די שומרונים, איבער דער אַנטוויקלונג פון דער „ש. ש." און איר אָרט צווישן אַנדערע אַראַמעיִשע שפּראַכן, איבער לעקסיקאָגראַפישע ווערק, דיכטונג, אויפשריפטן, קאַלענדאַרן אאַוו.

פון די וויכטיקסטע קוועלן איז קעדײַ אָנצורופן דעם „שומרונישן כומעש", וואָס איז געשריבן אויף העברעיִש מיט שומרונישן קסאַוו. דער „כומעש" פאַרמאָגט א גרויסע צאָל (ביז 6000!) אָפּווײַכונגען און אונטערשידן פון דעם קאַנאָניזירטן טעקסט פון „טויראַס־מוישע". זייער א גרויסע ראָל שפּילט דער „שומרונישער טאַרגום", וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַן איבערזעצונג פון „טויראַס־מוישע" אויף דער „ש. ש." און איז געשאַפן, וואַרשײַנלעך, ביז דער נײַער צײַטרעכענונג.

אין דער מאָנאָגראַפיע איז געגעבן א גענויע וויסנשאַפטלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דעם שריפט־ און קלאַנגען־באַשטאַנד, גראַמאַטיק, סינטאַקסיס און לעקסיק פון דער „ש. ש.", מיט א גרויסער צאָל טאַבעלן, בײַשפּילן, פאַרגלײַכונגען אדג. צום סאָף גייט א באַשרײַבונג פון דער ספּעציפיק פון שומרונישן קאַלענדאַר און צײַטרעכענונג.

אין דער בײַלאַגע ווערן געבראַכט מוסטערן פון שריפט, אויפשריפטן, שפּריכווערטער אאַוו. אינטערעסאַנט זײַנען אין דער בײַלאַגע די פּאַלעאָגראַפישע טאַבעלן, ווו ס'איז באַוויזן די בעהאַדראָגעדיקע אַנטוויקלונג פון שומרונישן שריפט. מיר האָבן דאָ אויך זייער א רײַכע ביבליִאָגראַפיע פון 133 געדרוקטע קוועלן, ווי אויך פון 954 מאַנוסקריפּטן.

זייער גוט האָט געטאָן די רעדאַקציע, וואָס זי האָט געגעבן אויף דער אינערלעכער זײַט פונעם שאַרבלעטל די קאַרטע פון דעם מיטעלן און נאָענטן מיזרעך. א שאָד אָבער, וואָס ס'איז ניט אָנגעוויזן די שטאָט נאַבולוס (שכעם), וואָס איז נאָך אַדהײַנט דער צענטער פון סאַמאַריע.

א פּאָר ווערטער וועגן דעם מעכאַבער פונעם בוך.

לייב ווילסקער — דער הויפּט־ביבליִאָטעקער פון דער לענינגראַדער עפנטלעכער מעלוכע־ביבליִאָטעק אויף מ. יע. סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען — האָט פאַרענדיקט דעם סעמיטאָלאָגישן אָפּטייל פונעם לענינגראַדער מעלוכע־אוניווערסיטעט אין 1950 יאָר. א טאַלמיד פונעם סעמיטאָלאָג פּראָפעסאָר יִיצכאָק ווינִיקאָוו, איז ער באַ הײַנטיקן טאָג אַן אָנגעזעענער ספּעציִאַליסט פון העברעיִש און יודאִיסטיק. אַראַביש האָט ער געלערנט באַם אַקאַדעמיקער קראַטשקאָווסקי און באַם פּראָפ. וו. אי. בעליאַיעוו, סיריש — באַ דעם מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר נ. יע. פּיגוליעווסקאַיאַ. כוץ העברעיִש און אייראָפּעיִשע שפּראַכן, באַהערשט ער סיריש, שומרוניש, אוגאַריטיש און אַקאַדיש (פּלעקל־שפּראַכן). ביזן הײַנטיקן טאָג האָט ל. ווילסקער פאַרעפנטלעכט אַרום 60 פאַרשידענע אַרבעטן.

ארן ווינקאָוועצקי

Л. Х. Вильскер. Самаритянский язык. АН СССР. Институт востоковедения. Изд-во «Наука», М., 1974.

לייענענדיק עליִאָהו רײַזמאַנס בוך „ווידערקלאַנגען"

„ווידערקלאַנגען" — אַזוי הייסט די לידער־זאַמלונג פון עליִאָהו רײַזמאַן, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע סוף 1974. די 109 לידער אין דער זאַמלונג רופן אַרויס באַם לייענער געדאַנק און געפיל, עס רודערט אין האַרצן, אין מויעך, און מע קען ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דעם געלייענטן. דער אווטאָר פון די דאָזיקע לידער, עליִאָהו רײַזמאַן, איז ערשט ניט לאַנג געשטאָרבן.

קודעמקאָל דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז אין דער לידער־זאַמלונג איז קלאָר די פאָרגעשריטענע אידייִשע פּאָזיציע פונעם אווטאָר אין דעם הײַנטצײַטיקן סאָציִאַלן לעבן, אין אידעאָלאָגישן קאַמף. רײַזמאַנס דיכטונג איז ענג פאַרבונדן מיט דער צײַט.

אין וואָס באַשטייט די אידייִש־עסטעטישע און סאָציִאַל־פילאָסאָפישע פּאָזיציע פונעם דיכטער? אַן ענטפער אויף דער פראַגע ווערט געגעבן אין די שורעס:

כ׳בין דער הײַנט
און דער אַמאָל,
דער הויכער באַרג,
דער טיפער טאָל;
די פרייד,
דאָס געוויין;
דער רויש פון ווינט,
די שטומקײַט פון שטיין,
די נאָענטסטע נאָענט,
די ווײַטסטע ווײַט.
כ׳בין די צײַט,
וואָס שאַפט און צעשטערט,
כ׳בין דאָס געוויקס,
וואָס וואַקסט און וואַקסט
אַרײַן אין דער ערד.

„ווידערקלאַנג" איז ניט נאָר דער נאָמען, נאָר אויך דער צײַט־מאָטיוו פונעם ווערק, דעם דיכטערס וועלט־שפּירונג, דאָס געזאַנג פון אַ מענטשן, וועלכער פילט „די בליִענדיקע קראַפט פון אַ דעמב", הערט דעם „וואַכנדן רוף פון אַ פויגל", זעט די „צאַרטע האַנט פון דער נאַכט, וואָס באַשיצט די נעסט", און ווען די נאַטור זינגט אין איר בלי־צײַט, „אָן ווערטער פאַרנעמט ער דאָס לאָשן פון אַלע לעבעדיקע". די אַזויגערופענע „אייביקע טעמעס" פון דער וועלט־פּאָעזיע באַקומען באַ רײַזמאַנען אַן אייגנאַרטיקן קינסטלערישן טיקן אַדאַנק דער פרישקײַט פון די וויזיעס, אָריגינעלקײַט פון פערז. דער דיכטער זינגט אַן „אָדע צו די וועלדער", רופט די מאַמע־זון, זי זאָל „די גרויע נאַקעטקײַט פון דער וועלט באַפרײַען מיט דײַנע בונטע פאַרבן". ער פאַלט אַרײַן אין היספּײַלעס פאַר אונדזער ערד „די געדולדיקע, וואָס שלעפּט זונען שווערע אויפן קאָפּ, לעוואָנעס — אויף די פּלייצעס", און ער רופט אויס צו זײַן געליבטער: „הער דאָס שטילע שוידערן אין נאַכט־געצווײַג; אויף סטרונעס פון שטערן־ציטער וויברירט אַ בלוי געזאַנג — דאָס איז מײַן ערעוו־ליד צו דיר". ע. רײַזמאַן האָט פאַרברייטערט דעם האָריזאָנט פון זײַן שאַפן דערמיט, וואָס ער האָט פאַרבונדן די הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמען מיטן היסטאָריזם פון זײַן דענקען. צום אַרסענאַל פון זײַנע אייגנאַרטיקע שילדערונגס־ און פאַרגלײַך־מיטלען געהערן אויך די מיטאָלאָגישע און היסטאָרישע געשטאַלטן פון דער ביבל, פון דער נאָכביבלישער העברעיִשער און אַלט־גריכישער קולטור, די געשטאַלטן, וואָס ווערן אָפט פאַרוואַנדלט אין לירישע העלדן פון זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען. אָט זײַנען אייניקע בײַשפּילן. אין זײַן ליד „פרײַער פון ווינט", וווּ ער פירט אונדז אַרײַן אין זײַן שעפערישער לאַבאָראַטאָריע, ווערט געזאָגט: „אין אַ וואָלקן־פלאַם, ווי אין אַ מערקאָווע שעל אייש, איך טראָג זיך אין הימל — אַ פײַערדיקער רײַטער, כ׳וואַרף אַראָפּ פון זיך דעם מאַלבעש פון בלוט און פלייש, צעברעך די שטאַפּלען פון יאַקאָווס לייטער". מיט אַסאָציִאַציעס פון דער ייִדישער געשיכטע איז דורכגעדרונגען רײַזמאַנס ייִכעס־געזאַנג „איך בין דער גילגל", וווּ עס פיגורירן אַזעלכע היסטאָרישע נעמען, ווי וועספּאַסיאַן, סאַנכיירעוו, טאָרקוועמאַדאַ און אַנדערע. די שעפערישע פאַנטאַזיע פונעם דיכטער גיט אים אַ מעגלעכקײַט צו שרײַבן אַזעלכע שורעס, ווי „מיר ווײַזט זיך אויס, אַז ניט איין מאָל שוין אויף באָוול־טורעמס, מיט פויסטן געבײַלטע, אַנטקעגן הימל בין איך געשטאַנען אין ווײַטן דאָר־האַפּלאָגע־לאַנד, און אַז אייביק וועל איך אַזוי שטיין מיט אַ שטיין אין דער האַנט צו פּלעטן באַ מײַן מיטבויער דעם מויעך". באַם באַזינגען די מעכטיקע יאַם־סטיכיִע באַנוצט ער זיך מיטן אַלט־גריכישן מיטאָס־העלד פּאָסיידאָן (דער גאָט פון די יאַמען), וועלכער איז „אין בליץ אָנגעטאָן און טרײַבט פון די ווײַטן און ברייטן שווערגופיקע כוואַליעס, געשפּענסטער, צעריטשעטע בערישע קעפּ, צעוואָיעטע וועלפישע סטײַעס"...

אַז ע. רײַזמאַן איז געווען באַשאָנקען מיט אַן אייגנאַרטיקער בילדער־וועלט, איז אויך צו זען פון זײַן דערציילערישער ליד „אין אַ ווײַט לאַנד", וואָס איז אַ מין מאָשלאַרטיקע פּאָעטישע פּאַראָדיע אויפן בורזשואַזן סיידער־האָוילעם, ווען פון „די פיס ווערט אַ קאָפּ" און „מיט פיס־געדאַנקען ווערט באַנומען די וועלט".

אין רײַזמאַנס לידער־בוך טרעפן מיר אויך אַנטיפאַשיסטישע מאָטיוון. אָט ווי דער דיכטער רעאַגירט אויף דער הערשאַפט פון נאַצי־פאַשיזם:

דאָס פענצטער פון דער וועלט
איז מיט שטעכל־דראָט פאַרגראַטעט,
און דער הימל איבער דעם
מיט געלע לאַטעס אויסגעלאַטעט.

עליִאָהו רײַזמאַן. ווידערקלאַנגען. וואַרשע, 1974.

אָדער:
פון אָשווענטשים און טרעבלינקע געקומען,
טראָג איך א גאַנצע וועלט מיט אַש אַף מײַן קאָפּ.

„דאָס געוויין פון שטיינער" איז אַן אופטרייסלענדיקע ליריש־עפּישע ליד, ווו דער אווטאָר שרײַט אויס:

האָסטו געזען, ווי שטיינער גיסן טרערן?
האָסטו געזען, ווי שטיינער רײַסן קריִע?
ווי בלוט טריפט ארויס פון זייער שטייניק הארץ
מיט לעבעדיקע אײַנגעקריצטע נעמען?

דער מענטש קאָן זײַן בייזער פון א וואָלף — אָט די גרונט־אידיי גייט דורך ווי א רויטער פאָדעם דורך דער סימבאָלישער ליד „דעם וואָלפס טפילע", ווו דער פּאָעט לייגט ארײַן אין מויל פונעם וואָלף די פאָלגנדע ווערטער: „באשיץ מיך, מענטשלעכער, שרעקלעכער גאָט, פון דײַן צווייפיסנדיק אויג און זײַן קנעכטישן הונט".

די לידער־זאַמלונג „ווידערקלאַנגען" זאָגט איידעס, אַז אין ע. רײַזמאַנס פערזאָן האָבן מיר געהאַט א דיכטער פון באַרוף, לויט דער דעפיניציע פון קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי, וועלכער האָט געשריבן: „באַרוף איז אַנטשטאַנען פונעם וואָרט „רוף" און באַטײַט, ערשטנס, רוף פון האַרצן און, צווייטנס, רוף פון דער צײַט, פון פאָלק און פון דער מענטשהײַט".

מוניע גלייזער

בראַניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

א קולטור־יובילײ

אינעם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ פון ביראָבידזשאַן איז פאָרגעקומען א פײַערלעכע פאַרזאַמלונג, געווידמעט דעם פערציקיאָריקן יובילײ פון דער געגנטלעכער ראַדיאָ־טראַנסלירונג.

דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פאַר טעלעוויזיע און ראַדיאָ באַם געגנט־אויספּירקאָם מ. פרענקעל האָט דערציילט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער ראַדיאָ־נעץ אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט פאַר די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר און וועגן דעם צושטײַער, וואָס עס טראָגן ארײַן די ראַדיאָ־זשורנאַליסטן און די אָרטיקע קאָרעספּאָנדענטן אין דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די ארבעטנדיקע.

מיט באַגריסונגס־רעדעס לעקאָווע דער קולטור־געשעעניש זײַנען ארויסגעטראָטן דער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי ל. שאַפּיראָ, דער פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פאַר טעלעוויזיע און ראַדיאָ פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט־אויספּירקאָם יו. קאַסאָוויטש, די רעדאַקטאָרן פון די געגנטלעכע צײַטונגען ב. קאָרטשמינסקי און יאַ. גורעוויטש אאַ.

א היפּשע גרופּע זשורנאַליסטן און ארבעדאָרפקאָרן זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט ערן־גראַמאָטעס.

דער קאַנטישער שאָך־טשעמפּיאָנאַט

עס האָבן זיך פאַרענדיקט די שאָך־פאַרמעסטונגען צווישן ייִנגלעך און מיידלעך פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט. אין זיי האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון כאַבאַראָווסק, קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור, ביראָבידזשאַן, ניקאָלײַעווסק־אַפן־אַמור און אַנד.

מיט אַן אַלציינעם רעזולטאַט זײַנען צום פיניש געקומען יורי ליִאַן (כאַבאַראָווסק) און וואַלערי קאָלענבעט (ביראָבידזשאַן). ביידע האָבן זיי אָנגענומען צו 9 אייגלעך פון 11 מעגלעכע. אַלס זיגער פונעם טשעמפּיאָנאַט איז אַנערקענט געוואָרן יורי ליִאַן, וועלכער האָט אויסגעשפּילט א גרעסערע צאָל פּאַרטיעס.

אין די פאַרמעסטונגען צווישן די מיידלעך האָט דאָס ערשטע אָרט אויסגעקעמפט די פאָרשטייערן פון קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור אירינע פּאָזדייעווא. די צווייטע און דריטע פּריז־ערטער האָבן אַנטשפּרעכיק פאַרנומען די ביראָבידזשאַנער שאַכמאַטיסטקעס אירינע בענדערסקאַיאַ און נינאַ שאַלנער.

די זיגער און די פּריזיאָרן זײַנען באַלוינט מיט דיפּלאָמען פונעם קאַנטישן ספּאָרט־קאָמיטעט.

א פּרעמיע פונעם קולטור־מיניסטעריום

העכער 10 יאָר איז באַם ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ טעטיק אַן אוניווערסיטעט פון קולטור, מיט וועלכן עס פירט אָן דער מיטגליד פון דער שטאָטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט „קענטעניש" מאַריִע פערמיטינאַ. צענדליקער יונגע האָרעפּאַשניקעס, סטודענטן און שילער פון די עלטערע קלאַסן באַגעגענען זיך דאָ מיט שרײַבער, קינסטלער, בינע־מײַסטערס, באַטייליקן זיך אין דיספּוטן און אין שפּעטישע קאָנפערענצן.

דאָס קולטור־מיניסטעריום פון רספסר האָט באַדאַנקט די אָנפירערן פונעם אוניווערסיטעט און זי באַלוינט מיט אַן ערן־גראַמאָטע.

■ ■ ■

זינאָווי קאָמפּאַנייעץ

א זינגענדיקער דענקמאָל

צום 40־טן יאָרטאָג, זינט עס איז דערשינען
דער ערשטער באַנד פון דער וויסנשאַפטלעכער
פאָרשונג „ייִדישער מוזיקאַלער פאָלקלאָר"

אין 1934 איז אינעם מאָסקווער מעלוכישן מוזיק־פאַרלאַג דערשינען דער ערשטער בוך פון דער פילבענדיקער פאָרשונג „ייִדישער מוזיקאַלער פאָלקלאָר", צונויפגעשטעלט פון מוישע בערעגאָווסקי. אין דעם באַנד זײַנען אַרײַן לידער, וועלכע דאָס פאָלק האָט געזונגען אינעם צאַרישן רוסלאַנד ערעוו דער רעוואָליוציע פון 1905. די הויפּט־טעמעס: אַרבעט, עקספּלואַטאַציע און נויט, קאַמף און קאָרבאָנעס. אויסער פאָלקס־שאַפונג, זײַנען געבראַכט געוואָרן אויך מעלאָדיעס צו די דיכטערישע מוסטערן פון מאָריס ווינטשעווסקי און דאָוויד עדעלשטאַט. אין צווייטן אָפּטייל פונעם באַנד גייען אַרײַן היימישע און שטייגערישע מאָטיוון, לידער וועגן דער סאָלדאַטן־דינסט, וועגן מילכאָמע, האַנטוורקער־ניגונים.

אין די ווײַטערדיקע בענדער, וועלכע בערעגאָווסקי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט צום דרוק, איז צונויפגענומען א גרויסע צאָל לירישע און הומאָריסטישע לידער, אויך קינדער־לידער. א היפּש אָרט פאַרנעמען די לידער, וועלכע דאָס פאָלק האָט געשאַפן שוין נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

א באַזונדער באַנד איז געווידמעט דער אינסטרומענטאַלער און טאַנץ־מוזיק. באַזונדערס דאַרף מען דערמאָנען די פאַרנאָטירונגען לויט דער שפּיל פונעם פּרעכטיקן פאָלקלאָר־מוזיקאַנט, דעם פידלער פּעדאָצער (אַזוי האָט מען אים גערופן אין די פאָלקסמאַסן), וועלכער האָט געוווינט אין אָדעס אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס זײַנען געווען די אַזויגערופענע „קאָנצערטן", וואָס האָבן דערמאָנט אין פאָלקס־ראַפּסאָדיעס מיט א שטאַרק אַנטוויקלטן עלעמענט פון ווירטואָזער פידלשפּיל, מיט די כאַראַקטעריסטישע פאַר דער ייִדישער אינסטרומענטאַלער מוזיק אייגנאַרטיקע באַפּוצונגען, וועלכע דערנעענטערן זי מיטן מאָלדאַווישן, רומענישן און טיילווײַז מיטן אונגאַרישן אינסטרומענטאַליזם.

דער ערשטער באַנד „ייִדישער מוזיקאַלער פאָלקלאָר" איז בעפּיירעש אַן אוניקאַל ווערק. מוזיקאַלע פאָרשונגען פון אַזאַ כאַראַקטער האָבן מיר ניט געזען ניט ביזן דערשײַנען פונעם באַהאַנדלטן באַנד, ניט נאָך אים. איך האָב דאָ, פאַרשטייט זיך, אין זינען דעריקער די קוואַליטעט פון דער אַרבעט און איר וויסנשאַפטלעכע ווערט.

די גאַנץ קאַרגע געשיכטע פון די פאַרנאָטירונגען פון ייִדישע פאָלקסלידער דערציילט אונדז וועגן א ריי ווערק. ווײַט ניט אַלע פון זיי שטייען אַף דער געהעריקער הייך. טיילווײַז זײַנען דאָס מוזיקאַליש ווייניק קוואַליפיצירטע פאַרנאָטירונגען, וועלכע אַנטשפּרעכן ניט די וויסנשאַפטלעכע פאָדערונגען. אינעם פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד רופט מוישע בערעגאָווסקי אָן די נעמען פון אייניקע פאָלקלאָריסטן: יו. ענגעל, ז. קיסעלהאָף, ש. אַנ־סקי און אַנד. אַז מע באַקאַנט זיך מיט די פאַרנאָטירונגען גופע, קאָן מען ריידן ערנסט בלויז וועגן די ווערק פון יו. ענגעל און ז. קיסעלהאָף. א. בערעגאָווסקי ווײַזט אָן מיט רעכט אין זײַן פאָרוואָרט א ריי כעסרוינעס, אַף וועלכע עס לײַדן אָט די ווערק; זיי פאַרמאָגן אָבער בעפּיירעש ניט ווייניק מײַלעס, אַדאַנק וואָס זיי אַנטשפּרעכן, זאָל זײַן ניט פולקום, די פּראָפּעסיאָנעלע פאָדערונגען. גאָר אַנדערש שטייט די פראַגע, ווען מע באַטראַכט די עסטעטיש־געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע פון יו. ענגעל און ז. קיסעלהאָף. מוישע בערעגאָווסקי גיט דאָ אַזאַ כאַראַקטעריסטיק:

„יו. ענגעל און ז. קיסעלהאָף זײַנען מאַסקים געווען מיט סאַמינסקין (סאַמינסקי — א קלעריקאַלער נאַציאָנאַליסט, וואָס האָט באַמיט זיך צו דערווײַזן, און אָן דערפאָלג, אַז דער ייִדישער פאָלקלאָר איז א „מוזיקאַליש־ייִדישער זשאַרגאָן"), אַז די ייִדישע רעליגיעזע מוזיק שטייט נאַציאָנאַל און קינסטלעריש העכער פונעם וועלטלעכן פאָלקלאָר. קעדיי אופּהייבן די ווירדע פונעם וועלטלעכן פאָלקלאָר, האָבן זיי (יו. ענגעל, ז. קיסעלהאָף) געזוכט צו דערווײַזן, אַז אויך דער ייִדישער וועלטלעכער (דה. נאַציאָנאַלער) פאָלקלאָר איז דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזע עלעמענטן. די ביידע מינים פאָלקלאָר זײַנען, לויט דער מיינונג פון יו. ענגעל און ז. קיסעלהאָף, ווערט, מע זאָל זיי לייגן אין גרונט פון דער ייִדישער מוזיק..."

די דאָזיקע באַמערקונג פון מ. בערעגאָווסקי דריקט אויס זייער ריכטיק דעם קלאַסן־טאָך פון די פאַרנאָטירונגען פון די צוויי פאָרשער: דעם קליינבירגערלעכן צוגאַנג, ווי עס דריקט זיך אויס מ. בערעגאָווסקי, און דעם ליבעראַל־פאָלקיסטישן.

קריטיקירנדיק יו. ענגעלן און ז. קיסעלהאָפן, שטעלט אָבער ניט מ. בערעגאָווסקי קיין גלײַכצייכן צווישן זיי און ל. סאַמינסקין. פאַרקערט, ער ציטירט

א פּאָלעמיק צווישן יו. ענגעלן און ל. סאַמינסקין, ווו דער ערשטער קריטיקירט שאַרף די „אומגעלומפּערטע אַרגומענטן” פונעם צווייטן וועגן די קלוימערשט „דורכויס פרעמדע אָנשיכטונגען” אין דער ייִדישער מוזיק און וועגן דער קלוימערשט „כימישער ציכטיקייט” פון דער „דערהויבענער” בעסמעדרעש־מעלאָדיע. אינעם שטרייט מיט ל. סאַמינסקין האָט יו. ענגעל איבערצייגנדיק דערוויזן, אַז ל. סאַמינסקיס רעאַקציאָנערע אויספירן באַזירן זיך אַף „איינצלנע און צופעליקע” ביישפּילן. מיר, די פאָרשטייער פונעם שפּעטערדיקן דאָר מוזיקאַנטן, קאָנען דערמיט פולקום מאַסקים זיין.

ווייטער שרייבט מ. בערעגאָווסקי: „סאַמינסקי און זיינע מייִנונגס־קאָלעגן האָבן מיט איין שמיר פון דער פעדער אויסגעמעקט א גאַנצן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון די ייִדן אין אייראָפּע פאַר די לעצטע טויזנט יאָר, און ער מאַכט א קינסטלעכן שפּרונג פונעם שפּעטערדיקן ביבל־פּעריאָד צו דער „נייער” ייִדישער מוזיק פונעם ייִדישן בורזשואַזן סאַלאָן. אָבער פאַר דעם בורזשואַזן סאַלאָן איז מוזיק מיט אַן ערן־גראַמאָטע פון די ביבל־צייטן געוויס באַקוועמער, אימפּאָנירנדיקער, איידער די מוזיקאַלע שאַפונג פונעם שטעטלדיקן פּויעל און ייִדישן פּראָלעטאַריער...” דעם רעאַקציאָנערן טאָך פון אָט דעם טעזיס פון ל. סאַמינסקי און פון זיינע נאָכפאָלגער האָבן יו. ענגעל און ז. קיסעלהאָף אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען. ניט געקוקט אַף אַלע פעלערן פון אָט די פאָרשער, דאַרפן מיר פּאָזיטיוו אָפּשאַצן זייערע ווערק. סיי יו. ענגעל, סיי ז. קיסעלהאָף האָבן געבראַכט ניט ווייניק נוצן, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט פונעם זאַמל־פּעריאָד פון דער ייִדישער פאָלקלאָריסטיק. די קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע האָבן זיך באַקאַנט מיט זייערע פאַרנאָטירונגען, האָבן אָפּגעקליבן די שענסטע און סאַמע אינטערעסאַנטע מעלאָדיעס, באַרייכערט זיי און אומגעקערט דעם פאָלק.

פון מיין שטאַנדפּונקט באַשטייט דער איקער אין דעם, וואָס מיר, סאָוועטישע מוזיקאַנטן, קוקן אַף די אַלטע מעלאָדיעס מיט אַנדערע אויגן. אין דעם זין איז כאַראַקטעריסטיש אָט וואָס. מוישע בערעגאָווסקי פאַרופט זיך אַף דעם באַוווסטן אוקראַיִנישן פאָלקלאָריסט פּראָפ. ק. קוויטקאָ, וועלכער שרייבט, אַז „אונטערן איינפלוס פון דער אַגיטאַציע פון די רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַליסטן איז אין דער שטאָט גאַדיאַטשע באַנייט געוואָרן (אין די 20־ער יאָרן. — ז. ק.) דער פאַרצייטיקער, שוין לאַנג פאַרשוווּנדענער קאָליאַדע־מינהעג[1]”. מ. בערעגאָווסקי, צוזאַמען מיטן פּראָפ. ק. קוויטקאָ, האַלט דעם מינהעג פאַר א רעאַקציאָנערן. איצט אָבער, אין די 70־ער יאָרן, איז די באַציִונג צו פאַרשיידענע פאָלקס־מינהאָגים, באַפרייטע פון דער אַרכאַיִשקייט, אַן אַנדערע. די צייט האָט אונטערגעפירט אונטער זיי א געענדערטע סאָציִאַלע באַזע, און מיר טיילן אויס אין זיי די פּאָעזיע, די פאָלקס־שאַפונג. בא די נייע סאָציִאַליסטישע פאַרהעלטענישן באַקומען די מינהאָגים אַן אַנדער קוואַליטאַטיוון באַטייט. אויך אין די בעסמעדרעש־כאַזאָנישע פאַרנאָטירונגען פון א. אידעלסאָן געפינען מיר אינטאָנאַציעס, וועלכע טאָרן ניט פאַרפאַלן ווערן פאַר דער פאָרשונג, פאַרן קולטור־אויצער (אין זעלבן קאָנטעקסט קאָן מען ריידן וועגן די ווערק פון די סאָוועטישע פאָלקלאָריסטן בעשייכעס דער רוסישער קירכלעכער מוזיק און וועגן ענלעכע דערשיינונגען אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן).

האַגאַם א ריי ווערק, וועלכע זיינען דערמאָנט אינעם פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד, זיינען שוין לאַנג געוואָרן א ביבליִאָגראַפישע זעלטנהייט, פונדעסטוועגן איז ניט איבעריק צו דערמאָנען די פאָלקלאָריסטישע פאַרנאָטירונגען פון ש. לעמאַן, וועלכער האָט אין 1921 פאַרעפנטלעכט די ערשטע זאַמלונג פון ייִדישע אַרבעטער־ און רעוואָליוציאָנערע לידער אין 1905.

ווי איך האָב שוין אויבן אָנגעוויזן, האָבן א סאָך פון די פאַרנאָטירונגען אין די פאָריקע יאָרן געליטן פון ערנסטע דעפעקטן (אומפּינקטלעכקייטן). איך האָב אין זינען די לעערעכדיקייט פון די אינטערוואַלן (דאָס שלעכטע מוזיקאַלע געהער פון די „פאַרנאָטירער”), דאָס ניט פאַרשטיין ווי געהעריק דעם ריטמישן „דויפעק” פון דער מעלאָדיע, די ניט־פּינקטלעכקייט פון דער מוזיקאַלער „גראַמאָטע”. ס'איז גרויס דער כילעק צווישן די פאַרשיידענע פאַרנאָטירונגען פון די פאָריקע יאָרן און מ. בערעגאָווסקיס אַרבעטן. די מייִלעס פון מ. בערעגאָווסקיס אַרבעטן זיינען:

1) הויכע פּראָפעסיאָנעלע מייסטערשאַפט פונעם מוזיקאַנט, וואָס האָט געמאַכט די פאַרנאָטירונגען;

2) פולקייט פון די זשאַנרען פון דער ייִדישער אינסטרומענטאַלער פאָלקס־מוזיק;

3) דאָס, וואָס צום ערשטן מאָל אין דער ייִדישער פאָלקלאָריסטיק איז דורכגעפירט דער קאָנסעקווענטער מאַרקסיסטיש־לענינישער דענקונגס־מעטאָד אין פּראַט פון קלאַסיפיצירן די פאַרנאָטירונגען;

4) דאָס בייקומען די שוועריקייטן אין פּראָצעס פון די פאַרנאָטירונגען. איך רייד דאָ וועגן דעם „מענטשן”־מאַטעריאַל, מיט וועלכן דער פאָלקלאָריסט האָט געאַרבעט. די לידער זיינען פאַרשריבן געוואָרן אַלס קלאַל בא עלטערע מענטשן, און דאָס באַטייט, אַז די מעלאָדיעס, וועלכע מע האָט בא זיי גענומען, די ניגונים זיינען ניט שטענדיק געווען גענוג פּינקטלעכע. מע דאַרף אויך געדענקען, אַז אין די 20־ער יאָרן זיינען מוזיקאַלע קלאַנגען פאַרשריבן געוואָרן מיט א ביז גאָר פּרימיטיווער טעכניק, און מ. בערעגאָווסקי האָט דאָך זיינע פאַרנאָטירונגען דורכגעפירט גראָד אין יענע יאָרן. די וואַקסענע וואַליקעס (מינאַסטאַם נאָך פון עדיסאָנס צייטן) קאָן מען ניט פאַרגלייכן מיט די הייִנטיקע מאַגניטאָפאָנען;

5) דאָס דורכפירן א „פּאַספּאָרטיזירונג” פון די לידער. אַזאַ טערמין קלינגט א ביסל מאָדנע פאַר א ליד, אָבער אין דער פאָלקלאָריסטיק האָט עס א גרויסע באַדייטונג. ווען איך קוואַליפיציר דעם „ערשטן באַנד ייִדישער מוזיקאַלער פאָלקלאָר” ווי אַן אוניקאַלן, בין איך אויסן גראָד די „פּאַספּאָרטיזירונג” פון דער ליד.

פּאַספּאָרטיזירונג — דאָס איז ביִאָגראַפיע, ד. ה. דאָס, וואָס שטייט, קאָן מען זאָגן, הינטער דעם „קא־

[1] א מינהעג (איבערהויפּט אַף אוקראַיִנע) צו אַרומגיין אין די ווייַנעכט און אין דער נייִאָר־נאַכט איבער די שכייניש הייזער און זינגען לידער אונטער זייערע פענצטער.

דער" פון דער מעלאָדיע. דאָס איז, האַגאַם אַ קור־צע, אָבער אַ קלאָרע סאָציאַלע באַשרײַבונג פון דער ליד: ווי זי איז געבוירן געוואָרן, בײַ וועלכע באַדינגונגען און אומשטענדן, ווער עס איז געווען איר אויספילער. קיין איינע פון די זאַמלונגען, וועלכע זײַנען דערשינען ביז מ. בערעגאָווסקין, האָבן ניט געהאַט קיין „פּאַספּאָרט", און אויב יאָ געהאַט, איז זייער אַן אומקלאָרן. מ. בערעגאָווסקי ווײַזט אונדז אַ בײַשפּיל, וואָזוי מע דאַרף מוסטערהאַפט אויספילן די אָנגעוויזענע פאָרשונגס־אַרבעט.

אין דער זאַמלונג גייען אַרײַן 140 לידער (אינגאַנצן גענומען האָט מ. בערעגאָווסקי פאַרנאָטירט עטלעכע טויזנט). יעדע ליד האָט איר „פּאַספּאָרט" און אויך אַן איבערזעצונג פונעם טעקסט אויף רוסיש. איך קאָן זאָגן אויף זיכער, אַז אַ מענטש, וואָס קען ניט קיין ייִדיש און קען ניט זינגען לויט נאָטן, וועט מיט פאַרגעניגן און אינטערעס איבערלייענען די לידער אין בערעגאָווסקיס זאַמלונג, אַפילו בלויז די איבערזעצונגען — אַזוי לעבעדיק איז דער געדאַנק, אַזוי רײַך די אויסדריקלעכקײַט, אַזויפיל ברויזיקע ענערגיע אינעם סוזשעט פון די לידער. און אַזוי בולעט אין אין זיי אָפּגעשפּיגלט דער קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מענטשן פאַר זייערע רעכט. דאָס אַלץ איז פאַרקערפּערט אַמאָל אין אַ שאַרף דראַמאַטישער פאָרם, אַמאָל אין אַ שאַרף סאַטירישן פּלאַן, אַמאָל אין אַ מילדן הומאָריסטישן שמייכל.

הומאָר און סאַטירע זײַנען די שטאַרקסטע אייגנשאַפטן פון דער ייִדישער פאָלקסליד, פונעם ייִדישן פאָלקלאָר ביכלאַל. צוזאַמען מיט די מעלאָדיעס מאַכן די לידער אַן אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק. דער ליטעראַרישער יעסאָד און די מעלאָדיע גיבן זיי צו אַזאַ כּיין, אַז די צוהערער שפּירן נאָך זיי נאָך, אומאָפּהענגיק פון דעם, צו וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט די צוהערער געהערן.

עס ווילט זיך אָפּמערקן נאָך אָט וואָס: אַנאַליזירנדיק מ. בערעגאָווסקיס זאַמלונג, אַפילו בלויז די נאָטן, דערפילט מען דעם פּאָלעמישן טעמפּעראַמענט פונעם געלערנטן. עס בלײַבט אַן אײַנדרוק, אַז דער אויטאָר פון דער זאַמלונג פּאָלעמיזירט מיט זײַנע פאָרגייער און דערווײַזט, ווי ער איז גערעכט וויסנשאַפטלעך, פּראָפעסיאָנעל, פּאָליטיש.

די ווערט פון מ. בערעגאָווסקיס באַהאַנדלטער אַרבעט וועט מיטן לויף פון דער צײַט ניט געמינערט ווערן.

בראָניק

עס זינגט פּאָלינע אײַנבינדער

אין די מוזיקאַלישע מאַגאַזינען פון דער הויפּטשטאָט האָט זיך באַוויזן אין פאַרקויף אַ נײַע פּלאַסטינקע פון ייִדישע זינגלידער, אַרויסגעגעבן דורך דער מאָסקווער פירמע „מעלאָדיאַ". פינף לידער פון ייִדישע סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן און פאָלקסמאָטיוון פילט אויס דער לאַורעאַט פונעם פינפטן אַלרוסלענדישן קאָנקורס פון וואָקאַליסטן פּאָלינע אײַנבינדער.

אויף דער פאָטאָ: דער קאָנווערט פון דער נײַער פּלאַסטינקע.

נײַעס פון אויסלאַנד

700 יאָר ייִדישער יישעוו אין אַמסטערדאַם

די געזעלשאַפטלעכקײַט אין האָלאַנד האָט אָפּגעמערקט 700 יאָר, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ייִדישער יישעוו אין אַמסטערדאַם — איינער פון די עלטסטע אין אייראָפּע.

אין 1492 יאָר האָבן די אַרויסגעטריבענע ייִדן פון שפּאַניע דאָ געפונען אַן אָרט צום לעבן און שאַפן.

אין די דרוקערײַען פון דער שטאָט זײַנען דערשינען פיל וויכטיקע ייִדישע ווערק פון היפשן היסטאָרישן ווערט.

בייס דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע זײַנען די ייִדישע אינסטיטוציעס אין האָלאַנד צעשטערט געוואָרן. 79 טויזנט האָלענדישע ייִדן זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן אין די נאַצישע טויטלאַגערן.

אין דער פראַנצויזישער שפּראַך

„רעגאַרד סיר לאַ ליטעראַטיר ייִדיש" — אַזוי הייסט די דאָזיקע פראַנצויזישע אויסגאַבע פון ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע עס האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג „אַקאַדעמי ד'היסטואַר" אין דער איבערזעצונג פון סעסיל סערף אונטער דער רעדאַקציע פונעם היסטאָריקער זשאַק סילווער.

אין דער זאַמלונג גייען אַרײַן נאָוועלן, אויסצוגן פון פּראָזעווערק פון י.־ל. פּרעץ, שאָלעם־אַלייכעם, אַווראָם רייזען, ז. ווענדראָף, עפֿראַיִם קאַגאַנאָווסקי, פּערעץ מאַרקיש, איציק מאַנגער, מאַרק ראַזומני און אַנד.

די אויסגאַבע איז באַגלייט מיט אַן אַרײַנפיר וועגן דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור און מיט קורצע ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן די שרײַבער.

■ ■ ■

אונדזער רעפליק

מע דאַרף זיך ניט מאַכן קיין אילוזיעס

פון יאָר צו יאָר כאַזערט זיך איבער אַ פּאַראַדאָקסאַלע און אַפילע, פונעם ערשטן קוק, אַ ניט פאַרשטענדלעכע דערשײַנונג, וועלכע מיר וועלן דאָ פּרוּוון אויפקלערן.

פאַראַן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אַ קערפּערשאַפט, וואָס רופט זיך „נעשאָנאַל דזשויִש וועלפעיר באָארד“ — אַ „ראַט פאַר ייִדישן וווילזײַן“. פאַראַן דאָרט אַ „ייִדישער ביכער־קאָמיטעט“ — „דזשויִש בוק קאונסיל“. דער „קאונסיל“, אונטערן אויפזיכט פונעם „באָארד“, גיט אַרויס אין די לעצטע כאַדאָשים פון יעדן יאָר אַ „ייִדישן בוך־אַלמאַנאַך“ מיטן ציל — אינפאָרמירן די עפנטלעכקײַט וועגן די דערשײַנונגען אין מעשעך פונעם יאָר אין די ייִדישע ייִשוּווים פון דער וועלט ביכער אויף ייִדיש און העברעיִש, ווי אויך אויף ענגליש (איבערגעזעצטע פון ייִדיש אָדער ייִדישע לויט דער טעמאַטיק).

טרעפן מיר אַלע יאָר אין אַלמאַנאַך אָנגאַבן וועגן דער צאָל צוגעקומענע ביכער־טיטלען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. און מאָדנע: אין פאַרגאַנגענעם 1974, לעמאָשל, איז, לויט אָט די אָנגאַבן, די ייִדישע ליטעראַטור בלויז אין פשא באַרײַכערט געוואָרן מיט 16 נײַע ביכער; אָבער ווען מיר מאַכן אַן אָנשטרענגונג זיך צו דערמאָנען, וועלכע, קאָנקרעט, ליטעראַרישע ווערק דאָס זײַנען, דה. וואָס פאַרא פרישע ראָמאַנען, צײַט־פּאָעמעס, נײַע לידער־זאַמלונגען, דראַמעס דער לייענער האָט צווישן אָט די 16 ביכער־אויסגאַבעס באַקומען, — בלײַבן מיר שטיין אָפּהענטיק, ניט געפינענדיק קיין ענטפער. עס קאָן באַטײַטן, אַז ביכער זײַנען טאַקע דערשינען, אָבער קיין ליטעראַטור איז ניט צוגעקומען...

האָבנדיק אין זינען די ניט גענוג פאַרפולקומטע פאָרמען פון קולטור־אויסטויש צווישן די מײַרעוו־לענדער מיט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס עס קאָן ברענגען צו דעם, אַז מיר ווייסן נאָך ניט דעם גענויעם אינהאַלט פון די אַרויסגעגאַנגענע אין 1974 יאָר ביכער, האָבן מיר באַשטימט זיך ווענדן צו ליטעראַטור־קענער אין פשא, ייִסראָעל, קאַנאַדע, אַרגענטינע, פראַנקרײַך, אורוגוויַי מיט אַ פאָרשלאָג, וועלכער איז קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן אין פאָלגנדן בריוו:

...„אָקטיאַבער 1974.

כאָשעווער פרײַנט,

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט בעדייע אין פאָרשטייענדיקן 1975 יאָר צו געבן דעם לייענער אַ פאָרשטעלונג וועגן די וויכטיקסטע דערשײַנונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 1974 אין אַלע ייִדישע ייִשוּווים פון דער וועלט.

מיר בעטן אײַך אָנשרײַבן פאַר אונדזער זשורנאַל אַן אַרטיקל וועגן די דערשינענע אין 1974 אין אײַער לאַנד קינסטלערישע ווערק אויף ייִדיש.

נאַטירלעך, מיר זײַנען פאַרינטערעסירט, אַז דער צוגאַנג צו די מאַטעריאַלן, די אידייִש־עסטעטישע אָפּשאַצונגען זאָלן זײַן אָביעקטיווע, וויסנשאַפטלעכע“.

עס דאַרף גלײַך געזאָגט ווערן, אַז בא הײַנטיקן טאָג האָבן מיר נאָך ניט די מעגלעכקײַט צו שילדערן פאַרן לייענער דאָס פולע בילד פון דער ייִדישער פאַרלעגערישער טעטיקײַט אין געביט פון קינסטלערישער ליטעראַטור אין די אויבן אָנגערופענע ייִדישע ייִשוּווים, — דאָס בילד, וואָס מיר האָבן זיך געקליבן צו דערגאַנצן מיט אָנגאַבן וועגן דער ייִדישער ליטעראַרישער פּראָדוקציע בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

פאַר די ענטפערס אויף אונדזער בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון ייִסראָעל און פון די פאַרייניקטע שטאַטן, איז כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס די ליטעראַטור־קענער, צו וועלכע מיר האָבן זיך געווענדט, האָבן דערווײַל זיך אָפּגעהאַלטן פון געבן אָפּשאַצונגען די דערשינענע ביכער, באַנוגענענדיק זיך מיט בעקיצערדיקע אַנאָטירטע רעשימעס. וואָס איז שײַעך די אַנדערע לענדער, איז קעדײַ צו ברענגען די

בריוו, וועלכע מיר האָבן דערהאַלטן פון ארגענטינע און אורוגוויי.

דער באַוווּסטער ליטעראַטור־פאָרשער צאַלעל בליץ שרײַבט:

„כאַשעווע כאַווײרים!

באַקומען אײַער בריוו. א דאַנק פאַרן פאַרבעטן מיך מיטצואַרבעטן לויט דער טעמע, וועלכע איז באַרירט. די סיטואַציע איז אָבער אַזאַ, אַז זי אַנולירט די עצעם טעמע, ווײַל אין 1974 איז אין אונדזער פּראָגרעסיווער סוויווע גאָרנישט דערשינען אין א בוכפאָרם, און מײַסטאַמע לאָזט זיך פילן די דאָזיקע סיטואַציע אויך אין אַנדערע לענדער; וואָס שײַעך דער ציוניסטיש־בירגערלעכער זײַט, זײַנען די ווײַניק ארויסגעגאַנגענע ביכער מינדערווערטיק.

אין די קאַפּיטאַליסטישע מעדינעס קומט פאָר א האַסטיקער פּראָצעס פון פאַרשמעלערונג פונעם יידישן ליטעראַרישן שאַפן, וואָס ווערט נאָך דערצו פאַרשאַרפט דורך ריזיקע עקאָנאָמישע שוועריקײַטן צוליב דער גאַלאָפּירנדיקער אינפליאַציע. דאָס ארויסגעבן א בוך איז בא אונדז איצט פאַרבונדן מיט פאַנטאַסטישע סומעס, און באַקומען פון ערגעץ א געזעלשאַפטלעכע אָדער יעכידיש־מעצענאַטישע סובסידיע איז אומעגלעך, סײַדן אין זעלטענע אויסנאַמפאַלן, און דאָס אויך פאַר רעאַקציאָנערע, קיצלענדיקער אָדער מיסטישער ליטעראַטור. דאָס, וואָס מיר גיבן יאָ ארויס אין די נאָענטסטע טעג, איז אַן אַלבאָם וועגן 50־יאָריקן יובילײ פון דעם פּראָגרעסיוו־יידישן געדרוקטן וואָרט אין ארגענטינע.

געדענקען דאַרף מען, אַז דאָס שרײַבערטום אין אונדזערע מעקומעס איז זינט יאָרצענדליקער צעשפּאָלטן פּאָליטיש און אין אַלע אַנדערע הינזיכטן. דער טעמאַטישער אַנהאַלט פונעם רעכטן צאַד איז ציוניסטישער סענטימענטאַליזם און גראַביונגערישע סאָוועטנפרעסערישקײַט. מיר, פון אונדזער זײַט, האַלטן אָן די רומפולע פאָלקס־טראַדיציעס פון אונדזער ליטעראַטור, פירן דעם קאַמף קעגן אַלדאָס בייז. דאָס בעלעטריסטישע שאַפן איז קימאַט אָפּגעשטעלט, ווײַל עס פעלן פּראָזאַיקער און ס'זײַנען ניטאָ קיין סטימולירנדיקע קויכעס, וואָס זאָלן אַנטוויקלען א טאַלאַנט, געבן אים די מאַטעריעלע מעגלעכקײַטן צו שאַפן און צו דרוקן. אַגעוו, זײַנען בא אונדז ניטאָ קיין שרײַבער אַף יידיש ייִנגער פון 65 יאָר...

ס'איז דעריבער ניט שײַעך צו ריידן וועגן ליטעראַרישן שאַפן אין ברייטן זינען, אַזוי ווי איר פאָרמולירט עס אין אײַער בריוו, ניט נאָר פאַרן יאָר 1974, נאָר אפילע פאַר גרעסערע צײַט־פעריאָדן, סײַדן מע זאָל ריידן וועגן גאַנצע עפּאָכעס אָדער דוירעס.

כ'מיין, אַז עס וועט אײַך זײַן זייער שווער צו באַקומען א בילד פון ליטעראַרישער שעפערישקײַט אין אַלע יידישע יישווים פון דער וועלט פאַרן 1974 יאָר, ווײַל אַזאַ איז, אויב רעדן אויפריכטיק און בלײַבן בא רעאַלע פאַקטן, פּאַשעט ניט געווען, און אויב ס'איז דאָ און דאָרט יאָ עפּעס געווען, איז עס פון אַזאַ פאַרנעם, אַז ס'איז ניטאָ מאַמעש וואָס אָנצורופן. ס'איז א טעמע פאַר אַנטוישונג און אַגמעסנעפעש...

מיט בעסטע גרוסן, צאַלעל בליץ".

א צווייטער בריוו — פון אורוגווײ:

„זייער כאַשעווע פרײַנט!

די אידײ פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון דעם צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור אין די פאַרשיידענע יישווים איז ביז גאָר א נייטיקע, שוין צוליב דעם, וואָס אַזאַ מאָסמיטל וועט העלפן סטימולירן די ווײַטערדיקע באַמיונגען, ארויסגייענדיק פון רעאַלע פאַקטאָרן אין אַן אַטמאָספער פון אָפּגעפרעמדטקײַט מיצאַד די ליטעראַטור־קויכעס אין דער יידישער סוויווע. ס'איז שוין לאַנג צײַט אויפצושטעלן אַן אָפּשאַצנדיק בילד פון דעם צושטאַנד און אויסזען פון דער יידישער ליטעראַטור הײַנט־צו־טאָג.

אונדזער יישעוו איז א קליינער, ער ציילט קוים פופציק טויזנט נעפאַשעס און איז דער ייִנגסטער אין לאַטײַן־אַמעריקע. אין די ערשטע צוויי יאָרצענדליקער, ווען עס האָט נאָך געלעבט, געשאַפן, געבויט און געווירקט דער אַנהייב־דאָר אימיגראַנטן, און דאָס איז געווען דער דאָר, וואָס האָט גערעדט יידיש, האָט אונדזער יישעוו ארויסגעגעבן פון זיך א צאָל שעפערישע מענטשן, וועלכע האָבן ליטעראַריש אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע לעבן אַף דער אורוגווײער ערד, די מאַטערנישן פון דעם אימיגראַנט אײַנצואָרדענען דאָ זײַן שטייגער און אַנטוויקלען די קולטור. אין יענע צײַטן זײַנען טאַקע ארויסגעגעבן געוואָרן א צאָל ביכער (לידער אָפּן ערשטן אָרט, און אויך עטלעכע געציילטע פּראָזע־זאַמלונגען). וועגן דער ליטעראַרישער קוואַליטעט איז דאָ ניט שײַעך צו רעדן. דאָס זײַנען, אין בעסטן פאַל, געווען ליטעראַרישע פּרוּוון פון אָנפאַנגער. דאָך האָט דער לייענער אײַנגעזען אין אָט דעם שעפערישן פּראָצעס א גוטן אָנזאָג פאַר דער ליטעראַטור.

פאַר די לעצטע צען — פופצן יאָר אָבער ווערט דאָ בא אונדז גאָרנישט ניט געטאָן אָפּן ליטעראַרישן געביט. די סיבעס זײַנען פּאַשעטע: טייל פון די שעפער פון יידישער ליטעראַטור זײַנען אַוועק אין דער אייביקײַט, אַנדערע זײַנען ארויסגעפאָרן פון לאַנד. דער ייִנגערער דאָר איז שוין שפּאַניש־ריידנדיק. די יידישע שפּראַך איז פאַרבליבן אין באַנוץ פון „זיידע־באָבע".

אַזאַ איז אויך, צום באַדויערן, דער צושטאַנד — ווען מיר רעדן וועגן ליטעראַרישער שעפערישקײַט — אין אַלע אונדזערע שכייניש יישווים. אויב עס איז נאָך אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע מעקומעס פאַראַן א יידישער שרײַבער, שטעלט זיך פאַר אים די האַרבע

פראַגע: צי איז נאָך דאָ א לייענער? און צי
האָט דער לייענער, וואָס איז פאַרבליבן, ביכ־
לאַל אן אינטערעס צו דער גאַנגבאַרער אין דער
איצטיקער פּאָליטישער קאָניונקטור אָף דער
ייִדישער גאַס טעמאַטיק פון אָפּגאַנג און רעג־
רעס?

אין אַמאָליקן ייִדישן פּוילן פון פאַר דער מיל־
כאָמע איז אָנגעגאַנגען א דיסקוסיע: וועלכער
פון די דריי צענטערן פון דער ייִדישער לי־
טעראַטור — וואַרשע, ניו־יאָרק, מאָסקווע —
איז דער וויכטיקסטער? היינט קאָנען מיר זאָגן,
אַז מאָסקווע איז ניט בלויז דער וויכטיקסטער,
נאָר מאַמעש דער איינציקער צענטער פון עכ־
טער, היינטצייטיקער ייִדישער ליטעראַרישער
שאַפונג. אין ניו־יאָרק, אויסער א ביסל מעמוּ־
אַריסטיק וועגן „אַמאָל איז געווען א מיילעך",
ווערט גאָרנישט ניט געשאַפן. אין טעל־אוויוו,
וווּהין עס האָבן זיך אוועקגעצויגן אייניקע לי־
טעראַרישע קויכעס, איז דאָס ביסל שעפעריש־
קייט אַריינגעפאַלן אין פאַרדאַרבענע הענט פון
ציוניסטישע אַפּאַראַטשיקעס.

מיר דאַרפן נאָך צוגעבן, אַז דער מאָסקווער
ליטעראַרישער שעפערישער צענטער ווייזט
אַרויס זאָרג און אכרייעס לעגאַבע דער ייִדי־
שער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור אין אַנדערע
ייִשוּווים. וועגן דעם זאָגן איידעס די ספּעצי־
עלע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אין
וועלכע ס'זיינען צונויפגעזאַמלט מוסטערן פון
ליטעראַרישן שאַפן אין ייִסראָעל, אַמעריקע,
אַרגענטינע. א באַווייז פון דעם איז אויך די
איצטיקע איניציאַטיוו פון דער רעדאַקציע פון
„סאָוועטיש היימלאַנד" — דער ווילן צו אַנאַ־
ליזירן און אָפּשאַצן דעם צושטאַנד פון דער
ייִדישער ליטעראַרישער פּראָדוקציע אין פאַר־
שיידענע ייִשוּווים פון דער וועלט אָף א צייט־
אָפּשניט פונעם לעצטן יאָר.

און נאָך דאַרף מען אונטערשטרייכן: „סאָ־
וועטיש היימלאַנד" האָט אין מעשעך פון אַלע
יאָרן פון זיין עקזיסטענץ געמאַכט פיל באַמיוּנ־
גען צו אונטערהאַלטן דעם גייסט פון פּראָגרע־
סיווער שעפערישקייט און די ליטעראַריש־
פּראָפעסיאָנעלע פּאָטענץ פון די ייִדישע שריי־
בער אין כוץ־לעאָרעץ. עס גייט א רייד וועגן
אויסקלאָרן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור איר
ראָל אין אונדזער צייט. דאָס איז א וועג, וועלכן
עס באַמיט זיך פאַרוואָלגערן מיט קאָלערליי
ברוכוואַרג, שטיינער, שטערונגען דער ציוניזם.
די ציוניסטישע פּאָליטיק אין דער ליטעראַטור
איז געווענדט צו זייען סינע צום סאָוועטנפאַר־
באַנד און אונטערהאַלטן די אָפּגעפרעמדטקייט
צווישן די שעפערישע קויכעס. מיט זייער בע־
האַלע־פּאָליטיק פון „ראַטעווען די סאָוועטישע
ייִדן" סטאַרען זיי זיך פאַרמיסטיקן אויך די
ייִדישע ליטעראַטור און ווי ווייט מעגלעך אָפּ־
שוואַכן די ייִדישע ליטעראַרישע קויכעס גופע
אין ראַטנפאַרבאַנד.

אַזוי שאַצן מיר אָפּ דאָ, אין אורוגווײַ, די
געשאַפענע לאַגע. מיר שיקן די האַרציקסטע
גרוסן און בעסטע ווינטשן דעם שעפערישן אַט־
ריאַד פּראָזע־שרייבער, פּאָעטן, פּובליציסטן,
קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער, וועלכע מיִען
זיך אין געביט פון דער סאָוועטישער ייִדישער
ליטעראַטור.

פישל טאָביאַש".

די דאָזיקע ערנסטע, אכרייעספולע בריוו,
וועלכע מיר האָבן באַקומען פון די לאַטיין־אַמע־
ריקאַנישע לענדער, וועקן א וויטעקפולן געפיל
פון אומרו. באַזונדערס זיינען די ציוניסטישע
פאַרדאַרבער שולדיק אינעם כורבן פון די ייִדי־
שע קולטור־ווערטן אין האַלבמיליאָניקן ייִדישן
ייִשעוו פון אַרגענטינע. אָט דאָס לאַנד האָט דער
ציוניזם אויסגעקליבן, זעט אויס, אַלס פּרווו־
פעלד פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיין שאַדן־
אידיי פון „יעציעס לאַטיין־אַמעריקע" — נאָכן
שענדלעכן און באַשיימפּערלעכן דורכפאַל פון
דער אַזויגערופענער „אַליאַ" פונעם סאָוועטן־
פאַרבאַנד. צוליב דער פאָלקס־פיינטלעכער אַי־
דיי האָט ער, באַצווינגענדיק א היפשן טייל פון
דער ייִדישער פּרעסע און קולטור־אַנשטאַלטן,
פונעם דרוק־וועזן אין אָט דעם לאַנד, גענומען
מיט גיכע טעמפּן דאָס אַלץ צו ליקווידירן, קעדיי
דער האָרעפּאַשנער אַרגענטינער ייִד, דערצו
נאָך א דערדריקטער פון עקאָנאָמישע פאַק־
טאָרן, זאָל, ווילנדיק־ניט־ווילנדיק, קריכן אין
דער צוויייטער פעטליע — אין דער ייִסראָעל־
דיקער.

אין די לעצטע יאָרן זיינען מיר איידעס פון
דער פאַרשווינדונג פון דער ייִדישער פּרעסע
אין אַרגענטינע. די זעלבע טענדענץ זעט מען
אין געביט פון אַרויסגעבן ייִדישע ליטעראַטור.
אין פאַרגאַנגענעם 1974, ווי עס ווערט דער־
ציילט אין ניו־יאָרקער „ייִדישן בוך־אַלמאַנאַך",
האָט איינער א כאַיִם גלעמבאָצקי אָף א נאָווינע
אָפּגעדרוקט פאַר די בוענאָס־איירעסער ייִדישע
פריוען... די צענע־אורענע. אן אַנדער „ליטע־
ראַטור־פּאָזיציע" אין אַרגענטינישן ייִשעוו איז
אין 1974 דאָס לאָקאַלע כורבן־ביכל פון י.
אַפּראַן „אַמדור, מיין געבוירן־שטעטל". מע
האָט זיך אויך געכאַפּט פאַר „אַקטועלער" דראַ־
מאַטורגיע, לעמאָשל פאַר י. גאָרדינס „כאַסיע
די יעסוימע"... בעעמעס מינדערווערטיק אין
קאָנטעקסט פונעם היינטצייטיקן ליטעראַרישן
פּראָצעס זיינען מ. איזענבודס „יוגנטלעכע
בלאָנדזשענישן" און א. אָקרוטניס „טויבע טע־
ריטאָריע". דאָס ייִדישע בוך־וועזן אין אַרגענ־
טינע — אַזוי ווי אין גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע —
הייבט אָן צו דערמאָנען א פאַרלאָזט, שוין
פאַרטשאַכענעט פעלד. ווען אין איינעם פון אָט
די לענדער וועט ווען־עס־איז ווידער א קלונג
טאָן דאָס ציוניסטישע גלעקל אָף צונויפרופן
א נייעם באַלאַגאַן אַרום דעם לעבעדיקן לעבן —
מיט אַלע אָביעקטיוו־עקזיסטירנדיקע מאַנגלען
און שוועריקייטן — פון דער ייִדישער קולטור
און ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועט
דער פּראָסטער ייִד פון לאַטיין־אַמעריקע זיין
באַרעכטיקט צו נעמען אין זיין פאַרהאָרעוואַ־
טער האַנט אָט דאָס קופּערנע גלעקל און א

קלאפ טאן מיט דעם איבער דעם קופערנעם שטערן פונעם ציוניזם, פאדערנדיק: „בעסער באווייז, וואס דו האסט אפגעטאן מיט אונדזער קולטור און ליטעראטור דא־הי!”

און איצט — וועגן דער לאגע אין געביט פון יידישער ביכער־פראדוקציע אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, אזוי ווי מיר קאנען זי זיך אויסמאלן לויט דעם ארויסגעגעבענעם מיצאד דעם „דזשויש בוק קאונסיל”, אונטערן אופזיכט פונעם „נעשאנאל דזשויש וועלפעיר באארד”, „יידישן בוך־אלמאנאך”. ווי געזאגט, טיילט מיט דער אלמאנאך, אז פארן פארגאנגענעם יאר (פינקטלעכער, פארן צייט־אפשניט אפרעל 1973 — אפרעל 1974) האט דער זעקסמיליאניקער יידישער יישעוו אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע (אנדערהאלבן מיליאן אמעריקאנער יידן האבן אנגעגעבן יידיש אלס מוטער־שפראך) באקומען 16 נייע יידישע ביכער. מיר וועלן דא אויסמיידן צו אונטערשטרייכן, אז אזא צאל ביכער איז שפאט־ווייניק אף צו באפרידיקן די ליטעראטור־באדערפענישן פון אט דעם גרויסן יישעוו. אין דער איצטיקער אומגעבונג וואלטן מיר פארעכנט אויך אזא ביישטראג צו דער יידישער ליטעראטור פאר א דערגרייכונג. אבער — וואס זיינען דאס פאר ביכער? וועלכע קינסטלערישע ווערטן האבן זיי געבראכט דעם לייענער? וואס איז צוגעקומען פון זיי דער דווירעסדיקער יידישער ליטעראטור? ווי באוווסט, איז אין פשא ניטא קיין איין יידישע פעריאדישע אויסגאבע, קיין איין „גראבער זשורנאל”, וואס זאל ברענגען דעם לייענער כוידעש־נאך־כוידעש גרויספארנעמיקע ווערק— ראמאנען, פאעמעס, דראמעס — „דאס שווארצע ברויט פון דער ליטעראטור”, ווי ס'איז אנגענומען צו זאגן. און דעריבער דארף מען פאנאנדערקלייבן זיך ערנסט, וואס פארא ביכער עס זיינען ארויסגעגאנגען, און לויט דעם אורטיילן וועגן דעם מאצעוו פון דער יידישער ליטעראטור אין אט דעם לאנד.

בא א נאענטער באקאנטשאפט מיט די 16 יידישע ביכער, וועלכע זיינען פאר א יאר צייט דערשינען אין די פאראייניקטע שטאטן, ווייזט זיך ארויס, אז פון זיי האבן בלויז 5 א שייכעס צו קינסטלערישער ליטעראטור, נעמלעך — 1 זאמלונג דערציילונגען (כ. גראדע „די קלויז און די גאס”) און 4 לידער־זאמלונגען (ע. גרינבערג „געדענקשאפט”, מ. אליצקי „לידער פאר יוגנט”, ש. מאלץ „פון מיין טיפן גלויבן”, נ. יוד „געבענטשטע שא”). די איבעריקע 11 ביכער זיינען אדער פון רעליגיעזן כאראקטער (לעמאשל: „ספר הפרענומעראנטן”, ארויסגעלאזט פונעם ניו־יארקער יידישן טעאלאגישן סעמינאר — רעשימעס פון פרענומעראנטן אף ראבאנישע ספארים פון יידישע קעהילעס אין אייראפע און אמעריקע; „ליכט־שטראלן” פון א. קאהען — א בוך פון רעליגיעזן לייען־מאטעריאל), אדער אזויגערופענע „שטודיעס” און ייזקער־ביכער (ש. פישמאנס „שטודיעס וועגן יידן אין פוילן”, דער „שידלאווצער ייזקער־בוך”, און אלבאם „ירושאלאים ד'ליטא” פון ל. ראן). די איבעריקע אויסגאבעס זיינען זאמלונגען פון זינג־לידער אדער פון מאטעריאלן פאר פארלעזונגען (סעם ליפצין „זינגען מיר א ניגנדל”, ש. דאווידמאן „א געזאנג צו יידיש”, ש. דאווידמאן „לעכאים, יידיש”, י. זילבערבערג און יודל מארק „אנטאלאגיע פון יידישער ליטעראטור פאר יוגנט. 1־טער טייל”).

אזא איז דאס עמעסדיקע בילד פון דער יידישער פארלעגערישער פראדוקציע אין דעם זעקסמיליאניקן יידישן יישעוו פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע...

עס טאר אויך ניט פארטושירט ווערן דער הארבער עמעס בענוגייע די 5 ביכער, וועגן וועלכע ס'איז אויבן געזאגט געווארן, אז זיי האבן א שייכעס צו קינסטלערישער ליטעראטור. יא, ס'איז דערציילונגען און לידער, דה. פארמעל איז דאס קינסטלערישע ליטעראטור. אבער — צי קאנען די דאזיקע ביכער צוגערעכנט ווערן צום היינטצייטיקן ליטערארישן פראצעס? די פיר לידער־זאמלונגען — געוויס ניט, ווייל שוין אפגערעדט פון דער זאמלונג, וואס איז ארויסגעגעבן אין אנדענק פונעם פארשטארבענעם, פון טאמיד אן אלטמאדישן דיכטער נאכעם יוד, זיינען די אנדערע דריי צונויפגעשטעלט ניט פון נייע לידער, און, אומבאהאלפענע לויטן קינסטלערישן ניוווא, טראגן זיי ניט מיט זיך אפילע קיין מינדסטן סימען פון דער היינטיקער צייט־טעמאטיק.

וואס איז שייעך דעם איינציקן פראזע־בוך, וועלכן די יידישע ליטערארישע אמעריקע האט ארויסגעגעבן אין פאריקן יאר — כאיים גראדעס דערציילונגען וועגן דער קלויז אף דער יידישער גאס אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מילכאמעס, — האט די סאוועטישע יידישע ליטעראטור־קריטיק שוין ניט איין מאל געגעבן א געהעריקע אפשאצונג דעם בעעמעס טרויעריקן פאקט, וואס א שריפטשטעלער פונעם איצטיקן לעבעדיקן דאר פירט אוועק דעם לייענער אינעם אוואר, ניט אף צו באווייזן אים, וויאזוי דער אוואר האט אויסגעזען, נאר אף אים צו באזעצן דארט. אין גראדעס א פריערדיקן בוך — „דער מאמעס שוואטים” — ווערט ארויסגעפירט א שוסטער, „וואס רעדט די גאנצע צייט מיט א קאל פון א לעבעדיק באגראבענעם, ווי ער וואלט ארופגערעדט פון אונטערן קעלער־דיל”. דאס זעלבע קאן מען, צום באדויערן, זאגן וועגן אים, גראדען, אלס שרייבער, וועלכער האט פונקט ווי אליין זיך לעבעדיק באגראבן אין דער אמאליקער פרומער יידישקייט און רעדט פון דארט ארויס, איגנארירנדיק די נייע צייט. ס'איז, פארשטייט זיך, א גרויסער סאפעק, צי דער בוך „די קלויז און די גאס”, ארויסגעגעבן אין ניו־יארק „דורך די ברידער שלעזינגער”, איז מעסוגל צו ווערן א גייסטיקע שפייז פארן היינטצייטיקן יידישן לייענער.

בלייבט איבער זיך אומצוקערן צו דער איקער־פראגע: וויפל ביכער פון דער יידישער לי־

טעראטור זײַנען דערשינען אין אמעריקע אין מעשעך פון א יאָר צײַט? זעכצן? פינף? צי עפּשער גאָר — אויב אורטיילן לויטן שײַכעס זייערן צום לעבעדיקן ליטעראַרישן פּראָצעס — קיין איינער ניט?

מיר שטעלן די פראגע אין אזא שײַן, ווײַל פארבײַטנדיק אינפאָרמאציע מיט פיקציע, נארט מען אָפּ זיך אליין. גוזמע, בארימערײַ, טריוקן — אזא איז איצט דער סטיל פון דער באהערשטער מיצאד די ציִעניסטן ייִדישער בירגערלעכער אינפאָרמאציע־דינסט. מע שיט זאמד אין די אויגן, ארויסשטעלנדיק זיך אלס גרויסע ארויסגעבער פון ייִדישער ליטעראטור. נאָר דאָס הייסט דאָך — פארעדן דעם לייענער די ציין. צום באדויערן, טרעפט אויך, אז אופריכטיקע ליטעראטן־עסעִיסטן, נעמענדיק זיך אָפּשאצן אין זייערע ארטיקלען דעם מאצעוו פונעם פארלאג־וועזן אין די ייִדישע יישוווים פון די קאפּיטאליסטישע לענדער, כאזערן איבער די „סטאטיסטיק״ פונעם „ייִדישן בוך־אלמאנאך״ און מאכן פון א האָר א גאָר.

מיר האָבן שוין אין „סאָוועטיש היימלאנד״ סיגנאליזירט וועגן דעם, אז אינעם „בוך־אלמאנאך״ פארנעמט זיך מיט קרוטשקע־מאכערײַ די ביבליִאָטעקערן פונעם „איוואָ״ דינע אבראמאָוויטש, וואָס טאקע זי איז עס די צושטעלערן פון אינפאָרמאציע וועגן דער צאָל דערשינענע ייִדישע ביכער אין פארשיידענע לענדער. אין באצוג צום סאָוועטנפארבאנד שטעלט זי ארויס ציפערן ניט לויט די אָנגאבן פון די באפולמעכטיקטע פיקסירנדיקע קערפּערשאפטן, לעמאָשל פון דער אלפארבאנדישער ביכער־פּאלאטע, נאָר לויט דעם, וואָס פארא נײַע סאָוועטישע ביכער די „איוואָ״־ביבליִאָטעק האָט שוין באוויזן צו קויפן אין ניו־יאָרק...

נו, און אויב רעדן ערנסט?

אויב רעדן ערנסט, באקומט איצט דער ייִדישער לייענער אין דער מערהײַט פאלן א נײַעם ראָמאן, א פרישן בוך לידער, א נײַע דראמע אָדער פּאָעמע בלויז פון מאָסקווע, פון די שרײַבטישן פון דער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער־מישפּאָכע. פארשטייט זיך, מיר האָבן דאָ אין זינען עכטע ליטעראטור. אפילע אין ייִסראָעל איז די קוואנטיטאטיוו־אויסערלעכע אופלעבונג אינעם ייִדישן בוך־וועזן דערגרייכט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אפן כעזשבן פון דעם, וואָס דער טעל־אוויוער „פּערעץ־פארלאג״ האָט, נאָכפאָלגנדיק דער קוריאָזער פּאָליטישער אָנווײַזונג פון די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע־אינסטאנצן, ארויסגעגעבן ביכער פון די שרײַבער־דעזערטירן, וואָס פאקטיש זײַנען דאָס ייִסראָעלדיקע אופלאגעס פון אָנגעשריבענע אין סאָוועטנפארבאנד און איינמאָל שוין דאָרט דערשינענע ביכער (זאָל זײַן אפילע טיילווײַז איבערגעמאכטע מיצאד די דעזערטירן, צוליב צופאסן זיך צום ציִעניזם).

אָף דער פראגע: וואָס האָט אין פארגאנגענעם יאָר זיך באוויזן נײַס אין דער ייִדישער ליטעראטור — קאָן ענטפערן אָן שום פּניִעס בלויז מאָסקווע. קוידעמקאָל דארף אונטערגעשטראָכן ווערן, אז „סאָוועטיש היימלאנד״ איז דער איינציקער אין דער וועלט ייִדישער זשורנאל, ווו עס דרוקן זיך רעגולער נײַע ראָמאנען און גרויסע דערציילונגען (פּאָוועסטן). אין מעשעך פונעם פארגאנגענעם יאָר, ווען דער אמעריקאנער ייִדישער לייענער האָט זיך געמוזט באנוגענען מיט דער „קלויז און דער גאס״, זײַנען פונעם סאָוועטנפארבאנד, דורכן זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״, אָנגעקומען צום לייענער די ראָמאנען פון י. פאליקמאן („פײַער און אש״, צווייטער טייל), א. ווערגעליס („די צײַט״ — 3 נאָוועלן), ה. פּאָליאנקער („שטארקער פון אײַזן״), מ. טאלאלײַעווסקי („געקניפּט און געבונדן״), מ. קאָבריאנסקי („שא־שטיל״), א. קאהאן („שאָלעם־אלייכעם״); די גרעסערע דערציילערישע ווערק (פּאָוועסטן), וועלכע זײַנען בארעכטיקט, צוגלײַך מיט ראָמאנען, ארויסצוגיין שפּעטער אין באזונדערע אויסגאבעס — ש. גאָרדאָנס „מעכילע״, ש. גאָרשמאנס „כאנעס שאָף און רינדער״, ט. גענס „לאנג און קורץ, ווי דאָס לעבן״, ה. דאָבינס „דער ערשטער פרווו״, ה. האָפּמאנס „דער איבערזעצער פון געסטאפּאָ״, ר. רובינס „אין א הארבסטיקן טאָג״, י. ריוועסעס „א שטיין איז געפאלן״, ב. מילערס „אין פולן גאנג״.

מיר האָבן דאָ געבראכט, אלס בײַשפּיל, בלויז די פּראָזע־פּראָדוקציע אינעם רעגלמעסיק דערשײַנענדיקן, ברייט פארשפּרייטן ייִדישן סאָוועטישן זשורנאל. אויב צו דעם צוגעבן די פּאָעמעס און לידער־ציקלען פון פּרינציפּיִעל נײַער קינסטלערישער און אידייִשער קוואליטעט, די גרויסע צאָל דאָקומענטאלע קינסטלערישע פארצייכענונגען וועגן די צאפּלדיקע פאקטן פונעם לעבן פון דעם פאָלק און פונעם לאנד איצט, הײַנט, אויב צוגעבן דערצו נאָך די אין פארגאנגענעם יאָר דערשינענע אין מאָסקווע נײַע ייִדישע ביכער — דעם ניסטערס קרוין־ווערק „די מישפּאָכע מאשבער״, שירע גאָרשמאנס נײַעם בוך דערציילונגען „לעבן און ליכט״, די לידער־זאמלונגען פון איטשע באָרוכאָוויטש און שיפרע כאָלאָדענקאָ, — און אויב אין לעצטן רעזולטאט אָפּמערקן, אז מיר האלטן דאָס אלץ פאר ניט גענוג באפרידיקנדיק און שטעלן פאר זיך אָף ווײַטער מער ערנסטע אופגאבן, — דאן וועט דאָס זײַן אן אכרײַעספולער באריכט, א וואָרהאפטיק בילד, ניט קיין האלבער עמעס.

מיר האלטן, אז אין די ייִדישע יישוווים פון די קאפּיטאליסטישע לענדער איז שוין צײַט צו באצייכענען דעם מאצעוו פונעם ייִדישן ליטעראריש־קינסטלערישן בוך־וועזן מיטן פארשטענדלעכן אָף אלע שפּראכן לאטײַנישן צייכן SOS. און דאָס באטײַט, אז ס׳איז נייטיק טאָן אלץ אָף צו ראטעווען די ייִדישע ליטעראטור אין אָט די לענדער. דאָס קאָנען בלויז טאָן די ייִדישע פאָלקסמאסן, — ראטעווען די ליטעראטור פונעם ציִעניזם, פון די אנטיסאָוועטישע העצע־צענטערס, פונעם קלעריקאלן און רעאק־

ציִאָנערן כוישעך. ס׳איז נייטיק וואָס גיכער אופשטעלן דעם פּראָפעסיִאָנעלן סטאַטוט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַרויסטרײַבן פון די „קאָמיטעטן", „פאַריינען", „פּען־קלובן" די ציִעניסטישע אַפּאַראַטשיקעס, וועלכע זײַנען גראַפאָמאַנען, איבערגעטאָנענע לײַט. אַגעוו, טאַקע זיי שפּילן אָף דעם אויבנדערמאָנטן פאָקוס־מאָקוס באַם אינפאָרמירן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג וועגן דערשינענע ייִדישע ביכער. פאַרהילנדיק דעם עמעס, פּוצן זיי זיך אין פרעמדע פעדערן. דער לייענער אָבער האָט נאָך ניט פאַרגעסן די צײַט, ווען א ייִדישער שרײַבער אין אַמעריקע, לעמאָשל, איז געווען שאָלעם אַש, מוישע־לייב האַלפּערן, יוסעף אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, מוישע נאַדיר, מוישע אָלגין — עכטע שעפער פון ליטעראַטור־ווערטן, ניט באַרירנדיק דאָ די גאַנצע אַנדערשקײַט פון דער וועלט־אָנשויונג בא יעדערן פון זיי.

דער מאַצעוו פונעם ייִדישן בוך איז א ביז גאָר שווערער. סיבעס דערצו זײַנען פאַראַן סײַ אָביעקטיווע, סײַ סוביעקטיווע. אָבער וואָס מע קאָן יאָ טאָן — איז מאַכן פרישער די לופט אין דער ליטעראַטור גופע, באַפרײַען זי פון דער קאַצן־אַטמאָספער פון קאַלטן קריג, צוריק אופשטעלן איר פּראָפעסיאָנעלן באַרוף, איר געזעלשאַפטלעכן אווטאָריטעט.

ליובע וואַסערמאַן

דעם 2 מאַרט איז געשטאָרבן די באַקאַנטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבערן ליובע וואַסערמאַן. זי איז געבוירן געוואָרן אין 1905, אינעם שטעטל סלאָוואַטיטש(פּוילן) אין אַן אָרעמער מישפּאָכע. פון קינדווײַז אָן איז זי געצווונגען געווען צו אַרבעטן אַלס דינסטמיידל, קעדיי צו פאַרדינען צום לעבן.

ליובע וואַסערמאַן האָט אַליין זיך אויסגעלערנט שרײַבן און לייענען און צו 15 יאָר אָנגעהויבן שרײַבן לידער. איר ערשטע טעמע איז געווען די ביטערע דאָליע פון א דינסטמיידל. א צוואַנציקיאָריקע, האָט זי עמיגרירט קיין פּאַלעסטינע, געאַרבעט דאָרט אין לאַנדווירטשאַפטלעכע קיבוצים, אָף שאָסיי־בויונג, דערנאָך אין א שפּיטאָל. זי האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער רעוואָליוציִאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, געווען עטלעכע מאָל אַרעסטירט און געזעסן אין טורמעס. אייִנצײַטיק האָט זי פאָרגעזעצט איר ליטעראַרישע טעטיקײַט, פאַרעפנטלעכט לידער און דערציילונגען אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס פון פּאַלעסטינע, פּוילן, אַמעריקע („נײַ לעבן", „אַמעריקאַנער פּרויען־זשורנאַל", „ליטעראַרישע בלעטער" און אַנד.).

אין יאָר 1934 איז ליובע וואַסערמאַן געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד און האָט זיך באַזעצט אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אַלס סאָוועטישער שרײַבער האָט וואַסערמאַן זיך באַטייליקט אין זשורנאַל „פאָרפּאָסט", אין דער צײַטונג „בירָאָבידזשאַנער שטערן" און אין אַנדערע אויסגאַבעס, פאַרבליקירט לידער און דערציילונגען וועגן דעם נײַעם סאָוועטישן לעבן אין די ערשטע פּינפיאָרן, אין די שווערע און העלדישע צײַטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע און אין דער נאָכמילכאָמע־צײַט. אין די לעצטע יאָרן האָט ליובע וואַסערמאַן פאַרעפנטלעכט פיל פון אירע ווערק אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

די לעצטע צוויי יאָר האָט ליובע וואַסערמאַן, שוין א שווער־קראַנקע, געוווינט און געשאַפן אין קעשענעוו, ווו זי האָט פאַרענדיקט איר לעבן און איר דויערנדיקן שעפערישן וועג. די ייִדישע ליטעראַטור האָט מיט ליובע וואַסערמאַנס טויט פאַרלוירן אַן אַקטיוון טוער און בויער.

קאָוועד איר ליכטיקן אָנדענק.

פובליציסטיק

לעאָנעל דאדיאַני

דרײַ לאָזונגען ראסיסטישע, דער פערטער — א מיליטאריסטישער

אין סאמע אָנהייב פון דער צְיעניסטישער קאָלאָניזאציע פון פאלעסטינע פלעגן די טוער פונעם לינקן פליגל פון צְיעניזם אָפט און מיט כיישעק איבערכאזערן אזעלכע טערמינען, ווי „קיניגרײַך פון ארבעט", „סאָצְיאליזם", „סאָצְיאלער יוישער", „נײַער מענטש", „פעלקער־פרײַנטשאפט" אא., זיי האָבן מיט פלײַס ציטירט מארקסן, הערצענען, טאָלסטאָיען, קראָפאָטקינען. איצט אָבער, ווי עס זאָגט איידעס אפילע א צְיעניסטישער פובליציסט פון יְסראָעל, א. עלאָן, האָבן זיי זיך דערקײַקלט צו פונקט פארקערטע טערמינען, דעהײַנע: „פריוואט־אייגנטום אף ערד", „עקספלואטאציע פון ביליקער מי".

אלע צְיעניסטישע פארטייען פון פאלעסטינע האָבן אקטיוו מיטגעארבעט מיט די בריטישע קאָלאָנְיאלע מאכט־אָרגאנען, געהאָלפן זיי דורכצופירן די אימפערְיאליסטישע פאָליטיק פון „צעטייל און הערש". אָנשטאָט גיין מיטן וועג פון א בונד מיט די פעלאכן (אראבישע פויערים) און מיטן נאָרוואָס אופגעקומענעם אראבישן פראָלעטאריאט, מיט דער אראבישער נאציְאָנאלער באפרײַונגס־באוועגונג, האָבן די צְיעניסטישע לידערס פונעם יְדישן יְשעוו אין פאלעסטינע דורכגעפירט אין לעבן די באוווּסטע ראסיסטיש־שאָוויניסטישע דרײַ לאָזונגען: 1) „פארכאפן די ערד", 2) „פארכאפן די ארבעט", 3) „יְדישע פראָדוקציע". מיר וועלן דאָ דערקלערן דעם פשאט פון די דאָזיקע לאָזונגען.

1) פארכאפן די ערד — דאָס האָט באטײַט פארטרײַבן די פעלאכן פון די היימען, וווּ זיי, זייערע טאטעס, זיידעס און עלטערזיידעס האָבן דוירעסלאנג געלעבט און געארבעט; שאפן אף דער דאָזיקער ערד „ריין־יְדישע יְשוּווים".

2) פארכאפן די ארבעט — ארויסטרײַבן די אראבישע ארבעטער פון די אונטערנעמונגען, וועלכע געהערן צו יְדן. „דער פראָצעס פון שאפן א יְדישן ארבעטער־קלאס, — האָט געשריבן נ. ווײַנשטאָק, — איז געגאנגען מיט צוויי וועגן: ערשטנס, פאריאָגן די אראבישע ארבעטס־קראפט פון די יְדישע קאָלאָניעס און, צווייטנס, שאפן א נײַע צְיעניסטישע ווירטשאפט. איר באזע וועט זײַן די ארבעטער־קאָלאָניזאציע, וועלכע ווערט געפירט מיט דער הילף פונעם יְדישן נאציְאָנאלן פאָנד און פון די שכײנישע אנשטאלטן. 3) יְדישע פראָדוקציע — אלע צְיעניסטישע פארטייען האָבן גערופן: „קויפט ניט קיין אראבישע סכוירע, קויפט בלויז די יְדישע פראָדוקציע!".

פון אנדערע קאָלאָניזאטאָרן האָבן די צְיעניסטן זיך אונטערשיידט דערמיט, וואָס זייער ציל איז געווען ניט בלויז עקספלואטירן די אראבער, נאָר זיי אינגאנצן פארטרײַבן פון פאלעסטינע. און קעדיי פארווירקלעכן אזא אופגאבע, האָבן זיי צוגעגעבן צו די דרײַ לאָזונגען נאָך איינעם, א מיליטאריסטישן — „יְדישע זעלבשוץ". דער פויעל־יויצע איז געווען אזא: מיט דער הילף פון דער פראָפפאריינישער אָרגאניזאציע היסטאדרוט (דעמלט האָט זי געהייסן „אלגעמיינע פעדעראציע פון די יְדישע ארבעטער[1] אין ערעץ־יְסראָעל") זײַנען געשאפן געוואָרן אומלעגאלע (שפעטער זײַנען זיי געוואָרן האלב־לעגאלע) מיליטערישע אָטריאדן „האגאנא" („זעלבשוץ").

די יְדישע בורזשואזיע האָט געטראכט בלויז

---

[1] שוין דער עצעם נאָמען פון אָט דעם פראָפצענטער האָט געטראָגן אן אויסגעשפראָכן שאָוויניסטישן, אנטיְאראבישן כאראקטער. בלויז אין 1959 האָבן די אראבישע ארבעטער, אדאנק דעם אײַנגעשפארטן קאמף פון די פראָגרעסיווע קרעפטן, קוידעמקאָל פון די קאָמוניסטן, באקומען דאָס רעכט צו אָנגענומען ווערן אלס מיטגלידער פון היסטאדרוט. ערשט אין 1966 איז געענדערט געוואָרן דער פולער נאָמען פון אָט דעם פראָפצענטער, וועלכער הייסט איצט „אלגעמיינע ארבעטער־פעדעראציע אין ערעץ־יְסראָעל".

וועגן אינוועסטירן אירע קאַפּיטאַלן אין דער קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע, אָבער די סאָציִאַל־ציִעניסטן האָבן געשטעלט פאַר זיך אַ ברייטערע אויפגאַבע: „שאַפן אַ ריין־נאַציִאָנאַלע היים", אַ ייִדישע מעלוכע — אַ מעלוכע מיט אייגענער (ייִדישער) אַרבעטס־קראַפט. די ציִעניסטישע פּסעוודאָ־סאָציִאַליסטן האָבן ניט אויפגעהערט צו דויבען אין די מויכעס פון די אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, אינטעליגענטן און קלייבירגער די אידיי, אַז די סאָציִאַליסטישע רעוואָליוציע אין די „גאָלעס־לענדער" לייזט ניט די „ייִדן־פּראַגע", פאַרקערט, זי פאַרשאַרפט זי. „באַזונדערס אין דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט, — האָט באַהויפּט דער טוער פונעם ציִעניסטישן „סאָציִאַליזם" ב. לאָקער, — וועט אונדזער נאַציע ניט קאָנען אַריבערטראָגן איר היימלאָזיקייט, דעריבער מוזן מיר מיט דער גאַנצער ענערגיע שטרעבן צו שאַפן אונדזער היים אין פּאַלעסטינע".

וויפל צוויִעס און לעסטערונג פון אַלע הייליקייטן האָט מען באַדאַרפט פאַרמאָגן, אַז מע זאָל די שאָוויניסטיש־ראַסיסטישע פּאָליטיק פון אַרויסיאָגן פון פּאַלעסטינע (דערנאָך פון ייִסראָעל) די אַראַבער (דערמאָנט זיך דעם לאָזונג: „וואָס מערער ערד, וואָס ווייניקער אַראַבער"), — אַ פּאָליטיק, וואָס איז פּאַרייניקט מיטן עקסט רעכטן וואַריִאַנט פון דער סאָציִאַל־רעפאָרמיסטישער פּאָליטיק פון „קלאַסן־שאָלעם" (פּאַקטיש אפילע — קלאַסן־מיטאַרבעט) מיט דער בורזשואַזיע, — מע זאָל אַזאַ פּאָליטיק דערקלערן אַלס אַזאַ, וואָס שאַפט, קלוימערשט, די באַזע פאַר דער בויונג פון אַ סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט!

דער בורזשואַזער פּובליציסט אורי אַווּנער, אַ געוועזענער ציִעניסט, וואָס איז דערנאָך אַריבער אויף די פּאָזיציעס פון אַנטיציִעניזם און טרעט איצט אַרויס פאַר נאָרמאַלע, פרייַנטלעכע באַציִונגען צווישן ייִסראָעל און די אַראַבישע לענדער, האָט אַבסאָליוט ריכטיק געשריבן: „עס וועט ניט זייַן קיין גוזמע צו זאָגן, אַז דער קאַמף פאַר „ייִדישער אַרבעט" איז געוועזן דער ווירקלעכער אָנהייב פון דער מילכאָמע צווישן ייִסראָעל און די אַראַבער". „די ייִדן האָבן אויסגעבויט זייער געזעלשאַפט אויף אַזאַ אויפן, פּונקט ווי קיין אַראַבער וואָלטן אויף דער וועלט ניט געוועזן", — האָט קאָנסטאַטירט אַן אַנדער פּובליציסט — וו. סערגע.

בען־גוריאָן האָט אַזוי פאָרמולירט די צילן פון די אַזוי־גערופענע ציִעניסטישע „אַרבעטער"־פּאַרטייען: „די אַרבעטער־באַוועגונג האָט קיינמאָל ניט געשטעלט פאַר זיך קיין ציל צו פאַרכאַפּן די מאַכט אינעם ציִעניזם. זי האָט נאָר געוואָלט זייַן אַ טרייַע דינסט באַם ציִעניזם, און צוליב דעם האָט דער אַרבעטער־קלאַס (לייען, די קוואַזי־סאָציִאַליסטן פונעם טיפּ בען־גוריאָן. — ל. ד.) שטענדיק געשטרעבט צו פאַרייניקן אַלע שיכטן פונעם פאָלק אַרום דער ציִעניסטישער באַוועגונג".

האַגאַם די לידערס פונעם ציִעניסטישן „סאָציִאַליזם" האָבן ליב צו בראַווירן מיט די ווערטער „פרייַנטשאַפט צווישן די פעלקער" און נוצן גאַנץ אָפט דעם אויסדרוק „אינטערנאַציִאָנאַליזם", האָט זייער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק שטענדיק, זינט באַראָכאָווס און סירקינס צייַטן, געטראָגן און טראָגט אַ שאָוויניסטישן, אַנטיִאַראַבישן כאַראַקטער. דער דאָזיקער פּאַקט איז מערסטנס העכסט זאָרגזאַם פאַרמאַסקירט, נאָר פון צייַט צו צייַט שווימט ער אַרויס אויף דער אויבערפלאַך גאַנץ אָפן.

נאָך אין 1917 האָט בען־גוריאָן גערעדט וועגן דער טעטיקייַט פון די ציִעניסטן אין פּאַלעסטינע מיט אַזעלכע ווערטער: „...מיר... האָבן דעראָבערט די ערד. מיר זייַנען געוועזן אַ קאָמפּאַניע קאָנקוויסטאַדאָרן".

אַלע רעגירונגען פון ייִסראָעל, ווו די הערשנדיקע קליקע איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון דער ציִעניסטישער „אַרבעטער"־פּאַרטיי, האָבן זיך באַצויגן צו די פּאַלעסטינער אַראַבער ניט ווי צו אַ סוּווערענע פאָלק, נאָר ווי צו אומגעוווּנטשענע אויסלענדער. פּאַלעסטינע איז דערקלערט געוואָרן פאַר „אַ לאַנד אָן איינוווינער". גאָלדע מעיִר, וועלכע פלעגט זיך ניט שעמען צו מאַכן פאַלשע רעוועראַנסן בענעגייע איינצלנע אַראַבער, האָט מיט גרויסמעכטישער גייַווע אָפּגעלייקנט די עצעם עקזיסטענץ פונעם פּאַלעסטינער פאָלק און זייַן רעכט אויף נאַציִאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. אויף דער זעלבער פּאָזיציע שטייט אויך די איצטיקע רעגירונג פון ייִצכאָק ראַבין, וועלכער איז אַ טוער פון מאַי און איז אַמאָל געוועזן אַ מיטגליד פון דער לינקציִעניסטישער פּאַרטיי „אַכדוט האַאַוואָדאַ".

נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון ייִסראָעל איז די פּאָליטיק פון אויסרייניקן פון דער מעדינע די אַראַבער געוועזן און פאַרבלייַבט דער גרונטציל פון די „סאָציִאַל־ציִעניסטן". די ראַסיסטישע פּראָגראַמאַטישע שטעלונג, אַז „ייִסראָעל דאַרף ניט זייַן קיין מעלוכע פון צוויי נאַציעס", האָט, ווי באַוווּסט, געבראַכט דערצו, אַז עס איז אויפגעקומען די טראַגישע פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינער פּליטים (זייער צאָל באַטרעפט איצט העכער אָנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן), ס'איז אויפגעקומען די פּאָליטיק פון שטענדיקער נאַציִאָנאַלער דיסקרימינאַציע בענעגייע דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון ייִסראָעל, וואָס באַטרעפט 400 טויזנט מענטשן.

וועגן דעם גורל פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס הערשן צווישן די „סאָציִאַל־ציִעניסטן" (ווי צווישן די ציִעניסטן פון אַלע שיטעס) פאַרשיידענע מייַנונגען. די מייַנונג פון איין גרופּע קאָן מען געפינען אין דער דערקלערונג פונעם דירעקטאָר פון דעם קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט בײַ דער ייִדישער אַגענץ ראַאַנאַן ווייץ (אַ טוער פון דער פּאַרטיי מאַפּאַי — מאַי): „די איינציק מעגלעכע לייזונג איז — שאַפן אַ פּאַלעסטינע, כאָטשבי אַ מייַרעוו־פּאַלעסטינע (דה. אויפן מייַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן־טייַך, וואָס איז אָקופּירט געוואָרן אין 1967. — ל. ד.)

אָן אראבער... עס איז ניטאָ קיין אנדער אויסוועג, ווי אריבערפירן אלע אראבער אין די שכיינישע לענדער, דערווײַטערן זיי פונדאנען. דאָ טאָר ניט בלײַבן קיין איין אראביש דאָרף, קיין איין אראבישער שייוועט..."

די גרופע דאיאן — פערעס — גאלילי, וועלכע שטייט אפן צאד פונעם עקסטרעם רעכטן פליגל פון דעם ציִעניזם, רעדט אָפן וועגן א לאנגדויערנדיקער אנעקסיע פון די אָקופירטע אראבישע ראיאָנען, וועגן „באהערשן" (דה. בארויבן) זיי עקאָנאָמיש, עקספּלואטירן די אראבישע ארבעטס־קראפט[1], קעדיי צוגרייטן די באדינגונגען דערצו, מע זאָל קאָנען שפּעטער א מאקסימאלן טייל פון די דאָזיקע ראיאָנען יורידיש אײַנשליסן אין באשטאנד פון ייִסראָעל.

אזעלכע טוער, ווי סאפּיר, אלאָן, עבאן און אנד., ריידן איצט מער ניט וועגן דער פולשטענדיקער אנעקסיע פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס. צוליב צווישנפעלקערלעכע און אינערלעכע טײַמים ריידן זיי נאָר וועגן דעם, אז מײַרעוו־יאָרדאניע און דער אזא־סעקטאָר דארפן ווידער ארײַן אין באשטאנד פון דער כאשימיטישער יאָרדאנישער מאָנארכיע (פארשטייט זיך, מיט טעריטאָריעלע ענדערונגען לעטויוועס ייִסראָעל).

דער דעפּוטאט פון דער קנעסעט אריע עליאוו און זײַן גרופּע לייגן פאָר, אז פאר דער „פרײַז פון שאָלעם" זאָל מען אנערקענען די עקזיסטענץ פונעם פּאלעסטינער אראבישן פאָלק, אנערקענען זײַן רעכט צו אויסבילדן אן אייגענע מעלוכע, אין וועלכער עס זאָלן ארײַן מײַרעוו־יאָרדאניע און דער אזא־סעקטאָר. אָבער די דאָזיקע מעלוכע דארף זײַן פאקטיש אָפּהענגיק פון ייִסראָעל. דער ציל פון אזא פּלאן איז — אָפּשוואכן די פּאלעסטינער ווידערשטאנד־באוועגונג און צעצינדן די כלוקעדייעס צווישן די אראבישע לענדער.

די לידערס פון מאפּאם טרעטן די לעצטע צײַט ארויס מיט דער פאָדערונג, מע זאָל דאָס ייִסראָעל־מיליטער אָפּרופן פון אלע אָקופּירטע טעריטאָריעס, אויסער פון מיזרעך־יערושאָלאיִם און גאָלאן, מע זאָל די פּאלעסטינער פּליטים אומקערן קיין טראנסיאָרדאניע און געבן די פּאלעסטינער דאָס רעכט אף זעלבסטבאשטימונג. נאָר דאָס אלץ זײַנען ניט מער ווי מעליצעדיקע דראָשעס. די באזונדערע קריטישע באמערקונגען מיצאד אזעלכע אָנגעזעענע מאפּאמאָווצעס, ווי דער עקאָנאָמיסט פּראָפעסאָר כאיִם דארין־דראבקין, דער פּובליציסט אמנאָן קאפּעליוק, דער מיזרעך־קענער ארן קאָהען און אייניקע אנדערע, וואָס פאר א שארפן כאראקטער זיי זאָלן ניט טראָגן, זײַנען אין טאָך ניט מער ווי פּוסטע רייד.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל, וועלכע שטיצן זיך, ווי פריִער, אפן פּאָליציייִש־רעפּרעסיוון אפּאראט און האלטן זיך אקטיוו באם מעטאָד „צעטייל און הערש", אָנגעהויבן לאָזן אין גאנג אייניקע טאקטישע מאנעווורען. קעדיי פארברייטערן איר אײַנפלוס צווישן א באשטימטן טייל פון דער אראבישער באפעלקערונג, האָט די פּארטיי מאַי אָנגעהויבן אָנעמען אין אירע רייען אראבער. די „סאָציִאל־ציִעניסטן" האָבן באשלאָסן אוועקשטעלן אייניקע אראבישע טוער, קוידעמקאָל יענע, וועלכע רעפּרעזענטירן די האלב־פעאָדאלע קרײַזן, אף גאנץ הויכע פּאָסטנס (פארשטייט זיך, אז אף די דאָזיקע פּאָסטנס באקומט מען ניט דאָס רעכט צו לייזן לויטן אייגענעם אײַנזען וויכטיקע פראגן).

די בורזשואזע און סאָציִאל־דעמאָקראטישע פּרעסע באהויפּט מיט אקשאָנעס, אז די אָנהענגער פון א „גרויס ייִסראָעל", פון אזא ייִסראָעל, וואָס זאָל זיך ציִען פון הודו ביז קוש, ווי עס שטייט אין דער ביבל, זײַנען קלוימערשט בלויז די אולטרא־רעכטע ציִעניסטישע פּארטייען און גרופּירונגען. פאקטיש אָבער איז באוווּסט, אז אין דער צײַט, ווען די רעאקציאָנערע און קלעריקאלע קרײַזן פון ייִסראָעל פאָדערן אָפן די אנעקסיע פון קימאט אלע אראבישע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען אָקופּירט געוואָרן בייס דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע, פארנעמט זיך די מאַי־פּארטיי מיט לאווירן, מיט קאָלערליי מאנעווורען און קונצן. אין פּרינציפּ זײַנען די פּלענער פון שאפן א „גרויס ייִסראָעל" דער אויסדרוק פון דער אלגעמיינער אידייִש־פּאָליטישער פּלאטפאָרם. „גרויס־ייִסראָעל" — דאָס איז פאקטיש די פּראָגראם־מאקסימום פון אלע ציִעניסטישע פּארטייען פון ייִסראָעל און פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם.

מיר ווייסן, אז אין מעשעך פון אלע יאָרן, וואָס עס עקזיסטירט די ציִעניסטישע באוועגונג, האָבן די ציִעניסטן־„סאָציִאליסטן" געפאָדערט צו קאָלאָניזירן ערעץ־ייִסראָעל, דה. גאנץ פּאלעסטינע אין די „ביבלישע גרענעצן", און זיי זײַנען געוועזן די סאמע אקטיווע קעמפער פאר אָט דעם לאָזונג. נאכמען סירקין האָט אפילע פארברייטערט דעם באגריף „פּאלעסטינע", אײַנשליסנדיק אין אים דאָס אינדזל ציפּערן און דאָס האלב־אינדזל סינײַ. דאָוויד בען־גוריאָן האָט אפן XVII קאָנגרעס פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע (אין יול 1931) געזאָגט, אז טראנסיאָרדאניע מוז אײַנגעשלאָסן ווערן אין דער ספער פון דער ציִעניסטישער קאָלאָניזאציע. און אין פיר יאָר ארום, אין אווגוסט 1935, האָט ער געלאָזט וויסן אפן XIX קאָנגרעס פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע, אז „די גרענעצן פון פּאלעסטינע פארשפּרייטן זיך ניט פון דאן ביז בערשעט, נאָר לעכאָלהאפאָכעס אף 250 קילאָמעטער דאָרעם־צו. דער רויטער יאם

[1] עס איז אינטערעסאנט צו ברענגען דאָ אזא פאקט: פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס קומען איצט טאָגטעגלעך קיין ייִסראָעל אף ארבעט ארום 75 טויזנט אראבער, וועלכע זײַנען בארויבט פון יעטווידער רעכט און באקומען פאר זייער מי מאמעש גראָשנס. די אראבישע ארבעטער, וואָס וווינען אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס און ארבעטן דאָרט אין די אונטערנעמונגען, באקומען נאָך א קלענערן לוין.

האָט געשפּילט א קאָלאָסאַלע ראָליע אין דער ייִדישער געשיכטע". נאָכעם גאָלדמאַן מערקט אָפּ אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען, אַז די אונטערהאַנדלונגען, וועלכע בען־גוריִאָן, שאַרעט און ער, גאָלדמאַן, האָבן ערעוו דער צווייטער וועלט־מילכאָמע געפירט מיט די אַראַבישע לידערס, האָבן ניט געקאָנט פאַרענדיקן זיך מיט א דערפאָלג דערפאַר, ווײַל „מיר האָבן קיין ביישעק ניט געהאַט צו שליסן א קאָמפּראָמיס־פאַרשטענדיקונג..., מיר האָבן געוואָלט באַקומען גאַנץ פּאַלעסטינע. אַזאַ פאָדערונג האָבן ניט געקאָנט אָננעמען אַפילע די סאַמע מעסיקע אַראַבער".

דעם 11 מײַ 1942 האָט די ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע אָנגענומען די אַזויגערופענע באַלטימאָרער פּראָגראַם, וועלכע איז געוואָרן די אָפּיציִעלע פּאָליטיק פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. די פּראָגראַם האָט געפאָדערט א ייִדישע מעלוכע אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון פּאַלעסטינע.

איגאַל אַלאָן, איינער פון די לידערס פון מאַפּאַי, האָט געזאָגט: „אונדזער כיווו צו באַזעצן גרויס ייִסראָעל איז ניט ווייניקער וויכטיק, ווי באַזעצן די טאָלן פון יאַרדן און בייסאַן אין די צײַטן פונעם בריטישן מאַנדאַט".

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון מאַפּאַם מייער יאַארי האָט אין 1957 געשריבן: „אַלס ציִעניסטן־פּיִאָנערן, איז אונדזער ציל — פאַרייניקן דעם גרעסטן טייל פונעם ייִדישן פאָלק אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון פּאַלעסטינע". יאַאַריס ווערטער, אַז ער האָט אין זינען, מע זאָל זיך עס דערשלאָגן אויף א פרידלעכן אופן, האָט מיט גאָרנישט ניט געענדערט דעם טאָך פון די פּלענער פון „גרויס ייִסראָעל".

אין מאַרט 1972 האָט די קנעסעט מיט דער איבערוועגנדיקער מערהײַט שטימען אָנגענומען א רעזאָליוציע, וואָס זאָגט, אַז „דאָס היסטאָרישע רעכט פונעם ייִדישן פאָלק אויף ערעץ־ייִסראָעל איז אויסער יעדן שטרײַט".

מ. דאַיאַן, ווי די אַנדערע „סאָציִאַל־ציִעניסטישע" לידערס, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר א „גרויס ייִסראָעל", האָט אָפן געזאָגט: „מיר האָבן געפּרוּווט (אין די יאָרן 1948 — 1949. — ל. ד.), נאָר אָן דערפאָלג, פאַרכאַפּן דזשענין, אַזאַ, כעבראָן און בעט־לעכעם... קיין פילאָסאָפיע וועגן דער צעטיילונג פון פּאַלעסטינע האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט (בא די ציִעניסטן. — ל. ד.). אַפילע ווען די פּיל־קאָמיסיע האָט פאָרגעלייגט צו צעטיילן, האָט בען־גוריאָן געזאָגט, אַז די צעטיילונג וועט בלויז דינען אַלס אינסטרומענט און טראַמפּלין אויף צו דערגרייכן אָן עמעסן ערעץ־ייִסראָעל".

ניט געקוקט אויף אַלע מאַנעווורען פון די „סאָציִאַל־ציִעניסטן", באַווײַזן די פאַקטן, אַז דער צווישנפעלקערלעכער ציִעניזם, אײַנגעשלאָסן די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל, האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון זײַנע פּראָגראַמאַטיש־סטראַטעגישע פּלענער וועגן שאַפן א „גרויס ייִסראָעל", וועגן דערפירן די גרענעצן פון ייִסראָעל פון הוידו ביז קוש...

די אידעאָלאָגישע פּלאַטפאָרם פון דער פּאַרטיי מאַפּאַי איז א מין קאַשע פון עקלעקטישע פּאָסטולאַטן און טעזיסן, וועלכע זײַנען גענומען פון פאַרשיידענע פּסעוודאָ־סאָציִאַליסטישע קוועלן און אויך פון אייניקע מאָדערנע בורזשואַזע דאָקטרינעס.

ד. בען־גוריִאָן האָט געשריבן: „די באַוועגונג, וואָס האָט געבוירן און קאָנסאָלידירט די אַרבעטער־פּאַרטיי פון ייִסראָעל, ציט איר יעניקע פון דרײַ קוועלן: פון דער לערע פון די נעוויִים פון ערעץ־ייִסראָעל און פון זייערע נעוויִישע פאָרויסזאָגונגען, פון די נאַציִאָנאַלע און סאָציִאַלע רעוואָליוציעס[1] פון אונדזער צײַט און פונעם ענטוזיִאַזם פון די פּיִאָנערן".

דער געוועזענער אויסערן־מיניסטער פון ייִסראָעל אַבאַ עבאַן האָט געזאָגט: „מײַן עמונע (דה. זײַן גלויבן אין דער אַזויגערופענער ציִעניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. — ל. ד.) פאַרייניקט אין זיך א סאַך דאָקטרינעס, איינע זײַנען אוראַלטע, וועלכע ציִען זיך נאָך פון די נעוויִים, אַנדערע זײַנען א רעזולטאַט פונעם סאָציִאַלן פּראָגרעס און פונעם וויסנשאַפטלעכן הומאַניזם פון אונדזער דאָר".

רוּוון באַרקאַט, דער געוועזענער גענעראַל־סעקרעטאַר פון מאַפּאַי און פּאָרזיצער פון דער קנעסעט, רופט אָן פיר קוועלן: „1) די ביבל, 2) די דאָקטרינעס פון דער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין שמעלץ־אויוון פון דער אינדוסטריִעלער רעוואָליוציע און פון די אַגראַר־רעפאָרמען, 3) די אוניקאַלע לאַגע פונעם ייִדישן פאָלק, 4) אונדזער אייגענער קוק אויף דער צוקונפט פונעם נאָענטן מיזרעך".

ווי ס'איז צו זען, פאַרנעמט אין דער אידעאָלאָגישער פּראָגראַם פון די סאָציִאַל־ציִעניסטן דאָס צענטראַלע אָרט דער אַזויגערופענער „רעליגיִעזער (אָדער נעוויִישער) סאָציִאַליזם", וועלכן מע פאָרמולירט צומאָל אַלס „עטישן סאָציִאַליזם".

לויט דער טעאָריע פונעם „עטישן סאָציִאַליזם", באַזירט זיך דער קאַמף פאַר סאָציִאַליזם ניט אויפן וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון די רעאַלע געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, נאָר אויף דער אַבסטראַקטער וועלט פון זיטלעכע ווערטן. אָפּוואַרפנדיק די קאַרדינאַלע פּראָבלעמען פונעם מאַרקסיזם — קלאַסן און קלאַסנקאַמף, סאָציִאַ־

[1] לאָמיר דאָ, אַגעוו, באַמערקן, אַז די עמעסע נאַציִאָנאַלע און סאָציִאַלע רעוואָליוציעס האָבן לאַכלוטן קיין שײַכעס ניט צום ציִעניזם, דער ציִעניזם פאַרמאָגט אין זיך ניט קיין סימען פון קאַמף פאַר נאַציִאָנאַלער און סאָציִאַלער באַפרײַונג. אַפילע בען־גוריִאָן, וואָס פּלעגט שטענדיק איבערכאַזערן, אַז דער ציִעניזם איז א „נאַציִאָנאַלע רעוואָליוציע", א „נאַציִאָנאַלער רענעסאַנס", האָט איינמאָל באַמערקט, אַז קיין שום נאַציִאָנאַלע באַוועגונג נייטיקט זיך ניט אַזוי אין הילף מיצאַד דער מעטראָפּאָליע, ווי דער ציִעניזם.

ליסטישע רעוואָליוציע, דיקטאטור פונעם פּראָלעטאריאט אאוו., שטעלן ארויס די אדעפּטן פונעם „עטישן סאָציִאַליזם" אין פאָדערגרונט די פראגן וועגן די זיטלעכע פארהעלטענישן און די אידיי וועגן דער לאנגזאמער מאָראלישער פארפולקומונג פונעם אינדיווידו און פון דער גאנצער מענטשהײַט, דערבײַ פאָרמולירן זיי די דאָזיקע פּראָבלעמען אין דער סאמע אבסטראקטער פאָרם, אָן קיין שום שײַכעס צו קלאסן און קלאסנקאמף.

אויב אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון זײַן עקזיסטענץ איז דער „עטישער סאָציִאַליזם" געוועזן איינער פון די אויסדרוקן פונעם סאָציִאַל־רעפאָרמיזם, איז ער מיט דער צײַט געוואָרן אלץ מער און מער א בורזשואַז־ליבעראלע, אויסגעשפּראָכן אנטימארקסיסטישע און אנטיקאָמוניסטישע שטרעמונג.

דער טעזיס פון הערמאן קאָהען און מארטין לאצארוס, אז דער מעשיכיזם, די „עטיק פונעם יודאַיִזם" דארפן באטראכט ווערן אלס רעאלע סאָציִאַלע פּראָגראם, וועלכע עס האָבן אונדז איבערגעלאָזט די נעוויִים, איז שוין אין סאָף XIX — אָנהייב XX יה. גענומען געוואָרן אף באוואָפענונג מיצאד א ריי אידעאָלאָגן פונעם ציִעניסטישן „סאָציִאַליזם".

אין דער סאָוועטישער וויסנשאפטלעכער ליטעראטור האָט מען שוין געשריבן, אז דער „עטישער סאָציִאַליזם", באזונדערס אין דער פאָרם, ווי עס אינטערפּרעטירט אים די סאָציִאַל־דעמאָקראטיע, איז איינע פון די סאמע רעאקציִאָנערע ריכטונגען אינעם „דעמאָקראטישן סאָציִאַליזם". דאָס געזאָגטע האָט א שײַכעס צו דער פּארטיי מאַיִ.

אינעם אידייִשן באגאזש פון די ציִעניסטן־„סאָציִאַליסטן" פארנעמען א בעקאָוועדיק אָרט די טעאָריעס פון מוישע העס (1818 — 1875), טעאָריעס, וועלכע זײַנען זייער נאָענט צום „ביבלישן סאָציִאַליזם". מוישע העס איז געווען ניט פרעמד די ציִעניסטן פונעם אזויגערופענעם „עמעסן סאָציִאַליזם" און דעם באקאנטן טעאָלאָג און ציִעניסטישן פילאָסאָף פון א נעאָכאסידישער ריכטונג, דעם עקזיסטענציִאַליסט מארטין בובער (1878—1965).

לויט מוישע העסן, איז „דער יעסאָד פונעם קינפטיקן סאָציִאַליזם דער נאַציִאָנאלער הומאנישער עלעמענט פון דער ייִדישער רעליגיע"... כאראקטעריסטיש, לויט אים, אלס ציִעניזם און אלס סאָציִאַליזם איז „די מעשיכישע וועלטאָנשויונג פון די נעוויִים".

מארטין בובער האָט געקעמפט פאר א בונד צווישן דעם יודאַיִזם און ציִעניזם. אין זײַנע ווערק האָט ער זיך באמיט צו געבן א ליבעראל־הומאנע באגרינדונג פונעם ציִעניזם. פּונקט ווי די ציִעניסטן־„סאָציִאַליסטן", האָט מארטין בובער באהויפּט, אז די קיבוצים אין ייִסראָעל זײַנען דער אידעאל פון א געזעלשאפטלעכער און מעלוכישער אָרדענונג. ער איז באשטאנען דערויף, אז אין ייִסראָעל זאָלן די דערפער און שטעט באשטיין פון סעקציעס, געבויט לויטן טיפּ פון די זעלבסטפארוואלטנדיקע קיבוצים.

די דאָזיקע „טעאָריע" איז אָבער ניט מער, ווי ריינע ספּעקוליאציע, ווײַל די קיבוצים זײַנען קיינמאָל ניט געווען און זיי קאָנען ניט זײַן קיין פּראקטישע באזע פון דער מעלוכע ייִסראָעל, שוין אָפּגערעדט דערפון, אז די קיבוצים זײַנען קיינמאָל ניט געווען און קאָנען ניט זײַן קיין קעמערלעך פונעם „עמעסן סאָציִאַליזם".

די רעליגיִעז־מיסטישע און פידעיִסטישע קאָנסטרוקציעס, וועלכע אַפּאָלאָגעטיזירן אזוי אָדער אנדערש די ביבל (ריכטיקער, די טוירע) אלס ערשטן מאָקער פונעם סאָציִאַליזם, האָבן דעם ספּעקוליאטיוון ציל צו קאשערן דעם ציִעניזם און אײַנפלאנצן אינעם באוווּסטזײַן פון די ייִדישע ארבעטנדיקע דעם געדאנק, אז מע מוז זיך אָפּזאָגן פונעם קלאסנקאמף, פונעם רעוואָליוציִאָנערן וועג צו איבערגעשטאלטן די געזעלשאפט.

„די ביבל — דאָס איז אונדזער מאנדאט!" — האָט געזאָגט אין 1936 דאָוויד בען־גוריִאָן, ווען ער האָט געוואָלט באגרינדן די אזויגערופענע „היסטאָרישע רעכט" פון די ייִדן אף פּאלעסטינע.

צוזאמען מיט די קלעריקאלע און וועלטלעכע „שפּארבערס", די אָנהענגער פון א „גרויס ייִסראָעל", האָבן די לידערס פון דער פּארטיי מאַיִ ליב צו פארופן זיך אף דער ביבל, קעדיי „באגרינדן" די אנעקסיע פון די אראבישע טעריטאָריעס. אזוי, לעמאָשל, האָט דער געוועזענער פּארטיידיקונגס־מיניסטער פון ייִסראָעל, דער „סאָציִאַליסט" מאָשע דאיאן באהויפּט, אז די פּרעטענזיעס פון ייִסראָעל אף די אראבישע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען אָקופּירט געוואָרן אין 1967, זײַנען בארעכטיקט, זיי ווערן „באשטעטיקט מיט היסטאָרישע און ביבלישע פאקטן".

דער פאָטער פונעם הײַנטיקן ציִעניזם טעאָדאָר הערצל האָט זיך באמיט זאָרגזאם אויסבאהאלטן דעם בורזשואַז־רעאקציִאָנערן טאָך פון אָט דער באוועגונג, ער איז ארויסגעטראָטן מיט דערקלערונגען, אז די ייִדישע מעלוכע וועט, קלוימערשט, נישט זײַן ניט קיין קאפּיטאליסטישע, ניט קיין סאָציִאַליסטישע, דאָס וועט בכלל ניט זײַן קיין מעלוכע, נאָר א מין „געזעלשאפט", אָנגעפירט אף א וויסנשאפטלעכן אופן און געבויט אף די יעסוידעס פון קאָאָפּעראטיווע אסאָציִאציעס.

פירנדיק א קאמף קעגן דער סאָציִאַליסטישער באוועגונג, האָט הערצל געשטרעבט דערצו, אז דער ציִעניזם זאָל געפינען כיין און לײַטזעליקײַט אין די אויגן פון די ארבעטנדיקע ייִדן. דעריבער האָט ער ברייט אָפּערירט מיט פּסעוודאָ־סאָציִאַליסטישע פראזעס, צוזאָגנדיק צו שאפן א געזעלשאפט אָן קלאסן, אָן קלאסנקאמף.

דער אווטאָר פון איינער א בראָשור וועגן הערצליזם, וועלכע איז דערשינען אין 1924, פארכלינעט זיך פון היספּײַלעס, אויסרופנדיק, אז הערצל איז דאָך ארויסגעטראָטן פאר דער

„נאַציִאָנאַלער און סאָציִאַלער באַפרײַונג פונעם ייִדישן פאָלק", פאַר סאָציִאַלן יושר, פאַר דער „אַלמעכטיקייט פון פיזישער און אינטעלעקטועלער מי", פאַר דעם, אַז „די ערד זאָל געהערן צו קאָהאָל, פאַר „מוטואַליזם" (דה. פאַר מיטאַרבעט צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל), פאַר דער הערשאַפט פונעם „קאָאָפּעראַטיוון" פּרינציפּ, אאוו., אדג.

לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך טאַקע פאָר דעם „דריטן וועג" פונעם אַזויגערופענעם „דעמאָקראַטישן סאָציִאַליזם", פאַר וועלכן עס קעמפן די סאָציִאַל־ציִעניסטן.

די פאַרשיידענע וואַריִאַנטן פונעם „קאָאָפּעראַטיוון סאָציִאַליזם", אָדער „גילדיע־סאָציִאַליזם"[1], האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אַף די טעאָרעטישע אײַנשטעלונגען און דער פּראַקטישער טעטיקייט פון דער אָנפירונג פון די ציִעניסטישע „אַרבעטער־פּאַרטייען", באַזונדערס אינעם פּעריִאָד פון דער ציִעניסטישער קאָלאָניזאַציע פון פּאַלעסטינע. דאָס לעבן האָט אָבער באַוויזן, אַז דער געדאַנק וועגן „קאָאָפּעראַטיוון סאָציִאַליזם" איז אַן אוטאָפּישער (אַגעוו, פאַלט ער צונויף מיט די טעאָריעס פון גאָרדאָן, בורבער און אַנד.) און האָט קיין שום געמיינזאַמס ניט מיטן רעאַלן סאָציִאַליזם.

וו. אי. לענין האָט בעשײַטע אָנגעוויזן, אַז אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אַנטוויקלען די קאָאָפּעראַטיוון „די זעלבסטטעטיקייט פון די מאַסן, און דערין באַשטייט זייער גרויסער פאַרדינסט". אָבער דער קאָאָפּעראַטיווער רעפאָרמיזם לייקנט אָפּ דעם קלאַסנקאַמף און געבוירט אילוזיעס, אַז די קאָאָפּעראַטיוון „זײַנען קלויַמערשט אַ מיטל צו לייזן די סאָציִאַלע פראַגע". דער מעהוס פון דער קאָאָפּעראַציע ווערט באַשטימט דורכן כאַראַקטער פון די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, דורך דער פאָרם פונעם אייגנטום, און ניט פאַרקערט, ווי דאָס באַהויפּטן די בורזשואַזע און רעכט־סאָציִאַליסטישע, דערונטער אויך די סאָציִאַל־ציִעניסטישע טעאָרעטיקער. די פּראַקטיק פון פּאַלעסטינע, ווען זי האָט זיך געפונען אונטערן ענגלישן מאַנדאַט, און שפּעטער די פּראַקטיק פונעם בורזשואַזן ייִסראָעל האָבן באַשטעטיקט דעם מאַרקסיסטישן טעזיס, אַז אין די באַדינגונגען פונעם קאַפּיטאַליזם זײַנען די קאָאָפּעראַטיוון מעכײַע־מייסים און מוזן מעכײַע־מייסים זײַן אַלע כעסרוינעס פון דער עקזיסטירנדיקער סיסטעם.

דער פּראָפאַריינִיש־קאָאָפּעראַטיווער סעקטאָר פון דער ייִסראָעל־ווירטשאַפט, אין וועלכן עס זײַנען זייער ברייט אַרײַנגעצויגן די אַרבעטנדיקע מאַסן, איז בליץ־שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַפּאַראַט, וואָס פינאַנסירט און פאַרפעסטיקט די סאָציִאַל־ציִעניסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, די אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע און — וואָס דאָס איז נאָך ערגער — דינט אַלס מאָקער פון אומגעהערטע רעוואָכים פאַר דער אַלטער און נײַער בורזשואַזיע.

דער פּראָפאַריינִיש־קאָאָפּעראַטיווער סעקטאָר איז אַ ווּלאַד פון דער היסטאַדרוט, וועמענס אונטערנעמערישע טעטיקייט, ווי די אונטערנעמערישע טעטיקייט פון די פאַרשיידענע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע געפינען זיך אונטער איר קאָנטראָל, שיידט זיך מיט קיין זאַך ניט אונטער פון דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער בורזשואַזער מעלוכע און פונעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר. דער פּראָפאַריינִיש־קאָאָפּעראַטיווער סעקטאָר איז בלויז אַ צוגאָבלעכע באַזע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מעלוכיש־קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק. צום אונטערשייד פון פיל יונגע מעלוכעס פון אַזיע און אַפריקע איז אין ייִסראָעל די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג נישט געווענדט ניט קעגן עקספּלואַטאַציע און אַפילו ניט קעגן אימפּעריִאַליזם. דער פּראָפאַריינִישער אָנפירנדיקער אַפּאַראַט און די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג זײַנען שטיל און אָן ראַש אַריבער אין שויס פונעם מעלוכיש־מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַליזם און דאָרט אויסגעהויכט די נעשאָמע. דער אַזויגערופענער פּראָפאַריינִישער (אָדער „אַרבעטער"־) סעקטאָר אין ייִסראָעל איז פאַקטיש אַ רינג פונעם קריגס־אינדוסטריִעלן קאָמפּלעקס.

ריכטיק ווײַזט אָן וואָלף ערליך — איינער פון די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל: „די אידיי פון קלאַסן־שאָלעם האָט געפונען די גרעסטע שטיצע אין דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע. דער שאָוויניזם האָט פאַרשטאַרקט דעם רעפאָרמיזם, און זיי ביידע זײַנען געוואָרן אַ באַזונדער וואַריִאַציע פונעם סאָציִאַל־שאָוויניזם, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן אימפּעריִאַליזם".

• • •

[1] אַ וואַריִאַציע פונעם עטוואָס מאָדיפיצירטן בורזשואַז־רעפאָרמיסטישן סאָציִאַליזם. ער איז גענומען אַף באַוואָפענונג מיצאַד דער סאָציִאַל־דעמאָקראַטיע.

קינסטלער

מיקאלאָיוס־קאָנסטאַנטינאַס טשיורליאָניס

צום 100־טן געבורטסטאָג

צוויי בילדער פון דער סעריע „פרילינג". 1907—1908

1



2

1. ווינטער. 1907—1908

2. זומער. 1907

3. פרילינג. 1907

א פארשנייט שטיבל

דער בוים ווינטער־צײַט

צו אונדזער קינסטלערישער בײלאַגע

סאָניע פּרײַ

מוזיק, פאַרב, פּאָעזיע



פאַראיאָרן זומער האָב איך געהאַט דאָס פאַר־געניגן צו פאַרברענגען צוויי כאַדאָשים אין דרוסקינינקײַ, אין דער היימשטאָט פונעם באַ־ווּסטן ליטווישן מאָלער און קאָמפּאָזיטאָר מיקאַלאָיוס טשורליאָניס.

דרוסקינינקײַ — אַ קוראָרט, וועלכער איז באַרימט מיט זײַנע היילונגס־וואַסערן. אַליין דער נאָמען פון דער שטאָט שטאַמט פונעם וואָרט „דרוסקאַ", אויף ליטוויש „זאַלץ". פון דרײַ זײַטן רינגלען זי אַרום סאָסנע־וועלדער, וועלכע עס שנײַדן דורך צוויי טײַכן — ניאַמונאַס און ראַטניטשאַ; אין דער אומ־געגנט זײַנען פאַראַן אַ סאַך טיפע, שיינע אָזערעס.

מיט אַ ברייטער האַנט האָט די נאַטור באַשאָנקען אָט דאָס אָרט. וווּנדערלעך רײַך און פאַרשיידנאַר־טיק איז די געוויקסן־וועלט, פול מיט לעבן — די וואַסער־קוואַלן. און צו דער רײַכקײַט באַציט מען זיך באַלעבאַטיש. מע היט אָפּ יעדעס ביימעלע, יעדן קוסט און בלימל, יעדן טראָפּן וואַסער. אין דרוס־קינינקײַ גייט אַ העפטיקע בויונג. אין אַנדערע ער־טער טרעפט, אַז אין אַזעלכע פאַלן רעכנט מען זיך ניט מיט גאָרנישט — מע האַקט אויס ביימער, מע ראַמט אָפּ אַלץ, וואָס קומט אונטער דער האַנט. אָבער ניט אין דרוסקינינקײַ.

— אויסהאַקן אַ בוים איז בײַ אונדז פאַרבאָטן, — האָט מיר געזאָגט דער הויפּט־אַרכיטעקטאָר פון דער שטאָט וויטאַוטאַס פּעטקיאַוויטשוס.

די בויונג־פּלעצער זײַנען דאָ אַרומגעצוימט, יעדער בוים איז באַשיצט מיט אַ פּלויטל, כדי די הייב־קראַנען און מאַשינעס זאָלן עס ניט פאַרטשעפּען.

— דאָס הייסט ניט לאַכלוטן, — זאָגט ווידער דער הויפּט־אַרכיטעקטאָר, — אַז די ביימער ווערן באַ־שיצט אומאָפּהענגיק פון זייער ווערט. מינדערווער־טיקע ביימער פאַרבײַט מען מיט אַנדערע. די נײַע גאַס ספּאָרטאָ, אַשטייגער, איז באַצירט מיט רייען זילבערדיקע טענענביימער.

אין דרוסקינינקײַ איז פאַראַן אַ סאַך וואָס צו זען. מע קאָן זיך פאַרקוקן אויף די נײַע, ערשט אויסגעבויטע סאַנאַטאָריעס מיט זייער פײַנער אַר־כיטעקטור, אויף די קינסטלערישע סקולפּטורן אין פּאַרק, אויף די סקווערן, שטאָטישע אַנשטאַלטן, אַלטע היסטאָרישע דענקמעלער.

דער מוזיי „וואַלד־עכאָ" געפינט זיך אויפן סאַמע ראַנד פון דער טשעליוסקין־גאַס, אין וואַלד. אַלס פונדאַמענט פונעם מוזיי דינט אַ מעכטיקער שטאַם פון אַ דעמב. אַרום דעם שטאַם ליגן ביימער, וועל־כע שאַפן דעם אײַנדרוק פון אַן אָריגינעלן גיגאַנטישן פּאַרקעט.

דער מיטאַרבעטער פונעם מוזיי סיגיטאַס באַליס האָט מיר דערציילט, אַז די עקספּאָזיציע ווערט דאָ באַרײַכערט פון יאָר צו יאָר און וועט פאַרנעמען עטלעכע גרויסע זאַלן, אַרײַנגערעכנט אַ ספּעציעלע ביבליאָטעק.

דערעכאַגעוו דערציילט מיר סיגיטאַס באַליס, אַז אין ליטע האָט זיך פאַרהיט דער עלטסטער דעמב אין אייראָפּע — דער סטעלמושקער, — וואָס איז אַלט דרײַ מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר, און אין איינעם פון די זאַלן וועט אים געשטעלט ווערן אַ מין דענקמאָל.

אַמאָל זײַנען אין קוראָרט־שטעטל געווען עטלעכע פּריוואַטע פּאַנסיאָנאַטן, וועלכע האָבן פונקציאָנירט בלויז זומער־צײַט, איצט זײַנען אין דרוסקינינקײַ פאַראַן זיבן סאַנאַטאָריעס פאַר דערוואַקסענע און צוויי קינדער־סאַנאַטאָריעס. זיי באַדינען צענדליקער טויזנטער מענטשן אין משך פון אַ קײַלעכדיקן יאָר.

אין האָטעל „טוריסט" האָב איך זיך באַקענט מיט מאַטוויי כאַימאָוויטש, אַן אײַנוווינער פון לענינגראַד. אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער אָנ־טיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר באַפרײַען די ליט־ווישע ערד פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן. זײַן

ברוסט איז באַצירט מיט אָרדענס און מעדאַלן, ער איז אַן אינוואַליד, נאָר זעצט פאָר אַרבעטן, אָנפּירנדיק מיט אַ קאַדרען־אָפּטייל אין איינעם פון די לענינגראַדער אויטאָ־ווירטשאַפטן.

ער האָט גוט פאַרגעדענקט דעם רייעך פון די סרייפעס, דאָס פּײַפן פון די קוילן, דער געהילך פון די קאַנאָנען. דעמלט איז ניט געווען די צײַט צו געניסן פון דער שיינקײַט פון דער נאַטור. איצט קוויקט זיך מאַטוויי כאַיִמאָוויטש מיט דער זאַפּטיקער לופט, מיט די קילע וואַסערן פונעם ניאַמונאַס און פון דער ראַטניטשאַ.

קיין דרוסקינינקײַ קומען אָפט עסטראַדע־קאָלעקטיוון, אַרטיסטישע אַנסאַמבלען. גראָד ווען איך האָב דאָרט אָפּגערוט, זײַנען אין שטאָט געהאַנגען אַפישעס פונעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער. אין מעשעך פון צוויי אָוונטן האָט מען אָפּגעגעבן אין זײַן רעשוס דעם קאָנצערט־זאַל „דײַנאַוואַ". די ייִדישע אַרטיסטן האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. ס'האָט די צושויער פאַרכאַפּט די הויכע פּראָפעסיאָנעלע קולטור פונעם קאָלעקטיוו, מיט וועלכן עס פירט אָן דער באַגאַבטער רעזשיסער באָריס לאַנדאַו.

דעם קוראָרט באַזוכן אויך אויסלענדישע טוריסטן. לעצטנס, האָט, לעמאָשל, עטלעכע טעג דאָ פאַרבראַכט אַ גרופּע וועטעראַנען־קאָמוניסטן פון ייִסראָעל בעראָש מיטן איבערגעגעבענעם פרײַנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד נאַפטאַלי מאָס. די ייִסראָעלדיקע כאַווייריִם זײַנען מאַמעש אַנציקט געווען פון אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען אין דער סאָוועטישער ליטע. אין דרוסקינינקײַ האָט מען זיי אונטערגעטראָגן אַ מאַטאָנע — אַן אַלבאָם פון טשורליאָניסעס געמעלן.

שווער צו געפינען אַזאַ מענטשן, וועלכער האָט כאָטש איין מאָל באַזוכט דרוסקינינקײַ און ער זאָל ניט וועלן זיך באַקענען מיט טשורליאָניסן, מיט זײַן לעבן און מיט זײַנע ווערק.

ווער איז ער, טשורליאָניס? אַ קינסטלער. קאָמפּאָזיטאָר. אַ פּאָעט. מיקאַלאָיוס טשורליאָניס איז דער שטאָלץ פון ליטע און פון אונדזער גאַנצער פילנאַציאָנאַלער קונסט. האַיאָר, אין סענטיאַבער, וועט מען אָפּמערקן זײַן 100־טן געבורטסטאָג.

און אָט מאַכן מיר אַן עקסקורסיע איבער די ערטער, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט טשורליאָניסן. מיר גייען איבער דער גאַס, וואָס טראָגט זײַן נאָמען און ווּ עס געפינט זיך זײַן מוזיי.

דאָ, אויף דער דאָזיקער ערד, איז דורכגעגאַן זײַן קינדהײַט. אַהער פלעגט ער ניט איין מאָל קומען אין זײַנע רײַפע יאָרן. פון אָט די קאַנטן האָט ער געשעפּט באַגײַסטערונג פאַר זײַנע שאַפונגען.

ער איז געבוירן געוואָרן אין 1875 אין אַ מישפּאָכע פון אַ מוזיקאַנט און אָרגאַניסט, און צו זיבן יאָר האָט אים דער פאָטער אויסגעלערנט שפּילן, לייענען פרײַ די נאָטן־פּאַרטיטור. צו דרײַצן יאָר קומט אָן דאָס באַגאַבטע ייִנגל אין מ. אָגינסקיס מוזיקאַלישער שול, און שפּעטער, אין 1893 — אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע. דאָס ערשטע ווערק זײַנס — די סימפאָנישע פּאָעמע „אין וואַלד" — שאַפט ער אין 1900. אין אַ יאָר אַרום קומט ער קיין לײַפּציק, ווּ ער באַזוכט די קאָנסערוואַטאָריע און שרײַבט אָן די אוווערטיורע „קעסטוטיס".

שוין אין דער פריִער יוגנט אַנטפּלעקט זיך בײַ טשורליאָניסן נאָך איין טאַלאַנט — דער באַרוף צו מאָלערײַ. אים פאַרכאַפּט די פּרעכטיקע נאַטור פון זײַן היימשטאָט. אין האַרבסט 1902 קערט ער זיך אום אין דרוסקינינקײַ, און דאָרט לאָזט ער מאַמעש ניט אַרויס דאָס פּענדזל פון דער האַנט. שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, קומט ער אָן אין 1904 אין דער וואַרשעווער קונסט־שול. אין מעשעך פון דרײַ יאָר לערנט ער זיך מאָלן בײַ די באַרימטע פּוילישע קינסטלער קזשיזשאַנאָווסקי און רושיץ. עס הייבט זיך אָן זײַן זעלבשטענדיקע אַרבעט אַלס מאָלער.

מיקאַלאָיוס טשורליאָניס זוכט זײַן אייגענעם וועג צו דער קונסט — און געפינט אים. ביז איצט פּרוּווט מען באַשטימען, צו וואָס פאַר אַ „שול" געהערט ער, אָבער אומזיסט: ער איז ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער רעאַליסט, קיין אַבסטראַקציאָניסט, און קיין אימפּרעסיאָניסט איז ער אויך ניט געווען. ער איז געווען און איז געבליבן איינער און דער זעלבער, דער איינציקער — טשורליאָניס. וועגן אָט דער אייגנאַרטיקײַט האָט ניט לאַנג צוריק געשריבן דער קונסטקענער אַ. סאַוויצקאַס:

„טשורליאָניס האָט אויסגעמיטן צו מאָלן מענטשן. דאָס אָרט פונעם מענטשן האָט אין זײַן שאַפונג פאַרנומען דער פּייזאַזש, פול מיט פּאָעזיע און מוזיק, די קאָסמישע ראַכוועס, די וועלט פון פאַנטאַסטיק. טשורליאָניס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מײַסטער, וואָס אַזעלכע ווייסט די געשיכטע פון קונסט ווייניק".

די זעלטענע נאַטור פון דרוסקינינקײַ, נידאַ, פּאַלאַנגע, פון דעם גאַנצן בורשטין־קאַנט איז דער הויפּט־קוואַל פון טשורליאָניסעס קונסט. אין די בריוו צו די אייגענע שרײַבט ער אָפט וועגן דעם, ווי טיף ס'איז זײַן ליבע צו דער דאָזיקער נאַטור:

„...און ווידער הערסטו, ווי די סאָסנעס שעפּטשען, און אַזוי ערנסט, ווי זיי וואָלטן צו דיר גערעדט. קיין שום זאַך אויף דער וועלט פאַרשטייסטו ניט אַזוי גוט, ווי אָט דאָס שעפּטשען. דאָס וועלדל ווערט שיטערער, און צווישן צווײַגן פינקלט שוין די אָזערע... געדענקסט פּאַלאַנגע? דעם שפּאַציר צווישן די צאַרטע, פינקלדיקע כוואַליעס... ווי ס'דערנעענטערט זיך דער געוויטער, ווי ער ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער — געדענקסט?"

מיר האָבן באַזוכט די ערטער, ווּ טשורליאָניס פלעגט ליב האָבן צו זײַן. דער טײַך ראַטניטשאַ טראָגט געלאַסן און שטיל־מורמלדיק זײַנע וואַסערן צווישן פעלדער און וועלדער אונטערן בלויען הימל. אַהער פלעגט טשורליאָניס אָפט קומען מיט זײַן מאָלברעט. פאַרגאַפטע האָבן מיר געהערט, ווי עמעצער האָט דאָ געלייענט עדואַרדאַס מעזשעלײַטיסעס ליד מיטן רעטשיטאַטיוו „ראַטניטשעלע":

— טשורליאָניס!
— טשורליאַנאַ!
טשורליאָן...
מיר הערן פאַרליבטע, פאַרבלענדטע:
ווי הונדערטער פידלען, אין קאָן
מיטן טײַכל, אין ריטמיק קרעשטשענדאָ,
זײַן ניגן צו שפּילן הייבט אָן...[1]

---

[1] די אויסצוגן פון לידער, דאָ און ווײַטער, איבערגעזעצט פון כ. ביידער.

טשורליאָניס האָט געווידמעט זײַן שאפונג דעם ליטווישן קאנט. אָבער ס׳איז א טאָעס צו מיינען, אז אים זײַנען פרעמד געווען מאָטיוון פון גאנץ רוסלאנד. ווען ער באזוכט קאווקאז, שרײַבט ער אין א בריוו צום ברודער פאווילאס: „געדענקסט, פאוליוק, פאלאנגע און אונדזערע שפאצירן אפן יאם־ברעג? אָט אזוי איז געווען אויך דאָ, אָבער עפשער אפילע שענער... די פעלדזיקע ברעגן, הויכע, צו וועלכע ערטערווײַז קאָן מען אפילע ניט צוטרעטן, און פון א כוואליע קאָן מען קוים אוועקלויפן, און פון עפעס א בארג זעט מען קימאט א האלבן יאם... איך האָב געמאָלט און פאָשעט גלאט אזוי שאָענווײַז געזעסן באם יאם, באזונדערס סאָף טאָג פלעג איך שטענדיק גיין אהער... איך האָב געזען, אן ערעך 140 קילאָמעטער פונדאנען, דעם עלברוס, וועלכער דערמאָנט א ריזיקע שניי־קויל, וואָס הייבט זיך אוף איבער דער ווײַסער בארג־קייט. איך האָב געזען בייס דעם זון־אופגאנג דעם דאריאל־טאָל צווישן מעשונע ווילדע גרוי־גרינע און רויטלעכע פעלדזן. מיר זײַנען דעמלט געגאנגען צופוס, און אָט דער וועג איז געווען ווי א כאָלעם, וואָס וועט בלײַבן אין זיקאָרן אפן גאנצן לעבן”.

אָט די שיינקײַט פון קאווקאז, ווי די שיינקײַט פון זײַן אייגענעם קאנט, האָט טשורליאָניס פארייביקט אין זײַנע ווונדערלעכע לײַוונטן.

דעמלט, אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, איז דער קינסטלער געווען פארגאפט פונעם „ברום פון דעם טערעק, וואָס אין אים פליסט שוין ניט קיין וואסער, נאָר פינע, און עס הילכן, קײַקלען זיך שטיינער...” און איצט, ווען טשורליאָניס זאָל לעבן, וואָלט ער געזען, ווי ערטערווײַז זײַנען ניאָמונאס און ראטניטשעלע, די אמאָליקע שטילע טײַכעלעך, שוין ענלעך אפן טערעק — דאָרט, וווּ ס׳האָבן זיך אופגעהויבן הערבליעס אף זיי, און גאנצע וואסערפאלן פינען. אזוי ענלעך, אז בא מענטשן, וועלכע קומען קיין דרוסקינינקײַ פון קאווקאז, שאפט זיך דער אײַנדרוק, אז זיי זײַנען ווידעראמאָל געקומען צו זיך אהיים...

דער מוזיי פונעם גרויסן קינסטלער געפינט זיך אינעם הויז, וווּ ער האָט אמאָל געלעבט. צוויי ניטגרויסע געבײַדעס, אײַנגעטונקט אין גרינס: אין איינער זײַנען אויסגעשטעלט טשורליאָניסעס בילדער, אין דער צווייטער קלינגט זײַן מוזיק. דאָ איז שטענדיק פול מיט מענטשן, און מע קומט אהער ניט צוליב פוסטן נײַגער. טשורליאָניס רעדט מיט די באזוכער דורך זײַנע ווונדערלעכע בילדער, דורך קלאנגען פון זײַן מוזיק. און אָט כאזערן מיר איבער זײַן וואָרט:

„...וואָס ברייטער די פליגל צעשפרייט ער, וואָס א גרעסערן קרײַז מאכט ער אין פלוג, אלץ גרינגער וועט אים ווערן, אלץ גליקלעכער וועט זײַן דער מענטש...”

„ליבע — דאָס איז דער זון־אופגאנג. האלבער טאָג איז לאנג און הייס. און דער אָוונט, א פרעכטיקער און שטילער, געבירט איר אומעט...”

מײַן שכיינע, וועלכע שטייט מיט מיר באנאנד לעבן טשורליאָניסעס בילדער, בעט בא מיר א בלײַער — זי וויל פארשרײַבן מ. גאָרקיס ווערטער וועגן דעם ליטווישן קינסטלער:

„...שטייגער, זשאנער און דעסגלײַכן — דאָס אלץ איז גוט... און וווּ איז דער טרוים? דער טרוים וווּ איז? וווּ איז די פאנטאזיע, פרעג איך? פארוואָס זײַנען בא אונדז ניטאָ קיין טשורליאָניסן? דאָס איז דאָך מוזיקאלישע מאָלערײַ!”

און ווידעראמאָל:

„איז וואָס זשע... צי דען איז פאר ראָמאנטיק ניטאָ קיין אָרט אין רעאליזם? הייסט עס, פלאסטיק, ריטם, מוזיקאלישקײַט און דעסגלײַכן דארף לאכלוטן ניט האָבן די רעאליסטישע מאָלערײַ? מיר געפעלט טשורליאָניס דערמיט, וואָס ער צווינגט מיך זיך פארטראכטן ווי א ליטעראטאָר!..”

ווער עס זאָל ניט קומען אין מוזיי, פארקוקט ער זיך אף דעם בילד „פרײַנטשאפט”. אף די אויסגעשטרעקטע הענט פון א פרוי — די זון. וואָס מער קאָן פארקערפערן די גרויסע קראפט פון פרײַנטשאפט, ווי אזא סימבאָל? אין מוזיי האָב איך זיך דערוווּסט, אז מיט אָט דעם בילד האָט טשורליאָניס אויסגעדריקט זײַן דאנקבארקײַט פאר דער פרײַנטשאפט, וואָס אים האָט ארויסגעוויזן זײַנע א באקאנטע בראָניסלאווע וואָלמאן. דעם מאָלערס שוועסטער וו. טשורליאָניטע שרײַבט וועגן דעם: „איר, ב. וואָלמאן, וועלכע האָט ארײַנגעטראָגן אזויפיל שײַן, ווארעמקײַט און שיינקײַט אין מ. ק. טשורליאָניסעס לעבן, האָט דער קינסטלער געווידמעט איינס פון זײַנע ליכטיקסטע ווערק — „פרײַנטשאפט”.

און אָט נאָך א בילד — „דער שיסער מיטן פײַלנבויגן”. באגרײַפן עס העלפן אונדז דעם קינסטלערס ווערטער: „...טו א קוק: צווישן פארשנייטע בארגקרוינען, צווישן בערג, וועלכע שיסן אין דער הייך און דערגרייכן קימאט ביזן הימל, שטייט א מענטש...” און מיר דערוויסן זיך, אז ראָמען ראָלאן איז געווען אזוי באצויבערט פון אָט דעם בילד, אז א רעפראָדוקציע פון אים האָט ער אופגעהאנגען בא זיך אין גאסטצימער, בייס ער האָט געלעבט אין ווילנעווע (שווייץ). אין 1930 האָט דער אווטאָר פון „זשאן קריסטאָף” און „קאָלא ברוניאָן” געשריבן צו טשורליאָניסעס פרוי:

„שווער אויסצודריקן, ווי באגײַסטערט איך בין געווען פון אָט דער פראכטפולער קונסט, וועלכע האָט באַרײַכערט ניט בלויז די מאָלערײַ, נאָר זי האָט אויך אויסגעברייטערט אונדזער וועלטבאנעם אין געביט פון פאָליפאָניע און מוזיקאלער ריטמיק. ווי פרוכטבאר וואָלט געווען די אנטוויקלונג פון אזא אינהאלטסרײַכער קונסט אין דער מאָלערײַ פון ברייטע ראכוועסן, מאָנומענטאלע פרעסקעס. דאָס איז א נײַער גײַסטיקער קאָנטינענט, וואָס זײַן כריסטאָפאָר קאָלומב איז געוואָרן טשורליאָניס”.

און מע דארף דאָך נעמען אין אכט, אז טשורליאָניסעס בילדער זײַנען לויטן פאָרמאט גאָר ניט קיין גרויסע. געמאָלט האָט ער זיי אָפט אף פאָשעט פאפיר. און דאָס וויפלטע מאָל איבערצײַגסטו זיך, אז די ווערט פון א קינסטלעריש ווערק באשטייט אין דער טיפקײַט פון געפילן און געדאנקען, וועלכע ווערן אין דעם אויסגעדריקט.

מיר גייען ארײַן אין דער צווייטער געבײַדע פונעם מוזיי. דאָ קלינגט מוזיק. אלע זונטיק ווערן אָרגאניזירט קאָנצערטן, און די באזוכער קאָנען זיך נעענטער באקאנען מיט טשורליאָניסן דעם קאָמפאָזיטאָר.

פון קאָונאַס און ווילניוס קומען צו פאָרן די בעסטע פּיאַניסטן, און שאָענלאַנג קלינגען דאָ בעטכאָווען, סקריאַבין, טשורליאָניס.

אָף איינעם אַזאַ קאָנצערט בין איך געווען. אינווייניק האָט ניט געקלעקט קיין ערטער פאַר אַלעמען — האָט מען זיך צוגעזעצט אָף בענק, אין סאָד, לעבן דעם מוזיי, און פון די אָפענע פענצטער האָבן זיך געטראָגן צויבער־קלאַנגען, וועלכע האָבן קיינעם ניט איבערגעלאָזט גלײַכגילטיק.

זײַנע 36 יאָר האָט טשורליאָניס אָפּגעלעבט אין באַדינגונגען פונעם צאַריזם. ער האָט גוט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז נויט (די מישפּאָכע בײַ זײַנע עלטערן איז געווען אַ גרויסע, און אַפילע ברויט צו זאַט איז ניט געווען).

טשורליאָניס איז ניט געשטאַנען אין אַ זײַט פונעם קאַמף פאַר אַ נײַ לעבן. אונטער אַ גלאָז אין מוזיי זעען מיר אַ פאָטאָגראַפיע: טשורליאָניס, באַנאַנד מיטן באַוווּסטן ליטווישן רעוואָליוציאָנער ב. קאַפּסוקאַס־מיצקיאַוויטשוס, צווישן די אָנטיילנעמער פון אַ מאַיאָווקע אין 1905. ס'איז באַוווּסט, אַז טשורליאָניס פלעגט בײַ זיך באַהאַלטן רעוואָליוציאָנערע פלוג־בלעטלעך.

אין מוזיי עקספּאָנירן זיך טשורליאָניסעס בריוו, און מיר געפינען אין זיי דרייסטע אַרויסזאָגונגען וועגן קונסט, פּאָעטישע באַשרײַבונגען פון דער נאַטור. פאַראַן אויך בריוו, וועלכע זאָגן איידעס וועגן זײַן שטעלונג צו דער רעוואָליוציע. אָט איז אַן אויסצוג פון איינעם אַ בריוו פון וואַרשע (געשריבן אין 1906):

„...אַנומלטן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָף אַ דעמאָנסטראַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון עפּעס אַ פופציק קינדער אין עלטער פון אַכט ביז צען יאָר. זיי האָבן געטראָגן אַ רויטע פאָן און געזונגען אַ רעוואָליוציאָנערע ליד „אונדזער בלוט האָבן יאָרהונדערטער די הענקער געזויגן". די דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן אײַנדרוק. איך האָב אינסטינקטיוו אַראָפּגענומען דאָס היטל. אַנדערע האָבן בײַס דער באַגעגעניש מיט זיי אויך אַנטבלויזט די קעפּ. דאָס מיליטער האָט אין די קינדער געשאָסן..."

אין טשורליאָניסעס לעבן איז פאַראַן ניט ווייניק טרויעריקס. ניט ווייניק טרויעריקס איז פאַראַן אויך אין זײַנע ווערק. אָבער דו גייסט אַרויס פונעם מוזיי אין אַ באַגײַסטערטער שטימונג, ווײַל דער איקער אין דער שאַפונג פון טשורליאָניסן איז דער אָפּטימיזם. זײַנע ווערק זײַנען לאַכלוטן ניט קיין פּאַסיווע באַאָבאַכטונג פון דער נאַטור — אין זיי פילט זיך אומזיכטבאַר דער מענטש, וואָס איז דער באַלעבאָס איבער דער פּראַכט און ענדערט זי אַזוי, זי זאָל זײַן נאָך שענער און דערהויבענער. און עדואַרדאַס מעזשעלײַטיס האָט אין טשורליאָניסעס בילדער דערזען דירעקט די ראָל פון מענטשלעכער מי אין דער איבערשטאַלטונג פון דער נאַטור. אָפּן סמאָך פון טשורליאָניסעס בילדער און אַרויסזאָגונגען האָט דער הײַנטצײַטיקער ליטווישער דיכטער אָנגעשריבן זײַן ליד „דער גלאָק", וועלכע פאַרענדיקט זיך מיט אַזעלכע שורעס:

הילכיק און קלינגעוודיק,
אָן אַ קאַפּעלע שאָטן,
נעמט דער קופּערנער גלאָק
אונדז דערציילן, ווי
אָט „די גרויסע סימפאָניע"
און „מענטשן, ווי נאָטן"
ווערן פאַרייניקט
אין באַגײַסטערטער מי.
און פול ווערן הערצער
מיט מוזיק און נעכאָמע,
מיט אָט דער האַרמאָניע
פון מי און געזאַנג —
וואָס ער האָט געפילט
מיט זײַן ריינער נעשאָמע
און אונדז די געשענקט,
ווי דאָס בעסטע געשאַנק.

דרוסקינינקײַ איז אַ קוראָרט פון עכטער מענטשלעכער פרײַנטשאַפט. טשורליאָניסעס מוזיי איז אַ מין קלוב פון אינטערעסאַנטע באַגעגענישן.

איך האָב געבלעטערט דעם אָפּרוף־בוך פונעם מוזיי. אין די פאַרנאָטירונגען, וועלכע ס'שרײַבן אַרײַן די באַזוכער, פילט זיך דער אָפּשײַ און די ליבע פון אַלע פעלקער פון אונדזער לאַנד צום ליטווישן קינסטלער, וועגן וועמען עס ווילט זיך זאָגן מיט ע. מעזשעלײַטיסעס ווערטער:

„איצט, ווען מיר האָבן אויפגעטאָן עמעסע לעגענדאַרע העלדנטאַטן, ווען מיר לאָזן זיך אַראָפּ אָפּן דעק פון אָקעאַן, האָבן געמאַכט אַ שוווּנג אין קאָסמאָס און גרייטן זיך צו פליִען אָף אַנדערע פּלאַנעטעס, ווערט אָט דער פּראָמעטיי פון קונסט, וועלכער האָט געבראַכט דעם נייער־טאָמיד פון שאַפונג, נאָך פאַרשטענדלעכער, ווײַל דאָס, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט, וועגן וואָס ער האָט געטרוימט, ווערט פאַרווירקלעכט אין לעבן".

מאַרטיראָלאָגיע פֿון געטאָ אין דער מוזיק

די טראַגעדיע פֿון די ייִדן אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע געפֿינט נאָך אַלץ און וועט געוויס נאָך לאַנג געפֿינען אָן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור און קונסט. אויך אין דער מוזיק איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ריי ווערק, וועלכע זײַנען אַן אייביקער דענקמאָל פֿון דער מאַרטיראָלאָגיע.

צווישן די פֿיל מוזיקאַלישע שאַפֿונגען, געווידמעט דעם פֿאַרפּײַניקטן פֿאָלק, זײַן טראַגעדיע און זײַן קאַמף, פֿאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט די קאַנטאַטע פֿון אַרנאָלד שענבערג „דער ניצל געוואָרענער פֿון וואַרשע".

אַליין שענבערג איז אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקײַט. אַן אָנגעזעענער קאָמפּאָזיטאָר, פֿאַרלירט ער נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, לויט געבעלסעס פּערזענלעכן באַפֿעל — ווי אַ „דעגענערירטער מוזיקער", זײַן פּראָפֿעסור אין קאָמפּאָזיציע־פֿאַקולטעט פֿון דער פּרײַסישער קונסט־אַקאַדעמיע. ער פֿאַרלאָזט דײַטשלאַנד און באַזעצט זיך אין 1933 אין פּאַריז. אַלס פּראָטעסט קעגן די פֿאַרפֿאָלגונגען מיצד די היטלעריסטן נעמט ער אָן דעמאָנסטראַטיוו דעם ייִדישן גלויבן.

דער דאָזיקער פֿאַקט שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין זײַן שאַפֿונג. שענבערג שרײַבט אָן אַ ריי ווערק אויף ייִדישער טעמאַטיק, און איינס פֿון די ערשטע איז געווען די קאַנטאַטע „קאָל נידרע" פֿאַר אַ כאָר און אָרקעסטער און פֿאַר אַ רעציטאַטאָר. דערנאָך קומען צוויי ווערק אויף ביבלישער טעמאַטיק: די אָראַטאָריע „יאַנקעוווס לייטער" (ווי מע דערציילט, פֿילן זי אויס באַ טויזנט פּערזאָן) און די אָפּערע „מוישע און אַרן".

ווען שענבערג באַקענט זיך גענויער נאָך דער מילכאָמע מיט דער ווילדער אויסראָטונג פֿון די פּוילישע ייִדן, באַשליסט ער זיי ווידמענען אַן אָראַטאָריע. ער קומט אָבער צום אויספֿיר, אַז די גרויסע טראַגעדיע דאַרף אויסגעדריקט ווערן אין אַ קורץ ווערק, וואָס זאָל זײַן ווי אַ פֿאַרצווייפֿלונגס־געשריי, אַ וואָרענונג. אין 1947 שרײַבט ער אָן אויף זײַן אייגענעם טעקסט אַן אַכטמינוטיקע קאַנטאַטע פֿאַר אַ רעציטאַטאָר, מענער־כאָר און גרויסן סימפֿאָנישן אָרקעסטער — „דער ניצל געוואָרענער פֿון וואַרשע".

שענבערג נוצט דאָ אויס אַלע מיטלען פֿון זײַן גרויסאַרטיקער מוזיקאַלישער שפּראַך, קעדיי אויסדריקן, מעגלעך אַפֿילע דעקלאַראַטיוו, די געפֿילן פֿונעם הויפּט־העלד, דעם ניצל געוואָרענעם וואַרשעווער ייִדן, וועלכער דערציילט וועגן דער טראַגעדיע און וועגן דער גוווּרע פֿון דער וואַרשעווער געטאָ. דער קאָמפּאָזיטאָר שטעלט אויף אַ בילד פֿון מאַסן־עקזעקוציעס, שילדערט די איבערלעבונגען פֿון די קאָרבאָנעס, און די דערציילונג גייט אָפּ אָן פֿאָן פֿונעם שלאַכט־געפֿילדער אין געטאָ, פֿון די פֿאַלנדיקע מויערן, שרעקלעכע געשרייען און געוויינען, אָפּן פֿאָן פֿון היטלעריסטישע קאָמאַנדע־באַפֿעלן און פֿײַפֿערײַען, דורך וועלכע עס הערט זיך, ווי די מערדער ציילן לײַדנשאַפֿטלעך די קאָרבאָנעס, וואָס זיי שיקן אין די גאַז־קאַמערן.

אויך די פּוילישע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן געווידמעט אַ ריי שאַפֿונגען דער געטאָ־טעמע.

איינער פֿון די אָנגעזעענסטע הײַנטצײַטיקע פּוילישע קאָמפּאָזיטאָרן קשישטאָף פּענדערעצקי האָט לעזיקאָרן די אומגעבראַכטע אין אָשווענטשים געשאַפֿן אַן אָראַטאָריע, וועלכע איז דורכגעזאַפּט מיט אויסדריקלעכער מענטשלעכקײַט און צאָרן.

מע דאַרף אָפּמערקן, אַז די מאַרטיראָלאָגיע, די אַנטימילכאָמע־ און אָקופּאַציע־טעמאַטיק (אַשטייגער, די קלאָגליד, געווידמעט דעם אָנדענק פֿון די הירָאָסימער קאָרבאָנעס) פֿאַרנעמען אין פּענדערעצקיס שאַפֿונג אַ היפּש אָרט. לויט דער באַשטעלונג פֿון דער פּוילישער ראַדיאָ האָט ער אָנגעשריבן דאָס ווערק „די טויט־בריגאַדע" — אויך אויף דער טעמע פֿון דער מאַרטיראָלאָגיע פֿון די פּוילישע ייִדן. אַלס טעקסט האָבן אים געדינט פֿראַגמענטן פֿון לעאָן וועליטשקערס זיכרוינעס־בוך אונטער דעם זעלבן נאָמען. וועליטשקערס איבערלעבונגען (ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז ער אַלט געווען קוים פֿופֿצן יאָר, ער האָט זיך געפֿונען אין לוואָווער געטאָ, אין יאַנאָווער לאַגער און אין אַנדערע פּײַניקונגס־ערטער) האָבן אין פּענדערעצקיס מוזיק באַקומען אַ דערשיטערנדיקן מוזיקאַלישן אויסדרוק.

דער וואַרשעווער קאָמפּאָזיטאָר אַדאַם שוויעזשינסקי האָט אונטערן שטאַרקן אײַנדרוק פֿון דער טראַגעדיע פֿון די אסירים פֿון שטוטהאָפֿער לאַגער, דורך וועלכן עס זײַנען דורכגעגאַנגען אַן ערעך 120 טויזנט געפֿאַנגענע, צווישן זיי העכער 50 טויזנט ייִדן, — געשאַפֿן אַ וואָקאַל־מוזיקאַליש ווערק, באַזירנדיק זיך אויפֿן פּאָעטישן טעקסט פֿון פֿראַנטשי־

שעק פעניקאָווסקי. ווי דער קאָמפּאָזיטאָר שרײַבט, האָט ער געשטרעבט ארויספירן א גאנצע ריי טראַגישע געשטאלטן פון „ארעסטירטע — סקעלעטן, האלב־לעבעדיקע וועזנס, געשפּענסטער, מענטשלעכע שאָטנס, וואָס האָבן קוים געזשיפּעט אין די באַדינגונגען פון טאָטאלער אויסראָטונג". און ס'האָט זיך באַקומען א פּאָעמע פון מארטיראָלאָגיע, אין וועלכער דער אווטאָר גיט אָפּ קאָוועד די אסירים־העלדן, די דערמאָרדעטע אף א בעסטיאַלישן אויפן דורך די היטלעריסטן, און אויך די, וועלכע זײַנען ניצל געוואָרן, האָבן דערלעבט די באַפרײַונג און זײַנען אַדהײַעם א לעבעדיקער דענקמאָל פון די מערדערישן אויף לײַדן, וואָס זיי איז אויסגעקומען אויסצושטיין אין די אומקום־לאַגערן.

„דאָס קינד האָט זיך זייער געשראָקן פארן טויט. עס האָט זיך געטוליעט צו דער מאמען און געפרעגט: „מאמעשי, טוט דער טויט זייער וויי?". די מוטער האָט וויינענדיק געענטפערט: „ניין, נאָר א ווײַלינקע" — און אזוי האָט מען זיי דערשאָסן". אָט דער דאָזיקער פראגמענט פון יעזשי פיצאָווסקיס פּאָעמע „א בריוו צו מארק שאגאלן" גיט איבער דעם הויפּט־מאָטיוו פון סט. וויעכאָוויטשעס דראמאַטישער ראפּסאָדיע מיט דעם זעלבן נאָמען. דאָס ווערק, וואָס איז אָנגעשריבן פאר א סאָלאָ, געמישטן כאָר און סימפאָנישן אָרקעסטער, איז פול מיט טראַגישן וויי. עס ווערט דערציילט וועגן א מיידעלע, דער זעקסיאָריקער ראָזע גאָלד, וועמעס אייגעלעך זײַנען „צוויי טויזנט מאָל געשטאָרבן", וועגן געטאָ, וועגן דעם זאמד פון מײַדאנעק און סאָביבאָר, וועגן טרעבלינקע און בעלזשעץ.

צו די שאפונגען, וועלכע זײַנען געווידמעט דער יידישער מארטיראָלאָגיע, געהערט אויך דאָס ווערק פונעם פוילישן קאָמפּאָזיטאָר פון ייִנגערן דאָר זביגניעוו בויארסקי (געבוירן אין 1933). „קינעס" איז אָנגעשריבן פאר א קאמעראלן אָרקעסטער און איז געווידמעט „דעם אָנדענק פונעם ייִדישן אומגעבראכטן דאָר". מיט צען יאָר צוריק איז דאָס דאָזיקע ווערק אָפּגעמערקט געוואָרן מיט דער צווייטער פּרעמיע אפן קאָמפּאָזיטאָרן־קאָנקורס אין נאָמען פון גזשעגאָזש פיטעלבערג.

מע קאָן אָנרופן נאָך אייניקע ווערק אף דער געטאָ־טעמאטיק. אזוי, לעמאָשל, האָט אף די ווערטער פון טאדעוש מארק אָנגעשריבן א ציקל לידער „לירישער וועגווײַזער איבער ווארשע" דער קאָמפּאָזיטאָר וויטאָלד רודזשינסקי. איין ליד פון דעם דאָזיקן ציקל הייסט „ווארשעווער געטאָ". שימען לאקס האָט אף אנטאָני סלאָנימסקיס טעקסט אָנגעשריבן אן עלעגיע פאר געזאנג און פאָרטעפּיאן „ייִדישע שטעטלעך". אפן ייִדישן טעקסט פון ה. קעניגער האָט דער קאָמפּאָזיטאָר זביגניעוו טורסקי געשאפן אן אָראטאָריע „שעדאו" (שאָטן) ספּעציעל פאר דער דערעפענונג אין 1967 פון דער אויסשטעלונג אינעם געוועזענעם אָשווענטשים־לאַגער. דאָס ווערק אין דער אויספירונג פון קאזשימיעזש פּוסטעליאַק און פון דעם אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פון אנדזשיי מארקאָווסקי איז פארשריבן אף א פּאַטעפאָנפּלאַט.

א ריי ווערק האָבן געשאפן קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע האָבן אליין איבערגעלעבט דעם קאטאקליזם פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. אזוי, לעמאָשל, קאָן מען דאָ דערמאָנען מוישע ווײַנבערגס ציקל „פוילישע לידער", זײַן אכטע סימפאָניע אונטערן נאָמען „פוילישע בלומען" אף יוליאַן טוווימס ווערטער און זײַן נײַנטע סימפאָניע — „אָפּגעראטעוועטע לידער" — אף די טעקסטן פון וול. בראָניעווסקי און יוליאַן טוווים. ווײַנבערג, דער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר, האָט אויסגעדריקט אין די דאָזיקע ווערק די טיפע איבערלעבונגען און אײַנדרוקן פון זײַן געוועזענער היים, ווו עס זײַנען אומגעקומען צוזאמען מיט אנדערע מיליאָנען אסירים אויך זײַנע אייגענע.

א צווייטער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר, הענריק וואגנער, האָט אָנגעשריבן א קאנטאטע „די אייביק לעבעדיקע" — אן אָפּקלאנג פונעם קאָמפּאָזיטאָרס פערזענלעכער טראגעדיע: אין ווארשעווער געטאָ האָט ער פארלוירן זײַן מישפּאָכע. די קאנטאטע הייבט זיך אָן מיט א טראגיש־אומעטיקער שטימונג, נאָר וואָס ווײַטער דערהייבט זיך דער קאָמפּאָזיטאָר צו אלץ וואקסנדיקן פּאטאָס פון קאמף, צו אָפּטימיסטישע אקאָרדן, פולע מיט גלויבן אין דער מענטשהײַט, וואָס עס איז בעקויעך אָפּצוהענדן אף אייביק דאָס געשפּענסט פון מילכאָמע.

מע דארף דאָ דערמאָנען אויך די ראפּסאָדיע „די טראגעדיע פון ווארשעווער געטאָ" פון הענריק ראַפּאצקי (פראנקרײַך), „מאָנומענטאָ 6.000.000" פון פּעטער קאָלמאן, די קאנטאטע „אוישוויץ" פון איליא זעלענקא.

און נאָך א מערקווירדיקע דערשײַנונג. קעדיי צו באערן דעם אָנדענק פון די דערמאָרדעטע דורך די היטלעריסטן ייִדן, האָט א גרופּע הײַנטצײַטיקע קאָמפּאָזיטאָרן פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק און פון דער דײַטשישער פעדעראטיווער רעפּובליק אָנגעשריבן אפן טעקסט פון יענס גערלאך א ווערק פאר סאָלאָ־געזאנג, צוויי רעציטאטאָרן, כאָר און אָרקעסטער אונטערן נאָמען „ייִדישע כראָניק". די מעכאברים פון באזונדערע טיילן (פּראָלאָג, געטאָ, אויפשטאנד, עפּילאָג) זײַנען באָריס בליאכער, פּאָל דעסאָ, קארל אמאדעוס הארטמאן, האנס ווערנער, רודאָלף רעגעני.

מאריאַן פוקס
(„פאָלקס־שטימע", ווארשע)

אנטאָלאָגיע פון דער ליטעראַטור פון די ספאַרדישע ייִדן

עס איז א גרויסער שאָד, וואָס די ליטעראַטור פון די ספּאַרדישע ייִדן — די ליטעראַטור אין לאַדינאָ, אָדער ייִדיש־שפּאַניש, „שפּאַניאָליש״ — איז ווייניק באַקאַנט. ניט לאַנג צוריק איז דערשינען אן אנטאָלאָגיע אין ענגליש „די ספּאַרדישע טראַדיציע״, צונויפגעשטעלט פון מוישע לאַזער, וועלכע פאַרפילט אין א געוויסער מאָס דעם בלויז.

דער בוך עפנט זיך מיט א פאָרוואָרט און אריינפיר־וואָרט, וועלכע מאַכן קלאָר, אז נאָכן גייִרוש פון די ייִדן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל אין לעצטן יאָרצענדליק פונעם 15־טן יאָרהונדערט האָבן זיי אין טערקײַ, אין די באַלקאַנישע לענדער, אַפריקע, איטאַליע, האָלאַנד און אין אַנדערע ערטער אַנטוויקלט צוויי ספּאַרדישע ציוויליזאַציעס: אן אָריִענטאַלישע (מיזרעכדיקע) און א מײַרעוודיקע — יעדע מיט איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און פאָרם.

די אנטאָלאָגיע ברענגט (צום ערשטן מאָל אין ענגליש) איבערזעצונגען פון וועלטלעכע טעקסטן פון ביידע טראַדיציעס: לאַדינאָ (די גערעדטע און געשריבענע ייִדיש־שפּאַנישע שפּראַך) און ייִדיש־שפּאַנישע ליטעראַטור, געשריבן אין שפּאַניש.

די לאַדינאָ־ליטעראַטור פון דער אָריִענטאַלישער ספּאַרדישער טראַדיציע איז אין דעם זאַמלבוך פאַרטראָטן מיט אַזויגערופענע „ראָמאַנסן״ — פאָלקס־באַלאַדעס פון צאָפן־אַפריקע און פון די באַלקאַנען. כוץ דעם, ווערט געגעבן א ביבלישע דערציילונג אין פערזן „פּאָעמע וועגן יויסעפן״, געבויט אף די קוואַלן פון מעדרעש.

א באַזונדערער אָפּטייל איז — „לעגענדעס״, וועלכע שטאַמען פון ייִדן אין צאָפן־אַפריקע. דערנאָך גייט אן אָפּטייל „ווערטלעך און שפּריכווערטער״, וואָס מע האָט געברויכט אין אַלע לאַדינאָ־ריידנדיקע ייִשוּווים. צום סאָף פונעם בוך ווערט געבראַכט א מוסטער פון דער שפּאַניש־ייִדישער ליטעראַטור (געשאַפן, הייסט עס, אין שפּאַניש אף ייִדישע מאָטיוון). דער מוסטער באַשטייט פון א וויכטיקער ייִדישער מאָראַל־דראַמע פון מיגעל (דאַניִעל לייווי) דע באַריאַס „קעגן דעם עמעס איז ניטאָ קיין קראַפט״, אָדער „דער עמעס זיגט צום סאָף״.

נאָך דער שפּאַנישער אינקוויזיציע האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל מאַראַנען (אַנוסים), וועלכע האָבן געהיים זיך געהאַלטן באַם ייִדישן גלויבן. אין 16־טן און 17־טן יאָרהונדערטער האָבן פיל באַשלאָסן צוריקקערן זיך צו ייִדישקייט דורך אײַנשליסן זיך אין די ספּאַרדישע ייִשוּווים אין אַנטווערפּען, אַמסטערדאַם און אין אַנדערע שטעט אין אייראָפּע, ווי אויך אין לאַטײַן־אַמעריקע. די שרײַבער פון יענער גרופּע „צוריקגעקומענע״ האָבן פאָרגעזעצט די ליטעראַרישע טראַדיציע, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין שפּאַניע.

די לאַדינאָ־ליטעראַטור האָט געהאַט איר אָנהייב נאָך פאַר דעם גייִרוש־שפּאַניע, אָבער זי איז זיך צעוואַקסן ערשט שפּעטער, אין די נײַע היימען פון די פאַרטריבענע ייִדן. אָנגעהויבן האָט זי זיך ווי א רעליגיִעזע ליטעראַטור, אײַנשליסנדיק איבערזעצונגען פון העברעיִש: ביבלישע פּיירושים, מוסער־ספאָרים, סידורים, אויך לאַדינאָ־ווערסיעס פון אַזעלכע ספאָרים, ווי „חובות הלבבות״ פון איבן פּאַקודאַ, „ספר הישר״ אָדער „שלחן ערוך״ פון יויסעף קאַראָ, אָדער ספאָרים, וועלכע זײַנען לעכאַטכילע געשריבן געוואָרן אין לאַדינאָ, ווי „צרכי־ציבור״ (1739) פונעם ביבל־איבערזעצער אַווראָם אַסאַ.

צוויי יאָרהונדערטער נאָכן ייִדן־גייִרוש פון שפּאַניע איז שוין די לאַדינאָ־ליטעראַטור געווען רײַך מיט אייגענע און איבערגעזעצטע ווערק אף דער טעמאַטיק פון רעליגיע און עטיק, פּאָעזיע, מיסטיק, געשיכטע, ביבל־פּיירושים, מעדיצין. פונעם 18־טן יאָרהונדערט און אויך ווײַטער איז קעסיידער געוואַקסן די צאָל אָריגינעלע ווערק אין דער לאַדינאָ־שפּראַך. בלויז א טייל פון דער דאָזיקער ליטעראַטור איז פאַרהיט געוואָרן.

צו דער וועלטלעכער לאַדינאָ־פּאָעזיע געהערן די „פּאָעמע וועגן יויסעפן״ (14־טער יאָרהונדערט), „עטישע מעשאָלים״ פון ראַבי שעם טאָוו (באַקאַנט אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור אַלס ראַבי דאָן סאַנטאָב פון קאַריאָן), אן אַנדערע לענגערע פּאָעמע וועגן יויסעפן — „פערזן וועגן יויסעף האַצאַדיק״.

א סאַך פון די קלענערע פּאָעטישע לאַדינאָ־לידער זײַנען געווידמעט די ייִדישע יאָמטויווים. גאָר א כאָשעוון פּלאַץ אין דער ליטעראַטור פון די אָריִענטאַלישע ספּאַרדים פאַרנעמען די „ראָמאַנסעראָ״ — פּאָפּולערע און טראַדיציאָנעלע שפּאַנישע באַלאַדעס, וועלכע זײַנען מינדלעך איבערגעגאַנגען פון דאָר צו דאָר.

אָט די לאַדינאָ־באַלאַדעס זײַנען אין א היפּשער מאָס א העמשעך פון די שפּאַנישע באַלאַדעס פון מיטלאַלטער און פונעם רענעסאַנס־פּעריִאָד. כוץ דעם, שליסן זיי אײַן פיל אָריגינעלע באַלאַדעס. דערבײַ דאַרף אָפּגעמערקט ווערן, אז די מעכאַברים פון די דאָזיקע ווערק סטאַרען זיך אויסשליסן פון די אָריגינעלע שפּאַנישע לידער קריסטלעכע צערעמאָניעס, וועלכע ווערן דאָרט דערמאָנט.

די זאַמלונגען לאַדינאָ־באַלאַדעס שליסן אײַן זינגלידער, קלאָג־לידער, כאַסענע־ניגונים, רעליגיִעזע און נאַציִאָנאַלע הימנען, ווי אויך קלאַסישע, טראַגישע, סאַטירישע, ליבע־לידער.

אין 19־טן יאָרהונדערט און שפּעטער איז די לאַדינאָ־ליטעראַטור באַרײַכערט געוואָרן מיט פיל איבערזעצונגען אָדער באַאַרבעטונגען פון ראָמאַנען און פּיעסן פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי אויך מיט אייניקע אָריגינעלע דערציילונגען, פּיעסן, היסטאָרישע ראָמאַנען. די לאַדינאָ־ליטעראַטור פאַרמאָגט אויך א סאַך פאָלקס־מײַסעלעך און שפּריכווערטער, וואָס פון זיי וואָלט מען געקאָנט צונויפשטעלן עטלעכע בענדער.

די לאַדינאָ־שפּראַך איז באַקאַנט אויך אונטער די נעמען „ראָמאַנאָ״, „כודעזמא״. זי איז רײַך מיט פיל העברעיִשע ווערטער און אויסדרוקן, מיט אַלטע (אַרכאַיִשע) שפּאַנישע ווערטער. ערשט נאָכן גירוש־שפּאַניע איז לאַדינאָ געוואָרן אַ ספּעציפֿיש־ייִדישע שפּראַך פֿון די ספֿאַרדישע ייִדן. זי היט אָפּ דעם כאַראַקטער פֿון דער שפּראַך, אויף וועלכער מע האָט גערעדט און געשריבן אין שפּאַניע אין 1492, ווען די ייִדן זײַנען פֿון דאָרט אַרויסגעטריבן געוואָרן, און האָט אין איר וואָרט־אוצר, אין דער פֿאָנעטיק אירע באַזונדערע אייגנשאַפֿטן. הונדערטער שפּאַנישע ווערטער, וועלכע זײַנען שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן פֿון באַנוץ אין הײַנטיקן שפּאַנישן לשון, זײַנען אָפּגעהיט אין לאַדינאָ. אין משך פֿון עטלעכע יאָרהונדערטער האָט די לאַדינאָ־שריפֿט געברויכט דעם העברעיִש־ייִדישן אַלפֿבית, און ערשט אין 20־טן יאָרהונדערט האָט מען פֿאַר איר אָנגעהויבן נוצן לאַטײַנישע אותיות.

ווען די נאַציסטישע מערדער האָבן פֿאַרניכטעט פֿיל ייִדישע ייִשובֿים, וווּ לאַדינאָ איז געווען די הויפּט־שפּראַך, איז זי פֿאַרמישפּעט געוואָרן צו יעריִדע און פֿאַרשווינדונג — קוידעמקאָל ווי אַ געשריבענע, דערנאָך ווי אַ גערעדטע שפּראַך. די לעבן געבליבענע לאַדינאָ־רײדנדיקע ייִדן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין לאַטײַן־אַמעריקע, האָבן איבערגענומען די שפּאַנישע שפּראַך. די אויסוואַנדערונג פֿון לאַדינאָ־רײדנדיקע קיין ייִשראל האָט פֿאַרשנעלערט די יעריִדע פֿון דער שפּראַך אין טערקײַ און אין מיזרעך־אייראָפּע. אין ייִשראל זײַנען נאָך פֿאַראַן אַרום 200 טויזנט ייִדן, וועלכע רעדן אָדער פֿאַרשטייען לאַדינאָ.

די אַנטאָלאָגיע „די ספֿאַרדישע טראַדיציע״ איז אין אַ געוויסער מאָס אַ מאָנומענט נאָך אַ ליטעראַטור אין איר באַרג־אַראָפּ (מיר ווילן ניט נוצן דעם אויסדרוק „פֿאַרשווינדונג״).

אייניקע פֿון די באַלאַדעס אין דער אַנטאָלאָגיע זײַנען געשריבן דירעקט אונטערן אײַנפֿלוס פֿון די אַלטע שפּאַנישע באַלאַדעס. אַ סך פֿון זיי זײַנען אויף מאָטיוון פֿון ליבע, בענקשאַפֿט, פֿאַראַט, פֿיל באַזירן זיך אויף פּאָעטישע דערציילונגען פֿון אַלטערטום, אויף שילדערונגען פֿון היסטאָרישע געשעענישן אין שפּאַניע בײַ דער צײַט פֿון מיטלאַלטער. אייניקע לאַדינאָ־באַלאַדעס באַהאַנדלען ביבלישע טעמעס. שיין זײַנען די וויגלידער אויף ייִדישע מאָטיוון. צווישן די לידער אויף ביבלישע מאָטיוון קאָן מען אָנרופֿן „דאָס אַריבערגיין דעם ים־סוף״, „משהס געבורט״, „דאָוויד און גאָליִאַט״, „עמנאָן און טאָמאָר״, „דאָוויד באַוויינט אַווישאָלעמען״, „דאָס געבורט פֿון אַווראָהאָמען״.

די ביבלישע אַנאָנימע „פּאָעמע וועגן יוסעפֿן״ איז אַ דערציילונג אין 303 פֿירשורעדיקע פֿערזן (1212 שורעס), אָנגעשריבן אין דער ערשטער העלפֿט פֿונעם 15־טן יאָרהונדערט. לויט דער פֿאָרם איז זי אַ פֿאַרייניקונג פֿון די מיטלאַלטערלעכע שפּאַנישע פֿערזן מיט די העברעיִשע „פּיוטים״ (רעליגיִעזע הימנען) פֿונעם מיטלאַלטער.

די טאָגטעגלעכע שפּראַך פֿון די ייִדן אין די מיזרעכדיקע ספֿאַרדישע ייִשובֿים איז רײַך מיט גלײַכווערטלעך, וועלכע שטאַמען פֿון אַלטע קוואַלן: טאַנאַך, מעדרעש, טאַלמוד. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט מען אָנגעהויבן צונויפֿזאַמלען אָט די מיזרעכדיקע פֿאָלקסווערטלעך און שפּריכווערטער פֿון דעם לאַדינאָ־לאָשן. אין דער אַנטאָלאָגיע ווערן געבראַכט 106 ווערטלעך אין אַן ענגלישער איבערזעצונג.

דער אײנציקער מוסטער פֿון דער מײַרעוודיקער ספֿאַרדישער ליטעראַטור אין דער אַנטאָלאָגיע איז, ווי געזאָגט, די ייִדישע דראַמע „דער עמעס זיגט צום סאָף״, געשריבן אין שפּאַניש, ניט אין לאַדינאָ. דער מעכאַבער — אַ מאַראַן, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט צום ייִדישן גלויבן — איז געווען באַקאַנט אין אַמסטערדאַם אונטערן נאָמען דאַניִעל לייווי דע באַריאַס און אויך ווי מיגעל דע באַריאַס אין בריסעל. ער איז געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע שרײַבער אין שפּאַניע אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור. די אויבנדערמאָנטע דראַמע אין דרײַ אַקטן איז בלויז אַ טייל פֿון זײַן גרויסער ליטעראַרישער פּראָדוקציע, וועלכע ער האָט געשאַפֿן אין 17־טן יאָרהונדערט: פּאָעזיע, דראַמעס, ביבל־קריטיק, היסטאָרישע ווערק.

די דראַמע „דער עמעס זיגט צום סאָף״ דערציילט וועגן דעם ייִדישן מאַרטירערטום אונטער דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און באַהאַנדלט אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי ווילן, עמעס, אינטעלעקט, פֿאַלשקײַט, ליגן, רישעס. דאָס פּאָעטיש־דראַמאַטישע ווערק איז אַ לויבגעזאַנג דעם מעסירעסנעפֿעש, דער אומבאַזיגבאַרקײַט פֿון די קדושים, פֿון די מאַרטירער פֿאַרן עמעס און פֿאַרן פֿאָלק.

בער גרין

(„מאָרגן־פֿרײַהײַט״, ניו־יאָרק)

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

ווען אַף דער אַרענע האָבן זיך באַוויזן ראַבאָנים...

בלויז אַלטע לײַט קאָנען איצט אין סאָוועטנפאַרבאַנד געדענקען די צײַט, ווען ראַבאָנים און אַנדערע גאָטס סטראַפּטשעס האָבן „רעגולירט" דאָס שטייגער־לעבן אינעם שטעטל, זיך פאַרנומען מיט פּאַסקענען שײַלעס, נאָכקוקן, עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די דינים פון דער טוירע, אופהאַלטן אונטערן רעליגיִעזן יאָך דאָס פאָלק.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַ ייִד פון מאָסקווע אָדער קיִעוו אָדער לענינגראַד, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין פּיִאָנערישן אָטריאַד און אין קאָמסאָמאָל, געלעבט און געאַרבעט אין די באַדינגונגען פון דער נאָכאָקטיאַברישער צײַט (בײַ אַ געלעגנהײַט גוטמוטיק אָפּגעשפּאַסט פון אַ ראָוו: „בעסער זיך אָנקערן מיט דער רעבעצן, איידער מיטן ראָוו"), — לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַזאַ ייִד איז אַריבערגעפאָרן קיין טעל־אָוויוו, און פון דאָרטן ווײַטער קיין בריסעל, און נאָך ווײַטער... און אין זײַן איבערגעאַנדערשט לעבן האָט ער דאָ און דאָרט זיך מיטאַמאָל דערזען אין עפּעס גאָר אַ מאָדנעם צוזאַמענהאַנג מיט אָט יענע שוואַרצע קראָען, פּונקט ווי אַ פאַנטאַסטישע „מאַשין פון דער צײַט" וואָלט איבערגעטראָגן דעם גורל פון אים און פון זײַנע קינדער אין זייערע הענט.

עס קאָן אַזוינס ניט זײַן! — וואָלט דער ייִד, דער קומענדיקער „אוילע", אויסגעשריגן, ווען מע וואָלט עס אים פאָרויסגעזאָגט, איידער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

נאָר אַזוינס קומט איצט פאָר טאָגטעגלעך, און ס'איז בייטיק, אַז אַלע זאָלן וועגן דעם וויסן.

אָט וואָס עס שרײַבט אונדז דער געוועזענער אײַנוווינער פון מײַקאָפּ י. שלייפּמאַן, וועלכער האָט שוין דורכגעמאַכט דעם מאַרשרוט קיין ייִסראָעל און פון ייִסראָעל, און, אומקערנדיק זיך אַנומלטן, נאָך אַ באַקאָשע־שמועס אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט, צוריק צו זײַן שטענדיקן אָרט אַף אַ באַנק אין אײַנעם פון די אומהיימלעכע סקווערן פון בריסעל, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו אין „סאָוועטיש היימלאַנד". ער שרײַבט צווישן אַנדערס:

„פאַר אײַך, פאַר די זשורנאַליסטן און שרײַבער, איז וויכטיק צו פעסטשטעלן די פּסיכאָלאָגיע פון אַזאַ מעשונעדיקער איבערגעשטאַלטונג, ווען אַ מענטש, ווי איך (מע פלעגט אין מײַן געבורטשטאָט מיר אויסוואַרפן, אַז איך בין אַ פּאַריסענער, אַ גאָרדיעץ), — האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און, זײַענדיק אַליין אַן אַטעיִסט, אַ לערער פון ביִאָלאָגיע, געלאָזט זיך אין עלטער פון 41 יאָר מאַלע זײַן און נאָכן פאַרלאָזן ייִסראָעל געענדיקט מיט אָנעמען דעם קאַטוילישן גלויבן. די „פּסיכאָלאָגיע" איז גאָר אַ פּאָשעטע: מיט כוצפּע אַרויסגעשטעלט אַ פּויסט קעגן דעם סאָוועטישן היימלאַנד, און שפּעטער ניט געהאַט קיין קויעך צו אָנכאַפּן זיך אַליין בײַ דער האַנט און צענעמען דעם פּויסט..."

מיר וועלן דאָ אויסמײַדן צו אַנאַליזירן די ווידעפונעם הער שלייפּמאַן, וועלכער האָט ערשט אַף דער האַרטער באַנק אין סקווער פון אַ פרעמדער שטאָט פאַרשטאַנען, ווי טראַגיש עס ענדיקט אַ מענטש, וואָס הייבט אויף אַ פּויסט אַף זײַן היימלאַנד. אונדזער ציל איז איצט — באַווײַזן, אַז דער גורל, וועלכער האָט געטראָפן שלייפּמאַנען, איז טיפּיש פאַר אַלע אַזעלכע, ווי ער. און באַווײַזן ווילן מיר עס מיט אַ פּאָר בײַשפּילן, וואָס מיר נעמען פון דער בירגערלעכער ייִדישער פּרעסע.

מיר געדענקען די פרייד־געשרייען פון אָט דער פּרעסע, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די „אוילים", געוועזענע סאָוועטישע בירגער, איז פאַראַן אַ היפּשע צאָל „אַקאַדעמיקער", ד. ה. מענטשן מיט הויכער בילדונג. דערנאָך האָט די פרייד אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר צעטומלעניש: די „אַקאַדעמיקער", די וויסנשאַפטלער, די אַרטיסטן, מוזיקאַנטן האָבן ניט געפונען אין ייִסראָעל קיין אַרבעט לויטן פאַך און זײַנען געצווונגען געווען זיך אָנדינגען פאַר אָפיציאַנטן, גאַסן־קערער, נאַכט־וועכטער אוכעדוימע.

אַן אַנדער „אויסוועג" איז — זיך אײַסעקן מיט... רעליגיע. אָט וואָס עס שרײַבט דער ציִעניסטישער זשורנאַליסט מוישע רון אין זײַן אַרטיקל „ייִדיש־רוסישע וויסנשאַפטלער און אַקאַדעמיקער אָרגאַניזירן רוסישע אוילים פאַר נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזן לעבנשטייגער אין ייִסראָעל":

„אַ גרופּע רוסישע ייִדן, אַקאַדעמיקער און וויסנשאַפט־לײַט, האָבן געשאַפן אין ייִסראָעל אַ פאַרבאַנד, וואָס האָט די אופגאַבע צו היטן די טאַריאַג מיצוועס אין לאַנד... דאָס איז די אָרגאַניזאַציע „שמי'ר" (שומרי מצוות יוצאי רוסיה — מיצווע־היטער). אַן אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז די יעניקע רוסישע אוילים, וועלכע זײַנען רעליגיִעז געשטימט, האָבן זיך אינעם לאַנד ניט אַנטוישט און טראַכטן ניט וועגן פאַרלאָזן עס. דאַקעגן, די יעניקע, וואָס האָבן זיך דערצויגן אין דער לעניניסטישער קולטור, — זיי האָבן אַמיינסטן טײַנעס צום לאַנד, און פון יעדער קלייניקײַט מאַכן זיי זיך אַ גרויס וועזן... דעריבער איז וויכטיק אַרײַנצודרינגען אין די הערצער פון די נײַע אוילים".

דאָס פאַרזעענישל — אַן אָרגאַניזאַציע פון „וויסנשאַפטלער" אַף צו פּראָפּאַגאַנדירן רעליגיע — האָט, עמעס, אַרויסגערופן אַן אײַנגעהאַלטענעם שמייכל אַפילע אין אַזאַ צײַטונג, ווי די טעל־אָוויווער „לעצטע נײַעס", וועלכע האָט טרעפלעך באַמערקט: „די איניציִאַטאָרן און אָנפירער פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד האָבן געכאַפּט דעם שניט, וואָס בײַ אונדז איז אין דער מאָדע"... דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז די ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־אינסטאַנצן דערשאַצן ניט די ווערזנטלעכע הילף, וואָס זיי באַקומען דורך די קאַנאַלן פון רעליגיע. ס'האָבן זיך, לעמאָשל, דערהערט שטימען פון באַגייסטערונג, ווען דער ליובאַוויטשער רעבע, האַגאַם ער געפינט זיך גאַנץ ווײַטלעך פון ייִסראָעל— אַף יענער זײַט אָקעאַן, — האָט אונטערגערוקט אַ רעליגיִעז קיכעלע פאַר די אַנטוישטע אוילים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד: ניט לאַנג צוריק האָט ער, האָ־

ראוו מענאכעם־מענדל שנייערסאָן, דער ראָש פון די ליבאוויטשער, געגעבן צו וויסן, אז, זעט איר, קעדיי אָפּציִען „אוילים״ פונעם צענטער פון דער מעדינע אין איר צאַפּנדיקן כיילעק, וועט ער לאָזן בויען אין צפאס דירעס, אין וועלכע ס׳וועט זײַן א ספּעציִעל אָרט פאר א סוקע, און אין קיך וועט די וואש־שיסל זײַן צעטיילט אפצווייען: פאר פליישיקע קיילים און פאר מילכיקע. עס וועט אויך געשטעלט ווערן א צוגאָבלעכע וואסער־פאס פאר נעטילעס־יאָדאיִם (הענט־וואשן). אָט מיט וואָס מע וויל עס פאנגען אין די צעשטעלטע נעצן דעם געוועזענעם סאָוועטישן מענטשן!

ווען דער נײַער „אוילע״ אנטלויפט אָבער פון דער מעדינע, — דאן ווערט די מיסיע פון די ראבאָנים דערהויבן מאמעש ביז דיפּלאָמאטיע... אין סאָף פונעם פאָריקן יאָר האָבן די צײַטונגען מיטגעטיילט: „אייראָפּעיִשע ראבאָנים באהאנדלען די אליִא־באדערפענישן״. דעהײַנע: „ראבאָנים פון אכט לענדער האָבן זיך לעצטנס פארזאמלט אין ליוקסעמבורג. די ראבאָנים פון די קעהילעס וועלן זיך ווענדן צו די מיספּאלעלים וועגן די פארגרעסערטע באדערפענישן פון דער אליִא״...

קאָנקרעט באטײַט עס אָט וואָס (לויט אן אנדער פרעסע־מיטיילונג):

„ראבאָנים אין בעלגיע באמיִען זיך צו ראטעווען 600 רוסישע יִידן, וואָס האָבן פארלאָזט יִיסראָעל. אלס רעזולטאט פון דער געפאר, וואָס באדראָעט די יאָרדים פון יִיסראָעל, מערסטנס נײַ־געקומענע רוסישע יִידן, האָבן די קעהילעס און ראבאָנים זיך מאָביליזירט צו געבן דרינגענדיקע הילף די דאָזיקע יִידן און זיי ראטעווען. די קעהילעס פון בריסעל און אנטווערפּען, אונטער דער פירערשאפט פון דעם הויפּט־ראָוו פון בעלגיע הארָאוו דרייפוס, פון האָראוו אזריִעל כײַקין פון בריסעל, האָראוו כאיִם קרײַזווירט פון אנטווערפּען און האָראוו הילעל מעדאליע פון אנטווערפּען, האָבן אָרגאניזירט א קאָשערע קיך, ווו די רוסישע יִידן האָבן באקומען פרײַ מאָלצײַטן ראָשעשאָנע״...

עס קאָן זיך שטעלן די פראגע: וואָס עפּעס פלוצעם נעמען ראבאָנים און שטעלן אוועק פולע טעלער מיט זופּ פאר געוועזענע סאָוועטישע יִידן, ארויסגעפאָרענע איצט שוין פון יִיסראָעל: נאט אײַך, עסט... וואָסי, זיי האָבן ניט וווהין אהינטאָן דאָס געלט פון דער ראבאָנישער פושקע? מיסטאמע איז דאָ פאראן א סיבע...

זיכער, א סיבע איז פאראן. וועגן איר רעדט זיך ווײַטער אין דער נאָטיץ, וואָס מיר ציטירן:

„אזויווי די יִידישע אָרגאניזאציעס אין בעלגיע העלפן ניט די ארויסגעפאָרענע יִידן, קעדיי ניט צו דערמוטיקן די יערידע פון יִיסראָעל, זײַנען א סאך פון די יִידן אוועק צו דער קאטוילישער הילפס־אָרגאניזאציע „קאריטאס״ אין דעם שטעטל ווענסטענדע, צוויי שאָ פון בריסעל. עס זײַנען אָנגעקומען פארלעסלעכע יעדיִעס, אז א טייל פון זיי האָבן שוין אָנגעטאָן ציילעמס און זייערע קינדער זאָגן קריסטלעכע קאטוילישע טפילעס. קעדיי צו ראטעווען די יִידן, זײַנען קיין ווענסטענדע געפאָרן דער יונגער אסקן פון אנטווערפּען רעב יויעל־זושע זילבערשטיין און דער ליבאוויטשער כאָסיד און מאזשגיִעך פון דער יעשיווע אין קפאר כאבאד האָראוו מענדל פוטערפאס, וועלכע האָבן גערעדט מיט די רוסישע יִידן און זיי אופגעקלערט, אין וועלכער סאקאָנע זיי געפינען זיך. האָראוו פוטערפאס האָט זיי אויך געצייגט, אז אויב זיי וועלן קומען קיין אמעריקע, זאָלן זיי זיך ניט לאָזן פארשיקן אין ווײַטע מעקוימעס, נאָר זיך באמיִען צו באזעצן אין געגנטן מיט א יִידישער סוויווע... די רוסישע יִידן זײַנען פארביטערט, וואָס קיינער העלפט זיי ניט, פיל פון זיי וואלגערן זיך איינפאך אף די גאסן פון בעלגיע. מע זעט זיי אף די באן־וואָקזאלן, לופט־פעלדער און אין אנדערע ערטער, ווו זיי ווארטן מיט זייערע וואליזעס (טשעמאָדאנען) אף דער מעגלעכקײַט אוועקצופאָרן״...

איצט איז קלאָר, פארוואָס די ראבאָנים האָבן געלאָזט זיך קאָסטן אף אָנצוהאָדעווען ראָשעשאָנעצײַט די אויסגעהונגערטע, וואנדערנדיקע אָפּגענארטע מענטשן. די סיבע און דער ציל זײַנען פּאָשעטע: ניט דערלאָזן, אז אָט די אומגליקלעכע זאָלן ארײַנפאלן אין די הענט פון קאטוילישע גאלאָכים, עפשער וועט זיך אײַנגעבן מיט א טעלער זופּ זיי צו אײַנהאלטן אין „יִידישע״, אין ראבאָנישע הענט...

און מיר קאָנען, אזויארום, זיך שוין אומקערן צום בריוו פונעם אטעיִסט מיטן ציילעם אף דער ברוסט, דעם אין רײַפן עלטער געמאלעטן געוועזענעם לערער פון ביִאָלאָגיע י. שלייפמאנען. מיר לייענען אָפט אין צײַטונגען און זשורנאלן פון כוץ־לעאָרעץ (וועלכע אפישירן זיך אפילע ווי פראָגרעסיווע) ווייניק אופריכטיקע ארטיקלען וועגן דעם איניען „אליִא״, ווו דער פאקט גופע, וואָס די שלייפמאנס פאָרן ארויס פונעם סאָוועטנפארבאנד, ווערט אונטערגעטראָגן ווי א מין פאָרוווּרף, אדרעסירט צו אונדזער לאנד. „פארוואָס, פונדעסטוועגן, פאָרן זיי ארויס?! — פרעגט מעליצעדיק אן אווטאָר פון אזא ווייניק אופריכטיק ארטיקל. — דאָס, וואָס זיי פאָרן ארויס, באטײַט דאָך, אז עפּעס געפעלט זיי ניט אין סאָציִאליסטישן סאָוועטנפארבאנד!״ צי איז שוין ניט צײַט אוועקצושטעלן אין אָט די פראזעס אלץ אף אן אָרט, קעדיי עס זאָל פון זיי דרינגען דער עמעס: „יאָ, ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס אזעלכע מענטשן, ווי שלייפמאן, פאָרן ארויס פונעם סאָציאליסטישן סאָוועטנפארבאנד, און עס איז אויך געזעצמעסיק דאָס, וואָס די כאראָטע קומט צו זיי דאן, ווען די אכזאָריִעסדיקע ווירקלעכקײַט האָט זיי דערפירט ביז דער באנק אינעם בריסעלער סקווער. עס געפעלט זיי ניט דאָס לעבן באם סאָציִאליזם? זיי האָבן געפּרוווט זוכן גליקן אין קאפּיטאליזם. דער סאָוועטנפארבאנד האָט צו דעם קיין שײַכעס ניט.

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר

מיט 135 יאָר צוריק איז אין פּאַריזש געבוירן געוואָרן דער גרויסער פראַנצויזישער שרײַבער עמיל זאָליא.

אינעם פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפלאַגע פון זײַן ראָמאַן „טערעזע ראַקען" האָט זאָליא דערקלערט, אַז ער געהערט צו דער „גרופּע שרײַבער־נאַטוראַליסטן", און האָט פאָרמולירט זײַן מעטאָד. אָבער אפילו אינעם ראָמאַן „טערעזע ראַקען" האָט ער דערווידערט קעגן די נאַטוראַליסטישע פּרינציפּן און האָט געמאָלט וואָרהאַפטיק דעם שטייגער און די זיטן פון די פּאַריזשער טשינאָווניקעס און קליינבירגער, וועלכע דערגייען ביז ווילדקייט אין זייער געיעג נאָך באַרײַכערונג.

אין סאָף 1868 האָט זאָליא אָנגעהויבן שרײַבן א סעריע פון 10 ראָמאַנען וועגן דער „צווייטער אימפּעריע", נאָר צוליב די ווײַטערדיקע געשעענישן (די פראַנצויזיש־פּרײַסישע מילכאָמע, די סענטיאַבער־רעוואָליוציע פון 1870, די פּאַריזשער קאָמונע) האָט ער די ראָמאַן פונעם ציקל פאַרברייטערט, דערפירנדיק אים ביז 20 ראָמאַנען: „די קאַריערע פון די רוגאָנס" (1871), „פאַנג" (1871), „דער בויך פון פּאַריזש" (1873), „דאָס פאַרברעכן פונעם אַבאַט מוריע" (1875), „זײַן עקסעלענץ עזשען רוגאָן" (1876), „די פרייד פון לעבן" (1884), „דער טרוים" (1888), „געלט" (1891), „דאָקטאָר פּאַסקאַל" (1893) און פיל־פיל אַנדערע.

מ. גאָרקי האָט געשריבן, אַז לויט די ווערק פון זאָליא קאָן מען שטודירן א גאַנצע עפּאָכע.

עמיל זאָליא איז געווען נעענטער צום אוטאָפּישן סאָציאַליזם פון שאַרל פוריע, איידער צו דער לערע פונעם גרינדער פון דער פראַנצויזישער אַרבעטער־פּאַרטיי זשיל געד. אָבער זײַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון די סאָציאַליסטישע טענדענצן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון די 90־ער יאָרן האָט אים דערלויבט צו זען אינעם וווּקס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דעם וואָרצל פונעם סאָציאַלן געזעץ פון דער צוקונפט.

בײַם דעם באַוווּסטן דרייפוס־פּראָצעס האָט זאָליא אופגעהויבן זײַן שטים קעגן דער קלעריקאַלער און מיליטערישער רעאַקציע (דאָס בוך „דער עמעס מאַרשירט", 1901). זײַן בריוו צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק „איך באַשולדיק" (אָפּגעדרוקט אין דער פּרעסע דעם 13 יאַנואַר 1898) איז, ווי זשיל געד האָט זיך אויסגעדריקט, געווען „דער סאַמע רעוואָליוציאָנערער אַקט". דאָס בורזשואַזע פראַנקרײַך האָט צוגעמישפּעט דעם שרײַבער צו טפיסע. זאָליא האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד און האָט אין דער פרעמד פאָרגעזעצט דעם קאַמף. דעם 5 יול 1899 האָט ער זיך אומגעקערט קיין פראַנקרײַך, גענומען שרײַבן א ציקל דראַמעס „פראַנקרײַך מאַרשירט", קעדיי קעמפן „קעגן דעם דעמאָקראַטיזם, וואָס ווייסט ניט פון דעמאָקראַטיע, קעגן דער רעפּובליק, וווּ אונטער דער רעוואָליוציאָנערער שילד הערשט דער מאָנאַרכיסטישער גײַסט". דער דאָזיקער פּלאַן איז אָבער ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן — עמיל זאָליא איז געשטאָרבן, אַן אָפּגעסאַמטער פון א טשאַד. דאָס איז געשען דעם 29 סענטיאַבער 1902 אין פּאַריזש.

דעם 14 אַפּרעל 1890, מיט 85 יאָר צוריק, איז אין דעם וואָלינער שטעטל לייבון געבוירן געוואָרן דער שרײַבער און טעאַטער־קריטיקער נאַפּטאַליע בוכוואַלד.

אין 1918 האָט נ. בוכוואַלד געענדיקט דעם ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט און פון דעמאָלט אָן זיך פאַרנומען מיט זשורנאַליסטיק. זײַנע אַרטיקלען — וועגן סטיל, זאַצבוי, פּונקטואַציע — זײַנען געווען פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „נײַע וועלט". ער האָט זיך געדרוקט קימאַט אין אַלע ייִדישע און ייִדיש־ענגלישע אַרבעטער־אויסגאַבעס, גלײַכצײַטיק געלייענט לעקציעס אין דער ייִדישער טעאַטער־סטודיע „אַרטעף".

נ. בוכוואַלד האָט איבערגעזעצט אין ייִדיש פיל וויכטיקע פּובליציסטישע ווערק, אַזעלכע, ווי א. גאָלדשמידטס „דאָס לעבן און שטרעבן אין סאָוועטן־רוסלאַנד", א. לונאַטשאַרסקיס „קונסט און סאָציאַליזם", נ. לענינס „טעאָריע און פּראַקטיק פון דער רעוואָליוציע", ר. לוקסעמבורגס „רעפאָרם אָדער רעוואָליוציע".

כוץ די אָנגערופענע איבערזעצונגען, איז אין א בוכפאָרם דערשינען זײַן גרויס ווערק „טעאַטער" (ניו־יאָרק, 1943).

נאַפּטאַליע בוכוואַלד איז געשטאָרבן דעם 7 יול 1936 אין ניו־יאָרק.



פאַרשיידנס

די צאָל לייענער פאַרקלענערט זיך

אין יאפאָניע לייענט מען אַלץ ווייניקער און ווייניקער און אַלץ מער און מער צײַט פאַרברענגט מען באַם טעלעוויזאָר. וועגן דעם זאָגן איידעס די אָנגאַבן, וואָס זײַנען באַקומען געוואָרן אין רעזולטאַט פון אויספרעגן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. ווי עס שרײַבט די צײַטונג „מײַניטי", לייענען ביכלאַל ניט קיין ביכער און זשורנאַלן באַ 30 פראָצענט יאפאָנער. די איבעריקע טיילן אויס פאַר לייענען אַ מינוט 40 אין טאָג, אין דער צײַט, ווען באַם טעלעוויזאָר פאַרברענגען זיי באַ 2,5 שאָ. אַ באַזונדערע זאָרג רופט אַרויס די לאַגע צווישן די שילער און סטודענטן. 40 פּראָצענט פון זיי לייענען גאָרנישט כאַדאָשימווײַז, כוץ די לערנביכער.

צווישן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פאַרנעמט יאפאָניע דאָס ערשטע אָרט לויט דער גראַמעטנעקײַט פון דער באַפעלקערונג. יאפאָניע שטייט אויך אָף איינעם פון די ערשטע ערטער לויטן אַרויסלאָז פון ביכער און פעריאָדישע אויסגאַבעס.

אַן אוצער פון פרעסקעס

אינעם צווייטן יאָרהונדערט פון אונדזער ערע האָט אין דער אַלט־רוימישער שטאָט בריגעציאָ (אָף דער טעריטאָריע פונעם איצטיקן אונגאַרן) געלעבט אַ רעספּעקטאַבעלער בירגער. די ווענט פון זײַן הויז זײַנען געווען באַצירט מיט פרעסקעס פון דער גריכישער און רוימישער מיטאָלאָגיע.

די צײַט האָט ניט געשוינט די שטאָט בריגעציאָ. בלויז אין די זעכציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, באַם בויען אַן איריגאַציע־קאַנאַל, האָט מען זיך צופעליק אָנגעשטויסן אָף די רעשטלעך פון די פרעסקעס... מיטן געפינס האָבן זיך פאַראינטערעסירט די קונסט־פאָרשער. נאָך פיליאָריקע באַמיִונגען האָט זיך זיי אײַנגעגעבן פון פיל טויזנטער שערבלעך רעסטאַווּרירן עלף פרעסקעס, וועלכע וועלן עקספּאָנירט ווערן אינעם מוזיי פון דער אונגאַרישער שטאָט טאַטאַ. דער „איטאַליענישער זאַל", וווּ ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו אופשטעלן אינעם אורשפּרינגלעכן אויסזען אַ פּאַראַד־צימער פונעם 11 יאָרהונדערט, האָט ניט, לויט דער אָפּשאַצונג פון דער אונגאַרישער אַגענטור „בודאַפּרעסס", צו זיך קיין גלײַכן אין דער וועלט.

די קונסט־פאָרשער שטייט נאָך פאָר איבערקלײַבן צוויי און צוואַנציק קעסטלעך מיט רעשטלעך פון די פרעסקעס.

די רעזערוואַציע „קוק פיאָנג"

120 קילאָמעטער דאָרעם־מײַרעווּדיקער פון כאַנאָי און 60 קילאָמעטער פונעם יאַם־ברעגלאַנד, צווישן אַ מאָלערישן באַרג־רונג, געפינט זיך די גרעסטע אין דער וויעטנאַמער דעמאָקראַטישער רעפּובליק רעזערוואַציע „קוק פיאָנג".

דאָ זײַנען פאַראַן באַ צוויי טויזנט פאַרשיידענע מינים ווערטפולע געוויקסן, וואָס זײַנען באַוווּסט אין אייראָפּע, אַפריקע, אָף די הימאַלײַען, אין אינדאָנעזיע. דער כאַראַק־

אַ מאַטאָנע דער געזעלשאַפט פאַר סאָוועטיש־טשעכאָסלאָוואַקישער פרײַנטשאַפט

אין די זאַלן פונעם ליטעראַרישן מוזיי האָט אַ כוידעש צײַט פונקציאָנירט אַן אויסשטעלונג, געווידמעט יאַראָסלאַוו גאַשעקס לעבן און שאַפונג.

די אויסשטעלונג האָבן אָרגאַניזירט די קולטור־מיניסטעריומס פון פססר און רספסר, די געזעלשאַפט פאַר סאָוועטיש־טשעכאָסלאָוואַקישער פרײַנטשאַפט, דער פּראָגער מוזיי פון טשעכישער ליטעראַטור און דער ליטעראַרישער מעלוכע־מוזיי אין מאָסקווע. איצט איז די אויסשטעלונג איבערגעגעבן געוואָרן אַלס מאַטאָנע דער געזעלשאַפט פאַר סאָוועטיש־טשעכאָסלאָוואַקישער פרײַנטשאַפט.

דער ערשטער אָפּטייל פון דער עקספּאָזיציע גיט אַ פאָרשטעלונג וועגן דער שאַפונג פון גאַשעק דעם סאַטיריקער ביז דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. אין די דאָזיקע יאָרן האָט ער אָנגעשריבן אַן ערעך טויזנט פאַרצייכענונגען, דערציילונגען, פעליעטאָנען. דער יונגער שרײַבער האָט שאַרף אויסגעלאַכט דעם עסטרײַכישן מעלוכע־אַפּאַראַט, די פּאָליטיק פון די בורזשואַזע פּאַרטייען, די בורזשואַזע מאָראַל.

אַ באַזונדערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר די מאַטעריאַלן וועגן דער טעטיקײַט פונעם שרײַבערקאָמוניסט אין ראַטנלאַנד אין די יאָרן 1918—1920.

אַ באַזונדער אָפּטייל איז געווידמעט דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט „פרײַנט פון יאַראָסלאַוו גאַשעק אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד". די געזעלשאַפט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין 1962 יאָר (בעראָש פון איר שטייט איצט דער קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן ס. וואָסטאָקאָווא), אָרדנט רעגולער אײַן אויסשטעלונגען, אָוונטן, געווידמעט דעם אָנדענק פונעם גרויסן טשעכישן סאַטיריקער. צווישן די ערן־מיטגלידער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט געפינט זיך דער מאָסקווער טוישעוו ס. בירי וקאָוו, אַ פּערסאָנעלער פּענסיאָנער, אַ פּאַרטיי־מיטגליד פון 1913 יאָר. דאָס האָט ער גאַסטפרײַנטלעך פאַרגעלייגט זײַן דירע גאַשעקן, ווען יענער איז געקומען קיין מאָסקווע אין 1918 יאָר.

די סוידעס פון דער אויסגעגראָבענער שטאָט וואַראַכשו

פערציק קילאָמעטער מײַרעווּדיקער פון בוכאַראַ, אין דער מידבער קיזילקום, געפינען זיך די פאַרשאָטענע רויִנען פון דער שטאָט וואַראַכשו. זי איז אַנטשטאַנען אין דער אַנטישער עפּאָכע און איז אינעם פריִען מיטלאַלטער געווען די צווייטע רעזידענץ פון די הערשער פון דעם בוכאַרער קאַנט (די ערשטע איז געווען אין בוכאַראַ גופע). לויט דער כראָניקע פון יענער צײַט, איז דער פּאַלאַץ פון די וואַראַכשער הערשער געווען „שיין אָף ניט צו באַשרײַבן".

דער באַוווּסטער פאָרשער פונעם אַלטערטום אין מיטל־אַזיע וו. אַ. שישקין האָט אין מעשעך פון אַ סאַך יאָרן אָנגעפירט מיט די אַרכעאָלאָגישע אַרבעטן אינעם וואַראַכשער פּאַלאַץ און האָט דאָרט אַנטדעקט אוניקאַלע געמעלן אָף די ווענט. די געמעלן פון דעם אַזויגערופענעם „רויטן זאַל" האָט מען אַראָפּגענומען, און איצט ווערן זיי עקספּאָנירט אין אַ באַזונדערן זאַל פונעם ערמיטאַזש. זייערע רעפּראָדוקציעס קאָן מען זען אין פיל געדרוקטע אויסגאַבעס און זײַנען איצט באַוווּסט אין דער גאַנצער וועלט. שישקין האָט אַנטדעקט אויך דעם „מיזרעך־זאַל".

טער פון זייער וועגעטאַציע אין די דאָזיקע ראַיאָנען פון וויעטנאַם איז דערווײַל ווייניק דערלערנט. די באָטאַניקער האָבן דאָ אַנטדעקט אַ גיגאַנטישן פּאַפּאָראָטניק, וואָס איז פֿאַרשווּנדן אין אַנדערע ראַיאָנען פֿונעם ערדקײַלעך נאָך מיט עטלעכע מיליאָנען יאָר צוריק.

אין דער רעזערוואַציע האָבן די געלערנטע אָפּגעזוכט 60 מינים מילכזויגנדיקע באַלעכאַיִם, 140 מינים פֿייגלען, 320 מינים שלענג. דאָ זײַנען פֿאַראַן, צום בײַשפּיל, פֿליִענדיקע יאַשטשערקעס, וואָס קאָנען איבערפֿליִען דורך געדיכטן ווילדוווּקס אַף אַ מעהאַלעך פֿון 400—500 מעטער. אין „קוק פּיאָנג" זײַנען פֿאַראַן אויך ריזיקע פֿלאַטערלעך, בײַ וועלכע די פֿליגל דערגרייכן ביז 40—50 סאַנטימעטער.

לויט דער באַקאָשע פֿונעם לוור

איסאַ סעלימכאַנאָוו, אַ פּראָפֿעסאָר־כימיקער פֿון אַזערבײַדזשאַן, האָט מיטגעהאָלפֿן לייזן די רעטעניש פֿון איינער אַן אַלטערטימלעכער וואַזע, וואָס געפֿינט זיך אינעם לוור. דער געפֿעס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין סאָף III — אָנהייב II יאָרטויזנט ביז אונדזער ערע, איז אויסגעאַרבעט פֿונעם מעטאַל אַנטימאָני (сурьма) און איז דער איינציקער אַזאַ געפֿינס אַפֿן נאָענטן מיזרעך.

קיין געפֿין־ערטער פֿון דעם דאָזיקן מעטאַל זײַנען ביז הײַנטיקן טאָג דאָ ניט אַנטדעקט געוואָרן, און די געלערנטע האָבן ניט געקאָנט דערקלערן די געשיכטע פֿון דער וואַזע. סעלימכאַנאָוו האָט פֿאַרגלײַכט די אַרכעאָלאָגישע מאַטעריאַלן פֿון אַנטימאָני, וועלכע מע האָט געפֿונען אַף דער טעריטאָריע פֿון קאַווקאַז, מיט דער וואַזע פֿונעם לוור. די פֿאָרשונגען האָבן באַוויזן די אידענטישקײַט פֿון זייער כימישן באַשטאַנד. דאָס האָט דערלויבט די געלערנטע אַרויסזאָגן אַ השערה, אַז אַפֿן נאָענטן מיזרעך האָט מען אַנטימאָני אַרײַנגעפֿירט פֿון קאַווקאַז, ווו ס'זײַנען פֿאַראַן רײַכע געפֿינערטער פֿון דעם דאָזיקן מעטאַל.

אין 48 יאָר אַרום

דעם פֿראַנצויזישן שרײַבער אַרנאָ ליונעל, וועלכער איז איצט אַלט 83 יאָר, איז אין 1926 יאָר צוגעמישפּעט געוואָרן די ליטעראַרישע רענאָדאָ־פּרעמיע פֿאַרן ראָמאַן „ניקאָלאָ פּעקקאַווי", וועלכן ס'האָט אַרויסגעלאָזט דער פֿאַרלאַג „גאַללימאַר". אָבער די דאָזיקע פּרעמיע, ריכטיקער, איר „מאַטעריעלער טייל" — אַ מיטיק אינעם פּאַריזשער רעסטאָראַן „דרואַן" מיט די זשורי־מיטגלידער — האָט ער „באַקומען" ערשט דאָ ניט לאַנג, אין 48 יאָר אַרום נאָכן צופּאַסקענען זי. אין יענעם יאָר, ווען אַ. ליונעל איז אײַנגעלאַדן געוואָרן אַף דעם מיטיק מיט די מיטגלידער פֿון דער רענאָדאָ־זשורי, האָט ער, אַ לעקטאָר פֿון פֿילאָסאָפֿיע אין מאָנאַקאָ, ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן קיין דערלויבעניש אָפּלייגן אַף עטלעכע טעג די לעקציעס, קעדיי אָננעמען די אײַנלאַדונג. ערשט אין 1974 יאָר איז די דאָזיקע אײַנלאַדונג באַנײַט געוואָרן. צווישן די אָנטיילנעמער פֿונעם מיטיק מיט דעם ערשטן לאַורעאַט פֿון דער רענאָדאָ־פּרעמיע איז געווען בלויז איין מיטגליד פֿון דער איצטיקער זשורי — זשאָרזש סאַראַנסאָל, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין 1926 יאָר אין דער באַהאַנדלונג פֿונעם ראָמאַן „ניקאָלאָ פּעקקאַווי".

די רענאָדאָ־פּרעמיע איז איצט איינע פֿון די סאַמע כאָשעווע ליטעראַרישע פּרעמיעס אין פֿראַנקרײַך.

און אָט איז אין אָקטיאַבער פֿאָריקס יאָר געקומען אַהין די עקספּעדיציע אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן אָ. וו. אָבעלטשענקאָ. די עקספּעדיציע האָט געשטעלט פֿאַר זיך אַן אויפֿגאַבע — אויסאַרבעטן אַ מעטאָדיק פֿון רעסטאַוורירן די מאָנומענטאַלע מאָלערײַ און אַרכעאָלאָגישע געפֿינסן. די געמעלן פֿונעם „מײַרעוו־זאַל" זײַנען ערטערווײַז געווען צעשעדיקט. דאָרט, ווו די געמעלן זײַנען געבליבן גאַנץ, זײַנען פֿאַר אונדז אַנטשטאַנען פֿיגורן פֿון מאַרשירנדיקע העלפֿאַנדן.

ס'איז צו באַוווּנדערן דעם הויכן טעכנישן ניוואָ פֿון די געמעלן. די טעכנאָלאָגיע פֿון דער מאָלערײַ וועלן באַווײַזן די לאַבאָראַטאָרישע פֿאָרשונגען, וואָס וועלן דורכגעפֿירט ווערן אין מאָסקווע, וווּהין מע האָט איבערגעשיקט עטלעכע געמעלן. די געלערנטע וועלן אויך דורכפֿירן אַ רענטגען־סטרוקטורישן, ספּעקטראַלן און כימישן אַנאַליז. מע דאַרף אויפֿשטעלן די העלקײַט פֿון די פֿאַרבן, פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין די סוזשעטן. דאָס דערלערנען די געמעלן וועט געבן שטאָף אַף פֿאָרשן דאָס עקאָנאָמישע לעבן און די האַנדלס־פֿאַרבינדונגען אין די ערשטע יאָרהונדערטן פֿון אונדזער ערע.

היאָר וועט די אַרבעט אינעם „מײַרעוו־זאַל" פֿאָרגעזעצט ווערן.

ס. נעסטעראָוויטש („פּראַוודאַ")

צי וועט איבערפֿאָרן די הויפּטשטאָט?

לויט דער מיטיילונג פֿון דער אַגענטור קיאָדאָ צוסין, רעכנט דער יאַפּאָנישער פּאַרלאַמענט שאַפֿן אַ קאָמיסיע אַף דערלערנען די מעגלעכקײַט פֿון איבערטראָגן די הויפּטשטאָט פֿון טאָקיאָ אין אַן אַנדער ראַיאָן. דערווײַל איז שווער צו זאָגן, צי וועט דאָס באַטײַטן אָן אָנהייב פֿון רעאַליזירן די אידיי, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל פֿאָרגעלייגט געוואָרן נאָך אין 1966 יאָר און וואָס איז פֿון דאַן אָן אַ סאַך מאָל באַהאַנדלט געוואָרן. ס'איז קלאָר אַן אַנדער זאַך — די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט איז שווער קראַנק.

דער „עקאָנאָמישער ווּנדער" פֿון דער נאָכמילכאָמעדיקער יאַפּאָניע האָט טײַער געקאָסט די טאָקיִער אײַנוווינער. די שטאָט האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט לויטן ניוואָ פֿון דער פֿאַרשמוציקטער אַטמאָספֿער און לויט דער איבערבאַפֿעלקערטקײַט. אירע 11,6 מיליאָן אײַנוווינער שטיקן זיך אין די קנוילן גיפֿטיקן סמאָג, וואָס איז אַ פּראָדוקט פֿון צען טויזנט אונטערנעמונגען און 2,5 מיליאָן אויטאָמאָבילן. ניט קיין קלענערן אומרו רופֿט אַרויס בײַ די באַלעבאַטים פֿון דער שטאָט אויך דער פֿאַקט, וואָס איייניקע אַדמיניסטראַטיווע ראַיאָנען פֿון טאָקיאָ לאָזן זיך בעהאַדראָגעדיק אַראָפּ נידעריקער פֿונעם יאַם־אויבערפֿלאַך ביז אַ דראָענדיקן ניוואָ, ווײַל די אינדוסטריע האָט אויסגעפּאָמפּעט זייער אַ סאַך אונטערערדישע וואַסערן.

די נײַע הויפּטשטאָט וועט פֿאָרגעלייגט אויסבויען אין אַ זײַט פֿון דער איצטיקער טאָקיאָ אַף אַ שעטעך פֿון 29,3 קוואַדראַטע מײַל אין צוויי עטאַפּן. אין דער ערשטער ריי דאַרפֿן איבערגעפֿירט ווערן אין דער נײַער הויפּטשטאָט די מעלוכע־אַנשטאַלטן און די הויכשולן. די צאָל באַפֿעלקערונג פֿון דער נײַער הויפּטשטאָט „ניו־טאָקיאָ" ווערט פּלאַנירט ניט מער ווי איין מיליאָן, אַזוי אַז ס'איז אַ ספֿק, צי וועט עס פֿאַרגרינגערן די לאַגע פֿון דעם גרעסטן טייל טאָקיִער אײַנוווינער. לויט פֿאָרלויפֿיקע אָפּשאַצונגען, וועט דאָס אויסבויען די נײַע הויפּטשטאָט באַטרעפֿן בײַ 8 מיליאַרד דאָלאַרן.

מ. קאָטילעווסקי („איזוועסטיאַ")

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

נאָך ווערטער וועגן שפּײַז און עסן

צובײַסן (צוגעביסן)[1]; צוקער, דער (־)[2]; צוקערקע, די (־ס)[3]; צוואָרעך, דער[4]; ציבעלע, די (־ס)[5] (גרינע ציבעלע)[6]; ציגנמילך, די[7]; ציטרין, דער (־ען)[8]; צימעס, דער, דאָס[9] (בארן־צימעס[10], מערן־צימעס[11], עפּל־צימעס[12], פלוימען־צימעס[13]); ציקאָריע, די[14]; צײנדל (קנאָבל), דאָס (־עך)[15]; צעדערנוס, דער (־ניס)[16];

קאווע, די (־ס)[17] (שווארצע קאווע[18], מיט מילך[19]); קאווענע, די (־ס)[20]; קאטשקע, די (־עס)[21]; קאקאאָ, די[22]; קאראפינקע, די (־עס)[23]; קארטאָפל, דער (־)[24]; קארטאָפליע, די (־עס)[25]; קארפּ, דער (־ן)[26]; קארש, די (־ן)[27]; קאשטאן, דער (־עס)[28]; קאשע, די[29]; קאָטלעט, דער (־ן)[30]; קאָכן (געקאָכט)[31]; קאָמפּאָט, דער (־ן)[32] (עפּלקאָמפּאָט[33], פלוימען־קאָמפּאָט[34]...); קאָס, דער (קויסעס)[35]; קוגל, דער (־ען)[36] (לאָקשן־קוגל[37], עפּל־קוגל[38], רײַזקוגל[39]...); קוילעטש, דער (־ן)[40]; קויסע, די (־ס)[41]; קוואס, דער[42]; קוואסבאָרשטש, דער (אָקראָשקע, די)[43]; קיבעד, דער (קיבודים)[44]; קיטקע, די (־ס)[45]; קיך, די (־ן)[46]; קיכל, דאָס (־עך)[47]; קילקע, די (־ס)[48]; קימל, דער[49]; קיניגל, דאָס (־עך)[50]; קיסעל, דער[51]; קײַען (געקײַט)[52]; קלייט, די (־ן)[53]; קנאָבל, דער[54]; קניידל, דאָס (־עך)[55]; קעז, דער (־ן)[56]; קעלישעק, דער (קעלישקעס)[57]; קעסט, דער, דאָס[58]; קעסל, דער (־ען)[59]; קעפיר, דער[60]; קראָם, די (ען)[61] (באקאלייקראָם[62], ווורשטקראָם[63], מילכקראָם[64]...); קרוג, דער (־ן)[65]; קרופּניק, דער[66]; קרויט, דאָס (־ן)[67] (בלומענקרויט)[68]; קריגל, דאָס (־עך)[69]; קרעפּל, דאָס (־עך)[70];

ראָז(ש)ינקע, די (־ס)[71]; ראָסלפלייש, דאָס (־ן)[72]; רויג, דער (־ן)[73]; ריב, די (־ן)[74]; רײַז, די (־)[75]; רעטעך, דער (־ער)[76]; רעטעכל, דאָס (־עך)[77]; רעסטאָראַן, דער (־ען)[78];

שאָל, די (־ן)[79]; שאָלעכץ די, דאָס (־)[80]; שאָקאָלאַד, דער, די (־ן)[81]; שוואָם, דער, די (־ען)[82]; שוועמל, דאָס (עך)[83]; שטאָקפיש, דער[84]; שטרודל, דער (־ען)[85]; שינקע, די (־ס)[86]; שיסל, די (־ען)[87]; שלינגען (געשלונגען)[88]; שלײַען, דער (־ס)[89]; שמאלץ, די, דאָס[90] (גענדזענע[91], הינערשע[92], טוקענע[93] שמאלץ); שמאלציק (־ער)[94]; שמאַנט, די[95]; שניצל, דער (־ען)[96]; שענק, די (־ען)[97]; שפּײַז, די (־ן)[98], שפּײַז־קאַמער, די (־ן), שפּיזאַרניע, די (־ס)[99]; שפּראָט, די (־ן)[100].

Перевод: 1) закусить; 2) сахар; 3) конфета; 4) творог; 5) лук; 6) зеленый лук; 7) козье молоко; 8) лимон; 9) «цимес» — тушеные овощи; 10) из груш; 11) из морковки; 12) из яблок; 13) из слив; 14) цикорий; 15) зубок, зубочек (чеснока); 16) кедровый орех; 17) кофе; 18) черный кофе; 19) с молоком; 20) арбуз; 21) утка; 22) какао; 23) графин(чик); 24) картофель; 25) картофелина; 26) карп; 27) черешня; 28) каштан; 29) каша; 30) котлета; 31) варить; 32) компот; 33) из яблок; 34) из слив; 35) бокал; 36) пудинг; 37) из лапши; 38) из яблок; 39) из риса; 40) белый хлеб; 41) рюмка, чарка; 42) квас; 43) окрошка; 44) угощение; 45) плетёнка, витой хлеб; 46) кухня; 47) коржик; 48) килька; 49) тмин; 50) кролик; 51) кисель; 52) жевать; 53) лавка, магазин; 54) чеснок; 55) клёцка; 56) сыр; 57) рюмка; 58) харчи; 59) котел; 60) кефир; 61) лавка, магазин; 62) бакалейная лавка; 63) колбасная; 64) молочная; 65) кувшин; 66) похлебка (из крупы); 67) капуста; 68) цветная капуста; 69) кувшин(чик); 70) пельмень; 71) изюм; 72) жаркое; 73) икра; 74) репа; 75) рис; 76) редька; 77) редиска; 78) ресторан; 79) блюдце; 80) скорлупа, кожура; 81) шоколад; 82) гриб; 83) грибочек; 84) треска; 85) струдель (род рулета); 86) ветчина; 87) миска; 88) глотать; 89) линь; 90) сало, смалец; 91) гусиное; 92) куриное; 93) тук, сало; 94) сально, сальный; 95) сметана; 96) шницель; 97) шинок; 98) пища; 99) чулан; 100) шпроты.

פראַגמענטן פון שאָלעם־אלייכעמס „מילכיקס"

...איך האלט פון מילכיקס[1], און ניט אזוי איך, ווי „זי"[2]. בא אונדז אין קאסרילעווקע הייסן מיר „די פרעסערס"[3], כאָטש עסן עסן מיר גלײַך מיט אלע ייִדן[4], דאָס הייסט: קאדאָכעס אין א קליין טעפּעלע (...)[5] עס נעמט זיך דערפון[6], וואָס מיר האָבן ליב ריידן פון עסן (...)[7] און עפּשער[8] נעמט זיך עס פון דעם, וואָס מע עסט בא אונדז א סאך ברויט(...) וואָרעם[9] ס'איז

פאראן בא מיר, ניט צו פארזינדיקן[10], ווער ס׳זאָל קײַען[11]. איך האָב, זיי זאָלן לעבן און געזונט זײַן[12], דרײַ פערטל טוץ[13], און אלע, באָרעכהאשעם[14], האָבן אפּעטיט צום עסן (...) האלעווײַ וואָלט נאָר געווען וואָס צו עסן[15], וואָרעם איך בין, לוי־אלייכעם[16], נישט פון די גרויסע נעגידים[17] (...)

...ס׳איז א מעכײַע צו קוקן[18], זאָג איך אײַך, ווי מע עסט, קיין אײַנהאָרע[19], בא מיר. איך האָב ליב צו זען, ווי זיי עסן, איך האָב דערפון פארגעניגן[20] (...)

...אז עס קומט בא מיר שווועס[21], מעג זיך איבערקערן די וועלט[22]. פאראן פאר וואָס, צי ס׳איז ניטאָ פאר וואָס[23], — א מילכיקע סודע דאָס מוז זײַן (...)[24] איז פאראן א קאפּ מילך אף צו פארווײַסן דעם באָרשטש — איז גוט[25], עלע ניט[26] — מוז מען זיך באגיין דערמיט[27], וואָס ער איז געקאָכט אין א מילכיקן טאָפּ[28]. וואָרעם מײַן כאליאסטרע, קיין אײַנהאָרע, מע זאָל זיך צו זיי וועלן צולאָזן און געבן כליעפּטשען ריינע מילך[29], איז ניט שײַעך צו זאָגן א ציג[30], — דרײַ ציגן וואָלט געווען ווינציק[31], און מיר בעסאכאקל פארמאָגן אונדזער אייגנס א האלבע ציג[32], מיר האָבן, הייסט דאָס, בעשוטפעס מיט א שאָכן א ציג (...)[33] און מיר האָבן פון איר אָפּגעשניטענע יאָר![34]. ניט לאנג האָט זי זיך מעיאשעוו געווען (...)[35] און הערט זיך גאָר אוף צו מעלקן[36], דאָס הייסט, מעלקן מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי ניט[37]; הײַנט גיי ציִ ארויס פון אזא כײַע[38] קרעפּלעך מיט וואַרעניקעס![39]. „אוי, זאָג איך צו מײַן ווײַב, קרעפּלעך! איך וואָלט אוועקגעגעבן, זאָג איך, פאר מילכיקע קרעפּלעך אָדער וואַרעניקעס איך ווייס אליין ניט וואָס![40]. טאָמער וואָלטסטו טאַקע געזען, סאָרע־זיסל[41], ס׳זאָל זײַן, זאָג איך, קרעפּלעך[42]...״ מאכט זי צו מיר: „פון וואָס, לעמאָשל?[43]״ זאָג איך: „דערוף ביסטו דאָך עפּעס א באלעבאָסטע בא מיר[44]״. זאָגט זי: „צו קרעפּלעך באדארף זײַן אייער — דאָס ווייסטו?[45]״. זאָג איך: „איך ווייס, פארוואָס זאָל איך ניט וויסן?[46] א קונץ, זאָג איך, צו מאכן קרעפּלעך מיט אייער?[47] ווײַז א בעריעשאפט אָן אייער![48]״ זאָגט זי: „כאָכעם־באלײַלאָ! וואָס זשע טוט מען מיט קעז?[49]״ זאָג איך: „מיט קעז וואָלט שוין געווען נישקאָשע[50], שלעכט איז[51], וואָס אָן קעז!״ זאָגט זי: „הײַנט[52] וואָס זשע ווילסטו?״ זאָג איך: „וויל איך, זאָלסט כאָטש מאכן רעטשענע וואַרניטשקעס[53]״. זאָגט זי: „צו וואַרניטשקעס דארף מען פּוטער״. זאָג איך: „ווו שטייט דאָס געשריבן?[54] אין סייפער־פּראלניק?[55]״ זאָגט זי: „דו דארפסט בעסער וויסן[56], ווו עס שטייט געשריבן, דו האָסט געלערנט אין כיידער[57]״. זאָג איך: „ווייסטו וואָס, מײַן ווײַב, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אזוי ווי מיר האָבן נישט[58] קיין אייער, און נישט קיין קעז, און נישט קיין פּוטער, טאָ לאָמיר כאָטש אזוי א ביסל ריידן פון מילכיקס[59]. וואָס וואָלטסטו, קעדוימע לעמאָשל[60], געמאכט אף שווועס צו דער סודע, ווען דו זאָלסט, אשטייגער, האָבן מיט וואָס?״ זאָגט זי: „צײַט איך לעב[61], האָב איך ניט געזען, א מענטש זאָל אזוי זײַן ארײַנגעטאָן[62] אין דער אכילע!״ זאָג איך: „וואָס וועט דיך ארן[63], אז מיר וועלן א ביסל ריידן? עס קאָסט דיך געלט?[64] לאָז זיך דיר דאכטן[65], עלעהיי[66] דו האָסט אלצדינג, אי קעז, אי פּוטער, אי אייער — וואָס פאר א מילכיקע סודע וואָלטסטו מיר דעמלט מאכן?...״ זאָגט זי: „וואָס וואָלטסטו וועלן[67], איך זאָל מאכן?״ זאָג איך: „א טייגעכץ״... זאָגט זי: „א זוילעל־וועסויוועניק[68] דאָס איז! א טייגעכץ נעמט צו[69] די גאנצע פּוטער״ (...)זאָג איך: „עס מעג זײַן קארפּ[70], און עס ארט מיך ניט קיין שלייען[71], און מיט העכטלעך[72], זאָג איך, וועט מען זיך אויך ניט סאמען[73], און אפילע טאָמער כאָלילע פלאָטוויצעס[74], וועל איך דיר אויך קיין געט[75] נישט געבן, אבי ס׳זאָל זײַן, זאָג איך, גוט געפּרעגלט[76]״... זאָגט זי: „א טרייפענער האלדז[77] דאָס איז! איך האָב מוירע[78], דו וועסט זיך ניט אָפּזאָגן פון געקאָכטע פעפעריקע רויג[79] מיט קארטאָפל״... זאָג איך: „אָך! מיטן גרעסטן קאָוועד!..[80]״

Перевод: 1) я любитель молочных блюд; 2) не столько я, сколько «она» (жена); 3) называют нас «обжорами»; 4) хотя мы кушаем то же, что все; 5) то есть очень мало (дословно: лихорадка в маленьком горшочке); 6) это берется от того; 7) что мы любим говорить о еде; 8) а может быть; 9) потому что; 10) у меня, не сглазить бы (дословно: чтобы не согрешить); 11) есть кому пожевать; 12) пусть будут живы и здоровы; 13) три четверти дюжины; 14) слава богу; 15) было бы *что* кушать; 16) не про вас будь сказано; 17) не из больших богачей; 18) радостно наблюдать; 19) чтоб не сглазить; 20) удовольствие; 21) еврейский весенний праздник («пятидесятница»); 22) пускай весь мир перевернется; 23) есть ли за что или нет; 24) молочная трапеза должна быть; 25) если есть капля молока для заправки борща — ладно; 26) а если нет; 27) следует довольствоваться (обходиться) тем; 28) что он готовился (варился) в молочном горшке; 29) моей ватаге только дай волю, начни её поить одним (чистым) молоком; 30) тут не то что козы; 31) трех коз не хватит (было бы мало); 32) а мы являемся владельцами всего лишь половины козы; 33) у нас с соседом одна общая коза; 34) одни переживания (дословно: отрезанные годы); 35) недавно она обдумала (поразмыслила); 36) и перестала совсем доиться; 37) доить её можно (доиться она доится), но молока она не дает; 38) поди выжми (вытяни) из такого животного; 39) пельмени с варениками; 40) я бы отдал все что угодно; 41) может, ты бы позаботилась, Соре-Зисл; 42) чтобы были пельмени; 43) из чего, например; 44) на то ты ведь хозяйка у меня; 45) должны быть яйца — это ты знаешь?; 46) знаю, почему мне не знать?; 47) хитро (фокус) сделать, если есть яйца; 48) а ты изловчись (покажи мастерство) без яиц; 49) умная голова! А как быть

с сыром (творогом)?; 50) с сыром было бы не плохо; 51) плохо; 52) так что же
ты хочешь?; 53) гречневые «варнички» (род вареников); 54) где об этом сказано
(написано)? 55) в книге пральника? (книга пральника — шуточное название несу-
ществующей книги; пральник, или праник, — валёк для выколачивания белья при
полоскании); 56) ты должен лучше знать; 57) в хедере; 58) так как у нас нет (не
имеем); 59) давай просто потолкуем о молочной еде; 60) что бы ты, например;
61) сроду (за всю свою жизнь); 62) так занят (так увлечен); 63) ничего с тобой
не станется; 64) разве это стоит денег? 65) пусть тебе кажется; 66) будто (словно);
67) чего бы ты хотел?; 68) обжора; 69) забирает; 70) можно карпа; 71) можно
и линя; 72) щучки; 73) не отравишься; 74) если даже, не дай бог, плотичка; 75) раз-
вод; 76) хорошо прожарено; 77) ненасытная утроба (дословно: трефная глотка);
78) боюсь; 79) икра; 80) с величайшим удовольствием (дословно: с величайшим ува-
жением, почтением).

שרײַבט ארויס פון דעם שמועס[1] און פונעם פֿאַריקן[2] די ווערטער, וואָס האָבן א שײַכעס[3]:
1) צו פֿאַרשפּײַז[4]; 2) צו פֿרישטיק; 3) צו וואַרמעס; 4) צו אָוונטברויט; 5) צו געטראַנקען.
שרײַבט באַזונדער[5] ארויס די ווערטער, וואָס זײַנען סינאָנימיש (ענלעך)[6].
לייענט דורך די פראַגמענטן פון שאָלעם־אַלייכעמס „מילכיקס" עטלעכע מאָל[7] און באַמיט
זיך צו פֿאַרגעדענקען זיי. דערנאָך[8] זאָגט זיי איבער וואָס פּינקטלעכער[9].

פֿונעם פֿאָלקס מויל[10]

אז מע האָט נעכטן[11] געגעסן, איז מען הײַנט ניט זאַט[12].
אז עס איז דאָ אין טאָפּ, איז דאָ אין שיסל (אין טעלער)[13].
אז מע קאָכט מיט שטרוי[14], איז דאָס עסן (דער וואַרמעס) רוי[15].
פֿאַר א הונגעריקן[16] איז קירבעס אויך א מאכל (אויך א געריכט).
א הונגעריקן קומט ברויט אין חלום[17] (א הונגעריקער זעט ברויט אין חלום).
קרעפּלעך אין חלום זײַנען ניט קיין קרעפּלעך, נאָר א חלום.
איידער צו שטאַרבן[18] פֿון הונגער, איז שוין בעסער[19] צו עסן געבראָטנס.
פֿון אַלע מילכיקע מאכלים איז דאָס בעסטע א שטיקל פֿלייש[20].
צו הערינג דאַרף מען ניט קיין זאַלץ און צו גריוון (גריבענעס) קיין שמאַלץ.
אז מע לייגט ארײַן אין די ציינער[21], געפֿינט מען אין די ביינער[22].
איינער ווערט קראַנק פֿון ניט דערעסן[23], דער צווייטער — פֿון צופֿיל עסן[24].
פֿון צופֿיל עסן שטאַרבן מער מענטשן, איידער פֿון ניט דערעסן.

ווי געפֿרעגט — אזוי געענטפֿערט

אַן אַטענער[25] איז געקומען קיין ירושלים. באַגעגנט ער א ייִדיש קינד, גיט ער דעם
עטלעכע פּרוטעס[26] און בעט ברענגען אייער און קעז.
גייט דאָס קינד און ברענגט.
רופֿט זיך אָן דער אַטענער: זאָג מיר, ייִנגעלע, וועלכער[27] קעז איז דאָ פֿון א ווײַסער ציג
און וועלכער פֿון א שוואַרצער?
ענטפֿערט אים דאָס קינד: פֿעטערל[28], איר זײַט דאָך א סאַך עלטער פֿון מיר[29], זאָגט איר,
וואָסער איי[30] איז פֿון א ווײַסער הון און וואָסערס פֿון א שוואַרצער.

פֿון דער אַלטהעברעיִשער ליטעראַטור

Перевод: 1) беседа; 2) из предыдущего; 3) имеют отношение; 4) к закуске;
5) отдельно; 6) сходны; 7) несколько раз; 8) затем; 9) как можно точнее; 10) из
уст (изо рта) народа; 11) вчера; 12) сыт(ы); 13) в тарелке; 14) соломой; 15) сыр,
сыра; 16) для голодного; 17) во сне; 18) чем (нежели) умереть, умирать; 19) уже
лучше; 20) из всех молочных блюд наилучшее — кусок мяса; 21) в зубы; 22) нахо-
дят в костях; 23) один заболевает от недоедания; 24) другой (второй) — от излиш-
ней еды; 25) житель древнего города Афины (Греция); 26) несколько мелких монет;
27) какой; 28) дяденька; 29) немного старше моего; 30) какое яйцо.

דאָצענט ע. פֿאַלקאָוויטש

12—2187

© Журнал «Советиш геймланд», 1975 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

**Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай,
И. Чичельницкий** (зам. главного редактора)
Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
заместитель главного редактора — 294-46-69
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18.III.1975 г. Формат 70×108 1/16.
Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 2187.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.
Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 4

1975

В НОМЕРЕ:

Художник и эпоха (к 70-летию со дня рождения М. Шолохова).

И. Рабин. Столяр Гешл и его внук (роман).

Стихи А. Гонтаря, И. Бухбиндера, Б. Могильнера, А. Кацева.

Рассказы М. Альтмана, Х. Табачникова.

Очерки Е. Шрайбмана, Н. Прохорова, А. Лизена.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Литературные раздумья (продолжение).

Краткие рецензии Я. Черниса на книгу Ш. Холоденко «Слово», И. Любомирского на сборники новых еврейских песен, М. Глейзера на книгу стихов Э. Райзмана, Л. Фрухтмана на сборник Р. Балясной «Четверть века», А. Винковецкого на монографию Л. Вильскера «Самаритянский язык».

Л. Дадиани. Антинародные лозунги сионистов-«социалистов».

Листая журналы и газеты. Комментарии редакции. Разное. Заметки на календаре.

Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.